שטודיעס וועגן ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג

פֿון

י. ל. כּהן

צונויפֿגענומען פֿון

מאַקס ווײַנרײַך

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט—ייִוואָ

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ

ניו־יאָרק, 1952

יהודה־לייב כהן (1881—1937)

[illegible]
[illegible]
[illegible]

PJ
5124
.C55
1952
Copy 2

CAL.ACA
No. 14/750

Copyright, 1952, by the Yiddish Scientific Institute—Yivo
535 West 123rd Street, New York 27, N. Y.

344

Printed in the United States of America

געדרוקט אין דער דרוקערײַ פֿון ש. מאַלינאָוו, 302 לאַפֿאַיעט־גאַס, ניו־יאָרק 12, נ״י.

יהודה־לייב כּהן האָט אָנגעהויבן ווי אַ זאַמלער פֿון פֿאָלקלאָר, און זײַנע בענד פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס־מעשׂיות זאָגן עדות אויף דער גרויסקייט פֿון זײַן זאַמלערישן אויפֿטו. אָבער באַלד אין דער ערשטער קאָלעקציע לידער, אין 1912, איז ער אויך אַרויסגעקומען מיט אַ גרעסערער אָפּשאַצערישער אַרבעט, און וואָס ווײַטער האָט ער זיך אַלץ מער אַרײַנגעטיפֿט אין די טעאָרעטישע פּראָבלעמען פֿון פֿאָלקלאָר. זאַמלענדיק ווײַטער אָן אויפֿהער, גריבלענדיק זיך אין די זאַמלונגען פֿון אַנדערע, האָט ער אויך ווי אַן אמתער מתמיד שטודירט די פֿאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור אין אַ סך שפּראַכן און געוואָרן אין איר אַ גרויסער בקי. אָבער ער האָט קיין איין געדאַנק ניט איבערגענומען בלינדערהייט און כּסדר געקוקט, צי שטימט דאָס אַרויסגעלייענטע מיט דעם גבֿית־עדות פֿון די ייִדישע מקורים. ער האָט געשטעלט פּראָבלעמען און זיך געראַנגלט מיט זיי, נאָר פֿאַר כאַפּיקע אויספֿירן האָט ער זיך געהיט ווי פֿאַר פֿײַער. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערפּרווון דעם מאַטעריאַל, אין איין רעווידירן זײַנע פֿאָרמולירונגען. אָבער טריט בײַ טריט איז ער דערגאַנגען צו פֿעסטע רעזולטאַטן, פֿריִער וועגן לידער און מעשׂיות, וואָס אין זיי האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן עיקר גבֿורה, און צו ביסלעך אויך אין דעם גאַנצן פֿעלד וואָס ער האָט וואָס ווײַטער אַלץ אָפֿטער גענומען רופֿן ייִדישע פֿאָלקספֿאָרשונג.

געשריבן האָט ער ווינציק. אַן אַרטיקל איז בײַ אים ניט געווען קיין כּלאַחר־יד־זאַך. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פֿלעגט ער איבערשרײַבן די בלעטלעך, ווײַל ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען דעם געדאַנק מיט אַ מאַקסימום קלאָרקייט און אַ מאַקסימום איבערצײַגעוודיקייט. אַ ביסל גרינגער האָט ער זיך געקענט אַן עצה געבן מיט אַ בריוו, ווײַל דאָ האָט ער משמעות ניט אַזוי מורא געהאַט פֿאַר דער משׂא פֿון פֿאַראייביקטקייט. איבער הויפּט האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין קאָרעספּאָנדענץ, ווען אין ייִוואָ אין ווילנע האָבן זיך גענומען האָדעווען יונגע מיטאַרבעטערס־פֿאָלקלאָריסטן וואָס האָבן מיט רעכט אַרויפֿגעקוקט צו אים ווי צו אַ לערער.

דער איצטיקער באַנד נעמט אַרײַן אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַן פֿאַר די אויגן פֿון כּהנס אַרבעטן פֿון אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער. ער שטעלט זיך צונויף פֿון אַרטיקלען וואָס זײַנען שוין געווען געדרוקט, פֿון פֿראַגמענטן און אָנוואַרפֿן וואָס זײַנען איבערגעבליבן און פֿון בריוו מיט אַ פֿאָלקלאָריסטישן אינהאַלט. אין משך פֿון די גוטע פֿינף און צוואַנציק יאָר וואָס זײַנען אַוועק פֿון זינט דער ערשטער אַרויסזאָגונג ביז דער לעצטער האָט זיך כּהנס קוק אויף אַנדערע זאַכן געביטן, און עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז ווען ער אַליין זאָל געווען צוגרייטן צום דרוק אַזאַ באַנד וואָלט ער אַרײַנגעטראָגן היפּשע שינויים. פֿון אַ ירושה־היטער טאָר מען זיך אויף אַזוינס ניט ריכטן; זײַן עובֿדא איז מערניט צו זען, אַז דעם אַוועקגעגאַנגענעמס כּוונה זאָל דערגיין צום לייענער אַזוי ווי זי איז געווען בײַם שרײַבער בשעת מעשׂה. צום אָנהייב פֿון איטלעכער אַרבעט גייט אַ רעדאַקציאָנעלע נאָטיץ וועגן דעם, פֿון וואַנען דאָס איז גענומען. טאָמער זײַנען ווו

ניט ווּ אין טעקסט צוגעגעבן געציילטע ווערטער צום אויפֿקלערן, זײַנען זיי אַרײַנגענומען אין קאַנטיקע קלאַמערן. ווּ ס'האָבן זיך געבעטן רעדאַקציאָנעלע הערות אונטערן טעקסט, זײַנען זיי געצייכנט מיט אַ שטערנדל.

דער באַנד האָט אַ געשיכטע, וואָס זי ווערט איבערגעגעבן אינעם נאָכוואָרט. דאָ, אין די אַרײַנפֿירנדיקע ווערטער, זאָל נאָר פֿאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס בוך וואָלט קיין מאָל ניט געוואָרן, ווען ניט די כּסדרדיקע וואַכיקייט און די אַקטיווע מיטהילף פֿון פֿרוי מרים כּהן. זאָל זי געפֿינען איר שׂכר אין דעם, וואָס אַ דאַנק איר זײַנען איצטער צונויפֿגענומען אין איינעם די טעאָרעטישע אַרבעטן פֿון דעם גרעסטן פֿאָלקלאָריסט וואָס די ייִדישע וויסנשאַפֿט האָט ביז אַהער אַרויסגעבראַכט, — צו דערמאָנען אין דעם אָוועקגעגאַנגענעם שאַפֿער און צו אינספּירירן נײַע שאַפֿערס אויפֿן פֿעלד פֿון דער ייִדישער פֿאָלקספֿאָרשונג.

מ. וו.

יולי 1952

אינהאַלט:

הקדמה	5
דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד	9
[צוויי זאַמלונגען] ייִדישע פֿאָלקסלידער	43
פֿאָלקסגעזאַנג און פֿאָלקסליד	54
[ווי אַלט זײַנען אונדזערע ליבעלידער?]	69
צום אויפֿקום פֿון ייִדישן טאַנצליד	88
[פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד]	99
י. ל. פּרץ, דער זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער	104
[פּלענער פֿאַר דער עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ—סקי]	121
[וועגן אַ פּראָגראַם פֿאַרן פֿאָלקלאָר־זאַמלער]	129
[צו הילף דעם זאַמלער]	141
[אַנאַליז פֿון גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג פֿאָלקסלידער]	150
[נאָטיצן וועגן ייִדישן טאַנצליד]	158
[באַמערקונגען וועגן עטלעכע פֿאָלקסלידער]	164
[פּירושים אויף 24 לידער]	171
[פֿאָלקסליד און פֿאָלקסטימלעך ליד]	194
וועגן דעם פֿאָלקסליד פֿון אַ ליטעראַרישן אָפּשטאַם	202
[פּאָפּולער, אָבער ניט קיין פֿאָלקסליד]	210
[„פֿאָלקס־קענטעניש", פֿאָלקלאָריסטיק און עטנאָגראַפֿיע]	215
[פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע אין פֿאָלקלאָר]	222
[די טעאָריע פֿון „רעפּראָדוקציע" בײַ סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלקלאָריסטן]	228
[וועגן ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות]	240

[פֿאַראַלעלן צו ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות] 254

[פֿאַראַלעלן צום מעשׂה־בוך און צו העברעיִש פֿאַרשריבענע פֿאָלקס־מעשׂיות] 262

[וועגן ייִדישע וויצן] 266

[פֿאַראַלעלן צו ייִדישע מינהגים און סגולות] 275

[בריוו צו מ. ווײַנרײַכן] 279

[בריוו צו נחמה עפּשטיין] 284

[בריוו צו חיים כאַיעסן] 304

[בריוו צו ש. ז. פּיפּען] 316

נאָכוואָרט פֿון מ. ווײַנרײַכן 352

זוכצעטל פֿון פּערזאָנען 367

דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד

[צום ערשטן געדרוקט (מיטן אונטערטיטל „אײַנלייטונג" און דאַטירט: ברוקלין, נ"י, דעצעמבער 1910) אין באַנד I פֿון די צוויי בענד יודישע פֿאָלקסליעדער, ניו־יאָרק, 1912, זז' LX-V. — אַ טייל דערפֿון איז אויך געגאַנגען אין ליטעראַטור, צווייטער זאַמלבוך, נ"י, נאָוועמבער 1910, זז' 122—141.]

1

די לידער וועלכע געפֿינען זיך אין דער זאַמלונג [יודישע פֿאָלקסליעדער, באַנד I און II, ניו־יאָרק, 1912] זײַנען עכטע פֿאָלקסלידער, פֿאָלקסלידער אין פֿולן זינען פֿונעם וואָרט. זיי ווערן איצט צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿיל יאָרן אומגעוואַנדערט צווישן פֿאָלק ווי אַ געהיימעניש, ווי אַ שטילער סוד פֿאַרבאָרגן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, און איבערגייענדיק פֿון מויל צו מויל, פֿון מוטער צום קינד האָבן זיי זיך אויף אַזאַ אופֿן אויפֿגעהאַלטן אינעם פֿאָלקס־זכּרון ביז אויפֿן הײַנטיקן טאָג. דורך פֿיל מי־ אָבער געדולדיקער אַרבעט און אין משך פֿון פֿיל יאָרן איז מיר געלונגען צוזאַמענצוקלײַבן נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל פֿון דעם רײַכן ייִדישן לידער־אוצר וואָס ליגט נאָך פֿאַרבאָרגן אינעם פֿאָלקסמויל.

דער הויפּטקוואַל פֿון די דאָזיקע פֿאַרבאָרגענע אוצרות פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־פּאָעזיע איז רוסלאַנד. דאָרט, אין פֿאַרשיידענע צײַטן און אומשטאַנדן און אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, זײַנען די דאָזיקע אַלטע און דאָך אייביק יונגינקע לידעלעך פֿונעם פֿאָלק גופֿא געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן, נאַטירלעך בײַטנדיק אַלע מאָל פֿאָרעם און אינהאַלט. אַפֿילו נאָך הײַנט, בעת די גרויסע צאָל קונסטמעסיקע, טעאַטראַלע, רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע לידער האָבן שוין כּמעט אין גאַנצן פֿאַרטריבן פֿון פֿעלד די פֿאָלקסטימלעכע לידער פֿון אונדזערע באַקאַנטע פֿאָלקסדיכטער, ווי בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער, מ. גאָרדאָן, ש. בערנשטיין, אַ. גאָלדפֿאַדען, אַ. צונזער און אַנדערע; אַפֿילו נאָך הײַנט, בײַ די גרויסע ענדערונגען וואָס זײַנען אין די לעצטע יאָרן פֿאָרגעקומען אין דעם לעבן פֿון די רוסישע ייִדן, געפֿינען זיך נאָך פֿון דעסט וועגן אַזעלכע ווינקעלעך, פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך אין דעם ייִדישן תּחום, וווּ דאָס עכטע פֿאָלקסליד שפּילט נאָך אַ היפּשע ראָלע. דאָרט וווּ די אַלטע לעבנס־באַדינגונגען האָבן זיך נאָך נישט געביטן און דאָס מאָדערנע קולטור־לעבן האָט נאָך נישט אַרײַנגעדרונגען; דאָרט וווּ דער גײַסט פֿון דער נײַערער צײַט האָט נאָך נישט דערגרייכט די אונטערשטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק — דאָרטן לאָזט זיך נאָך גאַנץ אָפֿט הערן דער שטילער, זיס־אומעטיקער טאָן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג, דאָרטן הערשט נאָך דאָס עכטע פֿאָלקסליד אין זײַן פֿולן גלאַנץ און פּראַכט.

אמת, אין די גרעסערע שטעט, וווּ דאָס לעבן איז פֿיל קאָכיקער און באַוועגלעכער און וווּ די ייִדישע פֿאָלקסמאַסע געפֿינט זיך שוין אויף אַ העכערער קולטור־מדרגה, דאָרטן האַלט שוין דאָס עכטע פֿאָלקסליד בײַם אָפּשטאַרבן. ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז ווערט עס אָפּגעווישט פֿונעם פֿאָלקס־זכּרון און פֿאַרגעסן; אַלץ זעלטענער און זעלטענער הערט זיך זײַן שטילער, אומעטיקער קלאַנג, און מיר דוכט זיך, עס וועט פֿיל נישט נעמען און אונדזער עכט פֿאָלקסליד וועט זײַן אַ זאַך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

פֿאַר די יעניקע וואָס זײַנען נישט פֿיל באַקאַנט מיט דעם ענין קען זיך אויסדוכטן, אַז דער לעצטער טעזיס איז אַ ביסל איבערגעטריבן. דוכט זיך יעדן טאָג, וועט מען זאָגן, ווערן געשאַפֿן אין אונדזערע טעאַטערס און פֿון סתּם דיכטער אַלץ נײַע און נײַערע פֿאָלקסלידער וועלכע ווערן אויפֿגעכאַפּט פֿונעם עולם און געזונגען אָן אַן אויפֿהער. ווײַטער, די עלטערע פֿאָלקסלידער זײַנען דאָך אָפּגעדרוקט אין הונדערטער אויסגאַבעס, אין ביכער און ביכלעך און ווערן נאָך הײַנט אויך זייער פֿיל און אומעטום געזונגען. טאָ ווי קען עס געמאָלט זײַן, אַז אונדזערע פֿאָלקסלידער זאָלן האַלטן בײַם אָפּשטאַרבן?

אין אמתן זײַנען אָבער די אַלע אויבן דערמאָנטע לידער און אַפֿילו אויך די יעניקע וואָס טראָגן אויף זיך דעם שרײַענדיקן טיטל: „ייִדישע פֿאָלקס־לידער” לחלוטין נישט קיין פֿאָלקסלידער אין דעם ריכטיקן זינען פֿונעם וואָרט.

בײַ אונדז — פֿאָלעמיזירט אונדזער באַרימטער שלום־עליכם מיט אַ געוויסן מוזיק־קריטיקער יולי ענגעל — בײַ אונדז ווערן אָנגערופֿן מיטן נאָמען פֿאָלקסלידער אַלע לידער וואָס ווערן געשריבן אין דער פּראָסטער ייִדישער פֿאָלקסשפּראַך, וואָס מען רופֿט זי זשאַרגאָן, און וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן פֿאַרן פֿאָלק. נישט מער ס'איז אַ טעות הדפּוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿון כּמה יאָרן; אָנשטאָט לידער פֿאַר דאָס פֿאָלק, שרײַבט מען פֿאָלקסלידער.

אַ סך בעסער איז די דעפֿיניציע פֿון ה' ענגעל. נאָך זײַן מיינונג זײַנען פֿאָלקסלידער

געוויס אַזעלכע לידער וואָס זײַנען איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק פֿון אומבאַקאַנטע מחברים פֿון אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע צײַטן, אָדער זיי זײַנען געשריבן טאַקע איצט, כּמעט פֿאַר אונדזערע אויגן, נאָר זיי האָבן זיך ווײַט פֿאַרברייטעט צווישן פֿאָלק צוליב זייער פֿאָלקס־כאַראַקטער (נוסח).[1]

מען דאַרף אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס פֿאָלק קלײַבט נישט איבער אין דעם, וואָס עס איז און וואָס עס איז נישט קיין פֿאָלקסליד. עס זינגט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך און וואָס עס קען נאָר געזונגען ווערן, און עס וואָלט געווען אַ טעות אָנצורופֿן אַלע לידער, סײַ אַלטע, סײַ נײַע, וועלכע ווערן געזונגען פֿונעם פֿאָלק — פֿאָלקסלידער; און נאָך מער טעות וואָלט געווען צו זאָגן, אַז לידער ווערן ווײַט פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק נאָר דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען געשריבן אין דער „פּראָסטער פֿאָלקשפּראַך”, אָדער צוליב זייער פֿאָלקס־כאַראַקטער. ווען מיר זאָלן נעמען למשל עדעלשטאַטס און ווינטשעווסקיס לידער, האָבן זיי געוויס נישט די אויבן דערמאָנטע מעלות, פֿון דעסט וועגן זײַנען זיי ווײַט פֿאַר־

[1] זען די צײַטשריפֿט דער יוד, קראָקע 1901, נו' 24 און 40. [זען אויך זז' 194—197.]

שפּרייט צווישן פֿאָלק און ווערן הײַנט אומעטום געזונגען; און פֿאַרקערט רייזענס לידער זײַנען געשריבן אין דער אמתער פֿאָלקסשפּראַך און דאָס רובֿ עכט פֿאָלקסטימלעך, און דאָך ווערן זיי כּמעט אין ערגעץ נישט געזונגען.

וואָס זשע איז די סיבה דערפֿון?

מיר דוכט זיך, אַז דער הויפּטפֿאַקטאָר וואָס מאַכט פּאָפּולער אַלע מינים לידער און פֿאַרשפּרייט זיי ווײַט צווישן פֿאָלק איז די מעלאָדיע.

בײַם פּשוטן עולם שפּילט די מעלאָדיע אָדער דער ניגון פֿון אַ ליד זייער אַ וויכטיקע ראָלע, און טייל מאָל נאָך מער ווי דאָס ליד גופֿא. פֿאַראַן צווישן פֿאָלק אַזעלכע וואָס כאַפּן אויף נאָר די מעלאָדיע פֿון אַ ליד, האָבן ליב אין דער שטיל זיך אונטערצוברומען עפּעס אַ ניגון, אָדער „אַ גילגול פֿון אַ ניגון”, ווי פּרץ דריקט זיך אויס. אַ ליד וואָס ווערט באַשאַפֿן אין דער באַגלייטונג פֿון אַ מעלאָדיע, מעג עס אַפֿילו זײַן אַ מאָדערן קונסטליד, האָט הייסט עס די מעגלעכקייט אין אַ גאַנץ קורצער צײַט צו ווערן פּאָפּולער און פֿאַרשפּרייט, אַפֿילו צווישן אַזעלכע שיכטן פֿונעם פֿאָלק, וווּ מען הייבט גאָרנישט אָן צו פֿאַרשטיין זײַן אינהאַלט.

אָן עכט פֿאָלקסליד איז אָבער נישט נאָר איינפֿאַך און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן איינציקן פֿונעם פֿאָלק, נאָר וואָס עס איז דער עיקר, ס'איז פֿונעם פֿאָלק גופֿא געשאַפֿן געוואָרן, און דעריבער דריקט עס אויך אויס אין אַ נאַטירלעכער, נישט־געקינצלטער פֿאָרעם זײַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער און שפּיגלט אָפּ די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון דער קאָלעקטיווער פֿאָלקס־נשמה. אַן עכט פֿאָלקס־ליד קען נישט געלייענט, רעציטירט אָדער דעקלאַמירט ווערן; עס מוז נאָר געזונגען ווערן, ווײַל עס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער מעלאָדיע ווי גוף און נשמה, וואָס קענען איינס אָן דאָס אַנדערע נישט עקסיסטירן.

איך נעם אָן דעם כּלל: פֿאָלקסלידער אָן מעלאָדיעס זײַנען האַלבע פֿאָלקס־לידער.

מען דאַרף זיך אָבער נישט פֿאָרשטעלן, אַז פּלוצלינג זײַנען פֿונעם פֿאָלק אַרויסגעשפּרונגען לידער, אָדער אַז אַ סך מענטשן האָבן עס צוזאַמען געשאַפֿן. נאַטירלעך שטאַמען די דאָזיקע לידער פֿון איינצלנע אומבאַקאַנטע דיכטער, אָדער פֿאָלקסזינגער, וועלכע האָבן נישט בדעה דורך זייערע שאַפֿונגען צו מאַכן זיך אַ נאָמען, באַקאַנט צו ווערן פֿאַר דער וועלט; קיינער ווייס נישט פֿון זיי און קיינער פֿרעגט זיך אויף זיי נישט נאָך, זיי זינגען פֿאַר זיך און פֿאַר אַלעמען און געהערן צו אַלעמען. דער אומבאַקאַנטער פֿאָלקסדיכטער שטייט נישט העכער פֿון דער אַלגעמיינער מאַסע, ער לייענט נישט קיין ביכער און קען זײַנע געדאַנקען נישט אויסדריקן דורך שריפֿטצייכן; די אידעעס און וועלטבאַנעם פֿון די העכערע שיכטן זײַנען פֿאַר אים לחלוטין פֿרעמד; זײַן קוק אויף דער וועלט איז דער זעלבער ווי פֿון זײַנע פֿאָלקס־חבֿרים; ער שעפּט זײַנע געדאַנקען אוממיטלבאַר פֿון דעם אַרומיקן לעבן, פֿון דעם פֿאָלקסמויל און פֿון זײַן אייגענער נשמה. ער איז הייסט עס איינער פֿון דער מאַסע מיט אַ פּאָעטיש באַגאַבטער נאַטור, אָבער נישט קיין דיכטער פֿון באַרוף, און מען דאַרף אים נישט פֿאַרבײַטן אויף

דעם פּראָפֿעסיאָנעלן בדחן אָדער מאַרשעליק, דעם פֿריילעך־מאַכער אויף חתונות און בריתן, וועמענס לידער ס'באַשטייען דאָס רובֿ פֿון אָפּגעדראָשענע פּשטלעך, געשמאַקלאָזע וויצן און גראַמען וואָס פֿאַרשווינדן גלײַך מיט דעם פֿריילעכן חתונה־עולם און האָבן בײַם פֿאָלק קיין קיום נישט. אָבער דאָס וואָס דער אמתער פֿאָלקסדיכטער שאַפֿט איז נאַטירלעך, נישט־געקינצלט, נאַיִוו, אָבער טיף דורכגעפֿילט. זײַנע לידער גייען איבער צום פֿאָלק מינדלעך, זייער עקסיסטענץ איז אָפּהענגיק פֿונעם פֿאָלקס־זכּרון, און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע לידער קענען אויך מיט דער צײַט פֿאַרגעסן ווערן. בלײַבן אָבער איבער אין פֿאָלקסמויל עטלעכע סטראָפֿעס, פֿערזן אָדער אַפֿילו מעלאָדיעס פֿון אַלטע לאַנג פֿאַרקלונגענע לידער, דינען זיי אַ סך מאָל ווי בוי־מאַטעריאַל פֿאַר נײַערע געזאַנגען.

דאָס עכטע פֿאָלקסליד ווערט אויסגעזונגען פֿון דעם טיף שפּירעוודיקן פֿאָלקסגעמיט אין פֿאַרשיידענע צײַטן פֿון גליק און אומגליק, פֿרייד און טרויער, צער און צאָרן, ליבע און האָפֿענונג אאַז"וו. בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן קומען אויף לידער. אָט קומט אויף למשל אַ נײַער וואַלצער, אַ קאַדריל, אַ שער אָדער אַ פּאָלקע, אָדער פֿון אַ מעלאָדיע וואָס איז ערגעץ ווו געשפּילט געוואָרן אויף אַ חתונה, אָדער פֿון אַ שפּילקאַסטן אויפֿן גאַס. עס געדויערט נישט פֿיל און די מעלאָדיע ווערט שנעל פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק, אומעטום ווערט עס געשפּילט, געזונגען און אונטערגעברומט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז עס קומט אויף אַ ליד. און דאָס איז נישט סתּם אַזוי זיך אַ ליד, „גראַם־שטראַם", ווי געוויסע בדחנים זינגען, נאָר טאַקע אַן אמת פֿאָלקסליד מיט אַן אינהאַלט, מיט האַרץ און געפֿיל:

שפּילט זשע מיר דעם נײַעם שער,
וואָס איז אַרויסגעקומען;
כ'האָב מיך פֿאַרליבט אין אַ מיידעלע אַ שיינער
און קען צו איר נישט קומען.

כ'וואָלט צו איר געקומען,
זיצט זי זייער ווײַט;
כ'וואָלט איר אַ קוש געגעבן,
שעם איך מיך פֿאַר לײַט;

ניט אַזוי פֿאַר לײַט
ווי פֿאַר גאָט אַליין.
איך וואָלט מיט איר פֿאַרבראַכט די צײַט,
אַז קיינער זאָל נישט זיין.[2]

אַ טייל לידער ווערן אַרויסגערופֿן דורך אַן אומגעוויינטלעכער סיבה וואָס טרעפֿט זיך אַ מאָל ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, ווו עס איז למשל אויפֿגעדעקט געוואָרן אַ ליבע־סוד פֿון אַ מיידל מיט אַ בחור, אָדער אַ חתן־בחור איז דערטרונקען געוואָרן אינעם טאָג פֿון זײַן חופּה, און נאָך אַזעלכע ענלעכע פּאַסירונגען וועלכע רודערן אויף דאָס שטילע, מאָנאָטאָנע פֿאָלקסלעבן. בײַ אַזאַ געלעגנהייט

[2] [=זען.] די מעלאָדיע צום ליד האָב איך אויך אין ניו־יאָרק געהערט אויף אַ חתונה. זען יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 1, ז' 19.

באַשאַפֿט דער פֿאָלקסדיכטער אַ ליד, אין וועלכן עס ווערט באַזונגען דאָס גאַנצע געשעעניש מיט אַלע פּרטים. פּלוצלינג, קיינער ווייס נישט פֿון וואַנען און פֿון וועמען, הייבט אָן צווישן פֿאָלק צירקולירן אַ ליד מיט אַ נײַער, אָדער שוין פֿון פֿריִער אַלגעמיין באַקאַנטער מעלאָדיע. ס'הייבט זיך אָן למשל אַזוי:

אַ מאָטיוו, מענטשן, וועל איך אײַך זינגען,
וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿן דאָ ניט ווײַט;
ס'איז דערטרונקען געוואָרן אַ בחור, אַ פֿאַרקנסטער,
און דערצו נאָך אַ גאַנץ גרויסער לײַט.[3]

באַלד ווערט דאָס ליד אויפֿגעכאַפּט און געזונגען פֿון קליין און גרויס, פֿון יונג און אַלט, און אַ דאַנק דער מעלאָדיע ווערט עס אַזוי גיך פֿאַרשפּרייט און פּאָפּולער, אַז אין אַ גאַנץ קורצער צײַט נעמט שוין דאָס גאַנצע פֿאָלק אָנטייל אין דער באַאַרבעטונג פֿונעם ליד. יעדער איינער זינגט עס ווי ער פֿילט און פֿאַרשטייט און ווי זײַן האַרץ געלוסט. און גאָר אומבאַמערקטערהייט, מיט אָדער אָן וועלכער נישט איז כּוונה, ווערן אַרויסגעלאָזן אָדער צוגעגעבן אַנדערע ווערטער און אויסדרוקן, עס ווערן אַרײַנגעפֿלאָכטן גאַנצע סטראָפֿעס פֿון אַנדערע לידער, עס פֿאַרמישן זיך און ס'ווערן פֿאַרביטן פֿערזן און גראַמען, עס בײַט זיך אַפֿילו די מעלאָדיע, און ביסלעכווײַז פֿאַרענדערט זיך אויף אַזאַ אופֿן אין גאַנצן דער אינהאַלט און כאַראַקטער פֿונעם ליד; עס פֿאַרלירט אין גאַנצן דאָס אינדיווידועלע פֿון זײַן מחבר און עס נעמט אָן אַלע אייגנטימלעכקייטן פֿון דעם קאָלעקטיוון פֿאָלקס־כאַראַקטער. אויף אַזאַ אופֿן ווערט עס דער פּראָדוקט און דאָס אייגנס פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק — אַן עכט פֿאָלקסליד.

דאָס ליד בלײַבט אויך נישט שטענדיק אויף דעם זעלבן אָרט ווו עס איז געשאַפֿן געוואָרן. עס וואַנדערט אויס אין די אַרומיקע שטעטלעך, פֿון קלענערע אין גרעסערע; עס וואַנדערט אויס צוזאַמען מיט בעלי־עגלות און דינסטמיידלעך, צוזאַמען מיט רעקרוטן און אַרבעטער; און אויב דאָס ליד איז למשל אויפֿגעקומען אין ליטע, קען עס אויך אויסוואַנדערן קיין פּוילן אָדער דרום־רוסלאַנד און פֿון דאָרטן מגולגל ווערן אין גאַליציע אָדער רומעניע. דער מאַרשרוט פֿונעם פֿאָלקסליד קען זײַן אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער, אומעטום אָבער פּאַסט עס זיך צו צו די אָרטיקע באַדינגונגען און שפּיגלט אָפּ דעם באַזונדערן שטייגער לעבן, דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון זײַן נײַער סבֿיבֿה.

וואָס לענגער אַזאַ מין ליד וואַנדערט אום צווישן פֿאָלק און וואָס מער עס ווערט געזונגען, אַלץ מער נוסחאָות („וואַריאַנטן") קומען אויף פֿון איינעם און דעם זעלבן ליד, וועלכע בילדן שוין פֿאַר זיך גאַנץ באַזונדערע לידער פֿון אַן אַנדער אינהאַלט און אָפֿט פֿון אַ גאַנץ אַנדער מין כאַראַקטער. אָט די דאָזיקע וואַריאַנטן גיבן אונדז טייל מאָל די מעגלעכקייט נישט נאָר טיפֿער אַרײַנצודרינגען אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון דער פֿאָלקס־נשמה, נאָר זיי ווײַזן אונדז אויך דעם גײַסטיקן און שטייגערישן אונטערשייד צווישן די אײַנוווינער פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן.

[3] דאָרטן, ב' 1, ז' 226.

לאָמיר נעמען למשל אַן אַלט קינדערלידל וואָס ווערט נאָך הײַנט אויך געזונגען אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון ליטע און פּוילן.

אין ליטע זינגט זיך דאָס ליד אַזוי:

יינגעלעך מיט מיידעלעך
האָבן זיך צענומען;
תּשעה באָבֿ די חתונה —
קיינער איז ניט געקומען.

ווי עס ווײַזט אויס, שטאַמט נאָך דאָס לידל פֿון דער אַזוי גערופֿענער „בהלה״־צײַט, ווען ייִדישע עלטערן פֿלעגן בשתיקה חתונה מאַכן זייערע מינ־דעריעריקע קינדער, כּדי זיי זאָלן נישט צוגענומען ווערן פֿאַר סאָלדאַטן.[4]

אין פּוילן האָט אָבער דאָס זעלבע לידל אָנגעוואָרן זײַן היסטאָרישן ווערט און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון דעם אַלטעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן.

און אָט ווי די קינדער זינגען עס דאָרטן:

באָבעלעך מיט קליסקעלעך
האָבן זיך גענומען,
תּשעה באָבֿ די חתונה —
קיינער איז ניש׳ געקומען.[5]

ס׳איז פֿאַראַן אַן אַלט לידל וואָס איז, ווי עס דוכט זיך, אַ מאָל געווען געווענדט קעגן די יעניקע מיידלעך וואָס האָבן נישט געקוקט אויף אַ ייִחוס־שידוך, בײַ זיי איז רעכט געווען חתונה האָבן מיט אַ פּראָסטן בעל־מלאָכה. אָט דאָס דאָזיקע מוסר־ליד זינגט זיך אין ליטע אַזוי:

כ׳האָב דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט:
אַ שנײַדער זאָלסטו ניט נעמען,
אַ שנײַדער איז אַ גראָבער יונג —
דער שוואַרץ־יאָר זאָל אים קענען!

גאַנץ אַנדערש קלינגט דאָס זעלבע ליד אין פּוילן:

כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט,
און זאָג דיר נאָך עד הנה:
אַז דו וועסט נעמען אַ שנײַדער פֿאַר אַ מאַן
וועסטו האָבן צו קלאָגן און צו וויינע׳.

וואָס פֿאַרמאָגט אַ שנײַדעריונג?
אַ נאָדל מיט אַ פֿינגערהוט;
און אַזוי ווי דו גייסט פֿון אונטער דער חופּה אַפֿער
שרײַט דאָס ווײַב: כ׳בין הינגעריק![6]

ווי עס ווײַזט אויס, האָט מען אין פּוילן צווישן די אונטערשטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען, צי דער חתן איז אַ גראָבער יונג אָדער

---

[4] זען גינזבורג און מאַרעק, „ייִדישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד״, פּעטערבורג 1901, אַרײַנפֿיר, ז׳ 18, ליד נומ׳ 255.
[5] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב׳ 2, ז׳ 100.
[6] [=הונגעריק.] דאָרטן, ב׳ 2, ז׳ 81.

אַ לערנער. די הויפּטפֿראַגע איז געווען: צי איז ער אַ פֿאַרדינער און צי וועט ער האָבן אויף באָבעלעך מיט קליסקעלעך...

אָבער נישט אַלע מאָל קען מען מיט זיכערקייט באַשטימען דאָס אָרט און די צײַט, ווו און ווען אַ ליד איז צו ערשט אויפֿגעקומען. דאָס וואַנדערנדיקע פֿאָלקסליד ווייס נישט פֿון קיין גרענעצן. עס וואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, פֿון מויל צו מויל און שפּיגלט אָפּ נישט נאָר דאָס קאָלעקטיווע פֿאָלקסלעבן פֿון דער אָדער יענער סבֿיבֿה, נאָר אויך דאָס לעבן פֿון דעם יחיד, פֿון דעם אינדיווידוום, אָט טאַקע פֿון דעם זינגער גופֿא, מיט אַלע זײַנע ליידן און פֿריידן וואָס רינגלען אים אַרום. דאָס ווײַזט זיך אַרויס אין איינע און די זעלבע לידער וואָס ווערן געזונגען פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען. דאָס קענען מיר למשל זען פֿון די ווײַטערדיקע:

יאָך מיט מײַן חתן,
מײַן מאַמעשי אין דער מיט;
יאָך וויל תּנאָים שרײַבן,
מײַן מאַמעשי לאָזט מיך ניט.

כ׳וועל נישט קוקן אויף מײַן מאַמען,
כ׳וועל מאַכן אַן עק:
כ׳וועל נעמען מײַן חתן
און וועל מיט אים אַוועק.

יאָך וועל מיט אים אַוועק
אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן;
כ׳זאָל אַפֿילו דעם טויט באַקומען,
מײַן מאַן מוז ער זײַן!

דאָס איז דער ווייגעשריי און דער לעצטער פֿאַרצווייפֿלטער שריט פֿון אַ פֿאַרליבט ייִדיש מיידל וועלכע איז אפֿשר אין איר גאַנצן לעבן נישט אַרויס פֿון איר שטעטל אַ טריט איבער דער ראָגאַטקע. לעבן איר פֿעסטן באַשלוס: „כ׳וועל נעמען מײַן חתן און וועל מיט אים אַוועק״ פֿילט זיך אויך איר הילפֿלאָזיקייט, איר מורא פֿאַר דער ווײַטער פֿרעמדער וועלט, אין וועלכער זי קען אפֿשר איר לעבן פֿאַרלירן.

אָבער גאַנץ אַנדערש וואַריִירט דאָס זעלבע לידל, ווען עס ווערט געזונגען פֿון אַ מאַן, פֿון אַ געזונטן זעלבשטענדיקן בחור וועלכער קען אומעטום זײַן שטעטל באַשטיין:

איך מיט מײַן ליובע,
מײַן מאַמע אין דער מיט;
איך וויל די ליובע,
מײַן מאַמע לאָזט מיך ניט.
איך וועל נישט קוקן אויף מײַן מאַמעס רייד,
כ׳וועל נעמען די ליובע ווי זי שטייט און גייט.

איך וועל זי נעמען
און מאַכן אַן עק;
איך וועל זי נעמען
און וועל מיט איר אַוועק;
איך וועל מיט איר אַוועק,
גלײַך קיין אָדעס

און שטעלן אַ חופּה
אין איין מעת־לעת.[7]

אַט אַזוי שאַפֿט דאָס פֿאָלק זײַנע לידער, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ זײַן איִנעווייניקסט לעבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן און אומשטאַנדן. פֿון איין איינציק לכתּחילהדיק ליד וואָס וואַנדערט אַרום אַ לענגערע צײַט צווישן פֿאָלק קומען אויף אַ סך נײַערע וועלכע ווערן אויך אין משך פֿון אַ סך יאָרן פֿאַרענדערט, צעזונגען און דורך געוויסע סיבות פֿאַרגעסן. דאָס איז אָבער נישט קיין כּלל פֿאַר אַלע. אַנדערע לידער האַלטן זיך אויף אין פֿאָלקס־זכּרון הונדערטער יאָרן; זיי פֿאַרענדערן זיך טאַקע, בײַטן זייער סטראָפֿנבוי, בײַטן זייער מעלאָדיע, פֿאַר־לירן געוויסע פֿערזן אָדער גראַמען, אָבער פֿאַרגעסן ווערן זיי נישט. אַלטקייט — דאָס איז שוין אַ באַזונדערע אייגנשאַפֿט פֿונעם פֿאָלקסליד.

2

אַ געוויסער טייל גאַנץ אַלטע לידער ווערן נאָך הײַנט אויך געזונגען פֿונעם פֿאָלק אַזוי נײַ און פֿריש גלײַך ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן געשאַפֿן געוואָרן, אָבער אין אמתן זײַנען זיי שוין אַלט פֿיל הונדערטער יאָרן. אַ גרויסער טייל שפּיל־ און ציל־פֿערזן וועלכע ווערן געזונגען פֿון אונדזערע קינדער, געוויסע רעטעניש־ און ווונטש־לידער זײַנען שוין אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט באַקאַנט געווען אין דײַטשלאַנד. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז די דאָזיקע אַלטע פֿאָלקסלידער זײַנען פֿון דײַטשן אָפּשטאַם; גיכער פֿון אַלץ זײַנען זיי „אוניווערסאַלע פֿאָלקסלידער“, אויב מען קען זיי אַזוי אָנרופֿן, ווײַל זיי זײַנען פֿאַרשפּרייט כּמעט בײַ אַלע אייראָפּעיִשע פֿעלקער. יעדעס פֿאָלק, נאַטירלעך, האַלט זיי פֿאַר זײַן אייגנס און זינגט זיי אויף זײַן אייגענעם שטייגער.*

איך וועל דאָ נעמען למשל איינס פֿון די דאָזיקע אוניווערסאַלע פֿאָלקס־לידער, דאָס אוראַלטע חד־גדיא־ליד וואָס אונדזערע קינדער זינגען נאָך הײַנט אויך אין פֿאַרשיידענע נוסחאָות:

הָאט השם יתברך אַראָפּגעשיקט
אַ ביימעלע אַראָפּ, אַ ביימעלע אַראָפּ,
ביימעלע זאָל באַרעלעך וואַקסן,
ביימעלע זאָל באַרעלעך וואַקסן.
ביימעלע וויל ניט באַרעלעך וואַקסן,
באַרעלעך ווילן ניט פֿאַלן, באַרעלעך ווילן ניט פֿאַלן.[8]

דער געלערנטער צונץ וויל אָבער האָבן, אַז דאָס חד־גדיא־ליד פֿון דער פּסח־הגדה איז אַ נאָכמאַכונג פֿון אַ דײַטש פֿאָלקסליד און געהער צום 15טן יאָרהונדערט.[9] אין דער זעלבער מיינונג זײַנען אויך אַנדערע ייִדישע געלערנטע.

[7] דאָרטן, ב׳ 1, ז׳ 20.
* זען אויך ז׳ 69 א״ה.
[8] גינזבורג־מאַרעק, „ייִדישע פֿאָלקסלידער“, נומ׳ 126.

[9] Zunz, *Gottesdienstliche Vorträge*, p. 133.

קומט אָבער ד״ר ק. קאָהלער און באַווײַזט אין זײַן אויספֿירלעכן אַרטיקל, אַז די טעאָריע איז דורכויס פֿאַלש.[10] ער ווײַזט אָן, אַז זאַנדערס, אין זײַן *Volksleben der Neugriechen*, איז גאָר אין דער מיינונג, אַז ענלעכע נײַ־גריכישע פֿאָלקסלידער זײַנען פֿון ייִדישן אָפּשטאַם.

דאָס גריכישע ליד קלינגט אַן ערך אַזוי:

אַ מאָל איז געווען אַן אַלטער,
האָט ער געהאַט אַ הענדל,
האָט עס געקרייט און געוועקט
דעם אָרעמען, דעם אַלטן.

איז געקומען דער פֿוקס צו גיין
און האָט אויפֿגעפֿרעסן דאָס הענדל
וואָס האָט געקרייט און געוועקט
דעם אָרעמען, דעם אַלטן.

איז געקומען דער הונט צו גיין
און האָט אויפֿגעפֿרעסן דאָס פֿיקסל
וואָס האָט אויפֿגעפֿרעסן דאָס הענדל אאַז״וו.

אויך אין די ענגלישע פֿאָלקסלידער געפֿינען זיך אַלערליי וואַריאַנטן צו אונדזער חד־גדיא־ליד, ווי דאָס באַקאַנטע: This is the house that Jack built און אַנדערע, וועלכע שטאַמען, ווי האַליוועל גלייבט, פֿונעם ייִדישן.[11] ענלעכע לידער געפֿינען זיך אויך צווישן די פּוילישע, רוסישע, פֿראַנצייזישע, איטאַליע־נישע און כּמעט בײַ אַלע אייראָפּעיִשע פֿעלקער; אַפֿילו אין סיאַם און פּערסיע האָבן זיך געפֿונען פּאַראַלעלן צו אונדזער ליד. נאַטירלעך זינגט עס יעדעס פֿאָלק אויף זײַן אייגענעם שטייגער. אַזוי למשל זינגט זיך עס אין עלזאַס פֿון „אַ חזירל וואָס וויל נישט גיין“, אָדער אין שווייץ פֿון „אַ קעלבעלע וואָס וויל נישט טרינ־קען“ אאַז״וו. דער דערמאָנטער ד״ר קאָהלער איז אָבער שטאַרק אין ספֿק און קען זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז די פּערסער, ווי די נײַ־גריכן און אַלע אַנדערע אייראָפּעיִשע פֿעלקער, זאָלן האָבן דאָס דאָזיקע ליד איבערגענומען פֿון ייִדן, כּדי דאָס צו זינגען אין הונדערטערליי וואַריאַציעס. ער ווײַזט אויך אָן אויף אַ פּאַ־ראַלעל אין אינדישן פּאַנטשאַטאַנטראַ און קומט צום שלוס, אַז דאָס ליד געהער צו דער אורצײַט און שטאַמט פֿון ווײַטן מיזרח.

עס איז הייסט עס מער ווי זיכער, אַז אויב דאָס חד־גדיא־ליד איז אַפֿילו נישט פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג איז עס אָבער אויך נישט קיין נאָכמאַכונג פֿונעם דײַטשן, נאָר גראָד להיפּוך, ווי עס באַווײַזן די העברעיִשע ווערטער אין דער לעצטער סטראָפֿע פֿון דעם דײַטשן ליד: „איין ציקליין“:

[10] "Sage und Sang im Spiegel des jüdischen Lebens," *Zeitschrift für Geschichte der Juden in Deutschland*, 1889, p. 234.

[11] J. O. Halliwel, *The Nursery Rhymes of England*, London, 1842.

Da kam unser lieber Herr Gott
Und schlacht den Malach hammoves,
Der da hat geschlacht den Schochet,
Der da hat geschlacht den Ochsen.[12]

עס קען גאָר קיין ספֿק נישט זײַן, אַז אַ מאָל האָט אויך געמוזט פֿאָרקומען אַ געוויסער אויסבײַט צווישן דער ייִדישער און דײַטשער פֿאָלקס־פּאָעזיע און אַז ייִדישע לידער זײַנען אַסימילירט און אויפֿגעלייזט געוואָרן אין דײַטשן לידער־אוצר.

שוין אין פֿריִען מיטל־עלטער איז פֿאָרגעקומען כּמעט אַ רעגלמעסיקער אויסבײַט פֿון לידער, נישט נאָר צווישן אַזעלכע קרובֿישע פֿעלקער ווי דײַטשן, האָלענדער און דענער, שוועדן און נאָרוועגער, שפּאַניער און פּאָרטוגעזער, סערבן און בולגאַרן, לעטן און ליטווינער אאַז״וו., נאָר אויך צווישן פֿעלקער פֿון גאַנץ פֿרעמדער אָפּשטאַמונג, וועלכע זײַנען נאָר געקומען אין וועלכער נישט איז באַרירונג. אַזוי למשל האָבן דײַטשע און פּוילישע פֿאָלקסלידער אויסגעוואַנדערט קיין ליטע און זײַנען געוואָרן דאָס אייגנס פֿון דעם דאָרטיקן פֿאָלקסגעזאַנג. פּונקט אַזוי האָט אויך דאָס דײַטשע פֿאָלקסליד אַרײַנגעדרונגען אינעם לעטישן לידער־אוצר. די פּוילישע פֿאָלקס־פּאָעזיע אין אייבער־שלעזיע האָט כּמעט ווערטלעך איבערגענומען איינצלנע דײַטשע פֿאָלקסלידער. אַ לעבעדיקער לידער־אויסבײַט איז אויך פֿאָרגעקומען צווישן דער סלאָוועניִשער און דײַטשער פֿאָלקס־פּאָעזיע, און אַ גרעסערע צאָל טשעכישע לעגענדעס, באַלאַדעס און ליבעלידער זײַנען איבערגעגאַנגען אין דײַטשן לידער־אוצר. עס איז אויך זיכער, אַז איינצלנע לידער האָבן די דײַטשן איבערגענו־מען פֿון די פֿראַנצויזן און דײַטשע לידער זײַנען איבערגעזעצט און געזונגען געוואָרן אין פֿראַנצייזיש. פֿון 15טן ביזן 17טן יאָרהונדערט האָבן רוסישע לידער אַרײַנגעדרונגען אין פֿינלאַנד און האָבן אין דער פֿינישער פֿאָלקסדיכטונג אי־בערגעלאָזן שפּורן פֿון זייער אײַנפֿלוס; נאָך לענגער איז געווען דער אײַנדרוק פֿון דער סקאַנדינאַווישער פֿאָלקסדיכטונג אויף די פֿינלענדער.[13]

דאָס וואַנדערנדיקע פֿאָלקסליד האָט אויך נישט געמאַכט קיין אויסנאַם מיטן ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג. שוין גאַנץ פֿרי האָבן עטלעכע פּוילישע, אוקראַיִנישע און אַ סך דײַטשע פֿאָלקסלידער אַרײַנגעדרונגען אינעם ייִדישן לידער־אוצר, וווּ די האָבן זיך אין משך פֿון אַ סך יאָרן פֿאַרענדערט און אַסימילירט און זײַנען פֿאַרייִדישט געוואָרן. נאָך דײַטשע מוסטערן זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אַ סך ייִדישע לידער; אַקעגן האָט דאָס ס ל אַ ווי ש ע פֿאָלקסליד בלויז געהאַט אַ געוויסן אײַנפֿלוס אויף אונדזערע פֿאָלקס־מעלאָדיעס.

די אײַנגעוואַנדערטע לידער געהערן מייסטנס צום 15טן און 16טן יאָר־הונדערט, און ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט ווײַזן זיי אויס נישט צו זײַן

[12] Arnim und Brentano, *Des Knaben Wunderhorn, Alte deutsche Lieder*, Reclam's Universal-Bibliothek, p. 803.

[13] Otto Boeckel, *Psychologie der Volksdichtung*, Leipzig, 1906, p. 182.

פֿון דײַטשן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם. די גרעסטע צאָל פֿון זיי געפֿינען מיר אויך אין אַלערליי וואַריאַציעס אין דער פֿאָלקסדיכטונג פֿון אַ סך אייראָפּעיִשע פֿעל־קער; הייסט עס, זיי געהערן, ווי דאָס חד־גדיא־ליד, צו דעם זעלבן מין „אוני־ווערסאַלע פֿאָלקסלידער״.

ווי עס איז באַקאַנט, ניצן אַלע פֿעלקער דאָס רעטעניש ווי אַ מיטל צו פּרוּוון דעם שאַרפֿזין; דאָס איז שוין אַן אוראַלטער מינהג וועלכן די אייראָפּעער האָבן מיטגעבראַכט פֿונעם אָריענט. כּמעט אין אַלע שפּראַכן געפֿינען זיך פֿאָלקס־באַלאַדעס וואָס אַנטהאַלטן אַ גאַנצע ריי פֿראַגעס און ענטפֿערס, דורך וועלכע אַ בחור וואָס שדכנט זיך וויל אויסגעפֿינען די קלוגשאַפֿט פֿון זײַן צו־קונפֿטיקן זיווג. אין אַ סך ענגלישע און שאָטישע באַלאַדעס איז דער שידוך אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון די אָדער ענלעכע פֿראַגעס:

אָ, וואָס איז לענגער פֿאַר דעם וועג,
און וואָס איז טיפֿער פֿאַר דעם ים?
אָדער וואָס איז [הילכט] העכער פֿאַר דעם האָרן,
און וואָס איז שאַרפֿער פֿאַר אַ דאָרן?
אָדער וואָס איז גרינער פֿאַרן גראָז,
און וואָס איז ערגער פֿאַר אַ פֿרוי?

און דער בחור לאָזט זיך צופֿרידן שטעלן מיט די ווײַטערדיקע ענטפֿערס:

אָ, די ליבע איז לענגער פֿאַר דעם וועג,
און דער גיהנום איז טיפֿער פֿאַר דעם ים,
און דונער הילכט העכער פֿאַר דעם האָרן,
און הונגער איז שאַרפֿער פֿאַר אַ דאָרן,
און סם איז גרינער פֿאַרן גראָז,
און דער טײַוול איז ערגער פֿאַר אַ פֿרוי.[14]

אין אַ סערביש ליד זיצט אַ מיידל בײַם ברעג ים און פֿרעגט:

צי איז פֿאַראַן וואָס ברייטערס פֿאַר דעם ים?
צי איז פֿאַראַן וואָס לענגערס פֿאַרן פֿעלד?
צי איז פֿאַראַן וואָס שנעלערס פֿאַרן פֿערד?
און וואָס קען זיסער זײַן פֿאַר האָניק?
און וואָס איז טײַערער פֿאַר אַ ברודער?

אַ פֿיש שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון וואַסער און ענטפֿערט:

צי איז נישט דער הימל לענגער פֿאַר דעם ים?
צי איז דער ים נישט לענגער פֿאַרן פֿעלד?
צי איז דאָס אויג נישט שנעלער פֿאַרן פֿערד?
צי איז נישט צוקער זיסער נאָך פֿאַר האָניק
און דער געליבטער נישט טײַערער פֿאַר דעם ברודער?[15]

[14] F. J. Child, *English and Scottish Popular Ballads*, Cambridge ed., p. 2.

[15] Talvj, *Charakteristik der Volkslieder germanischer Nationen*, Leipzig, 1840, p. 136.

אַזעלכע לידער ווערן בײַ אונדז אויך געזונגען אין אַלערלײ וואַריאַציעס און מיט פֿאַרשיידענע מעלאָדיעס; עס פֿעלט אָבער אין זײ דער חתונה־מאָטיוו און די פֿאַרשיידענע דערקלערונג־סטראָפֿעס, ווי אין ענלעכע ענגלישע און דײַטשע לידער. בײַ אונדז זײַנען זײ פּשוטע רעטעניש־לידער, און דאָס זאָגן זײ אויך באַלד פֿון אָנפֿאַנג:

דו מיידעלע דו פֿײַנס, דו מיידעלע דו שיינס,
איך וועל דיך עפּעס פֿרעגן אַ רעטעניש אַ קליינס:
ווּ איז דאָ וואַסער אָן זאַמד?
ווּ איז דאָ אַ מלך אָן אַ לאַנד?

— דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער כלאָפּ,
ווי האָסטו ניט קיין שׂכל אין דײַנעם קאָפּ!
דאָס וואַסער פֿון אויג איז אָן זאַמד,
דער מלך אין קאָרטן איז אָן אַ לאַנד.[16]

אָן ענלעך ליד געפֿינט זיך אויך אין דײַטש, פֿון וועלכן איך קלײַב דאָ אויס בכּיוון בלויז די ווײַטערדיקע סטראָפֿע וואָס שטימט מיטן ייִדישן נוסח:

Was für ein König ist ohne Land?
Was für ein Wasser ist ohne Sand?
—Der König auf dem Schilde ist ohne Land,
Das Wasser in den Augen ist ohne Sand.[17]

בלויז די פּאָר פֿערזן שטימען כּמעט ווערטלעך מיט אונדזער ליד, אָבער פֿון דעם דאַרפֿן מיר נישט שליסן, אַז דאָס ייִדישע איז אויפֿגעקומען אָדער נאָכגעמאַכט פֿונעם דײַטשן; אין אַ פּאָר ערטער שטימט עס דאָך אויך מיטן ענגלישן, און ווען מיר פֿאַרגלײַכן עס מיט ענלעכע לידער אין אַנדערע שפּראַכן, ווײַזט זיך אַרויס די זעלבע אינעווייניקסטע אײַנשטימיקייט, די זעלבע קרובֿישאַפֿט וועלכע פֿירט אונדז צום לאָגישן שלוס, אַז די דאָזיקע לידער פֿון דעם עלטערן פּעריאָד אין אַלע זייערע וואַריאַציעס שטאַמען מסתּמא פֿון איין תּחילתדיקן קוואַל וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

עס טרעפֿט, אַז פֿון אַלטע, לאַנג פֿאַרקלונגענע לידער בלײַבן איבער עטלעכע סטראָפֿעס, אָדער פֿערזן, וועלכע וואַנדערן אַרום פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, און בירגערן זיך אומעטום אײַן אין דעם פֿאָלקסגעזאַנג. דערפֿאַר טרעפֿן מיר אַזוי אָפֿט איינע און די זעלבע פֿערזן, איינע און די זעלבע געדאַנקען אין אַלערליי לידער פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט, און אַפֿילו בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער וועלכע שטייען אין שפּראַך און קולטור גאַנץ ווײַט איינע פֿון די אַנדערע.

איך וועל דאָ ברענגען למשל די ווײַטערדיקע סטראָפֿע, מיט וועלכער עס שליסן זיך אַ סך דײַטשע ליבעלידער:

[16] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב׳ 2, ז׳ 165.

[17] Arnim und Brentano, *Wunderborn*, p. 586.

Wenn gleich der Himmel papieren wär'
Und jedes Sternlein ein Schreiberl' wär'
Und schriebe ein jedes mit sieben Händ',
So schrieben sie meiner Liebe kein End.

די זעלבע פֿערזן געפֿינען מיר אויך אין די פֿאָלקסלידער פֿון אַנדערע פֿעלקער.

סערביש:

ווען דער גאַנצער הימל וואָלט אַ בלאַט פּאַפּיר געווען,
ווען דער גאַנצער וואַלד וואָלט ראָרפֿעדערן געווען,
ווען דער גאַנצער ים וואָלט שוואַרצע טינט געווען,
און ווען איך וואָלט מיט דעם דרײַ יאָר געשריבן,
נישט אויסשרײַבן וואָלט איך געקענט מײַנע שמאַרצן.

נײַ־גריכיש:

ווען דער גאַנצער וועלט־ים וואָלט געוועזן טינט,
דער הימל אין גאַנצן פּאַפּיר;
און ווען איך זאָל וועלן מײַנע שמאַרצן באַשרײַבן,
נישט גענוג וואָלט עס געווען פֿאַר מיר.[18]

און די זעלבע ליבלינגס־געדאַנקען געפֿינען מיר אויך אין אַ סך פֿון אונדזערע ליבעלידער:

פֿון אַלעביימעלעך זאָל ווערן פּענעס,
פֿון אַלע וואַסערלעך זאָל ווערן טינט —
טינט און פּענעס וועט פֿאָרט נישט קלעקן
צו באַשרײַבן מײַנע צרות פֿון אַצינד.[19]

צווישן די זיבן הונדערט ייִדישע פֿאָלקסלידער וועלכע זײַנען ביז אַהער געזאַמלט געוואָרן האָב איך, נאָך אַ לאַנגן זוכן און נישטערן, געפֿונען אַ פּאָר צענדלינג אַזעלכע וואַריאַנטן, פֿון וועלכע עס לאָזט זיך אויך שליסן, אַז דער אָנהייב פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד פֿאַרלירט זיך אין פֿריִען מיטל־עלטער און אַז ערך אין דער זעלבער צײַט איז אויך אויפֿגעקומען אונדזער עראָטיש פֿאָלקסליד.

3

„ליבע — דאָס איז אַ נײַ וואָרט“, האָט זיך אויסגעדריקט איינער פֿון די ייִדישע שרײַבער אין די זיבעציקער יאָרן, און דערמיט זײַנען אויך מסכּים די אַרויסגעבער פֿון דער ערשטער ייִדישער פֿאָלקסלידער־זאַמלונג אין רוסלאַנד.[20] אויך פּראָפֿעסאָר ווינער האַלט, אַז דאָס וואָרט „ליבע“ עקסיסטירט נישט אין ייִדישן ווערטערבוך, און אַ ראַיה ברענגט ער, אַז „ווּ נאָר אַזאַ געפֿיל — מיט וועלכן ייִדן זײַנען באַקאַנט געוואָרן ערשט אין מיטן פֿון

[18] Talvj, *Charakteristik*, p. 450.

[19] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב׳ 1, ז׳ [דאָס ליד געפֿינט זיך ניט דאָרטן].

[20] גינזבורג און מאַרעק, אַרײַנפֿיר, ז׳ 17.

דעם יאָרהונדערט — האָט געדאַרפט אָנגערופן ווערן בײַם נאָמען, האָבן זיי געמוזט ניצן דאָס דײַטשע וואָרט Liebe.[21]

עס זײַנען אָבער פֿאַראַן פֿיל פֿאַקטן וואָס באַווײַזן, אַז נישט נאָר ניצן מיר דאָס וואָרט „ליבע" אַזוי לאַנג ווי די ייִדישע שפּראַך, נאָר אַז ראָמאַנען און ליבעלידער זײַנען אויך נישט קיין נײַע דערשײַנונג אין אונדזער פֿאָלקסדיכטונג.

שוין אינעם 16טן יאָרהונדערט האָט די ייִדישע מאַסע אין מערבֿ־אייראָפּע אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו די דעמאָלט אין ייִדיש באַאַרבעטע און איבערגעשאַפֿענע דײַטשע אַוואַנטורע־ראָמאַנען און זאַגעס, ווי „דיטריך פֿון בערן", „קעניג אַרטוס", „די ליבשאַפֿט פֿאַן פֿלאָריס אונד בלאַנטשעפֿלאָר", „טיל אוילנשפּיגל" און אַ סך אַנדערע.

די ביכער זײַנען אין יענער צײַט געווען אַזוי באַליבט און פּאָפּולער אין ייִדישע קרײַזן, אַז נישט זעלטן פֿלעגן רבנים אין די פֿאָררעדעס צו זייערע עטיש־רעליגיעזע ספֿרים זיך שטאַרק באַקלאָגן אויף דעם. און אַז די דאָזיקע בעלעטריסטישע ביכער האָבן טאַקע געהאַט זייער לייענער־קרײַז, און אפֿשר נאָך אַ סך אַ גרעסערן ווי די פֿאַרשיידענע מוסר־ספֿרים, קען מען אויך זען פֿון קאָרנעליאַ אַדלקינדס פֿאָררעדע צו לעוויטאַס [אליהו בחורס] תּהילים־איבערזעצונג, אין וועלכער ער זאָגט, אַז ער האָט לעוויטאַן באַוויגן צו מאַכן די איבערזעצונג, כּדי דערמיט נוצן ברענגען די ווײַבער און די יעניקע מענער וואָס האָבן אין זייער יוגנט קיין צײַט נישט געהאַט צו לערנען העברעיִש, וועלכע ווילן אָבער שבת און יום־טובֿ בעסער לייענען אַזעלכע „געטלעכע" ביכער אידער „דיטריך פֿון בערן", אָדער „פֿון דער שיינען גליק".

אַן ענלעכע פֿאָררעדע ציטירט אויך שטיינשנײַדער פֿון דעם מעשׂה־בוך:

דרום איר ליבן מאַנען און פֿרויען, לייענט איר אָפֿט דרוים זאַ ווערט איר דרינען באַהויען, און ניט צו לייענען אוים דעם ביכער פֿון קיִען [מסתּמא דאָס קובוך, אַרוים 1555] און פֿון דיטריך פֿון בערן און מײַנסטער הילדאַבראַנט זאָלט איר אַך [=אויך] אײַך ניט טון מיִען. נון, עס זײַן ווערלעך אייטל שמיִץ, זיי געבן אײַך ניט נאָך וואָרעם נאָך היִץ. אַך זײַן זיי ניט געטלעך דערבײַ, איר באַדאַרפֿט וואָל, אַז אײַכ׳ם גאָט פֿאַרצײַ. אונזערע ספֿרים שרײַבן, עס איז אַ זינד אַז איין הויז צו לייענען אַז דען הייליקן שבת דרוים. וועלט איר אײַער צײַט מיט לייענען פֿאַרטרײַבן, אַזאַ וויל איך אַ שיין מעשׂה־בוך שרײַבן.[22]

אָבער נישט אַלע מאָל האָבן אַזעלכע מוסר־ווערטער געקענט האָבן אַ ווירקונג אויף דער מאַסע, וועלכע האָט שוין אויף איר אייגענעם אופֿן געפֿונען אַ וועג, ווי אַזוי צו פֿאַרטרײַבן די צײַט.

די לוסט צו לעבן, באַמערקט דער געלערנטער אַ. בערלינער, איז אַפֿילו אין די דריקנדיקסטע צײַטן נישט פֿאַרלאָרן געגאַנגען, ווי דאָס ווײַזט זיך אַרויס

[21] Leo Wiener, *The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century*, New York, 1899, p. 57.

[22] *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, 17, 102. דער אויסלייג איז מאָדערניזירט.

פֿון די אונטערהאַלטונגען און שפּילן, אין וועלכע די מאַסע האָט געפֿונען איר פֿרייד און פֿאַרגעניגן.

דאָס אַלגעמיינע טאַנצהויז וואָס יעדער צעך און יעדע גרעסערע קהילה האָט פֿאַרמאָגט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע אונטערהאַלטונגען און פֿאַר פֿאַמיליע־שׂימחות האָט אָפֿט פֿאַראייניקט צום טאַנץ דאָס שיינע געשלעכט, ווו עס איז אויך אַרויסגעוויזן געוואָרן די מעגלעכסטע פּראַכט. דאָ האָבן שוין די ייִדישע טעכטער געמעגט באַווײַזן זיך אָן דעם שלייער, קענטיק געמאַכט פֿון צוויי בלאָע שטרייפֿן, און די מענער אָן דעם ראָדצייכן אויפֿן ראָק און דעם האָרנאָרטיקן, שפּיציק פֿאַרבויגענעם הוט אויפֿן קאָפּ. פֿאַרקערט זעען מיר דאָ דאַמען און הערן באַצירט מיט טײַערע גאַרטלען, אָן וועלכע מען האָט זיך בײַם טאַנץ נישט געקענט באַגיין — און ווער עס האָט אַזעלכן נישט געהאַט האָט עס גענומען אויף פּראָקאַט און האָט געצאָלט צוויי דענאַר לײַגעלט. דערבײַ האָט זיך אַ מאָל געטראָפֿן, אַז אַ דאַמע האָט בײַ אַזאַ ליבהאָבער וואָס איז געווען פֿאַרפּוצט אין אַ געבאָרגטן גאַרטל ווידער אַ מאָל געבעטן די געפֿעליקייט איר דעם גאַרטל צו באָרגן, כּדי צו קענען אַנטייל נעמען אין דעם טאַנץ. פֿאַר דעם האָט דער הער קודם־כּל געפֿאָדערט אַ גאַנץ הויכן פּרײַז, דהײַנו נישט קיין אַנדער זאַך ווי די דערלויבעניש, איבערגעבנדיק דער דאַמע דעם דאָזיקן גאַרטל, צו מעגן זי דערקלערן פֿאַר זײַן זיווג אין בײַזײַן פֿון די פֿאַרזאַמלטע. צי די דאַמע האָט עס בלויז אָנגענומען פֿאַר אַ שפּאַס אָדער פֿאַר אַן ערנצט איז נישט וויכטיק, ס׳איז גענוג, וואָס זי האָט אײַנגעשטימט, און עס האָט זיך געשטעלט אַ שווערע אויפֿגאַבע פֿאַר די רבנים צו פּסקענען וועגן דער רעכטמעסיקייט און כּשרקייט פֿון אַזאַ מאָדוס אין שליסן אַ שידוך. אַ געוויסער ליבהאָרציקער זיידע האָט נישט געוווסט צו לאָזן קיין בעסערע צוואה פֿאַר זײַן אייניקל, ווי 20 ווינער פֿונט, כּדי זי זאָל זיך דערמיט קענען פֿאַרשאַפֿן אַן אמת שיינעם, רײַך באַפּוצטן גאַרטל.[23]

אַן ערך אין דער זעלבער צײַט, ווען די אויבן דערמאָנטע פֿאָלקסביכער האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפֿאָלג צווישן דער ייִדישער מאַסע, איז אויפֿגעקומען אַ ייִדיש־דײַטשע האַנטשריפֿטלעכע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג וועלכע געפֿינט זיך אין דער באָדלעיאַנע־ביבליאָטעק אין אָקספֿאָרד. וועגן דעם דאָזיקן זעלטענעם מאַנוסקריפּט האָט פֿ. ראָזענבערג אָנגעשריבן אַ היפּשע אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער ער איז זיך משער, אַז די זאַמלונג איז אויפֿגעקומען צווישן די יאָרן 1595—1605 און זאָל זײַן צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַ געוויסן אײַזיק וואַליך פֿון וואָרמס. דער מאַנוסקריפּט אַנטהאַלט אײַן שפּיל און 54 לידער, פֿון וועלכע 12 שטאַמען פֿון ייִדישע מחברים; די איבעריקע כּמעט פֿיר פֿינפֿטל פֿון דער זאַמלונג באַשטייען פֿון דײַטשע פֿאָלקס־ און געזעלשאַפֿט־לידער וועלכע געהערן מײַסטנס צום סוף פֿונעם 16טן יאָרהונדערט.[24] צווישן די פֿאַרשיידענע לידער־

[23] A. Berliner, *Aus dem Leben der deutschen Juden im Mittelalter*, Berlin, 1900, p. 18.

[24] F. Rosenberg, *Ueber eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder in hebräischen Lettern*, Braunschweig, 1888.

פּראָבעס וואָס ה׳ ראָזענבערג ברענגט אין זײַן אָפּהאַנדלונג געפֿינען זיך אויך עטלעכע טאַנץ־ און ליבע־לידער, פֿון וועלכע איך וועל דאָ ציטירן געוויסע סטראָפֿעס:

יונגפֿרײַליין, וואָלט איר ניט
מיט מיר איין טענצליין טון;
איך ביט, איר וואָלט מיר׳ס ניט פֿאַר איבל האָן,
פֿריילעך מוז איך זײַן, פֿריילעך מוז איך זײַן,
דערווײַלן איך עס האָב און קאָן.

אײַער צאַרטער יונגער לײַב
האָט מיך אין ליב פֿערוווּנדט,
אויך אײַער אויגליין קלאָר
דערצו אײַער ראָטער מונד;
שליסט אײַער אָרעם[25] אײַן,
פֿײַנס ליב, וואָל אין די מײַן,
זאָ ווערט מײַן הארץ געזונט.

פֿאַר אונדז איז דאָ נישט וויכטיק, צי דאָס ליד איז אָריגינעל ייִדיש אָדער נישט. וויכטיק איז דער פֿאַקט, אַז אַזעלכע ברענענדיקע ליבעלידער זײַנען שוין אין 16טן יאָרהונדערט געזונגען געוואָרן פֿון דער ייִדישער מאַסע.

מיט דער צײַט און ביסלעכווײַז זײַנען די דאָזיקע אַלטע לידער פֿאַרגעסן געוואָרן, מיר געפֿינען נאָך אָבער זייערע שפּורן אין אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, ווי למשל די ווײַטערדיקע סטראָפֿעס פֿון וואָליכס זאַמלונג:

איך קאָם פֿאַר מײַן פֿײַנעם ליבעם טיר,
די טיר וואָר צוגעשלאָסן.
דער רינגל וואָר דערפֿיר.

פֿײַנעס ליב, און לאָז מיך אײַן,
איך בין אַלזאָ לאַנג געשטאַנען,
דערפֿראָרן מעכט איך זײַן.

איך לאָז דיך ניט אַרײַן,
דען [סײַדן] דו געלאָבסט מיר די טרײַע דײַן,
דאָס דו מײַן איינן ווילסט זײַן.

די טרײַע געלאָב איך דיר ניט,
ליב וויל איך דיך האָבן,
אָבער נעמען וויל איך דיך ניט.

[25] דער מחבר פֿון דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג האַלט, אַז דאָרטן, וווּ מען קען אויפֿווײַזן אַ דײַטשן מוסטער פֿון די לידער וואָס זײַנען פּשוט איבערגעגעבן אין העברעיִשע אותיות דאַרף מען נאָר האָבן אין אויג דעם ליטעראַר־היסטאָרישן געווינס און מען איז באַרעכטיקט צו באַזײַטיקן די קליינע צאָל שפּורן פֿון דעם „ייִדיש־דײַטשן דיאַלעקט“. דערפֿאַר האָט ער די ווערטער וואָס זײַנען אויסגעלייגט אין מאַנוסקריפּט — „ארעם“, „אך“, „איז“, „אנאנדער“, „אריין“, אין זײַן דײַטשער טראַנסקריפּציע אויסגעלייגט: arme, auch, ist, einander, herein. [דאָ בײַם איבערשרײַבן דעם ציטאַט מיט ייִדישע אותיות איז דאָס טיילווײַז פֿאַרריכט געוואָרן.]

אָט די עטלעכע סטראָפֿעס האָבן זיך נאָך אויפֿגעהאַלטן אין אונדזערע הײַנטיקע ליבעלידער. די ערשטע דרײַ דערמאָנען אין אונדזער ליד:

— עפֿן מיר די טירעלע.
„עפֿענען וועל איך ניט!“

— אַ רעגן גייט, אַ ווינט ווייט,
איך וועל פֿטרן מײַן זײַדן קלייד.
„עפֿענען וועל איך ניט!“

די לעצטע סטראָפֿע חזרט זיך איבער אין אַ גרעסערער צאָל לידער:

איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן,
איך קען אָן דיר נישט לעבן איין מינוט;
דו ביסט בײַ מיר טײַערער ווי מײַן לעבן,
נאָר נעמען, דושעניו, קען איך דיר ניט.

דער באַגרענעצטער אָרט דערלויבט מיר דאָ נישט צו ברענגען נאָך מער ציטאַטן און ראיות וועלכע וואָלטן נאָך בולטער באַוויזן, אַז דאָס ייִדישע ליבע־ליד איז שוין אַלט אַ סך הונדערטער יאָרן און אַז עס איז נישט קיין נײַע דערשײַנונג אין אונדזער פֿאָלקסלעבן, וואָס האָט זיך ערשט באַוויזן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווי געוויסע פֿאָרשער ווילן האָבן.

עס איז טאַקע אַ פֿאַקט, אַז אין די פֿריִערדיקע יאָרן איז בײַ אונדז דאָס וואָרט „ליבע“ געווען אַ שפּאָטוואָרט און „ליבן“ איז באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ פֿאַרבאָטענער זאַך, פֿאַר אַ מאָראַלישן פֿאַרברעכן אינעם עפֿנטלעכן ייִדישן לעבן. ראָמאַנען, נישט נאָר געדרוקטע, נאָר טאַקע אינעםווירקלעכן לעבן, האָבן זיך געטראָפֿן זייער זעלטן. דאָס קען אַלץ געזאָגט ווערן בנוגע די בעל־הבתּישע קלאַסן, אָבער נישט וועגן דער ייִדישער מאַסע אין אַלגעמיין. אין די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן, צווישן שנײַדעריונגען און שוסטער־געזעלן, בעקער און בעלי־עגלות, נייטאָרינס און דינסטמיידלעך און דאָס גלײַכן, איז ליבע און ראָמאַנען נישט נאָר נישט געווען אַ זעלטנקייט אָדער אַ צופֿאַלזאַך, נאָר אַ גאַנץ געוויינטלעכע, אַלטעגלעכע דערשײַנונג. אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון מוסר־זאָגער און פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג האָט די מאַסע אויך געגלייבט, אַז „ליבן זיך“ איז אַן עבֿרה, אַ מאָראַלישער פֿאַרברעכן; אין זיך איז אָבער בײַ איר דער אַלגעמיין מענטשלעכער אינסטינקט, דאָס עראָטישע געפֿיל נישט דער ערך שטאַרקער געווען פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג.

צי מיט הונדערטער, צי מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, אַלע מאָל האָט די ייִדישע מאַסע געזינדיקט און — געליבט.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן אַלע שטערונגען און פֿאַרפֿאָלגונגען, שפּאָט און סטראַשונקעס, און אַפֿילו נישט דער מוסר פֿון אַזעלכע לידלעך:

וועלכעס מיידעלע ס׳וויל בײַ טאַטע־מאַמע חשובֿ זײַן,
איז עס דאָך בײַ אַלע מענטשן טײַער;

װעלכעס מײדעלע, אױ װײ, ס'װיל אַ ליבע פֿירן,
פֿאַרברענען זאָל מען זי אויפֿן פֿײַער![26]

אין דער צײַט ווען פֿרומע ייִדן און ייִדענעס פֿלעגן שבת נאָכן טשאָלנט אָוועקגיין אין שול אַרײַן הערן אַ מגיד אָדער אַ זאָגער, פֿלעגט דאָס יונגוואַרג, בחורים און מיידלעך, זיך פֿאַרקלײַבן ערגעץ אין אַ קעלער אָדער אויף אַ דאַך־שטיבל טאַנצן און זינגען לידער, און דאָס רובֿ ליבעלידער.

און געליבט האָט מען זיך בסוד, באַהאַלטענערהייט, און אויף פֿאַרבאָרגענע וועגן איז מען שפּאַצירן געגאַנגען, אָט אַזוי ווי עס זינגט זיך אין די לידלעך:

שיין ביסטו, רחל לעבן,
שיין זאָלסטו דיך צירן;
טו דיר אָן דײַן אייבערמאַנטעלע,
וועלן מיר גיין שפּאַצירן.

שפּאַצירן, רחלע, וועלן מיר גיין
צווישן די געדיכטע ביימער,
שפּאַצירן וועלן מיר בײדע גיין
דאָרט, וווּ עס גייט נישט קיינער.

שפּאַצירן וועלן מיר בײדע גיין
צווישן די געדיכטע בלעטער,
טאָמער טרעפֿט דיך דײַנס אַ חבֿרטאָרין,
זאָג — דו גייסט צו דײַן פֿעטער.

שפּאַצירן וועלן מיר בײדע גיין
לעבן אײַזערנע קראַטן,
האָב ניש' מורא, מײַן דושקע לעבן,
ס'וועט דיר גאָרניש' שאַטן![27]

„דאָרט, וווּ עס גייט נישט קיינער", „צווישן ביימער" אין וואַלד אָדער לעבן „אײַזערנע קראַטן" פֿון אַ תּפֿיסה וואָס געפֿינט זיך ערגעץ הינטערן שטעטל, איז אויך נישט געווען קיין זיכערע באַהעלטעניש פֿון פֿרומע, חטאָים־זוכנדיקע אויגן וואָס האָבן געלויערט אויף אַלע וועגן. און סוף כּל סוף ווערט מען געוואָר פֿון דער געהיימער ליבע. עס געפֿינט זיך שוין איינער אין שטעטל וואָס „קלערט אויס" אָדער „מאַכט" דערפֿון אַ ליד:

דאָרט נייען זיך פּאָרלעך צוויי,[28]
דאָרט נייען זיך פּאָרלעך צוויי,
ליבן, ליבן זיי זיך זייער —
ס'איז נישטאָ קיין גלײַכן צו זיי.

— נענונג שוין מיט מיר צו ריידן,
נענונג שוין מיט מיר צו שמועסן;

[26] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 1, ז' 118.
[27] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 1, ז' 40.
[28] אַנדערע זינגען: „מענטשעלעך צוויי".

פֿיר מיך שוין אָפּ אַהיים,
דער טאַטע וועט די טיר פֿאַרשליסן.

אַהיים, ליובטשו, וועל איך דיך אָפּפֿירן,
בײַם גלעקעלע וועסטו אָנקלינגען.
אַ ליד וועל איך אויס אונדז ביידן מאַכן,
די גאַנצע וועלט זאָל פֿון אונדז זינגען.[29]

און די געליבטע הערט „צו מאָרגנס אין דער פֿרי די גאַנצע וועלט קלינגען", נאָר זי פֿאַרהאָפֿט צו גאָט, „אַז אירע שׂונאים וועלן ווערן צעשפּרונגען". פֿילאָסאָפֿיש און ביטערלעך זינגט זי אויס צום סוף:

וואָס דער רעגן ווערט גרעסער,
ווערן די שטיינדערלעך נאַסער;
אונדזער ליבע איז אַרויפֿגעשוווּמען
אַזוי ווי בוימל אויפֿן וואַסער.

ווי בוימל אויפֿן וואַסער שווימט אַרויף די געהיימע ליבע, זי ווערט ווען עס איז אויפֿגעדעקט, אָבער די לידער פֿון דער ליבע — קיין מאָל נישט. זיי צירקולירן בסוד צווישן דעם יונגוואַרג און „פֿאַרקלינגען די וועלט" פֿון אַ פֿינצטערער קעלערשטוב אָדער קנײַפּע. און דערפֿאַר האָבן די יעניקע וואָס זײַנען נישט געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט די אונטערשטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק געמוזט קומען צו דער השערה, אַז בײַ ייִדן עקסיסטירט נישט קיין ליבע, און, ווי עס דרינגט דערפֿון אַרויס, נישט קיין ליבעלידער.

4

דאָס ייִדישע ליבעליד איז פֿון תּמיד אָן געווען און געבליבן פֿאַרבאָרגן אינעם פֿאָלקסמויל. עס איז קיין מאָל נישט אויפֿגעטראָטן אין דער עפֿנטלעכקייט און איז נישט געזונגען געוואָרן אויף משפּחה־שׂימחות, אויף פֿאַרווײַלונגען, אָדער אַזוי אין בײַזײַן פֿון בעל־הבתּישן עולם, ווו בדחנישע און אַנדערע מינים לידער האָבן אַלע מאָל געפֿונען צוהערער. ווי אַ פּראָדוקט פֿון די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן האָט דאָס ליבעליד געמוזט בלײַבן אין יענע קרײַזן, ווו עס איז געשאַפֿן געוואָרן; זײַן עכט לירישער אינהאַלט, זײַן נאַיִוויטעט און האַרציקייט זײַנען צו פֿיל געווען אין קאָנטראַסט מיט דער טרוקענער בדחנישער אַטמאָספֿער וועלכע האָט אין די פֿריִערדיקע יאָרן באַהערשט די מיטעלע פֿאָלקסשיכטן. און אין אמתן, וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט עס געהאַט און ווי לעכערלעך וואָלט עס אויסגעזען, ווען אַ ייִדיש מיידל שטעלט זיך אַוועק פֿאַר אַן עולם ייִדן און ייִדענעס זינגען אַזאַ מין ליד:

אוי, וואָס כ'האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפֿירט,
זאָל איך אַזוי לעבן!
כ'האָב געוואָלט אַ שיין ייִנגעלע,
האָט מיר גאָט געגעבן.

[29] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 1, ז' 38.

כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז שוין מײַן,
כ׳האָב אים שוין באַקומען;
איז געקומען אַ שענער מיידעלע
און האָט אים צוגענומען.

און דאָס וואָלט טאַקע קיין מאָל נישט געקאָנט פּאַסירן, ווײַל בײַ אַ פּשוט מיידל פֿון פֿאָלק איז דאָס ליבעליד איר טיפֿסט געהיימעניש, איר הייליקסטער סוד פֿונעם האַרצן, און די דאָזיקע האַרץ־סודות זינגט זי נאָר פֿאַר זיך אַליין אָדער פֿאַר אירע אינטימסטע חבֿרטאָרינס, בתּנאַי, ווען אַ פֿרעמדער מענטש, איבער הויפּט אַ מאַנספּערזאָן, איז ניטאָ דערבײַ. נאָר פֿאַר אירע אינטימסטע חבֿרטאָרינס קען זיך אַ פֿאַרליבט מיידל באַקלאָגן:

ווי אַזוי קען איך לוסטיק זײַן,
אַז פֿאַרשטערט זײַנען מיר מײַנע וועגן?
אַז איך דערמאָן מיך אין זײַן שיין פּנים,
ווי אַזוי קען איך לעבן!
איך עס און טרינק און שלאָף בײַ נאַכט,
נאָר מײַן האַרץ איז מיר פֿאַרטראַכט.

ס׳רובֿ זיצט אָבער די פֿאַרליבטע אַליין אין שטיבעלע מיט איר „פֿאַרטראַכט“ האַרץ:

זיץ איך מיר אין שטיבעלע
און טראַכט נאָר וועגן דיר,
ס׳עפֿנט זיך מיר אַ גריבעלע,
ווען איך הער אַ קלאַפּ אין טיר.
ווײַל נאָר צו דיר ציט מײַן האַרץ,
מײַן האַרץ ווייס ניט קיינער אַאַז״וו.

אָדער ווי עס קלאָגט זיך אַן אַנדער מיידל:

נאַנצע טעג זיץ איך אַליין,
מײַן טײַער לעבן קומט נישט צו גיין;
מסתּמא האָט ער שוין אַ צווייטע געפֿונען,
און מיך האָט ער שוין נישט אין זינען.

דאָס זײַנען אַלץ שטילע, האַרציקע מאָטיוון, געפֿילן פֿון אייפֿערזוכט און ליבע, וועלכע דאָס נאַיִווע פֿאָלקסמיידל טראָגט פֿאַרבאָרגן אין איר האַרצן, פֿאַרבאָרגן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט.

גאַנץ אַנדערש באַציט זיך דער מ אַ ן פֿון פֿאָלק צו די דאָזיקע לידער. בײַ אים זײַנען זיי נישט קיין האַרץ־סודות, און איבער הויפּט זינגט ער זעלטענער פֿון ליבע. נאָר אין גאַנץ זעלטענע פֿאַלן, מייסטנס ווען די געליבטע הייבט אָן ריידן וועגן אַ תּכלית, וועגן דעם „ליבעסצוועק“ — וועגן חתונה האָבן, אָט דעמאָלט זינגט ער אויך זייער געפֿילפֿול. אָפֿן און זייער ערנצט דערקלערט ער:

איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן,
כ׳קען אָן דיר נישט לעבן איין מינוט;

דו ביסט בײַ מיר טײַערער ווי מײַן לעבן,
אוי נעמען, דושעניו, קען איך דיר ניט.[30]

אָבער נישט אַלע מאָל איז ע ר שולדיק אין דעם, וואָס די ליבע „קען נישט קומען צו אַ צוועק“. גאַנץ אָפֿט שטערן אים דערין זײַנע עלטערן, אָדער „דער קייסער נעמט אים צו אין סאָלדאַטן“, אָדער אַן אַנדער סיבה טרײַבט אים ערגעץ אַוועק. בײַם צעשיידן זיך זאָגט ער צו, אַז ער וועט צוריקקומען, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל מיט איר, זײַן „טײַער לעבן“, אַ חופּה שטעלן. אַ מאָל ווערט ער אויך גערירט פֿון דער געליבטערס טרערן, פֿון איר טרויעריקער לאַגע, און ער פֿאַרטראַכט זיך וועגן איר:

דאָרטן אויפֿן בערגעלע שטייט נאָך אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע איז שוין לאַנג אײַנגעבויגן;
דאָרטן שטייט נאָך מײַן געטרײַע כּלה
מיט אירע אויסגעוויינטע אויגן.[31]

און ער טרייסט זי, זײַן „קרוינעשי“, זײַן „דושעניו“, און בעט זי, זי זאָל נישט וויינען, זי זאָל נישט הערן וואָס לײַט ריידן... ווײַל נאָך אַלעמען האָט זי בײַ אים „חן געפֿונען“; און כאָטש זײַנע עלטערן בעטן אים, ער זאָל שוין אין איר פֿאַרגעסן, פֿון דעסט וועגן פֿאַרזיכערט ער:

נישט איין וואַסערל וועט פֿאַרבײַלויפֿן,
אונדזער ליבע וועט קיינער נישט פֿאַרלעשן.

און נאָך איידער איין וואַסערל לויפֿט פֿאַרבײַ, פֿאַרגעסט ער אין אַלע זײַנע הבֿטחות און זײַן ליבע ווערט פֿאַרלאָשן אַזוי גיך ווי זי האָט זיך אָנגעצונדן.

דערפֿאַר איז אָבער דאָס איינפֿאַכע, נאַיִווע פֿאָלקסמיידל פֿיל שטאַרקער און דויערדיקער אין איר ליבע; און אַז זי ליבט, ליבט זי מיטן גאַנצן פֿײַער פֿון איר ריינעם האַרצן; איר גאַנץ לעבן ביז אין איר גרויען צאָפּ, ביז אין איר פֿינצטערן קבֿר הערט זי נישט אויף צו ליבן און צו האָפֿן, צו טרוימען און צו זינגען פֿון איר חנעוודיקן געליבטן:

זײַנע אויגן זײַנען שיין,
זיי זײַנען בײַ מיר טײַער;
מיט דײַן ליבן, זיסן חן
האָסטו אָנגעצונדן אין מײַן האַרץ אַ פֿײַער.
און מײַן האַרץ ציט צו דיר,
אַזוי ווי מאַגנעס צו אײַזן, שטאָל,
און די ליבע ברענט אין מיר,
זי ווערט פֿאַרגרעסערט וואָס אַ מאָל.

ווען איך זאָל האָבן פֿליגעלעך,
וואָלט איך צו דיר געפֿלויגן אאַז״וו.[32]

---

30 כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב׳ 1, ז׳ 144.
31 דאָרטן, ב׳ 1, ז׳ 100.
32 דאָרטן, ב׳ 1, ז׳ 66.

און אַז אין האַרצן ברענט דאָס ליבע־פֿײַער און עס ציט צום געליבטן „אַזוי ווי מאַגנעס צו אײַזן, שטאָל", — אין אַזאַ פֿאַל שטעלט זיך שוין אַן אַנדער מיידל נישט צופֿרידן בלויז מיט דעם ווונטש צו קריגן פֿליגעלעך, זי נעמט זיך אונטער:

אויפֿן ימעלע וועל איך פֿאָרן,
אויפֿן וואַסערל וועל איך שווימען,
כ'וועל אַוועקוואַרפֿן מײַנע טײַערע עלטערן —
נאָר צו דיר, מײַן ליובינקע, וועל איך קימען!

שוין די עטלעכע פֿערזן באַווײַזן אונדז, ווי נאַטירלעך און שטאַרק אַ ייִדיש מיידל קען ליבן און ווי ווײַט זי קען גיין אין איר ערשטער, אין איר יונגער ליבע.

נאָך שטאַרקער דריקט זיך אויס איר ליבע אין די געזעגענונג־לידער. דאָ, בײַם צעשיידן זיך, פֿלאַקערט זי אויף אין אירע העלסטע פֿלאַמען; געפֿילן פֿון טרויער און בענקשאַפֿט, ליבע און אייפֿערזוכט מישן זיך צוזאַמען און מאַכן אויף איר אַ שווערן אײַנדרוק, און מיט אַ שווער געמיט זינגט זי:

מײַן האַרץ, מײַן האַרץ וויינט אין מיר,
אַז איך דאַרף מיך שיידן איצט מיט דיר;
מײַנע געדאַנקען — אַהין, אַהער,
מיט דיר צעשיידן איז מיר שווער.

יאָ, שיידן זיך איז שווער, שיידן זיך טוט וויי, אָבער נאָך מער איז איר אַ ווייטאָג, וואָס זי ווייסט נישט, וווּ איר געליבטער וועט אַהינקומען, אויף וועלכן וועג זי וועט אים דאַרפֿן זוכן. און דאָך שטאַרקט זי זיך און בעט אים כאָטש:

פֿון ערשטן שטעטעלע, פֿון ערשטן דערפֿעלע
דאָס ערשטע בריוועלע שרײַב צו מיר;
בעטן בעט איך דיך, מײַן זיס לעבן:
פֿאַרגעסן זאָלסטו נישט אין מיר!

וועסטו קומען צו אַ וואַסערל,
זאָלסטו דיך נישט טרענקען;
וועסטו קומען צו אַן אַנדער מיידעלע,
זאָלסטו מיך געדענקען! [23]

בײַם צעשיידן זיך קען שוין אַן אַנדער מיידל נישט באַהערשן אירע רחמנות־געפֿילן אויף זיך אַליין, אויף איר עלנט און הילפֿלאָזיקייט, און זי פֿאַרלירט זיך אין גאַנצן:

און אַז דו פֿאָרסט אַוועק, מײַן טײַער זיס לעבן,
אויף וועמען לאָזסטו מיך דאָ איבער?
אויף וועמען לאָזסטו מיך דאָ איבער?
אוי, וויי, אָט חלש איך!

[23] דאָרטן, ב' 1, ז' 82.

אוי, וויי, אָט שטאַרב איך!
דײַנע רייד לייגן מיך אַנידער!" [24]

עס וואָלט אָבער געווען צו פֿיל אײַנזײַטיק, ווען איך זאָל דאָ פֿאַרבײַלאָזן די שטים פֿון דעם פֿאַרליבטן. ער פֿילט זיך אויך שטאַרק געטראָפֿן בײַם צעשיידן זיך פֿון דער געליבטער, און הגם ער זינגט זעלטענער פֿון ליבע, איז אָבער זײַן ליד נישט ווייניקער רירנדיק, עס פֿילן זיך אויך אין זײַן ליד די ליבע־יסורים, דער ליבעווייי, הגם נישט אַזוי שטאַרק און נישט אַזוי אָפֿן ווי אין די לידער פֿון דער פֿרוי.

מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם שמאַרץ זינגט ער:

קום נאָר אַהער, מײַן לעבן,
קום נאָר אַהער צו מיר!
אַ קוש וועל איך דיר, ליובטשו, געבן,
אַן אָנדענקונג זאָלסטו האָבן פֿון מיר!

אוי, דו פֿאָרסט פֿון מיר אַוועק,
דו גייסט דאָך שוין וואַנדערן;
ביז אַהער האָסטו מיך געליבט,
און שפּעטער — אַן אַנדערן.

אָבער ער חלשט נישט און שטאַרבט נישט און לאָזט זיך נישט באַהערשן פֿון דעם אייפֿערזוכט־געפֿיל. איין זאַך וויל ער נאָר פֿרעגן זײַן „ליובטשו", זײַן „קרוין פֿון קאָפּ": צי מיינט זי מיט אים צו פֿאַרברענגען איר לעבן?

און זי ענטפֿערט:

מײַנע עלטערן טוען מיך בעטן,
איך זאָל שוין אין דיר פֿאַרגעסן;
דײַן בילד טו איך אויף מײַן האַרץ טראָגן,
ווי מיר זײַנען בײַזאַמען געזעסן.

געזעסן זײַנען מיר אויף איין באַנק,
געזונגען האָסטו מיר שיינע לידער;
אַז גאָט וועט אונדז ביידן באַשערן,
וועלן מיר זיך נאָך זען ווידער.

ווי עס ווײַזט אויס, איז אים אַזוי גיך נישט באַשערט געווען צו זען זיך ווידער. און ער בלאָנדזשעט אַרום איבער די גאַסן זיך צו פֿאַרשלאָגן די געדאַנקען, אָבער איר געשטאַלט שוועבט אים פֿאַר די אויגן:

איך גיי אַרום אין אַלע גאַסן,
און קען מיר די ליבע נישט פֿאַסן;
אַך, אירע בלאָנדינע האָר
און איר שיינע פֿיגור!

ווי געזאָגט זינגט דער מאַן פֿון פֿאָלק זעלטענער פֿון ליבע, מײַסטנס איז דאָס אַ טעמע פֿאַר יונגע און עלטערע מיידלעך וועלכע האָבן שוין אַ סך איבערלעבונגען פֿון דעם מין.

„אַ ליבע הייבט זיך אָן פֿון אַ שמייכל, פֿון אַ שמייכל ביז צו אַ קוש; ס'נעמט אַוועק בײַם קליגסטן מענטשן דעם שׂכל, דאָס קליגסטע מיידל מאַכט עס צום

[24] דאָרטן, ב' 1, ז' 92.

ניש״, פֿילאָסאָפֿירט זיך אין אַ געוויסן לידל; און לויט אַן אַנדער ליד „פֿאַנגט זיך אָן די ליבע צוקער זיס, אָבער איר סוף לאָזט זיך אויס זייער מיאוס״.

אומבאַשרײַבלעך זײַנען די צרות פֿון אַ מיידל וואָס ווערט אָפּגענאַרט אין איר ליבע; אַ ביטער געפֿיל פֿון נקמה דערוועקט זיך אין איר, נישט נאָר צו איר פֿאַרפֿירער, נאָר אויך צו אַלע „פֿאַלשע ייִנגעלעך״. אַזאַ מיידל וואָרנט אירע חבֿרטאָרינס נאָך דעם ווי זי האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון איר אומגליקלעכער ליבע:

הערטס נאָר אויס, אַלע מיידעלעך,
קיין ליבע איז נישט גוט צו קענען;
מען דאַרף צוזאַמענעמען אַלע פֿאַלשע ייִנגעלעך
און אויפֿן פֿײַער זיי פֿאַרברענען!

אויפֿן פֿײַער זאָל מען זיי פֿאַרברענען,
ביז אויף דראָבנע קוילן; —
פֿינף יאָר געפֿירט אַ ליבע,
און נישט צו קענען פּועלן![35]

אַן אַנדער מיידל קומט דורך אירע ביטערע איבערלעבונגען און צרות צו אַן אַנדער באַשלוס:

מײַנע צרות האָבן מיך אַרומגערינגלט
אַזוי ווי אַ בעדנאַרזש אַ פֿאַס;
הײַנטיקע ייִנגעלעך איז אַזוי פֿיל צו גלייבן
אַזוי ווי דעם הונט אויף דער גאַס![36]

פֿיל מיט גאַל און ביטערקייט זײַנען די לידער וואָס באַהאַנדלען די אומגעטרײַע ליבע, עס פֿעלט אָבער אויך נישט אין זיי דאָס פּאַטעטישע, דאָס האַרציקע און דאָס פֿײַנע געפֿיל צו שיינקייט, וואָס דריקט זיך אויס אַזוי רײַך און פֿאַרשיידנאַרטיק כּמעט אין אַלע אונדזערע ליבעלידער.

איך האָב מיך דאָ אַ ביסל לענגער אָפּגעשטעלט בײַ די דאָזיקע לידער, כּדי צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם פֿאַראינטערעסירטן לייענער אויף די פֿאַרבאָרגענע אוצרות פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־פּאָעזיע, דער עיקר אויף דער פֿאָלקסליריק וועלכע איז פֿון אונדזערע דיכטער און שריפֿטשטעלער, צום באַדויערן, ביז אַהער נישט באַמערקט געוואָרן. איך האָב דאָ בלויז ציטירט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע לידער, און הגם יעדעס איינציקע איז פֿאַר זיך אַ באַזונדער שטודיום האָב איך נאָר פֿאַרבײַגייענדיק געמאַכט וועגן זיי אַ פּאָר באַמערקונגען. ווער עס וויל אָבער די דאָזיקע לידער בעסער פֿאַרשטיין און באַקומען אַ קלאָרערן באַגריף פֿון זייער שיינקייט און פּאָעטישער קראַפֿט, דער מוז זיי אַליין הערן זינגען, אָט אַזוי ווי זיי ווערן געזונגען פֿונעם פֿאָלק. „אַ ליד, זאָגט הערדער, מוז געהערט, נישט געזען ווערן; און געהערט מוז עס ווערן מיט דעם אויער פֿון דער נשמה, וואָס מעסט נישט און וועגט נישט און ציילט נישט

[35] זאַרסן, ב׳ 1, ז׳ 232.
[36] זאַרסן, ב׳ 1, ז׳ 114.

בלויז איינציקע טראָפּן, נאָר וואָס האָרכט אויף זײַן ווײַטערן קלאַנג און שווימט אין אים אַוועק״.

5

פֿון דער פֿאַרבאָרגענער פֿאָלקסליריק, פֿון די שטילע, ווייִמוטיקע ליבע־לידער גיי איך אַריבער צו די מער פֿריילעכערע, לעבנסלוסטיקע חתן־כּלה־ און חתונה־לידער. דאָ איז קודם־כּל וויכטיק צו באַמערקן, אַז אויך די לעצטע, הגם זיי געהערן שוין נישט צו די פֿאַרבאָטענע און פֿאַרבאָרגענע, און ווי עס ווײַזט זייער אינהאַלט זײַנען זיי אויך געזונגען געוואָרן עפּנטלעך בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, פֿאַר אָדער נאָך דער חתונה, באַרירנדיק דערמיט דאָס געביט פֿונעם מאַרשעליק אָדער בדחן, האָבן זיי אָבער מיט די שאַפֿונגען פֿון די לעצטע קיין שײַכות נישט. עס קען זײַן, אַז דאָס בדחנישע האָט פֿאַר אונדז אויך אַ געוויסן פֿאָלקלאָריסטישן ווערט, עס שטייט אָבער סײַ אין פֿאָרעם, סײַ אין אינהאַלט אַ סך נידעריקער פֿון אונדזער עכטן פֿאָלקסליד. און אויף וויפֿל דער טעזיס איז ריכטיק קענען מיר אויך זען פֿון די ווײַטערדיקע פֿערזן וואָס איך האָב אַרויסגענומען פֿון אַ געוויסן בדחנישן לידערביכל.[37]

דאָס בדחנישע חתונה־ליד הייבט זיך אָן אַזוי:

טובֿ מעט בכּוונה איידער מהרבה שלא בכּוונה,
קומט איין בדחן און ברענגט פֿון דער כּלה דעם חתן די זיסע מתּנה.
די מתּנה איז באַלייגט מיט גינגאָלד,
דאָס איז די מתּנה וואָס דער חתן האָט פֿון דער כּלה געוואָלט.
קומט איין בדחן מיט דער מתּנה און שטעלט זיך אויף דער טיר בײַ דער מזוזה
און בעט: רבש״ע, איך זאָל חלילה ניט קומען צו לעג און צו בוזה.
מורי ורבותי, וועט איר מיך וועלן פֿרעגן,
ווי קומט עס, אַ בדחן זאָל זיך שטעלן אויף דער טיר בײַ דער מזוזה,
וואָרן אותיות מזוזה מאַכט: מי זה ואי זה הוא.
זאָג איך אײַך ווערטער, ניין הערטס מיך גוט צו,
וועל איך מיר אײַערט וועגן געבן מי.
דוד המלך ע״ה האָט אויך געזאָגט אַ פּסוק אין תּהילים:
לכו בנים שמעו לי.
אַצינד לאָמיר זײַן ווערטער מסיים,
די מתּנה וואָס איך האָב געבראַכט זאָל זײַן די כּלה עולה יפֿה
און דעם חתן לחיים.
איך קען דאָך נישט זאָגן, אַז אותיות מזוזה זאָל מאַכן:
מי זה ואי זה הוא.
איך מוז דאָך זאָגן, אַז אותיות מזוזה מאַכט:
מאַרשעליק זה וועט זאָגן היום.

דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער מוסטער פֿון בדחנישער דיכטונג, און נישט אומזיסט שטייט אויפֿן שער־בלעטל פֿון דעם דערמאָנטן ביכל: „עס איז זייער

[37] דער קרומער מאַרשעליק מיט אַ בלינד אויג, פֿאַרלאַג פֿון ר׳ יעקבֿ עהרענפּרײַז, לעמבערג, 1875, ז׳ 9. [אויסלייג מאָדערניזירט.]

שיין צו ליינען די לידער וואָס דער מאַרשעליק האָט געזינגען". יאָ, דער מאַר־שעליק האָט זיי געזונגען, אָבער נישט דאָס פֿאָלק; און דערפֿאַר האָבן זיי אויך נישט געקענט האָבן קיין אײַנפֿלוס אויף אונדזער עכטן פֿאָלקסגעזאַנג.

נישט דער פּוילישער מאַרשעליק און נישט דער ליטווישער בדחן, וועלכע קענען מיט זייערע לידער און גראַמען אין דער זעלבער צײַט אי לאַכנדיק אי וויינענדיק מאַכן דעם גרעסטן חתונה־עולם; נישט זיי, די פּאָעטן פֿון דער אַלטער ייִדישער קהילה, וואָלטן מסוגל געווען צו שאַפֿן אַזעלכע נאַיִווע, האַרציקע לידלעך ווי די וועלכע זײַנען געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן פֿונעם פֿאָלק — לידלעך וואָס פֿירן אונדז אַרײַן אין פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿונעם פֿאָלקס־לעבן, אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז אַן אומבאַקאַנטע וועלט פֿון פֿרייד און צער און זײַנען בכּוח אין געוויסע פֿערזן צו שילדערן נישט נאָר אַ געוויסע פּאַסירונג, אַ מאָמענט, נאָר אויך גאַנצע עפּאָכעס פֿון דער אינעווייניקסטער פֿאָלקס־גע־שיכטע, ווי דאָס באַווײַזט אונדז דאָס ווײַטערדיקע:

פֿאָרן מחותּנים
איבער אַלע גאַסן,
פֿרעגן בײַ ר' לייזערן
אַ טאָכטער צו פֿאַרקנסן.
זאָגט דער טאַטע: „יע!"
זאָגט די מאַמע: „ניין,
מײַן טאָכטער כאַסעלע
איז צו דער חופּה קליין!"

דאָס האָט געקענט פּאַסירן גאָר אַ מאָל, פֿאַר צײַטן, ווען די עלטערן האָבן געהאַט די גאַנצע דעה אין אַ שידוך, און כאַסעלע, דאָס כּלה־מיידל, האָט געדאַרפֿט זיצן און שווײַגן און טאָן, וואָס טאַטע־מאַמע און וואָס גוטע און פֿרומע לײַט הייסן. פֿלעגט טרעפֿן, אַז די פֿרומע, צניעותדיקע ייִדישע טאָכטער האָט שוין נים געקענט מער פֿאַרבאָרגן אין זיך דאָס נאַטירלעכע געפֿיל פֿון ליבע און האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף עפּעס אומבאַשטימטס. האָט עס די גוטע, געטרײַע מאַמע געדאַרפֿט טרעפֿן, אָבער אויף אַ קלוגן און פֿײַנעם אופֿן:

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
„דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
מוז מען ניין דעם שוסטער זאָגן!"
„ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניש' פֿאַרשטיין,
דו ווייסט ניש' וואָס יאך מיין!"

און די מאַמע פּרוּווט טרעפֿן: אפֿשר אַ קליידעלע, אַ היטעלע, אַ פּאָר אויערינג־לעך? און ענדלעך:

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
„דאָס מיידעלע וויל אַ חתנדל האָבן,
מוז מען ניין דעם שדכן זאָגן!"

„יאָ, מאַמעשי, יאָ!
דו קענסט מיך שוין פֿאַרשטיין
דו ווייסט שוין וואָס יאך מיין!"[38]

די צײַטן האָבן זיך געביטן, און צוזאַמען מיט זיי אויך די לידער. דאָס אַמאָליקע צניעות און שעמעוודיקייט איז פֿאַרשוווּנדן. אַ „הײַנטוועלטיק" מיידל וואַרט שוין נישט, די מאַמע זאָל טרעפֿן איר האַרץ: זי דערציילט עס דרייסט און אָפֿן; זי בעט נישט, נאָר זי פֿאָדערט:

מאַמעשי, מאַך מיך חתונה!
„טאָכטער, ס'איז נאָך צײַט!"
מאַמעשי, מאַך מיך חתונה,
אַ געלעכטער אין אַ זײַט.

מאַמעשי, מאַך מיך חתונה,
„טאָכטער, ס'איז ניטאָ קיין געלט!"
מאַמעשי, יאך וויל נישט וויסן,
כ'וויל אויך וויסן פֿון אַ וועלט![39]

ווי מיר זעען, זײַנען די דאָזיקע לידער, אַלע צוזאַמען און יעדעס איינציקע פֿאַר זיך, אַ טעמע פֿון אינטערעסאַנטן שטודיום. און ווען איך וואָלט געפּרוּווט געבן פֿון יעדער לידער־גרופּע באַזונדער, וואָלט דער אַרײַנפֿיר געמוזט אויס־וואַקסן אין אַ היפּשן בוך.[40] כּדי דאָס צו פֿאַרמײַדן וועל איך דאָ מוזן פֿאַרבײַלאָזן אַן אַ באַמערקונג די לידער וואָס באַהאַנדלען דאָס משפּחה־לעבן, די וויגנלידער, סאָלדאַטן־לידער, אַרבעטער־לידער, רעליגיעזע און די אַלע אַנדערע לידער פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט. איך וועל דאָ בלויז נאָך אָנמערקן וועגן אונדזערע קינדערלידער וועלכע זײַנען פֿאַר אונדז נישט ווייניקער וויכטיק. אַפֿילו צווישן די אומבאַדײַטנדיקסטע פֿון זיי, וועלכע באַשטייען דוכט זיך בלויז פֿון גראַמען, אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער און קינדערשער פּלאַפּלערײַ, איז אַ סך מאָל פֿאַר־באָרגן אַ געוויסער זינען, אַ געוויסע פּאַסירונג.

אַזאַ מין אומבאַדײַטנדיק קינדערלידל האָט מיר אַ חדר־ייִנגל אַ מאָל פֿאַר־געזונגען מיט אַ מיליטערישער סיגנאַל־מעלאָדיע. אויף מײַן פֿראַגע, וואָס לאָזט מיך דאָס לידל הערן און ווי קומט עס, וואָס ער זינגט עס מיט אַזאַ ניגון, האָט ער מיר דערויף געענטפֿערט מיט אַ חדר־ייִנגלשן אַנעקדאָט:

מײַן רבי, ר' יאָסל בער, האָט אַ מאָל געשיקט אַ ייִנגל פֿון אונדזער חדר צו קויפֿן פֿאַר אַ זעקסער בייגל מיט קעז. איז דאָס ייִנגל דערווײַל אַוועקגעלאָפֿן אויפֿן וואָיענעם פּלאַץ, ווו זעלנער האָבן זיך מושטירט, און איז דאָרט אָפּגעווען אַ גאַנצן טאָג. פֿאַר נאַכט איז ער צוריקגע־קומען אין חדר אַרײַן מיטן זעקסער אין האַנט און האָט געזונגען דאָס לידל מיטן זעלנערישן מאַרש, אַזוי:

רבי, ס'איז נישטאָ קאַ בייגל,
רבי, ס'איז נישטאָ קאַ קיי — קיי — קייז!*
נאַט אײַך אָפּ דעם זעקסער,
זײַט ניש' אויף מיר ביי — ביי — בייז!

---

[38] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 2, ז' 9.
[39] דאָרטן, ב' 2, ז' 15.
[40] אַזאַ אַרבעט קען געטאָן ווערן, ווען עס וועט געזאַמלט ווערן אַ גרעסערע צאָל לידער פֿון ליטע, פּוילן, פּאָדאָליע און אַנדערע געגנטן.
* = קעז.

אז די קינדערלידלעך, און איבער הויפט די וואס ווערן געזונגען פון חדר־יינגלעך, זיינען פול מיט וויץ און בייסיקן הומאר, וועט דער לייענער גלייך באמערקן, ווען ער וועט דורכבלעטערן די פארשיידענע אפטיילונגען פון די דאזיקע לידער. ווי א ביישפיל וועל איך דא ברענגען א לידל וואס די ווארשעווער חדר־יינגלעך זינגען אין פויליש און דווקא מיטן ניגון פון דער הפטורה:

— יעמוד ר' יהודה!
— יא ניע פודע.[41]
— דלאטשעגא טי ניע פודזשעס? [42]
— בא יא ניע אומיעם.[43]
— דלאטשעגא טי ניע אומיעש? [44]
— בא אויטשעץ מניע ניע אוטשיל.[45]
— דלאטשעגא טשי ניע אוטשיל? [46]
— בא אן סאם קרענק אומיאל!...[47]

אט אזוי האט דאס קינדערמויל קונציק איראניזירט וועגן די „פאליאקן פון משהס גלויבן".

עס לאזט זיך מערקן, אז א סך פון אונדזערע קינדערפערזן זיינען בראכשטיקער, שיריים פון אלטע לאנג פארגעסענע לידער וועלכע זיינען א מאל געזונגען געווארן פון דערוואקסענע. א טייל זיינען שוין אלט א סך הונדערטער יארן און זייער אפשטאם לאזט זיך היינט שווערלעך דערקלערן. אנדערע ווייזן אויס צו זיין נישט אזוי אלט, און דאך איז שווער צו באשטימען די צייט פון זייער אויפקום, ווי למשל דאס וויטערדיקע וואס קינדער זינגען בעת זיי שפילן זיך אין „לויפן" אדער אין „כאפערלעך". איין יינגל יאגט נאך דעם אנדערן און פרזוט אים כאפן, און די איבעריקע זינגען:

אוי, אונדזערע פוילן
זיינען אנטקענען יידן!
אוי, אונדזערע פעלדער
זיינען פארגאסן מיט בלוט.
הייבט מען אן ארומצוויאגן,
הייבט מען אן ארומצופלאגן,
דאלי[48] אויף די פערד,
דאלי צום נעזווערד![49]
איינס, צוויי, דרא,[50]
מאכן מיר פליטה ארא![51]

איך רעכן, אז פון די פיל לידער־פראבעס, דערקלערונגען און ביישפילן וואס איך האב דא געבראכט וועט געניג זיין אפילו פאר דעם דורכשניט־לייענער

[41] איך וועל נישט גיין. [42] פאר וואס וועסטו נישט גיין? [43] ווייל איך קען נישט. [44] פאר וואס קענסטו נישט? [45] ווייל דער טאטע האט מיך נישט געלערנט. [46] פאר וואס האט ער דיך נישט געלערנט? [47] ווייל ער האט אליין א קרענק געקענט. [48] ווייטער, פאראויס. [49] אנדערע זינגען: געווער. [50] = דריי. [51] = אריין.

זיך צו מאכן א בעסערן באגריף פון די דאזיקע לידער, וועלכע ער האט פריער געהערט און אפשר אליין געזונגען, און דאך קיין אויפמערקזאמקייט זיי נישט געשאנקען.

6

פאר די יעניקע וועלכע זיינען מער פאראינטערעסירט אין דעם ענין וועט געוויס אינטערעסאנט זיין צו וויסן, ווען און ווו און אויף וואס פאר אן אופן איך האב די דאזיקע לידער געזאמלט; ווי אזוי איך האב מיך נוהג געווען ביים פארצייכענען דעם טעקסט, די מעלאדיעס, די וואריאנטן, — קורץ, אלץ וואס קען אינטערעסירן דעם פאכמאן וועל איך דא בקיצור דערקלערן.

די גרעסטע צאל לידער האב איך געזאמלט אין ווארשע, צווישן די יארן 1896—1901.

אן זייטיקע מיטהעלפער, אוממיטלבאר, נישט פון ביכער און נישט פון מאנוסקריפטן, נאר דירעקט פונעם פאלקסמויל האב איך געזאמלט מיין מאטעריאל.* און שוין ביי די ערשטע פאר לידער וואס איך האב פארצייכנט האב איך באמערקט, אז טעקסט און מעלאדיע לאזן זיך נישט צעשיידן, אז לייענען אדער דעקלאמירן אן עכט פאלקסליד האט קיין זינען נישט; און אזוי ווי איך האב די מעלאדיעס ניט געקענט פארצייכענען, בין איך געווען געצוווּנגען זיי אויסצולערנען אויף אויסווייניק.

און דאס איז פאר מיר געווען א גרויסער געווינס. דאס וואס איך האב געקענט א היפש ביסל פאלקסלידער אויף אויסווייניק האט מיר געגעבן די מעלה אנטקעגן אנדערע זאמלער, נישט צו קומען צום פאלק ווי א פרעמדער פארשער, נאר ווי אן איינפאכער היימישער זינגער, פאר וועמען טיר און טויער זיינען אפן.

און אט איז א קליינער עפיזאד, ווי אזוי איך האב אנגעהויבן זאמלען מיין מאטעריאל.

איך האב מיך ערגעץ ווו באקאנט מיט אן ארבעטער, א יונגן בעל־הביתל, ביי וועמען אין הויז עס פלעגן זיך צוזאמענקומען זיינע און זיין ווייבלס חברים און חברטארינס, בחורים און מיידלעך, מיט וועמען זיי האבן געארבעט צוזאמען. יעדן שבת, סיי ווינטער סיי זומער פלעגט זיך דאס יונגווארג אהין צוזאמענקלייבן טאנצן, זינגען, שטיפן און אזוי פארברענגען פריילעך די צייט. דאס איז געווען א מין „קנייפע", אבער אן אנשטענדיקע.

קום איך איין מאל אין א שבת פאר נאכט צו דעם דאזיקן באקאנטן מיינעם, ווו מען האט שוין פון פריער געוווּסט, אז איך בין שטארק „פארקאכט" אין לידער, און ברענג די פריילעכע בשורה, אז איך קען נייע לידער...

— אוי, נייע לידער! האט זיך דער עולם מיט פרייד אנגעכאפט.

— אבער שיינע לידער, פרווו איך פאראינטערעסירן.

— נו זינג שוין, זינג, לאמיך הערן! האט מען מיר צוגערופן פון אלע זייטן.

און איך האב מיך לאנג נישט געלאזט בעטן און אנגעהויבן:

* זען דעם צושריפט אויף ז' 42.

בײַ מײַן מאַמעס הײַזעלע, הײַזעלע,
בין יאָך מיר געשטאַנען,
אָך, מײַן טײַער לעבן
איז פֿאַרבײַגעגאַנ'ען!

דער עולם האָט אויסגעגנאַר גענוג, מער האָט מען שוין נישט געדאַרפֿט. אַז איך בין אַ היפּשע ווײַלע געבליבן שטיין ווי אַ שאָסן אין אַזאַ געלעכטער, ווו זיך אַהין צו טאָן. נאָר געפּלעפֿטער און האָב פֿאַר שאַנדע נישט געוווּסט, באַלד בין איך צו זיך געקומען און האָב כּלומרשט מיט פֿאַרוווּנדערונג אויסגערופֿן:

— וואָס איז? וואָס האָט איר זיך אַזוי פֿונאַנדערגעלאַכט? פֿון וואָס איז דאָ דאָ צו לאַכן?

— ווען יאָך בין אַ קליין מײדעלע געווען, האָב יאָך שוין דאָס לידל געזונגען, האָט זיך געוויצלט אַן עלטערער בחור.

— מײַן באָבע האָט שוין דאָס לידל געזונגען, האָט אַ מיידל שעמעוודיק באַמערקט.

— נו גיי שוין, גיי, עס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר דיר צו זינגען אַזעלכע קינדערשע לידלעך, האָט מיט אַן ערנצטער מינע זיך געווענדט צו מיר מײַן באַקאַנטער בעל־הביתל: דו זינג אונדז בעסער דאָס ליד פֿונעם פֿאַרזאָרגטן בעל־הביתל אָדער פֿון דעם זייגער מיטן שפּיגל, אָדער גאָר דאָס ליד פֿון אַריסטאָקראָט.

— יאָ, יאָ, פֿונעם ריסטאָקראָט, האָבן די מיידלעך אונטערגעכאַפּט.

איך האָב מיך ווידער לאַנג נישט געלאָזן בעטן און געזונגען פֿון דעם „אַריסטאָקראָט", פֿון „פֿאַרזאָרגטן בעל־הביתל" און נאָך געוויסע צונזערס און גאָלדפֿאַדענס לידער, דורך וועלכע איך האָב צוריק באַקומען מײַן רעפּוטאַציע. איך האָב געזונגען פּינקטלעך, גענוי צום טאַקט, שטאַרק אַקצענטירט די גראַמען, און דער עולם האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט ליבע און דרך־ארץ, כּמעט ווי אויף אַן אמתן זינגער.

איך האָב מיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און ווידער אָנגעהויבן קומען צו דאָס מײַניקע:

— איר זעט, אַז איר האָט פֿריִער געלאַכט אומזיסט און אום נישט. אָט האָב איך אײַך געוויזן, אַז איך קען זינגען אויך אַנדערע און פֿאַרשיידענע לידער, נאָר איר מעגט אײַך זאָגן וואָס איר ווילט, איך פֿיל אָבער, אַז די אַלע קומען נישט צו דעם דאָזיקן לידל וואָס איך האָב פֿריִער געזונגען. איר רופֿט עס קינדעריש, איר זאָגט, אַז אײַער באָבע האָט עס שוין געזונגען. דאָס קען זייער מעגלעך זײַן און איך מיין, אַז עס איז טאָקע אַזוי. איר ווייסט אָבער, ווען אײַער באָבע האָט עס געזונגען? ווען זי איז נאָך אַ יונג מיידעלע געווען, ווען זי איז פֿאַרליבט געווען... און אפֿשר האָט זי גאָר דעמאָלט אַליין אויסגעטראַכט דאָס דאָזיקע לידל!...

— ווּעמענס באָבע? האָט אַ מיידל נײַגעריק אַ פֿרעג געטאָן.

— עס מאַכט נישט אויס, ווּעמענס באָבע דאָס איז געווען, איך גיב אײַך נאָר אַ בײַשפּיל. גלייבטס מיר, אַז איך אַליין האָב עס נישט געהערט פֿון מײַן

באָבען, נאָר טאַקע פֿון אַ מיידל, און דווקא אַ שיין מיידל האָט עס מיר נעכטן געזונגען. איז מיר דאָס לידל אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז איך האָב עס מיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. אָט וועל איך עס אײַך נאָך אַ מאָל איבערזינגען, איר מעגט אײַך צוהערן. און נישט וואַרטנדיק אויף זייער צושטימונג האָב איך ווידער אָנגעהויבן:

בײַ מײַן מאַמעס הײַזעלע, הײַזעלע,
בין יאָך מיר געשטאַנען,
אָך, מײַן טײַער לעבן
איז פֿאַרבײַגעגאַנ'ען!

מיט די בלאָע אייגעלעך, אייגעלעך,
מיט די בלאָנדע האָער,
כ'האָב געמיינט, אַז וואָס ער רעדט
איז דאָך אַלץ וואָער!

— נו, וואָס זאָגט איר אַצינד, אײַאָ, ס'איז אַ שיין לידל?

— אָבער דאָס איז דאָך נישט אין גאַנצן, האָט אַ מיידל מיט פֿאַרדראָס באַמערקט: חנה קען עס אין גאַנצן.

— וועל איך טאַקע בעטן חנהן, זי זאָל עס מיר זינגען!

אָבער חנה האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט זינגען, טענהנדיק אַלץ, אַז זי קען נישט, אַז זי האָט עס שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

— ווייסט איר וואָס, חנה, בין איך געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן: אַז איר וועט מיר זינגען דאָס לידל, וועל איך אײַך דערפֿאַר זינגען דאָס ליד פֿון דער בײַקע.

— יאָ, יאָ! האָבן אַלע אין איין קול צוגעשטימט.

— אויב חנה וויל נישט, וועל איך עס אײַך זינגען! האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן אַנדער מיידל, שוין גאָרנישט קיין שעמעוודיקע: איך וועל אײַך זינגען די פּאָר „פֿאַלן" וואָס איר האָט פֿאַרפֿעלט. אָט הערט אײַך צו ווי דאָס גייט ווײַטער:

אוי ווײ, מאַמעשי, מאַמעשי,
מאַמעשי, איך פֿאַל!
זינט כ'האָב אָנגעהויבן אַ ליבע פֿירן
פּלאַצט אין מיר די גאַל.

אַ ליבע צו פֿירן, צו פֿירן,
איז דאָך גאָר קיין ווינדער;
עס נעמט אַרויס די מאַרך פֿון די ביינער,
פֿון יעדן אבֿר באַזינדער![52]

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען אַנטציקט פֿונעם לידל און האָב געלויבט ביז אין הימל אַרײַן די זינגערין וואָס האָט עס אַזוי שיין געזונגען. איך האָב געהאַלטן וואָרט און אויך געזונגען „די בײַקע" וועלכע דער עולם האָט אויפֿגענומען מיט גרויס באַגײַסטערונג און בײַם סוף פֿון יעדער סטראָפֿע איבערגעזונגען דעם רעפֿריין:

די שונאים זאָלן אַזוי לעבן,
צי מע האָט מיר אַ ציגעלע געגעבן!

[52] כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער, ב' 1, ז' 150.



יהודה־לייב כּהן אין 1901 אין לאָנדאָן

און קוים איז מיר נאָר געלונגען צו שאַפֿן די געהויבענע שטימונג פֿאַרן געזאַנג, איז עס שוין אַוועק ווי אַ מיזמור. יעדער איינער האָט שוין נישט־גע־בעטענערהייט אָנגעפֿאַנגען זינגען און געזוכט אַרויסצוווײַזן זײַן קענטעניש; עס איז געוואָרן אַ מין וועטגעזאַנג. נאַטירלעך האָב איך מיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און פֿאַרצייכנט אַלץ וואָס איז געווען פֿאַר מיר וויכטיק, פֿאַרצייכנט און מיטגעזונגען מיטן עולם אײַנשטודירנדיק די מעלאָדיעס.

אַזוי האָב איך איבערגעחזרט מײַן עקספּערימענט אַ געוויסע צײַט, ביז איך האָב געפֿילט, אַז אין דעם דאָזיקן קרײַז האָט זיך שוין אויסגעשעפּט דער גאַנצער לידערקוואַל. האָב איך אָפּגעזוכט אַ נײַעם אָרט, אַ נײַעם קרײַז באַקאַנטע, ווּ איך האָב אויף אַזאַ אָדער אויף אַן ענלעכן אופֿן באַקומען אַ צוטריט צו די פֿאַרבאָרגנסטע אוצרות פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג.

ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, האָב איך די גרעסטע צאָל לידער געזאַמלט אין וואַרשע. אַ סך פֿון זיי געהערן אָבער אויך צו דער פּראָווינץ און שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. איך האָב זיי דאָס רובֿ באַצייכנט מיט „וואַרשע“, ווײַל די זינגער און זינגערינס האָבן מיך פֿאַרזיכערט, אַז זיי זײַנען וואַרשעווער, וואַרשעווער געבוירענע.

אין ענגלאַנד און אַמעריקע, ווּ איך האָב שפּעטער אויסגעוואַנדערט, איז מיר אויך געלונגען צו זאַמלען אַ היפּשע צאָל לידער וועלכע שטאַמען פֿון ליטע און פּאָדאָליע, און געוויסע פֿון גאַליציע און רומעניע.

לויט די פֿאַרשיידענע געגנטן און שפּראַכגעביטן, פֿון וואַנען דער מאַטעריאַל איז צוזאַמענגעקליבן, וואָלט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג זייער וויכטיק געווען, אַז די לידער זאָלן געדרוקט ווערן אין זייערע פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן, אין וועלכע זיי זײַנען געזונגען געוואָרן. צוליב פֿאַרשיידענע טעמים האָב איך אָבער בעסער באַשלאָסן זיי צו שרײַבן אין דער אַלגעמיין אָנגענומענער ליטעראַטור־שפּראַך. ערשטנס איז די זאַמלונג באַשטימט פֿאַר די ברייטסטע לייענער־קרײַזן, ווּ עס איז נאָך לעת עתּה קיין שום אינטערעס נישטאָ פֿאַר דער צוקונפֿטיקער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, און צווייטנס, ווען איך וואָלט אַפֿילו געפּרוּווט שרײַבן דעם טעקסט פֿאָנעטיש, לויט די פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן, וואָלט עס מיר בשום אופֿן נישט געלונגען צוליב דעם ייִדישן אַלף־בית וועלכער פֿאַרמאָגט נישט גענוג אותיות פֿאַר די פֿאַרשיידענע קלאַנגען פֿון אונדזער שפּראַך.

אַ וואַרשעווער לידל געשריבן אין דעם דאָרטיקן דיאַלעקט וואָלט אויסגעזען אַן ערך אַזוי:

אַך, פֿוטאַ, אַך, פֿוטאַ,
ווי איז אינדזאַ ליבאַ מיטאַ?
ווּס זי האָט אינדז געבודן
אין מילאַך אין אין פּיטאַ?

דאָס וואָלט קוים־קוים פֿאַרשטענדלעך געווען פֿאַר דעם ליטווישן לייענער. נאַטירלעך, וואָלט איך בײַ יעדן וואָרט געמוזט מאַכן אַ באַמערקונג. פֿוטאַ—פֿאָטער, ווי—ווּ, אינדזאַ—אונדזער, ליבאַ—ליבע, מיטאַ—מוטער, פּיטאַ—פּוטער אאַז״וו.

און נאָך אַלעמען, וואָלט דער ליטווישער לייענער נאָך ניט געהאַט קיין באַגריף, ווי אַזוי עס קלינגט דער „יוד" אין די ווערטער מיטאָ, אינדזאָ, פּיטאָ. אַגבֿ וואָלט איך אויך געמוזט יוצא זײַן פֿאַר דעם פּוילישן און דרום־רוסישן דיאַלעקט. [דעריבער איז אין דער שרײַבונג בלויז צײַטנווײַז געגעבן אַ געוויסע אָנצוהערעניש אויף דער אויסשפּראַך.]

פֿעסטשטעלן אַ כּלל, איבערגעבן די פֿאַרשיידענע קאָנסאָנאַנט־ און וואָקאַל־קלאַנגען פֿון אַלע ייִדישע דיאַלעקטן איז, צוליב דעם ייִדישן אַלף־בית, פּשוט אוממעגלעך. דערצו איז נאָר פּאַסיק דער לאַטײַנישער אַלפֿאַבעט.[53] איך האַלט אָבער, אַז ייִדיש דאַרף זיך ניט צעשיידן מיט זײַן היסטאָרישן אַלף־בית, איבער הויפּט ווען עס האַנדלט זיך וועגן פֿאָלקס־פּאָעזיע.

אויסער דעם דיאַלעקט האָב איך אַלע לידער פֿאַרצייכנט געניו ווי זיי ווערן געזונגען פֿון פֿאָלק. איך האָב אין ערגעץ גאָרנישט צוגעגעבן און נישט אַרונטערגענומען, אַפֿילו דאָרט, ווו איך האָב באַמערקט, אַז עפּעס פֿעלט אָדער ס'איז איבעריק. נישט מער, ווען איך פֿלעג באַקומען פֿון עטלעכע פּערזאָנען איינס און דאָס זעלבע ליד, פֿלעג איך נאַטירלעך אויסקלײַבן דאָס יעניקע וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרעסערן פֿאַרנעם און גאַנצקייט. קוים אָבער האָב איך באַמערקט אַ היפּשן אונטערשייד אין זייער אינהאַלט אָדער נוסח, האָב איך זיי שוין אויפֿגענומען ווי וואַריאַנטן און פֿאַרצייכנט ווי זעלבשטענדיקע לידער.

איך האָב אויך נישט אויסגעשלאָסן די זעלבשטענדיקע איינסטראָפֿיקע לידלעך און אויך נישט די יעניקע פֿערזן וואָס זײַנען פֿאַרבליבן ווי פֿראַגמענטן, בראָכטיילן פֿון גרעסערע אָבער שוין כּמעט פֿאַרגעסענע לידער, ווועמענס מע־לאָדיעס עס בלאָנדזשען נאָך אַרום צווישן פֿאָלק.

אין 1901, ווען ס'איז דערשינען די רײַכע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג פֿון גינז־בורג און מאַרעק, האָב איך נאָך אַ מאָל דורכגעקוקט מײַן מאַטעריאַל און האָב אויסגעשטראָכן פֿון מײַנע זאַמלונגען די יעניקע לידער וועלכע האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערגעשיידט פֿון די וואָס זײַנען שוין געווען אָפּגעדרוקט אין זייער זאַמלונג. געלאָזן האָב איך נאָר אַ זעכציק וואַריאַנטן.

בײַם צוזאַמענשטעלן די פֿאַרשיידענע לידער־מינים האָב איך מיך נישט נוהג געווען ווי אַנדערע זאַמלער, ד"ה איך האָב נישט אָנגעהויבן מײַן גרו־פּירונג פֿון היסטאָרישע, רעליגיעזע, וויגן־ און קינדער־לידער אאַז"וו. איך האָב מיט אַ כּיוון געבראָכן דעם מינהג און אָנגעהויבן מיט די ליבעלידער, כּדי באַלד פֿון אָנהייב צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם לייענער אויף דאָס שענסטע און וויכטיקסטע פֿון אונדזער פֿאָלקסגעזאַנג — אויף דער עכטער פֿאָלקסליריק וועלכע איז פֿאַרטראָטן אין דעם ערשטן באַנד פֿון די יודישע פֿאָלקסליעדער דורך 130 לידער.

---

[53] זען דעם אַרטיקל [פֿון יודאַ אַ. יאָפֿע], „די קלאַנגען פֿון ייִדיש און דער ייִדישער אַלף־בית", דאָס נײַע לעבען, 1909, העפֿטן 9, 12, און [Dr. X], „וועגן ייִדישער גראַמאַטיק און רעפֿאָרם אין דער ייִדישער שפּראַך", לעבען און וויסענשאַפֿט, 1909, נומ' 1.



יהודה־לייב כּהן און זײַן פֿרוי מרים אין 1904 אין לאָנדאָן

דער צווייטער באַנד איז אײַנגעטיילט אין די ווײַטערדיקע לידער־גרופּעס:
1) חתן־כּלה־ און חתונה־לידער; 2) משפּחה־לידער; 3) וויגנלידער; 4) קינדערלידער; 5) רעטעניש־לידער; 6) סאָלדאַטן־לידער; 7) אַרבעטער־לידער; 8) פּורים־לידער; 9) רעליגיעזע לידער; 10) לידער פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט.

ביידע בענד צוזאַמען אַנטהאַלטן 331 לידער און 175 מעלאָדיעס.

די מעלאָדיעס צום טעקסט האָט געשריבן דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער קאַנטאָר ה׳ ת. רוסאָטאַ, וועמען איך דאַנק דאָ עפֿנטלעך פֿאַר זײַן שווערער און געוויסנהאַפֿטער אַרבעט. לויט מײַן וויסן, האָט ה׳ רוסאָטאַ פֿאַרצייכנט די מעלאָדיעס פּינקטלעך און גענוי, ווי איך האָב זיי פֿאַר אים געזונגען, מיט אַלע זייערע גרײַזן און חסרונות, אָט אַזוי ווי איך האָב זיי אויפֿגענומען פֿונעם פֿאָלקסמויל.

הגם איך בין נישט קיין מוזיקער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿאָלקס־מעלאָדיעס, אַזוי גוט ווי די פֿאָלקסלידער, דאַרפֿן צום ערשטן מאָל דערשײַנען אין זייער תּחילתדיקער פֿאָרעם, אין זייער אייגנאַרטיקן טאַקט. שפּעטער קען קומען דער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר און שעפּן זײַנע מאָטיוון פֿון דעם ערשטן, תּחילתדיקן קוואַל און זיי באַאַרבעטן און אויספֿײַנערן ווי זײַן האַרץ געלוסט.

צום סוף ווילט איך דאָ אויך אויסדריקן מײַן האַרציקסטן דאַנק צו אַלע מײַנע פֿרײַנד און באַקאַנטע און צו אַלע די יעניקע וואָס האָבן מיר מיט פֿאַרגעניגן מיטגעטיילט און געזונגען די דאָזיקע לידער.

ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך נישט פֿאַרגעסן יענע שבתים, יענע פֿאַרנאַכטן, יענע טײַערע און זיסע שעהען, ווען „געזעסן זײַנען מיר אויף איין באַנק און געזונגען האָט איר מיר שיינע לידער״; לידער, וואָס האָבן פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אײַערע הייליקסטע האַרץ־סודות, אײַער בענקשאַפֿט און ליבע, אײַערע ליידן און פֿריידן. קיין מאָל, קיין מאָל וועל איך זיי נישט פֿאַרגעסן, — און אַלץ וואָס איר האָט מיר געזונגען און פֿאַרטרויט דורך די לאַנגע פֿופֿצן יאָר פֿון מײַן זאַמלער־טעטיקייט גיב איך איצט איבער אין דער עפֿנטלעכקייט. זאָל די וועלט באַקאַנט ווערן מיט אַ וויכטיקן טייל פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־פּאָעזיע און זאָל דער ייִדישער דיכטער און טאָנקינסטלער שעפּן באַגײַסטערונג און דערפֿרישונג פֿונעם ריינעם פֿאָלקסקוואַל, און פֿריש און פֿרײַ זאָל ווידער אויפֿהילכן דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד!

[דער ייִד (קראָקע), נומ׳ 11, מאַרץ 14, 1901, „פּורים־אָוונט פֿון ייִדישע ליטעראַטן״:
„... איבער הויפּט האָט גרויס אויפֿזען געמאַכט די באמת אָריגינעלע און געלונגענע מאַסקע: אַ ייִדישער בלינדער אביון, אויף דעם קאָפּ אַ היטל מיט אַ לאַנגן דאַשיק וואָס פֿאַרשטעלט די שײַן פֿאַר זײַנע קראַנקע אויגן, אַן אומגליקלעך אָפּגעמוטשעט געזיכט, אים פֿירט בײַ דער האַנט אַ קליין מיידעלע. דער בלינדער מיט דעם מיידעלע שטעלט זיך אַלע מאָל אָפּ בײַ אַן אַנדער רעדל בענטשן און זינגט ייִדישע פֿאָלקסלידער מיט די ייִדישע פֿאָלקס־מעלאָדיען. דער בלינדער זינגט וועגן ייִדישע צרות, וועגן ייִדישן רחמנות, אַז עס רײַסט בײַם האַרץ, און דאָס מיידל האַלטנדיק איבן בײַ דער האַנט העלפֿט אים אונטער מיט איר שוואַך, דין נאָר זיס ליב קולכל. וועמען וואָס פֿרום ייִדישעס האַרץ האָט דער בלינדער אָרעמאַן ניט צעריסן מיט זײַנע טרויעריקע פֿאָלקסלידער אין מעלאָדיען. און ווי דער בלינדער מיט דעם מיידעלע האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט, האָט ער בײַ יעדן אַרײַנגעריפֿן „בראַוואָ״. עס איז צום באַמערקן, אַז ה׳ כּ. [י. ל. כּהן] וואָס האָט געטראָגן די מאַסקע פֿון דעם בלינדן איז זעלבסט אַ גרויסער ליבהאָבער און זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקס־לידער און מעלאָדיען און קיינער וואָלט די ראָלע אַזוי אויסגעצייכנט ניט אויפֿגעפֿירט ווי ער״.]

[צוויי זאַמלונגען] ייִדישע פֿאָלקסלידער

[צום ערשטן געדרוקט אין יאָרבוך דער פּנקס, רעדאַקטירט פֿון ש. ניגער, ווילנע, ב. קלעצקין, תּרע״ג, זז׳ 355—366; געחתמעט: ל. ווילענסקי.]

1. ייִדישע פֿאָלקסלידער, פֿאַר מיטל־שטימע און פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענט, צוזאַמענגעקליבן, האַרמאָניזירט און אַראַנזשירט בײַ פּלאַטאָן ברונאָף. פּובלישד בײַ טשאַרלס ק. הערריס, 1911, ניו־יאָרק.

2. ייִדישע פֿאָלקסלידער, געזאַמלט, דערקלערט און צוזאַמענגעשטעלט פֿון נח פּרילוצקי. ערשטער באַנד: רעליגיעזישע און יום־טובֿדיקע. ערשטע סעריע. וואַרשע, פֿאַרלאַג „ביכער פֿאַר אַלע״, תּרע״א.

1. צוועלף יאָר זײַנען פֿאַרגאַנגען זינט ס׳איז אַרויס די גרויסע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג פֿון גינזבורג און מאַרעק וואָס האָט, דוכט זיך, אין איר צײַט קיין באַזונדערן אײַנדרוק ניט געמאַכט. נאָכמאַכער און נאָכפֿאָלגער האָבן זיך פֿאַר דער צײַט ניט באַוויזן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די ערשטע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג וועט אויך בלײַבן די איינציקע אין אונדזער ליטעראַטור. דאָס האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעוויזן פֿון אויבן אויף; פֿאַקטיש האָט אָבער די דאָזיקע זאַמלונג געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. מיט איר דערשײַנען האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן וועקן אַ טיפֿער אינטערעס צו דער ייִדישער פֿאָלקסדיכטונג. אין פֿאַרשיידענע געגנטן האָבן פֿאַרשיידענע זאַמלער אָן אויפֿהער געזוכט, געזאַמלט און געפֿאָרשט נאָך דעם אַלטן ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג — דעם רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער שטילער אַרבעט וועלן מיר ערשט זען אין יאָרן אַרום. דערווײַל האָט אונדז דאָס יאָר 1911 געבראַכט די ערשטע פֿרוכט — צוויי פֿאָלקסלידער־זאַמלונגען מיט אַ מאָל. צום באַדויערן איז די ערשטע פֿרוכט ניט קיין צײַטיקע. די מענטשן וואָס האָבן זי אַראָפּגעריסן האָבן ניט גאָר גוט פֿאַרשטאַנען זייערע אויפֿגאַבעס.

דער זאַמלער פֿון פֿאָלקסלידער, אָדער פֿון וואָסער עס איז פֿאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, באַקומט די נייטיקע קענטענישן ערשט נאָך אַ יאָרנלאַנגן שטודיום פֿון זײַן זאַך. דערצו מוז ער האָבן אַ סך געדולד און אויסדויער. ווי עס ווײַזט אָבער, האַלטן ניט אונדזערע זאַמלער שטאַרק פֿון די דאָזיקע כּללים. זיי האָבן ניט קיין געדולד צו פֿאָרשן און לאַנג צו אַרבעטן. זיי אײַלן זיך מיט זייער ביסעלע מאַטעריאַל וואָס גיכער צו באַווײַזן זיך פֿאַר דער וועלט.

אַזוי האָט געטאָן פּלאַטאָן ברונאָף, אַ באַקאַנטער ניו־יאָרקער מוזיקער. לאַנג ניט געטראַכט, האָט ער אויפֿן פּאָדערבלאַט אַרויפֿגעשטעלט זײַן בילד,

ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַ באַרימטן מוזיקער, און מיט גרויסע קאָלירטע אותיות אונדז געלאָזט וויסן, אַז זײַן זאַמלונג איז:

געווידמעט צו דער יודישער נאַציאָן
ערשטער בוך
(אין די היסטאָרי פֿון מענשהייט)
יודישע פֿאָלקסליעדער
(50 ליעדער)

און כּדי צו מאַכן אויף אונדז נאָך אַ טיפֿערן אײַנדרוק, דערציילט ער אונדז זײַן ייִחוס, און אַלץ אויפֿן פֿאָדערבלאַט:

נעענדיגט פֿון סט. פּעטערבורגער קײַזערליכער קאָנסערוואַטאָריע אין רוסלאַנד. קאָמפּאָזער פֿון ערשטע אַמעריקאַניש־אינדיאַנער אָפּערא ראָמאַנאָ, מוזיקאַלישע דראַמאַ גזילאַנאַ, ציון, רוססישען דאָרף אאז״וו.

פֿאַרמילא, דאָס אַלץ אינטערעסירט אונדז ניט. נעמען מיר זיך אָבער צו דער פֿאָררעדע, מיט דער האָפֿענונג צו געפֿינען אין איר עפּעס אַ שטיקל רמז, אַז דאָס דאָזיקע בוך איז טאַקע באמת דאָס „ערשטע אין די היסטאָרי פֿון מענשהייט“... אָדער מיר ווילן געפֿינען אויב ניט וועגן דעם טעקסט, איז כאָטש ווייניקסטנס וועגן אונדזערע פֿאָלקס־מעלאָדיעס אַ קליינע כאַראַקטעריסטיק, שוין דערפֿאַר אַליין וואָס דער זאַמלער איז אַ ייִדישער מוזיקער. אָבער וועגן דעם אַלעם איז אין פֿאָרוואָרט קיין סימן ניטאָ. אַנשטאָט דעם דערציילט ער אונדז גאָר, אַז זײַן פֿאָררעדע שרײַבט ער מיט אַ צוועק:

דער צוועק איז, דאָס די ייִדן וועלכע זײַנען צעשפּרייט אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט זאָלן גוט באַטראַכטן די פֿאָלגנדע פֿראַגן: ערשטנס, וואָס איז די ריכטיקע אורזאַכע פֿון אַנטיסעמיטיזמוס? אונד צווייטנס — וואָס איז די אורזאַכע דאָס עס איז ניטאָ קיין איינינקייט צווישן די ייִדן?

פֿון די פּאָר שורהלעך וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט קאָנען מיר זען, אַז די פֿאָררעדע איז אַ מײַסטערווערק פֿאַר זיך אַליין — אַ שאָד, וואָס זי איז אַזוי קורץ... און הגם מיר האָבן פֿון איר ניט געקאָנט דערגיין, וואָס פֿאַר אַ שײַכות עס האָט דער „אַנטיסעמיטיזמוס“ צו ייִדישע פֿאָלקסלידער, האָבן מיר פֿון דעסט וועגן זיך גוט אַמוזירט בײַם לייענען.

נאָך דעם ווי ה׳ ב. פֿאַרענטפֿערט די פֿאַרפּלאָנטערטע ייִדן־פֿראַגע און גיט אַן עצה, ייִדן זאָלן זיך פֿאַראייניקן, וועלן דערפֿאַר די אַנדערע נאַציעס זיי רעספּעקטירן, דערקלערט ער אונדז, אַז דער ערשטער באַנד 50 ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואָס זײַנען אַ טייל פֿון 250 וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן, וועלן באַווײַזן, „ווען גוט באַטראַכט“, ווי שיין עס איז די ייִדישע נשמה. ער דאַנקט אויך עטלעכע פּערזאָנען וואָס האָבן אים געזונגען די לידער בײַ זײַנע נאָכזוכונגען אויף דער מיזרח־זײַט פֿון ניו־יאָרק, ד״ה אין רעכטן ייִדישן קוואַרטאַל.

און בכדי צו באַווײַזן, ווי שיין עס איז די ייִדישע נשמה, האָט דער זאַמלער, פּאַראַלעל צום ייִדישן טעקסט, געגעבן אַן ענגלישע איבערזעצונג וואָס איז שלעכט און שטאַרק איבערגעטריבן. מיר זײַנען זיכער, אַז ער האָט דאָ חלילה

ניט געמיינט קיין שלעכטס מיט זײַן איבערזעצונג, אַדרבא, ער האָט גאָר געמיינט גוטס צו טאָן דעם ייִדישן פֿאָלקסליד דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעפֿײַנערט און פֿאַרבעסערט פֿיל פֿערזן אַזוי, אַז עס זאָל אויסזען שענער און פּאָעטישער. אַזוי למשל האָט ער די פֿערזן:

וואָלט זי האָבן פֿערד און וואָגן,
וואָלט זי צו אים לויפֿן;
וואָלט זי האָבן אַ זעקעלע געלט,
וואָלט זי אים אָפּקויפֿן

צוגעפּוצט אין דער ענגלישער איבערזעצונג, און עס קלינגט שוין דאָרטן גאַנץ אַנדערש:

וואָלט זי געהאַט אַ פּאָר פֿליגל,
צו אים וואָלט זי געפֿלויגן;
וואָלט זי געהאַט אַ זאַק מיט גאָלד,
זײַן האַרץ וואָלט זי אָפּקויפֿן (ז׳ 18).

אָוודאי איז פֿיל שענער און פּאָעטישער צו פֿליִען מיט אַ פּאָר פֿליגלען צום געליבטן איידער צו לויפֿן מיט פֿערד און וואָגן — ה׳ ברונאָף ווייסט מסתמא ניט, אַז די גאַנצע שיינקייט פֿונעם פֿאָלקסליד ליגט אין אָט דער איינפֿאַכקייט, אין אָט דער פּראָסטקייט. עס איז נאָך גוט, וואָס די פֿיל באַפּוצונגען זײַנען בלויז אין דער ענגלישער איבערזעצונג, דער ייִדישער טעקסט אָבער איז איבערגעגעבן געוואָרן אַזוי געטריי און פּינקטלעך, ווי אין דער זאַמלונג פֿון גינזבורג און מאַרעק...

ה׳ ברונאָף דערציילט אונדז, אַז ער האָט די לידער „נאָכגעזוכט“ אויף דער מיזרח־זײַט פֿון ניו־יאָרק — דאָס איז טאַקע אמת, אָבער מיר ווילן אים פֿאַרריכטן: ניט די לידער האָט ער נאָכגעזוכט, נאָר די מעלאָדיעס צו די לידער; די לידער אַליין, דעם טעקסט, האָט ער איבערגעדרוקט פֿון דער דערמאָנטער זאַמלונג. ה׳ ברונאָף מאַכט אָבער וועגן דעם אַ גרויסן שווײַג, ער דערמאָנט ניט מיט אַ וואָרט גינזבורגס און מאַרעקס זאַמלונג. אפֿשר דערפֿאַר, כּדי זײַן בוך זאָל קענען ווערן „דאָס ערשטע אין די היסטאָרי פֿון מענשהייט“? —

צווישן די 50 לידער האָבן מיר ניט געפֿונען קיין איינציקס וואָס זאָל זיך ניט געפֿינען אויך בײַ גינזבורג־מאַרעק, און דאָס זײַנען ניט קיין וואַריאַנטן חלילה, נאָר פּשוט די זעלבע לידער, איבערגעדרוקט וואָרט בײַ וואָרט, אות באות, און אַפֿילו מיט אַלע אָנמערקונג־צייכנס, נאָר אָן די דערקלערנדיקע באַמערקונגען. למשל אויף ז׳ 17 געפֿינען מיר אַ קינדערלידל:

האָב איך 1) אַ פּאָר אָקסן, אָקסן,
וואָס זיי בראָקן לאָקשן.
אך, ווונדער, ליבער ווונדער אאז״וו.

אַלץ ווי בײַ גינזבורג־מאַרעק, און מיט דעם 1) נאָכן וואָרט „איך“, נאָר אָן אַ באַמערקונג בײַם פֿוס פֿונעם ליד. אויף ז׳ 18 האָבן מיר ווידער אַ מאָדנעם „1)“ אינעם פֿערז:

אונטערן שלאָס פֿערעהאָז 1)
שטייט אסתר די גרינע אאז"וו.

גרעפֿינען מיר אָבער דעם שליסל צו די דאָזיקע בײַ גינזבורג־מאַרעק געפֿינען מיר אָבער דעם שליסל צו די דאָזיקע באַ־רעטענישפֿולע ציפֿער בײַם פֿוס פֿון יעדן ליד, און מיט זייערע געהעריקע באַמערקונגען וועלכע ה׳ ברונאָף האָט פֿאַרגעסן אָדער מיט אַ כּיוון ניט געוואָלט איבערדרוקן. ווען דאָס וואָלטן נאָר געווען איינציקע פֿאַלן, וואָלטן מיר גע־קאָנט גלייבן, אַז דאָס איז בלויז אַ צופֿאַל, אַן איבערנאַטירלעכער ווונדער, וואָס גראָד אין בײדע זאַמלונגען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן די אָנמערקונג־צייכנס אין איינע און די זעלבע לידער, אין די זעלבע פֿערזן און בײַ די זעלבע ווערטער; געפֿינען מיר אָבער אין דער זאַמלונג אויף ז׳ 53 אַ ליד וואָס פֿאַרמאָגט שוין דרײַ אָנמערקונג־צייכנס. מיר ברענגען עס דאָ, כּדי דער לייענער זאָל אונדז ניט דאַרפֿן גלייבן אויפֿן וואָרט:

ניט קיין געבעטענע
אַליין געקומען —
כאָטש אַן אָרעמע,
פֿאָרט אַ מומע 1).
געגעבן אַ פּיימעלע —
צוגענומען,
שפּילט אַ סעמענע 2)
פֿאַר אַ מומען! 3)

דאָס זעלבע ליד, וואָרט אין וואָרט מיט אַלע צייכנס, געפֿינען מיר אין דער זאַמלונג פֿון גינזבורג־מאַרעק, ז׳ 206. בײַם פֿוס פֿונעם ליד זײַנען אויך פֿאַראַן אַלע דרײַ אָנמערקונגען: 1) ברענגט אַ פֿירפֿערזיקן וואַריאַנט. 2) דערקלערט, אַז „סעמענע" איז אַן אַלטער טאַנץ. 3) ברענגט עטלעכע וואַריאַנטן.

ה׳ ברונאָפֿס פֿאַרדינסט וואָלט בשום אופֿן ניט קלענער געוואָרן, ווען ער וואָלט ערלעך און אָפֿן געזאָגט, אַז ער האָט בלויז געזאַמלט די מעלאָדיעס צו גינז־בורגס און מאַרעקס פֿאָלקסלידער; זײַן פֿאַרדינסט וואָלט נאָך פֿיל גרעסער געווען, ווען ער וואָלט די דאָזיקע מעלאָדיעס ניט באַאַרבעט, נאָר פֿריִער פֿאַר־עפֿנטלעכט אין זייער לכתּחילהדיקער פֿאָרעם, אַזוי ווי זיי ווערן געזונגען פֿונעם פֿאָלק.

מיר קאָנען לײדער ניט אָפּשאַצן זײַנע באַאַרבעטונגען פֿון די מעלאָדיעס, מיר ווייסן ניט, אויב עס איז נאָך אין זיי געבליבן עפּעס פֿאָלקסטימלעכס, נאָך דעם ווי ער האָט זיי האַרמאָניזירט און אַראַנזשירט. — דאָס לאָזן מיר איבער דעם קענער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסמוזיק.

2. אַ געוויסע ענלעכקייט איז פֿאַראַן צווישן דעם ניו־יאָרקער און דעם וואַר־שעווער זאַמלער.

מיט די זעלבע רעקלאַמעס, אָבער אין אַן אַנדער טאָן, אין דעם טאָן פֿון אַ וויסנשאַפֿט־מאַן און פֿאָלקלאָריסט, טרעט אויף פֿאַר אונדז ה׳ פּרילוצקי אינעם פֿאָרוואָרט צו זײַנע געזאַמלטע פֿאָלקסלידער. קודם־כּל לאָזט ער אונדז באַלד

פֿון אָנהייב וויסן, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט אונדזער פֿאָלקלאָר זינט 1900; זינט דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן קלײַבן ייִדישע שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, גלײַכווערטלעך, רעטענישן און אָפּשפּרעכענישן.

פֿאָלקסלידער קלײַבט ער ערשט פֿון פֿעברואַר 1910, און בײַ הײַנטיקן טאָג, ד"ה אין אָקטאָבער פֿון דעם זעלבן יאָר — ווען ער האָט געענדיקט זײַן פֿאָרוואָרט — פֿאַרמאָגט ער שוין צוויי טויזנט נומערן!

אין אַכט מאָנאַטן צײַט צונויפֿצוקלײַבן צוויי טויזנט פֿאָלקסלידער, ווי איז דאָס מעגלעך?

דער זאַמלער דערקלערט דאָס אונדז אויף זײַן אייגענעם שטייגער:

אין אַזאַ קורצער צײַט האָבן אַזאַ גרויסע פּעולה איז, פֿאַרשטייט זיך, מעגלעך געווען נאָר אַ דאַנק דעם אומגעהײַערן עשירות פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־פּאָעזיע. מיט פֿופֿציק יאָר צוריק איז מען געווען אין ספֿק, צי איז בכלל פֿאַראַן בײַ אונדז וועלטלעכע פֿאָלקסלידער. איך דערלויב מיר, על פּי נסיון, איבערדרייען די שאלה. איך פֿרעג: צי האָט נאָך וואָסער ניט איז נאַציע אויף דער וועלט אַזאַ מטמון מיט פֿאָלקסלידער, ווי די ייִדישע?

קלינגט דאָס ניט ענלעך צו ברונאָפֿס אויפֿשריפֿט: „ערשטער בוך אין די היסטאָריע פֿון מענשהייט"? פֿון דעסט וועגן האָט ה׳ פּ. וואָס וויל זײַן אַ וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָלקלאָריסט ניט געטאָרט זיך „דערלויבן" צו שטעלן אַזאַ אומוויסנשאַפֿטלעכע פֿראַגע און נאָך אין אַזאַ זיכערן טאָן. ער האָט דאָס ניט געטאָרט זיך דערלויבן נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרבעט וואָס ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט איר בלויז פֿון פֿעברואַר ביז אָקטאָבער. האָט דאָך דער דײַטשער שריפֿטשטעלער לודוויג יאַקאָבאָווסקי געשריבן אַ מאָל: „איך שאַץ די דײַטשע פֿאָלקסלידער, אויף וויפֿל זיי זײַנען פֿאַראַן אין כּתבֿ־יד אָדער געדרוקטערהייט, אויף הונדערט טויזנט!" און האָט ניט געפֿרעגט: צי האָט נאָך וואָסער ניט איז נאַציע אויף דער וועלט אַזאַ מטמון מיט פֿאָלקסלידער, ווי די דײַטשע? יאַקאָבאָווסקי דאָקומענטירט זײַן מיינונג דערמיט וואָס ער ווײַזט אונדז אָן אויף מאַנוסקריפּטן און געדרוקטע זאַמלונגען, אָנגעבנדיק דערבײַ די גענויע צאָל פֿון די לידער וואָס געפֿינען זיך אין זיי.[1] עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער צאָל האָבן אויך געמוזט אַרײַנגערעכנט ווערן אַזוינע מסופּקדיקע פֿאָלקסלידער ווי די וואָס זײַנען אַרײַן אין פּרילוצקיס זאַמלונג. מיר דאַרפֿן אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז יאַקאָבאָווסקי איז ניט געווען קיין פֿאָלקלאָריסט, נאָר אַ ליבהאָבער פֿונעם דײַטשן פֿאָלקסליד.

ה׳ פּ. טרעט אָבער אויף פֿאַר אונדז ווי אַ פֿאָלקלאָריסט און אַ פֿילאָלאָג, האָבן מיר אַ רעכט צו פֿאָדערן פֿון אים פֿאַקטן, ציפֿער און נעמען פֿון פֿאָלקס־לידער־זאַמלונגען, וואָס זאָלן באַווײַזן די רײַכקייט פֿונעם ייִדישן לידער־אוצר. דערציילט ער אונדז גאָר, אַז גאָגאָל האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: „אַ ליד ווערט געמאַכט ווען די נשמה צאַפּלט"... און פֿון דאַנען איז געדרונגען, אַז ייִדן פֿאַרמאָגן די גרעסטע צאָל פֿאָלקסלידער, ווײַל:

[1] *Aus deutscher Seele, ein Buch Volkslieder*, p. VI.

בײַ וועמען צאַפּלט נאָך די נשמה אַזוי אָפּט, ווי בײַם ייִד? ווער איז נאָך אַזוי לעבעדיק, נערוועזיש, אַנטפּינדלעך, עקספּאַנסיוו? ווער נאָך פֿילט אַזוי פֿיל ווי דער ייִד, וואָס פּחד און האָפֿענונג, טויטשרעק און פֿרייד, מרה־שחורה און אָפּטימיזם שפּילן שטענדיק אין זײַן האַרץ, ווי זון מיט רעגן אויף אַ וואָלקנדיקן זומער־הימל — באָדט זיך טאַקע די ייִדישע גאַס אין לידער!

און טאָמער גלייבט איר ניט, פֿאַרזיכערט ער אײַך אויף זײַן וואָרט, אַז מען קאָן זיי ציילן אין די שיינע טויזנטער: „אַ ים איז עס; גיי אַרויס מיט אַן עמער און שעפּ״.

און דאָס שרײַבט אַ מענטש וואָס ווייס אונדז צו דערציילן, אַז פֿאָלקלאָר איז „פֿון לאַנג אַ וויסנשאַפֿט גלײַך מיט אַנדערע, אַ ליטעראַטור פֿאַרמאָגט זי אין אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן אַזעלכע, וואָס קען אויספֿילן אַ ביבליאָטעק מיט עטלעכע הונדערט טויזנט בענדער״...

מיר ווייסן, אַז דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿאַר גינזבורגס און מאַרעקס זאַמלונג האָבן צוזאַמענגעבראַכט איבער פֿופֿציק פּערזאָן וואָס האָבן נאָך צוויי יאָר אַרבעט קוים צוזאַמענגעקליבן 376 לידער!

מיר ווייסן אויך, אַז י. ל. כּהן האָט איבער אַ צענדלינג יאָר געקליבן פֿאָלקס־לידער אויף דער ייִדישער גאַס און האָט אַזאַ צאָל ניט דערגרייכט.

עס איז שוין עטלעכע יאָר, ווי ש. אַנ—סקי קלײַבט פֿאָלקסלידער, און אויך ער פֿאַרמאָגט נאָך מסתּמא ניט קיין צוויי טויזנט נומערן.

„אַ ים איז עס: גיי אַרויס מיט אַן עמער און שעפּ״ — פֿון דעסט וועגן האָט ה׳ פּ., דער זאַמלער אַליין, ניט געשעפּט זײַנע לידער מיט אַן עמער; צען פּערזאָנען וואָס ער דערמאָנט אין זײַן פֿאָרוואָרט זײַנען אים אין דער אַרבעט בײַהילפֿיק געווען, און פֿון גרויס שפּע האָט ער נעבעך געמוזט אָנקומען צו די *Mitteilungen für jüdische Volkskunde* און האָט פֿון דאָרטן איבערגעדרוקט 17 לידער — וואַריאַנטן כּלומרשט. דערצו האָט ער נאָך איבערגעדרוקט אין זײַן זאַמלונג אַ ליד פֿון 42 סטראָפֿעס, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ גאַנץ נײַער ש״ס־תּחינה, ערשט פֿון נאָדל אַרויס אין ווילנע, תּרנ״ה (זע נומ׳ 69). רעכענען מיר דאָס אַלץ צוזאַמען, ברענגט דער ערשטער באַנד 102 רעליגיעזע און יום־טובֿדיקע לידער, שוין אין איינעם מיט די איבערגעדרוקטע און מיט די 23 וואַריאַנטן צו דעם איין־איינציקן ליד „גאָט פֿון אַבֿרהם״ — און נאָך אַלעמען איז דאָס זייער אַן אָרעמע און מאָגערע זאַמלונג וואָס ווײַזט בשום אופֿן ניט, אַז די ייִדישע גאַס זאָל זיך „באָדן״ אין לידער.

דאָס רובֿ לידער אין דער זאַמלונג זײַנען געשריבן לויט דער פּוילישער אויסשפּראַך, דער עיקר דער וואַרשעווער. אונטער פֿיל געפֿינען זיך ווערטער־ביכלעך; אין יעדן ווערטערביכל חזרן זיך איבער די זעלבע ווערטער וועלכע יעדער ייִד, אַפֿילו דער געבראָטנסטער ליטוואַק, וואָלט פֿאַרשטאַנען אָן פּירוש. למשל: יאַך—איך; מאַן—מײַן; זאַן—זײַן; אַף—אויף; ראַכטע—רעכטע; זאַך—זיך; גאַנטס—גאַנץ און נאָך אַנדערע ווערטער וואָס וואָלטן געווען פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעדן איינעם, ווען דער זאַמלער אַליין וואָלט זיי ניט פֿאַרדרייט מיט זײַן

מאָדנעם אויסלייגעכץ און ווען ער וואָלט אונדז אין זײַן פֿאָרוואָרט באַלד פֿון אָנהייב אָן דערקלערט און מיט באַזונדערע סימנים באַצייכנט דעם קלאַנג פֿון די וואָקאַלן אין דעם פּוילישן דיאַלעקט. מיר מיינען, אַז ער וואָלט גאָרניט באַ־גיין קיין פֿאַרברעך קעגן דעם פּוילישן דיאַלעקט אָדער קעגן דער וויסנשאַפֿט־לעכקייט, ווען ער וואָלט אין אַלע לידער וואָס שטאַמען פֿון וואַרשע ניט אויס־געלייגט דאָס וואָרט „אונדז״ אין זײַן פֿאַרשיידנאַרטיקן אויסלייגעכץ: אינץ, אינטס, אינז, אינדז.

נאָר דאָס זײַנען אַלץ קלייניקייטן... מען מוז מודה זײַן, אַז די זאַמלונג ברענגט אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל פֿאַר דעם שפּראַכפֿאָרשער, אָבער קיין זיכערער קוואַל איז עס ניט. אויך דער פֿאָרשער פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסליד וועט עס נאָר קאָנען באַנוצן מיט אַ געוויסער פֿאָרזיכטיקייט, ווײַל עכטס און אומעכטס זײַנען דאָ צוזאַמענגעמישט אין איינעם. עכטע פֿאָלקסלידער געפֿינען מיר אין דעם באַנד בכלל זייער ווייניק. די רעליגיעזע און יום־טובֿדיקע געהערן על פּי רובֿ ניט צו דער פֿאָלקסטימלעכער דיכטונג, זייערע שאַפֿער זײַנען לומדים און בדחנים וואָס שטאַמען ניט פֿון יענעם פֿאָלקסשיכט, וווּ דאָס עכטע פֿאָלקסליד איז גע־שאַפֿן געוואָרן. בעלי־עגלות און בעקעריונגען, שנײַדער־ און שוסטער־געזעלן, דינסטמיידלעך און נייטאָרינס שאַפֿן ניט אַזעלכע לידער ווי די נומערן 4, 5, 6, 7. מיר וועלן דאָ ברענגען למשל די ערשטע סטראָפֿע פֿון נומ׳ 4:

אני ביער הלכתי,
קולות מצפּרים שמעתּי;
קולות מצפּרים
מזמר מזמורים, —
מזמר מזמורים:
„רו רו רו!״

בין איך מיר געגאַנגען
אין דעם וואַלד;
טרעף איך מיר פֿייגעלעך,
יונג און אַלט;
די פֿייגעלעך זינגען:
„רו, רו, רו!
אדיר, איום ונורא!
בצר לי, לך אקרא!
ה׳ לי — ולא אירא!״

דעם פּראָסטן פֿאָלק איז פֿרעמד דער גײַסט פֿון אַזוינע לידער, עס זײַנען אים פֿרעמד די העברעיִשע אויסדרוקן, און דערפֿאַר קאָן עס אין אַזוינע לידער ניט נעמען קיין אָנטייל, ד״ה עס קאָן זיי ניט ענדערן לויט זײַן געמיט־צושטאַנד און קאָן זיי ניט זינגען ווי זײַן האַרץ געלוסט. אַ שוסטעריִינגל אָדער אַ נייטאָרין קאָן זיך ניט באַרימען, אַז דאָס ליד האָט ער אָדער זי אַליין „אויסגעטראַכט״, אָדער „געמאַכט״, ווי דאָס ווערט געזאָגט וועגן לידער וואָס זײַנען טאַקע פֿונעם פֿאָלק אַליין געשאַפֿן געוואָרן. און אויב מיר זאָלן שוין אַפֿילו אָננעמען, אַז אַזעלכע לידער זײַנען ערגעץ ווו געזונגען געוואָרן פֿון חדר־ייִנגלעך אָדער פֿון

ישיבֿה־בחורים, באַווייַזט עס נאָך ניט, אַז דאָס זייַנען עכטע פֿאָלקסשאַפֿונגען. גענפֿינען מיר דאָך אַ סך הגם עס איז פֿאַראַן אין זיי עפּעס פֿאָלקסטימלעכס. געפֿינען מיר דאָך אַ סך פֿאָלקסטימלעכע שטריכן אויך אין גאָלדפֿאַדענס און אין צונזערס לידער וואָס ווערן געזונגען פֿונעם פֿאָלק, און דאָך וועט קיין זאַכפֿאַרשטאַנדיקער זאַמלער זיי ניט אָנרופֿן „פֿאָלקסלידער" און וועט זיי ניט אויפֿנעמען אין זייַנע זאַמלונגען.

דער זאַמלער אַליך פּטרט אונדז אָפּ אין דעם ענין מיט אַ פּאָר קלינגענדיקע פֿראַזעס און גיט אונדז אַן עצה:

> די נשמה פֿון ייִדישן פֿאָלק ווער ס'וויל דערקענען, די אוממיטלבאַרע שטים פֿון ייִדישן לעבן ווער ס'וויל הערן, דעם ציטער פֿון די אינטימסטע סטרונעס אין ייִדישן האַרץ ווער ס'וויל אויפֿנעמען, — אין תּהום פֿון אונדזערע פֿאָלקסלידער דער זאָל מיטן קאָפּ זיך אונטערטוקן.

מיר גלייבן, אַז מסתּמא האָט דער זאַמלער אַזוי געטאָן, און אויב זייַן קענטעניש פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסליד איז דערפֿון ניט רייַכער געוואָרן, איז אָבער דערמיט ניט קלענער געוואָרן זייַן פֿאַרדינסט. בדחנישע און פֿאָלקסטימלעכע לידער פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מחברים האָבן פֿאַר אונדז אויך אַ באַדייַטנדיקן ווערט, אָבער מיט אונדזער אמתער פֿאָלקסשאַפֿונג האָבן זיי אַ גאַנץ קנאַפּע שייַכות.

אַ באַווייַז, אַז די לידער אונטער די נומערן 4, 5, 6, 7 געהערן ניט צו אונדזער עכטער פֿאָלקסדיכטונג, געפֿינען מיר אויף ז' 14 אין דער אָנמערקונג פֿון דעם זאַמלער, ווו ער דערציילט אונדז פֿון אַ העברעיִשן כּתבֿ־יד וואָס קומט אַרויס פֿון איטאַליע, פֿונעם יאָר 1770. אין דעם דאָזיקן כּתבֿ־יד וואָס האָט אין זיך 100 רעליגיעזע אָדעס אויף שבתים און יום־טובֿים, געפֿינט זיך דער ווייַטערדיקער וואַריאַנט:

אני ביער הלכתי
וקול עופֿות שמעתי.
אחד יעופֿף מול ערפּי
ואָמר: „פּי, פּי, פּי!
תּהלת ה' ידבר פּי!"

איבער אַזעלכע „רעליגיעזע אָדעס", געשריבן אָדער געזאַמלט פֿון אַ געוויסן מרדכי פּכּנגלי, הייסן בייַ אונדזער זאַמלער „ייִדישע פֿאָלקסלידער", יעמאָלט איז אונדז שוין גאָר קיין ווונדער ניט, וואָס ער האָט אין אַזאַ קורצער צייַט צונויפֿגעקליבן גאַנצע צוויי טויזנט נומערן.

ניט קיין פֿאָלקסלידער זייַנען אויך די „גאָט־פֿון־אַבֿרהמס" וואָס די ווייַבער זאָגן פֿאַר הבֿדלה, — און מיט די 23 וואַריאַנטן האָט נאָך דער זאַמלער ניט איבערגעשעפּט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. ווען יעדער ייִדענע וואָלט אים פֿאַרגעזאָגט די דאָזיקע תּפֿילה אין איר אייגענעם נוסח וואָלט ער מיט אַ מיליאָן וואַריאַנטן ניט פֿאַרטיק געוואָרן; אין יעדן „בענטשערל", אין יעדן „ברכּת־המזונדל" וואָלט ער געפֿונען אַן אַנדער נוסח — צו וואָס זשע האָט עס געלוינט איבערצודרוקן פֿון די מיטטיילונגען נאָך 6 וואַריאַנטן?

פּונקט אַזוי פֿאַרשטייען מיר ניט, צו וואָס דער זאַמלער האָט איבערגעדרוקט פֿון די מיטטיילונגען דרייַ וואַריאַנטן פֿון בדחנישע ברית־לידער, די נומערן 44, 45, 46. מילא, די „רעליגיעזע אָדעס", קען זייַן, אַז עמעצער האָט עס געזונגען אין אַ פּויליש קליין שטעטל, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס זייַנען פֿאָלקסלידער; אָבער בדחנישע ברית־לידער וואָס דאָס פֿאָלק האָט קיין מאָל ניט געזונגען, ווי קומען זיי אַהער?

מיר ווילן דאָ ברענגען די ערשטע צוויי סטראָפֿעס פֿון נומ' 44, כּדי צו אילוסטרירן דעם בדחנישן דיכטונגסטיל.

רבותי ליבן, הערכט מיר צו, וואָס איך אייַך וויל זאָגן:
תּורה, מיצוות ומעשׂים טובֿים טון דען מענש אין גן־עדן טראָגן.
געוויס, מיצוות מילה איסט גאָר האָך געאַכט
ווייַל זאָלכע ברוך־הוא נאָך געשיט מיט דער גרעסטע אַנדאַכט.

צום בעווייַז טוט יעדער מאַן תּפֿילה גאַנץ רייַן,
דאָס הקדוש־ברוך־הוא זאָל אים מזכּה זייַן,
איין בן־זכר אים צו שענקען,
דאַמיט דאָס מאַן טון לאחר מאה שנים דורך אָמן יהא שמה רבא אָן אים געדענקען.

עס קאָן זייַן, אַז פֿאַר די מיטטיילונגען האָבן אַזעלכע לידער אַ געוויסן פֿאָלקלאָריסטישן ווערט, זיי האָבן אָבער קיין ווערט און קיין זינען ניט אין אַ פֿאָלקסלידער־זאַמלונג.

און ניט נאָר די איבערגעדרוקטע, — אויך פֿיל פֿון די מינדלעכע לידער וואָס זייַנען צוגעשיקט פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך זייַנען ניט קיין פֿאָלקסלידער. דאָס קאָנען מיר זען פֿון זייער אינהאַלט און סטיל. למשל דאָס ליד נומ' 31 וואָס אַ געוויסער יעקבֿ פֿישמאַן האָט צוגעשיקט פֿון שעדלעץ הייבט זיך אָן נאָכן אַלף־בית אַזוי:

אָנפֿאַנגען ווען מאַר צו לויבן אונדזער הייליקן גאָט,
דער וואָס אונדז דערוויילט האָט
און האָט אונדז די תּורה געגעבן מיט אירע צען געבאָט.

באַשיידן וועל איך די זאַך גאַנץ און גאָר,
ווי עס זיך האָט מיט אונדזער תּורה דערגאַנגען וואָר:
זיי פֿאַרבאָרגן פֿון בריאת־עולם אָן צוויי טויזנט יאָר,
און דערנאָך איז זי אונדז געגעבן געוואָרן גאַנץ און גאָר.

גאָט דער אַלמעכטיקער וואָר זייַנע מלאָכים פֿרעגן:
— זאָל איך די תּורה אויף דער ערד געבן?
אַזוי באַלד ענטפֿערן די מלאָכים אַלע צו גלייַך:
— גאָט, גאָט, לאָז דאָך דייַן שוינהייט אין הימל זייַן רייַך!

מיר קאָנען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, אַז אין שעדלעץ זאָל מען נאָך הייַנט ריידן אַזאַ מין אַלטפֿרענקישע שריפֿטשפּראַך... סייַדן דער צושיקער אָדער דער זאַמלער האָט פֿאַרגעסן צו באַמערקן, אַז דאָס ליד איז פֿון ערגעץ איבער־

געדרוקט, פֿון אַן אַלטן סידור אָדער פֿון אַ נײַער תּחינה. קיין פֿאָלקסליד איז עס יעדן פֿאַלס ניט. אַן עכט פֿאָלקסליד, מעג עס אַפֿילו אַלט זײַן הונדערטער יאָרן, מוז אַלע מאָל בײַטן ניט בלויז זײַן פֿאָרעם און אינהאַלט, נאָר אויך זײַן שפּראַך — אַזוי לאַנג ווי עס ווערט נאָר געזונגען פֿונעם פֿאָלק.

ניט קיין פֿאָלקסלידער זײַנען די נומערן 61, 62, 63, 64, כאָטש זיי זײַנען פֿונעם פֿאָלקסמויל פֿאַרצייכנט און צוגעשיקט פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען. גיכער פֿון אַלץ זײַנען דאָס אַלטע טעאַטער־קופּלעטן, געשאַפֿן אין דעם סטיל פֿון דעם גאַליציאַנער פֿאָלקסדיכטער וועלוול זבאַרזשער. פֿאַר אַ מוסטער וועלן מיר דאָ ברענגען פֿון נומ׳ 61 דעם ערשטן קופּלעט:

דער הייליקער משיח, אַז ער וועט קומען,
וועלן מיר זײַן די ערשטע אויף דער שלאַכט:
צו די דײַטשן וועלן מיר זיך נעמען —
מע וועט זיי שלאָגן בײַ טאָג און בײַ נאַכט.
נאָר ווער?
זרח און ברוך, יעקל־זאַנוול, זינדל־גרינדל,
חיים־שמערל, שמערל־בערל, געצל־זריאל —
וועלן פֿירן דאָס גאַנצע רעדל.
סײלע־ביילע, יענע־סימע, סימע־בלימע, פֿייגע־יענטע,
חנה־באַראַנע, יאַכנע־דעוואָשע
וועלן גיין צום מיצווה־טענצל.

די לעצטע צוויי פֿערזן פֿונעם ליד ענדיקן זיך אַזוי:

און די דײַטשקעס וועל איך דעם רבין איבערגעבן,
און צו דער רביצין — די אפּיקורסים.

דער זאַמלער מיינט בתמימות, אַז דאָס איז אַ פֿאָלקסליד, און נאָך אַ „רע־ליגיעז" פֿאָלקסליד, און אַז „עס טרעפֿט, זאָגט ער, אָפֿט מאָל, דאָס אין די סאַמע חסידישע לידער פֿלעכטן זיך אַרײַן פֿרײַע עטלעכע שורות..." מיינט ער, אַז דאָס איז „אפֿשר דערפֿאַר, וואָס זיי ווערן געזונגען שׂימחת־תּורה, ווען מ׳איז שוין אַ ביסל בגילופֿינדיק?" אין אמתן זײַנען דאָס אָבער ניט קיין שׂימחת־תּורה־לידער, און ניט קיין חסידישע, נאָר — מתנגדישע. דאָס זײַנען שפּאָטלידער קעגן חסידים, און זיי זײַנען מסתּמא געשאַפֿן געוואָרן אין דער השׂכּלה־עפּאָכע, אין דער צײַט, ווען וועלוול זבאַרזשער און מיכל גאָרדאָן האָבן געשריבן זייערע סאַטירישע לידער קעגן חסידים און חסידישע גוטע־ייִדן. ווען דער זאַמלער וואָלט אַ בליק געטאָן אין די ווערק פֿון די דערמאָנטע דיכטער וואָלט ער אפֿשר פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס אין אַזעלכע כּלומרשט חסידישע לידער פֿלעכטן זיך אַרײַן צום שלוס פֿרײַע עטלעכע שורות...

נעמען מיר דאָס ליד נומ׳ 63 און זײַנע וואַריאַנטן, זײַנען דאָס דורכויס טעאַטער־קופּלעטן, דיאַלאָגן צווישן וואָלוועלע אַקטיאָרן וואָס ווילן אַמוזירן דעם עולם מיט לינקע אַנצוהערענישן:

— גבאי, וואָס וויל דער רבי?
— די רביצין זאָל געבן.

— וואָס זאָל זי געבן?
— ווײַן!
— וואָס טויג דעם רבין ווײַן?
— איך זאָל אַרומטיילן די חסידימלעך,
וואָס זיי זײַנען נײַן!

מיר וואָלטן נאָך געקאָנט אָנווײַזן אויף אַנדערע לידער, וואָס פֿאַר זיי איז, לויט אונדזער מיינונג, קיין פּלאַץ ניט אין אַ וויסנשאַפֿטלעכער זאַמלונג — און על פּי יושר האָבן מיר אויך געדאַרפֿט אָנווײַזן אויף די עכטע פֿאָלקסלידער און אויף די גוטע זײַטן פֿון דער דאָזיקער אַרבעט; מיר מוזן עס אָבער לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל, אפֿשר ווען ס׳וועלן דערשײַנען די צוגעזאָגטע ווײַטער־דיקע בענד. דערווײַל וועלן מיר אונטערציִען דעם סך־הכּל: צווישן די הונדערט און צוויי נומערן פֿון דעם ערשטן באַנד געפֿינען זיך בײַ אַ דרײַסיק עכטע פֿאָלקסלידער וואָס זײַנען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געווען. און אָט פֿאַר דעם קנאַפּן, אָבער זייער וויכטיקן מאַטעריאַל פֿאַרדינט דאָך אונדזער זאַמלער אַ גרויסן יישר־כּוח!

פֿאָלקסגעזאַנג און פֿאָלקסליד

באַמערקונגען צו ש. לעהמאַנס אַרבעט און פֿרײַהייט[1]

[צום ערשטן געדרוקט אין פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, I (לאַנדוי־בוך), ווילנע, 1926, זז' 139—154.]

וואָס פֿאַר אַ מיינונג מיר זאָלן שפּעטער ניט אַרויסטראָגן וועגן דער זאַמלונג אַרבעט און פֿרײַהייט, אָבער איינס וועט מען מוזן צוגעבן: ה' לעהמאַן האָט אויפֿגעטאָן זייער און זייער אַ ווילדע זאַך שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ באַזונדערער קאָלעקציע פֿון אַזוינע לידער וואָס זײַנען געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק אין דער צײַט פֿון דער פֿרײַהייט־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד. עס מאַכט ניט אויס, וואָס דאָס רובֿ געהערן זיי דווקא ניט צו דער פֿאָלקסשאַפֿונג און וואָס זיי האָבן מיט אונדזער אמתן פֿאָלקסליד אַ גאַנץ קנאַפּע שײַכות. אַדרבא, וואָס מער די דאָזיקע פֿרײַהייטלידער דערווײַטערן זיך פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „עכטן פֿאָלקסגעזאַנג", אַלץ נעענטער קומען מיר צו דער קלאָרער הבֿנה, אַז ניט אַלץ וואָס ווערט געזונגען אין פֿאָלק קען מען אָנרופֿן „פֿאָלקסליד", מעג עס אַפֿילו שטאַמען פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר.

ס'איז אַ סבֿרא, אַז דאָס איז ניט געווען די לכתּחילהדיקע כּוונה פֿון דעם זאַמלער. קענטיק איז אָבער, אַז מיט דעם אויסדרוק „פֿאָלקסליד" איז ער געווען זייער פֿאָרזיכטיק, געוואָלט עס אין גאַנצן פֿאַרמײַדן. מיר געפֿינען עס טאַקע ניט, ניט אויפֿן שער־בלאַט און ניט אין דער קליינער פֿאָרבאַמערקונג צו דער זאַמלונג. דאָרט זאָגט זיך בלויז:

> דער גרעסטער טייל מאַטעריאַל פֿון דער זאַמלונג אַרבעט און פֿרײַהייט איז אויפֿגענומען געוואָרן אין די יאָרן 1903—1906, וואָס איז מערסטן טייל די צײַט פֿון זײַן אַנטשטייונג. די זאַמלונג איז רעדאַגירט פֿון מ. וואַנווילד. בײַם אויפֿשרײַבן די נאָטן איז געווען בײַהילפֿיק ה. קומאַק.

אַזאַ פֿאָרזיכטיקייט מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, בפֿרט נאָך ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז קיין פֿעסטגעשטעלטע דעפֿיניציע פֿאַר דעם באַגריף „פֿאָלקסליד" פֿאַרמאָגן מיר נאָך ניט. אַלע לידער כּמעט, וואָס ווערן געזונגען אין פֿאָלק, הייסן פֿאָלקסלידער. אַזוי בײַם ברייטן עולם, אַזוי בײַם אינטעלעקטואַל, און

[1] אַרבעט און פֿרײַהייט. זאַמלונג פֿון לידער וואָס זענען ענטשטאַנען אין פֿאָלק אין דער צײַט פֿון דער „פֿרײַהייטס־באַוועגונג" אין צאַרישען רוסלאַנד. ווערטער און מעלאָדיעס געזאַמלט און דערקלערט פֿון שמואל לעהמאַן. פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק, וואַרשע, 1921.

דער הויפּט בײַם „געשטודירטן" מוזיקער. אויף שפּראַך, סטיל און אינהאַלט קוקט מען ניט; אויף אָפּשטאַם אויך ניט. ס'מעג זײַן אַן אמת פֿאָלקסליד, אַ בדחנישס, אַ פֿאָלקסטימלעך ליד פֿון אַ באַקאַנטן דיכטער, אָדער גאָר פֿון אַן אומבאַקאַנטן לידער־מאַכער, פֿון אַ וואָדעוויל־זינגער — אַלץ הייסט „פֿאָלקסליד", אַלץ ווערט געכּשרט...

בײַ אַזאַ מצבֿ, שטעלן מיר זיך פֿאָר, איז פֿאַר דעם געוויסנהאַפֿטן זאַמלער פֿון דעסט וועגן שווער געווען צו באַשטימען, צו וואָס פֿאַר אַ מין, צו וועלכער קאַטעגאָריע די דאָזיקע „אין פֿאָלק אַנטשטאַנענע לידער" געהערן. זאָל מען זיי אָנרופֿן „פֿאָלקסלידער"? איז עפּעס צו האַמעטנע, שוין צוליב זייער שאַרפֿן רעוואָלוציאָנערן טאָן; און ווידער באַצייכענען זיי מיט „רעוואָלוציאָנערע" אָדער סתם „אַרבעטער־לידער" שיקט זיך עפּעס אויך ניט, — פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע נאַיִווע, אמת פֿאָלקסטימלעכע. איז מען געפֿאַלן אויף אַ פֿײַנער המצאה: גאָר אונטן, אויפֿן שער־בלעטל פֿון דער קאָלעקציע, אָוועקגעשטעלט אַ שיין קײַקעלע, עפּעס אַ מין ווינעטקע, אין וועלכער עס לייענט זיך „פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק" און — יוצא!

פֿאָלקלאָר, דאָס איז נאָך אַ פֿיל טיפֿערער ענין. דער אויסדרוק „פֿאָלקלאָר", זײַן אינהאַלט, איז נאָך אפֿשר נעפּלדיקער ווי פֿאָלקסליד. דערפֿאַר אָבער אימפּאָנירט עס, ס'מאַכט אַ טיפֿערן אײַנדרוק... אויף פֿאָלקלאָר איז מען בײַ אונדז נאָך ווייניקער מקפּיד. אַ מעשׂה, אַ לידל, אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט אד"גל, אַלץ וואָס ווערט אויפֿגענומען פֿונעם פֿאָלקסמויל, הייסט פֿאָלקלאָר. דערבײַ פֿאַרגעסט מען איין וויכטיקן פּונקט: אַ מעשׂה וואָס איז קיין פֿאָלקס־מעשׂה ניט און אַ ליד וואָס איז קיין פֿאָלקסליד ניט, — געהערן בכלל ניט צום פֿאָלקלאָר.

סך־הכּל געפֿינען זיך אין דער קאָלעקציע 73 לידער, אַחוץ זייערע וואַריאַנטן, וואָס זײַנען אײַנגעטיילט אין: I. לידער פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, רוסישער רעוואָלוציע און רוסישן צאַר; II. לידער פֿון סטרײַק; III. קאַמפֿלידער; IV. לידער פֿון אַטענטאַט־ און קאַמף־קרבנות; V. אַגיטאַציע־, חוזק־ און להכעיס־לידער; VI. לידער פֿון אַרעסט און תּפֿיסה; VII. וויגלידער, ליבעלידער און ליידלידער; VIII. לידער פֿון דעם אַרבעטסמאַן און אַרבעטספֿאַך; IX. אָנמערקונגען און הוספֿות.

שוין ווי די קעפּלעך אַליין זאָגן אונדז, קאָנען מיר דאָ קיין סך פֿאָלקסלידער ניט דערוואַרטן, און פֿאַר דער באַצייכענונג „פֿאָלקלאָר" וועלן מיר מוזן זוכן אַ זכות נאָר אין דעם צענדלינג נומערן וואָס מען קאָן, אָן שום ספֿק, צושרײַבן צו דער אוממיטלבאַרער פֿאָלקסשאַפֿונג. די איבעריקע זײַנען ניט מער ווי צעזונגענע סאָציאַלע לידער פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע דיכטער; דאָס רובֿ נאָכגעמאַכטע און לשם אַגיטאַציע איבערגעניצעוועטע טעקסטן פֿון עלטערע פֿאָלקסלידער און פֿאָלקסטימלעכע לידער; פּרעמדאַרטיקע מאָטיוון און אידעעס וואָס זײַנען ניט „אין פֿאָלק אַנטשטאַנען", נאָר פּשוט אַרײַנגעבראַכט געוואָרן פֿון דרויסן, דורך פֿאַרמיטלונג פֿון ליטעראַטור, דורך אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן און אומבאַקאַנטע לידער־מאַכער.

דער אומבאַקאַנטער לידער־מאַכער וואָס קומט דאָ אין באַטראַכט איז ניט יענער אַנאָנימער פֿאָלקסדיכטער פֿון אונדזער קאָנצעפּציע, דער אימפּראָוויזאַטאָר און קאָלעקטיווער מיטשאַפֿער פֿון אונדזער אמתן פֿאָלקסליד; דער „אומבאַקאַנטער“ וואָס מיר האָבן דאָ אין זינען איז אַווירקלעכקייט, אַ רעאַלער טיפּ, וואָס מען באַגעגנט אים אומעטום ווו ס׳איז נאָר פֿאַראַן אַ קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסע. ער איז אומבאַקאַנט אפֿשר נאָר דערפֿאַר, וואָס זײַן אומנות איז ניט „דיכטונג“ און וואָס זײַנע צופֿעליק געמאַכטע לידער פֿאַרבלײַבן ניט אין פֿאָלקס־זכרון. אין געוויינטלעכע צײַטן זעט מען אים זעלטן, ער באַווײַזט זיך נאָר אין אויסערגעוויינטלעכע מאָמענטן; דאָס רובֿ נאָך אַ קאַטאַסטראָפֿע, אַ פּאָגראָם, אַ גרויסער שׂרפֿה, אַ מלחמה און בכלל נאָך יעדער פּאַסירונג וואָס רודערט אויף דעם ברייטן המון. אין אַזעלכע מאָמענטן באַווײַזט ער זיך אויף דער גאַס מיט אַ ליד אין האַנט, אָפּגעדרוקט אויף אַ בלעטל ביליקן פּאַפּיר אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן, וואָס ער האַלט אונטערן אָרעם; און נאָך איידער ער באַט אָן זײַן סחורה צום פֿאַרקויף הייבט ער שוין אָן זײַן ליד מיטן ניגון פֿון אַ באַקאַנטן טעאַטער־קופּלעט. און דער עולם אין גאַס, וואָס האָט פֿון אַלע מאָל ליב געזאַנג, קלײַבט זיך ביסלעכווײַז אַרום דעם זינגער, הערט זיך צו צום ליד מיט גרויס נײַגעריקייט און אינטערעס; זינגט נאָך שטילערהייט יעדעס וואָרט און איז באַגײַסטערט. מען מוז צוגעבן, אַז דאָס געזאַנג אַליין איז אפֿשר ניט אַזוי פֿויגלדיק און דער אינהאַלט פֿונעם ליד איז אויך שוין אַלעמען באַקאַנט, נאָך פֿון דער פֿאַראַכטאָגעדיקער צײַטונג... די מעלאָדיע אויך; און ס׳איז פֿאָרט אַ נײַ ליד, פֿון עפּעס וואָס האָט זיך אָט ערשט פֿאַרלאָפֿן. עס איז, למשל, אַ ליד פֿון דער „טיטאַניק“, פֿון דער ריזנשיף וואָס איז אַזוי טראַגיש אונטערגעגאַנגען אין מיטן ים מיט אַזוי פֿיל מענטשן; אָדער ס׳איז אַ ליד פֿון דער גרויסער שׂרפֿה וואָס איז אָט ערשט פֿאָרגעקומען אין אַ ניו־יאָרקער פֿאַבריק, ווו פֿופֿציק מיידלעך זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אויף קויל, — אַלץ ברענענדיקע נײַס, סענסאַציע וואָס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. — „דאַכט זיך, אָט ערשט געווען אין פּייפּער... און שוין אַ ליד... צום זינגען מיט דער באַקאַנטער מעלאָדיע פֿון... קום, קום ישׂראליקל אַהיים!“... צעכאַפּט עס דער עולם ווי מצה־וואַסער, און דער לידער־מאַכער מאַכט גוטע געשעפֿטן...

אַן אַנדערש מאָל און אויף אַן אַנדער אָרט קאָן עס זײַן אַ פּאָגראָמליד,[2] „אַ ליד פֿון אַ געהרגעטן קאָנטאָרשטשיק“, אָדער גאָר פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה: ס׳מאַכט ניט אויס ווו און ווען, אומעטום איז עס די אַרבעט פֿון דעם אומבאַקאַנטן לידער־מאַכער...

און אַזוי הייבט זיך עס אָן אין אַרבייט און פֿרײַהייט:

[2] אין באַסטאַבסקיס זאַמלונג (ז׳ 87) איז פֿאַראַן אַ פּאָגראָמליד וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

ווער ס׳האָט די בלאָט געלעזן
פֿון דער באַרימטער שטאָט אָדעס,
וואָס פֿאַר אַן אומגליק ס׳האָט געטראָפֿן
אין איינע צוויי מעת־לעת.

נומ׳ 1:

1. ווי לאַנג נאָך וועט די מלחמה געדויערן,
ווי לאַנג נאָך וועט זיך דאָס בלוט אַזוי גיסן,
די מוטערס זיי טו׳ן באַדויערן,
זיי הערן נישט פֿון זייערע קינדער קיין גריסן.

2. יתומים, אַלמנות זײַנען איבערגעבליבן,
עגונות אויף זייער גאַנץ לעבן,
זייערע מענער האָט מען זיי צום טויט געטריבן,
זיי האָבן זיי קיין גט נישט געגעבן.

נאָך יעדע צוויי סטראָפֿעס קומט דער רעפֿריין:

ייִדישע יונגע קרבנות
ס׳איז אויף אײַך אַ רחמנות,
מען האַפּט, מען האַפּט,
מען זעט נישט קיין סוף —
ייִדישע יונגע קרבנות.

דאָס ליד איז אײַנגעטיילט אין 5 קופּלעטן און ווי עס זעט אויס, איז עס געמאַכט פֿון אַן אומבאַקאַנטן לידער־מאַכער, לויטן מוסטער פֿונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער־רעפּערטואַר. עס איז זיכער, אַז די שאַפֿער פֿונעם אמתן פֿאָלקסליד וואָלטן אַזוי פֿרעמד און טעאַטראַליש ניט געזונגען: „ייִדישע יונגע קרבנות, ס׳איז אויף אײַך אַ רחמנות“... אַפֿילו די אַלטע בדחנים האָבן שוין געהאַט אַ פֿײַנערן געשמאַק.

נומ׳ 2:

אויף דעם זעלביקן מאַניר, דאָס איז שוין אָבער אַ נאָכמלחמה־ליד, און אַז מען לייענט עס דערמאָנט מען זיך אין גאָלדפֿאַדענס: „פֿאַריאָמערט, פֿאַרקלאָגט, פֿון זײַן היים פֿאַריאָגט“. יאָ, מען קאָן עס אַפֿילו זינגען מיטן זעלביקן ניגון, עס האָט דעם אייגענעם מישקל און סטראָפֿנבוי.* ס׳הייבט זיך אָן אַזוי:

יעדער איינער ווייס,
ווי מעכטיק און ווי גרויס
ס׳איז געווען די רוסישע מדינה:
אין דעם גאַנצן לאַנד
האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט,
ער האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אויף דער בינע.

די מעכטע פֿון אַרום
זײַנען געוואָרן שטום,
צײַגנדיק די העלדישע גבֿורה;
בײַ די לאַנגע צעפּ
מיט די דומע קעפּ
האָט ער אײַנגענומען אַ שטיק לאַנד מאַנדזשוריע.

* אין לעהמאַנס זאַמלונג גייט דאָס ליד אָן נאָטן.

גענוג. פֿון די פּאָר ציטירטע סטראָפֿעס קאָן מען שוין זען, אַז ס'איז אַ ליד וויפֿון דער „בינע" אַראָפּגעזונגען געוואָרן, און עס ווונדערט זיך פּשוט, ווי אַזוי מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַזעלכעס האָט עפּעס צו טאָן מיט פֿאָלקלאָר.

אין די אַנדערע אָפּטיילונגען, צווישן די אַזוי גערופֿענע סטרײַק־, קאַמף־, אַטנטאַט־ און אַגיטאַציע־לידער (מיטן אויסנאַם פֿון נומ' 23) איז ניטאָ אַזעלכעס וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ דירעקטע שײַכות צו פֿאָלקסליד אָדער פֿאָלקסשאַפֿונג.

נומ' 23 איז דאָס שיינע, בונטאַרישע לעקערט־ליד. דאָס איז דאָס איינציקע פֿאָלקסליד צווישן די ערשטע זעכציק נומערן אין דער קאָלעקציע. עס איז ניט קיין געוויינטלעך פֿאָלקסליד, ס'איז אַ פֿאָלקס־באַלאַדע פֿון ערשטקלאַסיקן ווערט פֿאַר דעם פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסדיכטונג, און צוליב דעם אַליין, שײַנט מיר, איז שוין ווערט געווען די גאַנצע מי פֿונעם זאַמלער.

די באַלאַדע איז דאָ פֿאַרטראָטן אין פֿיר פֿילסטראָפֿיקע וואַריאַנטן וואָס קומען נאָך דער ריי: נומ' 23 — 11 סטראָפֿעס; נומ' 23א — 18; נומ' 23ב — 15; נומ' 23ג — 10 (דערצו אַ וואַריאַנט בײַ באַסטאָמסקי, ז' 129). עס איז אוממיגלעך דאָ אָפּצושטעלן זיך אויף יעדן וואַריאַנט באַזונדער, נאָר כּדי צו דעמאָנסטרירן דעם פֿאָלקישן טראַדיציאָנעלן סטיל וועט גענוג זײַן, רעכן איך, צו ציטירן אַ פֿינף־זעקס סטראָפֿעס פֿון נומ' 23ב:

1. אַזוי ווי הירשקע איז פֿון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
אוי, געזאָגט האָט ער: „אַ גוטע נאַכט".
אַזוי ווי הירשקע איז צום צירק צוגעקומען,
קיין כווילע אויף דעם זייגער האָט ער ניט פֿאַרבראַכט.

2. אַזוי ווי הירשקע איז צו די קאַסע צוגעקומען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אויף גיך;
אַזוי ווי הירשקע איז צו זײַן לאָזשע צוגעקומען,
האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן אַרום זיך.

נאָכן אַטנטאַט, ווען מען האָט הירשקען אַרעסטירט:

7. אַזוי ווי הירשקעס פֿרוי איז דאָס געוואָר געוואָרן,
איז זי צום קיסר געפֿאָרן,
זי האָט קיין שום זאַכן נישט געקלערט
אַ פּראָשעניע צום קיסר אָפּגעשריבן.

8. אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר איז דאָס געוואָר געוואָרן,
איז ער צום קיסר געפֿאָרן,
ער האָט אים באַלײנט אַ זשאַלאָבע,
אַז הירשקע וויל אים דערקערצן זײַנע יאָרן.

נאָך הירשקעס עקזעקוציע:

14. ברידער, שרעקט אײַך נישט איבער,
דעם שטריק וואָס מען האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף מיר,
נאָר אַן אָנדענקונג לאָז איך אײַך איבער,
אַז די ליד זאָלט איר זינגען נאָך מיר.

15. ווי באַלד מײַן פֿרוי וועט אַ זון געבוירן,
אַ נאָמען זאָל זי אים געבן נאָך מיר,
נאָר אַן אָנדענקונג לאָז איך אײַך איבער,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען נאָך מיר.

די לעצטע צוויי סטראָפֿעס זײַנען ענלעך כּמעט אין אַלע וואַריאַנטן, נאָר אַנשטאָט דעם וואָרט „ראַכע" שטייט אין נומ' 23 סטר' 10; 23א סטר' 14: „רעכענען זאָלט איר אײַך מיט דעם טיראַנישן נאַציאָן". — דער מאָטיוו פֿון דער לעצטער סטראָפֿע: „ווי באַלד מײַן פֿרוי וועט אַ זון געבוירן" אאַז"וו געפֿינט זיך אין עטלעכע פֿאָלקסלידער (בײַ גינזבורג־מאַרעק: נומ' 149; כּהן: ב' 1, ז' 182).

מען קאָן זאָגן, אַז דאָס שיינע לעקערט־ליד, די ווונדערבאַרע פֿאָלקס־באַלאַדע, איז אַ פֿענאָמענאַלע דערשײַנונג אין אונדזער פֿאָלקסשאַפֿונג. עס איז אַנטשטאַנען אין אַ צײַט, ווען פֿאָלקסלידער בכלל ווערן שוין ניט געשאַפֿן; ווען אַלע קוואַלן פֿון דער אוממיטלבאַרער פֿאָלקסדיכטונג זײַנען שוין לאַנג פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט בערג פֿון בדחניש, נאַציאָנאַלע, רעוואָלוציאָנערע און סתּם אַזוי לידער, — און דאָך אַזאַ פֿענאָמען!

אַז אַזעלכע ווונדער געשעען ניט אַלע טאָג קאָן מען זען פֿון ווײַטערדיקן ברוך שולמאַן־ליד וואָס וויל אויך דערציילן אַן אַטנטאַט־געשיכטע, אָבער ווי אַזוי?

נומ' 25:

1. ווי עס איז געקומען דער ערשטער רוסישער מײַ,
האָט מען דערהערט אין גאַס אַ קלאַפּ:
דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך גענומען פֿרייען,
אַז קאָנסטאַנטינאָוו האָט געקריגן אַ כאַפּ.

2. ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען,
געגאַנגען איז ער צו דעם טויט,
געזעגנט האָט ער זיך מיט זײַנע חבֿרים
מיט דער באָמבע אין דער האַנט.

אַזעלכע רעפּאָרטלידער, אָן אַ טראָפּן פֿאָלקסטימלעכן חן, געפֿינען זיך אין דער זאַמלונג אַ היפּש ביסל.

נומ' 32:

איר נאַרישע ציוניסטן
מיט אײַער קעצענעם מוחל,
קומט אַרויס צו דעם אַרבעטסמאַן
און לערנט אײַך בײַ אים שׂכל

איז פּאַראָדירט פֿון אַן אַלט בדחניש ליד:

קום אַהער דו פֿילאָזאָף
מיט דײַן קעציש מוחל,
קום אַהער צום רבינס טיש
און לערן זיך דאָ שׂכל.

(בײַ קיפּניס, טייל 1, ז' 93).

נומערן 33—40:

דאָס רובֿ איך־, צוויי־ און דרײַ־סטראָפֿיקע עקסטעמפּאָרער געשאַפֿענע גאַסנלידלעך. דער בעסטער מוסטער איז נומ׳ 39:

הערט נאָר ר׳ סראָל,
ס׳גייט שוין נישט קיין פּאַטרול?
— קיין קאָזאַקן רײַטן נישט?
קיין זעלנער גייען נישט?
— היי, שיינדל, נעם אַרויס ס׳רויטע פֿענדל.

דאָ איז כּדאַי אָנצווײַזן אויף עטלעכע בעסערע מוסטערן פֿון די כּלומרשט „אין פֿאָלק אָנטשטאַנענע לידער", אויף די שאַפֿונגען פֿונעם „באַוווּסטזיניקן אַרבעטער", פֿונעם „מאַסאָוון אַגיטאַטאָר" אָדער אַזוי פֿון איינעם וואָס איז שוין געוואָרן אָנגעשטעקט מיט אַגיטאַציע, מיט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

אַזאַ איינער מוז דווקא ניט זײַן קיין דיכטער, קיין אָריגינעלער שאַפֿער; ער דאַרף נאָר האָבן אַ גוטן זכּרון און פֿאַרמאָגן אַ היפּשן לידער־רעפּערטואַר וואָס גייט שוין צוזאַמען מיט „קענען אַ ביסל זינגען"; אם כּן קען ער שוין אויך, בשעת הדחק, מאַכן אַ ליד. קאָן ער ניט מאַכן עפּעס אייגנס, למשל אַזאַ ווי דאָס שולמאַן־ליד, מאַכט ער נאָך פֿרעמדס; פֿאַראָדירט ער, ניצעוועט ער איבער, „באַאַרבעט". אַ כּלל, פֿאַר אַ נײַ אַרבעטער־ליד, מיט אַלע נייטיקע שלאָגווערטער, איז ער שוין באַזאָרגט...

טרעפֿט זיך אַ מאָל, עס דערטראָגט זיך פּלוצלינג צו דעם דאָזיקן „אַרבעטער־זינגער" עפּעס אַ בייזע בשׂורה: „מ׳האָט אונדזערס אַ ברודער פֿאַראַרעסטירט" — און גראָד דעם וויכטיקסטן — מאַכט עס אויף אים אַ שווערן אײַנדרוק. שווערע, טרויעריקע געדאַנקען, אומעטיקע ניגונים הייבן זיך אָן פּלאָנטערן אין מוח, און עס ווילט זיך עפּעס זאָגן, עפּעס זינגען אַ טרויעריקס, אַ קלאָגליד, אַן איכה־ליד... נאָר ווי פּאַסט עס?... ווי קומט עס צו אַ „קעמפּפֿער"?... יאָ אַ טרויעריקס, נאָר עפּעס שטאָלצס, פּראָטעסטירנדיקס זאָל זײַן דערינען, — און אָט שווימט אַרויף אויפֿן געדאַנק אליקום צונזערס עלעגיע אויף לעוואַנדאַס טויט; און עס הייבט זיך אָן זינגען ווי פֿון זיך אַליין:

ביסלעכווײַז טריקנט אויס אונדזערע קוואַלן,
פֿאַרשמאַכט ווערט פֿון טאָג אונדזער מאַכט;
אומנעריכט איז יעצט אַ שטערן געפֿאַלן,
פֿון די וואָס באַלײַכטן די נאַכט.
ס׳האָט נאָך בײַ אונדז ניט פֿאַרטריקנט די טרערן,
וואָס נאָרדאָן, סמאָלענסקין אונדז פֿעלט;
דאַרפֿן מיר פּלוצלינג די בשׂורה דערהערן:
לעוואַנדאַ נישטאָ אויף דער וועלט!
האַלט אָפּ, נאָט, דײַן האַנט,
שטראָף ניט נאָך אַנאַנד,
אָפּרוען לאָז אונדז עטוואָס...
וואָס קען פֿון אונדז זײַן?
צו אָפּט גיסט אונדז אײַן
טראָפּנס פֿון ביטערן כּוס!

ס׳איז גוט, ווי געווונטשן!... נאָר אַ ביסל צו בורזשואַזנע... מען דאַרף צופּאַסן אַנדערע ווערטער... און אָט מאַכט ער עס איבער, לויט זײַן אייגענער פּראָלעטאַרישער שטימונג (נומ׳ 43):

די טריט פֿון טיראַנען האָבן זיך געלאָזט הערן,
איינס אַ זייגער בײַ נאַכט;
דאַן איז פֿון הימל געפֿאַלן אַ שטערן,
פֿון די וועלכע גלאַנצן בײַ נאַכט.

ס׳האָבן נאָך נישט פֿאַרטריקנט אונדזערע טרערן
פֿון די, וועלכע מ׳האָט פֿאַרשיקט אויף סיביר,
פּלוצלינג האָבן מיר געטון אַ בייזע בשׂורה דערהערן:
מ׳האָט אונדזערס אַ ברודער פֿאַראַרעסטירט.

אַך, ווי ביטער איז אַזאַ לאַנד,
דאָס בעסטע גייט צו שאַנד,
די געטרײַסטע שוועסטער און ברידער;
ווער ווייסט,
צי מע וועט האָבן אַ טרייסט
צו זעען זיך מיט זיי ווידער.

דאָ האָט געוויס גורם געווען דער אַלטער ניגון, דער אומבאַוווּסטער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. אָבער דאָס נאָכמאַכן אַליין, די באַאַרבעטונג, איז אַ געזוכטע, אַ באַוווּסטזיניקע, לשם אַגיטאַציע; מען וויל אין דעם אַלטן לידער־רעפּערטואַר, מיט וועלכן מען קאָן זיך ניט צעשיידן, אַרײַנאַרבעטן די נײַע אידעעס פֿון קלאַסנקאַמף, פֿון רעוואָלוציע.

דאָס באַווײַזן אונדז די ווײַטערדיקע לידער:

נומ׳ 44:

שוועסטער, ברידער, מיר זינגען לידער,
מיר זינגען לידער פֿון זיך אַליין;
נעמט אײַך צונויף אַלע אין איינעם,
ווען מיר אײַך געבן צו פֿאַרשטיין. (ביס)

איז דאָס איבערגעמאַכט פֿון וואַרשאַווסקיס ברויטליד:

גרויסער גאָט! מיר זינגען לידער;
אונדזער הילף ביסטו אַליין!
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין. (ביס)

(מ. מ. וואַרשאַווסקי, יודישע פֿאָלקסלידער, וואַרשע, 1901)

נומ׳ 48:

סליפּ־סלאָפּ אין אײַזנטיר,
סלוטשנים לעבן, עפֿן מיר;
די געדאַנקען פּלאָגן, איך האַלט נישט אויס,
לאָז שוין מיך אויף דער פֿרײַ אַרויס.

פֿון אַ ווײַט פֿאַרשפּרייט פֿאָלקסליד:

סליפּ, סלאַפּ, אין גאָלדנטיר,
מײַנע ליבע, עפֿן מיר!
— סלאַפּן, סלאַפּן זאָלסטו ניט,
עפֿענען וועל איך דיר ניט!

(בײַ גינזבורג־מאַרעק: נומ׳ 309; פּהן:
ב׳ 1, ז׳ 15; באַסטאָמסקי: נומ׳ 14, ז׳ 43)

נומ׳ 49:

עס דרימלט אין טורמע,
די לעדן פֿאַרמאַכט,
עס דרייט זיך אַרום
אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך.

בלויז די ערשטע פֿערזן דערמאָנען אין אַ נײַ פֿאָלקסטימלעך ליד וואָס איך ציטיר דאָ פֿון זכרון:

עס דרעמלט דאָס שטעטל, די לאָדן פֿאַרמאַכט;
צו מיר, ליבסטע, קום אין אַ פֿינצטערער נאַכט.
אין וואַלד אַ קליין שטיבעלע האָב איך אַליין, אאז״וו.

נומ׳ 54:

שלאָף, מײַן קינד, מײַן קינד, מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן זונעניו!
אַ יונגער סיבירניק איז דער טאַטע דײַנער,
שלאָף ליו־ליו, ליו־ילו.

בלויז אַרויסגעוואָרפֿן אַ פּאָר „רעאַקציאָנערע" ווערטער: „קרוין", „קדיש" פֿון שלום־עליכמס באַקאַנט וויגליד:

שלאָף, מײַן קינד, מײַן טרייסט מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן זונעניו!
שלאָף מײַן קרוין, מײַן קדיש איינער.
ליולינקע ליו־ליו.

(צום ערשטן מאָל געדרוקט אין קול מבֿשׂר צו
דער יודישער פֿאָלקסביבליאָטעק, אָדעס, 1892)

פֿאַרשפּרייטן זיך אַזעלכע לידער, פֿון מויל צו מויל, אין די ברייטע אַרבעטער־קרײַזן, — אַנטשטייען וואַריאַנטן, אַנטשטייען אַנדערע לידער אויפֿן זעלביקן שנים. ניט־ווילנדיק פֿאַרגלײַכט זיך דער נײַער נוסח מיטן אַלטן; געפֿעלט דאָס נײַע ליד, ווײַל ס׳איז נײַ, ווײַל ס׳איז מאָדיש, רעוואָלוציאָנעריש — רעגט עס אָן, חילט זיך נאָכמאַכן. כאַפּט מען באַלד דעם שניט, — בײַט מען איבער: אַ וואָרט דאָ, אַן אויסדרוק דאָרטן; אַ פּערז פֿון דאַנען, אַ סטראָפֿע פֿון דאָרטן, און עס ווערט אַ שפּאָגל נײַ... רעוואָלוציאָנעריש אַרבעטער־ליד. אַ מאָל געלינגט עס, אַ מאָל ניט. נאָר וואָס איז דען די נפֿקא־מינה? אַבי ס׳לאָזט זיך זינגען...

מיר וועלן אַריבערהיפּערן די צעזונגענע סאָציאַלע לידער פֿון עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי און אַנדערע, וואָס זײַנען שוין געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק נאָך פֿאַר דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און נאָך איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן

די אַזוי גערופֿענע „פֿרײַהייטס־באַוועגונג" אין צאַרישן רוסלאַנד. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף נאָך אַ פּאָר נאָכגעמאַכטע און באַאַרבעטע, און צום סוף איבערגיין צו דעם ביסל אמתע פֿאָלקסלידער וואָס געפֿינען זיך בײַם סאַמע ענד פֿון דער קאָלעקציע.

נומ׳ 62:

1. שלעכטע יאָרן, ביטערע צײַטן
וואָס עס לעבן מענטשן אוי, אַצינד;
ס׳קומט זיי צו פֿון אַלע זײַטן,
אַ ליאַדע טאָג אַ נײַער ווינט.

2. מיר זע׳מיר דאָך געבוירענע קבצנים;
מיר וואַקסן אַזוי ווי גראָז אויפֿן פֿעלד:
מיר פֿאַלן נעבעך אויפֿן פּנים,
ווער פֿון הונגער, ווער פֿון קעלט.

ס׳איז פֿאַרזיכטיק איבערגעמאַכט פֿון אַן אַלט פֿאָלקסטימלעך ליד וואָס האָט זיך צופֿעליק אַרײַנגעכאַפּט בײַ גינזבורג־מאַרעק, נומ׳ 309:

1. שלעכטע יאָרן, ביטערע צײַטן
האָבן מיר זיך, ייִדעלעך, דאָ אין רומעניע פֿאַרדינט;
עס פֿאַלט אונדז צו פֿון אַלע זײַטן
אַלע טאָג אַ נײַע ווינד! *

2. נײַ געבוירענע קבצנים,
זיי וואַקסן ווי גראָז אויפֿן פֿעלד;
זיי פֿאַלן נעבעך אויף דעם פּנים
פֿון דאָרשט און פֿון קעלט.

דאָ איז שוין גוט ניכּר די להיפּוכדיקע טענדענץ פֿון די ביידע לידער. אָבער נאָך בולטער ווײַזט זיך עס אַרויס אין זייערע שלוססטראָפֿעס.

גינזבורג־מאַרעק, סטר׳ 6:

פֿון די דערפֿער האָט מען אונדז פֿאַרטריבן,
פֿון די שענקען מיט אַ ווילדן כּעס;
היינט לויף, כאַטשע הענג זיך,
כאַטשע פֿאַל אין מיטן גאַס!

לעהמאַן, סטר׳ 3:

מע טרײַבט אונדז אַרבעטער פֿון די פֿאַבריקן,
מע טרײַבט אונדז מיט אַ ווילדן האַס;
ס׳קומט אונדז אויס צו גיין טרענקען,
ענטפֿער שטאַרבן אין מיטן גאַס.

ווי עס שײַנט, איז זייער שווער זיך צו שיידן מיטן אַלטן פֿאָלקסגעזאַנג, כאָטש מ׳איז שוין אַ באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, — עפּעס ציט נאָך אַלץ צו די אַמאָליקע לידער, צו די אַלטע ניגונים; און אַז מען זיצט בײַ דער אַרבעט

---

* = חוגד.

און מען זינגט, וואַרפֿן זיך דורך פֿאַרשידענע: אַ מאָל אַלטע, אַ מאָל נײַע, און ווי געוויינטלעך האָבן די לעצטע די אייבערהאַנט. מאַכט זיך אָבער אַ מאָל, עס זינגט זיך אַרויס ניט־ווילנדיק עפּעס אַן אַלט לידל:

היי‌ב איך מיך אויף,
דער האָן גיט אַ קריי;
דאָס האַרץ איז מיר טרוקן,
ס'איז נישטאָ קיין גלעזל טיי!

אַך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע דו אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפֿענונג
נאָר אַ שנײַדערין צו זײַן!

ס'איז טאַקע אַ שיין לידל, פֿון אַן אַרבעטער־מיידל, אָבער פֿון אַמאָליקע צײַטן, ווען מען האָט פֿון גאָרנישט ניט געוווּסט... געפֿעלן ניט די אַלטע ווערטער „גאָט", „האָפֿענונג" און דער גאַנצער „איך"־טאָן, גיט מען זיך אַן עצה — און באַלד ווערט פֿונעם „איך־ליד", אַ „מיר־ליד", שוין גאָר אַן אַנדער נוסח (63א):

זונטאָג אין דער פֿרי,
דער האָן גיט אַ קריי, —
מיר דאָנזשען נישט אויסצוטרינקען
ס'גלעזעלע טיי.

אַך מײַנע ליבע ברידער,
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט?
מיר אַרבעטן, מיר אַרבעטן —
דער מײַסטער האָט דאָס געלט.

נומערן 64—67:

אַ סעריע בעקערלידער, ווו דער געדריקטער מצבֿ, די שווערע נויט פֿון דעם בעקער־אַרבעטער ווערט גאַנץ אויספֿירלעך באַשריבן. מיטן אויסנאַם פֿון נומ' 66 זײַנען דאָס אַלץ געמאַכטע לידער, לשם אַגיטאַציע, און נאָך אַ געוויסן שאַבלאָן:

ווי עס קומט די צײַט נאָך פּורים,
גרייט מען זיך צו די מצות גלײַך.
מע יאָגט זיך אָוועקצולייגן די קרעפֿטן,
נאָר דעם בעקער צו מאַכן רײַך.

און דאָס ליד ענדיקט זיך מיט אַ גוטער עצה:

שנעלער לייגט אַרויף דעם וואַליק
אויף די מצה, וועלגערט ניט! *
די בעסטע זאַך איז בײַ די פּראַצע
צו זינגען אַן אַרבעטסליד.

נומ' 68 איז שוין אַ ביסל אָנגעהויכט מיט דרויסנדיקער אַגיטאַציע, אָבער לויט פֿאָרעם און אויסדרוק כּמעט אַ קינדערליד, אַ פֿאָלקסליד, ספּאָנטאַן געשאַפֿן:

* = גוס.

זאַריצקי האָט צען קינדער,
צען קינדער,
און מיר דאַרפֿן האָרעווען
אויף יעדערן באַזינדער.*

אוי, וויי, ווינד,
דאָס בעסטע קינד,
אַז ס'קומט נאָר אין פֿאַבריק אַרײַן
איז'ס ערגער ווי אַ הינט.**

אין די עטלעכע נומערן (69—73), וואָס זײַנען אונדז געבליבן צום סוף, געפֿינען מיר אַ טייל פֿון דעם צענדלינג אמתע פֿאָלקסלידער וואָס מיר האָבן אין אָנהייב דערמאָנט. דאָס זײַנען אַלטע, אַמאָליקע אַרבעטער־לידער, ריכטיקער וואָלט אפֿשר געווען: אַרבעטאָרינס־, אָדער אַרבעטאָרין־לידער. נאָר עס קלעפּט זיך ניט, ניטאָ אַזאַ אויסדרוק. בעסער באַשרײַבן: לידער פֿון אַרבעטער־מיידלעך וואָס האָבן עס אַליין געשאַפֿן און געזונגען בײַ דער אַרבעט. אוממיטלבאַרע, אמתע פֿאָלקסלידער, „איך־לידער", ווו יעדער „איך" דריקט אויס דאָס פֿילן און טראַכטן פֿון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, פֿונעם כּלל. אַ מאָל האָבן מיר מסתּמא פֿון די דאָזיקע לידער פֿאַרמאָגט אַן אוצר, זײַנען זיי פֿאַרלאָרן געגאַנגען, פֿאַרגעסן געוואָרן; זײַנען זיי הײַנט בײַ אונדז אַ יקר־המציאות און אפֿשר אַנדערש ווו אויך. ס'איז נאָר אַ וווּנדער, ווי אַזוי זיי זײַנען אין דער צײַט פֿון דער „פֿרײַהייטס־באַוועגונג" ניצול געוואָרן פֿון „באַאַרבעט" צו ווערן.

דעריבער וועל איך מיך אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן מאַטעריאַל אַ ביסל לענגער ווי בײַם אַנדערן, באַטראַכטן עס אויף אַן אַנדער אופֿן: ציטירן פֿון יעדן ליד עטלעכע סטראָפֿעס, מאַכן אַ פּאָר נייטיקע באַמערקונגען, אויסטײַטשונגען, און אפֿשר ניט אַזוי אָביעקטיוו ווי עס וואָלט זיך געוואָלט. נאָר ס'איז כּדאַי. איך וויל דערמיט מהנה זײַן די ייִנגערע זאַמלער, אָנווײַזן אויף דער וויכטיקייט פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, אויף דער אייגנאַרט פֿון די לידער וואָס זײַנען שוין פֿאַרשוווּנדן פֿון אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, — לעבן נאָך אָבער אין זכּרון פֿון יחידים וואָס ווייסן ניט, אַז זיי ווייסן עס. נאָר אַז מען פֿרעגט זיך נאָך, אַז מען דערמאָנט אַ פּאָר פֿערזן פֿון אַן ענלעך ליד דערמאָנט זיך דער אַנדערער צד אויך און זינגט גערנוויליק. איך ווייס דאָס פֿון אייגענער דערפֿאַרונג.

קומען מיר צו די לידער פֿון די ייִדישע אַרבעטער־מיידלעך פֿון אַמאָליקע יאָרן, ווען מען האָט נאָך ניט געוווּסט פֿון סטרײַק, קאַמף, רעוואָלוציע אד"גל. נאָר אַז ס'איז געוואָרן זייער שלעכט, האָט מען זיך געווענדט צו גאָט מיט אַ טענה:

גיי איך מיר אין פֿאַבריקע,
דער זייגער איז שוין אכט,
קום איך מיר אין פֿאַבריקע
און בלײַב מיר שטיין פֿאַרטראַכט.

אַך, גרויסער גאָט,
זאָג זשע דו אַליין,
צי האָב איך אַן אַנדער האָפֿענונג —
אין פֿאַבריקע צו זײַן.

* = באַזונדער. ** = הונט.

ניי איך מיר אין פֿאַבריסע,
דער זייגער איז שוין נײַן;
קום איך צו גיין אין פֿאַבריסע
לאָזט מען ניט אַרײַן.
אָך, גרויסער גאָט, אאז"וו.

(נומ' 73)

דאָס איז שוין בערך אַ נײַ ליד, פֿאַראַן אין דער זאַמלונג פֿיל עלטערע, ווו דאָס וואָרט „פֿאַבריקע" ווערט נאָך ניט דערמאָנט. אויך אין מײַנע זאַמלונגען (ב' 2, ד' 205) איז דאָ דערצו אַן עלטערער וואַריאַנט וואָס איז אויספֿירלעכער אין פֿיל פּרטים און האָט אויך אַ שײַכות צו די אַנדערע לידער וואָס קומען דאָ אין באַטראַכט. בכן וועל איך דאָ ברענגען עטלעכע סטראָפֿעס דערפֿון. עס הייבט זיך אָן אַזוי:

הייב איך מיך אויף,
עס איז שוין זעקס דער זייגער;
ניב איך אַ קוק אין שפּיגעלע,
דאָס פּנים איז ווי אַ פּגר!

אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע דו אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפֿענונג,
נאָר אַ שנײַדערין צו זײַן!

הייב איך מיך אויף,
דער האָן גיט אַ סריי;
דאָס האַרץ איז מיר טרוקן,
ס'איז נישטאָ קיין גלעזל טיי.

אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע דו אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפֿענונג,
נאָר אַ שנײַדערין צו זײַן!

אין דער דריטער סטראָפֿע זאָגט זיך, אַז זי גייט צו דער אַרבעט ניט מיט גרויס „אַכאַטע", און אַז זי קומט אַרײַן אין „וואַרקשטאַט" מאַכט מען זי צו בלאָטע. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק:

נעם איך מיך צו דער אַרבעט,
די מאַדאַם ליגט נאָך אין בעט;
גיט זי אַ געשריי:
וואָס קומסטו אַזוי שפּעט!

ווי געזאָגט, שײַנט דער דאָזיקער נוסח צו זײַן פֿיל עלטער; אַנשטאָט „פֿאַבריקע" ווערט דאָ דערמאָנט „וואַרקשטאַט", אַ באַצייכענונג פֿאַר אַ קליין פֿאַבריקל, ווו עס אַרבעטן מסתּמא אַ דרײַ־פֿיר מיידלעך. „די מאַדאַם ליגט נאָך אין בעט", אַ סימן, אַז די „מײַסטראָווע", ווי זי ווערט אָנגערופֿן אין די אַנדערע לידער, וווינט נאָך אין דעם „וואַרקשטאַט", זיסט וואָלט זי ניט געשריגן פֿון בעט אַרויס „וואָס קומסטו אַזוי שפּעט" גאַנץ היימישלעך. נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פֿון דעם דאָזיקן מין „קליין־אינדוסטריע" איז דאָס, וואָס שכירות פֿלעגט מען צאָלן ניט אַזוי אָפֿט. אפֿשר אַ מאָל אויף פּסח; ווי עס זינגט זיך אין לידל ווײַטער:

איך אַרבעט אָפּ דעם ווינטער,
דאָס פּנים איז מיר חושך;
ניי איך געלט מאָנען,
זאָגט מען צו אויף פּסח.
אָך, דו ליבער גאָט, אאז"וו.

גייען מיר איבער צו די לידער אין לעהמאַנס זאַמלונג, ווערט נאָך דאָס בילד קלאָרער. מיר ווערן געוואָר, אַז אין אַזאַ פֿאַבריקל זײַנען ניטאָ קיין באַשטימטע אַרבעט־שעהען, מען אַרבעט כּסדר, כּמעט אָן אויפֿהער. קאָנקרעטע פֿאַקטן:

כ'האָב די אַרבעט געמאַכט,
הייסט מײַן מײַסטראָווע
זיצן אַ גאַנצע נאַכט.

פֿאָלג איך איר
און זיץ אַ גאַנצע נאַכט,
ס'קומט אין דער פֿרי
בין איך אָפּגעשוואַכט.

און אַז די מוטער פֿרעגט, פֿאַר וואָס זי זעט אויס אַזוי „שלאַכטיז" ענטפֿערט זי: „כ'בין אויפֿגעווען אַ גאַנצע נאַכט". און דער טרויעריקער מאָטיוו ציט זיך ווײַטער:

שפּעט מוז איך מיך לייגן,
פֿרי מוז איך אויפֿשטיין,
מיט מײַנע קראַנקע אבֿרים
מוז איך צו דער אַרבעט גיין.

קום איך צו דער אַרבעט,
זאָגט די מײַסטעראָווע: „צו שפּעט".
ענטפֿער איך אַ תּירוץ:
„כ'האָב אַ ווײַטן וועג".

(נומ' 71)

שפּעט לייגן זיך, פֿרי אויפֿשטיין, קראַנקע ביינער, קראַנקע אבֿרים — דאָס איז דער ווייגעשריי, דער מאָטיוו, וואָס טראָגט זיך דורך כּמעט דורך די אַלע לירישע אַרבעטער־לידער און וואַריִרט יעדעס מאָל אין שטאַרקערע פֿאַרבן:

זומער אין די גרויסע היצן
טוט מײַן קעפּעלע מיר וויי;
נישט אַזוי פֿון די גרויסע היצן
נאָר פֿון פֿרי אויפֿשטיין.

אַז כ'קום זיבן אַ זייגער,
זאָגט די מײַסטעראָווע: „ס'איז גוט".
און אַז כ'קום אַ פֿערטל אויף אַכט,
פֿאַרצאַפּט זי מיר מײַן בלוט.

אַז מען אײַלט זיך צו דער אַרבעט, מען האָט מורא, די „מײַסטעראָווע" זאָל ניט פֿאַרצאַפּן דאָס בלוט, עסט מען שוין דאָס אָנבײַסן ניט אין דער היים. מען ברענגט זיך מיט און מען עסט עס בײַ דער אַרבעט. מיטאָג ברענגט צו אַ קלענערע שוועסטערל, אַ ברודערל, אָבער דאָס רובֿ די מאַמע אַליין.

אַז מײַן מאַמעליו ברענגט מיר עסן מיטאָג,
טוט די מײַסטעראָווע רימען,
און אַז איך נעם דעם ערשטן לעפֿל
טוט זי מיר נישט פֿאַרגינען.

זיץ איך מיר בײַ מײַן אַרבעט
און טרינק מיר אַ גלעזעלע טיי,
קומט אַרײַן די מײַסטעראָווע
און זאָגט: „ווינד און וויי".

(נומ' 70)

און דער „מײַסטעראָווע" איז אפֿשר ניטאָ וואָס צו פֿאַרדענקען, מסתּמא אַליין אויך הונגעריק און דאַרשטיק.

שווער געווען, ווײַזט אויס, פֿאַר די ערשטע שוואַלבן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט צו פּראָלעטאַריזירן זיך. האָט די פֿאַראָרעמטע בעל־הבתישע טאָכטער זיך גע־קלאָגט פֿאַר דער „מאַמעליו", און די עלנטע, די איינזאַמע האָט געוויינט פֿאַר גאָט:

עס קומט חול־המועד־פּסח,
זיצן אַלע מיידלעך אין דער היים,
אָבער איך מיט מײַנע קראַנקע ביינער
מוז צו דער אַרבעט גיין.

צו גאָט וועל איך בעטן
מיט אַ גרויס געוויין;
צו וואָס איך בין געבוירן
אַ שנײַדערין צו זײַן.

איך לײַד שטענדיק הונגער,
כ'האָב נישט וואָס צו עסן;
ניי איך געלט בעטן,
הייסט מען מיר פֿאַרגעסן.

צו גאָט... אאז"וו.

(נומ' 72; וואַר' בײַ כּהן: ב' 2, ז' 207)

אַן אַנדער מיידל בעט שוין ניט מער, וויינט נישט, האָט זיך שוין אין גאַנצן מיאש געווען, רעזיגנירט; און ווי די ליבעלידער אירע, זינגט זי אין אַ לירישן טאָן:

אין דרויסן נייט אַ רעגן, אין דרויסן גייט אַ רעגן,
און סע שיט אַ שניי, אַ שניי;
מײַנע יונגע יאָרן, האָב איך אָנגעוואָרן
זיצנדיק שטענדיק בײַם געניי.

(נומ' 69)

אַ שאָד נאָר, וואָס דער זאַמלער האָט דעם דאָזיקן טײַערן מאַטעריאַל אַזוי ווייניק אויסגעשעפּט.

[זען אויך אין איצטיקן באַנד זז' 229—234.]

[ווי אַלט זײַנען אונדזערע ליבעלידער?]

[צום ערשטן געדרוקט אונטערן טיטל „עטלעכע פֿאַרבאַמערקונגען צו די עלטערע ליבעסלידער" ווי אַן אַרײַנפֿיר צו „ייִדישע פֿאָלקסלידער. נײַע זאַמלונג", אין פֿערטל־יאָריקן זשורנאַל פּנקס פֿון אַמעריקאַנער אָפּטייל פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק, I (1927—1928), זז' 65—77. נאָך די דאָזיקע „עטלעכע פֿאַרבאַמערקונגען" גייען אין דעם און אין די ווײַ־טערדיקע נומערן פּנקס 187 לידער מיט פֿאַרגלײַכיקע הערות צו זיי. די „נײַע זאַמלונג" איז אַרויס אויך אין אַ סעפּאַראַטן אָפּדרוק, ניו־יאָרק, 1930. — זען אויך אין איצטיקן באַנד זז' 16 א"וו.]

דאָס רובֿ פֿון די ווײַטערדיקע לידער [אין פּנקס פֿון אַמאָפּטייל ייִוואָ, I, 1927—1928] האָב איך צוזאַמענגעקליבן דאָ, אין אַמעריקע, אין משך פֿון די יאָרן 1913—1926, און זיי דאַרפֿן באַטראַכט ווערן ווי נײַע הוספֿות און טייל־ווײַז ווי וואַריאַנטן צו מײַן ערשטער לידער־זאַמלונג [יודישע פֿאָלקסליעדער, בענד I און II], אַרויסגעגעבן אין 1912.

ווי אין דער ערשטער, אַזוי אויך אין דער ווײַטערדיקער קאָלעקציע, פֿאַר־נעמען די ליבעלידער דעם שענסטן אויבנאָן, און דאָס איז ניט בלויז צוליב זייער טיפֿערן לירישן אינהאַלט, נאָר אויך צוליב דעם וואָס זיי זײַנען ניט אַן ערך צאַרטלײַכער און פֿאַרשפּרייטער ווי די אַלע אַנדערע לידער וואָס ווערן געזונגען אין פֿאָלק. אַזאַ דערשײַנונג מוז האָבן אַ געוויסן באַטײַט, און עס פֿרעגט זיך מיט פֿאַרוווּנדערונג: פֿון וואַנען האָבן זיך צו אונדז גענומען אַזוי פֿיל ליבע־לידער? ווער האָט זיי געשאַפֿן? און דער עיקר — פֿון זינט ווען זײַנען זיי בײַ אונדז אויפֿגעקומען?

אויף דער לעצטער פֿראַגע איז שוין אָבער בײַ אונדזערע פֿאָרשער פֿאַראַן אַ באַשטימטער ענטפֿער, און דווקא אַזאַ וואָס צייכנט אָן, מיט וויסנשאַפֿטלעכער זיכערקייט, די אויפֿקומצײַט פֿון דער ייִדישער ליבע־ליריק גראָד פֿון דעם מיטן 19טן יאָרהונדערט... און ביז דעמאָלט, זאָל עס הייסן, איז דער ליבע־מאָטיוו לחלוטין פֿרעמד געבליבן דעם ייִדישן לעבן, ממילא דעם אַלטן פֿאָלקס־געזאַנג.

די ראַיות, די כּלומרשטיקע פֿאַקטן, אויף וועלכע די דאָזיקע מיינונג שטיצט זיך, האָבן בעצם גאָר קיין שײַכות ניט צום ייִדישן ליבעליד, — פֿון דעסט וועגן האָט מען דערויף שוין אויפֿגעבויט אַ גאַנצע טעאָריע וואָס איז אָן דער מינדסטער קריטיק אָנגענומען געוואָרן כּמעט פֿון די אַלע וואָס האָבן זיך נאָר אַ מאָל צוגערירט צום ענין, און ס'איז שוין אַפֿילו פֿאַרצייכנט ווי אַ היסטאָרישער פֿאַקט אין ד"ר פּינעסעס פּאָפּולערער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָרטן דערקלערט זיך עס אַזוי:

ליבעלידער געהערן היסטאָריש צום נײַסטן מין צווישן די נעטאָלידער. אין דער צײַט ווען מען פֿלעגט חתונה מאַכן געוויינטלעך קינדער אין על־

טער פון צוועלף־פערצן יאר האט נאטירלעך גארנישט געקענט געבוירן ווערן קיין ראמאנטישער ליבע־געפיל צווישן יונגע מענטשן פון ביידע געשלעכטער. מען קען רעכענען פאר באשטימט, אז ערשט אין מיטן פון 19טן יארהונדערט, ד״ה ווען די ענדערונגען אין לעבן פון די געטא־באווינער האבן, צווישן אנדערע, ארויסגערופן אויך די ערשיינונג, אז חתונה האבן האט מען אנגעהויבן א ביסל עלטער ווערנדיק, און ווען, פון דער אנדער זייט, די וועלטלעכע ליטעראטור האט אנגעהויבן אריינצודרינגען אין די טיפסטע קעמערלעך פון פאלק, באקאנט מאכנדיק צום ערשטן מאל מיט ווערטער וואס זיינען אים פריער אין גאנצן אומבאקאנט געווען, וועגן ליבע, געליבטע אאז״וו — ערשט דאן זיינען אנטשטאנען די ערשטע ליבעלידלעך אין יידיש־דייטש.[1]

די דאזיקע טעאריע האט ד״ר פינעס כמעט אין גאנצן אנטליען, און דערצו נאך זייער שלעכט איבערדערציילט, פון גינזבורג־מארעקס אריינפיר צו זייער לידער־זאמלונג, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ענין אין א גאנץ אנדער טאן, הגם אין דעם זעלביקן זינען. אבער נאך פריער, אין 1898, האט שוין פראפעסאר ווינער געהאט אויסגעדריקט די זעלביקע מיינונג אין קנאפערע ווערטער:

> דאס ווארט ׳ליבע׳ עקסיסטירט ניט אין יידיש־דייטשן ווערטערבוך, און ווו נאר דאס דאזיקע געפיל, מיט וועלכן יידן זיינען באקאנט געווארן זינט דעם מיטן פון דעם [19טן] י״ה, דארף אנגערופן ווערן ביים נאמען, ניצן זיי דאס דייטשישע ווארט ׳ליבע׳.[2]

נאר ווי אומגלייבלעך די דאזיקע מיינונג זאל ניט קלינגען, ווערט זי אבער אין דעם דערמאנטן אריינפיר ביי גינזבורג־מארעק אונטערגעשטיצט מיט א סך קולטור־היסטארישע פאקטן, וואס מאכן אין אנהייב אן איבערצייגנדיקן איינדרוק. אזוי למשל ווערט דארט אנגעוויזן ווי אויף א פאקט, אז

> ביז דער צווייטער העלפט פונעם 19טן י״ה איז דער פויליש־ליטווישער ייד זייער ווייניק באקאנט געווען מיטן געדרוקטן ראמאן, און נאך ווייניקער האט ער אליין איבערגעלעבט א ראמאן, פערזענלעך, ווי דער העלד גופא. דער ליבע־מאטיוו ווי א פארלויפער פון חתונה פעלט כמעט אין גאנצן אין די אלטע לידער,

דער עיקר אין די חתונה־ און פארחתונה־לידער, וואס דערפון קאן מען ארויסדרינגען אז „ליבע" איז ביי יידן געווען א פארבאטן ווארט וואס מען האט קוים געמעגט ארויסריידן ערשט נאך דער חתונה. עס ווערן נאך געבראכט אנדערע ראיות פון פאלקסגלויבן, מינהגים, לעבנס־שטייגער, געשיכטע אד״גל. אזוי למשל ווערט אנגעוויזן אויף דעם אלטן פאלקסגלויבן, אז ערגעץ ווו אין הימל איז שוין פון לאנג, נאך פארן געבוירן, פאר יעדן מענטשן זיין זיווג באשטימט געווארן; דעריבער האט מען מער געגלייבט אין פאטאליזם, איידער אין געפילן. האט „ליבע", אין זינען פון בענקעניש פון איין געשלעכט צום אנדערן, ניט געפונען קיין אפקלאנג, ניט אין לעבן און ניט אין די לידער פון אלטן דור. ביז צו דער חתונה

[1] מ. פינעס, געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור (ב׳ 1, ז׳ 55), ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון בעל־מחשבות, ווארשע, 1911.

[2] L. Wiener, *The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century*, New York, 1899, 57.

זיינען ביידע געשלעכטער פון מענטשלעכן מין געשטאנען אויף א בכבודיקער ווייטקייט איינס פונעם אנדערן; ס׳איז ניט געווען קיין ליבעפרייד, ס׳איז ניט געווען קיין ליבעפיין, זיינען במילא וועגן דעם אויך קיין לידער ניט געווען. און ווייזט מען נאך אן אויף דעם פאקט, אז אין אמאליקע יארן איז א 16יעריקער בחור שוין געווען א מאן, און א 13יעריק מיידל א ווייב — האבן מיר שוין גענוג ראיות, אז אין יענער אלטער תקופה האט וועגן ליבע און ליבעלידער גאר קיין רייד ניט געקאנט זיין.

אזוי בערך ארגומענטירט זיך אין דעם קולטור־היסטארישן אריינפיר ביי ג״מ (זז׳ XVII, XXVIII א״א ערטער), ווו עס ווערן געבראכט אלץ אזעלכע פאקטן, וואס פאר זיך אליין זיינען זיי גאנץ ריכטיקע און מאכן אין אנהייב, ווי איך האב שוין פריער באמערקט, אן איבערצייגנדיקן איינדרוק. בעת מעשה הייבט מען שוין אפילו אן צו גלייבן, אז ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה איז אפשר אין יידישן לעבן גאר קיין באדן ניט געווען פאר דער עקסיסטענץ אדער פאר דעם אויפבלי פון א וועלכער ניט איז ליבע־ליריק. אבער באלד כאפט מען זיך, אז דא איז געמאכט געווארן א היפשלעכער טעות: אנשטאט צו ברענגען פאקטן פון די אזוי גערופענע „אונטערשטע פאלקסשיכטן", פונעם מאסן־לעבן, — האט מען זיי גאר געצויגן פון די העכערע און מיטעלערע פאלקסקלאסן, דער עיקר פון דעם בעל־הבתישן פרום־יידישן לעבנס־שטייגער — פון א סביבה וואס האט ביז צו דער דערמאנטער תקופה זייער ווייניק בייגעטראגן צו אונדזער וועלטלעכן פאלקסליד בכלל.

און אז דאס יידישע פאלקסליד איז ניט די דורכויסיקע שאפונג פון גאנצן פאלק, נאר בלויז פון א געוויסן קלאס אדער קלאסן, דאס האבן אויך, צום טייל, שוין געמוזט איינזען זיינע ערשטע ארויסגעבער. קענטיק איז דאס פון אן אנדער ארט אין זייער אריינפיר (ז׳ XIII), ווו זיי האבן געפונען פאר נייטיק צו קארעגירן א פריערדיקע מסקנא:

> הגם עס איז שוין אויבן אנגעוויזן געווארן, אז ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה האט דאס פאלק גופא זיך ארויסגעוויזן פאר דעם אויסשליסלעכן שאפער און אויפהיטער פון דעם יידישן ליד, האבן אבער אין דער דאזיקער באציונג ניט אלע שיכטן פון פאלק געשפילט א גלייכארטיקע ראלע, און ווי דאס באמערקט זיך ביי אנדערע פעלקער, אזוי איז אויך ביי יידן דער שאפונגס־פראצעס געווען אינטענסיווער אין די אונטערשטע סאציאלע קלאסן איידער אין די העכערע: פרויען, קינדער, ארבעטספאלק, סאלדאטן און דאס איבעריקע יונגווארג — אט דא איז די ספערע, ווו דאס ליד איז אויפגעקומען און האט זיך אויפגעהיט.

א טריט ווייטער, און מען וואלט געמוזט איינזען, אז גראד דא, אין די אונטערשטע סאציאלע קלאסן, דער עיקר צווישן דער יונגווארג פונעם ארבעטספאלק, האבן יענע אלע מניעות קעגן א פריען אויפקום פונעם יידישן ליבעליד ניט געקאנט עקסיסטירן. ס׳איז דאך פארשטענדלעך, אז אין די דאזיקע בעל־מלאכישע קרייזן, אין א סביבה פון שניידעריונגען און שניידער־מיידלעך, שוסטער־געזעלן און נייטערקעס, בעקעריונגען און דינסטמיידלעך אד״גל האבן שוין ביידע

געשלעכטער פֿונעם מענטשלעכן מין ניט געקאָנט שטיין אויף אַזאַ בכּבֿודיקער דיסטאַנץ איינס פֿונעם אַנדערן; אין אַזאַ סבֿיבֿה האָט דאָך דער גאַנצער וועלט־באַנעם, כ׳מיין, דער קוק אויף ליבע, געשלעכט, מאָראַל און בכלל דער אינע־ווייניקסטער לעבנס־שטייגער געמוזט זײַן אַ רעכט ביסל אַנדערש ווי בײַ דעם פֿרום־בעל־הבתּישן עולם. וואָס־וואָס, נאָר אין איבעריקער פֿרומקייט און אַסקעטיזם האָט מען דאָס דאָזיקע יונגוואַרג קיין מאָל ניט געקאָנט באַשולדיקן. זינגט זיך דאָך פּונקט פֿאַרקערט אין אַן אַלט קינדערלידל:

שנײַדעריִינגלעך, גרויסע דראַבעס,
טרינקען בראָנפֿן, צאָלן אין שבת.
שוסטעריִינגלעך, גרויסע נעווירעס [נעווײלעס?],
טרינקען בראָנפֿן, פֿאַרזעצן פּאַטשײלעס.[3]

און מאַלע וואָס אַזעלכע „שנײַדער־ און שוסטער־ייִנגלעך״ האָבן אין אַמאָליקע צײַטן געקאָנט אָפּטאָן, בעת עלטערן און קהל האָבן, צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים, ניט געקאָנט האָבן אויף זיי קיין דעה און קיין השגחה. און ווײַטער, וואָס איז שייך פֿריִע חתונות, איז גאַנץ מעגלעך, אַז די זעלביקע סיבות וואָס האָבן געצווונגען אָפּצוגעבן ייִנגלעך צו בעלי־מלאָכות און מיידלעך פֿאַר דינסטן אין פֿרעמדע הײַזער אַרײַן האָבן אויך געמוזט גורם זײַן, אַז ניט אַלע זאָלן קאָנען חתונה האָבן צו 13 און צו 16 יאָר. איז שוין בײַ דעם דאָזיקן יונגוואַרג גענוג צײַט געבליבן פֿאַר דעם פֿריִען אויפֿבלי פֿון ליבע־געפֿילן און ליבעלידער, פֿאַר טאַנצן און זינגען, פֿאַר ראָמאַנסירן און באַמתדיקן „ליבן זיך״.

דאָרט בײַ די פּועלים — דערציילט אונדז דער קינסטלער־עטנאָגראַף ר׳ מענדעלע — ווערן אָפּט געזונגען לידלעך, אייגענע אַרבעט טאַקע, וואָס גייען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט, צווישן עולם, פֿאַלן אַרײַן אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און באַקומען דעם נאָמען „פֿאָלקסלידלעך״. פּועלים וואָס פֿלעגן וואַנדערוועז, אַרבעטן בײַ גויים אין די דערפֿער, האָבן אין זייערע לידלעך אַרײַנגעמישט גויִישע ווערטער, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען האַלב ייִדיש, האַלב רוסיש. דער „תּוך״ פֿון די לידלעך איז געווען פֿאַרשיידן. ס׳איז געווען אַזוינע איבער ליבעס. אַ דינסטמיידל, אַ שטיינער, פֿאַרבענקט זיך אין דער פֿרעמד נאָך איר געליבטן, דערמאָנט זיך וויינענדיק אין די גוטע זיסע מינוטן, ווי זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען צוזאַמען ווי אַ פּאָר טויבן אויפֿן שפּאַציר, אַ מאָל אין גערדיכטע וועלדער און אַ מאָל צווישן ווייץ און קאָרן, אָדער סתּם אַ מיידל גיסט אויס איר האַרץ, צִיט זיך מיט דער נשמה צו עפּעס אַ חתן, ווי אַ קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער לבֿנה... מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז בײַ די בעלי־מלאָכות האָט געטליִעט אַ פּאָעטישער פֿונק, זיך געלאָזט פֿילן אַ יונגע פֿרישע נשמה, און דערמיט טאַקע לאָזט זיך דערקלערן זייער אומגאַנג ווי חבֿרים מיט סינדער, זייער ליבשאַפֿט עד היום צו שרײַבער, פּאָעטן.[4]

[3] דאָס לידל ווערט געבראַכט אין פּראָפֿ׳ קאַינדלס: "Allerlei Kunterbunt aus der Kinderwelt," *Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, 7, 136 sq. ווו צווישן אַנדערע געפֿינט זיך אויך אַ צענדלינג ייִדישע קינדערלידער אויפֿגענומען אין בוקאָווינע און גאַליציע.

[4] אַזוי אין שלמה ר׳ חיימס (זז׳ 87—89), וואָס ווערט באַטראַכט ווי מענדעלעס קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפֿיע. עס לאָזט זיך דאָ משער זײַן, אַז סײַ די פֿאַרשיידענע פֿאָלקסלידלעך און סײַ

און אויב ס׳איז ניט אָפּגעפֿרעגט, אַז פּועלים, בעלי־מלאָכות, האָרעפּאַשניקעס, און ווי זיי זאָלן ניט האָבן געהייסן און ווי קליין זייער צאָל זאָל ניט האָבן געווען, זײַנען זיי בײַ ייִדן אַלע מאָל געווען, — האָבן מיר שוין דאָ דעם אמתן עלעמענט, די מעגלעכע סבֿיבֿה, פֿון וועלכער ס׳האָבן זיך, אַלע מאָל און אונטער אַלע אומשטאַנדן, געקאָנט רעקרוטירן די באַהעמיענס, די קינסטלער, די פֿאָלקס־דיכטער און קאָלעקטיווע מיטשאַפֿער פֿון אונדזער וועלטלעכן פֿאָלקסליד, דער עיקר פֿון דער ליבע־ליריק, וואָס אירע שפּורן דערפֿירן ביז טיף אין 16טן יאָרהונדערט אַרײַן.

פֿאַראַן דערויף אַ סך ראַיות, וואָס מען וואָלט געקאָנט ברענגען, סײַ פֿון דער ליטעראַטור, סײַ פֿון די לידער גופֿא. נאָר כּדי ניט איבערצולאָדן די דאָזיקע קליינע אַרבעט מיט היפּשע ציטאַטן, ווײַז איך דאָ אונטן אָן אויף די נײַסטע פֿאָרשונגען פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, וווּ דער פֿאַראינטערע־סירטער לייענער וועט געפֿינען אַ סך געשיכטלעכע פֿאַקטן וואָס האָבן אַ שײַכות צו אונדזער ענין.[5]

אויף דעם געביט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג איז אָבער פֿאַראַן בלויז איין איינציקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, און דאָס איז ד״ר אַלפֿרעד לאַנדויס רעצענזיע אויף גינזבורג־מאַרעקס לידער־זאַמלונג.[6] באמת איז דאָס מער ווי אַ רעצענזיע, עס איז דער ערשטער וויסנשאַפֿטלעכער פּרווו אויף אַ פֿאַרגלײַכנ־דיקן אופֿן אויסצופֿאָרשן אָדער אויסצושיידן די לידער וואָס שטאַמען פֿון אַ ניט־ייִדישן מקור, כּדי דערמיט אָפּצוגרענעצן דאָס פֿעלד פֿאַר די יעניקע וואָס מען האָט צו באַטראַכטן ווי אָריגינעל ייִדישע שאַפֿונגען. און מען קאָן זאָגן, אַז אין דעם פּונקט האָט זיך די אַרבעט גאַנץ נישקשהדיק אײַנגעגעבן. צו איבער 30 לידער האָט לאַנדוי אָנגעוויזן אויף זייערע דײַטשישע פּאַראַלעלן און מקורים, וואָס דאָס מיינט, אַז די דאָזיקע ייִדישע לידער זײַנען אַנטליִען אָדער געשאַפֿן געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון דער דײַטשישער פֿאָלקסדיכטונג. לײדער איז אָבער דער וויסנשאַפֿטלעכער געווינס פֿון דער דאָזיקער פֿאָרשונג היפּשלעך געמינערט געוואָרן, אַ דאַנק יענער אָנגענומענער מיינונג מכּוח דער ייִדישער ליבע־ליריק, וואָס האָט באַווירקט אַפֿילו אַזאַ בר־סמכא ווי ד״ר לאַנדוי, און מען זעט עס טאַקע אַרויס פֿון די ווײַטערדיקע מסקנות:

די לידער וואָס ווײַזן זיך אַרויס פֿאַר אַנטליִען זײַנען אָן שום אויסנאַם פֿון אַ דײַטשישן מקור. דאָס וואָס עס זײַנען ניט אַנטליִען געוואָרן קיין

די אַלע אַנדערע עטנאָגראַפֿישע שטריכן און בילדלעך וואָס דער קינסטלער ר׳ מענדעלע האָט מיט אַזאַ פֿולער האַנט צעשפּרייט איבער אַלע זײַנע כּתבֿים, זײַנען דאָס רובֿ געשעפּט פֿון זײַנע קינדעריאָרן־זכרונות, בערך פֿון די יאָרן 1843—1847. פֿ״גל דערצו י. ח. ראַבֿיניצקיס ביאָגראַפֿיע פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים (אין אַלע ווערק, ב׳ 1, ז׳ 17, קראָקע, תּרע״א).

[5] נ. שטיף, „׳דיטריך פֿון בערן׳, ייִדישקייט און וועלטלעכקייט אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור״, ייִדישע פֿילאָלאָגיע 1, זז׳ 1—11 און 112—122; י. שיפּער, געשיכטע פֿון ייִדישער טעאַטער־קונסט און דראַמע, 1, זז׳ 58—64 און דאָס גאַנצע ווערק פֿון מ. עריק, וועגן אַלט־ייִדישן ראָמאַן און נאָוועלע, 1926.

[6] *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, 11, 65-80.

סלאַװישע לאָזט זיך דערקלערן פֿון די שפּראַכיקע מניעות. בײַ לידער, װוּ טעקסט און ניגון זײַנען אומצעטײלעװדיק, האָט מען ניט געקאָנט סתּם איבערנעמען דעם אינהאַלט אַזױ װי בײַ די מעשׂיות, װוּ די פֿאָרעם האָט קײן װערט ניט; מען װאָלט געדאַרפֿט איבערדיכטן אין אַ ריטעם װאָס איז צוגעפּאַסט צום ניגון. לױטן אינהאַלט געפֿינען זיך אָבער, דוכט זיך, די ליבעלידער גאַנץ היפּש אונטער דער השפּעה פֿונעם סלאַװישן פֿאָלקס־געזאַנג װאָס איז גראָד אױף דעם געביט אַנטװיקלט אַזױ רײַך, — װאָס דאָס שטימט גאַנץ גוט צום פֿאַקט, אַז די ייִדישע ליבע־ליריק דאַטירט ערשט פֿון זינט דעם מיטן 19טן יאָרהונדערט, װען דער צוזאַמענהאַנג מיט דײַטשלאַנד איז שױן געװען אָפּגעשניטן. אין דער פֿריִערדיקער צײַט, בעת ס'איז נאָך אַ מינהג געװען חתונה צו מאַכן מינדעריעריקע קינדער, האָבן געפֿילן פֿון ליבע און ליבע־ליריק גאָרניט געקאָנט אױפֿקומען. בכן, אַזױ לאַנג װי ייִדן האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד, האָט דאָס ליבעליד װאָס האָט באַזירט אױף פֿאַרהעלטענישן װאָס זײַנען פֿאַר זײ לחלוטין פֿרעמד געװען ניט געקאָנט געפֿינען בײַ זײ קײן באָדן און קײן הבֿנה, ניט עס איז אַנטלינגן, ניט עס איז נאָכגעמאַכט געװאָרן.[7]

װאָלט מען אפֿשר געקאָנט מײנען, אַז דער דאָזיקער אױספֿיר באַזירט זיך דורכױס אױף דעם פֿאַקט, װאָס צװישן די פֿאַרשײדענע אַנטליגענע לידער (בײַ ג"מ) האָט זיך טאַקע ניט אָפּגעזוכט קײן אײן אײנציק ליבעליד װאָס זאָל באמת ניט זײַן פֿון אַ דײַטשישן מקור. איז אָבער דאָס ניט דער פֿאַל. פֿאַרקערט, אַזעלכע ליבעלידער זײַנען דאָרט גראָד פֿאַראַן אַ היפּש ביסל, פֿאַרצײכנט אונטער די נומערן 136—138, 152, 165, 166, 170—172 און 173, װאָס אױף זײ איז שטאַרק ניכּר אַ דײַטשישע השפּעה, כ'מײן פּשוט, זײ זײַנען אַנטליגענע, נאָר מסתּמא שױן פֿון זײער לאַנג צוריק. און הגם ד"ר לאַנדױ האָט זיך אָפּגעשטעלט כּמעט אױף די אַלע לידער, האָט אָנגעװיזן אױף זײער דײַטשישן מקור, געמאַכט װעגן זײ עטלעכע באַמערקונגען, האָט ער דאָך ניט אַרױסגעהױבן זײ װי ליבעלידער, ניט באַטאָנט דעם פֿאַקט, נאָר סתּם אַרײַנגענומען אין דעם אַלגעמײנעם צעטל פֿון די אַנטליגענע. אַזאַ פֿאַרזען לאָזט זיך טײלװײַז צושרײַבן צו זײַן אַפּריאָרי, אַז: „כּל־זמן ייִדן האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד אאַז"װ", טײלװײַז, אפֿשר, צוליב דעם פֿאַקט, װאָס טײל פֿון די דאָזיקע לידער גיבן אױפֿן ערשטן בליק דעם אײַנדרוק פֿון געװײנטלעכע, הײַנטצײַטיקע קינדערלידלעך װאָס װערן געזונגען בײַ פֿאַרשײדענע קינדערשפּילן. באמת אָבער, אַז מען באַטראַכט גענױער זײער פֿאַרשלײַערטן אינהאַלט און דער עיקר װען מען פֿאַרגלײַכט זײ מיט אַנדערע, װערט קלאָר, אַז מען האָט דאָ פֿאַר זיך אַ גאַנצע רײ גאָר אַלטע טאַנץ־ און ליבע־לידער װאָס זײַנען בלי ספֿק אַ מאָל געזונגען געװאָרן פֿון דערװאַקסענע בחורים און מײדלעך. אַזױ למשל זינגט זיך אױף אַ תּמימותדיק קינדערישן שטײגער אינעם ליד נומ' 165:

1. שײנע מײדעלע, פֿײַנע מײדעלע,
קום שפּילן אין באַלן!
— זע, טאַטעלע, זע, מאַמעלע,
דער ייִנגעלע װיל מיר נאַרן!

[7] דאָרטן, 68.

— נעם אַ שטעקעלע, גיב איבערן קעפּעלע,
װעט ער זיך אָװעקשאַרן!

2. שאַרט ער זיך, שאַרט ער זיך,
ביז די מאַסקעראַדן,
באַגעגנט ער, באַגעגנט ער
דרײַ שײנע מאַדן.

3. אײנע רופֿט מען חנה,
די אַנדערע מאַריאַנע;
די דריטע װעל איך ניט אױסזאָגן —
דאָס איז מײַן קאָכאַנע.

ד"ר לאַנדױ באַמערקט דערצו, אַז די װײַטערדיקע פֿערזן (סטר' 2—3) פּאַסן זיך ניט צו די ערשטע (סטר' 1). די דאָזיקע קומען אַרױס פֿון אַ גרעסערן ליד, פֿון װעלכן ער קאָן איבערגעבן אַ פֿולשטענדיקערן בראָדער נוסח אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שמועס צװישן בחור, מײדל און מוטער, װאָס שטאַמט נאָך פֿונעם 18טן יאָרהונדערט:

שײן מײדעלע, קלײן מײדעלע,
עך װעל אױף דיר האַרן!
— העי מאַמע, העי מאַמע, דער בחור װיל מאַך נאַרן! —
נעם אַ שטעקעלע, שלאָג אין קעפּעלע
מאַך דאַך נישט װיסן!

שײן מײדעלע, קלײן מײדעלע,
קום צום שעפּן!
העי מאַמע, העי מאַמע,
דער בחור װיל מיך פֿעפּן.[8]
— נעם אַ שטעקעלע אאַז"װ.

מעגלעך, אַז מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַן אַלט־ייִדיש ליבעליד פֿון 18טן י"ה, װאָס ד"ר לאַנדױ פֿאַרגינט זיך בלױז אָנצורופֿן „אַ שמועס", און איז משער, אַז דאָס שטאַמט אָפּ פֿון אַ דײַטשיש ליד, װאָס איז, דוכט זיך, פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אָבער אַז דאָס איז פֿאַראַנען געװען װערט באַװיזן דורך די קינדערלידער, אין װעלכע אױפֿן אָרט פֿון דעם בעל־נסיון איז באַשײַמפּערלעך אױפֿגעטראָטן אַן אומשולדיק גענדזעלע:

Ei Mütterlein, lieb Mütterlein,
Das Gänslein will mich beissen,
Nimm ein Gäbelchen,
Schlags aufs Schnäbelchen,
So wirds dich nimmer beissen!

Böhme, *Kinderlied* Nr. 647, 649; Stöber, Nr. 309; Simrock, *Kinderbuch* Nr. 674.

פֿון דאַנען װערט אונדז קלאָר, פֿאַר װאָס לאַנדױ האָט דעם דאָזיקן נומער (165) ניט אַרױסגעהױבן װי אַ ליבעליד. נאָר אַז מיר באַטראַכטן נאָך אַ מאָל

[8] foppen.

דאָס כּלומרשטיק קינדערלידל, בעיקר די סטר׳ 2—3, זעען מיר פֿאַרט אין דעם אַ פּיקאַנטן ראָמאַנס וואָס דער פֿאָלקסגעזאַנג האָט אַזוי וווּנדערלעך צוגע־פּאַסט און צוזאַמענגעוועבט פֿון צוויי באַזונדערע לידער־פֿראַגמענטן. הגם דאָס וואָלט נאָך אַלץ קיין באַווײַז ניט געווען, אַז דאָס לידל איז לכתּחילה ניט גע־שאַפֿן געוואָרן פֿאַר דעם קינדער־געזאַנג, ווען עס וואָלט זיך גראָד ניט אָפּגע־זוכט דער ווײַטערדיקער פּוילישער פּאַראַלעל:

1. Kazał sobie konia siodłać
   i wyjechał w pole,
   i zobaczył trzy dziewczyny
   z górecki na dole.

2. Jednej było panna Anna,
   Drugiej Maryjanna,
   Ale trzeciej nie wysłowił,
   boć to jego panna.

מיט די דאָזיקע פֿערזן הייבט זיך אָן אַ היפּשע פּוילישע פֿאָלקס־באַלאַדע בײַ אָסקאַר קאָלבערג,[9] פֿון וועלכער מען וואָלט שוין זיכער געקאָנט שליסן, אַז דאָ האָט זיך אָפּגעזוכט דער אמתער מקור פֿון אונדזער ליד, הגם ווען עס האַנדלט זיך מכּוח פּוילישע און ייִדישע פֿאָלקסלידער לאָזט זיך, מכּמה טעמים, דער אָפּשטאַם מיט אַזאַ זיכערקייט ניט באַשטימען.[10] און אָט טראָגט דאָ טאָקע אַרײַן אַ ביסל ספֿקות אַ דײַטשישע ווערסיע וואָס מיר געפֿינען בײַ ערק־בעהמע,[11]

1. Dort oben auf jenem Berge
   Da steht ein hohes Haus,
   Da schauen wohl alle Frühmorgen
   Drei schöne Jungfrauen heraus.

2. Die eine heist Susanne,
   Die andere Anne-Marei;
   Die dritte darf ich nicht nennen,
   Weil sie es mein eigen soll sein.

פֿאַרגלײַכט מען די דאָזיקע פֿערזן מיט די אַנדערע, איז שוין שווער צו באַשטימען, ווער בײַ וועמען האָט דאָ אַנטליגן, אָדער ווער וועמען האָט נאָכגע־מאַכט, מחמת די פֿערזענלעכע פֿרויען־נעמען זײַנען אין די אַלע דרײַ נוסחאָות כּמעט די זעלביקע. אָבער וואָס איז שייך דעם ערשטן אָפּשטאַם, איז דוכט זיך קיין ספֿק ניטאָ, אַז סײַ די פּוילישע און סײַ די ייִדישע פֿערזן זײַנען דורכויס פֿון אַ דײַטשישן מקור.

---

[9] Oskar Kolberg, *Mazowsze*, t. II, no. 176.

[10] ווי עס לאָזט זיך אויפֿווײַזן, זײַנען אַ סך פֿון די דאָזיקע בשותּפֿותדיקע לידער דאָס רובֿ פֿון אַן עלטערן דײַטשישן מקור, צום טייל אויפֿגעבויט אויף אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע.

[11] *Deutscher Liederhort*, 2, no. 419.

היפּשע ראַיות דערצו קאָן מען ברענגען פֿון די אַלטע דײַטשישע לידער־ביכלעך וואָס שטאַמען נאָך פֿון 16טן י״ה, ווו מיר געפֿינען עטלעכע עלטערע נוסחאָות פֿון דעם זעלביקן ליד. צום פֿאַרגלײַך וועט אָבער גענוג זײַן דאָס ווײַטערדיקע ליד פֿון די „דרײַ פֿרײַלין״:[12]

1. Mit lust tet ich aussreiten
   durch einen grünen wald,
   darinn da hort ich singen
   drei vöglein wol gestalt.

2. So sind es nit drei vöglein
   es sind drei freulein fein;
   soll mir das ein nit werden,
   gilt es das leben mein.

3. Das erst das heisset Ursulein,
   das ander Barbelein,
   das dritt hat kein namen,
   das soll des Jegers sein.

אין דער דאָזיקער לכתּחילהדיקער ווערסיע האָט, דוכט זיך, בלויז די דריטע סטראָפֿע אַ שײַכות צו אונדזער ליד, הגם די פֿרויען־נעמען זײַנען דאָ אַנדערע. אָבער צום באַווײַז, אַז אויך אַנדערע סלאַווישע נוסחאָות שטאַמען אָפּ פֿון דעם זעלביקן מקור, וועל איך דאָ ברענגען די פֿערזן פֿון אַן אוקראַיִניש פֿאָלקסליד,[13] וואָס זײַנען גראָד ענלעך צו סטר׳ 1—2:

Ой у полі горина,
Стоіть липка зелена;
Ой на тій липці, на тій зелененкій
Три птахове співають.
Не есть то птахове,
Есть то кавалерове.

Ой змовлялися на одну дівчину,
Котрій іі возьме.

די אומוואַנדלונג פֿון די „דרײַ זינגענדיקע פֿייגעלעך״ אין „דרײַ קאַוואַ־לערן״ אָדער, ווי אינעם דײַטשישן, אין „דרײַ פֿרײַלין״, איז נאָך אַ באַווײַז וואָס לאָזט שוין קיין שום ספֿק ניט איבער, אַז דער מקור פֿון די אַלע אויבן געבראַכטע נוסחאָות איז אַ דײַטשישער.

בכלל זײַנען די אַלטע ליבעלידער אונדזערע, ווי עס ווײַזט אויס, מער אונטער דער השפּעה פֿונעם דײַטשישן פֿאָלקסגעזאַנג איידער פֿון דעם סלאַווישן; פֿון דעם לעצטן איז נאָך דערווײַל קיין היפּשע השפּעה אויף דעם אינהאַלט

---

[12] Uhland, *Volkslieder*, 1, no. 21a.
איבערגעדרוקט פֿון J. Ott's *Liederbuch* נירנבערג, 1534, נומ׳ 25.

[13] Чубинскій, *Труды*, V, 223, № 448.

פֿון אונדזער ליבע־ליריק ניט אויפֿגעוויזן געוואָרן. נאָר אויב „אינהאַלט" מיינט דאָ בלויז ניגון אָדער דיכטערישער פּאַטאָס, איז זיכער פֿאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דעם ייִדישן און אוקראַיִנישן ליבעליד. פֿון דעם צענדלינג ייִדישע לידער וואָס דער פּוילישער פֿאָרשער י. סט. ביסטראָן האָט געפּרוּווט צושרײַבן צו אַ פּוילישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם איז דאָס רובֿ פֿון אַ ניט־ליריש אינהאַלט. לויט מײַן רעכענונג איז דער סך־הכּל פֿון דער פֿאָרשונג אַזאַ: 5 לידער זײַנען דורכויס פֿון אַ דײַטשישן מקור, 3 — פֿון אַן אוקראַיִנישן, 1 — אפֿשר פֿון אַ פּוילישן און 1 איז זיכער אַ ייִדיש ליד, כאָטש ס'איז פֿאַראַן דערצו אַזאַ נאָענטער פּוילישער נוסח.[14] פֿון די אַלע האָט זיך אָפּגעזוכט בלויז איין ליבע־ליד: „הער נאָר, דו שיין מיידעלע" (בײַ כּהן 1, ז' 52, נומ' 32), וואָס איז בלי ספֿק פֿון אַן אוקראַיִנישן מקור,[15] נאָר דאָס איז שוין מסתּמא פֿון די נײַערע אַנטליגענע. פֿאַרקערט זײַנען אָבער פֿאַראַן גאַנץ טיפֿע שפּורן פֿון אַ דײַטשישער השפּעה אויף אונדזער פֿאָלקסליריק, ווי דאָס איז ניכּר פֿון די אויבן אָנגעמערקטע לידער בײַ ג"מ. די דאָזיקע שפּורן געפֿינען מיר דאָס רובֿ אין דער פֿאָרעם פֿון אַלטע לידער־פֿראַגמענטן, וואַנדער־סטראָפֿעס און אַפֿילו אין איינציקע פֿערזן וואָס פֿלעכטן זיך גאַנץ אָפֿט דורך אין די, לפּנים, נײַערע ליבע־לידער אונדזערע. נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע פֿראַגמענטן פֿון די אַלטע דײַטשישע לידער זײַנען שוין טיילווײַז פֿאַרשוווּנדן פֿון זייער מינדלעכן לידער־רעפּערטואַר, דאַרפֿן מיר אָננעמען, אַז די אַנטלײַונג האָט געמוזט פֿאָרקומען גאָר אַ מאָל, אפֿשר נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, בעת די זעלביקע זײַנען נאָך בײַ די דײַטשן געווען לעבעדיקער פֿאָלקסגעזאַנג און מסתּמא אויך פּאָפּולער בײַ די ייִדישע מאַסן אין דײַטשלאַנד.

זאָל נאָך דאָ באַמערקט ווערן, אַז אונדזער חשובֿער ד"ר לאַנדוי האַלט ניט פֿון דער דאָזיקער מעגלעכקייט וואָס מען איז פֿריִער צו גענייגט געווען אָנצונעמען, אַז די אַנטליגענע לידער שטאַמען נאָך פֿון דער צײַט איידער ס'איז פֿאָרגעקומען די אויסוואַנדערונג פֿון דײַטשלאַנד. אים דוכט זיך, אַז די פֿראַגע מכּוח דעם עלטער פֿון דער אַנטלײַונג קאָן כּמעט ניט געלייזט ווערן, מחמת די לידער גופֿא גיבן ניט דערצו קיין שום אָנהאַלטפּונקטן, אויף וועלכע מען זאָל זיך קאָנען סומך זײַן. פֿון דעסט וועגן האָט ער יאָ געפֿונען אַזעלכע פּונקטן אין דעם ליד נומ' 288 (בײַ ג"מ) און אין עטלעכע קינדערלידער וואָס זײַנען בלי ספֿק אַנטליגן געוואָרן אין 19טן י"ה. דעריבער, מיינט ער, ווער די דאָזיקע מעגלעכקייט אויך בנוגע די אַנדערע לידער דורכויס ניט קאָנען אָפּגעפֿרעגט ווערן. „אָבער אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן די לידער־וואַנדערונג פֿון דײַטשלאַנד קיין רוסלאַנד איז פֿאָרגעקומען, וועגן דעם לאָזן זיך נאָר אַרויסזאָגן אומבאַשטימטע סבֿרות."[16]

---

[14] וועגן ביסטראָנס אַרבעט פֿ"גל מאַקס ווײַנרײַכס אויספֿירלעכן רעפֿעראַט אין יודישע פֿילאָלאָגיע 1 (1924—1926), זז' 204—209.

[15] טשובינסקי, דצ"וו, ז' 1199.

[16] מיטטיילונגען 11, 68.

די לעצטע פֿראַגע איז באמת אַזאַ פּשוטע, אַז מען וואָלט זי געקאָנט, אָן ווײַטלויפֿיקע השערות, פֿאַרענטפֿערן כּמעט אין איין זאַץ: חוץ די אַלטע דײַטשישע מעגלעכע פֿאַרמיטלער צווישן דעם דײַטשישן און דעם ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג — די גרענעץ־אײַנוווינער וואָס האָבן געקאָנט זײַן תּושבֿים אין רוסלאַנד און די גרענעץ־אײַנוווינער וואָס האָבן געקאָנט זײַן האָבן די לידער צו אַלע צײַטן אויך געקאָנט פֿרײַ וואַנדערן צוזאַמען מיט די וואַנדערנדיקע אַרבעטער פֿון דײַטשלאַנד קיין רוסלאַנד, מיט די וואַנדערנדיקע שנײַדער־ און שוסטער־געזעלן, מיט די וועבער און וועבערינס א"אַ, וואָס האָבן פֿריִער אָדער שפּעטער, צוליב פּראָפֿעסיאָנעלע טעמים, געמוזט קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט פֿאַרטרעטער פֿון די זעלביקע מלאָכות בײַ ייִדן. און דערמיט איז שוין צוגעגעבן, אַז טייל לידער האָבן געקאָנט אַנטליגן ווערן אינעם 19טן י"ה. אָבער, ווי געזאָגט, זײַנען פֿאַראַן צווישן די אַנטליגענע אויך אַזעלכע וואָס זיי זײַנען לויט זייער אינהאַלט אָדער אַפֿילו לויט עטלעכע פֿערזן זייערע איז ניכּר, אַז זיי זײַנען פֿון אַ גאַנץ אַלטן אָפּשטאַם און אַז די אַנטלײַונג אָדער די השפּעה, ווי מען זאָל דאָס ניט אָנרופֿן, האָט געמוזט פֿאָרקומען שוין פֿון זייער לאַנג צוריק, נאָך פֿאַר דער אויסוואַנדערונג פֿון דײַטשלאַנד.

נעמען מיר למשל די פּאָר לידער, אויף וועלכע ד"ר לאַנדוי האָט צום סוף פֿון זײַן רעצענזיע אָנגעוויזן, אַז זיי זײַנען בלי ספֿק פֿון אַ דײַטשישן אָפּשטאַם, אָבער זייערע קוועלן האָבן זיך ביז אַהער ניט אָפּגעזוכט. דאָס זײַנען די לידער אונטער די נומערן 136—138 בײַ ג"מ, וואָס ער רופֿט אָן „Kiltlieder"[17] אין וועלכע עס זינגט זיך פֿון אַ בחור וואָס קומט אויף אַ בײַנאַכטיקן וויזיט צו זײַן געליבט מיידל, קלאַפּט אָן אין טיר און בעט אים אַרײַנלאָזן:

1. „ווער גייט דאָס אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?"
„יאָסעלע קאַזאַנטשיק!
זע, נחמהלע, עפֿן מיר!
איך בין דײַן קאָכאַנטשיק!"

2. „זע, נחמהלע, עפֿן מיר",
„כ'האָב מורא פֿאַר מײַן מאַמען!"
„זע, נחמהלע, עפֿן מיר,
כ'וועל זיך גאָרניט זאַמען!"

אין דעם דאָזיקן ליד (נומ' 138) ווערן אויסגערעכנט כּמעט אַלע מיטגלידער

---

[17] דער דאָזיקער מין ניט שטאַרק צניעותדיקע לידער ווערט דאָס רובֿ צוגעשריבן צו אַ שווייצער מקור, הגם די שווייצער גופֿא פּרוּוון דאָס צוריקווײַזן. אַזוי למשל ווײַזט אָן ל. טאָבלער אין דעם אַרײַנפֿיר צו זײַנע *Schweizerische Volkslieder*, 1882 (ב' 1, ד 136), אַז דער קילטגאַנג־מינהג, ד"ה די בײַנאַכטיקע ליבע־זוכעניש און וויזיטן בײַ מיידלעך, איז געווען אַן אַלטער ווײַט פֿאַרשפּרייטער מינהג, באַזונדער בײַ דער קעלטישער באַפֿעלקערונג פֿון ענגלאַנד, ווו עס ווערט נאָך הײַנט אויך צום טייל פּראַקטיצירט, אָבער פּונקט אַזוי שטרענג מאָראַליש, ווי אַ מאָל אין דער שווייץ, הגם דאָס האָט אומעטום געקאָנט פֿירן צו אַ געוויסער אויסגעלאַסנקייט, יעדן פֿאַלס ניט ערגער ווי דאָס ענלעכע בײַ די העכערע קרײַזן אין מיטלעלטער. בכן זײַנען די שווייצער קילטלידער געווען די זעלביקע ווי די „טאַגעלידער" פֿון די מינע־זינגער און טרובאַדורן. אויספֿירלעכער וועגן דעם מינהג בײַ ליברעכט, *Zur Volkskunde*, 1879, ז' 378.

פֿון דער משפּחה, פֿאַר וועמען ס'איז אַלץ דאָ מורא צו האָבן, און בכן קאָן זי אים ניט אַרײַנלאָזן. קיין גרויס פֿאַרשײַטקייט איז אין דעם ניט פֿאַראַן, ווי אין די ענלעכע דײַטשישע „קילטלידער" אָדער „טאַגעלידער", אין וועלכע ס'איז דאָ וויניקער תּירוצים, אָבער מער מעשׂים. פֿון דעסט וועגן לאָזט זיך דאָ אַ געוויסע השפּעה ניט אָפּפֿרעגן.

און אָט געפֿינען מיר טאַקע פֿערזן גאַנץ ענלעכע צו אונדזער ערשטער סטראָפֿע אין אַן אַלטן „טאַגעליד" בײַ ערק־בעהמע, 2, נומ' 817, איבערגע־דרוקט פֿון דעם *Bergliederbüchlein* (בערך 1740), נומ' 44:

Wer ist denn, der da klopfet an,
Der mich so leis erwecken kann?
"Es ist das schöne Hänselein,
Steh auf, feins Lieb, und lass mich ein!"

פֿיל עלטער מוזן אָבער זײַן די נוסחאָות אונטער די נג' 136 און 137 בײַ ג"מ (וואַריאַנט בײַ כּהן, 1, ז' 15; נײַע זאַמלונג נומ' 19; באַסטאָמסקי, ז' 48) אויף דעם זעלביקן מאָטיוו, הגם פֿון די קנאַפּע פֿראַגמענטן איז דאָס קוים ניכּר. פּרווּוט מען אָבער פֿון די דאָזיקע פֿראַגמענטאַרישע טעקסטן עפּעס רעקאָנסטרויִרן, באַקומט זיך אַן אינטערעסאַנטע ענלעכקייט צו אַן אַנדער אַלטן טאַגעליד,[18] אין וועלכן עס זינגט זיך פֿון דרײַ „געזעלכען" וואָס זײַנען געזעסן אויף אַ שמאָלן „שוועלכען", האָבן געגעסן, געטרונקען און געשמועסט, און אין מיטן דערינען באַרימט זיך איינער, אַז אַ מיידל האָט אים צוגעזאָגט אויפֿצונעמען בײַ זיך ביז אין העלן טאָג אַרײַן. דאָס איז בערך דער אינהאַלט פֿון די ערשטע פֿיר סטראָפֿעס, אָבער אין אונדזער ליד האָט זיך דערפֿון גאָרניט דערהאַלטן, בלויז אפֿשר אַ שפּור אין דעם וואַריאַנט: „אויפֿן באַרג און אויפֿן בריק, צוויי געזעלן האָבן זיך אויפֿגערעדט" (באַסטאָמסקי ז' 48). דערפֿאַר אָבער ווען עס קומט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פֿערזן, ווו עס זינגט זיך פֿון דעם בחור (אַ שטאָלצער רײַטער), וואָס קלאַפּט אָן מיט זײַן גאָלדענעם רינג אין טיר און בעט אים אַרײַנלאָזן, נאָר דאָס מיידל הייסט אים ווײַטער רײַטן — איז שוין דאָס איבערבלײַבעניש אין אונדזער ליד גאָר אַ היפּשלעכס. דאָס איז צו זען לויט דעם ווײַטערדיקן סדר פֿון אונדזערע נוסחאָות וואָס ווערן דאָ געבראַכט אין פּאַראַלעל צום דײַטשישן טעקסט:

(ג"מ, נומ' 136, סטר' 1:)

5. ....
....
Ganz leise klopft' er an
Mit seinem goldnen Ring:
"Schläfst oder wachest du,
Mein auserwähltes Kind?"

קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן טיר,
מײַנע ליבע, עפֿן מיר!

[18] Hoffmann-Richter, *Schlesische Volkslieder*, 1842, no. 113.

(אָדער וואַר' נומ' 137, סטר' 1:)

6. "Ich schlafe nicht, ich wache,
Die Thür' ich nicht aufmache,
Reit du nur immerhin
Wo du herkommen bist."
....
....

— קליפּ־קלאַפּ, עפֿן מיר!
שלאָפֿסטו, טאָ זאָג זשע מיר!
— שלאָפֿן, שלאָף איך אפֿילו ניט,
נאָר עפֿענען וועל איך דיר אוודאי ניט!

(כּהן 1, ז' 15, סטר' 3:)

7. "Wo soll ich denn hinreiten?
Es schlafen alle Leute,
....
....
Es regnet und es schneiet
Es geht ein kühler Wind."

ווּ זאָל איך שטרײַטן?
מע שלאָפֿט בײַ אַלע לײַטן.
אַ ווינט ווייט, אַ רעגן גייט,
איך וועל פֿאַרנעצן מײַן זײַדן קלייד.

(ג"מ, נומ' 136, סטר' 2:)

8. "Reit du an jene Heide!
Da stehn zwei Lindenbäume.
So binde an dein Pferdchen
An einen Lindenbaum,
Und hast dir gut gebettet,
So schläfst du ohne Traum."

— דער רעגן גייט, דער ווינט שפּרייט,
ווּ זאָל איך אַהינטאָן מײַן זײַדן קלייד?
— דײַן קלייד קער אום אויפֿן לינקן זײַט,
און לייג זיך שלאָפֿן אויפֿן גרינעם גראָז.

(ג"מ, נומ' 136, סטר' 3:)

9. "Mit was soll ich mich decken?
Und wer wird mich aufwecken?"
"Leg dich ein Stückel 'nüber,
Da steht ein Nesselstrauch,
Leg du dich nackend drunter.
Der wird dich wecken auf."

מיט וואָס זאָל איך זיך צודעקן?
און ווער וועט מיר אויפֿוועקן?
— דער בלאַט פֿון בוים וועט דיר
צודעקן,
דער שטראַל פֿון זון וועט דיר
אויפֿוועקן.

קיין נאָענטערער פֿאַרגלײַך צו אונדזער ליד האָט זיך דערווײַל ניט געלאָזט אָפּזוכן, אָבער דערפֿון אַליין וואָלט מען שוין אפֿשר געקאָנט דרינגען, אַז מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך דעם סאַמע מקור פֿון אַלע אונדזערע נוסחאָות, מחמת טייל פֿון זיי שטימען דאָך כּמעט ווערטלעך מיטן דײַטשישן טעקסט, דער עיקר מיט די פֿערזן אין סטראָפֿעס 7 און 9. נאָר פֿון דעסט וועגן לאָזט זיך דאָס אַזוי זיכער ניט פֿעסטשטעלן, וואָרעם אין די קנאַפּע פֿראַגמענטן אונדזערע זײַנען אויך פֿאַראַן עטלעכע פֿערזן וואָס זײַנען מרמז אויף אַן עלטערן אָפּשטאַם.

און אָט דעם דאָזיקן רמז געפֿינען מיר אין אַן אַלט־דײַטשישן טעקסט, אַ האַנטשריפֿט פֿונעם 16טן י"ה, וואָס איז נאָך ליטעראַריש ניט פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן:[19]

[19] אָפּגעדרוקט פֿונעם אָריגינאַל בײַ:
Mittler, *Deutsche Volkslieder*, 1865, no. 301.

7. Vnd spred deinen mantel
Wol jn dass grüne grass,
Vnd hastu wol gebeddet
So schlepstu desto bass.

דאָ האָבן מיר שוין אי דאָס „גרינע גראָז“, אי דעם „מאַנטל“ וואָס האָט זיך אין אונדזער פֿאָלקסגעזאַנג לײַכט געקאָנט פֿאַרוואַנדלען אין אַ „זײַדן קלייד“, ווי עס זינגט זיך טאַקע אין איינעם פֿון אונדזערע וואַריאַנטן: „דײַן קלייד קער אום אויפֿן לינקן זײַט, און לייג זיך שלאָפֿן אויפֿן גרינעם גראָז“. און אָט די פֿערזן זײַנען ניט בנימצא אין דעם שלעזישן טעקסט, און ניט אין די אַנדערע ווערסיעס פֿון דעם דאָזיקן ליד,[20] וואָס זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן פֿונעם פֿאָלקסמויל אינעם 19טן י״ה. דאָס באַווײַזט, אַז די אַנטלײַונג, אָדער די השפּעה אויף אונדזער ליד, האָט געמוזט פֿאָרקומען אַ היפּשע צײַט פֿריִער.

ווי אַזוי עס קומען צו אונדז די דאָזיקע פֿערזן, וואָס זיי זײַנען ניט בנימצא אין די הײַנטיקע דײַטשישע לידער און זײַנען אָבער יאָ פֿאַראַן אין זייערע ווערסיעס פֿונעם 16טן י״ה, לאָזט זיך דערקלערן פֿון דעם אומשטאַנד, וואָס בידע פּאַראַלעלע לידער, אי דאָס דײַטשישע אי דאָס יידישע, האָבן אויף גאַנץ פֿאַרשידענע וועגן געקאָנט דורכמאַכן זייער מאַרשרוט פֿון אַן אַלטן מקור צו דעם נײַערן פֿאָלקסגעזאַנג. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס מיר געפֿינען נאָך הײַנט דאָס דאָזיקע אַלט־דײַטשישע ליד כמעט אין זײַן פֿולן סטראָפֿן־באַשטאַנד, הגם אין אַ געביטענער פֿאָרעם, באַווײַזט, אַז דער דײַטשישער געזאַנג האָט זיך גאַנץ אָפֿט געקאָנט שטיצן אויף געדרוקטע מקורים, אויף פֿלוגבלעטער, מוזיק־ביכער, לידערביכער וכדומה,[21] וואָס האָבן צו יעדער צײַט געקאָנט אָפּפֿרישן דעם פֿאָלקס־זכרון און אויפֿהיטן דאָס אַלטע ליד. בײַ אונדז אָבער זײַנען פֿאַר דעם פֿאָלקסליד בכלל קיין געדרוקטע מקורים ניט געווען, און זײַן קיום איז אַלע מאָל אָפּהענגיק געווען בלויז פֿונעם פֿאָלקס־זכרון, פֿון דער מינדלעכער טראַדיציע, און דערפֿאַר אַזאַ קנאַפּע איבערבלײַבעניש פֿון אונדזער אַלטן לידער־אוצר. און אָפֿט מאָל איז עס טאַקע אַ ראַיה, אַז וואָס קנאַפּער ס׳איז דאָס איבער־בלײַבעניש פֿון אַזאַ ליד אין אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, אַלץ עלטער מוז זײַן דער אָפּשטאַם אָדער די אויפֿקומצײַט. דאָס לאָזט זיך פּאַקטיש אויפֿ־ווײַזן פֿון אַן אַנדער פֿראַגמענט, פֿון אַ ליבעליד בײַ ג״מ נומ׳ 166, וואָס איז אויך פֿון אַ דײַטשישן מקור; אָבער דאָ איז שוין קיין ספֿק ניטאָ, אַז דאָס ליד איז שוין באַקאַנט געווען אונדזער פֿאָלקסגעזאַנג נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

ווי געזאָגט לאָזט זיך דאָס פֿאַקטיש אויפֿווײַזן, און דווקא פֿון אַן אַלט־יידישן

[20] פֿ״גל הונדערהאַרן, ד׳ 25; דיטפֿורט, 2, נומ׳ 59; ע. מײַער, נומ׳ 181; מיטלער, נג׳ 303, 304; בעקל, נומ׳ 94; פֿרישביר, נומ׳ 25; ערק־בעהמע, 3, נג׳ 1305—6.

[21] דער הויפּט איז דאָס מעגלעך געוואָרן זינט דעם אָנהייב פֿונעם 19טן י״ה, בעת די ראָמאַנ־טיקער אַרנים און ברענטאַנאָ האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט זייער זאַמלונג *Des Knaben Wunderhorn* (1806—1808), וואָס האָט פֿיל בײַגעטראָגן אויפֿצולעבן און צו פֿאַרשפּרייטן אין פֿאָלק די אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע לידער, געזונגענע און ניט־געזונגענע.

מקור, פֿון אײַזיק וואַליכס לידער־זאַמלונג, אַ כתבֿ־יד פֿונעם 16טן יאָרהונדערט, וואָס געפֿינט זיך אין דער „באָדלעיאַנע“ אין אָקספֿאָרד, און וואָס איז אונדז בלויז באַקאַנט פֿון ראָזענבערגס אַרבעט, אויף וועלכער כ׳האָב שוין אַ מאָל געהאַט אָנגעוויזן.[22] ס׳איז דאָס אייגענע ליד אין וואַליכס זאַמלונג (בײַ ראָזענבערגן, נומ׳ 16), וואָס איז מיר שוין אַ מאָל פֿאָרגעקומען זייער ענלעך לויטן אינהאַלט (פֿון די סטר׳ 5—8) און האָט דערמאָנט אין עטלעכע פֿון אונדזערע הײַנטיקע ליבעלידער, טאַקע אין אַ נוסח פֿונעם אויבן געבראַכטן טעקסט „קליפּ־קלאַפּ, עפֿן מיר!“ הגם די אידענטישקייט איז אַ ווײַטלעכע. דאָס ליד איז אָבער אויף דעם זעלביקן מאָטיוו, אויך אַ „קילטליד“, נאָר מיט אַ שפּאַסיקן אונטערשלאַק. עס הייבט זיך אָבער אָן זייער ערנצט און סענטימענטאַל: איינער גייט אין אַ פֿינצטערער נאַכט, אַז ער זעט ניט קיין שטיך. שיפּט ער זיך איבערן רײַן אויף אַ ליליעבלעטעלע צו זײַן האַרץ־געליבטער. קומט ער אָן ווען עס קרייען שוין די הענער און עס הייבט אָן שאַריִען אויף טאָג. קלאַפּט ער אָן אין דער געליבטערס טיר, איז פֿאַרשלאָסן, „דער ריגל וואָר דערפֿיר“. און ווי געוויינט־לעך וויל איר דאָס מיידל ניט אַרײַנלאָזן, סײַדן ער זאָל איר צושווערן, אַז ער וועט זײַן אירער. קאָן ער דאָס ניט פֿאַרזיכערן, הגם ער האָט זי ליב, אָבער נעמען זי וויל ער ניט. אָט דאָס איז דער אינהאַלט פֿון די סטראָפֿעס 1—8. צו דער לעצטער געפֿינען זיך ענלעכע פֿערזן אין אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסליד.

צופֿעליק, בײַם פֿאָרשן נאָך וואַריאַנטן און פּאַראַלעלן צו די לידער פֿון אונדזער נײַער זאַמלונג, האָט זיך איצט אָפּגעזוכט אַ פֿיל בעסערער פֿאַרגלײַך, אַ נעענטערער צו די סטר׳ 9—12 פֿון דעם זעלביקן ליד. אין דעם דערמאָנטן פֿראַגמענט בײַ ג״מ (נײַע זאַמלונג נומ׳ 17), וואָס ווערט דאָ געבראַכט פּאַראַ־לעל צו וואַליכס טעקסט, לויט ראָזענבערגס דײַטשישער טראַנסקריפּציע:[23]

(בײַ ראָזענבערגן, נומ׳ 16:)	(בײַ ג״מ, נומ׳ 166:)
9. די שוועסטערן וואָרען דרײַ, די יונגעסטע, די אונטער דען דרײַען וואָר, זי ליס דען קנאַבען אײַן.	1. עס זיצן מיידעלעך דרײַ, לויפֿט אַרויס די שענסטע, די קלענסטע, און כאַפּט דעם בחורל אַרײַן,
10. זי נאַם אין בײַ דער האַנד, זי פֿירט אין וועג אונד אײַלט, ביז ער איר בעטלײַן פֿאַנד.	2. און זעצט אים אוועק בײַם טיש, און גיט אים די בעסטע ווײַן און די בעסטע פֿיש.

[22] באַרירנדיק דעם זעלביקן ענין אין דעם אַרײַנפֿיר צו מײַן ערשטער זאַמלונג, ב׳ 1, זז׳ XXV—XXX [אין דעם איצטיקן באַנד זז׳ 21—25] אויך אויפֿן סמך פֿון ראָזענבערגס אַרבעט: *Ueber eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder in hebräischen Lettern*, 1888, אין וועלכער ס׳ווערן געבראַכט היפּשע אויסצוגן פֿון די 55 לידער וואָס זײַנען פֿאַרשריבן אין וואַליכס זאַמלונג מיט אַ גענויען אָנווײַז אויף זייערע מקורים. פֿ״גל דערצו ג. שטיף, „דיטריך פֿון בערן“, יידישע פֿילאָלאָגיע 1, זז׳ 6—7 און אין עטלעכע ערטער בײַ י. שיפּער, געשיכטע פֿון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע.

[23] עס וואָלט אַוודאי וויכטיק געווען צו ברענגען דאָ דעם ציטאַט לויט וואַליכס אָריגינעלן כתבֿ־יד, איז אָבער דער געפֿינס צו אונדזער ליד ערשט געקומען, ווען די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען פֿאַרטיק צום דרוק, און ס׳איז שוין קיין צײַט ניט געווען צו באַזאָרגן זיך מיט אַ פֿאָטאָסטאַט. איך האָף, אַז די הערן פֿילאָלאָגן וועלן דאָס אין באַטראַכט נעמען און מוחל זײַן.

11. זי פֿירט אין אויף דאָס האָוס,
זי באַנד אים הענד אונד פֿיסע,
צו דעם פֿענסטער וואַרף זי אין
נאָוס.

12. ער פֿיל וואָל איבער איין בלאָס,
איין ריפּ אין זײַנעם לײַב ענטצוויי,
איין לאָך אין זײַנעם קאָפּפֿע.

3. געקומען די מאַמע פֿון גאַס,
פֿרעגט זי: וואָס איז דאָס?
— אַ שנײַדער געקומען אַראָפּ-
נעמען אַ מאָס!

4. איר נאַרט מיר די טעלערלעך
אויס!
זי האָט אים געלעכערט דעם קאָפּ,
און דורכן טיר אַרויס!

לויט ראָזענבערגס צעגלידערונג ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער סטראָפֿן-באַשטאַנד פֿון וואַליכס טעקסט איז היפּשלעך אַנדערש ווי אין די באַקאַנטע ווערסיעס פֿון דעם דאָזיקן ליד; למשל, בײַ אולאַנד, 2, נומ׳ 260, און אין דעם „פֿראַנקפֿורטער [אַמבראַזער] לידערבוך" פֿונעם יאָר 1582, נומ׳ 259, ווּ די 10טע סטראָפֿע איז בכלל ניט בנימצא. נאָר אַזוי ווי עס לאָזט זיך ניט אָננעמען, אַז דער זאַמלער זאָל דאָ בכיוון האָבן פֿאַרבונדן מערערע ווערסיעס אין איין ליד, דעריבער איז ראָזענבערג משער, אַז דער דאָזיקער טעקסט האָט אויך געמוזט עקסיסטירן אין דער געבראַכטער פֿאָרעם. כ׳מיין, מען וואָלט נאָך געקאָנט גיין ווײַטער און זאָגן, אַז דאָס ליד האָט פֿריִער נאָך געלעבט אין פֿאָלקסמויל, פֿון וואַנען דער זאַמלער האָט אויך געמוזט שעפּן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן מאַטעריאַל. אַ ראיה דערצו געפֿינען מיר אין דער 12טער סטראָפֿע, ווּ עס רעדט זיך וועגן דעם אינצידענט מיטן געלעכערטן קאָפּ, וואָס איז אויך ניט בנימצא אין די נײַערע ווערסיעס פֿון דעם דאָזיקן ליד.[24] און מחמת דאָס געפֿינט זיך יאָ אין אונדזערע הײַנטיקע נוסחאָות (בײַ ג״מ סטר׳ 4; נײַע זאַמלונג נומ׳ 17, סטר׳ 3), לאָזט זיך דערפֿון דרינגען, אַז אונדזער ליד שטאַמט נאָך פֿון אײַזיק וואַליכס צײַטן, פֿונעם 16טן י״ה, בעת די דאָזיקע פֿערזן זײַנען נאָך אַרײַן אין דעם באַשטאַנד פֿון דעם דעמאָלטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, אין וועלכן די ייִדישע יוגנט האָט קענטיק געמוזט נעמען אַ גאַנץ היפּשן אַנטייל, ווי זינגער און מיטשאַפֿער פֿון די אייגענע לידער, אין שותּפֿות מיט די דײַטשן. אַנדערש לאָזט זיך דאָס פֿאַראַנען זײַן פֿון די אַלע פֿראַגמענטן און פּיצלעך אַלטע איבערבלײַבענישן אין אונדזערע הײַנטיקע פֿאָלקסלידער ניט דערקלערן. מעגלעך, אַז אין וואַליכס זאַמלונג וואָס איז שוין פֿאַר זיך אַליין אַ גאַנץ וויכטיקער דאָקומענט זײַנען נאָך פֿאַראַן אַנדערע ראיות דערצו, וואָס וועלן נאָך אפֿשר שפּעטער אַנטדעקט ווערן.

אָבער דערווײַל וועל איך דאָ אָנווײַזן אויף נאָך אַ קאָנקרעטערן פֿאַקט פֿאַר דעם אַלטן אָפּשטאַם פֿון אונדזער ליבע-ליריק, וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אין דער פֿאָרעם פֿון אַ כּלומרשטיקן קינדערלידל אונטערן נומ׳ 171 בײַ ג״מ,

[24] פ״גל וונדערהאָרן, ד׳ 434; האָפֿמאַן-ריכטער, נומ׳ 121; דיטפֿורט, נומ׳ 51 און 52; ע. מײַער, נומ׳ 218; מיטלער, נומ׳ 296—299; קעהלער-מײַער, נומ׳ 123; ערק-בעהמע, 1, 503, נומ׳ 157. זען אויך: *Am Urquell*, III, 250; IV, 174. *Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, III, 410.

וואָס איז אָבער באמת אַ פֿאַרשלייערט ליבעליד און בלי ספֿק פֿון זייער אַן אַלטן מקור. עס הייבט זיך אָן אַזוי:

1. ווי עס קומט דער ליבער זומער
שפּילן מיר אין זאַמד;
ווּ עס איז אונדזער ווווינונג,
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

2. שוואַרצע קאַרשן רײַסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין; —
שיינע בחורים נעמען מיר,
מיאוסע לאָזן מיר גיין.

פֿון די אַלע וואַריאַנטן (בײַ ג״מ נומ׳ 170 און 172 אין פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע פֿערזן, בײַ כּהן, 2, ז׳ 25; בײַ י. וו. זעגעל,[25] בײַ פּערלמאַן[26]) איז צו זען, אַז דאָס איז אַ ווײַט פֿאַרשפּרייט ייִדיש לידל. און אָט האָט זיך צו דער ערשטער סטראָפֿע אָפּגעזוכט אַ פּאַראַלעל אין אַ נידערדײַטשיש מינעליד:

Wan de leve somer kumpt,
so stuft dat sandt,
tho lunebroch wil ich wane
dar is dat lilien landt.

דער מקור פֿון די דאָזיקע פֿערזן איז אַ כּתבֿ-יד פֿונעם 16טן י״ה, וואָס געפֿינט זיך אין דער האַנאָווערער שטאָט-ביבליאָטעק. דעם ציטאָט ברענג איך דאָ פֿון באָרכלינגס אַרבעט וועגן די נידערדײַטשישע האַנטשריפֿטן.[27] עס געפֿינט זיך אויך אין פּאַול אַלפּערס׳ נײַער אויסגאַבע פֿון די אַלטע נידערדײַטשישע פֿאָלקסלידער,[28] ווּ דער זאַמלער מערקט אָן, אַז אַחוץ בײַ באָרכלינגן און שטאַמלערן[29] איז דאָס ליד אין ערגעץ ניט בנימצא. דערפֿון לאָזט זיך דרינגען, אַז דאָס דאָזיקע לידל איז בײַ די דײַטשן זינט דעם 16טן י״ה שוין מער ניט געזונגען געוואָרן, זיסט וואָלט עס דאָך, פֿאַר דער גאַנצער צײַט, כאָטש איינער פֿון די אַלע איבערגעגעבענע פֿאָלקסלידער-זאַמלער געהאַט ערגעץ ווּ פֿאַרצייכנט. בכן האָבן מיר דאָ אַ ליבעליד וואָס איז בלי ספֿק שוין געזונגען געוואָרן פֿון די ייִדישע מאַסן בערך נאָך מיט אַ פֿיר הונדערט יאָר צוריק, מחמת מען דאַרף רעכענען, אַז אײדער דאָס נידערדײַטשיש ליד איז איבערגעגאַנגען פֿון פֿאָלקסמויל אין כּתבֿ-יד האָט אויך געמוזט נעמען אַ היפּש שטיקל צײַט. והאָ ראיה, אונדזער ייִדיש לידל, וואָס ס׳איז שוין איצט קיין ספֿק ניט, אַז עס האָט געמוזט אַרומגיין אין פֿאָלק הונדערטער יאָרן, איז ערשט פֿאַרצייכנט געוואָרן אין 1901. און אָט דער דאָזיקער געפֿינס פֿונעם נידערדײַטשישן לידל באַפֿעסטיקט כּמעט אַלץ

[25] *Zbiór wiadomości antropologicznych*, 17, 19 (איבערגעזעצט אויף פּויליש).
[26] *Еврейская Старина*, 4 (1912), стр. 470.
[27] *Nachrichten d. Ges. d. Wiss. zu Gött., Gesch. Mitt.*, 1898, Heft 2, p. 222.
[28] Paul Alpers, *Die alten niederdeutschen Volkslieder*, Hamburg, 1924, No. 45.
[29] Stammler, *Mittelniederdeutsches Lesebuch*, p. 103.

װאָס איך האָב דאָ געפּרוּװט אױפֿװײַזן בנוגע דעם אַלטן אָפּשטאַם פֿון אונדזער פֿאָלקסליריק.

װײַטער, װאָס שײך דער צװײטער סטראָפֿע פֿון אונדזער ליד, הגם אױך אַ פֿראַגמענט פֿון אַן אַנדער טעקסט, פּאַסט עס זיך אָבער זײער גוט צו דער ערשטער, און מען קאָן זאָגן, אַז ס׳איז דאָ פֿאַראַן מער אינהאַלטלעכער צוזאַמענהאַנג װי צװישן דער ערשטער און די צװײ װײַטערדיקע סטראָפֿעס פֿון אױבן געבראַכטן נידערדײַטשישן ליד; און מערקװערדיק איז, װאָס גראָד די דאָזיקע צװײטע סטראָפֿע אונדזערע איז אױך פֿון אַ נידערדײַטשישן מקור. איך ברענג עס דאָ פֿון ערק־בעהמעס *Liederhort*, נומ׳ A-985:[30]

Ik wil in den Goren gan,
Wo de bunten Blomen stan;
De roden Blomen plück ich geern,
De witten latt ik stan;
De Junkgesellen küss ik geern,
De olen lat ik gan.

װי נאָענט די דאָזיקע נידערדײַטשישע פֿערזן שטײען צו אונדזער נוסח קאָן מען זען דערפֿון, װאָס אַפֿילו אין אַ ייִדישער איבערזעצונג פֿאַרלירט זיך כּמעט גאָרניט פֿון זײער אָריגינעלער פֿאָרעם:

איך װיל אין דעם גאָרטן גײן,
װוּ די בונטע בלומען שטײען;
די רױטע בלומען רײַס איך גערן,
די װײַסע לאָז איך שטײן;
די יונגע בחורים קוש איך גערן,
די אַלטע לאָז איך גײן.

בעהמע באַמערקט דערצו: „איצט זײַנען די דאָזיקע טאַנצפֿערזן פֿון דער אַלטער צײַט פֿאַרבליבן בלױז נאָך אין קינדערמױל, זײַנען געװאָרן קינדערלידער, בעת פֿריִער זײַנען זײ געזונגען און געטאַנצט געװאָרן פֿון מײדלעך“. אָבער די נײַערע װערסיעס פֿון די דאָזיקע קינדערלידער זײַנען שױן דאָס רובֿ נאָכגעמאַכטע, געקינצלטע.[31] לגבי דעם זײַנען אָבער אונדזערע ייִדישע נוסחאָות אי עכטער, אי עלטער און שטײען אין פֿיל פּרטים נעענטער צום אָריגינעלן נידערדײַטשישן טעקסט,[32] װאָס דערפֿון לאָזט זיך משער זײַן, אַז אױך די צװײטע סטראָפֿע פֿון אונדזער ליד שטאַמט, אפֿשר גלײַכצײַטיק מיט דער ערשטער, פֿונעם 16טן יאָרהונדערט.

[30] טעקסט A ברענגט בעהמע פֿון מאַנעס, *Anzeiger für die Kunde deutscher Vorzeit*, 6, 163, און B פֿון מילענהאָפֿס *Sagen, Märchen und Lieder*, 1845, ז׳ 489; פֿון דאַנען בײַ מיטלער, נומ׳ 1040, 1043; װעגענער, *Volkstümliche Lieder*, נומ׳ 648.

[31] פֿאַרגלײַך דערצו *Zeitschr. d. V. f. Volksk.* 9, 391, װוּ עס װערן געבראַכט עטלעכע מוסטערן פֿון די נײַערע װערסיעס.

[32] אַן ענלעך לידל ברענגט אולאַנד, פֿאָלקסלידער 1, נומ׳ 7, פֿון דעם „אַנטװערפּענער לידערבוך“, 1544, נומ׳ 96.

און אָט די אַלע אױבן געבראַכטע פֿאַקטן פֿון די לידער גופֿא, די אַלע קנאַפּע אָבער זײער קענטיקע שפּורן פֿון דער אַלט־דײַטשישער פֿאָלקסליריק, װאָס האָבן זיך אױף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן דערהאַלטן אין אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, זײַנען אַ סך װאָגיקער, װי יענע װײַטלױפֿיקע השערות פֿון אונדזערע פֿאָרשער װאָס באַטראַכטן דאָס ייִדישע ליבעליד װי אַ פּראָדוקט פֿונעם 19טן י״ה, און דװקא אונטער אַ סלאַװישער השפּעה...[33] די אוממיטלבאַרע פֿאַקטן, װאָס זײַנען דאָ געבראַכט געװאָרן, באַװײַזן דעם היפּוך: זײ װײַזן, אַז ס׳האָט געמוזט זײַן אַן עלטערער ייִדישער לידער־רעפּערטואַר, אַן אײגנאַרטיקע ליבע־ליריק װאָס האָט שױן אַ צײַט פֿריִער געמוזט עקסיסטירן אין פֿאָלק. אַנדערש װאָלט זיך אפֿשר דאָס פֿרעמדע גאָרניט אָנגענומען און װאָלט ממילא בײַ אים ניט געקאָנט האָבן אַזאַ לאַנגן קיום.

דער ליבע־מאָטיװ, װי דאָס נאַטירלעכע געפֿיל פֿאַר געזאַנג און שפּיל, איז דער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע קײן מאָל ניט פֿרעמד געבליבן.

[זען אױך ז׳ 237.]

[33] און טאָמער איז נאָך עמעצער מסופּק, צי בײַ אונדזערע פֿאָרשער איז נאָך הײַנט פֿאַראַן אַזאַ פֿאַרעלטערטע מײנונג, זאָל דאָס באַװײַזן דער װײַטערדיקער ציטאַט פֿון ד״ר גרונװאַלדס באַריכט: „25 יאָר ייִדישער פֿאָלקלאָר“, װוּ עס זאָגט זיך בפֿירוש:

Nach A. Landau (*Mitt.* 11) sind viele dieser Lieder deutschen Ursprungs. Dem Slavischen sind dem Inhalte nach einige Liebeslieder entlehnt, die erst seit der Mitte des neunzehnten Jahrhunderts sich im jüdischen Volke eingebürgert haben (*Jahrbuch für jüdische Volkskunde*, 1923, p. 11).

צום אויפֿקום פֿון ייִדישן טאַנצליד

[צום ערשטן געדרוקט (מיטן אונטערטיטל: „אַ פֿאָלקסליד־סטודיע“ און דאַטירט: ווילנע, נאָוועמבער 17, 1930) אין ייִוואָ־בלעטער, I (1931), זז׳ 28—39. גאָר צום סוף איז נאָך געשטאַנען דער זאַץ: „אָבער אויספֿירלעכער וועגן דעם ענין אין אַ צווייטן אַרטיקל“. אַזאַ אַרטיקל איז קיין מאָל ניט געווען געדרוקט, נאָר ווײַזט אויס, אַז כּהן האָט אים געהאַט אָנגעהויבן שרײַבן; זען אין איצטיקן באַנד זז׳ 158—163 און אויך ז׳ 234.]

עס וואָלט געווען אַ גרונטיקער טעות, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז דעם אָנהייב פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסליד, דעם וועלטלעכן, דאַרף מען זוכן נאָר אין דעם אַרומיקן, שכנישן פֿאָלקלאָר, אָדער דורכויס אין דער אַלט־דײַטשישער פֿאָלקסדיכטונג, וואָס אויף זייערע שפּורן האָב איך שוין געהאַט אָנגעוויזן אין אַ פֿריִערדיקער אַרבעט.[1] דער דאָזיקער אָנווײַז אויף די פֿרעמדע שפּורן אין אונדזער הײַנטיקן פֿאָלקסליד האָט קודם־כּל נאָר געזאָלט פֿעסטשטעלן דעם פֿאַקט, אַז דער כּלומרשט אונדז פֿרעמדאַרטיקער „ליבע־מאָטיוו“ איז שוין אַפֿילו אין 16טן יאָרהונדערט ניט פֿרעמד געבליבן אונדזער וועלטלעכן פֿאָלקסגעזאַנג. דערפֿון אָבער האָט מען שוין אויך געקאָנט דרינגען, אַז גלײַכצײַטיק, און אפֿשר נאָך אַ צײַט פֿריִער, האָט שוין אין פֿאָלק געמוזט עקסיסטירן אַ רײַכער לידער־רעפּערטואַר, אַן אָריגינעלע ייִדישע ליבע־ליריק,[2] לכל־הפּחות אין דער פֿאָרעם פֿון קלענערע טאַנצלידלעך.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע לידער פֿון דער גאָר אַלטער צײַט זײַנען שוין זינט לאַנג פֿאַרשוווּנדן, ס׳איז שוין אפֿשר פֿון זיי קיין שפּור ניט געבליבן, אַחוץ די עטלעכע, וואָס איך האָב אויף זיי אָנגעוויזן אין מײַן פֿריִערדיקער אַרבעט. אָבער אַז מיר וועלן באַטראַכטן, אויף וואָס פֿאַר אַ נאַטירלעכן אופֿן אונדזערע נײַערע טאַנצלידער זײַנען אויפֿגעקומען אין פֿאָלק, וועלן מיר זיך גאַנץ לײַכט קאָנען פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס האָט אויך געמוזט זײַן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. מחמת די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן די דאָזיקע לידער־גאַטונג, זײַנען אַלע מאָל און אומעטום געווען כּמעט די זעלביקע.

דאָס ייִדישע טאַנצליד, ווי דאָס טאַנצליד בײַ אַלע אַנדערע פֿעלקער, איז אַ פּראָדוקט פֿון דער קאָלעקטיווער פֿאָלקסשאַפֿונג. עס איז אויפֿגעקומען אונטער דער השפּעה פֿון געזאַנג און טאַנץ. אומעטום, ווו ס׳האָט נאָר עקסיסטירט דער

[1] פֿ״גל „עטלעכע פֿאַרבאַמערקונגען צו די עלטערע ליבעלידער“, פּנקס, זשורנאַל פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק 1929, ב׳ 1, זז׳ 65—77 [אין דעם איצטיקן באַנד זז׳ 69—87].

[2] דאָרטן גופֿא, ז׳ 77 [אין איצטיקן באַנד ז׳ 87].

טאַנץ אין באַגלייטונג פֿון געזאַנג, האָט גלײַכצײַטיק געמוזט אויפֿקומען אויך אַ ליד, אַ טאַנצליד. „קיין פֿאָלק אין דער וועלט טאַנצט ניט, עס זאָל עפּעס ניט צוזינגען דערצו. ערשט די [נײַערע] געזעלשאַפֿט האָט צוגעטראַכט די אומפּאָעטישע אַרומשפּרינגערײַ פֿון דער פֿאָלקע אאַז״וו“. אַזוי באַמערקט אָטאָ בעקעל,[3] אַ פֿײַנער קענער פֿון דער אַלגעמיינער אייראָפּעיִשער פֿאָלקסדיכטונג.

פֿאַר די אומות העולם אפֿשר אַ ביסל אַ גוזמא, אָבער פֿאַר אונדז איז די דאָזיקע באַמערקונג ווי אָנגעמאָסטן. מען באַדאַרף נאָר צוגעבן, אַז בײַ אונדז, צווישן די ברייטע מאַסן, האָט נאָך ביז ניט לאַנג צוריק עקסיסטירט דער פֿאָלקסטאַנץ אין באַגלייטונג פֿון געזאַנג און ליד; און נישט נאָר צו דער פֿאָלקע האָט מען אימפּראָוויזירט און געזונגען לידער, נאָר אויך צום פֿאָלאָנעז, קאַדריל, וואַלץ, רײַנלענדער, מאַזורקע, שער, ברוגז־טאַנץ א״אַ. אויף דעם זאָגן עדות די אַלע קלענערע און גרעסערע טאַנצלידער וואָס איך האָב פֿאַר די לעצטע יאָרן אויפֿגענומען פֿון פֿאָלקסמויל,[4] און אויך יענע וואָס געפֿינען זיך אין אַנדערע זאַמלונגען, כאָטש זייער קנאַפּלעך.

געוויס, אין די פֿריִערדיקע יאָרן האָט מען זעלטן ווען געהערט דעם נאָמען „טאַנצליד“, ניט אין פֿאָלק און אַפֿילו ניט בײַ אונדזערע זאַמלער פֿון פֿאָלקסלידער, הגם דער דאָזיקער לידער־מין איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט געווען אין די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן, אפֿשר אונטער אַן אַנדער נאָמען, אָדער גאָר אָן אַ נאָמען. מען האָט זיי אויפֿגענומען פֿון פֿאָלקסמויל, צוזאַמען מיט אַנדערע לידער, צופֿעליק, ווען ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט. אָבער זוכן זיי, נאָכפֿרעגן זיך אויף זיי — דאָס ניט. און אין דער אמתן, אויף וואָס האָט מען זיך דען געזאָלט נאָכפֿרעגן, אַז עס האָט ניט עקסיסטירט אַזאַ נאָמען ווי טאַנצליד?

אונדזערע זאַמלער, למשל, האָבן זיך גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען אויף דער קינדערשאַפֿונג: שפּיללידער, אויסציילענישן און אַפֿילו אַנדערע אומפֿאַרשטענדלעכע קינדערגראַמען האָבן זיי אויפֿגענומען גאָר היפּשלעך אין זייערע זאַמלונגען; אָבער פֿאַר די קליינע טאַנצלידלעך, פֿון אויבן אויף אפֿשר אויך אומפֿאַרשטענדלעכע, האָבן זיי, ווי עס ווײַזט אויס, ניט געהאַט קיין שום הבֿנה. עס איז מסתּמא קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז די דאָזיקע אין פֿלוג גאָרנישט זאָגנדיקע לידלעך וואָס ווערן געזונגען אין פֿאָלק האָבן אויך עפּעס אַ ווערט. עס איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז צווישן די ניט־דערקענטע און ניט־דערשאַצטע טאַנצלידער וואָס מען האָט בײַ צײַטנס ניט באַוויזן צו פֿאַרצייכענען זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ סך עלטערע דאָקומענטן, וויכטיקע פֿאַקטן צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסליריק.

פֿון דעסט וועגן דאַרף מען אָננעמען, אַז אין אונדזער צופֿעליקער זאַמלאַרבעט האָבן זיך דאָך ווו ניט ווו, און טאַקע צופֿעליק, אַרײַנגעכאַפּט אַזעלכע לידער וואָס געהערן בלי־ספֿק צו אַן עלטערער תּקופֿה, הגם דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי זיכער אויפֿווײַזן. געפֿינט מען אָבער אַזעלכע, איז אַ מאָל גענוג בלויז איין

[3] Otto Boeckel, *Deutsche Volkslieder aus Oberhessen*, 1885.

[4] פֿ״גל די באַזונדערע אָפּטיילונג „טאַנצלידער“, פּנקס, ב׳ 1, זז׳ 321—328.

אײנציקע סטראָפֿע, אַ פֿערז, אָדער אַפֿילו אַן אײנציק װאָרט װאָס זאָל דינען פֿאַר אַן אָנהאַלט און פֿירן צו אַ װײַטערדיקער אויספֿאָרשונג פֿון דעם געגעבענעם לידער־מאַטעריאַל.

און אָט אַזאַ מין אינהאַלט געפֿינען מיר אין אַן אַלטן חתונה־ליד, אײגנטלעך אַ טאַנצליד, װאָס געהער צו אונדזער ענין.

דאָס ליד איז אַ דרײַסטראָפֿיקס און הײבט זיך אָן אַזוי:

שׂרהלע די רביצין,
דער כּלהס אַ מומע;
ניט קײן געבעטענע,
אַלײן געקומען.

ס׳קומט נאָך צו יעדער סטראָפֿע דער רעפֿרײן: „אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט”, אאַז״װ.[5] אַ פּאָר װײַטערע װאַריאַנטן דערצו אין מײַן ערשטער זאַמלונג (יודישע פֿאָלקסליעדער, 1912, ב׳ II, זז׳ 43—45, מיט די ניגונים) און אַ פּאָר אויך בײַ גינזבורג־מאַרעק, אונטערן נומ׳ 254. אונדזער ערשטע סטראָפֿע פֿעלט דאָרטן, און עס הײבט זיך אָן פּשוטער: „ניט קײן געבעטענע, אַלײן געקומען; כאָץ אַן אָרעמע פֿאָרט אַ מומע”. ניטאָ דאָ קײן יחוס, אַפֿילו פֿון אַן אָרעמער רביצין. און נאָך פּשוטער זינגט זיך עס דאָרטן אין צװײטן װאַריאַנט, כּמעט װערטלעך װי אין אונדזערע לעצטע סטראָפֿעס, נאָר אָן אַ רעפֿרײן:

שפּילט מיר אַ סעמענע,
ניט קײן קאַזאַצקע;
איך בין אַן אָרעמע,
אָבער אַ כװאַטסקע.

נאָט אײַך אַ פּײעס,
שפּילט מיר אַ סעמעלע;
חנהלעס חתנלע
רופֿט מען אַבֿרהמעלע.

„סעמענע” איז אַ פֿאַרצײַטיקער טאַנץ, דערקלערן די זאַמלער. און דאָס באַשטעטיקט זיך טאַקע אויך אין אַ קינדערליד װאָס איך האָב געפֿונען אין בערמאַנס זאַמלונג (ניגערס דער פּנקס, װילנע 1913, ז׳ 387, נומער 46), װאָס זינגט זיך אַזוי:

סעמענע טאַנץ —
פֿיש אין װאַסער
שװימען הין און הער;
נאָדלען און שפּילקעס
איז די בעסטע געװער.

אַז די קינדער זינגען עס שוין, מסתּמא איז עס זײער אַלט. אָבער װאָס איז שײך דעם נאָמען פֿון טאַנץ געפֿינען מיר דאָך אויך אין אונדזערע װאַריאַנטן די פֿאָרעם „סעמעלע”, װאָס די טענצערין, די אָרעמע, ניט־געבעטענע מומע, באַטאָנט אַזוי שטאַרק, מחמת זי מײנט אפֿשר, אַז די קלעזמער װײסן ניט, װאָס פֿאַר אַ מין טאַנץ דאָס איז, דעריבער שפּילן זײ איר גאָר אַ קאַזאַצקע. ס׳איז אָבער קענטיק פֿון גאַנצן ליד, אַז דאָס אָדער דער „סעמעלע” האָט אַ מאָל

[5] „ייִדישע פֿאָלקסלידער, נײַע זאַמלונג”, פּנקס, ב׳ 1, ניו־יאָרק, 1927—1928, נומ׳ 106.

געמוזט זײַן אַ באַליבטער פֿאָלקסטאַנץ צװישן די ברײטע מאַסן, און אפֿשר אַ פֿאַרשײַטער און אַ פֿרעמדאַרטיקער — דעריבער, קאָן זײַן, האָט מען אים ניט געװאָלט אַרױפֿלאָזן אויף אַ בעל־הבתּישער חתונה.

אַ שטיקל רמז אויף דעם „סעמעלע” געפֿינען מיר אין אַן אַלט־שװײצערישן קינדערטאַנץ, אַ באַלעטאַרטיקן, װאָס װערט געבראַכט אין ראָכהאָלצס זאַמלונג פֿון קינדערלידער און קינדערשפּילן.[6]

אין אַלט־אַרגאַו האָט דער טאַנץ געהײסן Tschämelen, און דערצו פֿלעגט מען זינגען אַזאַ מין ליד:

Bischof, Bischof, Schämele,
bis i drumol ume bi!

מעגלעך, אַז דער „שעמעלע” האָט עפּעס אַ שײַכות צו אונדזער סעמעלע־טאַנץ. שװער צו באַשטימען; הגם דאָס פֿאַרבײַטן פֿון „ש” אויף „ס” לאָזט זיך דערקלערן פֿון דעם פֿאַקט, װאָס אַלע װאַריאַנטן פֿון אונדזער טאַנצליד שטאַמען פֿון װילנער און קאָװנער קרײַז.

דער דאָזיקער טאַנץ, באַמערקט ראָכהאָלץ, הײסט אויך אין שלעזיש Schampertanz און באַצײט זיך, לויט זײַן דראָבנעם, פֿוס איבער פֿוס פֿאַרצװיגענעם אַרומגײן אויף דעם פֿראַנצײזישן enjambement. דערפֿון אָבער װערט אונדז נאָך אַלץ ניט קלאָר, װאָס פֿאַר אַ מין טאַנץ דאָס איז געװען, און דער עיקר, װי אַזוי ער איז דורכגעפֿירט געװאָרן.

און אָט דעם דאָזיקן עיקר געפֿינען מיר גראָד אין אַ ייִדישן טאַנצליד װאָס שטאַמט פֿון איבער־אונגערן.

דאָס ליד, צוזאַמען מיט אַנדערע פֿאָלקלאָר־נאָטיצן, װערט געבראַכט פֿון אַ געװיסן לעאָפּאָלד קלײן אין די מיטטײלונגען,[7] װי זכרונות פֿון זײַנע קינדער־יאָרן. און טאַקע לויט דעם נוסח הײבט ער אָן: „ייִנגלװײַז האָט מען מיך געפֿירט אין געזעלשאַפֿט” אאַז״װ; אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ מער יענער טײל פֿון די זכרונות, װוּ עס רעדט זיך אויספֿירלעכער װעגן אַ פֿאָלקסטאַנץ:

שבת בײַ טאָג קומט זיך די יוגנט צוזאַמען: זומער אין דרויסן, װינטער אין דער װױנונג פֿון אַ פֿרוי װאָס װױנט פֿאַר זיך. זי לעבט פֿון דעם װאָס די מײדלעך גיבן איר. די עלטערן קאָנען איר די קינדער געטרויען. אַבֿרהם האַלט אײן ברעג פֿון אַ נאָזטיכל אין דער האַנט און דעם אַנדערן דערלאַנגט ער מרימען, װעלכע הײסט נאָך ניט „פֿרוילײַן” מאַרי, פּונקט װי ער הײסט נאָך ניט „הערר” נ״נ — און זײ טאַנצן אויף דער פֿריש געקאַלכטער לײמענער פּאָדלאָגע.

און אָט פֿון דעם דאָזיקן פּרימיטיװן, פֿאַרװאָרפֿענעם װינקעלע װערט געבראַכט דאָס װײַטערדיקע טאַנצליד:

Mayer hebt den rachten Fuss
Ün den linken schleppt er nuch,

[6] E. L. Rochholz, *Alemannisches Kinderlied und Kinderspiel aus der Schweiz*, 1857, p. 381.

[7] *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, 36, pp. 125-128.

Hüpke ans ün hüpke zwa
Ün dernuch hüpke dra,
Schön mit de Fisslech changieren
Ün e bissele promenieren,
Dradel' dich im grinen Kranz,
Un des is der Zepperltanz.

יאָ, דאָס איז טאַקע דער צעפערל־טאַנץ. אַ ווונדערלעכע אילוסטראַציע ממש; אַ באַשרײַבונג, אַזאַ גענויע, פֿון אַ טאַנץ איז באמת אַ גרויסע זעלטנהייט. ס'איז מער ווי זיכער, אַז ווען אַ דײַטשישער פֿאָלקספֿאָרשער וואָלט זיך באַקענט מיט אונדזער מערקווערדיקן ליד פֿון דעם צעפערל־טאַנץ וואָלט ער גרויס הנאה געהאַט. כ'האָב נאָך אַזאַ מוסטער צווישן די דײַטשישע „שנאַדאַהיפּפּעלן" און אַנדערע טאַנצלידער ניט באַגעגנט.

ווײַטער, צי ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ שײַכות צווישן דעם „שעמעלע—טשעמעלען—שאַמפּער" און „צעפערל־טאַנץ" פֿון איין זײַט, און דעם „סעמענע—סעמעלע־טאַנץ" פֿון דער אַנדערער זײַט, לאָזט זיך דערווײַל ניט פֿעסטשטעלן, דאָס בלײַבט נאָך פֿאַר אַ גענויערער אויספֿאָרשונג.

עס איז דאָך ניכּר, אַז אונדז אינטערעסירט דאָ ניט אַזוי דער טאַנץ ווי די לידער וואָס זײַנען דערבײַ געשאַפֿן געוואָרן. און עס פֿרעגט זיך: ווי אַזוי איז דאָס ליד פֿון צעפערל־טאַנץ געוואָרן? צי האָט טאַקע עמעצער געמאַכט אַזאַ באַשרײַבונג, אפֿשר „פֿאַרפֿאַסט" דאָס ליד, כּדי דערנאָך עס צו זינגען? אָדער דאָס איז גאָר אַן אומגעריכטע, ספּאָנטאַנע שאַפֿונג וואָס איז פּלוצלינג אויפֿגעקומען בײַם טאַנץ, אונטער דער השפּעה פֿון דער ריטמישער טאַנץ־מעלאָדיע? דער ענטפֿער איז — אַ ספּאָנטאַנע שאַפֿונג. דאָס מערקט זיך גלײַך בײַ דער פּינקטלעכער אויפֿציילונג פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿיס־באַוועגונגען און אויך בײַ דעם ריטמישן אונטערהאַקן: „היפּקע אַנס און היפּקע צוואַ, און דערנוך היפּקע דראַ". אָבער דאָס זײַנען דאָך נישט מער ווי פּשוטע טאַנץ־אינסטרוקציעס פֿון עפּעס אַ טאַנצפֿירער, וואָס אים איז בעת מעשׂה אפֿשר געראָטן אײַנגעפֿאַלן, אַז פֿון זײַן זינגענדיקן טאַנצלערנען וועט אַרויסקומען אַ געשלאָסענע פּירפֿעריזיקע סטראָפֿע, לויט דעם ריטעם פֿון דער טאַנץ־מעלאָדיע וואָס ער האָט דערבײַ געזונגען. דאָס אייגענע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דער צווייטער סטראָפֿע פֿון ליד, אויב פֿון דעם טאַנץ־ניגון איז געבליבן אַ גלײַכער טייל זי צו דעקן.

פֿון דעם זעלביקן מקור וועל איך דאָ ברענגען אַ צווייט לידל וואָס וועט אונדז אפֿשר נאָך קלאָרער מאַכן דעם ענין. דאָס דאָזיקע איז שוין אָבער ניט אַזוי קאָמפּליצירט ווי יענס פֿון דעם צעפערל־טאַנץ. אַ פּשוט לידל, אַן איינסטראָפֿיקס, ניט מער. אָבער אויך אַן אימפּראָמפּטו, אַ שאַפֿונג פֿון אויגנבליק — פֿון אַ מאָמענט אפֿשר, ווען דער פֿירער האָט שפּאַסיק און האַלב ערנצט געמוזט אַרויסזינגען:

Herauf zum Kasten
Eru' zü de Tir
Eher zün Oifen
Denuch zü mir.

מחמת די טענצער אָדער טענצערינס (וואָס האָבן דאָס געוואָלט ווערן) האָבן ניט געוווּסט, ווו זיך צו קערן און ווענדן אין עפּעס אַ נײַעם טאַנץ, אַן אומבאַקאַנטן פֿאַר זיי, האָט דער טאַנצפֿירער דערפֿאַר געמוזט אָנרופֿן קאָנקרעטע שטוביקע זאַכן, באַקאַנטע ערטער, וואָס פֿון זיי און צו זיי האָבן די טענצער זיך געדאַרפֿט באַוועגן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ מין שפּאַסיק לידל האָט אַפֿילו בײַ די נאַיִווע מיטטענצער געמוזט אַרויסרופֿן אַ גרויס געלעכטער, בפֿרט נאָך ווען דער טאַנצפֿירער האָט עס אַרויסגעזונגען לויטן נוסח פֿון דעם טאַנץ־ניגון.

און אַזוי זעען מיר, ווי בײַ אַ גאַנץ פּשוטער סיטואַציע האָט זיך, ווי פֿון זיך אַליין, געשאַפֿן אַ נײַ טאַנצלידל. און אַז עס איז דעם עולם געפֿעלן, האָט מען עס פֿיל מאָל איבערגעזונגען, איז עס פֿאַרבליבן אין זכּרון, און ס'האָט זיך אַזוי אַרום פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק.

אָט די פּאָר פֿאַקטן פֿון אַ ווײַטן, ווייניק באַקאַנטן ייִדישן ייִשובֿ ערגעץ אין אייבערדאונגערן זײַנען זייער וויכטיק פֿאַר אונדזערע ווײַטערע אויספֿירונגען. זיי וועלן אונדז העלפֿן פֿעסטשטעלן דעם כּלל: אַז ענלעכע סיטואַציעס אונטער ענלעכע באַדינגונגען רופֿן אַרויס אין לעבן אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען. און אָט אַזאַ אַנאַלאָג (ניט קיין וואַריאַנט) געפֿינען מיר אין דעם ווײַטערדיקן לידל וואָס שטאַמט פֿון שטעטעלע וואַשליקאָווע (גראָדנער קרײַז):[8]

פּעשע, גיי אין ווינקל,
נעלע — גיי בײַם זײַט!
פּעשע, נעם דעם בעזעם —
נעלע — קער זיך אויס!

קיין באַזונדער פּירוש אויף דעם לידל איז, דאַכט זיך, שוין ניט נייטיק.

ווי עס איז שוין אויבן באַמערקט געוואָרן, האָט נאָך ביז ניט לאַנג צוריק, בערך ביז מיט אַ יאָר דרײַסיק, עקסיסטירט בײַ אונדז דער פֿאָלקסטאַנץ[9] אין באַגלייטונג פֿון געזאַנג און ליד. דער לידער־רעפּערטואַר וואָס האָט זיך געשאַפֿן בײַ די דאָזיקע טאַנץ־פֿאַרווײַלונגען האָט דעמאָלט געמוזט זײַן זייער אַ רײַכער און פֿאַרשיידנאַרטיקער. דאָס קאָן מען נאָך אַפֿילו הײַנט זען פֿון די רעשטלעך וואָס זײַנען פֿון אים פֿאַרבליבן. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז די לידער פֿון אויגנבליק האָבן געמוזט פֿאַרשווינדן מיטן אויגנבליק. פֿאַרבליבן דערפֿון איז נאָר אַ קליינער, אומבאַטײַטיקער טייל, טאַקע ניט מער ווי רעשטלעך וואָס האָבן זיך איבער געוויסע סיבות אײַנגעקריצט אין פֿאָלקס זכּרון. טייל האָבן זיך אויפֿגעהיט ווי זעלבשטענדיקע לידער, ד"ה אין דער פֿירפֿעריזיקער איינצלנער סטראָפֿע וואָס איז אייגנטלעך די גרונטפֿאָרעם פֿון יעדער טאַנצליד; טייל ווידער האָבן, ווי וואַנדער־סטראָפֿעס, זיך באַהעפֿט מיט אַנדערע לידער, ענלעכע לויטן אינהאַלט אָדער ניגון.

8 פּנקס, ב' 1, נומ' 76.

9 עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן די טראַדיציאָנעלע חתונה־טענץ וואָס זײַנען אַלע מאָל אויסגעפֿירט געוואָרן אין באַגלייטונג פֿון אינסטרומענטאַלער טאַנצמוזיק, דורך געדונגענע קלעזמער. דאָס איז פֿאַר זיך אַליין אַ באַזונדער קאַפּיטל וואָס געהער ניט צו אונדזער ענין.

פֿון וואַנען די לידער האָבן זיך גענומען איז פֿאַר דעם עולם קיין סוד ניט געווען. מען האָט געוווּסט, אַז זיי קומען אַרויס פֿון געוויסע טאַנצהײַזער, אָדער אַזוי פֿון היימישע ערטער, ווו בחורים מיט מיידלעך קומען זיך צונויף טאַנצן און אַזוי פֿאַרברענגען אַ פֿריילעכן אָוונט. לויט מײַנע מינדלעכע אויספֿאָר־שונגען און לויט די ענטפֿערס וואָס איך האָב וועגן דעם ענין באַקומען פֿון פֿאַר־שיידענע מיטל־יעריקע און עלטערע מענטשן זײַנען כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל געווען אַזעלכע טאַנצפּלעצער, ווו די לעבנסלוסטיקע יוגנט פֿון די ברייטע מאַסן פֿלעגט קומען זיך פֿאַרווײַלן. אין וואַרשע, למשל, פֿלעגט מען אַזעלכע טאַנצפּלעצער אָנרופֿן „קנײַפּיעס", און מען האָט אָפֿט מאָל ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן היימישע און עפֿנטלעכע. אַ קנײַפּיע האָט אַפֿילו געקאָנט הייסן אַ קעלערשטוב פֿון אַן אָרעמער פֿאַמיליע, נאָר ווו מען האָט געקאָנט טאַנצן פֿרײַ, אַפֿילו שבת און יום־טובֿ, אומגעשטערט. דאָס רובֿ אָבער פֿלעגן די טאַנץ־פֿאַרווײַלונגען פֿאָרקומען אין גאַנץ היימישע ערטער, בײַ יונגע פּאָרלעך, ווו פֿאַרבעטענע חבֿרים און חבֿרטאָרינס פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אַ פֿרײַטאָג צו נאַכטס אָדער אַ שבת בײַ טאָג טאַנצן. דער פֿרומער עולם פֿלעגט אַפֿילו קוקן אַ ביסל קרומלעך אויף אַזעלכע זאַכן, דער עיקר פֿרומע אַלטע ווײַבער וואָס פֿלעגן טענהן: „אַז בחורים מיט מיידלעך טאַנצן, טאַנצן שדים צווישן די פֿיס." נאָר ווער האָט זיי געהערט? מען האָט געזונגען און געטאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט. מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אין די דאָזיקע היימישע פֿאַרווײַלונגס־פּלעצער זײַנען אָפֿט מאָל אויפֿגעקומען די שענסטע ראָמאַנסן און ליבעלידער.

בײַ די היימישע טאַנץ־פֿאַרווײַלונגען האָט מען ניט געדאַרפֿט קיין קלעזמער, קיין אינסטרומענטאַלע מוזיק, ס'איז ניט געווען קיין אָרט דערפֿאַר. מען האָט געטאַנצט און געזונגען גלײַכצײַטיק. ס'איז עפּעס געווען אַזאַ נאַטירלעכער דראַנג אַליין זיך אויסצוזינגען און אויסצוטאַנצן אין אַ קאָלעקטיוו פֿון „מײַנס גלײַכן". אַ מין רעקרעאַציע איז דאָס געווען — פֿון שווערער אַרבעט און פֿון צרות.

אויך אין טאַנץ־ניגונים איז, ווי ס'ווײַזט אויס, קיין דוחק ניט געווען. אַפֿילו אין די קליינע שטעטלעך האָט מען זיי געקאָנט געפֿינען לרובֿ. אַלטע טראַדיציאָנעלע טאַנץ־ניגונים, און אויך נײַערע. די נײַערע האָט מען אויפֿגענומען פֿון דורכפֿאָרנדיקע קלעזמער, וואַנדערנדיקע פֿאָלקס־מוזיקאַנטן, וואָס האָבן עס פֿאַרשלעפּט פֿון גרעסערע שטעט. און אַפֿילו דער טאַנץ־רעפּערטואַר האָט אויך געמוזט זײַן אַ נישקשהדיקער — אַ פֿאָלקסטימלעכער, כאָטש דער אָפּשטאַם זײַנער אַן אינטערנאַציאָנאַלער, ווי אומעטום.

האָט, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט געפֿעלט צום טאַנצרומל? יאָ, נאָר עפּעס האָט דאָך געפֿעלט: די קונסט צו קאָנען טאַנצן, כ'מיין פּשוט דאָס וויסן ווי אַ פֿוס צו שטעלן. זײַנען אָפֿט מאָל דערפֿון אַרויסגעקומען קאָמישע סיטואַציעס, און דערפֿון שפּאַסיקע לידער, פֿול מיט הומאָר און בײַסיקער סאַטירע, וואָס לגבי זיי זײַנען די פּאָר אויבן געבראַכטע טעקסטן בלאָסע מוסטערן.

האָט איינער נאָר געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטער טענצער און ווייס ווי צו פֿירן דעם אָדער יענעם טאַנץ, האָט מען זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט פֿרייד און מען האָט אים באַלד געקרוינט פֿאַר דעם טאַנצפֿירער, „טאַנצמײַסטער", אָן שום צערעמאָניעס. און יענער האָט טאַקע גלײַך גענומען קאָמאַנדעווען, געגעבן דעם טאָן פֿון דעם טאַנץ־ניגון, געזונגען און געפֿירט:

כאַשקע, גיי אַרויסעט,
וויכנע, דריי זיך אויסעט!
אַ כאָלעריע זאָל דיך טרעפֿן!
אַוווּהין ביסטו פֿאַרקראָכן
מיט דײַן ווײַסינקער בלוזקעלע! [10]

מיגלעך, אַז ווען די „ווײַסינקע בלוזקעלע" וואָלט ניט ערגעץ ווו פֿאַר־קראָכן אין אַ זײַט וואָלט דאָס ליד אפֿשר אַרויסגעקומען בעסער, געגראַמטער, אָבער פֿאַרן ערשטן מאָל איז עס אַזוי אויך ניט קיין שלעכטע אימפּראָוויזאַציע, ס'איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער סבֿיבֿה.

געוויינטלעך אין אַזאַ סבֿיבֿה, בײַ אַזאַ היימישער געזעלשאַפֿט וואָס קומט אַזוי אָפֿט זיך צוזאַמען בײַם טאַנץ און וואָס קען זיך שוין אַזוי לאַנג איז ניטאָ קיין העפֿלעכע אָנגעצויגנקייט מיט פּוסטע עטיקעטעס. מען חבֿרט זיך צוזאַמען, מען קריגט זיך צוזאַמען און מען אַדרעסירט זיך פּער „דו". אָבער אַז עס קומט צום טאַנץ, ווערט מען „דאַמען" און „הערן", ווייניקסטנס אַזוי אַדרעסירט זיי דער טאַנצפֿירער, פּונקט ווי אין אַ „גאַלאַנטער" געזעלשאַפֿט. נאָר פֿון דעסט וועגן, ווען דער טאַנץ גייט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן און די טענצער פֿאָלגן ניט זײַנע אינסטרוקציעס, אָדער ווייסן פּשוט ניט ווי אַזוי צו טאַנצן, שאַנעוועט ער זיי ניט און זאָגט זיי ניט קיין קאָמפּלימענטן. ער זינגט אַרויס מיט רוגזא:

דאַמען און הערן,
אַ קלאָג צו אײַך!
וואָס גייט איר ניט ניכער,
וואָס איז דאָ מיט אײַך?!

נאָר די „דאַמען" און „הערן" באַליידיקן זיך ניט, פֿאַרלירן זיך ניט, — זיי ענטפֿערן ספּאָנטאַן:

האָט ניט קיין פֿאַראיבל,
וואָס מיר גייען ניט גיך:
מיר גייען דאָך נעבעך
אין צעריסענע שיך! [11]

אָט אַזוי, בערך, קומט אויף אַ צווייסטראָפֿיק טאַנצליד, געשאַפֿן אין אַ קאָלעקטיוו און פֿון אַ קאָלעקטיוו, און מען קאָן שוין דערויף ניט זאָגן, אַז עס שטאַמט פֿון אַן איינצלנעם, אינדיווידועלן מחבר.

---

[10] „נײַע זאַמלונג", נומ' 83.
[11] ג"מ נומ' 360.

געפֿעלט דאָס אומגעריכט געשאַפֿענע לידל, ווערט עס באַלד אויפֿגעכאַפּט, זינגען עס שוין אַלע טענצער אין איינעם,ביידע סטראָפֿעס צוזאַמען, אָן הפֿסקה, לויט דעם פֿאַרנעם פֿון דעם גאַנצן טאַנץ־ניגון. זינגט מען דאָס אַפֿילו נאָכן טאַנץ אויך, בײַ דער אַרבעט, אין גאַס און אין דער היים, און אַזוי פֿאַרשפּרייט זיך עס וויַיט און ברייט אין פֿאָלק, און ס׳ווערט אַ פֿאָלקסליד.

פֿאַראַן אויך אַנדערע, דרײַ־ און פֿיר־סטראָפֿיקע טאַנצלידער, הגם געציילטע, וואָס זײַנען טייל מאָל אין פֿאָלקסגעזאַנג, איבער געוויסע סיבות, צוזאַמענגעבונדן געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע איינסטראָפֿיקע אימפּראָוויזאַציעס. אַנדערע ווידער זײַנען שוין לכתּחילה אַזוי אויפֿגעקומען בײַם טאַנץ, אין מערערע סטראָפֿעס, איבער דעם לענגערן טאַנץ־ניגון וואָס האָט געמוזט גערעקט ווערן מיט ווערטער. איך זאָג געמוזט, ווײַל דער „מוז״ איז דאָ אַזאַ נאַטירלעכער, אַזאַ גערעץ־מעסיקער, וואָס אַנדערש לאָזט זיך עס ניט אויסדריקן. מען דאַרף זיך בלויז אַרײַנטראַכטן אין דער סיטואַציע פֿון דעם טאַנצפֿירער וואָס מוז אי פֿירן דעם טאַנץ, אי זינגען דעם טאַנץ־ניגון, אי אַכטונג געבן, אַז עמעצער פֿון די שוואַכע טענצער זאָל חלילה ניט מאַכן קיין פֿאַלשן טריט, ניט קאַליע מאַכן און ניט אַרײַנברענגען קיין כאָאָס אין דעם טאַנץ וואָס האָט זיך גראָד אַזוי שיין אָנגעהויבן.

דאָס ווײַטערדיקע וועט קלאָרער מאַכן דעם ענין:

ראַאַצע, ראַאַצע!
צו מיר מיטן פּנים,
צו מיר מיטן פּנים,
צו מיר מיטן פּנים!

יענטע, יענטע!
נייען זי אַדאָרך,
נייען זי אַדאָרך,
נייען זי אַדאָרך!

‎:‖ איך האָב אין געהייסן טאַנצן,
האָבן זי קאַליע געמאַכט אין גאַנצן;
כ׳האָב אין געלאָזט אַדאָרך,
האָבן זי מיך נישט געהאָרכט. ‖:[12]

ס׳זײַנען אָבער פֿאַראַן פֿאַרשיידענע טאַנצפֿירערס, גוטע און שלעכטע, באַ־ריידעוודיקע און כּבֿד־פּהס. און אָט די לעצטע קומט עס אָן שווערלעך, ווי עס ווײַזט אויס, צו פֿירן און צו זינגען גלײַכצײַטיק. דעריבער חזרן זיי איבער די זעלביקע פֿראַזע עטלעכע מאָל. ווערט עס קאָמיש, רופֿט עס מסתּמא אַרויס אַ געלעכטער בײַם טאַנצנדיקן עולם. זעען מיר טאַקע אין דער לעצטער סטראָפֿע, ווי דער טאַנצפֿירער האָט דערפֿון באַקומען לשון, בייזערט ער זיך שטאַרק, אָבער דעם טאַנץ־ניגון רײַסט ער ניט איבער און פֿאַרגעסט ניט אים איבערצוחזרן צוויי מאָל מיט די זעלביקע ווערטער.

קומט אָבער דער גוטער טאַנצפֿירער, ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלער חלילה, נאָר אַזוי אַ כוואַטסקער יונג וואָס קאָן טאַקע גוט טאַנצן, גוט זינגען און ווייס אויך ווי אַזוי צו פֿירן אַ טאַנץ מיט פֿעסטער האַנט און מיט קענטעניש, הערן מיר שוין דאָ גאָר אַן אַנדער געזאַנג:

[12] „נײַע זאַמלונג״, נומ׳ 72.

סאָ—רע—ריווקע,
דריי זיך דורכן מיטן,
טראַ, לאַ, לאַ!
כײַ—סע—לע,
גיי זשע דו בײַם זײַט —
טראַ—לאַ—לאַ!

נו, טו זיך אַ דריי,
אַ בראָך צו דיר!
גיי זשע דורכן מיטן!
נו, טו זיך אַ דריי,
אַ קלאָג צו דיר —
איך ברעך דיר דײַן גאָרסעט!

זע, טאַמאַרע,
מאַך אַ וואַרע!
זע, נעכעלע, ווי איך גיי!
און דו, יאַנקעלע, דורכן מיטן —
כײַקעלע, טו זיך אַ דריי![13]

וואָס איז דאָ געשען? ווי אַזוי איז דאָ אויפֿגעקומען דאָס מערקווערדיקע ליד? גאַנץ פּשוט: דער כוואַטסקער טאַנצפֿירער האָט אָנגעהויבן דעם טאַנץ־ניגון געבנדיק דערבײַ זײַנע אינסטרוקציעס — פֿאַרשטייט זיך, זינגענדיק. איז דער אָנהייב, ווי עס ווײַזט אויס, געגאַנגען גאָר נישקשהדיק, דאָס קאָן מען אויך זען פֿון זײַן בהרחבֿהדיק צעצויגענעם „טראַ־לאַ־לאַ־!״ נאָר פּלוצלינג האָט ער אפֿשר געקאָנט באַמערקן, אַז סאָרע־ריווקע אָדער כײַקעלע דרייען זיך עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זײַן. אַ מיאוסע סיטואַציע: דעם טאַנץ־ניגון האָט ער אין דעם מאָ־מענט ניט געקאָנט איבעררײַסן, ווײַל ס׳איז אים אפֿשר אַ שאָד געווען צו לאָזן גיין לאיבוד דעם אַזוי שיין אָנגעהויבענעם טאַנץ, און ס׳איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, אַז אָן דעם טאַנץ־ניגון, אָן זײַן ריטעם, קאָן מען ניט טאַנצן. ער האָט זיך אָבער ניט פֿאַרלוירן, ווי ס׳זעט אויס, און האָט לויט דעם האַסטיקן ריטעם פֿון דער טאַנץ־מעלאָדיע זיך אָנגעהויבן שילטן און פֿירן און זינגען — איז דאָס דערפֿון אַרויסגעקומען די אַזוי טעמפּעראַמענטפֿולע צווייטע סטראָפֿע. אָבער אין דער דריטער סטראָפֿע זעען מיר שוין, אַז די סיטואַציע איז אַ געראַטעווטע. דער טאַנצפֿירער זינגט שוין דאָ אַ סך געלאַסענער, מילדער, ווייכער, לויט דעם טאָן פֿון דעם ניגון. ער פֿירט און ער בעט זיך ממש:

זע, טאַמאַרע,
מאַך אַ וואַרע!
זע, נעכעלע, ווי איך גיי!

נאָר באַלד ווערט ער אַ ביסל שטרענגער צו די אַנדערע:

און דו, יאַנקעלע, דורכן מיטן —
כײַקעלע, טו זיך אַ דריי!

אָבער ניט נאָר דער טאַנצפֿירער קאָן אונטער געוויסע אומשטאַנדן אימ־פּראָוויזירן בײַם טאַנץ, נאָר אויך די טענצער, פֿון ביידע געשלעכטער, פֿאַרמאָגן דעם טאַלענט, און אָפֿט מאָל נאָך אין אַ פֿיל גרעסערער מאָס. ווײַל ספּאָנטאַן שאַפֿן אַ לידל בײַם טאַנץ אָדער בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט איז אַזאַ נאַטירלעכע

[13] „נײַע זאַמלונג״, נומ׳ 71.

אייגנשאַפֿט, וואָס כּמעט יעדער איינציקער אין דעם קאָלעקטיוו פֿאַרמאָגט זי. אַ שטיקל מוסטער דערפֿון האָבן מיר שוין געזען אויבן, אין דעם ענטפֿער צום טאַנצפֿירער, וואָס איינער, אָדער מערערע, פֿון די טענצער, האָבן ספּאָנטאַן אַרויס־געזונגען: „האָט ניט קיין פֿאַראיבל, וואָס מיר גייען ניט גיך" אאַז"וו. עס איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ אינטימער, „גאַלאַנטער" געזעלשאַפֿט, ווו מען שעמט זיך ניט מיט צעריסענע שיך, און ווו „אַ קלאָג צו דיר" און „איך ברעך דיר דײַן גאָרסעט" ווערט ניט אויפֿגענומען ווי אַ באַליידיקונג, חלילה, נאָר ווי עפּעס אַ גוטברודערישער שפּאַס, ווי אַ פֿרײַנדלעכער „קיבעץ" אַזוי צו זאָגן; אין אַזאַ קאָלעקטיוו איז שפּאַס און שפּאָט, אויף זיך און אויף אַנדערע, אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך. און אָט אויף דעם באָדן, אין אַזאַ סבֿיבֿה, קומען אויף אַ סך און זייער אינטערעסאַנטע טאַנצלידער, „שטרײַטלידער", קליינטשינקע, ס'רובֿ צווייסטראָפֿיקע, אָבער מיט אַ סך הומאָר און בײַסיקער סאַטירע, און אָפֿט מאָל מיט שטאַרקע אָנצוהערענישן אויף ליבע; און דערפֿון ווידער דער אויפֿקום פֿון אַ סך קלענערע ליבעלידער, נאַיִווע און האַרציקע. מחמת מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אין דעם טאַנצליד ליגן שוין לכתּחילה פֿאַרבאָרגן די ערשטע קערנדלעך פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער ליבע־ליריק.

[פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד]

[צום ערשטן געדרוקט ווי אַן אַרײַנפֿיר צום אַרטיקל: „פּראָבעס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד. מעשׂהלעך און לידער" אין ייִוואָ־בלעטער II (1931), זז' 200—204. דער ערשטער פּאַראַגראַף דאָרטן פֿאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „...וואָס ווערן דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל". נאָכן אַרײַנפֿיר גייען דאָרטן (זז' 204—221) 6 מעשׂהלעך און 17 לידער מיט פֿאַרגלײַכיקע הערות צו זיי. — זען אין איצטיקן באַנד ז' 285.]

אויף מײַן קורצער נסיעה קיין בורגנלאַנד, פֿון 7טן ביזן 9טן דעצעמבער 1929, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויפֿצונעמען פֿון פֿאָלקסמויל אַ ביסל מאַ־טעריאַל פֿון דעם דאָרטיקן ייִדישן פֿאָלקלאָר, מעשׂהלעך און לידער.

פּראָבעס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד זײַנען שוין פֿריִער אַ פּאָר מאָל פּובליקירט געוואָרן. צו ערשט אין ד"ר גרונוואַלדס מאָנאָגראַפֿיע Mattersdorf[1] און דערנאָך אין ר. סטאַלעקס אַרבעט: „מאַטעריאַלן צום בורגנ־לענדישן ייִדיש".[2] אין די ביידע אַרבעטן געפֿינען מיר בלויז קליינע פּראָבע־זאַמלונגען פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָרצווײַגן, ווי מינהגים, פֿאָלקסגלייבונגען, בדחנות, שפּריכווערטער און קלענערע פֿאָלקסלידער.

באַקענט זיך מיט די דאָזיקע קנאַפּלעכע מאַטעריאַלן, האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז דער ייִדישער פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד איז שוין כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן, אויסגעשטאָרבן, הייסט עס, צוזאַמען מיטן עלטערן דור, און אַז דאָס ביסל שיריים וואָס איז איבערגעבליבן האָבן שוין די פּאָר זאַמלער גרינטלעך אויסגעשעפּט. ווייניקסטנס אַזאַ אײַנדרוק האָט זיך באַקומען, בעת מען האָט זיך צו ערשט באַקאַנט מיטן ביסל מאַטעריאַל. אַנדערש האָט מען דאָס ניט געקאָנט אויסטײַטשן.

אַ געוויסע דערקלערונג דערויף האָב איך אָבער געפֿונען אין ה' סטאַלעקס דערמאָנטן אַרטיקל:

> ווי ווײַט שווער עס איז אַזאַ מין זאַמל־אַרבעט אין פֿאַרלענגטע מקומות איז ניט נייטיק צו דערציילן. כ'וויל אָבער אָנווײַזן אויף דער וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט וואָס דער עסטרײַכישער אַרבעטסקרײַז פֿון דעם ייִוואָ האָט צו טאָן. אַן אָרגאַניזירטע גרופּע וואָס וועט מאָראַליש און מאַטעריעל אונטערגעשטיצט ווערן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן אין לאַנד וועט,

[1] *Jahrbuch für jüdische Volkskunde*, II (1925), pp. 402-488.
[אויף ייִדיש ווערט דער נאָמען אַרויסגערעדט: מאַטעשדאָרף, מאַטעסדאָרף.]

[2] פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, ייִוואָ, II (1928), זז' 265—280.

דוכט זיך, ניט האָבן דעם זעלבן מזל וואָס איך, צו ווערן ניט איין מאָל אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די שטובן, בשעת איך האָב געוואָלט עפּעס זאַמלען.[8]

דוכט זיך, אַ גענוג האַרבע התראה פֿאַר יעדן אינדיווידועלן זאַמלער? פֿון דעסט וועגן, בעת מיר איז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אין ווין אויף עטלעכע טעג, אויף מײַן נסיעה צוריק קיין אַמעריקע, האָט זיך דאָך פֿאַרוואָלט „פּרובירן מזל" אין בורגנלאַנד, טאַקע ניט מער ווי פּרובירן, זען אויף טשיקאַ־ווען, ווי אַן אַנדער זאַמל־מעטאָד וועט דאָרט אַרבעטן. אַחוץ דעם האָט זיך סתם געוואָלט, פֿון נײַגעריקייט וועגן, אַ קוק טון אויף די צוויי אַלטערטימלעכע ייִדישע שטעטלעך אײַזנשטאָט און מאַטעסדאָרף, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זיי זײַנען די אינטערעסאַנטסטע פֿון אַלע „שבֿע קהילות" אין בורגנלאַנד. און ווי ווײַט איז דען בורגנלאַנד פֿון ווין? נו, האָב איך מיך אויפֿגעהויבן און צוגעפֿאָרן.

כ׳וויל דאָ ניט מאריך זײַן וועגן מײַן נסיעה אַהין צו און האָב אויך ניט בדעה דאָ צו געבן קיין באַשרײַבונג פֿון לאַנד און פֿאָלק, הגם דאָס וואָלט אפֿשר זייער אינטערעסאַנט געווען. כ׳וויל דאָ בלויז אונטערשטרײַכן, אַז איך האָב געהאַט „מזל" אין בורגנלאַנד, און מען האָט מיך פֿון קיין שטובן חלילה ניט אַרויסגעוואָרפֿן. אַדרבא, מען האָט מיך דווקא אויפֿגענומען זייער פֿרײַנדלעך און בכבֿוד גדול, אַפֿילו שוין נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט דערקלערט דעם צוועק פֿון מײַן קומען. דערויף קאָנען עדות זאָגן אָט די אַלע מעשׂהלעך [זען ייִוואָ־בלעטער II (1931), זז׳ 204 א״ו], און וואָס כּדי צו פֿאַרשרײַבן זיי, ווי יעדער געניטער זאַמלער ווייס, האָט זיך פֿריִער געמוזט שאַפֿן אַ געוויסע מאָס צוטרוי און סימפּאַטיע פֿון דערציילער צום זאַמלער. אַנדערש איז כּמעט אוממעגלעך צו באַקומען אַזאַ מין מאַטעריאַל.

הייסט עס, אַז דאָ האָט זיך שוין אין גאַנצן ניט געווענדט אין מזל אָדער צופֿאַל, נײַערט אין גאָר עפּעס אַנדערש:

ס׳איז נייטיק געווען, קודם־כּל, אַרויסצורופֿן אַ געוויסן אינטערעס פֿאַר דער באַקאַנטער און דאָך אומבאַקאַנטער זאַך. שוין אין ערשטן מאָמענט פֿון דער צופֿעליקער באַגעגעניש, בײַ דער ערשטער פֿראַגע: צי ווייסט איר אפֿשר אַזעל־כע...? האָט מען שוין געדאַרפֿט געבן עפּעס אַ פּאַסיקן מוסטער פֿון אייגענעם רעפּערטואַר, פֿון מעשׂהלעך אָדער פֿון לידער. און דאָס האָט טאַקע געווירקט ווי אַ כּישוף־שטעקעלע, ס׳האָט ממש אויפֿגעטאָן וווּנדער, און די פֿאָלקלאָריסטישע זאַמל־טעכניק האָט זיך שוין געאַרבעט גאַנץ געמיטלעך.

לײַדער האָב איך אָבער זייער ווייניק צײַט געהאַט פֿאַר דער דאָזיקער אַר־בעט, בלויז צוויי טעג. מער האָב איך דערויף ניט געקאָנט פֿאַרניצן, מחמת כ׳האָב נאָך גדאַרפֿט צו אַ באַשטימטער דאַטע קלײַבן זיך צוריק אין וועג אַרײַן. דעריבער איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען נאָר אַ טאָג אין אײַזנשטאָט און אַ טאָג אין מאַטעסדאָרף. אַחוץ וואָס אַ ביסל צײַט איז גלאַט צעריבן געוואָרן אויף דער נסיעה פֿון שטעטל צו שטעטל. כ׳מיין, אַז דער דאָזיקער טאָג־חשבון איז דאָ נייטיק, כּדי אים צו פֿאַרגלײַכן מיט דער צאָל מעשׂהלעך און לידער, וואָס

[8] דאָרט, ז׳ 265.

מיר איז געראָטן אין אַזאַ קורצער צײַט אויפֿצונעמען פֿון פֿאָלקסמויל, בפֿרט נאָך אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם, פֿאַר מיר אומבאַקאַנטן געגנט ווי דאָס בורגנלאַנד. אָבער דערפֿון קאָן מען שוין אויך משער זײַן, וויפֿל מאַטעריאַל מען וואָלט נאָך געקאָנט דאָרט צונויפֿזאַמלען, ווען מען זאָל דאָרט פֿאַרברענגען אַ לענגערע צײַט, ווייניקסטנס אַ צוויי־דרײַ חדשים. די פֿראַגע איז נאָר, ווו נעמט מען דערצו די מיטלען און די געשולטע זאַמלער? דאָס לאָזט זיך אַזוי לײַכט ניט פֿאַרענטפֿערן, אָבער דער פֿאַקט בלײַבט: דער ייִדישער פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד איז נאָך ווײַט ניט פֿאַרשוווּנדן, ווי ס׳האָט זיך פֿריִער אויסגעדוכט, פֿאַרקערט, ס׳איז שטאַרק ניכּר, אַז ער איז דאָרט נאָך ווייניק וואָס אויסגעשעפּט געוואָרן. ער לעבט נאָך אין פֿאָלקס־זכּרון און אין לעבעדיקן פֿאָלקסמויל, אפֿשר ניט בײַם גאַנצן כּלל, אָבער בײַ אַ סך יחידים געוויס. און ער איז דאָרט אַזוי לײַכט אָדער אַזוי שווער צו זאַמלען, ווי אַנדערש ווו, אַפֿילו ווי אין אונדזערע מקומות. דאָס ווענדט זיך דאָך אומעטום אין די זאַמלער גופֿא, אין זייער זאַמל־טעכניק.

דער קינסטלערישער פֿאָלקלאָר, ס׳רובֿ מעשׂהלעך און לידער, איז אומעטום צוזאַמענגעבונדן מיט דער פֿאָלקסשפּראַך, און אין בורגנלאַנד מיט דעם „אָבער־לענדיש־ייִדיש", ווי זיי רופֿן עס דאָרטן. און אָט דאָס דאָזיקע אָבערלענדיש, ווי אַן אַלטער דיאַלעקט, איז, דוכט זיך, נאָך גענוג פֿריש און זאַפֿטיק. דאָס נעמט זיך אפֿשר דערפֿון, וואָס אַחוץ דײַטש מוז ער נאָך שטאַרק אין קורס זײַן בײַ די בורגנלענדישע ייִדן וואָס באַנוצן אים מסתּמא בײַ גאָר היימישע שמועסן, און מסתּמא נאָר דעמאָלט, ווען פֿרעמדע פֿילאָלאָגן און פֿאָלקלאָריסטן זײַנען ניטאָ דערבײַ... כ׳מיין ערנצט, ווען ס׳זאָל באמת טאַקע האַלטן אַזוי שמאָל מיט דעם בורגנלענדישן ייִדיש ווי אַנדערע ווילן האָבן, וואָלט דאָך ניט מעגלעך געווען, אַז דאָס יונגוואַרג, די 15־ און 16־יעריקע בחורימלעך וואָס האָבן מיר אַזוי לײַכט און אַזוי שיין דערציילט די גרעסערע מעשׂהלעך זאָלן נאָך אַזוי גוט באַהערשן אָט דעם כּלומרשט ניט־גערעדטן דיאַלעקט. ווען און ווו האָבן זיי אים געלערנט, אויב ניט אין דער היים?

דאָס איז אפֿשר אַ ביסל צו פֿיל גערעדט פֿאַר „אַ גאַסט אויף אַ ווײַל", אָבער דאָס ביסל פֿאַקטן וואָס איך האָב אויפֿגענומען פֿון פֿאָלקסמויל לאָזן זיך אַזוי לײַכט ניט אָפּפֿרעגן. כ׳האָב עס אַליין געפּרוּווט טאָן, ס׳האָט זיך אָבער ניט אײַנ־געגעבן. ווײַל בשעת־מעשׂה האָט זיך אונטערגערוקט אַן אַנדער פֿאַקט, אַ נײַ ליד, וואָס דער חדר־ייִנגל לעווי שטיינהאָף (13 יאָר אַלט) האָט מיר פֿאַרגעזונגען מיט גרויס פּאַטאָס, עפּעס אַ מין סאַטירישער הימען אויף זײַן באַליבט שטעטל:

1. אַ מאַטעסדאָרף, ווי ביסטי שיי,
ווי האָט מע נור עזוי ע חן!
זוויגאָר אין דע קריגסצײַט וואָאר סאַ נויט
אין דע ייִדנגאַם אָון שלאָם אין סוים.

פֿון דער ערשטער סטראָפֿע איז שוין צו זען, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך נאָך גאָר אַ נײַ ליד בערך, וואָס איז קענטיק אויפֿגעקומען שוין נאָך דער מלחמה. עס שטאַמט מסתּמא פֿון אַ מאַטעסדאָרפֿער בדחן אָדער פֿון אַ פֿאָלקסזינגער; יאָ,

גיכער פֿון אַ פֿאָלקסזינגער, מחמת ס'איז אַ פֿאָלקסטימלעך ליד, אָן בדחנישע שפּיצלעך און תּורה־ווערטלעך. דאָס איז נאָך מער קענטיק אין די ווײַטערדיקע סטראָפֿעס, וואָס אין זיי לעבט ערשט רעכט אויף דאָס בורגנלענדישע ייִדיש, טאָקע דאָס הײַנטיקע, און דער עיקר דער ווײַבערישער לשון וואָס שרײַט אַרויס אין אַ באַפֿאַל אויף אַ קצבֿ, „אין דע פֿלײַשבאַנק", בײַם פֿלייש קויפֿן:

4. אין דע פֿלײַשבאַנס דאָט גייט עס צי
שוי אין אַלער גאָטעס פֿרי:
מאַאַדלאָך, פֿראָען פֿין דע גאַס
שטיין דאָט צאַמיגעפּרעסט ווי אין הערינגפֿאַס.

5. דע אַנע שוויצט ווי ע נאַסער שלאַוך,
סריגט ע שטיפּ אין ע שטוים אין באַוך;
דע אַנדרע האָט ע הינאָראַאַג אַם ציי,
סריגט ע טריט אין שרײַט — אַ וויי!

און דאָ הייבט זיך ערשט אָן דער ריכטיקער לשון:

6. פֿראַדל הירש שרײַט הי אין העיאָר:
„העך מאָראַוויץ, אײַאָך ביטע זעיאָר,
זי וויסן דאָך, אײַאָך בין ניקס ראַכט גיזינד,
וואָוס לאָזן זי מײַאָך דאָו שטיין צוואַ דראַ שטינד?"

7. צײַאָרל קאָן שרײַט: „ני יוי,
טאָמער בין אײַאָך שוי לעינגער דוי!
זוי פֿירוואָאַר זאָל אײַאָך ג'זינטערהאַד לייבן,
ווי זי מיר וואָ'ן צי ערשט פֿלאַאַש גייבן!"

בײַ דער באַטראַכטונג פֿון דעם דאָזיקן מערקווערדיקן ליד האָט מען זיך געפֿרעגט מיט פֿאַרווּנדערונג: ווי קומט עס, וואָס דער מאַטעסדאָרפֿער פֿאָלקס־זינגער זאָל ניט וויסן, אַז די שפּראַך פֿון זײַן סאַטירע איז שוין לאַנג אַרויס פֿון באַנוץ? און בכלל, ווי געשיקט זיך עס פֿאַרן כאַראַקטער פֿון אַ הײַנטיקן פֿאָלקס־זינגער צו שאַפֿן אָדער צו זינגען אַ ליד אין אַזאַ דיאַלעקט וואָס קיינער זאָל עס שוין ניט ווערן אָדער ניט קאָנען נאָכזינגען?

ס'איז אָבער מער ווי זיכער, אַז דער מחבר פֿון ליד האָט זיך ניט געשטעלט אָט די אַלע פֿראַגעס; ער ווייס מסתּמא בעסער פֿאַר אונדז, ווי עס האַלט מיט זײַן בורגנלענדישן ייִדיש. והאָ ראַיה, אָט האָט ער געשאַפֿן דאָס ליד, און אָט זינ־גען עס שוין אַפֿילו די חדר־ייִנגלעך פֿון זײַן שטעטל.

אין איצט נאָך עטלעכע ווערטער בנוגע דער שרײַבונג פֿון דיאַלעקט גופֿא.

הגם מײַן עובֿדא איז געווען נאָר אויפֿצונעמען אַ ביסל פּראָבעס פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר אין בורגנלאַנד, האָב איך פֿון דעסט וועגן, בײַ אַזאַ זעלטענער געלעגנ־הייט, אויך געמוזט אין באַטראַכט נעמען דעם דאָרטיקן ייִדישן דיאַלעקט. כ'האָב מיך דעריבער באַמיט צו פֿאַרשרײַבן אַלע מעשׂהלעך און לידער לויט דער אויס־שפּראַך, פֿאָנעטיש, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך געווען אונטער די אומשטאַנדן, און אויף ווי ווײַט דאָס האָט זיך געלאָזט איבערגעבן אין אַ ניט־פֿאָנעטישער שריפֿט.

נאַטירלעך האָבן זיך דאָ געמוזט אַרײַנכאַפּן געוויסע אומרעגלמעסיקייטן אין דער שרײַבונג, ס'הייסט, אין דעם אופֿן ווי אַזוי ס'זײַנען דאָ איבערגעגעבן די פֿאַרשיידענע וואָקאַלקלאַנגען מיט ייִדישע אותיות. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָלט זיך אפֿשר אַ סך בעסער אײַנגעגעבן אין לאַטײַנישער שריפֿט, מיט געמישטע און קאָפּויער איבערגעקערטע אותיות פֿון פֿאַרשיידענע גרייסן און מיט שיסעלעך און העקעלעך פֿון אויבן. אָבער צו אַזאַ עקספּערימענט וואָלט מען שוין באַדאַרפֿט האָבן אַ ספּעציאַליסט, אַ מומחה אויף דיאַלעקטן־פֿאָרשונג. דאָס וואָלט זיכער געמאַכט אַ מער וויסנשאַפֿטלעכן אײַנדרוק, כאָטש ס'איז נאָך אַ פֿראַגע, צי מען וואָלט געקאָנט אַזאַ מין אומשריפֿט ריכטיק און הויך לייענען אויף אַ קול. אַגבֿ דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז אויפֿנעמען פֿאָלקלאָר איז איין זאַך, און פֿאַרצייכענען אַלע שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקייטן פֿון אַ דיאַלעקט איז ווי־דער אַן אַנדער זאַך. דערצו זײַנען נייטיק צוויי גאַנץ באַזונדערע אַרבעטס־מע־טאָדן, וואָס לאָזן זיך ניט אַזוי לײַכט פֿאַראייניקן. טוט מען דאָס אָבער, מוז איינס דאָס אַנדערע שטערן אין אַ געוויסער מאָס. אין דעם פּרט איז אָבער פֿאַר דעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער אַ סך וויכטיקער דער אינהאַלט פֿון וואָרט, איידער זײַן פֿאָנע־טיק, און בײַם אויפֿנעמען זײַנע מאַטעריאַלן פֿון פֿאָלקסמויל וועט ער אפֿשר גיכער לאָזן פֿאַלן אַ דיאַלעקטישן ניואַנס איידער ניט אויפֿכאַפּן אַ פֿערז פֿון אַ ליד אָדער אַ מאָטיוו פֿון אַ מעשׂהלע. אַזוי איז שוין דער אינטערעס פֿון אַ פֿאָלקלאָר־זאַמלער.

און דאָך האָב איך זיך באַמיט אין מײַנע פֿאָלקלאָר־פּראָבעס צו געבן אויך אַ פּראָבע פֿון דעם בורגנלענדישן ייִדיש. צי דאָס האָט זיך אײַנגעגעבן — איז אַן אַנדער פֿראַגע.

י. ל. פּרץ, דער זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער

1

[אָנהייב 1937, בײַם גרייטן דאָס פּרץ־בוך פֿון די ייִוואָ־בלעטער (באַנד XII, 1937, נ׳ 1—3), האָט די רעדאַקציע דורכגעקוקט דעם יעקבֿ דינעזאָן־אַרכיוו וואָס האָט זיך יעמאָלט געפֿונען אין מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל פֿון ייִוואָ — דער גרעסטער טייל פֿון דעם דאָזיקן אַרכיוו איז חרובֿ געוואָרן אין דער מלחמה — און האָט זיך ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט מיט אַ כּתבֿ־יד פֿאָלקסלידער וואָס פּרץ האָט געהאַט געזאַמלט, צוגעגרייט צום דרוק און אַפֿילו דורכגעפֿירט דורך דער צענזור, אָבער קיין מאָל ניט אָפּגעדרוקט (דער כּתבֿ־יד איז באַשריבן פֿון ש. ז. פּיפּען אין דעם אָקערשט דער־מאָנטן באַנד ייִוואָ־בלעטער, זז׳ 286—290). די רעדאַקציע האָט וועגן דעם באַלד גע־לאָזט וויסן י. ל. כּהנען און אים פֿאָרגעלייגט, ער זאָל פֿאַרן פּרץ־בוך אָנשרײַבן אַן אַרבעט: „פּרץ ווי אַ זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער". דערויף איז אומגעזאַמט אָנגעקומען פֿון י. ל. כּהנען דער ווײַטערדיקער בריוו.]

ניו־יאָרק, 37/11/24

ייִוואָ, אויספֿיר־ביוראָ
ווילנע

טײַערע פֿרײַנד,

אײַער בריוו מיט דער ידיעה, אַז איר האָט געפֿונען אין דעם דינעזאָן־אַרכיוו אַ זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿאַרצייכנט פֿון פּרצן און שוין צענ־זורירט צום דרוק אין 1896, איז באמת געווען פֿאַר מיר אַ פֿריידיקע איבער־ראַשונג. ווי דאָס האָרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אַזאַ זאַמלונג וועט זיך נאָך אַ מאָל אָפּזוכן. דעריבער, קען זײַן, האָב איך געפֿילט, אַז איך דאַרף זיך ניט אײַלן מיט דער פּובליקאַציע פֿון דער קליינער קאָלעקציע וואָס געפֿינט זיך אין מײַן באַזיץ.

אָבער איצט איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. איך גלייב, אַז פֿון די ביידע טיילן וואָס האָבן זיך אָפּגעזוכט קען אַרויסקומען אַ גאַנץ היפּשע זאַמלונג. טאַקע אַן אַרבעט א״ט „י. ל. פּרץ, דער זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער" מיט אַן אונטערטיטל „באַמערקונגען צו זײַנע קאָלעקציעס" פֿון י. ל. כּהן. איך האַלט, אַז אין דער זאַמלונג דאַרפֿן אַרײַן בלויז די לידער וואָס פּרץ אַליין האָט אייגנ־האַנטיק פֿאַרצייכנט, אָבער ניט די וואָס אַנדערע האָבן אים צוגעשיקט. דאָס איז נאָר בנוגע די לידער וואָס געפֿינען זיך אין [מײַן] באַזיץ, אָבער ניט וועגן די וואָס געפֿינען זיך דאָרט בײַ אײַך. פֿאַר וואָס איך האַלט אַזוי וועל איך אײַך אַ צווייטן מאָל שרײַבן. אָבער דערווײַל בעט איך אײַך טאַקע תּיכּף לאָזן איבער־שרײַבן דאָס העפֿטל פֿאָלקסלידער און מיר צושיקן רעגיסטרירט.

אָבער גלײַכצײַטיק וואָלט איך אײַך געבעטן, איר זאָלט מיר ענטפֿערן אויף די עטלעכע פֿראַגעס בנוגע דער קאָלעקציע:

1. צי זײַנען די אַלע לידער אין פּרצעס אייגנהאַנטיקן כּתבֿ פֿאַרצייכנט, צי פֿון אַן אַנדער האַנט איבערגעשריבן? דאָס [איז] זייער נייטיק פֿאַר מיר צו וויסן.

2. צי געפֿינען זיך ניט אין דעם דינעזאָן־אַרכיוו עפּעס זײַטיקע ידיעות וועגן דער פּרץ־קאָלעקציע. למשל, צי איז פֿאַראַן עפּעס אַן אָנצוהערעניש מכּוח דער סיבה, פֿאַר וואָס די דרוקפֿאַרטיקע זאַמלונג איז ניט פֿאַרעפֿנטלעכט גע־וואָרן בײַ פּרצעס לעבן?

3. צי איז פֿאַראַן ערגעץ ווו אַ רמז, אַז פּרץ האָט געוווּסט אָדער ניט געוווּסט ווו די זאַמלונג געפֿינט זיך? צי האָט דינעזאָן געוווּסט אָדער אָנגע־מערקט, אַז זי געפֿינט זיך בײַ אים? איך פֿרעג דאָס דערפֿאַר, ווײַל כ׳האָב אין ערגעץ ניט געפֿונען קיין שום אָנצוהערעניש וועגן דעם, און ס׳איז עפּעס ניט מיגלעך, אַז ביידע זאָלן האָבן אין דעם אין גאַנצן פֿאַרגעסן. ס׳איז אויך אַ חידוש, וואָס ניט אין פּרצעס ווערק און ניט אין די זכרונות־אַרטיקלען וועגן פּרצן, אויף וויפֿל ס׳איז מיר באַקאַנט, ווערט ניט איבערגעגעבן קיין שום פֿאַקט וועגן זײַנע אַמאָליקע פֿאָלקסלידער־זאַמלונגען. בלויז אין איינעם פֿון זײַנע בריוו צו פּראָפֿוסן באַקלאָגט זיך פּרץ, אַז פּראָפֿ׳ לעווי (לעאָ ווינער) פֿון אַמעריקע האָט צוגענומען בײַ אים די פֿאָלקסלידער וואָס ער האָט געזאַמלט און וואָס געפֿינען זיך טאַקע איצט בײַ מיר. טאָ ווי קומט עס, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט דערמאָנט די צענזורירטע זאַמלונג וואָס האָט זיך איצט אָפּגעזוכט אין דעם דינעזאָן־אַרכיוו?

איך ווייס, אַז די אַלע פֿראַגעס זײַנען גאַנץ ווײַטלויפֿיקע און כ׳קען ניט פֿאַרלאַנגען קיין פּאָזיטיוון ענטפֿער, אָבער דאָך וואָלט איך געוואָלט הערן אײַער דערקלערונג.

. . . .

אַ דאַנק פֿאַר דעם קאָרעקטור־אָפּצוג פֿון פּרצעס אַרטיקל וועגן ייִדישן פֿאָלקסליד. אויך דער המשך, ווי ס׳ווײַזט אויס, איז ניט פֿאַרענדיקט, אָבער דאָך זייער אינטערעסאַנט. ס׳האָט אייגנטלעך געזאָלט זײַן אַן אָפּשאַצונג, אָבער ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מין פֿאָלקסעפּאָס אונטער פּרצעס פֿעדער.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,
אײַער
י. ל. כּהן

נ״ב. דעם אַרטיקל פֿאַרן פּרץ־נומער וועל איך געוויס פֿאַרטיק מאַכן אין צײַט, אויב כ׳וועל בײַ צײַטנס באַקומען צוגעשיקט דעם מאַטעריאַל.

[דעם מאַטעריאַל האָט י. ל. כּהן בײַ צײַטנס באַקומען צוגעשיקט. גלײַך נאָכן קריגן זײַן בריוו האָט מען אים איבערגעשיקט אַ גענויע קאָפּיע פֿון כּתבֿ־יד, גע־מאַכט פֿון ש. ז. פּיפּען, און אים דערבײַ אויך געגעבן צו וויסן, אַז קיין שום ידיעות, פֿאַר וואָס פּרץ האָט ניט אַרויסגעגעבן די דרוקפֿאַרטיקע זאַמלונג, האָט מען ניט געפֿונען.]

אָבער ניט באַשערט געווען שוין י. ל. כּהנען פֿאַרטיק צו מאַכן די אַרבעט. אין מיטן שרײַבן זי האָט דער טויט אים אַוועקגעריסן.

די בלעטלעך פֿון דער אָנגעהויבענער אַרבעט האָט דער אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ צוגעשיקט קיין ווילנע, און די רעדאַקציע ייִוואָ־בלעטער האָט (דאָרטן, זז׳ 280—285) פֿאַרעפֿנטלעכט אונטערן טיטל: „י. ל. פּרץ ווי אַ זאַמלער פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד. באַמער־קונגען צו זײַנע קאָלעקציעס״ די דרײַ פֿראַגמענטאַרישע וואַריאַנטן, ווי זיי זײַנען איבערגעבליבן פֿון דעם מחבר. צוויי בלעטלעך, וואָס פֿון זיי איז דאָרטן געבראַכט אַ פֿאַקסימילע, האָבן ניט קיין אָנהייב. צום סוף איז אויך געווען איבערגעדרוקט דער בריוו וואָס י. ל. כּהן האָט געשריבן צו דעם זשורנאַליסט לעאָן גאָטליב (זען וועגן אים ז. רייזענס לעקסיקאָן, ב׳ I, זז׳ 461—462) און שוין ניט באַוויזן אים אָפּצו־שיקן דעם אַדרעסאַט.]

[ערשטער וואַריאַנט]

י. ל. פּרץ... ווי אַ זאַמלער פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער? דאָס קלינגט עפּעס ווי אַ לעגענדע... אַזוי אומגלייבלעך — וועט אפֿשר איינער פֿון אונדזערע לייענער אַ טראַכט טאָן בעת מעשׂה, כאַפּנדיק אַ פֿאַרחידושטן בליק אויפֿן טיטל פֿון דעם אַרטיקל. און מען מוז צוגעבן, אַז דאָס וואָלטן אייגנטלעך נישט געווען קיין גאַנץ אומבאַרעכטיקטע ספֿקות אויפֿן ערשטן מאָמענט, איידער מען באַקענט זיך מיט די מאַטעריאַלן וואָס ווערן געבראַכט אין דעם אַרטיקל. וואָרעם ביז אַהער, אויף וויפֿל ס'איז באַקאַנט, סײַ פֿון פּרצעס ווערק, סײַ פֿון דער ליטעראַטור וועגן פּרצעס לעבן און שאַפֿן, איז עפּעס נישט אויסגעקומען אָנצוטרעפֿן אַ ווערק אָדער אַן אַרטיקל וואָס זאָל אָנווײַזן, אַז דער דיכטער פֿון חסידיש און פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן זאָל אויך האָבן ווען נישט איז געזאַמלט אָדער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ קאָלעקציע פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער, כאָטש ווי אומ־באַדײַטנדיק דאָס זאָל נישט זײַן.* ס'איז באַוווּסט בלויז, אַז פּרץ האָט אין פֿאַר־שיידענע פּעריאָדן פֿון זײַן קינסטלערישן שאַפֿן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ באַזונ־דערן אינטערעס צום ייִדישן פֿאָלקלאָר, דער עיקר צו פֿאָלקסלידער, פֿאָלקס־טימלעכע לעגענדעס און פֿאָלקס־מסורות, וואָס אַ געוויסן טייל דערפֿון האָט ער קינסטלעריש איבערגעשאַפֿן און אויפֿגענומען אין זײַנע ווערק. ער איז געווען דער ערשטער זיך אָפּצורופֿן אויף דער ערשטער פֿאָלקסלידער־זאַמלונג פֿון גינז־בורג און מאַרעק (1901) מיט אַן אַרטיקל א״ט „דאָס ייִדישע לעבן לויט דעם פֿאָלקסליד״, וואָס איז אַגבֿ געבליבן נישט־פֿאַרענדיקט צוליב אומבאַקאַנטע סיבות.

שוין פֿאַר אַ צײַט פֿריִער, נאָך איידער אפֿשר ס'איז געפּלאַנט געוואָרן די דערמאָנטע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג דורך ג״מ, האָט שוין פּרץ אָנגעהויבן גאַנץ אייפֿעריק פֿאָרשן נאָכן ייִדישן פֿאָלקסליד וואָס איז געזונגען געוואָרן צווישן די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. ער האָט קענטיק געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערע תּשוקה צום ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג, וואָס גאָר ווייניק פֿון אונדזערע דיכטער האָבן עס פֿאַר־מאָגט. און אַזוי איז שוין אין 1895 אָדער 1896 אַרומגעגאַנגען אַ „סלוך״ צווישן

* ייִוואָ־בלעטער XII (1937), ז׳ 286, ווו דער פֿאַקט איז יאָ דערמאָנט אין ש. ז. פּיפּעס אַרטיקל, איז אַרויס שוין נאָך כּהנס טויט.

די אויפֿגעקלערטע ייִדיש־לייענער אין וואַרשע, אַז דער שרײַבער יצחק־לייבוש פּרץ וואָס וווינט אויף צעגלאַנע נומער 1 זאַמלט ייִדישע פֿאָלקסלידער. דעם דאָזיקן „סלוך״ האָב איך אויפֿגעכאַפּט צופֿעליק אין אַ שמועס צווישן צוויי יונגע־לײַט, זיצנדיק בײַ אַ טישל אין אַ „קאַוויאַרניע״ אויף דזשיקע גאַס, און ס'איז מיר נאָך פֿאַרבליבן אין זכּרון אַ טייל פֿון דעם שמועס, אין וועלכן כ'האָב אפֿשר אויך אָנטייל גענומען מיט אַ וואָרט אָדער אַ פֿראַגע. אָבער איך גיב בעסער איבער דאָ דעם דיאַלאָג צווישן די צוויי בחורים:

— ווי קומט עס, וואָס אַזאַ גרויסער שרײַבער ווי פּרץ זאָל זיך אינטערע־סירן מיט אַזעלכע נאַרישע לידלעך? צו וואָס דאַרף ער דאָס?

— מן הסתם דאַרף ער... אפֿשר וויל ער דאָס דרוקן אין די בלעטער.

— אָבער איך פֿאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קריגט ער די לידער? ווי אַזוי קומט ער צום פּראָסטן פֿאָלק, צו די אַלע בחורים און מיידלעך וואָס זינגען אַזעלכע פֿאָלקסלידער? ער איז דאָך עפּעס נישט אַבי ווער?

— גאָר פּשוט. דאָרט, ווו ער וווינט אויף צעגלאַנע גאַס, איז אַ גרויסער הויף. ס'וווינען דאָרט אַ סך בעל־הבתּישע מענטשן, דײַטשן, חסידים, מתנגדים, און כּמעט אַלע האָבן זיי ייִדישע דינסטמיידלעך וואָס זינגען ווי געווײנטלעך בײַ דער אַרבעט, אין קיך, ווען זיי וואַלגערן לאָקשן אָדער ווען זיי וואַשן ס'געפּעס, און אַז פּרץ דערהערט דאָס געזאַנג דורכן פֿענצטער, ווערט ער אַ פֿאַרציטערטער, וויל ער דאָס פֿאַרשרײַבן. הייסט ער זיך אַרויפֿרופֿן אַ פּאָר פֿון די מיידלעך, זיי זאָלן פֿאַר אים זינגען זייערע לידער.

— און זיי שעמען זיך גאָרנישט?

— וואָס הייסט שעמען זיך? ער באַצאָלט זיי דאָך דערפֿאַר. ער באַצאָלט במזומן פֿאַר יעדן ליד וואָס זיי זינגען, צו האַלבע רובלס און אַפֿילו צו רובל אַ שטיק. יאָ יאָ!

— און פֿון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ אַזוי אַקוראַטנע?

— כ'האָב עס זיכער נישט אויסגעטראַכט. מײַנער אַ באַקאַנטער האָט עס מיר פֿאַרציילט. ער איז אַ שרײַבער... ס'הייסט, ער וויל ווערן אַ שרײַבער, און ער האָט שוין אָנגעשריבן אַ סך לידער און טעאַטער־שטיק וואָס טויגן מסתּמא אויף כּפּרות. אָבער ער קומט אַרויף צו פּרצן אין שטוב אַרײַן זייער אָפֿט, ער זאָל אים זאָגן מבֿינות אויף זײַנע שרײַבעכצן. האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט עטלעכע מאָל אַליין געזען, ווי פּרץ האָט פֿאַרשריבן פֿאַרשיידענע פֿאָלקס־לידער וואָס מיידלעך האָבן פֿאַר אים געזונגען, און ער האָט זיי באַצאָלט אויך. אַזוי האָט ער מיר פֿאַרציילט, דער באַקאַנטער מײַנער. ער איז טאַקע אַ קאַליקע אַ שרײַבער, אָבער דאָס מעג מען אים גלייבן, דען צו וואָס זאָל ער עס אויס־טראַכטן?

ס'איז אפֿשר פֿאַראַן געווען אַ סך אמת אין דער דאָזיקער מעשׂה, אָבער צוליב געוויסע טעמים האָב איך מיך דעמאָלסט באַצויגן אַ ביסל סקעפּטיש צו די אָדער יענע פּרטים. ס'איז אָבער קענטיק, אַז פּרץ האָט זיך נישט צופֿרידן געשטעלט בלויז מיט דעם וואָס ער האָט אַליין געזאַמלט, ער האָט געזוכט מיט־אַרבעטער, מיטהעלפֿער פֿאַר זײַנע זאַמלונגען, ווי רייזען, פּראָפּוס.

[צווייטער וואַריאַנט]

אָבער שוין פֿאַר אַ צײַט פֿריִער, נאָך אײדער ס׳איז אַרויס די דערמאָנטע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג און ווען פרץ האָט נאָך אפֿשר ניט געהאַט פֿאַרטראַכט קינסטלעריש איבערצושאַפֿן יענע אַלט־ייִדישע לעגענדעס און פֿאָלקס־מסורות אין דער פֿאָרעם פֿון די שפּעטער באַרימט געוואָרענע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, איז שוין זײַן אינטערעס און באַגײַסטערונג פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלקסליד געווען אַ שם דבֿר. אין יענער צײַט, דערציילט ה. ד. נאָמבערג, פֿלעגן שוין פֿאָלקסלידער געזונגען ווערן בײַ פרצן אין שטוב כּמעט יעדן שבת, און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז „אַ האַלבע צײַט פֿון די שבתדיקע צוזאַמענקומעניש בײַ פרצן האָט מען פֿאַרבראַכט אין זינגען פֿאָלקסלידער, אין אַ מאָדנער געהויבענער שטימונג. אָרגיעס פֿון פּאָעטישער אַנטציקונג זײַנען דאָס געווען, פֿון יענע איבערלעבענישן, אין וועלכע דער גײַסט ווערט פֿאַרמירט אַזוי ווי מעטאַל פֿון אַ פֿלאַם".

אויף פרצן און אויף זײַן קרײַז — דערציילט ווײַטער ה. ד. נאָמבערג — האָבן די לידלעך געווירקט ווי אַ נבֿואה, ווי אַן אַנטפּלעקונג. מיר האָבן אַלע געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אַ פֿרישער קוואַל, אַ לעבעדיקער און אַ שפּרודלדיקער האָט זיך געעפֿנט. נישט נאָר וואָס די לידלעך האָבן אַנטציקט מיט זייער נישט־געקינסטלטער פּאָעזיע, מיט זייער אינעווייניקסטער וואָרקייט, מיט זייער טיפֿער האַרציקייט. זיי האָבן נאָך געוועקט און גערופֿן צו אַ וועלט וואָס איז געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט דעם ייִדישן אינטעליגענט, סײַ דעם אַלטן, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ בן־תּורה, סײַ דעם נײַעם, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ משׂכּיל און געבילדעטן. אָט לעבט אַ פֿאָלק און זינגט! זינגט פֿון ליבע, פֿון בענקשאַפֿט, פֿון פֿרייד און צער! אַ פֿאָלק וואָס ווייסט גאָרנישט צו זאָגן פֿון די אַלע קרימעניש און ווייעניש און האָר־שפּאַלטעניש פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלער און מאָדערנער אינטעליגענץ! די ווײַטערע רעוואָלוציע פֿון די געדאַנקען און אָנשויונגען, וואָס די אַנטפּלעקונג האָט אַרויסגערופֿן, קאָן זיך דער לעזער אַליין אויסמאָלן, אויב ער וועט זיך דערמאָנען, ווי ווײַט בײַ אונדז איז פֿאַרשפּרייט געווען (און צי נאָר געווען?) די איבערצײַגונג, אַז ייִדן זענען פֿון איין זײַט אַן „עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פֿאָלק, און פֿון דער אַנדער זײַט איז עס פֿאַרקרימט, אָן אַ חוש פֿאַר נאַטור, פֿאַר אײַנפֿאַכקייט, פֿאַר ליבע, שיינקייט און פּאָעזיע.[1]

נאָך דעם קאָלעקטיוון געזאַנג זײַנען נאַטירלעך געקומען גאַנץ הייסע דיסקוסיעס וועגן די פֿאָלקסלידער, וואָס פֿלעגן זיך אָפֿט מאָל זייער לאַנג פֿאַרציִען, דערפֿאַר אָבער מיט גאַנץ באַדײַטנדיקע רעזולטאַטן, ווי נאָמבערג דערציילט עס ווײַטער.

[דריטער וואַריאַנט]

שוין פֿאַר אַ היפּשער צײַט פֿריִער, נאָך אײדער אפֿשר ס׳איז געפּלאַנט געוואָרן די דערמאָנטע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג דורך ג"מ, האָט שוין פרץ קענטיק אָנגעהויבן גאַנץ אײַפֿעריק נאָכפֿאָרשן נאָכן ייִדישן פֿאָלקסליד וואָס איז

[1] ה. ד. נאָמבערג, דאָס בוך פֿעליעטאָנען, וואַרשע 1924, זז׳ 142 און 191—192.

געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק, צווישן די ברייטע האָרעפּאַשנע פֿאָלקסמאַסן. לויט געוויסע סימנים וואָס וועלן שפּעטער אָנגעוויזן ווערן האָט פרצעס זאַמלער־אינטערעס זיך אָנגעהויבן לערך אין די יאָרן 1894—1895, טאַקע אין סאַמע אָנהייב פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „ראַדיקאַלן פּעריאָד פֿון פרצעס שאַפֿן". די דאָזיקע דאַטע דאַרף מען אונטערשטרײַכן, כאָטש ס׳קען אפֿשר אויססזען ווי אַ שטיקל ווידערשפּרוך צו אַ געוויסער טעאָריע וואָס איז לעצטנס אויפֿגעקומען. אָבער ווי ס׳ווײַזט אויס, איז פרצעס דיכטערישע תּשוקה צום עכטן, נישט־געקינסטלטן פֿאָלקסליד, דער עיקר צום לירישן, געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט באַטראַכטן ווי אַ סתּירה צו זײַנע קינסטלערישע און ראַדיקאַלע אידעעס פֿון יענער תּקופֿה. ער האָט בכלל באַטראַכט דאָס ייִדיש־וועלטלעך פֿאָלקסליד וואָס איז געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן צווישן די אַזוי גערופֿענע „נידעריקע" פֿאָלקסשיכטן ווי אַ פּראָגרעסיווע דערשײַנונג, ווי אַ מאָסן־אויסדרוק פֿאַר ריינער וועלטלעכקייט, „פֿאַר ליבע, שיינקייט און פּאָעזיע", ווי ה. ד. נאָמבערג דריקט זיך אויס, און וואָס מען איז פֿריִער געווען איבערצײַגט, אַז דאָס פֿאָלק האָט גאָרנישט קיין חוש דערפֿאַר, מחמת ס׳איז פֿאַרקרימט און פֿאַרדאָרבן.

[דאָ קומט ווידער דער נאָר וואָס געבראַכטער ציטאַט פֿון נאָמבערגן.]

[אַ בריוו צו לעאָן גאָטליב]

ליבער פֿרײַנד ל. גאָטליב,

אויב איר קענט זיך דערמאָנען, האָבן מיר אַ מאָל געכאַפּט אַ קורצן שמועס, אָבער זייער אַן אינטערעסאַנטן, וועגן פרצעס אינטערעס צום ייִדישן פֿאָלקסליד. איר האָט מיר דעמאָלט דערציילט אייניקע אינטערעסאַנטע פֿאַקטן וועגן זײַן זאַמלערישער טעטיקייט, וועלכע איך געדענק שוין נישט אַזוי באַשטימט. און אַזוי ווי איך שרײַב איצט אַן אַרטיקל וועגן דעם ענין פֿאַר די ייִוואָ־בלעטער, וואָלט איך אײַך זייער געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר אָנשרײַבן, נישט קיין אַרטיקל, חלילה, נאָר בלויז אַ קורצן ענטפֿער אויף די פֿאָלגנדיקע פֿראַגעס:

1. ווען האָט איר זיך דערוווּסט, אַז י. ל. פרץ זאַמלט ייִדישע פֿאָלקסלידער, בעיקר אין וועלכן יאָר?

2. צי האָט ער אַ מאָל גערעדט מיט אײַך וועגן דעם ענין? און אויב יאָ, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק האָט איר אַרויסגעטראָגן?

3. ווי אַזוי און בײַ וועמען האָט ער פֿאַרשריבן די לידער און צי געדענקט איר אייניקע פּערזאָן אָדער די נעמען פֿון די לידער?

4. צי האָט ער מיט עפּעס פֿאַרגיטיקט די זינגער אָדער זינגערינס, מיט אַ גוט וואָרט אָדער מיט געלט?

[5.] צי איז פרצעס זאַמל־טעטיקייט געווען ברייט באַקאַנט אין וואַרשע, אָדער בלויז אין די ענגערע ליטעראַרישע קרײַזן? און ווי אַזוי האָט מען דאָרט רעאַגירט דערויף?

אַט די עטלעכע פּראַגעס, גלייב איך, וועט אײַך נישט שווער זײַן צו ענט־פֿערן, הגם זיי באַציִען זיך אויף אַ מעשׂה וואָס האָט געטראָפֿן מיט פֿערציק יאָר צוריק. אָבער יוגנט־זכרונות וועגן גרויסע מענטשן, בפֿרט נאָך וועגן אַזעלכע ווי יצחק־לייבוש פּרץ, געדענקען זיך אייביק.

2

[אין י. ל. כּהנס עזבון וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט און געפֿינט זיך איצט אין אַרכיוו פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק איז פֿאַראַן די קאָפּיע פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעפֿונען אין דינעזאָן־אַרכיוו אין מאַנוסקריפּ־טן־אָפּטייל פֿון ייִוואָ אין ווילנע און וועלכן ש. ז. פּיפּע האָט איבערגעשריבן פֿאַר כּהנען.* אויף די גליונות פֿון מאַנוסקריפּט האָט כּהן פֿאַרצייכנט קורצע באַמערקונגען. ער האָט אויך צונויפֿגעשטעלט אַ רשימה פֿון דעם לידער־מאַטעריאַל. די רשימה איז ניט קיין סיסטעמאַטישע. מיר האָבן געמוזט איבערגרופּירן דעם סדר פֿון די אויס־גערעכנטע לידער, כּדי צוריקצושטעלן דעם סדר פֿון כּתבֿ־יד. אַחוץ דעם איז זי נישט קיין פֿולע: כּהן האָט ניט אַרײַנגענומען אין זײַן רשימה 4 פֿאָלקסלידער פֿון פּרצעס זאַמלונג. דאָס זײַנען די פּאָזיציעס 1, 5, 6 און 16 אין פּיפּעס באַשרײַבונג פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד (ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XII, 1937, זז׳ 286—290).** ניט יעדער ליד איז אויך באַזאָרגט מיט אַ באַמערקונג אויף די גליונות פֿון מאַנוסקריפּט. אָבער אַפֿילו די אַרבעט וואָס כּהן האָט ניט פֿאַרענדיקט איז אַ וויכטיקער צושטײַער צום אַנאַליזירן פּרצעס פֿאָלקסלידער־זאַמלונג.

כּהן האָט אָנגערופֿן יעדער ליד מיט דער ערשטער שורה און אָנגעוויזן פּינקטלעך די צאָל סטראָפֿעס. די וויכטיקייט דערפֿון טרעט אַרויס בולט ווען מיר באַ־טראַכטן פּרצעס כּתבֿ־יד. אין דעם דאָזיקן כּתבֿ־יד זײַנען די לידער ניט באַטיטלט און אויך ניט באַצייכנט מיט קיין נומערן. דאָס האָט געקענט פֿירן צו שוועריקייטן בײַם פֿאַרטיילן דעם מאַטעריאַל אויף באַזונדערע פֿאָלקסלידער. אַז אַזוי איז טאַקע געווען זעט מען, ווען מען פֿאַרגלײַכט כּהנס רשימה מיט פּיפּעס באַשרײַבונג פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד. 6 פֿאָלקסלידער, וואָס פּיפּע האָט זיי באַטראַכט ווי גאַנצקייטן (פּאָזיציעס 18—20, 21, 26, 35 פֿון זײַן באַשרײַבונג), האָט כּהן צעטיילט אויף קלענערע איינסן; און פֿאַרקערט, 6 באַזונדערע פֿאָלקסלידער בײַ פּיפּען (פּאָזיציעס 24־25, 30־31, 40־41) פֿיגורירן אין כּהנס רשימה ווי בלויז 3 פֿאָלקסלידער. ווי שווער עס איז אַ מאָל געווען פֿאַר כּהנען גופֿא צו פּסקענען איז צו זען פֿון די ווײַטערדיקע נאָטיצן אין זײַן רשימה:

בײַ די צוויי לידער:

„מאַמעניו ליובעניו, האַרצעניו ליבעניו — 4 סטר׳"

און

„עס האָלט מיר געקומען איינער זאָגן — 5 סטר׳"

איז דורכגעפֿירט אַ פֿאַרבינד־ליניע און צוגעשריבן „איינס?"

פֿון די ווײַטערדיקע פּאָר לידער:

„איך שעלט מײַן טאָג און מײַן געבוירן — 4 סטר׳"

און

„ער האָט אויסגעקלערט אַ נײַע ליבע"

* זען אויבן ז׳ 104.

** פֿאַרקערט איז אין כּהנס רשימה דאָ אַ ליד וואָס פּיפּע האָט ניט אַרײַנגענומען: „וואָס פֿאַר אַ תּירוץ וועל איך זאָגן דער מאַמען".

איז דאָס צווייטע ליד אויסגעשטראָכן און עס איז צוגעשריבן: „סטר׳ צו ׳איך שעלט׳".

אויף די גליונות פֿון פּיפּעס קאָפּיע האָט כּהן פֿאַרצייכנט קורצע באַמערקונגען וועגן די לידער. 10 פּאָזיציעס פֿון דער לידער־זאַמלונג האָט כּהן דיסקוואַליפֿיצירט. צוויי פֿון די דאָזיקע דיסקוואַליפֿיצירטע לידער האָט כּהן בכלל ניט אַרײַנגענומען אין זײַן רשימה. דאָס זײַנען:

„ווער עס וויל פֿערגיעסן טרערן ‖ דער זאָל די געשיכטע הערן" (פּאָזיציע 1 אין פּיפּעס באַשרײַבונג) איז באַצייכנט: „באַאַרבעט".

דאָס ליד: „קום אַהער מײַן קינד ‖ אפֿשר ווילסטו ווערן אַ דאָקטאָר פֿון מע־דיצין" (פּאָזיציע 16 בײַ פּיפּען) איז באַצייכנט: „אייגענע אַרבעט".

די איבעריקע אַכט לידער קומען דאָ מיט די נומערן פֿון דער רשימה:

נומערן 6, 14 — „בדחניש".

נומערן 8, 9, 13 — N. G.*

נומערן 33, 34, 41 — „טעאַטער־ליד".

פֿינף פֿון די דאָזיקע אַכט לידער זײַנען אין כּהנס רשימה אויסגעשטראָכן. ווי עס ווײַזט אויס האָט כּהן געהאַט בדעה די אַלע דיסקוואַליפֿיצירטע לידער אויסשליסן פֿון דער לידער־זאַמלונג.

פּיפּע שרײַבט, אַז טייל לידער זײַנען בײַ פּרצן אין כּתבֿ־יד איבערגעשטראָכן און ער איז משער, אַז די לידער האָבן לויט פּרצעס כּוונה ניט געזאָלט געדרוקט ווערן. אין דער קאָפּיע פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד וואָס פּיפּע האָט געמאַכט האָט ער אויך זאָר־געוודיק באַצייכנט די לידער און זײַטלעך וועלכע זײַנען בײַ פּרצן אויסגעשטראָכן. כּהן האָט זיך אָבער מיט דער דאָזיקער אָנווײַזונג ניט גערעכנט. פֿון די 6 לידער וואָס זײַנען אין פּיפּעס כּתבֿ־יד אויסגעשטראָכן האָט כּהן אין גאַנצן ניט קוואַליפֿי־צירט (און אויך ניט אַרײַנגענומען אין זײַן רשימה) צוויי, דיסקוואַליפֿיצירט צוויי און צוויי באַצייכנט מיטן סימן OK (נומ׳ 24 און 25). הייסט עס בלויז צוויי פֿון די צען לידער וואָס כּהן האָט דיסקוואַליפֿיצירט דעקן זיך מיט די לידער וואָס זײַנען אויסגעשטראָכן אין פּרצעס כּתבֿ־יד (דאָס ערשטע ליד פֿון כּתבֿ־יד, וואָס כּהן האָט ניט אַרײַנגענומען אין זײַן רשימה: „ווער עס וויל פֿאַרגיסן טרערן" און נומ 13).

ווען מיר וואַרפֿן אָפּ די אַכט דיסקוואַליפֿיצירטע לידער, בלײַבן אין כּהנס רשימה 40 לידער. פֿון זיי זײַנען 25 באַצייכנט מיט די אותיות OK, הײַנו: 4־5, 7, 10—12, 15—26, 29—31, 35־36, 38־39. די איבעריקע זײַנען אויף די גליונות בכלל ניט אָפּ־געצייכנט.

בײַ די לידער 7, 25 און 30 האָט כּהן צוגעשריבן: „באַלאַדע"; בײַ דעם ליד 29: „באַלאַדנאַרטיק".

בײַם ליד נומ׳ 7 האָט כּהן צוגעשריבן: „וואַר׳?" ער האָט געהאַלטן משמעות, אַז דאָס איז אַ וואַריאַנט צום נומ׳ 1.

בײַם ליד נומ׳ 10 האָט כּהן צוגעשריבן: „באַלאַדע 2טער וואַריאַנט", און בײַם ליד נומ׳ 15: „פֿראַגמענט ווער עס וויל אַ טרויעריגע געשיכטע", ד״ה, אַז די לידער 7, 10 און 15 האָט כּהן באַטראַכט פֿאַר וואַריאַנטן.

ליד 26: „וואַר׳ כּהן 1, ז׳ 44".

אויך די לידער 43 און 44 האָט כּהן באַטראַכט ווי וואַריאַנטן, ווײַל ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין זײַן רשימה צוזאַמען אונטער איין אָנהייב־שורה (בײַ פּיפּען פּאָזיציעס 42 און 45) און פֿאַרצייכנט: „וואַריאַנט צום אורקוועל־נוסח".

אין דער רשימה וואַריאַנטן קען מען נאָך אַרײַנציִען צוויי נאָטיצן וואָס כּהן האָט פֿאַרצייכנט אויף זײַן האַנט־עקזעמפּלאַר פֿון דעם *Urquell*, ווו עס זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט 6 פֿאָלקסלידער פֿון פּרצן (ב׳ 2, העפֿט 2).

* דאָס מיינט בײַ כּהנען: no good (טויג ניט).

לעבן דעם ליד Mameniu, liubeniu, herzeniu mans (אין כּהנס רשימה נומ' 23) איז פֿאַרצייכנט „זעגעל, ד' 313“ און בײַם ליד Tajer geschätzter brillant (אין כּהנס רשימה נומ' 30) — „ג"מ נומ' 229“.

כּהן האָט אויך פֿאַרנאָטירט, וואָסערע לידער פֿון דער זאַמלונג פּרץ האָט שוין געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט:

נומ' 18 — „ג. שריפֿטן, ד' 13“ [ב' 14 פֿון קלעצקינס אויסגאַבע].

נומ' 16, 21, 30, 44, 48 — „ג. אורקוועל“ [ב' 2, העפֿט 2].

כּהן האָט ניט פֿאַרצייכנט דאָס ליד נומ' 23 וואָס איז אויך געווען געדרוקט אין אורקוועל. עס איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז די לידער וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אורקוועל זײַנען טאַקע די וואָס פּרץ האָט אין זײַן כּתבֿ־יד באַצייכנט מיטן וואָרט Wysłane [„אַרויסגעשיקט“] (מיטן אויסנעם פֿון ליד נומ' 30 וואָס איז אין פּיפּעס באַשרײַבונג פֿון מאַנוסקריפּט ניט באַצייכנט מיט דעם אות W).

אין סך־הכּל ווײַזט זיך אַרויס, אַז פּרץ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט 7 לידער פֿון זײַן זאַמלונג וואָס נעמט אַרום 52 פּאָזיציעס.

ווײַטער קומט כּהנס רשימה פֿון פּרצעס פֿאָלקסלידער־זאַמלונג אויסגעלייגט ווי בײַ כּהנען:]

		צאָל סטראָפֿעס	זײַט אין פּיפּעס קאָפּיע	זײַט אין פּרצעס כּתבֿ־יד
1.	אוי אַ פֿײַער ברענט אין קאָפּף	2	8	3
2.	אוי דאָס האַרץ טוט קלעמען	3	9	4-3
3.	טויזנט מאָל שווערט ער מיר	2	10	5
4.	דו האָסט מיר צוגעזאָגט	5	14-13	7
5.	מײַנע שבתים און מײַנע יום־טובֿים	4	16-15	8
6.	אונץ זעמער ר' שׂראָלקיס קינד	4	17-16	9-8
7.	ווער עס וויל אַ טרויעריקע געשיכטע	9	20-18	10-9
8.	איך געדענק איך בין אַ קליין קינד	6	22-21	12-11
9.	זינטיק פֿאַרנאַכט איז שלמה	11	26-23	14-13
10.	ווער עס וויל אַ טרויעריקע געשיכטע	11	29-27	16-15
11.	דאָס מיידעלע וואָס פֿירט אַ ליבע	5	31-30	17
12.	וואָס פֿאַר אַ תּירוץ וועל איך זאָגן מײַן מיטטער	6	33-31	19-18
13.	הילעש מיטן ווײַב	4	35-34	20
14.	צוליב דער משגירה [=מאַשקערע] געה איך פֿערשטעלט	2	38	22
15.	אַח דו שיינע רויזע, אַח דו שיינע רויזע	4	39	23
16.	הייס איך מיר שימשעלע	6	42-40	24
17.	מען טרײַבט אַוועק יונג און אַלט	2	43	25
18.	ד'האָב אויסגערײַזט די גאַנצע וועלט	3	44	25
19.	אַך, אַזוי ווי אַ שטראָם פֿון פֿײַער	5	45	26
20.	דו גייסט מיר נישט אַרויס פֿון זיננען	2	47-46	27
21.	אוי אוי אוי מײַן ליבע קינד	2	48	27
22.	מיר האָבן אַ מאָל געבליט אַזוי	3	49	28
23.	מאַמעניו, ליובעניו האַרצעניו מײַנס	4	51-50	29
24.	ווען עמ'ץ זאָלל מיר יעצט קוממען	3	52	30
25.	שוואַרצע וואָלקען האָבען דעם היממעל	8	55-53	32-31
26.	אַזוי ווי אַ שטראָם פֿײַער	4	56	33
27.	איך קאָן קיין וואָרט ניט ריידן	4	58-57	35-34

		צאָל סטראָפֿעס	זײַט אין פּיפּעס קאָפּיע	זײַט אין פּרצעס כּתבֿ־יד
28.	אונז ביידע האָבן תּנאים געשריבן	4	59-58	35
29.	מאַמעניו, ליובעניו האַרצעניו ליבעניו	9	62-60	38-37
30.	טײַערער געשעצט בריליאַנט	8	65-63	40-38
31.	ס'איז פֿערהאַננען בריליאַנטן	4	67-66	41-40
32.	בײַנאַכט קאָן איך נישט שלאָפֿן	5	68-67	42-41
33.	דאָס מיידעלע וואָס רעדט זיך צו פֿיעל אײַן	5	71-69	43-42
34.	ס'קומט פֿרײַטאָג פֿאַרטאָג	3	73-72	44
35.	איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן	5	75-74	46-45
36.	פֿינצטער, גליטשיק, שפּעט בײַנאַכט	5	77-76	47
37.	קום אַהער, מײַן קינד, אַז מײַנע	4	79-78	48
38.	איך שעלט מײַן טאָג און מײַן געבוירן	4	81-80	50-49
39.	געליבט האָב איך אַ יונגעל	7	83-82	51
40.	פֿון דעם באַרג דעם גרינעם	7	86-84	54-53
41.	דער טאָג האָט געעקט, די נאַכט האָט	5	89-87	56-55
42.	אין שפּיטאָל בין איך געלעגען	7	92-90	58-57
43.	רײַן און קינדיש־פֿרום בין איך	4	94-93	59
44.	„ — „ — „	6	II-I	
45.	איך האָב דיך ליב, מעגסט מיר	5	IV-III	
46.	אַך ווי אַ שטראָם פֿײַער	6	V	
47.	איך האָב געליבט אַ יונגעלע	6	A-B	
48.	בין איך מיר אַ כּלה	10	א—ג	

3

[אין עטלעכע לידער פֿון פּרצעס זאַמלונג האָט כּהן דורכגעפֿירט וויכטיקע שינויים אין שורה־בוי און סטראָפֿנבוי און אויך רעקאָנסטרויִרט גאַנצע שורות. מיר ברענגען די דאָזיקע לידער אין דער פֿאָרעם ווי זיי זײַנען פֿאַרצייכנט אין פּיפּעס קאָפּיע פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד און נאָך כּהנס רעדאַקציע. ס'איז איבערגעלאָזט פּרצעס אויסלייג.]

[פּרצעס כּתבֿ־יד] נומ' 24:

ווענן עמ'ץ זאָלל מיר יעצט קוממען זאָגען
אז מײַן טהײַער ליובוניו געהט
דרײַ רויטע צענערליך, דרײַ רויטע צענערליך
ליגן בײַ מיר אויף טיש שוין גרייט.

נישט אזוי ווײַט, דרײַ רויטע צענערליך
ווי נאָך א זאַך, קומם אהער ליובוניו,
גיב שוין מיר דײַן בוזשוניו
זאָג מיר שוין א גוטע נאַכט.

נישט אזוי ווײַט א גוטע נאַכט
ווי א גוט יאָהר
האָב מיך פֿערליעבט אין דײַן שיין פּנים
אין דײַנע בלאָנדע האָהר.

[כּהנס רעדאַקציע:

ווענן עמיץ זאָל מיר יעצט קוממען זאָגען
אז מיין טהייער ליובוניו געהט
דריי רויטע צענערליך, דריי רויטע צענערליך
ליגן ביי מיר אויף טיש שוין גרייט.

נישט אזוי וויַיט דריי רויטע צענערליך
ווי נאָך א זאַך,
קומם אהער ליובוניו, גיב שוין מיר דיין בוזשוניו
זאָג מיר שוין א גוטע נאכט.

נישט אזוי וויַיט א גוטע נאכט
ווי א גוט יאָר
האָב מיך פֿערליעבט אין דיין שיין פּנים
אין דיינע בלאָנדע האָהר.

[פּרצעס כּתבֿ־יד; כּהנס צוגאָבן אין קאַנטיקע קלאַמערן]
נומ׳ 42 (לעצטע דריי סטראָפֿעס):

שפּאַנציערען זעננען מיר געגאַנגען
צווישען ווייץ אונ צווישען וויקע
וואָס אונס ביידע האָב מיר אָבטענעט*
איז אללע געוועזען בשתיקה

**[שפּאַציערען זעננען מיר געגאַנגען
צווישן ווייץ אונ] קאָרן
אללע מיידליך האָבען חתונה געהאט
מיר איז אויסגעגאַנגען א צאָרן.

שפּ . . . [זעננען מיר געגאַנגען]
זאַנגען
אָבגעקישט אונ אָבגעהאַלזט
און אוועק געגאַנגען.

[פּרצעס כּתבֿ־יד] נומ׳ 46 (די ערשטע פיר סטראָפֿעס):

אח ווי א שטרום פֿייער
האָט זיך אין מיין הערצען אָנגעצונדען
ווער איז ביי מיר יעצט אזוי טייער
ווער קאָן נאָך וויססען מיינע ווינדען.

נור די גאָטטעניו ביז איינער
די קענסט דאָך שוין היילען מיינע שמערץ
מיט א צייַט קריק בין איך געוועזען גלייך מיט דיר.

---

* אַזוי אין טעקסט.

** די ווערטער אין קאַנטיקע קלאַמערן זיַינען צוגעשריבן מיט כּהנס האַנט.

מיט מיר האָט זיך געשפּיעלט מיין גליק
צוזאמען צו זיין מיט דיר.
מען האָט דאָך מיר נאָך פֿריהר געטהין זאָגען
אז דו בלייבסט ניט מיינער אויף געוויס.
היינט טהו איך וויינען אינ קלאָגען
אז מיין האָפֿענונג איז שוין אימזוסט.

[כּהנס רעדאַקציע:

אח ווי א שטראָם פֿייער
האָט זיך אין מיין הערצען אָנגעצינדען;
ווער איז ביי מיר יעצט אזוי טייער,
ווער קאָנן נאָך וויססען מיינע ווינדען?

נור דו גאָט, דו איינער,
די קענסט דאָך שוין היילען מיין שמערץ.

. . . .

. . . .

מיט א צייט קריק,
בין איך געוועזען גלייך מיט דיר;
מיט מיר האָט זיך געשפּיעלט מיין גליק,
צוזאמען צו זיין מיט דיר.

מען האָט מיר נאָך פֿריהר געטהין זאָגען,
אז דו בלייבסט ניט מיינער אויף געוויס;
היינט טהו איך וויינען אונ קלאָגען,
אז מיין האָפֿענונג איז שוין אימזיסט.

4

[ווי ס׳איז צו זען פֿון כּהנס בריוו פֿון 24סטן פֿעברואַר 1937 צום אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִוואָ אין ווילנע (זען אויבן זז׳ 104־105) האָט זיך בײַ אים געפֿונען פּרצעס אַ צווייטער כּתבֿ־יד פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער. אָט דער כּתבֿ־יד, איצט אין באַזיץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק, האָט אויף די גליונות קורצע הגהות פֿון כּהנען. חוץ דעם זײַנען פֿאַראַן כּהנס נאָטיצן וועגן דעם ענין פּרץ און דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד אויף באַזונדערע בלעטלעך.

פּרצעס כּתבֿ־יד איז פֿאַרשריבן אויף איין בויגן, צוזאַמענגעלייגט אין אַ העפֿט פֿון 16 זײַטלעך. אויף די 9 פֿאַרשריבענע זײַטלעך זײַנען פֿאַרצייכנט 14 לידער־פּאָזיציעס. כּהנס נאָטיצן זײַנען אַזוינע:

אין אייבערשטן ווינקל פֿון ערשטן בלעטל איז פֿאַרצייכנט: „1897—1898?‟
אין אייבערשטן ווינקל פֿון ערשטן בלעטל איז פֿאַרצייכנט דאָס אָרט, וווּ זיי זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט
בײַ 11 לידער־פּאָזיציעס איז פֿאַרצייכנט דאָס אָרט, וווּ זיי זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט
געוואָרן (פּרצעס שריפֿטן, ב׳ 10 און 14, און אורקוועל).
בײַ צוויי לידער־פּאָזיציעס איז אויפֿגעשריבן: „נאָכגעמאַכט לויט אַ פֿאָלקסליד‟
און „פֿאַרגלײַך צום פֿאָלקסליד‟ און עס זײַנען אָנגעוויזן די געהעריקע מקורים.
כּהן האָט משמעות געוואָלט דורכפֿירן אַ פֿאַרגלײַך צווישן דער ליטעראַרישער
באַאַרבעטונג פֿון עטלעכע פֿאָלקסלידער בײַ פּרצן און די פֿאָלקסלידער ממש. אין

איין אָרט איז די קאָנפֿראָנטאַציע דערגאַנצט מיט כּהנס אַ קאָמענטאַר. די מאַטעריאַלן זײַנען אָבער פֿראַגמענטאַרישע. דער פֿאַרגלײַך נעמט אַרום 4 פּאָזיציעס פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד.

די אויסצוגן פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד ווערן דאָ געגעבן מיטן אויסלייג פֿון אָריגינאַל, די קאָפּיעס פֿון געדרוקטע טעקסטן מיטן הײַנטיקן אויסלייג.]

י. ל. פּרץ, ראָמאַנצעראָ:[1]

צי כ׳האָב דיך ליב? אַך, דו מעגסט מיר גלייבן,
כ׳קאָן נישט לעבן אָן דיר איין מינוט;
צי דו ביסט מיר טײַער? טײַערער ווי ס׳לעבן —
נאָר נעמען, ווייס איך, וועסטו מיך דאָך נישט!

עס דוכט זיך מיר, איך שטיי אין מיטן ים
און וועל נישט קומען קיין מאָל צו קיין ברעג!
די ליבע דײַנע איז געווען מיט סם.
עס איז מײַן רו אויף אייביק שוין אַוועק!

כּהן, פֿאָלקסלידער, ב׳ 1, ז׳ 144:

1. איך האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן,
כ׳קען אָן דיר נישט לעבן איין מינוט!
דו ביסט בײַ מיר טײַערער ווי מײַן לעבן,
אוי, נעמען, דושעניו, קען איך דיך נית.

6. שטיי׳ן שטיי איך, אוי וויי, אין מיטן ים,
איך קען ניט קומען, אוי וויי, צו א ברעג;
דו האָסט מיר מײַן חיות ארויסגעצויגן,
און דו גיסט עס מיר ניט צוריק אוועק!

(לאָמזשע)

י. ל. פּרץ, ראָמאַנצעראָ:[2]

געליבטער, טײַערער חתן,
מײַן רײַכטום ווילסטו וויסן?
כ׳האָב געהאַט אַ גאָרטן,
פֿלעג אים פֿעסט פֿאַרשליסן.

נאָר דו ביסט אַ גנבֿ,
ביסט אַרײַנגעקומען,
און דאָס שענסטע פּרילע
פֿונעם בעסטן צווײַגעלע
האָסטו צוגענומען.

דער אורקוועל, 1898, ב׳ 2, ז׳ 27:

1. אוי, אוי, אוי מײַן ליבעס קינד,
פֿון מײַן רײַך ווילסטו וויסן;
איך האָב געהאַט א טײַערן ווײַנגאָרטן,
איך פֿלעג אין טון פֿאַרשליסן.

[1] ב׳ 14, ז׳ 10.
[2] דאָרטן גופֿא.

2. ער האָט זיך גאָרנישט אָנגעפֿרעגט,
ער איז אין אים אַרײַנגעקומען;
דאָס שענסטע פּרילע פֿונעם שענסטן צווײַגעלע
האָט ער בײַ מיר צוגענומען.

כּהן, פֿאָלקסלידער, ב׳ 1, ז׳ 166:

1. הער נאָר אויס, מאַמעניו,
פֿון מײַן רײַך זאָלסטו וויסן!
כ׳האָב געהאַט אַ טײַערן ווײַנגאָרטן,
האָב איך עס געטאָן פֿאַרשליסן.

2. ער האָט בײַ מיר נישט אָנגעפֿרעגט
און איז צו מיר אַרײַנגעקומען;
דאָס שענסטע פּרילע פֿון דעם ביימעלע
האָט ער בײַ מיר צוגענומען.

3. ער האָט מיר געשאָנקען אַ פֿינגערל,
איך זאָל עס טראָגן אויף מײַן פֿינגער;
ווער ס׳האָט נאָר אין אונדזער ליבע שולד,
דער זאָל שטאַרבן פֿאַר הינגער.

4. ער האָט מיר געשאָנקען אַ זייגערל
מיט אַ גאָלדענעם ווײַזער;
ווער ס׳איז שולדיק אין אונדזער ליבע,
זאָל אַרומגיין אייביק אין די הײַזער.

(וואַרשע)

וואַר׳ ג״מ, נג׳ 182, 183.

פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד, ז׳ 4:

געליעבטער, טהײַערער חתן,
מײַן רײַכטהום ווילסט דו וויססען?
אַ ווײַנגאָרטען האָב איך געהאַט,
פֿלעג איך פֿעסט פֿערשליעסען!

דער גנבֿ האָט דאָך נישט געפֿראַגט
און איז אַרײַן געקוממען,
און דאָס שאָנסטע פּרי׳לי
האָט ער צו גענוממען!

פּרץ, ראָמאַנצעראָ:[3]

די אויגן זענען טרוקן;
עס וויינט דאָס האַרץ אין מיר!
אַז איך דאַרף מיך שיידן,
לעבן מײַנס, מיט דיר!

[3] דאָרטן גופֿא, ז׳ 11.

דו וועסט מיך פֿאַרגעסן —
הער זשע, וואָס איך רעד:
איך וועל אָן דיר הענגען
לײַטן צו געשפּעט!
איך וועל דיך גדענקען
אויפֿן טויטנבעט!

און מײַן לעצטער אָטעם
וועט דײַן נאָמען זײַן —
צינדערט פֿאַר, מײַן לעבן,
לאָז מיך דאָ אַליין!

פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד, ז׳ 5:

איך קאָנן קיין וואָרט ניט ריידען,
עס ווײנט דאָס האַרץ אין מיר,
אז איך דאַרף מיר שיידען,
לעבען מײַנס, מיט דיר.

איך וועלל אָן דיר הענגען,
לײַטען צו געשפּעט;
איך וועלל דיך גערענקען
אויפֿ׳ן טויטען בעט...

וואָס נאָך זאָלל איך זאָגען?
אוי, מײַן טהײַער ליעב!
איך וועלל דיך נישט פֿערגעססען
אינם קאַלטען גריב!

צו סטר׳ 3 אויבן, וואַר׳ נומ׳ 207, סטר׳ 5.

פּרץ, ראָמאַנצעראָ:

מאַמעניו, ליובעניו, האַרצעניו קרוין —
(די כּלה טוט וויינען און קלאָגן:)
גיב מיר די שיינע מלבושים אַרויס
איך וויל זיי באַוויינען, באַקלאָגן.

זי האָט זיי מיט הייסע טרערן באַוויינט,
איינס נאָכן צווייטן כּסדר.
מאַמעניו, זאָגט זי, נעם און צעטייל
פֿאַר אָרעמע כּלות די קליידער!

גיב אָרעמע כּלות די קליידער אַוועק,
זאָל ז״י זײַן צו מזל, צו גליק,
נאָר ס׳חופּה־קלייד, אוי, מאַמע, צערײַס,
און מאַך מיר צו הענגען אַ שטריק!

כּהן, פֿאָלקסלידער, ב׳ 1, ז׳ 228:

1. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט דעם הימל באַצווינגן,
און אַ רעגן איז געגאַנגען גלײַך;

פּלוצעם, אוי וויי, האָט זיך דערהערט אַ געשריי:
ראַטעוועט אַ מענטשן פֿון טײַך!

2. ווי מען האָט אים פֿון טײַך אַרויסגעצויגן,
די הענט און פֿיס זענען געווען צעביסן;
און ווי מען האָט אים אויפֿן טהרה־ברעט אַרויפֿגעלייגט,
האָט מען די תּנאים אויף שטיקלעך צעריסן.

3. איך אַליין בין צום קבֿר צוגעגאַנגען,
כ׳האָב געזען ווי מען טוט מײַן ברוכלען באַשיטן;
האָב איך געבעטן בײַ גאָט און בײַ לײַטן,
אַז מען זאָל מיך כאָטש לייגן פֿון דער ווײַטן.

פֿאָדאָליער וואַריאַנט צו סטר׳ 3:

אַזוי ווי מע האָט אים פֿון שטוב אַרויסגענומען,
האָט זי אָנגעהויבן מיט טרערן צו גיסן:
רבונו של עולם, פֿאַרגיב מיר דעם טויט,
און לאָמיך מיט אים אין איין קבֿר שליסן!

גאַליציאַנער וואַריאַנט (כּהן, „נײַע זאַמלונג", נומ׳ 66):

די כּלה אַליין איז צום קבֿר צוגעגאַנגען,
האָט זי געזען ווי מע טוט איר חתן צושיטן;
האָט זי געבעטן בײַ גאָט און בײַ לײַטן,
אַז מען זאָל זי כאָטש לייגן צו פֿיסן.

אַזוי ווי דאָס פֿאָלק קען איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון אַ דרײַסטראָפֿיק ליטעראַריש ליד אין איין איינציקער סטראָפֿע, אַזוי קען אָבער נישט דער דיכ־טער, מעג ער זײַן אַפֿילו אַזאַ קינסטלער ווי יצחק־לייבוש פּרץ.

און אָט איז די שלוססטראָפֿע פֿון אונדזער פֿאָלקסליד:

אוי, מוטער, מײַן געליבטסטע מוטער,
גיב מיר זײַנע מלבושים, וועל איך זיי באַקלאָגן;
איך וועל זיי אוועקגעבן אָרעמע יינגעלעך,
זיי זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן.

(וואַרשע)

גאַליציאַנער וואַריאַנט:

מאמע־לעבן, ליובע־לעבן,
לאָמיך זײַנע קליידער באַקלאָגן;
כ׳וועל זיי צעטיילן פֿאַר אָרעמע בחורימלעך,
זיי זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן.

פֿון פּרצעס כּתבֿ־יד, ז׳ 7:

עס קומט די נאַכט, עס שײַנען לבֿנה און שטערן,
און מענשען געהען שפּאַציערען אָרים און רײַך,
ראַפּטום לאָזט אַ ווילד געשריי זיך הערען:
ראַטיוויט אַ יונגען מענש פֿון טײַך.

אונ אַז מען האָט איהן פֿון טײַך ארויסגענוממען,
זעננען זײַנע פֿים שוין געווען צוביסען,
אונ אַז ידיעה איז צו דער מחותּנת געקוממען —
האָט זי די תּנאים צוריססען.

אונ אַז מען האָט איהם צום קבֿר געבראַכט,
די כּלה טהוט פֿיעל טרערען פֿערגיעסען —
רבונו של עולם, נאָך די דאָזיגי נאַכט
זאָלל איך איהם ליגען צו פֿיסען!

[זען אויך זז' 350־351.]

[פּלענער פֿאַר דער עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ—סקי]

[אין דעצעמבער 1920 האָט זיך אין ניו־יאָרק געגרינדעט די „היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ—סקי". פּרץ איז געווען צווישן אירע גרינדערס. קיין אַריכת־ימים האָט די געזעלשאַפֿט ניט געהאַט, נאָר עס זײַנען איבערגעבליבן אין כּהנס עזבֿון זײַנע פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן פֿאַר דער טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ פּראָיעקט פֿון אַן אויפֿרוף וועגן אַ זשורנאַל בלעטער פֿאַר פֿאָלקלאָר און פֿראַגמענטן פֿון אַן אַרײַנפֿיר־אַרטיקל פֿאַר דעם זשורנאַל.]

1

[פּראָגראַם פֿאַר דער טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט]

1. פֿאָלקלאָר

א) זאַמלען און פֿאַרעפֿנטלעכן ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, וווּנדער־מעשׂיות און לעגענדעס.

ב) זאַמלען ייִדישע פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס־ניגונים און פֿאַראַנשטאַלטן וועגן זיי פֿאָרטראָגן און קאָנצערטן.

ג) זאַמלען שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן און צונעמענישן.

ד) זאַמלען ייִדישע וויצן, הומאָריסטישע מעשׂהלעך און אַנעקדאָטן.

ה) פֿאַרצייכענען דעם פֿאָלקס־אָבערגלויבן, מינהגים, כּישוף־קונצן, אָפּשפּרעכענישן, סגולות און פֿאָלקס־מעדיצין.

ו) פֿאַרצייכענען און פֿון צײַט צו צײַט פֿאַראַנשטאַלטן פֿאָלקסטימלעכע טענץ, שפּילן און פֿאַרווײַלונגען.

ז) זאַמלען און ווידעראויפֿלעבן די אַלטע ייִדישע קינדערגראַמען און קינדערשפּילן פֿון הויף און פֿון שטוב.

2. פֿאָלקסמוזיק און פֿאָלקסקונסט

א) זאַמלען חסידישע ניגונים און פֿאָלקס־מעלאָדיעס:

ב) אונטערזוכונגען וועגן דעם כאַראַקטער פֿון ייִדישער מוזיק און אירע טאָנאַרטן.

ג) סקאַרבאָווע ניגונים און מאָדערנע חזנות.

ד) זאַמלונגען און פֿאָרשונגען פֿון דער פּלאַסטישער פֿאָלקסקונסט און אָרנאַמענטיק בײַם ייִדישן פֿאָלק, ווי: פֿאַרשיידענע אַלטע גאָלדענע און זילבערנע כּלים, פּרוכתן, מנורות, שופֿרות, ספֿרי־תּורות אד״גל.

ה) די ייִדישע אַרכיטעקטור פֿון אַלטע שולן און בתּי־מדרשים, מצבֿות און בית־עלמינס.

ו) זאַמלונגען פֿון אַלטע ייִדישע ספֿרים, כּתבֿי־יד, נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, פּינקסן און אַנדערע דאָקומענטן.

ז) פּראַקטיש שטעלט זיך דער פֿאַראיין פֿאַר איינער פֿון זײַנע אויפֿגאַבעס צו זאַמלען מאַטעריאַל פֿאַר אַ ייִדישן מוזעום.

3. די פֿאָרגעשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער און פֿאָלקסטימלעכער ליטעראַטור

א) דער אָנפֿאַנג פֿון ייִדישע פֿאָלקשפּילן און טעאַטער.

ב) פּורים־שפּיל און פּורים־שפּילער.

ג) בדחנים און בדחנישע דיכטונגען.

ד) מגידים, מגידישע משלים און מעשׂהלעך.

ה) חסידישע װוּנדער־מעשׂיות פֿון בעל־שם־טובֿ און גוטע־ייִדן.

ו) לצנות, פּאַראָדיעס און וויצן פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פֿאָלקס־וויצלער.

ז) וואַנדערנדע כּלי־זמר, פֿאָלקסזינגער, מגידים, פּורים־שפּילער, אָרעם־בחורים, אורחים, אָרעמע־לײַט און זייער אײַנפֿלוס אויף דער ייִדישער פֿאָלקס־שאַפֿונג.

4. ליטעראַטור־געשיכטע

א) די געשיכטע פֿון דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור און אירע אור־קוועלן.

ב) די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער מיזרח־אייראָפּעיִשער עפּאָכע.

ג) די געשיכטע פֿון דעם ייִדישן טעאַטער.

[ד) פֿעלט.]

[5. שפּראַכפֿאָרשונג]

ה) אויסאַרבעטן און אַרויסגעבן אַ גראַמאַטיק, אַ פֿולשטענדיקן ווערטערבוך און פֿעסטשטעלן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפֿיע.

כּדי צו קענען דורכפֿירן אַלע טיילן פֿון איר פּראָגראַם, שטרעבט די געזעל־שאַפֿט אַרויסצוגעבן אַ פּערטליאָריקן וויסנשאַפֿטלעכן זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע און מיטווירקונג פֿון די בעסטע פֿאַכמענער.

2

[פּראָגראַם פֿאַר אַ פֿאָלקלאָר־זשורנאַל]

די פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע פֿון דער ש. אַנ—סקי־„היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט״ אין ניו־יאָרק וועט קירצלעך אָנהייבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל פֿאַר ייִדישן פֿאָלקלאָר און שפּראַכפֿאָרשונג, אונטער דער פֿירונג פֿון נח פּרילוצקי און י. ל. כּהן.

דאָס וועט זײַן אַ זשורנאַל, דער ערשטער פֿון זײַן מין אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס וועט אויסשליסלעך זיך אָפּגעבן מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער אויספֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿאָלק־שאַפֿונג. ער וועט אַרומנעמען אַלע צווײַגן פֿון אונדזערע מינדלעכע פֿאָלקס־טראַדיציעס, אַלע קאָלעקטיווע שאַפֿונגען פֿונעם פֿאָלק וועלכע מיר באַצייכענען מיט דעם וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען פֿאָלקלאָר.

צום פֿאָלקלאָר געהערן נאָר די יעניקע פֿאָלקס־טראַדיציעס, פּאָעטישע און פּראָזאַיִשע, וואָס זײַנען אין משך פֿון דורות געשאַפֿן געוואָרן פֿונעם פֿאָלק, און אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער געמיינשאַפֿטלעכער פֿאָלקס־כאַראַקטער, די קאָלעקטיווע פֿאָלקס־נשמה; אָבער ניט די פֿאָלקסטימלעכע ווערק וואָס גייען אום צווישן פֿאָלק און טראָגן אויף זיך קענטיקע סימנים פֿון אינדיווידועלער שאַפֿונג. מעגן זיי אַפֿילו שטאַמען פֿון אומבאַקאַנטע און אומבאַוווּסטע מחברים — זיי געהערן ניט צום פֿאָלקלאָר.

נאָר פֿאָלקלאָר און מאַטעריאַלן פֿאַר דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע וועלן אויפֿ־גענומען ווערן אין דעם זשורנאַל וואָס וועט גלײַכצײַטיק זײַן אַ זאַמל־צענטער, ניט נאָר פֿון די פֿאָרשער פֿון אונדזער פֿאָלקטום, נאָר אויך פֿאַר אַלע פֿרײַנד, ליבהאָבער און זאַמלער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקשאַפֿונג. יעדער איינער וועט קענען אין אים אָנטייל נעמען, סײַ פֿאַכלײַט און סײַ אַזעלכע וואָס האָבן בלויז דערהאַלטן אין זייער זכּרון אַ מעשׂה אָדער אַ לידל, אַ שפּריכוואָרט אָדער אַ רעטעניש אד״גל. אויך מוזיקער וועלן קענען אָנטייל נעמען, אויב זיי פֿאַרמאָגן נאָר אַ באַזונדערן חוש פֿאַר אונדזערע עכטע פֿאָלקס־ניגונים, — און בכלל יעדער איינער וואָס וועט קענען פֿאַרצייכענען די פֿאַרשיידענע פֿאָלקס־מינהגים, אָבער־גלייבערישע מיינונגען, אָפּשפּרעכענישן און אַנדערע אַזוי גערופֿענע „זאַבאַבאָנעס״ וועלכע האָבן פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָלקספֿאָרשונג אַן אומגעהײַערן ווערט.

מיר ווענדן זיך קודם־כּל צו פֿאָלקלאָר־זאַמלער, שפּראַכפֿאָרשער, מוזיקער, לערער פֿון ייִדישע פֿאָלקסשולן און בכלל צו די יעניקע וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג, אויב זיי פֿאַרמאָגן נאָר וועלכן ניט איז פֿון דעם אונטן פֿאַרצייכנטן מאַטעריאַל, בעטן מיר דאָס גלײַך צושיקן פֿאַר אונדזער זשורנאַל. מיר וועלן מיט דאַנק און אָנערקענונג אויפֿנעמען די קלענסטע מיטטיילונג, אויב עס געהערט נאָר צו דער עכטער פֿאָלקסשאַפֿונג.

מיר גיבן דאָ אונטן אַ פֿאַרצייכעניש פֿון אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל און מיר בעטן די צושיקער צו באַאָבאַכטן די ווײַטערדיקע פּונקטן:

1) פֿאַרצייכנט די מעשׂיות, לידער, שפּריכווערטער אאַז״וו אין דער פּשוטער פֿאָלקסשפּראַך, אָט אַזוי ווי דאָס פֿאָלק רעדט, ניט געקינצלט, ניט געצאַצקעט. 2) אויב מעגלעך, פֿאַרשרײַבט אין דעם דיאַלעקט, אין דער אויסשפּראַך פֿון דער געגנט, פֿון וואַנען די מיטטיילונג קומט. 3) פֿאַרבײַט ניט און פֿאַרבעסערט ניט די אַלטע אויסטערלישע ווערטער און אויסדרוקן אויף נײַערע, נאָר מערקט אָן זייער באַדײַטונג, און אויב איר פֿאַרשטייט ניט זייער זינען רינגלט אײַן דערנעבן אַ פֿראַגע־צייכן. 4) צייכנט אָן אויף די צוגעשיקטע זאַכן אײַער נאָמען און אַדרעס, דער עיקר דעם נאָמען פֿון דער שטאָט אָדער שטעטל, גובערניע און לאַנד, ווו איר האָט די מעשׂיות, לידער, שפּריכווערטער אד״גל צום ערשטן מאָל געהערט.

שטודירט דורך אַלע אָפּטיילונגען פֿון אונדזער פֿאַרצייכעניש, און שיקט אונדז צו די זאַכן וועלכע איר קענט און געדענקט צום בעסטן.

1) פֿאָלקס־מעשׂיות, זאַגן און לעגענדעס. קינדער־מעשׂהלעך; מעשׂיות מיט און אָן מוסר־השׂכּל; ערנצטע און קאַטאָוועסדיקע, מעשׂהלעך וועגן רבנים, גוטע־ייִדן, חסידים און מתנגדים; ווונדער־מעשׂיות וועגן אליהו הנבֿיא, בעל־שמס און למד־וואָווניקעס; מעשׂיות וועגן אַלטע שולן, הייליקע ערטער און פֿאַרלאָזענע חורבֿות; מעשׂיות וועגן כּישוף־מאַכער, מכשפֿות, רוחות, ניט־גוטע, שרעטעלעך, דיבוקים, מתים אאַז״וו, הומאָריסטישע מעשׂיות; חכמות פֿון כעלעמער נאַראָנים; אַנעקדאָטן; וועלטלעכע מעשׂיות אָן אַ ספּעציפֿיש ייִדישן כאַראַקטער.

2) פֿאָלקסלידער. וויגנלידער; קינדערלידער פֿון שטוב און גאַס; פֿון חדר; פּורים־לידער; לידער וואָס ווערן געזונגען בײַם טאַנץ אין היימישע קנײַפּיעס און אין טאַנצהײַזער; ליבעלידער; חתן־כּלה־ און חתונה־לידער; לידער וואָס באַזינגען דאָס פֿאַמיליע־לעבן; לידער פֿון בעל־מלאָכות; פֿאָלקס־באַלאַדעס.

3) פֿאָלקסמוזיק. פֿאָלקס־ניגונים מיט און אָן טעקסט; חסידישע ניגונים; חתונה־מוזיק און טאַנץ־מעלאָדיעס.

4) שפּריכווערטער. גלײַכווערטלעך; רעדנסאַרטן; פֿאָלקסטימלעכע אויסדרוקן; פֿאַרגלײַכונגען; פֿראַזעס.

5) צונעמענישן און ווינטשונגען. צונעמענישן פֿון באַליבטע און אומבאַליבטע פּאַרשוינען; צונעמענישן פֿון שטעט און שטעטלעך, געגנטן, לענדער; קללות און ברכות; חניפֿה־רייד.

6) טאַנץ, פֿאָלקס־ און קינדער־שפּילן. ווי אַזוי הייסן די פֿאַרשיידענע פֿאָלקסטענץ און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ווערן זיי דורכגעפֿירט? ווי אַזוי ווערן די פֿאָלקס־ און קינדער־שפּילן אין שטוב און אין גאַס דורכגעפֿירט? פֿאַרצייכנט די לידער און אָפּצייל־פֿערזן וואָס ווערן דערבײַ געזונגען.

7) רעטענישן; פּשטלעך; משלים.

8) פֿאָלקסגלויבן. פֿאָלקס־מינהגים; אײַנגלייבענישן; באַבסקע רפֿואות; סגולות; אָפּשפּרעכונגען.

די יעניקע וואָס ווילן, אַז זייערע קלענערע אָדער גרעסערע מיטטיילונגען זאָלן געדרוקט ווערן אין דעם ערשטן נומער פֿון אונדזער זשורנאַל, זאָלן צושיקן זייער מאַטעריאַל ניט שפּעטער פֿון דעם 15טן מײַ. אַדרעסירט צו:

J. L. Cahan, 44 Graham Avenue, Brooklyn, N. Y.

3

[פֿראַגמענטן פֿון אַ פּראָגראַם־אַרטיקל פֿאַרן געפּלאַנטן זשורנאַל]

די דאָזיקע בלעטער פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר זײַנען באַשטימט ניט נאָר פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן פֿאָרשער פֿון אונדזערע מינדלעכע פֿאָלקס־טראַדיציעס, נאָר אויך פֿאַר ברייטערע לעזערקרײַזן, ווו דער אויסדרוק „פֿאָלקלאָר״ איז אפֿשר נאָך גאָר אומבאַקאַנט, דערפֿאַר אָבער איז מען דאָרט גוט פֿאַרטרויט מיט זײַן אינהאַלט.

עס איז דערפֿאַר גאַנץ מיגלעך, אַז די נאָענטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם אינהאַלט פֿון די בלעטער זאָל אַרויסרופֿן אַ וואַרעמען אינטערעס בײַ אַלע קלאַסן לייענער, הגם פֿון אָנהייב וועט דאָס אפֿשר צוגיין אַ ביסל שווערלעך. ס׳וועט מסתמא זיך אָנהייבן מיט אַ געוויסן חוזק־שמייכל, מיט אַ פּאָר שפּאַסיקע באַמערקונגען, אַ שטייגער ווי „די מעשׂה האָט שוין אַ באָרד״, אָדער „דאָס לידל האָט שוין מײַן באָבע געזונגען״, און נאָך אַזעלכע פֿאָלקסטימלעכע אויסדרוקן. שפּעטער צו וועט זיך ערשט אָנהייבן די אמתע קריטיק: „דאָס דאָזיקע מעשׂהלע פֿאַרציילט מען בײַ אונדז גאָר אַנדערש״ און „אָט דאָס מעשׂהלע איז גאָרניט ריכטיק איבערגעגעבן, ס׳טויג ניט״. „בײַ אונדז איז דאָס אַ מעשׂה פֿון אַ מלך מיט אַ מלכּה — און דאָ גאָר פֿון אַ רבֿ מיט אַ רביצין. ס׳איז ניט ריכטיק. ס׳איז פֿאַלש״. ענלעכע טענות וועלן מסתּמא קומען וועגן די פֿאָלקסלידער. אָבער אַזעלכע טענות פֿון די לייענער גופֿא זײַנען ווי געווונטשן פֿאַר דעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער, ס׳איז זײַן בעסטע געלעגנהייט צו אַנטדעקן נײַע וואַריאַנטן, און במילא אויך נײַעם מאַטעריאַל.

עס קען אויך געמאָלט זײַן, אַז פֿון אַן אַנדער ווינקל זאָלן זיך דערהייבן גאָר אַנדערע טענות: פֿאָלקלאָר? צו וואָס דאַרף מען עס? וועמען גייען דאָס אָן די אַלטע בבֿא־מעשׂיות? די אומבאַהאָלפֿענע, פּרימיטיווע פֿאָלקסלידלעך? די נאַרישע אײַנגלייבענישן, די אָפּשפּרעכענישן, די באַבסקע רפֿואות און די אַלע אַנדערע נאַרישקייטן? ווער דאַרף זיי? צו וואָס נאָך זאַמלען און פֿאַרעפֿנטלעכן?

מײַנער אַ באַקאַנטער, אַן אויפֿגעקלערטער יונגער־מאַן, פֿלעגט מיך תּמיד באַוואַרפֿן מיט די זעלביקע שאלות: פֿאָלקלאָר? צו וואָס דאַרף מען עס? וועמען נוצט עס? אאַז״וו. האָב איך אָבער באַמערקט, אַז דער דאָזיקער באַקאַנטער מײַנער איז פּשוט פֿאַר זיך אַליין אַ שטיק פֿאָלקלאָר. אַז ער פֿלעגט עפּעס דערציילן און אימעצער האָט געניאָסן דערבײַ פֿלעגט ער זאָגן: „אָט, געניאָסן בײַ דעם אמת!״ און אַז זײַן קינד האָט געגעבן אַ ניאָס, האָט ער געהאָט דעם פֿאַרטיקן שפּראָך: „צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר״. האָט אים געקלונגען אין לינקן אויער,

פֿלעגט ער ווערן אומעטיק און זאָגן: „עפּעס רעדט מען שלעכטס וועגן מיר". האָט אים געביסן די דלאָניע פֿון דער רעכטער האַנט, פֿלעגט ער באַמערקן מיט אַ שמייכל: „מיר דאַכט זיך, הײַנט וועל איך ציילן געלט". מאָנטאָג האָט ער באַטראַכט פֿאַר אַ שלימזלדיקן טאָג, דינסטאָג — פֿאַר אַ מזלדיקן. און אַז ער האָט באַמערקט, ווי די קאַץ וואַשט זיך אויפֿן שוועל, פֿלעגט ער לאַכנדיק זאָגן צו זײַן ווײַב: „שׂרהלע, גרייט זיך צו, געסט וועלן קומען". על־פּי שׂכל וואָלט ער אפֿשר אין די דאָזיקע סימנים ניט געגלייבט, ער האָט זיך אָבער קיין מאָל ניט פֿאַרטראַכט וועגן זײַנע געירשנטע געוווינהייטן.

דער דאָזיקער יונגער־מאַן האָט, צוזאַמען מיט זײַן ריינעם אַמעריקאַניזם, אויך אויפֿגענומען אַ באַהאַלטענע מורא פֿאַר דעם נומער 13. „ס'איז טאַקע אַ נאַרישקייט, פֿלעגט ער זאָגן, אָבער דאָך איז עפּעס ניט אָנגענעם צו וווינען אין אַ הויז וואָס טראָגט דעם נומער דרײַצן". אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער באַמערקן: „עס פֿילט זיך עפּעס מאָדנע צו זיצן אויף אַ מיטינג, ווו ס'זײַנען פֿאַראַן בלויז דרײַצן מענטשן". און ווײַל ער איז געווען גוט אַמעריקאַניזירט האָט ער ניט געהאַלטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. „ס'איז עפּעס ניט קיין לשון, פֿלעגט ער טענהן, ס'איז אַ זשאַרגאָן, אַ געמיש פֿון פֿאַרשיידענע לשונות". און אַז ער האָט גענומען אַרגומענטירן קעגן דעם דאָזיקן „זשאַרגאָן", האָט זיך מיר פֿיל מאָל געדאַכט, אַז איך הער די שפּראַך פֿון אַ מענדעלע אָדער פֿון אַ שלום־עליכם. עס איז געווען דאָס פֿײַנסטע ייִדיש וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. אַ ריינע קערנדיקע שפּראַך, דורכגעוועבט מיט אַלטע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, פֿול מיט סאַרקאַזם און פֿאָלקסטימלעכן הומאָר. צו יעדער זאַך, צו יעדן געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט שטאַרק באַטאָנען, האָט ער אויפֿן אָרט געהאַט אַ פּאַסיק גלײַכווערטל, אַ געפֿעפֿערטן וויץ, אַן עכטן ייִדישן אַנעקדאָט. און ווײַל ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַן אויפֿגעקלערטן, האָט ער פֿײַנט געהאַט רבנים און גוטע־ייִדן, טאַקע בתכלית השׂינאה. איז ער אָבער געקומען צווישן „נאַש בראַט", איז גענוג געווען די קלענסטע סיבה, די לײַכטסטע אָנרעגונג, ער זאָל אַרײַנפֿאַלן אין באַגײַסטערונג פֿאַר חסידים און חסידות; און אין אַ ראָמאַנטיש געהויבענעם טאָן פֿלעגט ער קענען שעהען לאַנג דערציילן די וווּנדערלעכסטע מעשׂהלעך פֿון באַהאַלטענע למד־וואָווניקעס און חסידישע גוטע־ייִדן. און טאָמער האָט זיך אימעצער געקווענקלט צו גלייבן אין די אַלע נסים ונפֿלאות, פֿלעגט ער מיט דער גרעסטער תמימות פֿאַרזיכערן: „כ'האָב עס געהערט פֿון מײַן זיידן, ער האָט עס טאַקע אַליין בײַגעוווינט". נאָך מער. ער איז געווען אַ פֿאַרברענטער אָנהענגער פֿון דער סאַמע לעצטער מאָדערניסטישער פּאָעזיע, און אַזעלכע פֿערזן ווי אין דער „ספּון ריווער אַנטאַלאָדזשי" זײַנען כמעט ניט אַראָפּ פֿון זײַנע ליפּן. נאָר אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ שטיקל שׂימחהלע אין אַ באַקאַנטער היימישער סבֿיבֿה, צווישן היימישע בחורים און מיידלעך, איז ער כמעט געווען דער איינציקער וואָס פֿלעגט זינגען דווקא די אומבאַהאָלפֿנסטע פֿאָלקסלידלעך, און מיט אַזאַ מתיקות און באַגײַסטערונג, אַז מען האָט געקענט מיינען, קיין בעסערס און קיין שענערס איז גאָר אויף דער

וועלט ניט פֿאַראַן. און דאָך האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין פֿרעגן: „פֿאָלקלאָרז צו וואָס דאַרף מען עס? וועמען נוצט עס?"

*

פֿון די פֿריִערדיקע זאַמלערפּרווון, ווי אויך פֿון די מאַטעריאַלן וואָס מיר האָבן ביז אַהער צוזאַמענגעקליבן לאָזט זיך משער זײַן, אַז דאָ, אין אַמעריקע, איז נאָך פֿאַראַן אַ גאַנץ רײַכער, און דער עיקר אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער ייִדישער פֿאָלקלאָר וואָס לעבט נאָך, ווי געזאָגט, אין די טיפֿענישן פֿונעם פֿאָלק, אָפֿט מאָל פֿאַרבאָרגן אַפֿילו פֿאַר דעם געניטסטן פֿאָלקספֿאָרשער. דער איינצלנער, אינדיווידועלער פֿאָלקלאָר־זאַמלער וואָס גייט אין פֿאָלק זוכן זײַן מאַטעריאַל פֿאַרלאָזט זיך דאָס רובֿ אויף נסים. אמת, ער האָט בײַ זיך דעם אַלגעמיינעם אַדרעס: דאָס פֿאָלק אָדער די נידעריקע שיכטן פֿון פֿאָלק. ער ווייסט אָבער ניט דעם אינדיווידועלן אַדרעסאַט, דעם איינצלנעם פֿונעם פֿאָלק, וואָס קען דערציילן פֿאָלקס־מעשׂיות אָדער זינגען פֿאָלקסלידער. בלאָנדזשעט ער, דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער, און פֿרעגט זיך נאָך בײַ דעם, בײַ יענעם: צי קענט איר אפֿשר אָט די מעשׂהלעך וואָס דער זיידע אָדער די באָבע פֿלעגן אַ מאָל דערציילן, אָדער די לידער, וואָס מען פֿלעגט אַ מאָל זינגען בײַ דער אַרבעט און וואָס מען זינגט זיי נאָך הײַנט אויך? באַקומט ער דאָס רובֿ דעם נעגאַטיוון ענטפֿער: ניין, איך קען ניט. דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער איז אָבער בטבֿע אַן עקשן, ער לאָזט ניט אָפּ, גייט ווײַטער אין פֿאָלק אַרײַן און פֿרעגט זיך נאָך, ביז ער דערפֿרעגט זיך אַ מאָל. איז דאָס אַ שווערע און זייער אַ מאַרודנע אַרבעט, וואָס נאָר אַ „ראָמאַנטיקער" וואָס איז שטאַרק פֿאַרליבט אין פֿאָלק קען דאָס אויסהאַלטן...

דאָ אין אַמעריקע, זאָגט מען אונדז, איז בכלל ניט דער פּלאַץ פֿאַר אַזאַ פֿאָלקלאָריסטישער זאַמל־אַרבעט. מחמת ס'איז שוין פֿון לאַנג דאָ ניטאָ קיין ייִדישער פֿאָלקלאָר און איז אפֿשר קיין מאָל ניט פֿאַראַן געווען, צוליב גאַנץ פֿאַרשטענדלעכע סיבות: גרויסשטאָט, ניט־אײַנגעוואָרצלטער לעבנס־שטייגער, פֿרעמדע סבֿיבֿה, אַסימילאַציע, קאַפּיטאַליזם אד"גל — אַלץ אַזעלכע אומשטאַנדן, אונטער וועלכע קיין שום פֿאָלקלאָר קען ניט אויפֿקומען און ניט געדײַען. וואָלטן דאָס באמת געווען גאַנץ וואָגיקע אײַנווענדונגען, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן אַ נײַערן ייִדיש־אַמעריקאַנישן פֿאָלקלאָר וואָס איז אויפֿגעקומען דורכויס אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַזאַ מין ייִדיש־אַמעריקאַנישער פֿאָלקלאָר איז דאָ קנאַפּ וואָס בנימצא, טאַקע צוליב די פֿריִער דערמאָנטע טעמים. דערפֿאַר איז אָבער מער ווי זיכער, אַז וואָס ס'איז שייך דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג, אָט דעם אַלטן ייִדישן פֿאָלקלאָר וואָס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פֿון דער אַלטער היים דורך פֿאַרשיידענע עמיגראַנטישע שטראָמען — איז ער נאָך מסתמא ביז הײַנט אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל.

ס'וועט אפֿשר קלינגען שטאַרק איבערגעטריבן בײַ הײַנטיקער צײַט, ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז דאָ, אין אַמעריקע, צווישן אונדזערע ברייטסטע פֿאָלקסמאַסן

איז נאָך פֿאַראַן אַזאַ מין רײַכער און אַזאַ פֿאַרשיידנאַרטיקער ייִדישער פֿאָלקלאָר וואָס איז זעלטן ווו צו געפֿינען אין אַ סבֿיבֿה פֿון גרויסשטאָטישער קולטור און פֿרעמדשפּראַכיקער אַסימילאַציע. אָט די דאָזיקע באַהויפּטונג אונדזערע קלינגט אפֿשר זייער מערקווערדיק, אָבער [זי איז] לחלוטין ניט איבערגעטריבן.

וואָרעם ווי אַנדערש זאָלן מיר דערקלערן אָט די מערקווערדיקע דערשײַנונג פֿון די אַלע פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס־מעשׂהלעך, וואָס מיר האָבן דאָ נאָך מיט אַ צײַט פֿריִער געזאַמלט און פֿאַרעפֿנטלעכט, אויב ניט בלויז ווי פּראָבע־זאַמלונגען פֿון אַ פֿיל רײַכערן און פֿאַרשיידנאַרטיקערן פֿאָלקלאָר וואָס לעבט נאָך אין זכרון פֿון אונדזערע ברייטסטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן דאָ אין אַמעריקע? אמת, מען וואָלט דערבײַ נאָך באַדאַרפֿט אָנמערקן, אַז דער דאָזיקער פֿאָלקלאָר אונדזערער דערלעבט שוין אפֿשר זײַנע לעצטע מאָמענטן, זײַן עלפֿטע שעה, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט...

[וועגן אַ פּראָגראַם פֿאַרן פֿאָלקלאָר־זאַמלער]

[אויסצוגן פֿון י. ל. כּהנס בריוו צו נחום שטיפֿן]

[קיין פּינקטלעכע קאָפּיעס פֿון כּהנס בריוו צו שטיפֿן האָבן זיך ניט אויפֿגעהיט. דאָס ווײַטערדיקע ווערט געדרוקט לויט פֿראַגמענטן פֿון שוואַרצשריפֿטן וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין כּהנס עזבֿון.

די „פּראָגראַם פֿאַרן פֿאָלקלאָר־זאַמלער", וואָס ווערט דאָ געדרוקט באַלד נאָך די בריוו (זז' 134—140), איז אויך געווען באַשטימט פֿאַר נ. שטיפֿן; צי זי איז אָפּגעשיקט געוואָרן איז ניט באַוווּסט.]

1

ניו־יאָרק, אויג[וסט] 27[19]

צו ח' נ. שטיף
דער וו' פֿאַרוואַלטער פֿ' ד' קאַטעדער
פֿון ייִד' קולט' אין קיִעוו.

זייער חשובֿער חבֿר,

אײַער קורץ, אָפֿיציעל בריוול האָט מיך היפּשלעך איבערראַשט, און ניט ווייניקער אײַער דערמאָנונג וועגן מײַן צוזאָג. איך קאָן מיך בשום אופֿן ניט דערמאָנען, אַז איך זאָל אײַך האָבן צוגעזאָגט אָנצושרײַבן אָדער אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פֿאַר אַן עטנאָגראַפֿישער עקספּעדיציע. איך לייקן ניט, אַז איך האָב אײַך אַ מאָל צוגעזאָגט עפּעס אָנצושרײַבן וועגן דעם ענין, אָבער אַז איך זאָל האָבן גערעדט וועגן אַ „פּראָגראַם" לייגט זיך מיר ניט אויפֿן שׂכל, מחמת איך בין בכלל אַ מענטש אָן אַ פּראָגראַם. דאָס איז אפֿשר מײַן גרעסטער פֿעלער, מוז איך צוגעבן.

וואָס איך האָב דעמאָלט אין זינען געהאַט אָנצושרײַבן איז געווען ניט מער ווי עטלעכע אינסטרוקציעס פֿאַר אָנפֿאַנגער־זאַמלער וועגן דעם פֿאָלקלאָריסטישן אַרבעטס־מעטאָד, וועגן דעם, וואָס ס'געהערט צום פֿאָלקלאָר און וואָס ניט, און בכלל ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פֿון פֿאָלק דעם געזוכטן מאַטעריאַל. לײדער האָב איך אַפֿילו דאָס ניט געטאָן. מחמת באַלד דערנאָך האָט זיך אונטערגערוקט דער פּנקס, דער געפּלאַנטער זשורנאַל וואָס אונדזער אַמעריקאַנער סעקציע פֿון ייִוואָ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן. האָט שוין די אַלגעמיינע אַרבעט אַרום דעם פּנקס און מײַן אייגענע אַרבעט פֿאַר דעם פּנקס פֿאַרשלונגען כּמעט יעדער מינוט פֿון מײַן פֿרײַער צײַט, אַזוי אַז איך האָב שוין אַפֿילו קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן מײַן צוזאָג, הגם ס'איז מיר געלעגן אויף מײַן געוויסן.

דער פּנקס איז נאָך ניט פֿאַרטיק, װעט אפֿשר אַרױס פֿון דרוק סוף סעפּטעמבער, אָבער דערװײַל מוז איך שױן צוגרײטן אַן אַרבעט פֿאַרן צװײטן נומער. און שרײַבן װילט זיך ניט, איז טאַקע שלעכט... פֿאַרשטײט איר דאָך מסתּמא, אַז דאָס איז ניט פֿון גרױס צעבאַלעװעטקײט, נאָר מחמת עפּעס אַ געדריקטער שטימונג, פּעסימיזם, רחמנא־לצלן... און סיבות דערצו זײַנען פֿאַראַן אַ סך.

נאָר מערקװערדיק, אַזױ װי איך באַקום נאָר פֿון אײַך אַ בריװ, װער איך גאָר אַן אױפֿגעלעבטער, עס װילט זיך עפּעס טאָן. אײַער טעטיקײט, אײַער טיפֿער אָפּטימיזם װאָס שװעבט צו מיר אַרױס פֿון אײַער שרײַבן דערװעקט אין מיר אַ חשק צו פֿרישער טעטיקײט. אַ שאָד נאָר, װאָס אײַער בריװ איז אַזױ קורץ און איך קאָן מיך פֿון דעם ניט אָריענטירן, װאָס פֿאַר אַ פּראָגראַם אָדער פֿרעגבױגן ס׳װאָלט געװען פּאַסיק פֿאַר דער געפּלאַנטער עטנאָגראַפֿישער עקספּעדיציע, זיסט װאָלט איך דאָס אפֿשר גלײַך אָנגעשריבן.

סײַ װי סײַ, פֿאַר אײַער פּראָיעקט בין איך באַגײַסטערט, און איך האָף, אַז די עקספּעדיציע װעט האָבן דערפֿאָלג און װעט ברענגען גוטע רעזולטאַטן. אַ פּראָגראַם פֿאַר דער אַרבעט װעט איר שױן מסתּמא אַלײן אָנשרײַבן, אָדער ס׳װעט קומען ביסלעכװײַז, צוזאַמען מיט דעם מאַטעריאַל, צוזאַמען מיט דער דערפֿאַרונג פֿון די פֿאַרשײדענע זאַמלער. נאָר אײן זאַך װאָלט איך דאָ געװאָלט אָנמערקן: פֿאָלקלאָר מיט עטנאָגראַפֿיע זאָל מען ניט צוזאַמענמישן, דאָס זײַנען צװײ באַזונדערע װיסנצװײַגן, און הגם אין געװיסע פּונקטן באַרירן זײ זיך, זײַנען אָבער זײערע פֿאַרשונגס־מעטאָדן גאַנץ אַנדערע. די עקספּעדיציע מעג טאַקע גײן אונטער דעם נאָמען „עטנאָגראַפֿיע“, מחמת דער טערמין איז זײער פּאָפּולער אין די סלאַװישע לענדער (מען פֿאַרשטײט אונטער דעם סײַ די מאַטעריעלע און סײַ די גײַסטיקע קולטור פֿונעם פֿאָלק), זי דאַרף אָבער ניט אַרבעטן אױף בײדע געביטן גלײַכצײַטיק. איך מײן דערמיט צו זאָגן, אַז די מענטשן װאָס װעלן באַשטימט װערן צו זאַמלען דעם פֿאָלקלאָר זאָלן גלײַכצײַטיק זיך ניט פֿאַרנעמען מיט עטנאָגראַפֿישע באַשרײַבונגען, כאָטש זײ מעגן אין דעם האָבן אַ שטיקל ידיעה. און אױב זײ זײַנען טאַקע באמת פּאַסיק פֿאַר עטנאָגראַפֿן זאָלן זײ װידער מיט פֿאָלקלאָר ניט האָבן צו טאָן....

*

...באמת װאָלט זיך טאַקע זײער געװאָלט אױסאַרבעטן אַ פֿולשטענדיקע פּראָגראַם פֿאַר אַן עטנאָגראַפֿישער עקספּעדיציע, אָבער עס לאָזט זיך ניט. ס׳זײַנען פֿאַראַן דערבײַ אַ סך מניעות װאָס לאָזן זיך אַזױ לײַכט ניט באַזײַטיקן. װי איר װײסט, װערן װיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס דאָס רובֿ דורכגעפֿירט פֿון פֿאַכלײַט, אָדער פֿון מענטשן װאָס זײַנען מער אָדער װײניקער באַהאָװנט אין דעם ענין װאָס זײ האָבן בדעה אױסצופֿאָרשן. צו זאַמלען שפּראַכלעכן מאַטעריאַל װעט איר למשל ניט שיקן אַזעלכן װאָס איז ניט קײן פֿילאָלאָג. אמת, ער װעט ניט מוזן זײַן אַן ערשטקלאַסיקער, אָבער אַ היפּשע ידיעה אין שפּראַכפֿאָרשונג

װעט ער מוזן האָבן, אַנדערש װעט זײַן גאַנצע אַרבעט זײַן אַ ברכה לבטלה, דער געזאַמלטער מאַטעריאַל װעט ניט האָבן דעם געװוּנטשענעם װיסנשאַפֿטלעכן װערט. דעם זעלביקן פּרינציפּ װעט איר מוזן אָנװענדן אױך אױף אַנדערע צװײַגן פֿון עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר, אױב איר װעט װעלן, אַז די עקספּעדיציע זאָל ברענגען די געװוּנטשענע רעזולטאַטן.

איז נאָך גוט, װאָס עס זײַנען פֿאַראַן חבֿרים מיט גאַנץ היפּשע ידיעות אין ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג, אָבער צי עס זײַנען פֿאַראַן בײַ אײַך פֿאָלקלאָריסטן און עטנאָגראַפֿן פֿון דעם זעלביקן גראַד, גלײבט זיך מיר קױם. דעריבער בין איך אין אַ פֿאַרלעגנהײט און װײס באמת ניט, פֿון װאָס פֿאַר אַ פּראָגראַם צו טראַכטן.

נאָר כּדי אַרױסצוקריכן פֿון דער דאָזיקער פֿאַרלעגנהײט, לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז מען האָט מיך ערגעץ װוּ באַשטימט פֿאַר אַן אָנפֿירער פֿון אַזאַ מין עקספּעדיציע. װאָס װאָלט איך געטאָן?

קודם־כּל װאָלט איך מיר אַזױ געזאָגט: ס׳איז טאַקע ניט גוט, װאָס מיר פֿאַרמאָגן ניט די געהעריקע פֿאַכלײַט פֿאַר אַזאַ עקספּעדיציע, אָבער װאַרטן ביז אַזעלכע װעלן אַ מאָל קומען קאָן מען ניט. ס׳איז איצט פֿאַראַן אַ שעת־הכּושר, דאַרף מען עס ניט דורכלאָזן. אַגבֿ קאָן מען ניט װיסן, ס׳קאָן גרינגלעך געמאָלט זײַן, אַז צװישן די חבֿרים־לערער זײַנען פֿאַראַן גראָד אַזעלכע װאָס באַזיצן די נײטיקע פֿעיִקײטן װי זאַמלער און פֿאָרשער. מען דאַרף פּרובירן, כאָטש זײ האָבן זיך דערװײַל נאָך ניט קװאַליפֿיצירט.

און איך װאָלט מיר אױסגעקליבן די פּאַסיקסטע מענטשן פֿאַר יעדן פֿאָרשונגסצװײַג באַזונדער. סײַ װי סײַ איז דער עטנאָגראַפֿישער אָדער פֿאָלקלאָרגעביט אַזױ ברײט, אַז אײן מענטש, אַפֿילו מיט די בעסטע פֿעיִקײטן, װעט עס אין לעבן ניט באַהערשן.

*

דעריבער װאָלט איך פֿאָרגעשלאָגן, אַז פֿאַר יעדן פֿאָלקלאָרצװײַג זאָלן אױסגעקליבן װערן די פּאַסיקסטע זאַמלער.

פֿאַרן פֿאָלקסליד: אַ יונגער־מאַן מיט אַן אָנגענעמער שטימע און װאָס קאָן אַ ביסל זינגען. ער מעג האָבן נאָך אַנדערע מעלות, אָבער די זײַנען די װיכטיקסטע. אַזאַ אײנער קאָן מיט דער צײַט װערן אַ טיכטיקער פֿאָלקסליד־זאַמלער. ער מוז אָבער קומען מיט אַן אײגענעם רעפּערטואַר, װײניקסטנס מיט אַ האַלבן טוץ פֿאָלקסלידער, און דאַרף קענען שליסן באַקאַנטשאַפֿט מיטן „פּראָסטן“ פֿאָלק, דער עיקר מיט דעם שײנעם געשלעכט, װאָס איז בײַ אונדז אַלע מאָל געװען די פֿלעגערין פֿון דער פֿאָלקלאָריסטיק.

פֿאַר די פֿאָלקס־מעשׂיות: אַ גוטער דערצײלער, און אױך מיט אַ היפּשלעכן זאַפּאַס פֿון פֿאַרשײדענע מעשׂיות, הומאָריסטישע און פֿאַנטאַסטישע. זײַן באַקאַנטשאַפֿט דאַרף ער שליסן דער הױפּט מיט מיטליעריקע מענטשן, עלטערע זײַנען

אַוודאי גוט. די אַלע קאָנען דערציילן מעשיות פֿון זייערע קינדעריאָרן, וואָס זיי האָבן געהערט פֿון דער מאַמען, פֿון דער באָבען אָדער אין חדר פֿונעם באַ־העלפֿער.

פֿאַר פֿאָלקסגלויבן און מינהגים: אַ ישיבֿה־בחור־טיפּ; ניט קיין ראַציאָנאַ־ליסט, נאָר גיכער אַ שטיקל מיסטיקער; אַזעלכער וואָס האָט אַליין אַ נייגונג צו גלייבן אין איבערנאַטירלעכע זאַכן, הגם ער קאָן דאָס דערקלערן על־פּי שׂכל. ער טאָר ניט דיסקוטירן, ניט אַמפּערן זיך, זעלטן עפּעס פֿרעגן, נאָר בלויז: זען, הערן און פֿאַרצייכענען.

פֿאַר פֿאָלקסמוזיק: אַ פּראָפֿעסיאָנעלער מוזיקער, מיט אַ חוש פֿאַר דער פֿאָלקס־מעלאָדיע. ער קאָן אַרבעטן זעלבשטענדיק: פֿאַרצייכענען פֿאָלקסטימלעכע און אַפֿילו בדחנישע לידער. פֿאַרן טעקסט דאַרף ער ניט זײַן קיין ספּעציאַליסט. ער דאַרף אָבער אָפֿט מאָל באַגלייטן דעם פֿאָלקסליד־זאַמלער, אָבער נאָך דעם ווי דער לעצטער האָט שוין געשלאָסן זײַן באַקאַנטשאַפֿט און געפֿונען זײַן קוואַל.

*

ס׳וואָלט אפֿשר ניט שווער געווען אָנצושרײַבן אַ פּראָגראַם אין דער פֿאָ־רעם פֿון אַ פֿרעגבויגן אָדער אַנקעטעס, ווי מען טוט עס בײַ לײַטן, אָבער דאָס שטעלט מיך ניט צופֿרידן. איך האַלט, אַז פֿאַר אַן אָנהייב וואָלט מען געדאַרפֿט געבן מער אינסטרוקציעס, אָנווײַזונגען, אַרײַנפֿירן אין יעדן פֿאָלקלאָרצווײַג באַזונדער, זאַמל־טעכניק, אַרבעטס־מעטאָד אאַז״וו. אָבער דערצו פֿאָדערט זיך אַ סך צײַט און מער געדולד ווי איך פֿאַרמאָג.

פֿון דעסט וועגן האָב איך מיר געפּרוווט אָנטאָן אַ כּוח און עפּעס אָנשרײַבן, אָבער ווײַטער פֿון דעם קורצן אַרײַנפֿיר וואָס איך שיק אײַך דאָ בין איך ניט דערגאַנגען. און ניט, ווײַל ס׳איז ניט געווען מער וואָס צו זאָגן, נאָר גאָר פּשוט, ס׳האָט מער ניט געסטײַעט קיין געדולד. אַגבֿ האָב איך אַנדערע זאַכן אויף מײַן קאָפּ, וואָס לאָזן מיך ניט לעבן. און קיין כּתבֿא־רבא בין איך ניט און שרײַבן ווילט זיך ניט, דאָס ווייסט איר דאָך שוין פֿון לאַנג. בכן האָב איך דאָס מאָל ניט געקאָנט אין גאַנצן דערפֿילן אײַער בקשה, אָבער די פּאָר אָנגעשריבענע זײַטלעך זאָלן אײַך באַווײַזן, אַז איך האָב געהאַט מײַן גוטן ווילן דערבײַ. אפֿשר אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען איך וועל האָבן מער צײַט און שטימונג, וועל איך פֿאָרזעצן די אַרבעט און וועל אײַך צושיקן דאָס איבעריקע פֿון דער געפּלאַנ־טער פּראָגראַם, אויב איר וועט זיך אין דעם נייטיקן....

2

ניו־יאָרק, דעם 1928/II/2

פּראָפֿ׳ נ. שטיף
אין קיִעוו.

ליבער פֿרײַנד,

אײַער בריוו פֿונעם 2/I האָט מיך פּשוט אויפֿגעלעבט. כ׳האָב שוין באמת ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן וועגן אײַער אומגליק־צופֿאַל. נו, איצט פֿריי

איך מיך, וואָס איר זײַט שוין אַרויס פֿון סכּנה און וואָס איר בעסערט זיך פֿון טאָג צו טאָג, ווי איר זײַט מיר מודיע אין אײַער לעצטן פּאָסטקאַרט פֿו־נעם 13/I.

געוויס האָב איך אַנ—סקיס עטנאָגראַפֿישע פּראָגראַם באַקומען. און איך שיק אײַך דערפֿאַר מײַן האַרציקסטן דאַנק. ס׳איז אַ גרויסע און וויכטיקע אַר־בעט, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז איך קאָן זיך דערמיט ווייניק וואָס באַנוצן, ס׳גייט ווײַט אַריבער מײַן באַשרענקטע פּראָגראַם וואָס איך האָב אײַך צוגע־זאָגט צו שיקן.

אַנ—סקיס פּראָגראַם איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ ריזיקער פֿרעג־בויגן, אויף וועלכן מען קאָן זאָגן, אַז איין נאָר קאָן מער פֿרעגן, איידער צען קלוגע קאָנען ענטפֿערן. איך זאָג עס ניט לגנאַי, נאָר אַזוי זיך, בלשון הלצה. מע דאַרף דערצו האָבן צוואַנציק פּראָפֿעסאָרן, געאיבטע, עקשנותדיקע זאַמלער וואָס זאָלן זיך אַרויסלאָזן אין פֿאָלק און זוכן ענטפֿערס אויף די אַלע מיגלעכע און אוממיגלעכע פֿראַגעס. רויע מענטשן, אַזעלכע ווי אונדזערע צוקונפֿטיקע זאַמ־לער, קאָנען זיך דערצו ניט צורירן. עס שווינדלט אין קאָפּ פֿון די אַלע אַב־סטראַקטע פֿראַגעס, אָן וועלכן ניט איז בײַשפּיל אָדער מוסטער.

נאָר כ׳וואָלט ניט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיך שלעכט פֿאַרשטיין. די פּראָ־גראַם קאָן אונדז זייער גוט צו ניץ קומען. מע וואָלט געקאָנט דערפֿון אַרויס־ציִען טראָפּנווײַז, צו פֿינף אָדער צו צען נומערן פֿון יעדער אָפּטיילונג, און באַאַרבעטן דאָס אין קליינע אַנקעטעס, אָפּדרוקן עס אויף באַזונדערע בלעטלעך און צעשיקן עס אויף דער פּראָווינץ. אַזוי ווי ווײַנרײַך האָט עס געטאָן בײַם ייִוואָ. אַ מאָל קאָן עס ברענגען גוטע רעזולטאַטן, אויב מען זאָל געפֿינען די ריכטיקע זאַמלער.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אַרבעט קאָן איך זיך בשום אופֿן ניט אונטער־נעמען צו טאָן. ערשטנס ווײַל איך האָב זייער ווייניק צײַט, און צווייטנס איז מיר סתּם פֿרעמד אײַער געגנט מיט זײַן הײַנטיקן לעבנס־שטייגער. ווען איך וואָלט זיך דאָס אונטערגענומען, וואָלט איך געדאַרפֿט מער „דיכטן" ווי געבן פּראַקטישע אינסטרוקציעס. איך גלייב, אַז איר זײַט דער איינציקער וואָס וואָלט פֿון אַנ—סקיס פּראָגראַם געקאָנט מאַכן אַ פּראַקטישן באַנוץ.

*

מײַן פּראָגראַם וואָס איך האָב אײַך צוגעזאָגט איז זייער אַ באַשיידענע. זי וועט אַרומנעמען בלויז די פֿאָלקסדיכטונג, מעשׂיות, לידער און אפֿשר נאָך אַ פּאָר צווײַגן. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז מיר האָבן נאָך צו טאָן מיט רויע מענטשן אין דער אַרבעט, האָב איך געלייגט מער געוויכט אויף אינסטרוקציעס און זאַמל־טעכניק. עס גייט אין דעם אײַנצוברעכן דעם אָנפֿאַנגער אין דער זאַמל־אַרבעט. האָב איך געזוכט אַ שטאָף וואָס זאָל זײַן צוגענגלעך פֿאַר יעדן איינעם, און בײַ אַ קליינער אָנשטרענגונג זאָל ער שוין זען גוטע רעזולטאַטן. דערפֿאַר האָב איך אָנגעהויבן פֿון די שפּריכווערטער. כ׳האָב אין דעם אַרײַנגעלייגט אַ

סך רייד, און אפֿשר צו ווייניק? איר וועט שוין זען, וואָס דאָרט פֿעלט און וואָס ס'איז איבעריק. איך פֿאַרלאָז מיך אין גאַנצן אויף אײַך.

דער מעטאָד, ווי אַזוי צו זאַמלען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, איז מײַן אייגענע דערפֿינדונג; הלוואַי זאָל עס אַרבעטן און ברענגען גוטע רעזולטאַטן!

ווי איר ווייסט האָט איגנאַץ בערנשטיין צוזאַמענגעקליבן פֿיר טויזנט שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן אין משך פֿון 35 יאָר. ווי ער דערציילט, האָט ער דעם מאַטעריאַל אַליין צונויפֿגעקליבן „צוהערנדיק זיך צו די רייד פֿון אונדזער פֿאָלק, אויף דער גאַס אָדער אויף דעם מאַרק". ווי איך פֿאַרשטיי, פֿלעגט ער זיך אונטערהערן צו שמועסן צווישן מענטשן אויף דער גאַס אָדער אין אַ הויז, און פֿלעגט אויפֿכאַפּן אַ שפּריכוואָרט אָדער אַ רעדנסאַרט וואָס איז צופֿעליק געקומען צו זײַן אויער. דעריבער איז מיר ניט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרן קוים צוזאַמענגעקליבן פֿיר טויזנט נומערן.

כ'האָב פּרובירט מײַן מעטאָד און כ'האָב געזען, ווי ווּנדערלעך ער אַרבעט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך אים עטלעכע וואָכן אויסגעפּרובירט דאָ, אין ניו־יאָרק, האָב איך אין דער קורצער צײַט צוזאַמענגעקליבן מיט אַ פּאָר טויזנט שפּריכווערטער מער ווי עס געפֿינט זיך אין בערנשטיינס זאַמלונג. דאָס דערצייל איך ניט צו באַרימען זיך דערמיט, נאָר פֿאַר אַ באַווײַז, אַז דער שפּריכווערטער־מאַטעריאַל איז נאָך בײַ אונדז ווייניק וואָס אויסגעשעפּט געוואָרן, בפֿרט נאָך אין אוקראַינע וואָס האָט געמעגט האָבן אַן אייגענע קאָלעקציע.

איר וועט זיך געוויס וווּנדערן, פֿאַר וואָס כ'האָב אײַך שוין ניט צוגעשיקט די איבעריקע טיילן פֿון מײַן פּראָגראַם, כ'מיין פֿון די אינסטרוקציעס. וועל איך אײַך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב ביז אַהער גאָרניט געאַרבעט דערבײַ. ס'האָבן זיך ניט געהויבן די הענט עפּעס צו טאָן, וויסנדיק, אַז איר זײַט קראַנק און אַז איר וועט אפֿשר דערנאָך אויפֿגעבן די געפּלאַנטע עטנאָגראַפֿישע זאַמלונגען וואָס פֿאָדערן אַ סך אָנשטרענגונג. ערשט ווען איך האָב באַקומען אײַער דערמונטערנדיקן בריוו און דערנאָך אָנ—סקיס פּראָגראַם, האָב איך אָנגעשריבן די אינסטרוקציעס פֿאַר דעם אָנהייב פֿון אַ שפּריכווערטער־זאַמלונג. אויב דער אָנהייב וועט אײַך געפֿעלן און איר וועט זיך קאָנען דערמיט באַנוצן, טאָ שרײַבט מיר, וועל איך דערנאָך צושיקן די אַנדערע אינסטרוקציעס פֿאַר מעשׂיות, לידער א"אַנד. אַלץ ביסלעכווײַז, מחמת איך דאַרף אויך טראַכטן וועגן אייגענע אַרבעטן וואָס מען מאָנט בײַ מיר פֿאַרן פנקס....

פּראָגראַם פֿאַרן פֿאָלקלאָר־זאַמלער

[זען די אַרײַנפֿיר־באַמערקונגען אויף ז' 129.]

[פֿאָרבאַמערקונגען]

די ווײַטערדיקע אַרבעטס־פּראָגראַם איז באַשטימט פֿאַר דעם מאַטעריאַלן־זאַמלער אויף דעם געביט פֿון דעם יידישן פֿאָלקלאָר. דער עיקר איז דאָס באַ־

רעכנט פֿאַר די יעניקע וואָס ווילן זיך ספּעציאַליזירן אויף אַ געוויסן צווײַג פֿון דעם דאָזיקן ברייטן פֿאַרשונגס־געביט.

אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען זאָלן אַרײַנפֿירן אין דעם ענין.

דאָס וואָרט „פֿאָלקלאָר" האָט צו ערשט אויפֿגעבראַכט דער ענגלענדער וו. דזש. טאָמז [Thoms] אין יאָר 1846). עס איז שפּעטער אויפֿגענומען געוואָרן כּמעט אין אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, האָט באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג און איז לעצטנס אויך אין אונדזער יידיש געוואָרן אַ פּאָפּולערער אויסדרוק.

דאָס ענגלישע וואָרט folklore איז צוזאַמענגעזעצט פֿון די ווערטער folk און lore, וואָס דאָס מיינט די לערע, די קענטעניש אָדער דאָס וויסן פֿון פֿאָלק — להיפּוך צו דעם וויסן וואָס איז איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון ליטעראַטור. תּחילת האָט מען מיט דעם נאָמען באַצייכנט בלויז דעם שטאָף, די מינדלעכע פֿאָלקס־טראַדיציעס, ווי מינהגים, אַבערגלייבישע מיינונגען און פֿירונגען, לידער, באַלאַדעס, מעשׂיות, שפּריכווערטער, רעטענישן וכדומה, אָבער ניט די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צײַט ביז פֿון „אַ וויסן פֿון פֿאָלק" איז אויך געוואָרן אַ וויסנשאַפֿט וועגן פֿאָלק.

הײַנט צו טאָג ווערט מיט „פֿאָלקלאָר" באַצייכנט סײַ די וויסנשאַפֿט, סײַ דער מאַטעריאַל, אויף וועלכן די דאָזיקע פֿאָרשונג איז אויפֿגעבויט. דאָס פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעטספֿעלד איז ווײַט פֿאַרצווײַגט. עס באַגרענעצט זיך אָבער בלויז אויף דער קאָלעקטיווער גײַסטיקער קולטור פֿונעם פֿאָלק, און דאָרט וווּ עס באַרירט די גרענעצן פֿון דער מאַטעריעלער עטנאָגראַפֿיע איז עס נאָר אויף אַזוי ווײַט, אויף וויפֿל דאָס האָט אַ שײַכות צו די גײַסטיקע אויסדרוקן פֿון פֿאָלק. פֿאַר דעם פֿאָלקלאָריסט למשל קאָן זײַן פֿון אַ געוויסן אינטערעס דער געדאַנקלעכער אינהאַלט פֿון די אויפֿשריפֿטן אויף די פּאַפּירענע שׂימחת־תּורה־פֿענדלעך; בעת דער עטנאָגראַף איז מער פֿאַראינטערעסירט אין זייערע פֿאָרמען און קאָלירן, דער עיקר אין דער פּרימיטיווער קונסט פֿון די בילדלעך וואָס זײַנען אויף די דאָזיקע פֿענדלעך געצייכנט.

די פֿאָרשונגס־געביטן פֿון פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע באַרירן זיך, זיי זײַנען אָבער גאַנץ פֿאַרשיידענע וויסנסצווײַגן פֿון דער עטנאָלאָגיע, און ווי הילפֿס־וויסנשאַפֿטן קומען זיי צו הילף פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן. אויף די קאָנקרעטע פֿאַקטן פֿונעם פֿאָלקלאָר שטיצן זיך גאַנץ אָפֿט די נײַערע פֿאָרשונגען פֿון דער געשיכטע פֿון רעליגיע, ליטעראַטור־געשיכטע, פֿילאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע; בעת די עטנאָגראַפֿיע פֿאַרבינדט זיך דאָס רובֿ מיט דער אַרכעאָלאָגיע, קונסט־געשיכטע און טעכנישע וויסנשאַפֿטן.

ווי עס איז צו זען, איז דאָס געביט פֿון דעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער די גײַסטיקע פֿאָלקסקולטור, ווי זי דריקט זיך אויס אין דעם לעבנס־שטייגער פֿון די ברייטע, צוריקגעשטאַנענע פֿאָלקסמאַסן, אין זייערע מינהגים און געברויכן, גלויבן (אָבערגלויבן) און דיכטונג. און נאָר דאָס טראַדיציאָנעלע און דאָס פֿאָלקסטימלעכע וואָס געהערט צו דעם קאָלעקטיוון פֿאָלקסגײַסט האָט פֿאַר דער פֿאָרשונג אַ

ווערט; די שאַפֿונגען פֿון די אַנטוויקלטערע פֿאָלקסגרופּן און יחידים בלײַבן אויס-געשלאָסן....

[אינסטרוקציעס און זאַמל-טעכניק]

1. דער זאַמלער פֿון פֿאָלקלאָר, דער אָנפֿאַנגער, וואָס דאַרף שעפּן זײַן מאַ-טעריאַל פֿונעם לעבעדיקן פֿאָלקסמויל און מוז קומען אין דער נאָענטסטער באַרירונג מיט די ברייטסטע פֿאָלקסמאַסן, דאַרף קודם-כּל אָפּשאָקלען פֿון זיך יעדן דרויסנדיקן סימן פֿון אינטעליגענטישקייט, ד"ה ער דאַרף זיך באַמיִען אויסצוזען ווי איינער פֿון פֿאָלק און ריידן אין אַ וואָס ווייניקער קולטיווירטער שפּראַך.

2. מען דאַרף זוכן צו שליסן די נאָענטסטע באַקאַנטשאַפֿטן אין די קרײַזן, ווו מען האָט בדעה צו קלײַבן דעם מאַטעריאַל; אָבער דאָס דאַרף געטאָן ווערן אַ צײַט פֿריִער, נאָך איידער מען הייבט אָן די זאַמל-אַרבעט. די דאָזיקע באַקאַנט-שאַפֿט איז נייטיק, כּדי מע זאָל פּלוצלינג ניט אַרײַנפֿאַלן ווי אַ פֿרעמדער און עמעצן ניט איבעראַשן מיט פֿראַגעס וועגן „נאַרישע זאַכן". מחמת מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע מעשׂיות, לידער, מינהגים און אָבער-גלייבישע מיינונגען, וואָס אַפֿילו דער אומוויסנדסטער עולם באַטראַכט דאָס שוין הײַנט פֿאַר „נאַרישקייטן", כאָטש אין האַרצן גלייבט מען נאָך אין דעם. און גראָד אַזעלכע „נאַרישקייטן" וואָס קאָנען אַ מאָל האָבן אַ גאַנץ גרויסן ווערט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט בלײַבן פֿאַר דעם פֿרעמדן, אָפֿיציעלן פֿאָרשער פֿאַרבאָרגן. אָבער פֿאַר דעם „אַלטן באַקאַנטן", פֿאַר דעם היימישן זאַמלער — ניט מען שעמט זיך, ניט מען האָט מורא פֿאַר זײַן חוזק מאַכן, גיט מען אים איבער אַלץ וואָס מען ווייסט און געדענקט.

3. דערפֿון ווערט קלאָר, אַז דער אויסגאַנגפּונקט פֿון יעדער זאַמל-אַרבעט דאַרף זײַן פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער סבֿיבֿה, דער עיקר פֿון דעם אָרט, ווו מען איז גוט באַקאַנט און היימיש; דער אָנהייב מוז אָבער געמאַכט ווערן בײַ זיך גופֿא, ד"ה פֿון דעם אייגענעם זכּרון. דער זאַמלער דאַרף פּרוּוון זיך דערמאָנען די יעניקע פֿאָלקס-מינהגים אָדער אָבערגלויבנס, די לידער אָדער מעשׂיות, וואָס ער האָט אַ מאָל ערגעץ ווו געהערט, און פּרוּוון דאָס פֿאַרשרײַבן פֿאַר אַן אָנהייב פֿון דער זאַמל-אַרבעט. אָבער גאָר לײַכט און פּראַקטיש לאָזט זיך די זאַך דורכ-פֿירן מיט שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, וואָס יעדער ייִדיש-קענער געברויכט אין זײַן טאָג-טעגלעכן שפּראַכפֿאַרקער.

[ווי אַזוי צו קלײַבן שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן]

4. געוויינטלעך פֿלעגט דער שפּריכוואָרט-מאַטעריאַל פֿאַרשריבן ווערן אויף אַ צופֿעליקן אופֿן, ד"ה דער זאַמלער פֿלעגט בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן זוכן אויפֿצוכאַפּן אויפֿן פּאַפּיר אַ שפּריכוואָרט אָדער אַ פֿאָלקסווערטל וואָס ס'פֿלעגט אים צופֿעליק אַ מאָל אויסקומען צו הערן אין זײַן פֿאַרקער מיט פֿאַרשיידענע

מענטשן. בערך אויף אַזאַ מין אופֿן האָט דער באַקאַנטער פֿאָלקלאָריסט איגנאַץ בערנשטיין צוזאַמענגעקליבן אַרום פֿיר טויזנט ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנס-אַרטן אין משך פֿון 35 יאָר! אַזוי ווייניק מאַטעריאַל פֿאַר אַזאַ לאַנגער צײַט איז אַ סימן פֿון אַ פֿעלערהאַפֿטן אַרבעטס-מעטאָד.

5. מיט מער דערפֿאָלג קאָן דער שפּריכוואָרט-מאַטעריאַל געזאַמלט ווערן לויט דעם אָנגעמערקטן מעטאָד:

צו ערשט איז געגנוג בלויז אָנצושרײַבן אויף אַ געוויסער צאָל קאַרטלעך איינציקע שלאָגווערטער. אויף יעדן באַזונדערן קאַרטל אַ באַזונדער וואָרט. למשל, אמת, מאַן, באָרגן, האָבן וכדומה. דערנאָך דאַרף מען אַ טראַכט טאָן, פּרוּוון זיך דערמאָנען: וואָס פֿאַר אַ שפּריכוואָרט אָדער גלײַכווערטל איז פֿאַרבונדן מיט דעם אָדער יענעם באַגריף? און ס'דאַרף, דוכט זיך, פֿאַר קיינעם ניט שווער זײַן צו פֿאַרצייכענען פֿון זכּרון כאָטש צו עטלעכע שפּריכווערטער אונטער יעדן שלאָג-וואָרט אָדער הויפּטבאַגריף. למשל אונטער אמת: 1. פֿאַר אַן אמת שלאָגט מען; 2. אַ האַלבער אמת איז אַ גאַנצער ליגן; 3. ווייניקער אַ וואָרט, אַבי אמת. אונטער באָרגן: 1. באָרגן מאַכט זאָרגן; 2. ווער עס וויל באָרגן זאָל קומען מאָרגן. אונטער מאַן: 1. אַז דער מאַן איז אַ רבֿ, איז דאָס ווײַב אַ רביצין; 2. מאַן און ווײַב זײַנען איין לײַב אאַז"וו.

6. לויט דער דאָזיקער סכעמע איז ניט שווער, אַפֿילו פֿאַר דעם אָנפֿאַנ-גער-זאַמלער, צו שאַפֿן פֿאַר זיך אַליין, פֿונעם אייגענעם זכּרון אַ קאָלעקציע פֿון צענדלינגער, אויב נישט פֿון הונדערטער שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן. אָבער דאָס זאָל נאָר באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָבע פֿון אַ קאָנקרעטן אָנהייב. מחמת דער גאַנצער מאַטעריאַל דאַרף ערשט געזאַמלט ווערן פֿון לעבעדיקן פֿאָלקסמויל, צווישן די ברייטע מאַסן, דער עיקר צווישן מענטשן פֿונעם עלטערן דור, ווו די פֿאָלקס-שפּראַך איז עד היום „אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן" מיטן ייִדישן שפּריכוואָרט.

7. צוגעגרייט מיט אַ פּאָר צענדלינג אַזעלכע קאַרטלעך, אויף וועלכע מען האָט פֿון פֿריִער נאָך פֿאַרצייכנט צו איינציקע, צוגעטראַכטע שלאָגווערטער, קאָן מען שוין דערמיט גאַנץ דרייסט אַרײַנקומען אין די באַקאַנטע קרײַזן, ווו די זאַמל-אַרבעט קאָן זיך אָנהייבן בערך אויף אַזאַ מין אופֿן:

פֿאַרפֿירנדיק מיטן עולם אַ פֿרײַנדלעכן שמועס וועגן וואָס ניט איז, ס'מעג אַפֿילו זײַן וועגן אַ נעכטיקן טאָג, קאָן מען בעת-מעשׂה אַרויסנעמען אַ קאַרטל, אײַנקוקן זיך און אַ פֿרעג טאָן: „צי ווייסט איר ניט עפּעס אַ שפּריכוואָרט אָדער אַ גלײַכווערטל, אַ שטייגער וועגן אַן עפּל?" ס'קאָן זײַן, אַז אויפֿן ערשטן מאָ-מענט זאָל יענער ניט פֿאַרשטיין די פֿראַגע, דאַרף מען תּיכּף צוגעבן: „איך קלײַב אַזעלכע פֿאָלקסווערטלעך וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן". אַזאַ דערקלערונג איז אַ מאָל גענוג, אַז איינער זאָל באַלד כאַפּן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און זאָל זיך דערמאָנען דאָס גלײַכווערטל: „אין אַ שיינעם עפּל געפֿינט מען אַ מאָל אַ וואָרעם". און דערבײַ זאָל אַ צווייטער ניט וועלנדיק הינטערשטעליק בלײַבן אין דער פֿאָלקס-חכמה צוגעבן: „דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿון ביימעלע".

[8]. איז די ערשטע פּראָבע בערך געלונגען און דער עולם האָט זיך פֿאַר-

אינטערעסירט אין דער זאַך, קאָן מען שוין אַזוי פֿאַמעלעך איבערגיין פֿון קאַרטל צו קאַרטל, פֿון שלאָגוואָרט צו שלאָגוואָרט, און אַזוי אײַנציקווײַז פֿאַרשרײַבן די באַקומענע ענטפֿערס, און ווידער פֿרעגן: וואָס פֿאַר אַ גלײַכווערטל ווייסט איר וועגן אַן אַלמן? וועגן אַן אַלמנה? וועגן אַ שנײַדער? און אַזוי כּסדר לויט די שלאָגווערטער וואָס ס'איז אײַך אײַנגעפֿאַלן פֿריִער צו פֿאַרצייכענען אויף די קאַרטלעך. דערבײַ מוז מען זיך אָבער אָפּשטעלן בײַ יעדער פֿראַגע באַזונדער, געבן צײַט דעם אַנדערן צד נאָכצוטראַכטן, צו דערמאָנען זיך. נאָר אויב אויף אַ געוויסער פֿראַגע איז ניט געקומען קיין ענטפֿער, מחמת מען האָט דערצו בעת מעשׂה ניט געקאָנט זיך דערמאָנען עפּעס אַ גלײַכווערטל, דאַרף מען זי דערווײַל אָפּלאָזן און איבערגיין צו אַנדערע.

9. וועגן אַ סך זאַכן און באַגריפֿן זײַנען פֿאַראַן אין פֿאָלק צענדליגער שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן וואָס ווערן אויסגעדריקט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, דאַרף מען זיי אַלע אַזוי פֿאַרשרײַבן און דערנאָך אַריבערטראָגן אונטער זייער געהעריקן שלאָגוואָרט אָדער הויפּטבאַגריף.

10. ווען מען זאַמלט אין אַ קאָלעקטיוו צווישן פֿאַרשיידענע מענטשן קאָן טרעפֿן, אַז אויף אַ געוויסער פֿראַגע זאָלן קומען אַזעלכע ענטפֿערס, אויף וועלכע מען האָט זיך פֿריִער גאָרניט געריכט. למשל אויף דעם שלאָגוואָרט טעם וואָס מען האָט צופֿעליק פֿאַרצייכנט אויף אַ קאַרטל וועט דער ערשטער ענטפֿער אפֿשר זײַן: „ער ווייסט שוין דעם טעם פֿון עץ־הדעת", אָבער בײַ אַן אַנדער ווערטל: „זאַלץ מאַכט באַטעמט". אַ דריטער, דערהערנדיק דאָס וואָרט זאַלץ, וועט זיך גאָר דערמאָנען, אַז „ס'האָט ניט קיין זאַלץ, ס'האָט ניט קיין שמאַלץ". אַ פֿערטער: „ער וועט שוין קיין זאַק זאַלץ ניט אויפֿעסן". אַ פֿינפֿטער וועט זיך אַמפּערן און וועט וועלן באַווײַזן, אַז יענעמס ווערטל איז ניט ריכטיק, מען זאָגט גאָר: „זיי וועלן שוין בײדע צוזאַמען קיין זאַק זאַלץ ניט אויפֿעסן". דער זאַמלער דאַרף אָבער פֿאַרשרײַבן בײדע נוסחאָות, ווײַל בײדע זײַנען ריכטיק. דאָס פֿערטע שפּריכוואָרט באַציט זיך אויף איינעם וואָס דערלעבט שוין זײַנע לעצטע טעג, בעת דאָס פֿינפֿטע צילט גאָר קעגן שותּפֿים, אָדער קעגן אַ פּאָרפֿאָלק וואָס קריגן זיך אַרום און האַלטן זיך בײַם צעשיידן.

11. דער גאַנצער שפּריכווערטער־מאַטעריאַל דאַרף פֿאַרשריבן ווערן גענוי לויט דער אָרטיקער אויסשפּראַך, אָבער דער עיקר דאַרף געלייגט ווערן מער געוויכט אויף דעם זינען פֿון די ווערטלעך וואָס זײַנען אין פֿלוג פֿאַר דעם זאַמלער ניט פֿאַרשטענדלעך. ער דאַרף זיך נאָכפֿרעגן אויף זייער „מיין" און בײַ וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט זיי ווערן גענוצט. ער טאָר אָבער דערבײַ ניט דיסקוטירן, נאָר אויפֿנעמען יעדע מעגלעכע דערקלערונג, און ערשט שפּעטער באַטראַכטן, צי זי האָט עפּעס אַ ווערט....

[וועגן זאַמלען פֿאָלקסלידער]

אין פֿאָלק, צווישן די ברייטע מאַסן, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר דעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער אַ רעפּערטואַר פֿון פֿאַרשיידענע לידער, פֿאַרשיידן לויט זייער אינ־

האַלט און אָפּשטאַם. דער דאָזיקער לידער־רעפּערטואָר לאָזט זיך אײַנטיילן אין צוויי באַזונדערע הויפּטגרופּעס: 1) בדחנישע, קונסטמעסיקע און פֿאָלקסטימלעכע לידער, וואָס זיי געהערן מייסטנס צו דער שאַפֿונג פֿון באַקאַנטע דיכטער, ווי גאָלדפֿאַדען, צונזער, וואַרשאַווסקי א"אַנד. 2) לידער פֿון אַן אומבאַקאַנטן אָפּשטאַם, ד"ה אַזעלכע וואָס זײַנען אויפֿגעקומען אין פֿאָלק גופֿא און געהערן צו דער קאָלעקטיווער פֿאָלקסשאַפֿונג.

אינסטרוקציעס:

1. צוליב אַ בעסערער אָריענטאַציע אין דעם געמישטן לידער־רעפּערטואָר וואָס ווערט געזונגען אין פֿאָלק איז נייטיק קודם־כּל צו באַקענען זיך מיט דעם אינהאַלט און כאַראַקטער כאָטש פֿון עטלעכע אַזוי גערופֿענע „בדחנישע" אָדער „פֿאָלקסטימלעכע" לידערביכלעך פֿון די אויבן דערמאָנטע מחברים, וואָס זײַנען אַרויס אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס.

2. צו די פֿאַרקענטעניש פֿונעם מאַטעריאַל דאַרף נאָך דער זאַמלער זיך באַזאָרגן מיט אַן אייגענעם לידער־רעפּערטואָר, ד"ה אויסלערנען זיך זינגען פֿון זכּרון אַ געוויסע צאָל באַקאַנטע פֿאָלקסלידער, אַזוי ווי זיי ווערן געזונגען אין פֿאָלקסטיל און בנימוסדיק.

3. אויב ס'זײַנען פֿאַראַן געוויסע שוועריקייטן, איז פֿאַר אַן אָנהייב גענוג בלויז צו פֿאַרשרײַבן בײַ זיך די ערשטע סטראָפֿעס פֿון באַקאַנטע לידער, וואָס מען ווייסט זייערע ניגונים, אַבי ס'זאָל זײַן מיט וואָס אָנצוהייבן.

4. צוליב אַ גרעסערן דערפֿאָלג און פֿאַרשטענדעניש אין דער זאַמל־אַרבעט דאַרף מען אָבער ניט אַרויסלאָזן פֿון זינען די אינסטרוקציעס 1 און 2, מחמת דורך דעם קאָן מען פֿאַרשפּאָרן פֿיל צײַט און אַ מאַסע אומזיסטע אַרבעט.

5. עכטע פֿאָלקסלידער קאָן מען וויניק וואָס געפֿינען אויף דעם איבערפֿלאַך פֿון דעם הײַנטיקן פֿאָלקסגעזאַנג, ד"ה מען זינגט זיי שוין זייער זעלטן. דער פֿאָלקלאָריסט, דער פֿאָלקסליד־זאַמלער מוז זיי ערשט מיט גרויס מי אויפֿזוכן, אויסגראָבן, אַזוי צו זאָגן, פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאָלקס־זכּרון.

6. די זאַמל־אַרבעט דאַרף געפֿירט ווערן צווישן די ברייטע מאַסן, דער עיקר צווישן מענטשן מיטליעריקע און פֿון עלטערן דור. ס'איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער אייפֿעריקער זאַמלער זאָל נאָך קאָנען געפֿינען אַ מאַסע אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל צווישן דעם יונגוואַרג פֿון די קלענערע שטעטלעך, ווו דער אַלטער לעבנס־שטייגער און דער טראַדיציאָנעלער פֿאָלקסגעזאַנג איז נאָך אין גאַנצן ניט פֿאַרשוווּנדן.

7. אין דעם ווײַטערדיקן פֿרעגבויגן ווערן געגעבן די ערשטע סטראָפֿעס און פֿערזן פֿון פֿאַרשיידענע לידער־גאַטונגען, וואָס צו זיי דאַרף דער זאַמלער זוכן אין פֿאָלק די פֿולע טעקסטן, אַחוץ וואַריאַנטן און אַנדערע לידער וואָס די דאָזיקע קאָנען אַרויסרופֿן פֿון זכּרון.

[פּונקטן 8—15 פֿעלן.]

16. אַז מען זאַמלט אין אַ קאָלעקטיוו, מאַכט זיך אַ מאָל, אַז צו אַ ליד וואָס

אײנער קאָן ניט אין גאַנצן זאָלן זיך אַנדערע דערמאָנען נאָך סטראָפֿעס, דאַרף מען דאָס צושרײַבן, אויב נאָר דאָס ווערט געזונגען מיט דער זעלביקער מעלאָדיע און שטימט מיטן אינהאַלט; אויב ניט, פֿאַרצייכנט מען זיי באַזונדער, ווי וואַר־יאַנטן.

17. אויב מען קאָן ניט פֿאַרצייכענען די ניגונים אין נאָטנשריפֿט, דאַרף מען קומען אַ צווייטן מאָל מיט אַ מוזיקער, ער זאָל דאָס פֿאַרשרײַבן. און בכלל דאַרף מען פֿון צײַט צו צײַט באַזוכן די ערטער, וווּ מען האָט געזאַמלט אַ נישקשה־דיקן מאַטעריאַל. אין אַ וואָך אָדער אין אַ חודש אַרום קאָנען זיך אַנדערע דער־מאָנען אַזעלכע לידער וואָס זײַנען זיי בעת־מעשׂה אַרויס פֿון זכּרון.

[18 פֿעלט.]

19. אונטער יעדן פֿאַרשריבענעם ליד דאַרף מען פֿאַרצייכענען דעם נאָמען פֿון זינגער אָדער זינגעריק, די שטאָט און אָפֿט מאָל דעם אַדרעס. בײַ עלטערע פּערזאָנען דאַרף מען אויך פֿאַרשרײַבן די יאָרן און באַשעפֿטיקונג.

20. די דאָזיקע כּללים זײַנען חל אויף אַלע לידער און אַלע פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן וואָס ווערן פֿאַרשריבן פֿון פֿאָלקסמויל.

[צו הילף דעם זאַמלער]

[אין 1938 האָט די אַספּיראַנטין פֿון ייִוואָ נחמה עפּשטיין אונטער דער רעדאַקציע פֿון זלמן רייזען צוגעגרייט דעם ווײַטערדיקן באַריכט אונטערן טיטל: „אַנאַליז פֿון גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער. י. ל. כּהנס אַרויסזאָגונגען אויפֿן זאַמלערקורס פֿון ייִוואָ אין יאָר 1930" (פּרטים וועגן אָט דעם קורס זען ווײַטער). דער באַריכט ווערט אין דעם איצטיקן באַנד געדרוקט אָן שינויים, מערניט וואָס ער איז צעטיילט אין צווייען. דאָ גייט די ערשטע העלפֿט; די צווייטע גייט ווי אַ באַזונדער אַרטיקל אויף זז' 150—157. — וועגן דעם זאַמלערקורס זען אויך ליטעראַרישע בלעטער, 1930, נומ' 45.]

[בעת י. ל. כּהן ז"ל האָט אין יאָר 1930 באַזוכט דעם ייִוואָ, האָט ער זיך געענוי באַקענט מיט די מאַטעריאַלן פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע,* וואָס האָט שוין געהאַט הינטער זיך פֿינף יאָר זאַמל־אַרבעט. לויט י. ל. כּהנס איני־ציאַטיוו איז אויף אַ זיצונג פֿון דער קאָמיסיע באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ קורצטערמיניקן קורס פֿאַר די אַקטיוווסטע פֿאָלקלאָר־זאַמלערס. דער קורס איז צו שטאַנד געקומען און האָט געדויערט 2 טעג (X/31 און 1930/XI/1). י. ל. כּהן האָט דעם קורס אָנגעפֿירט. ער האָט אויך געדעקט די הוצאות פֿאַר די צוגע־רײַזטע זאַמלערס.

אין קורס האָבן זיך באַטייליקט 32 מענטשן: מ. פֿלעקער, י. יוסטמאַן פֿון אַנסקי־זאַמלערקרײַז — וואַרשע; אַ. ענגעלצין, ח. ענגעלצין, ח. פֿײַן — פּאָד־בראָדז; ד. כּײַקין, ג. קאָפּעליאָוויטש — דונילאָוויטש; ב.ווערבלונסקי — גראָדנע; ש. ז. פּיפּע — סאָניק; וו. דאָברושקעס, וו. שוסטער, אַ. באַסטאָמסקי, מ. זשיסלין, ב. שלאָסבערג — ווילנע; ה. באָכינער, ש. שוסטער, מ. שוטאַן, ד. קאַגאַן, פּ. בלום, ש. גאַבאַי, ב. פּאַץ, ק. אײַגעס, ד. ליובאָשיצקי, ח. האָניגמאַן, מ. צוקערמאַן, י. גלעזער, ר. מיאַדאָווניק — פֿון עטנאָגראַפֿישן קרײַז בײַם ייִדישן לערער־סעמינאַר — ווילנע; ש. באַסטאָמסקי, נ. ווײַניג, נחמה עפּשטיין, ח. כּאַיעס — פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע (אין ידיעות פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט נומ' 34 פֿון 3טן יולי 1931 איז וועגן דעם קורס געווען אַ נאָטיץ).

דער ציל פֿון דעם קורס איז געווען אָנצוווײַזן די זאַמלערס אויף די מעלות און חסרונות פֿון זייער ביזאַהעריקער אַרבעט און געבן זיי, אויף וויפֿל דאָס לאָזט זיך אין משך פֿון 2 טעג, הדרכה אויף ווײַטער. (י. ל. כּהן האָט אויך געהאַט בדעה די פּראָטאָקאָלן דערנאָך צו באַאַרבעטן אין אַ באַזונדערער בראָשור.)

דער סדר פֿון דעם קורס איז געווען אַזאַ: פֿון אָנהייב האָבן עטלעכע זאַמ־לערס דערציילט וועגן זייער אופֿן אַרבעטן. נאָך דעם האָט י. ל. כּהן געהאַט זײַן פֿאָרטראָג, וווּ ער האָט אָנגעוויזן אויף צוויי עיקר־מאָמענטן אין דער זאַמל־אַרבעט: 1) אויף דער טעכניק פֿון זאַמלען, 2) אויף דעם אָפּקלײַב פֿון עכטן מאַטעריאַל. כּהנס פֿאָרטראָג האָט אַרויסגערופֿן בײַ די צוהערערס אַ גאַנצע ריי פֿראַ־

* אויף אַ זיצונג דעם 1930/XI/2 האָט די קאָמיסיע לויטן פֿאָרשלאָג פֿון י. ל. כּהן געביטן איר נאָמען אויף „פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע".

געס, וואָס דער רובֿ פֿון זיי האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום ענין עכטקייט פֿון פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל.

די ענטפֿערס וואָס י. ל. כהן האָט געגעבן זײַנען געווען זייער אויסשעפּיקע. צום ברייטסטן איז אַרומגערעדט געוואָרן דער ענין עכטקייט בײַ פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס־מעשׂיות. עס זײַנען אָבער אויך פֿאַרענטפֿערט געוואָרן די שאלות בנוגע אַנדערע מינים פֿאָלקלאָר. די זאַמלערס האָבן באַקומען אָנווײַזונגען ניט נאָר וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם מאַטעריאַל און וועגן דעם אופֿן פֿון דער זאַמל־אַרבעט, נאָר אויך וועגן די געגנטן וואָס זײַנען נאָך ניט באַאַרבעט געוואָרן פֿאַר דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק.

אין אַרכיוו פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע געפֿינען זיך די פּראָטאָקאָלן פֿון דעם קורס. דער מאַטעריאַל איז דאָרטן פֿאַרפֿיקסירט לויטן גאַנג פֿון די שמועסן. עס זײַנען דאָרטן פֿאַראַן אָפֿטע איבערחזרונגען, מחמת עס פֿלעגט אויסקומען ניט איין מאָל צוליב אַ פֿראַגע פֿון אַ זאַמלער זיך אומצוקערן צו ענינים וואָס זײַנען שוין פֿריִער אַרומגערעדט געוואָרן.

כּדי אַרויסצושיילן פֿון דעם מאַטעריאַל י. ל. כהנס אַרויסזאָגן אין אַ מיגלעך געבונדענער פֿאָרעם האָב איך זיי אויסגעסדרט לויט די עיקר־פּונקטן. צו יעדן פּונקט האָב איך צונויפֿגענומען אַלע צעשאָטענע פֿראַגמענטן וואָס זײַנען אים נוגע.

אין זיצונג פֿונעם קורס איז ספּעציעל אָפּגעגעבן געוואָרן אויפֿן אַנאַליז פֿון גינזבורג און מאַרעקס זאַמלונג „ייִדישע פֿאָלקסלידער". י. ל. כהן האָט, בלעטערנ־דיק די דאָזיקע זאַמלונג, געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון אַלע אָפּטיילונגען אין דעם סדר ווי זיי גייען; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט כּמעט אויף יעדן ליד [זען אין דעם איצטיקן באַנד, זז' 150—157].

דעם אַנאַליז האָב איך דאָ געבראַכט לויט די פּראָטאָקאָלן כּמעט אָן שינויים, באַטראַכטנדיק דעם מאַטעריאַל ווי אַ גאַנצקייט וואָס דאַרף ניט צעשטערט ווערן.

די לידער פֿון דער גינזבורג־ און מאַרעק־זאַמלונג זײַנען אין די פּראָטאָקאָלן באַצייכנט נאָר מיט זייערע נומערן, און בײַ יעדן נומער שטייט כהנס באַמערקונג וועגן דעם ליד. איך האָב ניט געהאַלטן פֿאַר מיגלעך עס דאָ ממלא צו זײַן מיט טעקסטן, ווײַל דאַן וואָלט אויסגעקומען איבערצושרײַבן שיִער ניט די גאַנצע זאַמלונג.

[נחמה עפּשטיין]

וועגן זאַמלען פֿאָלקלאָר

בײַ די אומות העולם האָבן זיך מיט זאַמלען פֿאָלקלאָר פֿאַרנומען וויסנ־שאַפֿטלער. בײַ די דײַטשן למשל די ברידער גרים, ברענטאַנאָ, הערדער, אולאַנד א"אַ. אַלע מאָל זײַנען עס געווען איינצלנע מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ספּעציעלע געביטן פֿון פֿאָלקלאָר. בײַ אונדז איז די אַרבעט אַ קאָלעקטיווע. מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אַרויסצושיקן עקספּעדיציעס, און דערפֿאַר האָבן מיר געמוזט אויסקלײַבן דעם וועג פֿון אַנקעטעס. פֿאַרשטייט זיך, היות ווי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ניט קיין געשולטע עטנאָגראַפֿן, זײַנען אָפֿט מאָל די אַנקעטעס ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנען געוואָרן. פֿאָלקלאָר איז אַ וויסנשאַפֿט, און דערפֿאַר מוז מען אויך וויסנשאַפֿטלעך צוגיין צום שטאָף וואָס מען זאַמלט.

טעכניק פֿון זאַמלען

1. דער זאַמלער מוז זיך באַקענען מיט שוין פֿאַראַנענע זאַמלונגען פֿון דעם געביט, וואָס ער אַרבעט אויף דעם, און גוט באַהערשן דעם שטאָף.

2. דער זאַמלער מוז אַלע מאָל האָבן בײַ זיך אַ קליינעם רעפּערטואַר; ער מוז קענען אַ 3־4 עכטע פֿאָלקסלידער אָדער פֿאָלקס־מעשׂיות.

3. דער זאַמלער טאָר ניט שפּילן די ראָלע פֿון אַ פֿאַרשרײַבער. ער מוז זיך האַלטן ווי אַ גלײַכער, נישט אַרויסווײַזן קיין סימנים פֿון אינטעליגענטישקייט, ווײַל דאַן האָט מען צו אים ניט קיין צוטרוי.

4. מען מוז ניט פֿאַרשרײַבן אַלץ וואָס מען הערט. מען טאָר אָבער ניט זאָגן דעם דערציילער אָדער זינגער, אַז די מעשׂה צי דאָס ליד איז שלעכט. ס'איז גענוג צו באַמערקן: „איך האָב עס שוין געהערט", „ס'איז שוין געווען ערגעץ געדרוקט", „מיר זוכן אַלטע לידער פֿון אַ מאָל". דער זאַמלער מוז כּסדר אונטערשטרײַכן, אַז ער זוכט אַמאָליקע לידער, אַמאָליקע מעשׂיות, ער מוז כּסדר ריידן וועגן „אַ מאָל".

5. מען דאַרף פֿריִער מאַכן באַקאַנטשאַפֿט מיט די דערציילערס, אַרײַנקומען צו זיי אָפֿט, אַרײַנגיין אין זייער קרײַז, אַליין זיי דערציילן און זינגען. מיט דעם נעמט מען אויס בײַ זיי און מען קען נאָך אַנדערע אַרײַנציִען אין דעם פֿאַרשונגקרײַז.

6. מען דאַרף זיך ניט שטאַרק אײַלן מיט דער אַרבעט. ערשט ווען ס'איז שוין פֿאַראַן אַ צענטער, קען מען אים דורך ווײַטערדיקער באַקאַנטשאַפֿט פֿאַר־ברייטערן און מיט דער צײַט אַרומנעמען אַ גאַנצן שטח אין דער געגעבענער שטאָט.

7. איידער מען האָט אין גאַנצן ניט אויסגעהערט די מעשׂה צי דאָס ליד טאָר מען ניט פֿאַרשרײַבן. מען דאַרף לאָזן דעם דערציילער צי דעם זינגער דערציילן די מעשׂה אָדער זינגען דאָס ליד צום צווייטן מאָל. אָפֿט דערמאָנען זיי זיך נײַע פּרטים וואָס זיי האָבן פֿריִער פֿאַרגעסן און וואָס מאַכן די זאַך קלערער.

8. ווען מען קען ניט מיט איין מאָל פֿאַרשרײַבן אַ מעשׂה צי אַ ליד איז גענוג צו מאַכן נאָטיצן און קומענדיק אַן אַנדער מאָל אַרויפֿפֿירן דעם שמועס אויף דער זעלבער טעמע און ערשט דאַן פֿאַרשרײַבן דאָס גאַנצע ליד אָדער די גאַנצע מעשׂה. וויפֿל מען באַווײַזט איז גענוג, דאָס אַנדערע מאָל קען מען ווײַטער פֿאַרשרײַבן. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס נעמט אַ לאַנגע צײַט ביז מען קריגט אַרויס אויף דעם אופֿן דעם מאַטעריאַל, אָבער דערפֿאַר איז ער אַ זיכערער.

9. אַז מען וויל פֿאַרשרײַבן אַ מעשׂה דאַרף דער זאַמלער צו ערשט אַליין דערציילן אַ מעשׂה, כּדי יענער זאָל כאַפּן דעם וועג, ווי אַזוי מען דאַרף דער־ציילן; אָפֿט וויסן ניט די דערציילער, ווי אַזוי די מעשׂה צו בויען, און דער אָנהייב קומט בײַ זיי אַרויס אין מיטן פֿונעם סיפּור.

10. בײַם פֿאַרשרײַבן טאָר מען לחלוטין קיין זאַך ניט צוגעבן אָדער פֿאַרבעסערן.

11. פֿאַרשרײַבן דאַרף מען באַלד אויפֿן אָרט; מען טאָר זיך ניט פֿאַרלאָזן אויפֿן זכּרון; מען קען זייער לײַכט פֿאַרגעסן קלייניקייטן, אַ מאָל אויך אַ גאַנצן מאָטיוו. מען דאַרף פֿאַרשרײַבן וואָרט אין וואָרט אַזוי ווי דער דערציילער דער־ציילט. מען טאָר לחלוטין גאָרניט דורכלאָזן. דער זאַמלער טאָר זיך ניט פֿאַר־לאָזן אויף זײַנע נאָטיצן, פֿון וועלכע ער וועט ערשט אין דער היים צונויפֿשטעלן די מעשׂה. האָבן מיר שוין געפֿונען אַ גוטן דערציילער און מיר האָבן בדעה בײַ אים צו פֿאַרשרײַבן אַ מעשׂה, מוזן מיר עס טאָן טאַקע אויפֿן אָרט און פֿאַר־שרײַבן וואָרט אין וואָרט.

12. מען קען בעטן דעם דערציילער, ער זאָל צום דריטן מאָל דערציילן די מעשׂה. מען קען דעמאָלט פֿאַרגלײַכן דאָס פֿאַרשריבענע מיטן דערציילטן און דערגאַנצן דאָס וואָס מען האָט געהאַט פֿאַרפֿעלט.

13. קומענדיק אַהיים דאַרף מען תּיכּף דאָס פֿאַרצייכנטע איבערשרײַבן מיט טינט: מען איז נאָך אונטערן פֿולן אײַנדרוק פֿונעם דערציילער — מען געדענקט נאָך זײַן דיאַלעקט, זײַן אויסשפּראַך. נאָך צוויי מאָל איבערשרײַבן אַ מעשׂה אָדער אַ ליד געדענקט מען דאָס שוין אויף אויסווייניק און מען האָט שוין אַ רעפּערטואַר.

14. מען דאַרף זען, אַז בײַם דערציילן אַ מעשׂה זאָלן ניט בײַזײַן קיין זײַטיקע מענטשן. דער דערציילער מוז באַקומען צוטרוי צום זאַמלער.

15. בײַם פֿאַרשרײַבן לידער דאַרף מען אַליין איבערנעמען די מעלאָדיעס. געוויינטלעך פֿאַרגעדענקט מען די לידער וואָס מאַכן אַן אײַנדרוק. מען זאָגט זיי איבער אַ סך מאָל און זיי קריצן זיך אײַן אין זכּרון. שפּעטער באַקומט מען אויך אַ געניטקייט אין איבערנעמען די ניגונים. בײַ דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט גיט מען אַ מוזיקער צו פֿאַרשרײַבן די צונויפֿגעקליבענע מעלאָדיעס. די מעלאָדיע דאַרף מען פֿאַרשרײַבן ווי זי איז, מיט די פֿעלערן: אונדזער אויפֿ־גאַבע איז צו געבן דעם רויען מאַטעריאַל. שפּעטער וועט אַ ספּעציאַליסט קענען באַאַרבעטן די ניגונים.

אָפּקלײַב פֿון מאַטעריאַל

1. אַלטער און נײַער פֿאָלקלאָר. מען דאַרף ניט פֿאַרשרײַבן ערשט ניט לאַנג אויפֿגעקומענע זאַכן, דעם אַזוי גערופֿענעם „הײַנטיקן" פֿאָלקלאָר. דאָס זײַנען לרובֿ פּאַראָדיעס. לידער וואָס זײַנען געזונגען געוואָרן אַ לאַנגע צײַט זײַנען נאָך ניט קיין פֿאָלקלאָר. דאָס זעלבע איז אויך מיט די נײַ געשאַפֿענע מעשׂיות און אַנעקדאָטן. זיי וועלן געהערן צו פֿאָלקלאָר ערשט אין 20־15 יאָר אַרום, אויב זיי וועלן נאָך ביז דאַן זײַן אין פֿאָלקסמויל. הײַנט אָבער טאָרן מיר זיך מיט דעם מאַטעריאַל ניט פֿאַרנעמען. אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט דאַרף זײַן געווענדט צו וויכטיקערע זאַכן — צום אַלטן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל. דער אַלטער

דור שטאַרבט אָפּ, דער יונגער דור גייט שוין אין די שולן, ניט אין די חדרים, און די פֿאָלקס־ליטעראַטור פֿאַרשווינדט — מוזן מיר זיך דערפֿאַר צואײַלן מיטן זאַמלען אַלטן פֿאָלקלאָר. אויב בײַ אַנדערע פֿעלקער זאַמלט מען יאָ די נײַע לידלעך, אַנעקדאָטן, ווערטלעך, קענען זיי עס דאַרטן טאָן, ווײַל דאָס אַלטע איז שוין לאַנג אויפֿגעזאַמלט.

די פֿראַגע וועגן זאַמלען דעם אַזוי גערופֿענעם פּאָליטישן פֿאָלקלאָר איז נוגע דעם גאַנצן הײַנטיקן פֿאָלקלאָר בכלל.

בײַ אונדז איז פֿריִער — בערך מיט אַ 30־40 יאָר צוריק — געווען זייער לײַכט צו זאַמלען, ווײַל ס'איז נאָך ניט געווען דער אײַנפֿלוס פֿון דער ליטעראַטור. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך נאָר באַווײַזן אַ בדחן, אָבער זײַן שאַפֿונג איז ניט געווען באַדײַטנדיק לגבי דעם וואָס עס האָט זיך געפֿונען אין פֿאָלקסמויל. פֿאָלק־לאָר האָט דעמאָלט אָפּגעשפּיגלט אַלע געביטן פֿון פֿאָלקסלעבן. ער האָט פֿאַר־טראָטן די ליטעראַטור. עס זײַנען דעמאָלט געשאַפֿן געוואָרן לידער פֿון פֿאַר־שיידענע געביטן: רעליגיעזע, ליבעלידער, באַלאַדעס, היסטאָרישע, וועלטלעכע פֿאַרווײַלונג־לידער. ס'זײַנען אויך געשאַפֿן געוואָרן אַרבעטער־לידער נאָך אײדער ס'איז אויפֿגעקומען אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿון קלאַסנקאַמף — לידער, אין וועלכע אַרבעטער באַקלאָגן זיך אויף זייער לאַגע.

ביז אַבֿרהם רייזענען האָט נאָך קיינער אַזוי גוט ניט געזונגען ווי דאָס פֿאָלק אַליין. מיטן אויפֿקום פֿון ליטעראַטור און טעאַטער איז אַ סך פֿאַרלוירן געגאַנגען.

2. פֿאָלקסלידער און בדחנישע לידער. בײַם זאַמלען פֿאָלקלאָר מוז מען קודם־כּל האָבן אין זינען די עכטקייט פֿונעם מאַטעריאַל. אַ זאַמלער פֿון פֿאָלקס־לידער מוז קענען אונטערשיידן אַן עכט פֿאָלקסליד פֿון אַ בדחניש (ווי צונזערס, בערל בראָדערס, זבאַרזשערס, גאָלדפֿאַדענס א"אַ). די בדחנישע לידער האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט, אָבער ניט קיין פֿאָלקלאָריסטישן. דאָס זײַנען שאַפֿונגען פֿון אינדיווידועלע דיכטער וואָס האָבן געשריבן אין אַ פֿאָלקסטימלעכן סטיל. אמת, דאָס פֿאָלק האָט זיי פֿאַרגרײַזט. דאָס איז אָבער אַן ענין פֿאַר ליטעראַטור־פֿאָרשער. פֿאַר אונדז איז דאָס אָפּגעבן זיך מיט זאַמלען די דאָזיקע זאַכן פּשוט אַן אָנווער פֿון צײַט.*

אין די בדחנישע לידער ליגט די הויפּטוואָג אין די גראַמען, אין געזאַל־צענעם וויץ. צונזערס צי גאָלדפֿאַדענס לידער קען מען דערקענען נאָך די ערשטע צוויי סטראָפֿעס. אַפֿילו נאָך דער שפּראַך אַליין דערקענט מען, אַז זיי זײַנען געשאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק — ניט פֿונעם פֿאָלק. זיי צעגיסן זיך אָפּט איבער דעם נאַציאָנאַלן גורל, וואָס בײַ פֿאָלקסלידער וועלן מיר דאָס קיין מאָל ניט געפֿינען. אמת, דאָס פֿאָלק זינגט אויך די לידער, אָבער אונדז דאַרף אָנגיין ניט דאָס, וואָס דאָס פֿאָלק זינגט, נאָר וואָס עס שאַפֿט.

עס איז פֿאַראַן צווישן די פֿאָלקסטימלעכע לידער אַ טייל וואָס זײַנען שוין

* פֿ"גל זז' 152, 336—340 און 342—344.

זייער אַלט און צעזונגען. זיי האָבן זיך אָנגענומען און ווערן נאָך הײַנט געזונגען אין פֿאַרשיידענע געגנטן. אַ בײַשפּיל פֿון דעם מין איז דאָס ליד: „אויף קיִעווער גאַס || די שטיינער זײַנען נאַס“. אַזעלכע לידער רעכענען מיר שוין אַרײַן אין פֿאָלקסלידער.

וואָס איז שייך צעזונגענע לידער פֿון באַקאַנטע פּאָעטן, געהערן זיי ניט צום פֿאָלקלאָר, נאָר צו דער ליטעראַטור, בכן דאַרף מען זיי ניט פֿאַרשרײַבן. מען דאַרף אויך ניט פֿאַרשרײַבן די לידער פֿון די הויפּזינגער; זיי זײַנען לרובֿ בערל בראָדערס, זבאַרזשערס א״אַנד. זייערע לידער זײַנען געדרוקט, און דאָס פֿאָלק בײַט זיי נישט. הײַנט זינגט דאָס פֿאָלק ווייניק עכטע לידער, און דערפֿאַר דאַרף מען צו דער אַרבעט צוגיין אַזוי אָפּגעהיט.

אָט האָט מיט אַ 40 יאָר צוריק אַ געוויסער דאַלמאַן אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג ייִדישע „פֿאָלקסלידער“ פֿון גאַליציע. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לידער זײַנען געווען צונזערס, זבאַרזשערס א״אַ. אַפֿילו בײַ לעהמאַנען טרעפֿן מיר אַ מאָל לידער וואָס זײַנען ניט קיין פֿאָלקסלידער. אין אַזאַ ליד ווי „באַרווישט איז די וועלט געוואָרן“ (אַרבייט און פֿרײַהייט, ז׳ 10) באַווײַזט שוין די ערשטע שורה, אַז דאָס איז ניט קיין פֿאָלקסליד. אויך זײַנען אין זײַן זאַמלונג גנבֿים־לידער[1] די ליבעלידער וויטישע, אָבער ניט קיין גנבֿים־לידער. די שפּראַך איז דאָ די זעלביקע ווי אין אַנדערע פֿאָלקסלידער. אַ גנבֿ רעדט ניט סענטימענטאַל. לעהמאַן ברענגט ווי אַ צוגאָב וואַריאַנטן צו די לידער; זײַנען גראָד די וואַריאַנטן די אמתע לידער און די גנבֿים־לידער זײַנען ברעקלעך, פֿראַגמענטן.

ווי אַזוי שאַפֿט זיך אַ פֿאָלקסליד?

פֿאָלקסדיכטונג איז קודם כּל קאָלעקטיווע שאַפֿונג. עס מוז אָבער אַלע מאָל זײַן אַ יחיד וואָס מאַכט דעם אָנהייב. ס׳איז זייער וויכטיק, צי דער פֿאָלקסדיכטער קען שרײַבן, צי ער לייענט ביכער אָדער ניט.

דאָס פֿאָלקסליד איז אַ געלעגנהייטס־ליד. בײַ אַ געוויסן מאָמענט און אונטער דער השפּעה פֿון אַ ניגון שאַפֿט זיך אַ ליד. די אורפֿאָרעם פֿון אַ פֿאָלקסליד באַשטייט ניט פֿון אַ סך סטראָפֿעס: דער פֿאָלקסדיכטער האָט עס פֿאַר זיך געזונגען. בײַ דער אַרבעט צי אין געזעלשאַפֿט האָט ער עס פֿירגעזונגען זײַנע חבֿרים. האָט אַ צווייטער פֿון זיך אַליין שפּעטער, פֿון אייגענער הנאה וועגן, צוגעגעבן נאָך אַ סטראָפֿע. צוויי לידלעך האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן צוליב ענלעכע מעלאָדיעס. אַן אַנדערש מאָל האָבן צוויי לידלעך זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן צוליב ענלעכע געדאַנקען, צוליב ענלעכע גראַמען אָדער פֿערזן. דער לעצטער סטראָפֿנפֿערז פֿון איין ליד ווערט דער ערשטער פֿון אַן אַנדער ליד. עס וועבן זיך אַרײַן איינציקע אַלטע סטראָפֿעס אין נײַע לידער. אויף אַזאַ אופֿן צעוואַקסט זיך אַ ליד אין אַ סך סטראָפֿעס, און הײַנט איז שוין שווער צו געפֿינען די אורפֿאָרעם פֿונעם ליד. געוויינטלעך זײַנען די זינגער די שאַפֿער.

[1] גנבֿים־לידער מיט מעלאָדיעס, געזאַמלט פֿון שמואל לעהמאַן, וואַרשע, פֿאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, 1928, 246 זז׳.

דער פֿאָלקסדיכטער אָפּערירט קיין מאָל ניט מיט קיין הויכע אידעעס — זיי זײַנען פֿרעמד דעם פּשוטן פֿאָלקסמענטש. די מאָטיוון פֿון פֿאָלקסלידער זײַנען צום גרעסטן טייל אָריגינעלע איבערלעבונגען. די פֿאָרעם אָבער שעפּט דער פֿאָלקסדיכטער, ניט־וויסנדיק וועגן דעם, פֿונעם אַלטן לידערשטאָף. פֿון דאַנען נעמט זיך עס, וואָס מיר געפֿינען אין אונדזערע פֿאָלקסלידער סטראָפֿעס פֿון אַלטע פֿאַרגעסענע לידער פֿון 16טן יאָרהונדערט. דעם פֿאָלקסדיכטער דוכט זיך אָבער בעת מעשׂה, אַז דאָס זײַנען אָריגינעלע שאַפֿונגען.

וואַריאַנטן. זייער וויכטיק איז דער ענין וואַריאַנטן. וואַריאַנטן קענען זײַן אַ מאַטעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון ייִדן אין אַ געוויסער געגנט. זיי קענען אונדז געבן אויפֿקלערונגען, ווי אַזוי מען באַנעמט אַ פֿראַגע אין פֿאַרשיידענע געגנטן. אַחוץ דעם קענען מיר אויפֿן סמך פֿון וואַריאַנטן דערגיין די געשיכטע פֿון אַ ליד: עס קען פֿאַר אונדז קלאָר ווערן, אַז אַ מאָל איז דאָס ליד באַשטאַנען למשל ניט מער ווי פֿון צוויי סטראָפֿעס, שפּעטער זײַנען צוגעקומען נײַע. עס טרעפֿט אויך, אַז מיר באַקומען אַ ליד און עס פֿעלט אין אים עפּעס. ס׳איז אונדז ניט אין גאַנצן קלאָר. אַ צווייטער שיקט צו דאָס זעלבע ליד און דער בלויז ווערט אויסגעפֿילט: עס האָט געפֿעלט אַ סטראָפֿע.

צײַטלידער. ווער עס קען ניט אַרײַנדרינגען טיף אין פֿאָלק, דער זאָל פֿאַרשרײַבן דאָס וואָס עס ליגט אויפֿן אייבערפֿלאַך. דאָס זײַנען אָבער פֿאַרבײַגייענדיקע דערשײַנונגען: הײַנט לעבן זיי און מאָרגן ווערן זיי פֿאַרשוווּנדן. פֿאַר דער פֿאָלקלאָריסטיק האָבן זיי אַ קלענערן ווערט. פֿאַראַן צווישן די צײַטלידער איינציקע וואָס זײַנען אַרײַן אין פֿאָלק, זיי ווערן געזונגען אין פֿאַרשיידענע געגנטן. זיי האָבן געוויינטלעך אַ טיפֿן מענטשלעכן ווערט.

3. עכטע און געקינצלטע מעשׂיות. אויפֿן געביט פֿון דער דערציילונג זײַנען געווען און זײַנען נאָך הײַנט זייער פֿאַרשפּרייט מעשׂיות פֿון מדרש מיט אַ מאָראַליזאַטאָרישער טענדענץ. דאָס פֿאָלק האָט אָבער געהאַט זײַן אייגענע וועלטלעכע מעשׂה צו פֿאַרווײַלן, אָן אַ מוסר־השׂכּל. אַזעלכע מעשׂיות זײַנען אויפֿגעקומען אויפֿן גרונט פֿון פֿאַרשיידענע לעבן־דערשײַנונגען, פֿאַר יענער צײַט ניט־פֿאַרשטענדלעכע פּאַסירונגען אאַז״וו. מען פֿלעגט זיי איבערגעבן פֿון דור צו דור, און אַזוי זײַנען זיי מיט דער טראַדיציע אויפֿגעהאַלטן געוואָרן ביזן הײַנטיקן טאָג. טייל פֿון זיי זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן פֿון געוויסע מחברים און זײַנען אַרײַן אין ביכער, ווּ מען האָט זיי שוין צוגעגעבן אַ מוסר־השׂכּל. אַ סך מעשׂיות האָבן אָבער אויסגעמיטן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מחברים און גייען פֿון מויל צו מויל. מען קען זיי הײַנט אויפֿנעמען בײַ עלטערע מענטשן און אויך בײַ ייִנגערע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין באַרירונג מיט דער ציוויליזירטער וועלט. מיר זײַנען שוין ווײַט פֿון יענעם שטייגער לעבן, מוזן מיר זיך ווענדן צום אָוועקגייענדיקן דור. עס מאַכט ניט אויס, אויב די זאַך וואָס מיר וועלן הערן וועט ניט זײַן אַזוי שיין. דער עיקר — זי זאָל זײַן עכט, ניט געקינצלט. איינפֿאַכקייט און נאַיִווקייט — דאָס זײַנען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אַ פֿאָלקס־מעשׂה. מעשׂיות איז פֿיל שווערער צו פֿאַרשרײַבן ווי לידער, און

דאָס שווערסטע איז טאַקע צו דערקענען אַן עכטע פֿאָלקס־מעשׂה. די גענײַטשאַפֿט אַרבעט זיך אויס מיט דער צײַט — גלײַך דערקענען קען קיינער ניט. מען מוז ערשט אַ ביסל האָבן געאַרבעט אויף דעם געביט. מען קען אַ מאָל פֿאַרצייכענען אַ מעשׂה אויך בײַ אינטעליגענטע מענטשן. זאַמלער פֿון פֿאָלקס־מעשׂיות דאַרפֿן זיך אויך אײַנשאַפֿן זאַמלונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער, ווי גרימס, אַפֿאַנאַסיעוס א״אַ.

עס זײַנען פֿאַראַן ערנצטע, פֿאַנטאַסטישע און הומאָריסטישע פֿאָלקס־מעשׂיות. די הומאָריסטישע גייען אינעם רובֿ פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע.

חסידישע מעשׂיות איז אויך וויכטיק צו זאַמלען, אָבער ניט יעדערער קען זיך נעמען דערצו. מען דאַרף קודם זײַן גוט באַהאַוונט אין דער חסידישער מעשׂה־ליטעראַטור, כּדי צו וויסן, וואָס ס׳איז גענומען פֿון ספֿרים און וואָס ס׳איז אָריגינעל.

מען האָט געפֿרעגט אויף מעשׂיות וועגן ווילנער גאון. מען דאַרף זיי פֿאַרשרײַבן, אָבער מיט קענטעניש. דאָס זײַנען ניט קיין מעשׂיות, נאָר מסורות. אַ מעשׂה איז אַ נאָוועלע וואָס שטעלט פֿאָר אַ קאַמף פֿון העלדן. אַ מסורה איז אַ וווּנדערפֿאַקט, דערציילט קורץ און פּשוט. אַ סך מסורות פֿון ווילנער גאון זײַנען געדרוקט אין ביכלעך. מען דאַרף דערפֿאַר זײַן אָפּגעהיט בײַם זאַמלען.

וואָס איז שייך דעם ענין דיאַלעקט, דאַרף מען זיך פֿלײַסן צו פֿאַרשרײַבן פֿאָנעטיש, בפֿרט אויב דעם דערציילערס דיאַלעקט איז ניט קיין ליטעראַרישער. מען דאַרף אָבער ניט שטאַרק מקפּיד זײַן אויף דעם. דאָס איז שוין אַ זאַך פֿון פֿילאָלאָגן. אויב זיי וועלן דאַרפֿן, וועלן זיי עס אַליין און בעסער פֿאַרשרײַבן. איך אַליין היט ניט שטאַרק אָפּ די דיאַלעקטן. אַגבֿ גיב איך ניט קיין איינהייטלעכע פֿאָרעם דעם דערציילערס שפּראַך. איך פֿאַרשרײַב מיט אַלע פֿעלערן, פּונקט ווי מען האָט מיר דערציילט. געוויינטלעך וויל דער דערציילער ניט אויסקומען פֿאַרגרעבט, באַמיט ער זיך צו באַנוצן ליטעראַרישע אויסדרוקן, אָבער בשעתן דערציילן פֿאַרגעסט ער זיך און רעדט נאַטירלעך. דערפֿאַר טרעפֿט, אַז אין איין און דער זעלביקער מעשׂה זאָל זײַן „יאַך" און „איך".

4. אַנדערע מינים פֿאָלקלאָר. ס׳איז אויך וויכטיק צו פֿאַרשרײַבן מאַטעריאַלן וועגן פֿאָלקס־גלייבענישן. דאָ דאַרף מען קודם גענוי אָבסערווירן. בײַ דער אַרבעט איז זייער וויכטיק די האַלטונג פֿון זאַמלער. מען דאַרף זיך מאַכן, אַז מען גלייבט אַליין. מען טאָר ניט לאַכן.

אַחוץ די גלייבענישן זײַנען אויך פֿאַראַן זיטן און פֿירונגען — געוווינהייטן וואָס ווערן איבערגעגעבן פֿון דור צו דור (פֿירונגען בײַם געגעצן, ניסן, ווען ס׳קלינגט אין אויער אאַז״וו).

די אַלע מאַטעריאַלן קען מען שוין פֿאַרשרײַבן אין דער היים.

מען דאַרף אויך זאַמלען אַנעקדאָטן. אַנעקדאָטן פֿון מאָטקע חבֿ״ד צי הערשעלע אָסטראָפּאָליער זײַנען פֿאַראַן אין אַ סך געדרוקטע ביכלעך. אויב מען געפֿינט אַנעקדאָטן אַנדערש דערציילט ווי אין ביכל, דאַרף מען זיי פֿאַרשרײַבן.

קיין צײַטונגסוויצן דאַרף מען ניט פֿאַרשרײַבן; זיי זײַנען געשאַפֿן פֿון זשורנאַליסטן און זײַנען ניט קיין טראַדיציאָנעלע.

5. פּאָרנאָגראַפֿישער מאַטעריאַל. אָפּגעבן זיך ספּעציעל מיט פּאָרנאָגראַפֿישן מאַטעריאַל איז אַ שאָד די צײַט, סײַדן עמעצער איז ספּעציעל געניגט צו דעם. אַ גרעסערע זאַמלונג לידער פֿון דער אונטערוועלט האָט געגעבן פּ. גראַבאַרד אין בײַ אונדז יודען. דאָס איז אָבער אַן ענין פֿאַר פּסיכאָלאָגן וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דעגענערירטע טיפּן. פֿאַר אונדז האָבן די זאַכן ניט קיין גרויסן ווערט.

6. לידערהעפֿטן, אויב מען געפֿינט אין אַ שטוב, דאַרף מען זיי אָפּגעבן אין אינסטיטוט. זיי האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט, אָבער ניט קיין פֿאָלקלאָריסטישן. פֿון די העפֿטן וועט דער קומענדיקער פֿאָרשער קענען וויסן, וואָסערע לידער עס זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט אין אַ געוויסער צײַט.

7. ספּעציאַליזאַציע פֿון זאַמלער. איינער פֿון די חבֿרים האָט דאָ געזאָגט, אַז אַ זאַמלער אין שטעטל קען זיך ניט ספּעציאַליזירן אין פֿאָלקלאָר, ווײַל ער מוז דאָך באַדינען ניט נאָר די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע. די טענה איז ניט קיין ריכטיקע. ס׳איז ניט קיין מוז, אַז איינער און דער זעלביקער זאַמלער זאָל באַדינען אַלע קאָמיסיעס. דער אינסטיטוט וועט עס בײַ קיינעם ניט פֿאָדערן. דער זאַמלער מוז זיך ספּעציאַליזירן. ערשט אַז ער האָט באַהערשט איין געביט קען ער אַריבערגיין צו אַן אַנדערן.

אַ נײַער זאַמלער מוז אָנהייבן פֿון ווערטלעך, קינדערשפּילן. ערשט דערנאָך קען ער אַריבערגיין צו פֿאָלקסלידער און צו לעצט ערשט צו מעשׂיות. אויב איר זעט אַ מינהג אָדער איר הערט אַ ווערטל, פֿאַרשרײַבט עס, אָבער איין געביט גיט זיך מער אָפּ. מיר האָבן שוין פֿריִער גערעדט, אַז מען דאַרף ניט אַלץ זאַמלען. די ניט־קריטישע באַציִונג צום צונויפֿגעקליבענעם מאַטעריאַל פֿאַרפֿלאַכט דעם זאַמלער.

דער זאַמלער דאַרף זיך ספּעציאַליזירן אויף דעם געביט וואָס איז אים צום נאָענטסטן. מיט דער צײַט וועט שוין קומען די פֿאַרשטענדעניש בײַם אָפּקלײַבן דעם מאַטעריאַל. דער וואָס וועט זיך ספּעציאַליזירן וועט שוין במילא האָבן אַ רעפּערטואַר.

[אַנאַליז פֿון גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג פֿאָלקסלידער]

[זען די אַרײַנפֿיר־באַמערקונגען ד׳ 141 און אויך זז׳ 337־338 און 343־344.]

די זאַמלונג פֿון גינזבורג און מאַרעק, וואָס מיר וועלן דאָ דורכגיין, האָט דעם פֿולן נאָמען אַזאַ:

Еврейскія народныя пѣсни въ Россіи. Собраны и изданы подъ редакціею и съ введеніемъ С. М. Гинзбурга и П. С. Марека, СПБ., **1901.**

גינזבורג און מאַרעק זײַנען געווען בלויז רעדאַקטאָרן. אין 1898 האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף צו זאַמלען יידישע פֿאָלקסלידער. ס׳האָבן זיך אָפּגערופֿן אַ סך פֿון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ, לערער. אין דער זאַמלערישער אַרבעט האָבן אָנטייל גענומען אַן ערך פֿופֿציק פּערזאָן. ס׳איז אַרײַן 3,000 לידער. אָפּגעקליבן האָט מען בלויז 360 נומערן (אין דער זאַמלונג ווערן אָנגעגעבן 376 נומערן, אָבער ס׳איז פֿאַראַן ווייניקער, ווײַל אַ סך וואַריאַנטן פֿיגורירן אונטער באַזונדערע נומערן). די רעדאַקטאָרן האָבן זיך באַזאָרגט מיט כמעט אַלע בדחנישע ביכלעך, ווײַל זיי האָבן געוואָלט, אַז קיין איין בדחניש ליד זאָל ניט אַרײַנגיין.

מיר וועלן איצט אַדורכגיין אַן אָפּטיילונג נאָך אַן אָפּטיילונג.

רעליגיעזע לידער

נומ׳ 1. געהערט צו פֿאָלקסטימלעכע לידער. מען קען זיי פֿאַרשרײַבן, אויב זיי זײַנען ניט צו קלוג, איבערגעשפּיצט, מיט צו פֿיל תורה.

נן׳ 2, 3. די פֿאָרעם איז דאָ נאָך אַ בדחנישע, אָבער דאָס ליד איז ניט בדחניש. ס׳קען זײַן, אַז אַ בעלפֿער האָט עס געמאַכט אָדער אַ ישיבֿה־בחור. פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע וועלטלעך־רעליגיעזע לידער, געשטיצטע אויף ביבלישע פֿאַקטן.

נומ׳ 4. געהערט צו געשריבענע לידער. מיגלעך, אַז מען האָט זיי אַ ביסל געזונגען אין פֿאָלק. הײַנט זײַנען זיי שוין גאַנץ פֿאַרגעסן. מען מעג זיי פֿאַרשרײַבן. אויב מען קען באַקומען דעם ניגון איז גוט. דער ניגון איז דאָ וויכטיקער ווי דער טעקסט.

נומ׳ 5. זייער אַן אַלטע פֿאָרעם. אָריענטאַלישער אָפּשטאַם. הײַנט זײַנען פֿאַראַן ווייניק נײַע. דעם זעלביקן נוסח איז ניט נייטיק צו פֿאַרשרײַבן. וויכטיק זײַנען די ניגונים צו די לידער.

נן׳ 6, 7 זײַנען וואַריאַנטן.

נומ׳ 8. פֿראַגמענט פֿון אַ גרעסער ליד וואָס גייט אַרום אין פֿאָלק וועגן אָדם און חווה. דאָס דאָזיקע ליד דאַרף מען זוכן ניט בײַם יונגוואַרג, נאָר בײַ עלטערע. יונגוואַרג אין שול נעמט עס פֿון דער צענטער האַנט.

נומ׳ 9. אַ וואַריאַנט.

נומ׳ 10 איז ניט קיין פֿאָלקסליד, נאָר גלאַט אַ פּאָר שורות. עמעץ האָט סתם אַזוי געמאַכט אַ פּאָר גראַמען. העברעיִשע גראַמען מאַכט דאָס פֿאָלק ניט.

נומ׳ 11. אַ פֿאָלקסליד.

נן׳ 12, 13. פֿראַגמענטן פֿונעם זעלביקן ליד.

נומ׳ 14. אַ פֿאָלקסליד, איבערגעמאַכט מיט אַ טענדענץ פֿון אַ ציוניסטישן מאָטיוו. אַנדערע וואַריאַנטן פֿונעם זעלביקן ליד זײַנען אָן ציון.

נומ׳ 15. געהערט צו קאַנטאָניסטן־לידער, מען דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך די לידער. אַלץ איז כמעט שוין פֿאַרשריבן. איצט ווערן געשאַפֿן אין געוויסע קרײַזן נײַע לידער לויטן אַלטן מוסטער.

נומ׳ 23. געהערט צו די קייטללידער. אַ סך פֿון דעם מין איז שוין פֿאַרשריבן געוואָרן, אַזוי אַז מען דאַרף זיך שטאַרק ניט יאָגן נאָך זיי. סײַדן מען וועט זיי הערן בײַ אַלטע ייִדן וואָס קענען דעם טעקסט מיטן ניגון.

נומ׳ 25. געהערט צו אײַנגעפּשטלטע לידער פֿון אַמאָליקע ישיבֿה־בחורים. בײַ אַלטע ייִדן קען מען נאָך געפֿינען ענלעכע לידער.

נומ׳ 27. פֿאַראַן אַ סך וואַריאַנטן פֿון דעם ליד.

נומ׳ 28. אַ בדחניש ליד, אַ ביסל פֿאָלקסטימלעך, צעזונגען.

נומ׳ 29. פֿראַגמענט.

נומ׳ 30. אַ בדחניש ליד.

נומ׳ 31. געמאַכט פֿון נײַערע פֿאָלקסדיכטער: מיכל גאָרדאָן אָדער ש. בערנשטיין.

נומ׳ 32. פֿאַראַן אַ סך וואַריאַנטן פֿאַרשריבן בײַ פּרילוצקין. מען דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך זיי, סײַדן מען הערט עס בײַ אַן אַלטער באָבען מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן ניגון.

נן׳ 33, 34, 35, 36. פֿראַגמענטן פֿון יום־טובֿ־לידער. בכלל זײַנען די יום־טובֿ־לידער אין דער דאָזיקער זאַמלונג ווייניק פֿאַרטראָטן.

נן׳ 37, 38. דאַרף זײַן באַקאַנט דער הויפּט אין ליטע, זייער וויכטיק איז צו באַקומען דעם ניגון דערצו. טעקסטן דאַרף מען זוכן בײַ אַלטע פֿרויען.

נומ׳ 39. געהערט צו יום־טובֿ־לידער. די דאָזיקע לידער זײַנען ס׳רובֿ געמאַכט לויטן מוסטער פֿון מיכל גאָרדאָן, גאָלדפֿאַדען א״אַנד. דאָס פֿאָלק שאַפֿט ניט קיין רעליגיעזע, מוסר־ אָדער יום־טובֿ־לידער. דער אמתער פֿאָלקסדיכטער זינגט נאָר זײַנע אייגענע איבערלעבונגען.

דער הויפּטוועדט פֿון דער גינזבורג־מאַרעק־זאַמלונג ליגט אין די צונויפֿגעזאַמלטע:

היסטאָרישע לידער

נומ' 43. אַ פֿאָלקסליד. טייל פֿערזן זײַנען אויסגעלאָזן געוואָרן צוליב דער צענזור.

נומ' 45. געהערט צו די אַלטע קאַנטאָניסטן־לידער. דאָס זײַנען די אינ־טערעסאַנטסטע לידער וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען פֿון יענער צײַט. מען דאַרף זיך אויף זיי נאָכפֿרעגן בײַ אַלטע מענטשן. מען דאַרף זיך אויך נאָכפֿרעגן אויף לידער פֿון כאַפּערס.

נומ' 49. פֿאַראַן אַ סך לידער פֿון דעם מין. אַן אַלט ליד. ניט אויסגעשלאָסן, אַז מען זאָל עס קענען פֿאַרשרײַבן בײַ אַ ייִדן פֿון מיטעלע יאָרן וועלכער האָט עס געהערט פֿון זײַן זיידן.

נומ' 51. אַ פֿראַגמענט. פּרץ האָט אָפּגעדרוקט אַ סך סטראָפֿעס פֿונעם זעלביקן ליד. מען דאַרף עס אויפֿזוכן אין אַנדערע געגנטן.

נ' 55, 56. לידער פֿון אַקציזניקעס.

נ' 58, 59. נאָך אַ פּאָגראָם האָט עס עמעץ אויפֿגעשריבן און ס'איז אַרײַן אין פֿאָלק. הײַנט איז עס שוין זייער צעזונגען.

וויגנלידער

נ' 60, 61. פֿאַראַן פֿון דעם ליד אַ מאַסע וואַריאַנטן. מען דאַרף זיי מער ניט פֿאַרשרײַבן.

נומ' 63. זייער אַן אינטערעסאַנט ליד. ס'איז אַ מין שרעקליד אויף אײַנ־שטילן די קינדער.

נומ' 65. הייבט זיך אָן ניט מיט דער ריכטיקער סטראָפֿע, ס'איז פֿראַג־מענטאַריש. אויב איר קענט באַקומען בעסערע וואַריאַנטן, פֿאַרשרײַבט.

נ' 66, 67, 68, 69. וואַריאַנטן.

נ' 70, 71. גאָלדפֿאַדענס אַ ליד. מען זינגט עס נאָך הײַנט, מען דאַרף עס ניט פֿאַרשרײַבן.

נ' 72, 73. פֿאַרשרײַבן וואַריאַנטן פֿון די לידער.

נומ' 75. אַ סטראָפֿע געפֿינט זיך אין אַן אַנדער ליד. ס'איז ניט קיין באַ־זונדער ליד.

נומ' 79. פֿאַראַן שוין וואַריאַנטן פֿון דעם ליד.

נומ' 81. געשריבן פֿון אַ באַקאַנטן פּראָפֿעסאָר: בײַ לינעצקין אין בייזן מאַרשעליק ווערט ציטירט דאָס ליד, אין דער פּאָעמע האָדל דאַרף עס אויך זײַן. ס'לוינט צו פֿאַרשרײַבן.

נומ' 82. שלום־עליכמס אַ ליד. דורך אַ פֿאַרזען איז עס אַרײַן אין דער זאַמלונג. די רעדאַקטאָרן האָבן ווײַזט אויס ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען. פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן זיי געוואָלט, די זאַמלונג זאָל זײַן וואָס גרעסער. דער צוועק פֿון דער זאַמלונג איז דאָך געווען אַן אַפּאָלאָגעטישער.

נומ' 83. פֿאַראַן וואַריאַנטן צו דעם ליד. קיפּניס האָט צונויפֿגעמישט

סטראָפֿעס פֿון פֿאַרשידענע וואַריאַנטן און אַרײַנגעגעבן אין זײַן זאַמלונג. פֿון דאָרט גייט עס צוריק אַרײַן אין פֿאָלק. דעריבער דאַרף מען זײַן זייער פֿאָרזיכ־טיק בײַם פֿאַרשרײַבן.

קינדער־ און חדר־לידער

אין קינדערלידער קען מען זיך קיין מאָל ניט אָפּנאַרן. קינדער זײַנען פֿרײַ פֿון ליטעראַרישע אײַנפֿלוסן. אַ חבר האָט דאָ געפֿרעגט, צי העברעיִשע קינדערלידער זײַנען פֿאָלקסלידער. ניין, זיי זײַנען ניט קיין פֿאָלקסלידער. די מוטער זינגט ניט העברעיִש. אויב אין ארץ־ישׂראל זינגט זי יאָ העברעיִש, האָט זי עס זיך אין שול אויסגעלערנט.

קינדער־מאַטעריאַל געפֿינט זיך אין אינסטיטוט אַ סך און זייער אַ גוטער. זאַמלען קינדער־מאַטעריאַל וואָלט מען איצט געדאַרפֿט אין גאַליציע, וואָלין, פּאָדאָליע, בורגנלאַנד, רומעניע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. אויך אין קאָנגרעס־פּוילן און אין ליטע קען מען נאָך געפֿינען אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן.

וואָס מען דאַרף איצט זאַמלען, דאָס זײַנען קינדערשפּילן. לעהמאַן האָט אין בײַ אונדז יודען געגעבן אַ גוטן מוסטער. מען דאַרף דעם מאַטעריאַל זאַמלען דער עיקר בײַ קינדער וואָס גייען ניט אין שולן, נאָר אין חדרים, וווּ ס'איז דאָ אַ בעלפֿער; ווײַל אין די מאָדערנע שולן האָט שוין דער לערער אַרײַנגעבראַכט אַ סך שפּילן פֿון ביכער. דאָס זעלבע איז מיט קינדערלידער.

עכטע קינדערשפּילן קען מען הײַנט געפֿינען אין פֿאַרוואָרפֿענע געגנטן, און ניט נאָר בײַ קינדער. אַ מאָל קען מען אויך פֿאַרשרײַבן קינדערשפּילן בײַ אַן עלטערער ייִדענע וואָס געדענקט, ווי אַזוי זי האָט זיך געשפּילט זײַענדיק אַ קינד. אַ מאָל דערמאָנט זי זיך בלויז די נעמען פֿון די שפּילן, איז עס אויך וויכטיק. אַזוי קען מען אויך פֿון עלטערע מענטשן פֿאַרשרײַבן קינדערלידער. אמת, דער זכּרון איז בײַ זיי שוין אָפּגעשוואַכט, אָבער די אײַנדרוקן פֿון די קינדעריאָרן זײַנען נאָך פֿריש.

מען דאַרף פֿאַרשרײַבן ציילענישן. קינדער פֿלעגן הערן פֿרעמדע ווערטער און זיי איבערזינגען ניט־פֿאַרשטאַנענערהייט.

נ' 122—125. געהערן צו קייטללידער. פֿאַראַן פֿון דעם אַ מאַסע וואַריאַנטן. מען דאַרף זיי מער ניט פֿאַרשרײַבן. אַ גראַם פֿריִער, אַ גראַם שפּעטער זאָגט גאָרניט פֿאַרן ליד. די מאָטיוון קען מען פֿאַרשרײַבן.

נומ' 126 איז דאָ פֿאַרגרײַזט. פֿאַראַן פֿון דעם אַ סך וואַריאַנטן.

נומ' 127. פֿאַראַן שוין.

נומ' 128. דאָס ליד זינגען שוין קינדער אין די שולן. מען דאַרף עס ניט פֿאַרשרײַבן.

נומ' 129. פֿאַראַן גענוג פֿון דעם ליד. מאָטיוון קען מען פֿאַרשרײַבן.

נומ' 130 איז שוין אויסגענוצט אין לערנביכער. מען דאַרף עס ניט פֿאַר־שרײַבן.

ליבעלידער

פֿאַראַן אין דער זאַמלונג אַ סך פֿראַגמענטאַרישע. די זאַמלער זײַנען ניט געווען דירעקט פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלק, האָבן זיי ניט געקענט דערגיין צו די אַלטע פֿאָלקסלידער.

נומ׳ 135. אַן אַלט ליבעליד. דאָ איז עס צעזונגען, פֿראַגמענטאַריש.

נומ׳ 136. זייער אַן אַלט ליד. געהערט צו די פֿאַרצײַטיקע ליבעלידער. פֿאַרשפּרייט צווישן די בעל־הבתּישע קלאַסן.

נומ׳ 138. דאָ איז פֿאַרשריבן אַ גאַנץ גרויסער נוסח. פֿון דעסט וועגן דאַרף מען פֿאַרשרײַבן נאָך אַנדערע וואַריאַנטן.

נומ׳ 147. אין אינסטיטוט זײַנען פֿאַראַן לענגערע נוסחאָות. אַ סך לידער זײַנען דאָ שלעכט: צעזונגענע, פֿראַגמענטאַרישע. ס׳קען זײַן, אַז ס׳איז די שולד פֿון די זאַמלער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט צו יענעם פֿאָלקשיכט, ווו די לידער האַלטן זיך נאָך אויף, און זיי האָבן בלויז צונויפֿגעזאַמלט וואָס ס׳איז געווען אויפֿן אייבערפֿלאַך.

נומ׳ 165. זייער אַן אַלט ליבעליד. אַלע וואַריאַנטן דאַרף מען פֿאַרשרײַבן.

נומ׳ 166. דאָס איז אַ שלעכטער וואַריאַנט. מען דאַרף אויפֿזוכן אַ בעסערן.

ננ׳ 170, 171. דאָס זײַנען ניט קיין קינדערלידער, נאָר אַלטע ליבעלידער וואָס שטאַמען נאָך פֿון 16טן יאָרהונדערט. מען דאַרף זיך נאָכפֿרעגן אויף די דאָזיקע לידער בײַ עלטערע מענטשן. אַ מאָל קען מען זיי געפֿינען בײַ קינדער אין קלענערע שטעטלעך. איך גלייב, אַז מיר האָבן מיט אונדזערע זאַמלונגען אויסגעשעפּט אונדזערע ליבעלידער. נײַס איז הײַנט שווער צו אַנטדעקן, סײַדן אין גאַליציע, רומעניע, אונגערן, אוקראַיִנע. דאָרט קען מען געפֿינען פֿאַרצײַטיקע ליבעלידער.

נומ׳ 193. אַ ליד פֿון איינעם פֿון שמרס ראָמאַנען. ס׳קען זײַן, אַז שמר האָט עס אויפֿגענומען בײַ אַ דינסטמיידל און עס שפּעטער פֿאַרריכט און דאָס פֿאַרריכטע ליד גייט איצט אַרום אין פֿאָלק. אָדער שמר אַליין איז דער מחבר פֿונעם ליד.

ליבעלידער, דער הויפּט מיט ניגונים, דאַרף מען פֿאַרשרײַבן. ס׳קען זײַן, אַז דער אָנהייב פֿונעם ליד איז דער זעלבער, נאָר דער מיטן איז שוין אַן אַנדערער, דאַרף מען עס פֿאַרשרײַבן.

די צעזונגענע לידער טרעפֿט מען לרובֿ בײַ שלעכטע זינגער. זיי זײַנען ניט פֿעיִק צום זינגען, פֿאַרגעסן זיי געוויסע ווערטער, גראַמען. מען דאַרף זיך נאָך אַזעלכע לידער ניט יאָגן. דער עיקר דאַרף מען זוכן גוטע זינגער. די וואָס האָבן אַ נייגונג צו געזאַנג קענען שוין אַ סך לידער.

חתן־כּלה־לידער

דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָבן שוין די מיטאַרבעטער פֿון דער גינזבורג־און מאַרעק־זאַמלונג געקענט לײַכטער צונויפֿנעמען. אין דער אָפּטיילונג קומען אַרײַן לידער וואָס מען זינגט אַרום דער חתונה, נאָר ניט אויף דער חתונה.

נומ׳ 244. דאָס דאָזיקע ליד איז פֿאַרשפּרייט בײַ אַלע פֿעלקער. „יאָמע, יאָמע" איז אַ וואַריאַנט פֿון דעם ליד פֿון קאָנגרעס־פּוילן. ס׳קומט פֿון אַ דײַטשישן מקור. אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון וועלן מיר געפֿינען בײַ אַלע פֿעלקער.

(דורכקוקנדיק די לידער־זאַמלונגען פֿון אינסטיטוט האָב איך ניט געטראָפֿן קיין וואַריאַנטן צו די באַלאַדעס אין מײַן זאַמלונג; אַ סימן אַז זיי גראָבן ניט טיף.)

נומ׳ 247. ס׳דאַרפֿן זײַן אַנדערע נוסחאָות פֿון דעם ליד, מען האָט עס אַ מאָל געזונגען אין בעל־הבתּישע הײַזער.

חתונה־לידער

מיר ריידן נאָר פֿון אַזעלכע חתן־כּלה־ און חתונה־לידער וואָס זײַנען ניט געשאַפֿן פֿון בדחנים. דער גרעסטער טייל בדחנישע לידער וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק קומען פֿון ביכעלע לידער פֿון בלינדן מאַרשעליק. אַ סך לידער וואָס מען האָט געשיקט אין אינסטיטוט שטאַמען פֿון אים.

נומ׳ 254. אַ פֿאָלקסליד. „סעמעלע־טאַנץ" האָט געמוזט זײַן אַן אויסגעלאַסענער טאַנץ. מען וואָלט עס געדאַרפֿט אויספֿאָרשן [זען זז׳ 90—92].

טאַנצלידער האָט מען מיט 30־40 יאָר צוריק נאָך געקענט לײַכט פֿאַרשרײַבן. הײַנט איז שוין שווער. טייל טאַנצלידער גייען אַריבער אין ליבעלידער, אָבער זיי זײַנען אַנטשטאַנען בײַם טאַנץ.

ס׳איז זייער אַ וויכטיקע אַרבעט אויסצופֿאָרשן, וואָסערע טענץ האָט מען אַ מאָל געטאַנצט אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון ייִדישן מאַסן־ייִשובֿ. אַ מאָל זײַנען עס סאַטירישע לידלעך; געוויינטלעך זײַנען עס קורצע פּירפֿערזיקע לידלעך. די צווייטע סטראָפֿע אַנטשטייט, ווען די טאַנץ־מעלאָדיע איז לענגער. ס׳איז דאָ אַבסאָלוט ניטאָ די כּוונה צו שאַפֿן אַ ליד, ס׳מאַכט זיך אַליין. צום בעסטן זעען מיר דאָס בײַ אַזאַ טאַנצליד ווי „שׂרה־רבֿקה, דריי זיך דורך אין מיטן" אָדער אין דעם ליד „בין איך געפֿאָרן קיין אַדעס". דאָ האָט דער רעפֿריין ווידער געשאַפֿן אַ נײַע סטראָפֿע.

די דאָזיקע טאַנצלידער זײַנען די ערשטע קערנדלעך פֿון ליבעלידער.

אין טאַנצלידער איז פֿאַראַן זייער אַ סך איראָניע, סאַרקאַזם, למשל: אין „וואַרשעווער פּאַצעטן" אָדער „האָב איך אַ חתן אַ ווילן" זינגט דאָס מיידל וואָס האָט געהאַט אַ חתן אַ שטאַרקן בחור. די צווייטע רייצט זיך מיט איר און זינגט די צווייטע סטראָפֿע. אין די דאָזיקע לידער שפּיגלט זיך אָפּ אַ בלאַט פֿון פֿאַרצײַטיקן ייִדישן קולטור־לעבן.

אָפּרופֿנדיק זיך פֿון די טענץ פֿלעגט מען זינגען ליבעלידער. דאָרטן אין די אַמאָליקע טאַנצשטיבער האָט זיך אַנטוויקלט די פֿאָלקסליריק.

צו די געשאַפֿענע לידער פֿלעגן אַנדערע, פֿעיִקע, צוגעבן נאָך סטראָפֿעס פֿון זייערע אייגענע איבערלעבונגען אָדער צונויפֿמישן מיט ענלעכע סטראָפֿעס פֿון ענלעכע לידער.

מען דאַרף זיך נאָכפֿרעגן בײַ עלטערע ייִדן, וואָסערע טענץ האָט מען „געזונגען" אַ מאָל, וואָסערע ווערטער האָט מען געזונגען בײַ די טענץ.

פֿאַמיליע־לידער

נומ' 264. מען קען פֿאַרשרײַבן ענלעכע וואַריאַנטן פֿון דעם ליד. פֿאַראַן ווייניק נוסחאָות. מען דאַרף זיך נאָכפֿרעגן בײַם עלטערן דור.

נן' 267, 268. מען דאַרף זיך נאָכפֿרעגן אויף וואַריאַנטן פֿון דעם ליד, ספּעציעל אין גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן.

נומ' 271. פֿאַרשרײַבן וואַריאַנטן. אַ מאַן וואַרפֿט אַוועק זײַן פֿרוי און קומט צוריק פֿאַרשטעלטערהייט, כּדי אויסצופּרוּוון איר געטרײַקייט.

נומ' 275. דער אָנהייב דאַרף זײַן צו לעצט. זייער אַ שלעכטער וואַריאַנט. ס'דאַרף זיך אָנהייבן: „בין איך מיר אַ כּלה". אויפֿזוכן וואַריאַנטן.

נומ' 281. פֿאַרשרײַבן דעם נוסח: „שטיי אויף, מײַן ווײַב, גיב די קינדער עסן". דאָ איז אַ שלעכטער וואַריאַנט.

בכלל האָבן מיר צונויפֿגעזאַמלט זייער ווייניק פֿאַמיליע־לידער. בײַם פֿאַרשרײַבן היט זיך פֿאַר געשׂכלטע, געקינצלטע, בדחנישע, טעאַטער־לידלעך.

נומ' 288. הומאָריסטיש לידל פֿונעם אָפּגענאַרטן מאַן. אין קאָנגרעס־פּוילן איז פֿאַראַן אַן אַנדער נוסח. היט זיך פֿאַר איבערגענומענע פֿון ביכל.

לידער פֿונעם לעבן

נומ' 303. מען קען פֿאַרצייכענען וואַריאַנטן.

נומ' 306. אַן אינטערעסאַנט לידל. אויפֿזוכן וואַריאַנטן.

נומ' 310. בערל בראָדערס.

נומ' 313. פֿאַראַן אַ סך וואַריאַנטן. ניט נייטיק צו פֿאַרשרײַבן, אויב ס'זאָל אַפֿילו זײַן נאָך אַ נײַער פֿערז: „אַ טאָקער" אאַז"וו. דאָס עצם ליד בײַט זיך ניט פֿון דעם.

ס'פֿעלן לחלוטין אין דער זאַמלונג אַרבעטער־לידער. דאָס וואָס ס'איז פֿאַרשריבן זײַנען נאָר ברעקלעך, פֿראַגמענטן. אַרבעטער־לידער זײַנען געווען איידער ס'איז געווען אַ קלאַסן־באַוועגונג. זיי זײַנען ניט געווען פֿון דרויסן גענומען; ניט צוליב אַגיטאַציע, נאָר פֿון זיך אַליין אַרויסגעזונגען. פֿאַר אונדז איז וויכטיק דאָס וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין זײַן פּרימיטיוון צושטאַנד. אויב ניט וואָלטן מיר זיך געקענט ווענדן צו אונדזערע דיכטער. פֿון די נײַערע לידער זײַנען אינטערעסאַנט נאָר די צווייסטראָפֿיקע פֿירפֿערזיקע צײַטלידער — „טשאַסטושקעס" וואָס קומען אויף נאָך אין אונדזער צײַט.

סאָלדאַטן־לידער

פֿון דער אָפּטיילונג האָבן מיר אַ סך מער אין דער זאַמלונג. ס'איז געווען לײַכטער זיי אויפֿצוזאַמלען. עס לוינט פֿון זיי צו פֿאַרשרײַבן סײַדן נײַע וואַריאַנטן.

פֿאַרשיידענע לידער

דאָ זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אַ סך בדחנישע לידער, אויך אַזעלכע וואָס געהערן צו פֿאַמיליע־לידער.

נומ' 356. שטאַמט פֿון דײַטשלאַנד. אויפֿזוכן און פֿאַרצייכענען וואַריאַנטן פֿון דעם ליד.

נומ' 357. פֿאַראַן אַ סך וואַריאַנטן פֿאַרשריבן פֿון דעם ליד.

נומ' 359. זייער אַן אינטערעסאַנט ליד. נאָכפֿרעגן זיך אויף דעם מאָטיוו.

נומ' 360, 361. טאַנצלידער.

נומ' 370. אַ געמאַכט ליד.

נומ' 373. אַ טעאַטער־לידל. פֿאַרשפּרייט אין פֿיל וואַריאַנטן.

לידער פֿון געהאַנגענע, זעלבסטמערדער, אויב זיי זײַנען ניט צו פֿיל איבערגעשפּיצט, מעג מען פֿאַרשרײַבן. די זאַמלער דאַרפֿן זיך באַקענען מיט טעאַטער־לידלעך וואָס זײַנען אַרויס אין אַ גרויסער צאָל אין וואַרשע, מיט די געדרוקטע בעטלערלידער, מיט די לידער פֿון בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער, גאָלדפֿאַדען.

[נאָטיצן וועגן ייִדישן טאַנצליד]

1

„ניט גאַנץ נאָרמאַל...“ אַן ענטפֿער אויף אַ מאָדנער רעצענזיע

אין זײַן רעצענזיע אויף די ייִוואָ־בלעטער, חודש־זשורנאַל פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, וואָס ד״ר ק. פֿאַרנבערג האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין טאָג (23סטן מײַ 1931), האָט ער צווישן אַנדערע אויך געמאַכט אַ מאָדנעם אָנפֿאַל אויף מײַן אַרבעט: „צום אויפֿקום פֿון ייִדישן טאַנצליד“ אין דער דריטער שריפֿט.

געוויינטלעך איז אָנגענומען, אַז מען ענטפֿערט ניט אויף אַ רעצענזיע, מעג זי זײַן ווי ניט אָנגענעם פֿאַרן מחבר. אָבער אין דעם איצטיקן פֿאַל איז דאָס בשום אופֿן קיין רעצענזיע ניט, נאָר פּשוט אַן אומבאַרעכטיקטער אָנפֿאַל, מיט עפּעס אַ באַהאַלטענער כּוונה חוזק צו מאַכן פֿון מײַן ערנצטער אַרבעט. וואָרעם ווען אַ מענטש גיט זיך אַ זאָג אַרויס:

> ניט גאַנץ נאָרמאַל איז אויך דאָס פֿאַרדבֿקענען זיך אין יעדן פֿאָלקס־
> ליד אָדער פֿאָלקסוואָרט אַלס אַ גרויסן בײַטראָג צו דער ייִדישער קול־
> טור, וואָס דאָס זעט זיך אַזוי שטאַרק אַרויס פֿון י. ל. כּהנס גרעסערער
> אַרבעט וועגן טאַנצליד

און מאַכט אַפֿילו ניט דעם מינדסטן פּרוּוו אויפֿצווײַזן, מיט וואָס דאָס איז אַזוי „ניט גאַנץ נאָרמאַל“, בעת עס איז אים זיכער באַקאַנט, אַז טויזנטער פֿאָרשער אַרבעטן אויף דעם זעלביקן געביט. פֿרעגט זיך: וואָס איז דאָס, אויב ניט קיין בייזוויליקער אָנפֿאַל? קיין רעצענזיע איז עס זיכער ניט. וואָרעם אויב ער האָט דאָס באמת געמיינט אָדער אַפֿילו עפּעס אַנדערש, האָט ער דאָך פֿון יוצא וועגן געדאַרפֿט כאָטש אָנווײַזן אויף עפּעס אַ חסרון אין מײַן פֿאָרשונג־מעטאָד, אָדער ווייניקסטנס פּרוּוון אָפּפֿרעגן אַ פּאָר פֿון די געבראַכטע פֿאַקטן אין מײַן אַרבעט, כּדי עס זאָל כאָטש לפּנים אויסזען ווי אַן אָביעקטיווע, זאַכלעכע אָפּשאַצונג. האָט ער ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק דאָס צו טאָן, מחמת צו וואָס זאָל ער זיך צערעמאָניען מיט עפּעס אַ משוגענעם וואָס איז אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט אין ייִדישן פֿאָלקסליד? מען דאַרף נאָר פֿון אים אַ ביסל חוזק מאַכן, אויסמוסרן, און אַראָפּ פֿון מאַרק.

נו, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ לידל פֿון מײַן אַרבעט, אָוועקגעשטעלט עס און אַ זאָג געטאָן דרײַ ווערטער: אַזוינע „פּערל“ ווי:

> כאַשקע, ניי אַרויסעט,
> וויכנע, דריי זיך אויסעט,
> אַ כאָלעריע זאָל דיך טרעפֿן,
> אַוווּהין ביסטו פֿאַרקראָכן?
> מיט דײַן ווײַסינקער בלוזקעלע...

מער האָט ער ניט געדאַרפֿט און געמיינט, אַז דערמיט האָט ער אין גאַנצן אָוועקגעהרגעט מײַן אַרבעט, מיט די פֿאָלקסלידער, מיט דעם גאַנצן נאַרישן פֿאָלקלאָר. און ער האָט דאָס געטאָן זייער ממזריש: אָוועקגעשטעלט דאָס לידל באַלד נאָך זײַן פֿראַזע „אַלס גרויסן בײַטראָג צו דער ייִדישער קולטור“, וואָס דערויף איז אין מײַן באַשיידענער אַרבעט אַפֿילו קיין רמז ניטאָ. ער האָט דאָס אָבער געדאַרפֿט האָבן צום רומל, כּדי דער לייענער וואָס האָט ניט געזען מײַן אַרבעט זאָל טאַקע קאָנען לאַכן פֿון מײַן „גרויסן בײַטראָג“.

און כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער רעצענזענט מאַכט זיך נאָך דערצו אַזוי פֿרום ווי פּרצעס „פֿרומע קאַץ“, און זאָגט מיר מוסר מיט אַזוינע זיסע ריידעלעך:

> און נאָך אַזוינע ענלעכע „שאַפֿונגען“ פֿאַרדינען קוים אַזוי פֿיל ליבע
> און אַזוינע גרויסע פּירושים, ווי עס ווערט זיי אָפּגעגעבן...

אָט דאָס דאָזיקע מוסר־זאָגן איז ניט מער ווי אַ מאַסקע צו פֿאַרשטעלן דעם אייגענעם אומוויסן אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע. און אין דער אמתן, פֿון וואַנען זאָל ער עס דען וויסן? איז דאָך שוין פֿון זײַן אומבאַהאָלפֿענעם צוגאַנג צו דער זאַך גאַנץ ניכּר, אַז ער האָט גאָרניט געלערנט אָדער געלייענט וועגן דעם דאָזיקן ענין. וואָרעם אויב יאָ, וואָלט ער דאָך ניט געוואַגט עפֿנטלעך חוזק צו מאַכן פֿון אַן ערנצטער אַרבעט. מחמת ווי אַ געלערנטער עקאָנאָמיסט וואָלט ער דאָך ווייניקסטנס געוווּסט אָדער באַדאַרפֿט וויסן פֿון דעם לײַפּציקער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם קאַרל ביכער (Bücher) וואָס האָט געשאַפֿן זײַן באַרימט ווערק *Arbeit und Rhythmus* אויפֿן סמך פֿון אַ גרויסער מאַסע קליינע לידלעך אַזוינע, וואָס הונדערטער עטנאָגראַפֿן האָבן געזאַמלט צווישן פּרימיטיווע און האַלב־פּרימיטיווע פֿעלקער, אַחוץ אייראָפּעיִשע מאַטעריאַלן. ווײַל ווער עס האָט נאָר געלייענט דאָס דערמאָנטע בוך ווייסט, אַז נאָר אויפֿן סמך פֿון אַזוינע קליינ־טשינקע עטנאָגראַפֿישע פֿאַקטן און דערצו נאָך אויף אַזוינע ענלעכע פֿאַראַרבעטן ווי די מײַניקע, בעסערע און ערגערע, גרעסערע און קלענערע, האָט דאָס דער געניאַלער פֿאָרשער געקאָנט געבן זײַן אייגענעם וויסנשאַפֿטלעכן פּירוש, זײַן טעאָריע פֿון אַרבעט און ריטעם, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבֿר אין דער וויסנ־שאַפֿטלעכער וועלט. אין קורצן: ער האָט אויפֿגעוויזן, ווי פֿון די פֿאַרשיידענע קערפּער־באַוועגונגען בײַ דער אַרבעט, פֿון ריטעם בײַ דער אַרבעט אָדער פֿון אַרבעט־ריטעם, איז אויפֿגעקומען דאָס באַגלייטנדיקע אַרבעטסליד, פֿון וועלכן ס'האָט זיך גלײַכצײַטיק אַנטוויקלט פּאָעזיע און מוזיק. מיט אַנדערע ווערטער, אַרבעט, מוזיק און דיכטונג זײַנען שוין לכתחילה געשטאַנען אין [דער] ענגסטער פֿאַרבינדונג. לויט דער טעאָריע איז אויך דאָס טאַנצליד שוין פֿון אָנהייב געשטאַנען אין נאָענטסטער באַרירונג מיטן אַרבעטסליד, פֿון וועלכן עס זאָל זיך האָבן אַנטוויקלט.

איך וויל דאָ ציטירן בלויז עטלעכע שורות פֿון ביכערס ווערק וואָס האָט, דוכט זיך, אַ שטיקל שײַכות צו אונדזער ענין. אויף ז׳ 384 זאָגט זיך אַזוי:

צום דײַטלעכסטן איז דאָס צו דערקענען אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ליריק. איר באַזונדערע געשיכטע הייבט זיך אָן, אומעטום ווו מיר קאָנען איר גענוג ווײַט נאָכגיין, מיט דער פֿאָלקסטימלעכער פֿאָרעם פֿון טאַנצליד וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פֿון אונדזערע אַרבעטסלידער, פֿון זייער דריטן מין. קודם אַזוי, אַז די קערפּער־באַוועגונגען פֿון די טענצער און דער באַגלייטנדיקער מוזיק־אינסטרומענט שאַפֿן דעם ריטעם, נאָך וועלכן דער צוגעגעבענער אימפּראָוויזירטער לידערטעקסט דאַרף נאָכגיין. די שטים־באַוועגונגען באַקומען זייער מאָס פֿון די קערפּער־באַוועגונגען און ווערן אויפֿן אינטימסטן אופֿן פֿאַרפֿלאָכטן מיט זיי.

נאַטירלעך וואָלטן די דאָזיקע שווערע זאַצן אין מײַן ייִדישן פּירוש אויסגעזען אַ ביסל פֿאַרשטענדלעכער. ס׳איז אָבער גענוג קלאָר, אַז ווען דער רעצענזענט וואָלט נאָר געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין דעם דאָזיקן ענין, וואָלט ער מיר ניט פֿאַרגעוואָרפֿן מײַנע גרויסע פּירושים איבער אַזוינע און ענלעכע „שאַפֿונגען“ און וואָלט ניט חוזק געמאַכט פֿון מײַן פֿאַרדבֿקענען זיך אין יעדן פֿאָלקסליד.

ס׳איז אָבער אַ סבֿרא, אַז ער האָט אַפֿילו ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין דעם אמתן זינען פֿון דעם אויבן געבראַכטן לידל, פּונקט ווי ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם קולטור־געשיכטלעכן ווערט פֿון מײַן בײַטראָג צום אויפֿקום פֿון ייִדישן טאַנצליד. ער האָט עס ניט פֿאַרשטאַנען, ווײַל כ׳האָב דערצו דאָרט קיין גרויסן פּירוש ניט געגעבן, נאָר בלויז באַמערקט, אַז דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער סבֿיבֿה. אין דער אמתן איז דאָך דאָס דאָזיקע לידל לכתּחילה גאָר קיין לידל ניט געווען, נאָר גאַנץ פּשוטע רייד, צופֿעליקע טאַנץ־אינסטרוקציעס וואָס האָבן אָנגענומען די געבונדענע פֿאָרעם פֿון אַ ליד אַ דאַנק דעם ריטמישן טאַנץ־ניגון וואָס דער טאַנצפֿירער האָט געמוזט זינגען בעת ער האָט געוואָלט אָנווײַזן זײַנע טענצערינס, אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג זיי דאַרפֿן זיך באַוועגן . . . . ערשט דערנאָך איז עס געוואָרן אַ ליד, אַ טאַנצליד.

צו זאָגן, אַז „אַזוינע און ענלעכע ׳שאַפֿונגען׳ פֿאַרדינען קוים אַזוי פֿיל ליבע און אַזוינע גרויסע פּירושים“ איז ניט מער ווי פּוסטע פֿראַזעס וואָס באַדײַטן גאָרניט און דערקלערן גאָרניט. זיי באַווײַזן אָבער, אַז דער ד״ר פֿאָרנבערג האָט פּשוט ניט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ מעטאָד אָנצוגרײַפֿן אַזאַ נײַע, פֿאַר אים אומבאַקאַנטע אַרבעט, וואָס ס׳האָט זיך אים זייער שטאַרק געוואָלט אַרונטער־רײַסן. ער האָט דאָס געפּרוּווט טאָן מיט אַן עסטעטישן אַרשין.

כּדי צו באַווײַזן, אַז דאָס וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן איז גאָרניט איבער־געטריבן, וועל איך דאָ ברענגען צום פֿאַרגלײַך אַן אַנדער רעצענזיע וועגן מײַן אַרבעט, אויך ניט קיין זייער גינציקע, אָבער דערפֿאַר מיט אַן ערנצטן זאַכלעכן צוגאַנג. די רעצענזיע איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער ביאַליסטאָקער צײַטונג דאָס נײַע לעבן (נומער 32, 1931), און דער רעצענזענט ה׳ ח. [חנן—פּסח קאַפּלאַן] שרײַבט וועגן דעם ענין אַזוי:

דער באַקאַנטער לידער־זאַמלער י. ל. כּהן באַווײַזט אין אַ סטודיע, ווי אַזוי עס איז בײַ ייִדן אויפֿגעקומען דער טאַנצליד. מע פֿלעגט טאַנצן אין די „קנאַפּעס“ אָן אַקאָמפּאַנימענט, נאָר אַליין צווישנזינגענדיק זיך פֿלעגט מען שוין אָפֿט זינגען מיט ווערטער, איז ממילא געוואָרן אַ לידל. דער מחבר ווײַזט דאָ אַרויס אַ סך מער טיפֿקייט ווי אין זײַנע פֿריִערדיקע אַרבעטן. מע זעט פֿאַר זיך אַן אמתן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשער. פֿון דעסט וועגן דוכט זיך אונדז, אַז בנוגע דעם לידל „דאַמען און הערן, אַ קלאָג צו אײַך“ האָט ער אַ טעות געהאַט. ס׳גלייבט זיך עפּעס ניט, אַז די טענצערס זאָלן ספּאָנטאַן ענטפֿערן מיט אַ ליד און נאָך אין אַ שיין גע־בויטן גראַם. גיכער זעט אונדז אויס, אַז דער גאַנצער ליד איז באַשאַפֿן געוואָרן ניט בײַם טאַנצן, נאָר דורך איינעם וואָס האָט בכלל חוזק געמאַכט פֿון דער קבצנישער, טאַנצנדיקער כאַליאַסטרע. דער דיכטער מעג זײַן טאַקע איינער פֿון זיי, אָבער זײַן שאַפֿונג איז ניט קיין טאַנצ־לידל, נאָר אַ שפּאָטלידל.

בכלל איז זײַן גאַנצע טענדענץ צו באַווײַזן, אַז די טאַנצלידער זײַנען אמתע מאַסע־שאַפֿונגען, נאָך שטאַרק פּראָבלעמאַטיש. אונדז זײַנען באַ־קאַנט הונדערטער קינדערשע טאַנצלידלעך אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן וועל־כע זײַנען אַלע צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַפֿריִער דורכן לערער. פֿאַר וואָס זאָלן מיר זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז אויך דאָ האָט דער טאַנצפֿירער, אָדער עמעץ אַנדערש, אַפֿריִער צוגעטראַכט אַ לידל?

דערפֿון קען מען שוין אָבער אויך זען דעם גרויסן חילוק צווישן דעם ניו־יאָרקער רעצענזענט און דעם ביאַליסטאָקער אין זייער באַציִונג צו אַן ערנצטער אַרבעט.

די פֿראַגעס וואָס דער ביאַליסטאָקער רעצענזענט האָט געשטעלט קאָנען אויך געשטעלט ווערן פֿון הונדערטער אַנדערע לייענער. דעריבער וועל איך זיי דאָ פּרוּוון פֿאַרענטפֿערן, אָבער אַזוי קורץ ווי מעגלעך.

צו דער אײַנווענדונג וועגן דעם לידל וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם פֿערז: „דאַמען און הערן, אַ קלאָג צו אײַך“, אַז ס׳איז ניט קיין טאַנצליד, נאָר אַ שפּאָטלידל, מחמת „עס גלייבט זיך עפּעס ניט, אַז די טענצערס זאָלן ספּאָנטאַן ענטפֿערן מיט אַ ליד און נאָך אין אַ שיין געבויטן גראַם“. ס׳איז ניט קלאָר, וועלכן גראַם ער מיינט: צי דעם גראַם „אַ קלאָג צו אײַך — וואָס איז דאָ מיט אײַך?“, וואָס געהערט גראָד צו דעם טאַנצפֿירער, צי אין דעם ענטפֿער פֿון די טענצער: „גיך—שיך“. איז דער ערשטער קוים אַ גראַם, און דער לעצטער, וואָס ער מוז מסתּמא זײַן דער „שיין געבויטער“, איז אויך פֿאַראַן אין אַנדערע פֿאָלקסלידער. למשל אין דעם ליד פֿון אַ שנור מיט אַ שוויגער: „גיי איך גיך — זי רײַסט די שיך“. און אַז עס איז דאָ אין אַ פֿאָלקסליד, איז עס אויך דאָ אין פֿאָלקסמויל. קאָן דאָס יעדער איינער ספּאָנטאַן אַרויסזינגען. וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם ליד האָט דער חשובֿער רעצענזענט געדאַרפֿט אַ קוק טאָן אין דעם אָנגעצייכנטן מקור, בײַ גינזבורג־מאַרעק נומ׳ 360, פֿון וואַנען כ׳האָב דאָס ליד גענומען, וואָלט ער דאָרט געפֿונען אונטן, אין דער הערה, אַז דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אויפֿן מאָטיוו פֿון דער ערשטער לאַנסיי־פֿיגור. בכן איז עס אַ טאַנצליד, און טאַנצלידער זײַנען דאָס רובֿ אויך שפּאָטלידער, ווי איך האָב דאָס באַמערקט צום סוף פֿון מײַן אַרבעט: „אין אַזאַ קאָלעקטיוו איז שפּאַס און שפּאָט, אויף זיך און אויף אַנדערע, אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך“.

ווײַטער וועגן די „הונדערטער קינדערשע טאַנצלידער, אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, וועלכע זײַנען אַלע צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַפּריִער דורך לערער". זיי זײַנען ניט קיין פֿאָלקסלידער, און יעדער פֿאָלקלאָריסט קאָן גלײַך דערקענען, אַז זיי זײַנען אַפּריִער פֿון עמעצן געמאַכט אָדער צונויפֿגעשטעלט געוואָרן. דעריבער האָבן זיי פֿאַר דער פֿאָרשונג קיין שום ווערט ניט. מען וואָלט אויך גאַנץ לײַכט געקאָנט דערקענען די אַפּריִער געמאַכטע לידער פֿון די טאַנצפֿירער, אויב אַזעלכע זײַנען פֿאַראַן. מען וואָלט זיי דערקאָנט אין זייער שפּראַך און אינהאַלט, אויב זיי זײַנען ניט אויפֿגעקומען בײַם טאַנץ, ספּאָנטאַן. דער פֿאָלקספֿאָרשער שטיצט זיך בלויז אויף דער עכטער פֿאָלקסשאַפֿונג, אויף די בײַם טאַנץ אימפּראָוויזירטע לידער, און אַזעלכע זײַנען פֿאַראַן כמעט בײַ אַלע פֿעלקער....

*

בכלל וואָלט אָבער כּדאַי געווען דאָ צו באַמערקן, אַז מען דאַרף אין די דאָזיקע קורצע לידלעך ניט זוכן וועלכע ניט איז סימנים פֿון קונסט אָדער פּאָעזיע, ווי מיר פֿאַרשטייען דאָס אין דעם הײַנטיקן זינען. דאָס זײַנען ניט מער ווי די ערשטע קערנדלעך פֿון דער קאָלעקטיווער פֿאָלקסדיכטונג, פֿון וועלכער ס'האָט אפֿשר אַ מאָל אַרויסגעשפּראָצט און זיך אַנטוויקלט דאָס פֿילגעשטאַלטיקע ליבעליד, אויף וועלכן אונדזערע פֿײַנשמעקער אַפֿילו גיבן שוין צו, אַז ס'איז אַ קוואַל פֿון אמתער פֿאָלקס-פּאָעזיע.

2

[פֿראַגמענט פֿון אַרײַנפֿיר צו אַ צווייטן אַרטיקל וועגן טאַנצלידער]

די וואָס האָבן געלייענט דאָס ערשטע אַרטיקל פֿון דער פֿאָלקסליד-שטודיע [1] האָבן געוויס באַמערקט, אַז דאָרט האָט זיך צו מייסטנס געהאַנדלט וועגן דעם פֿאָלקסטימלעכן טאַנצפֿירער אָדער „טאַנצמײַסטער" און וועגן זײַנע ספּאָנטאַן געשאַפֿענע לידלעך וועלכע ער האָט לכתּחילה אפֿשר גאָרניט געמיינט צו שאַפֿן בעת ער האָט געגעבן זײַנע מינדלעכע טאַנץ-אינסטרוקציעס אין גאַנץ פּשוטע ווערטער; זיי האָבן אָבער אָנגענומען די געבונדענע פֿאָרעם פֿון אַ ליד, אַ דאַנק דעם ריטמישן טאַנץ-ניגון וואָס ער האָט דערבײַ געמוזט צוזינגען. אַגבֿ איז דאָרט אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער דאָזיקער „מוז" פֿאַר דעם טאַנצפֿירער אַרויסצוזינגען זײַנע אינסטרוקציעס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכער, אַנדערש וואָלט דאָך דער טאַנץ גאָרניט געקאָנט פֿאָרקומען, מחמת מען וואָלט דאָך ניט געקאָנט טאַנצן אָן דער באַגלייטונג פֿון עפּעס אַ טאַנץ-ניגון. דאָס אַלץ איז דאָרט באַריכות אַרומגערעדט געוואָרן, אָבער נאָר אויפֿן סמך פֿון אַזוינע לידער וואָס האָבן באַשײַמפּערלעך אויסגעזען ווי צופֿעליקע אימפּראָוויזירטע טאַנץ-אינסטרוקציעס לויטן אינהאַלט, אַזוי אַז אין דעם האָט גאָר קיין שום ספֿק ניט געקאָנט זײַן.

געוויסע ספֿקות וועלן זיך אפֿשר אָנהייבן מיט דער איצטיקער אַרבעט, מיט

[1] זען יִוואָ-בלעטער I (1931), זז' 28—39 [אין איצטיקן באַנד, זז' 88—98].

דער גרעסערער צאָל טאַנצלידער וואָס וועלן דאָ געבראַכט ווערן — אַזוינע טאַנצלידער, וואָס לויט זייער אויסזען און אינהאַלט וועט אין פֿלוג שווער זײַן זיך פֿאָרצושטעלן, אַז די דאָזיקע האָבן ווען ניט איז געקענט האָבן עפּעס אַ שײַכות מיט טאַנץ און קאָלעקטיווער פֿאָלקסשאַפֿונג. מחמת אין זיי וועט מען שוין אַפֿילו קיין שפּור ניט געפֿינען פֿון טאַנץ-לערנען און טאַנץ-באַוועגונג, אַחוץ אפֿשר אין דעם ריטעם זייערן און אין די ניגונים, מיט וועלכע זיי זײַנען געזונגען געוואָרן.[2] די דאָזיקע ספֿקות וועלן אָבער אין לויף פֿון דער אַרבעט מסתּמא באַזײַטיקט ווערן מיט דער הילף פֿון ענלעכן פֿאַרגלײַכנדיקן לידער-מאַטעריאַל אין אַנדערע שפּראַכן. מחמת דער גאַנצער ענין איז בײַ אונדז נאָך אַזוי נײַ און פֿרעמד, אַז מיט דעם קנאַפּן מאַטעריאַל וואָס מען האָט ביז אַהער צוזאַמענגעקליבן לאָזט זיך קוים עפּעס אויפֿווײַזן....*

[2] כּדי דעם דאָזיקן חסרון צו באַזײַטיקן וואָלט מען דאָ אפֿשר געדאַרפֿט געבן אויך די זינגנאָטן צו די לידער, ווען דערבײַ זאָלן ניט זײַן אַנדערע שוועריקייטן, אַחוץ טעכנישע. ווײַל ס'איז נאָך אַ פֿראַגע, צי די בײַגעגעבענע געדרוקטע ניגונים וואָלטן בײַ דעם רובֿ לייענער, וואָס זיי זײַנען ניט קיין מוזיקער באַזײַטיקט די ספֿקות, וועגן וועלכע דאָ רעדט זיך.

* זען אויך ז' 349.

[באַמערקונגען וועגן עטלעכע פֿאָלקסלידער]

[אין באַנד ייִדישער פֿאָלקלאָר (פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, ב׳ V), ווילנע 1938, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אונטער כּהנס רעדאַקציע און איז אַרויס שוין נאָך זײַן טויט, איז אויף ז׳ XII געמאָלדן: „י. ל. כּהן ... האָט געדאַרפֿט נאָך צונויפֿשטעלן דעם וויסנשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט צו די טעקסטן וואָס ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט“, אָבער „אין זײַן עזבֿון זײַנען געפֿונען געוואָרן נאָר פֿראַגמענטן פֿון הערות צו די לידער“. אונטער 1 ווערן דאָ געבראַכט די דאָזיקע הערות. אונטער 2 ווערט געגעבן אַ נאָטיץ וועגן אַ ליד־וואַריאַנט וואָס איז אין באַנד ייִדישער פֿאָלקלאָר ניט אַרײַן; אונטער 3 אַ נאָטיץ וועגן אַ דײַטש־אונגערישן פּאַראַלעל צו אַ ייִדישן ליד.

זען אויך זז׳ 278 א״ו, ז׳ 310, זז׳ 317 א״ו, ז׳ 349.]

1

[הערות צום באַנד ייִדישער פֿאָלקלאָר]

...אין דעם דאָזיקן פֿאָלקלאָרבאַנד וועט דער לייענער געפֿינען זייער אינטערעסאַנטע און פֿאַרשיידנאַרטיקע מאַטעריאַלן וואָס זײַנען דאָ אָפּגעקליבן געוואָרן, — ניט ווי בעסערע אָדער שענערע מוסטערן, נאָר בלויז ווי פּראָבעס פֿון די פֿיל רײַכערע פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען וואָס געפֿינען זיך אין דעם פֿאָלקלאָר־אַרכיוו פֿון ייִוואָ....

[נומ׳ 1. „עס שפּילן צוויי געזעלן“] אויפֿן סמך פֿון עטלעכע וואַריאַנטן און דורך אַ געוויסער רעקאָנסטרוקציע פֿון זייערע פֿראַגמענטאַרישע טעקסטן האָב איך אין אַן אַנדער אַרבעט [זען אין איצטיקן באַנד, זז׳ 79—83] שוין געהאַט אויפֿגעוויזן דעם שטאָפֿלעכן אָפּשטאַם פֿון אונדזער ליד און עטלעכע פֿערזן אַפֿילו צוריקגעפֿירט צו אַן אַלט־דײַטשישן מקור, אַ לידערטעקסט פֿונעם 16טן י״ה. אָבער מיט דעם נײַ צוגעקומענעם דונילאָוויטשער נוסח לאָזט זיך דאָס, דוכט זיך, נאָך מיט מער זיכערקייט פֿעסטשטעלן, מחמת מיט דעם איז אויך צוגעקומען אַ פֿולערער טעקסט, כאָטש נאָך גענוג פֿראַגמענטאַריש לגבי די דײַטשע פּאַראַלעלן. נאַטירלעך, אין אַזאַ פֿאַל, ווו עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ אַלטן לידער־מאַטעריאַל און דערצו נאָך אַ מינדלעכן, איז שוין לכתחילה אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט אָנצוווײַזן אויף אַ באַשטימטן דײַטשישן אָפּיר פֿון אונדזער ליד. עס בלײַבט דאָ בלויז צו שטיצן זיך אויף איינצלנע אידענטישע פֿערזן אָדער סטראָפֿעס, און בעיקר נאָר אויף אַזעלכע וואָס זײַנען שוין כּמעט ניט בנימצא אין די נײַערע דײַטשישע ווערסיעס, נײַערט אין די עלטערע טעקסטן פֿון דעם שײַכותדיקן ליד. און אָט די דאָזיקע ווערן דאָ געבראַכט צום פֿאַרגלײַך מיט אונדזער ייִדישן נוסח.

סטר׳ 1:

עס שפּילן צוויי געזעלן,
איינע די אַנדערע געפֿעלן;
אויפֿן טײַך און אויפֿן ברעג,
שיינע מוידכן אָפּגערעדט.

Euphorion, Zeitschrift für Literaturgeschichte, B. 9 (1902), p. 35.

Handschr. 1575 Mgf. 753, Nr. 72:

Es sassen drie gesellen
sie sassen und assen
und trunken kalten wain,
sie hatten mitt einander
einen heimeliken radt,
und welche auf den abend
einen stedigen bolen hette.

Des Knaben Wunderhorn, 1846, B. 1, p. 33:

Vom plapperigen Junggesellen

Str. 1. Es waren drei Gesellen
Die täten was sie wöllen,
Sie spielten ihrer drei,
Mit Würfeln auf dem Brett,
Wer wohl in dieser Nacht
Bei Anneli schlafen tät.

Str. 10. Er nam sein Ross beim Zaume,
Er band's am Weidenbaume;
Er spreitet auf das Gras
Den grünen Mantel nass:
"Nun bote du dir was,
So liegst du desto bass."

Der plappernde Junggesell

Zeitschrift für Volkskunde, 22, 410-111.
Erk-Böhme, *Liederhort* 3, Nr. 1303-1306.
Kopp, *Euphorion*, 9, 35.
Archiv für neuere Sprachen, III, 263.
Kopp, *Ältere Liedersammlung*, 1906, 103.
Blumml, *Futilitates*, 1, 101.
E. John, *Volkslieder aus dem Erzgebirge*, 1909, Nr. 181.
F. Von Duyse, *Het oude nederlandsche Lied*, 1, Nr. 217.
Lambert, *Chansons populaires de Languedoc*, 2, 209, "Boun maiti."
Servettaz, *Chants et chansons de la Savoie*, 1910, p. 149, Nr. 65-66.

[נג׳ 4—6] ווי ס׳איז צו זען פֿון דעם צענדלינג אָנגעמערקטע וואַריאַנטן, האָבן מיר דאָ פֿאַר זיך אַ ווײַט פֿאַרשפּרייטע באַלאַדע וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿונעם פֿאָלקסמויל אין פֿאַרשיידענע געגנטן, אַ סימן פֿון אַ ברייטער באַליבטקייט. ס׳איז אפֿשר ניט נייטיק דאָ אונטערצושטרײַכן, אַז די דאָזיקע באַלאַדע איז אויך פֿון אַ דײַטשישן אָפּשטאַם, מחמת ערטערווײַז איז דאָך דאָס שוין ניכּר פֿון דער שפּראַך גופֿא און אויך פֿון דעם פֿרעמדאַרטיקן מאָטיוו. פֿון דעסט וועגן איז נאָך כּדאַי צו זען, וואָס פֿאַר אַ שינויים ס׳זײַנען פֿאָרגעקומען אין אונדזערע וואַריאַנטן לגבי דער פּאַראַלעלער דײַטשישער באַלאַדע וואָס געפֿינט זיך כּמעט אין אַלע לידער־זאַמלונגען אין פֿאַרשיידענע ווערסיעס, אָבער די מער טיפּישע בײַ ערק־בעהמע 1, נג׳ h-a93. עטלעכע פֿון זיי פֿאַרמאָגן מערערע אידענטישע פֿערזן אָדער סטראָפֿעס צו אונדזערע טעקסטן 4, 5, 6, וואָס ווערן דאָ טיילווײַז געבראַכט צום פֿאַרגלײַך מיט דער נידעררײַנישער ווערסיע נומ׳ a93:

1. Es war einmal ein feiner Knab,
   Der liebt sein Schätzchen sieben Jahr.
2. Wohl sieben Jahr und noch viel mehr,
   Als wenn der Lieb kein Ende wär.
3. Der Knab der reist ins fremde Land,
   Derweil wird sein Herzliebchen krank.

[נומ׳ 9] „צוועלף אַ זייגער בײַ דער נאַכט“. — פֿאַרשריבן פֿון אָ. און ח. ענגעלצין בײַ בערל ברין, פּאָדבראָדז, XII, 1925. אויספֿירלעכער וואַריאַנט ג״מ נומ׳ 233 (פּאָלטאָווער קרײַז); כּהן, „ב״ז“, נומ׳ 262ב (דינעוו, גאַליציע); קופּערשמיד, צײַטשריפֿט, 2־3, ז׳ 808, נומ׳ 27 (בעלאָצערקווע); אַן אַנדער וואַריאַנט דאָרט גופֿא, ז׳ 819, נומ׳ 5 (אַדעס). — אויך די דאָזיקע באַלאַדע, וואָס זי איז אין פֿיל פּרטים ענלעך צו די נג׳ 1־2,* איז ניט קיין ליטעראַרישע שאַפֿונג, נאָר גיכער אַ פּראָדוקט פֿון אַן אומבאַקאַנטן פֿאָלקסזינגער, געשאַפֿן אפֿשר אויפֿן סמך פֿון אַן אַקטועלער „אמתער פּאַסירונג“, ווי דאָס רובֿ פֿון אונדזערע פֿאָלקס־באַלאַדעס. הגם דאָס לאָזט זיך פֿאַקטיש ניט אויפֿווײַזן. אַ שטיקל רמז דערויף געפֿינען מיר אָבער בײַ וועלוול זבאַרזשער (בנימין וואָלף עהרענקראַנץ) אין אַ ליד וואָס איז קענטיק אויך געשאַפֿן אויפֿן סמך פֿון „איין וואַרע געשיכטע“, אויף אַן ענלעכן מאָטיוו א״ב „די געשטערטע ליבע“ (מקל נועם, העפֿט 3, 1873, זז׳ 62—64), אין דער פֿאָרעם פֿון אַ דיאַלאָג צווישן אַן „ער“ און אַ „זי“; און ווי עס פֿאַר־זיכערט אונדז דער מחבר אין זײַן הערה איז עס: „איין וואַרע געשיכטע וואָס האָט זיך געטראָפֿן אין דער מאָלדוי, ווי איינער האָט זיך געשאָסן, ווײַל די עלטערן פֿון זײַן געליבטער האָבן נישט צוגעלאָזט, ער זאָל חתונה האָבן מיט איר“.

* די נומערן וועלכע כּהן גיט אָן שטימען ניט מיט דער נומעראַציע פֿון דעם באַנד יודישער פֿאָלקלאָר; געמיינט איז ווײַזט אויס נומ׳ 8 פֿון באַנד און משמעות נאָך אַ וואַריאַנט וואָס איז סוף־כּל־סוף ניט אַרײַנגענומען געוואָרן.

ווי אַ מוסטער פֿון זבאַרזשערס ראָמאַנטישן סטיל זײַנען געגעבן די עטלעכע שלוססטראָפֿעס וואָס ווערן דאָ געבראַכט און וואָס דאַרפֿן כּלומרשט פֿאַרשטעלן, ווי אַזוי ס׳איז פֿאָרגעקומען דער „זעלבסטמאָרד“ פֿונעם געליבטן:

ער) דײַנע ווערטער האָבן מיך ווי אַ דונער געטראָפֿן,
עס ציטערט מיך ווי אַ פֿיבער היץ און קעלט;
אַז איך האָב שאָן צו דיר נישט וואָס צו האָפֿן,
וואָס טויג מיר דאָס לעבן, וואָס טויג מיר די וועלט.

זי) צו מײַן שמערץ איז נור דער טויט אַ מעדיציִען,
וואָרן מײַן לעבן איז מיר זייער ביטער;
עס קען גאָר קיין פֿרעמדער דאָס טיִען
וואָס אייגענע פֿאָטער און מיטער.

ער) גאָט זאָל זיי צאָלן אויף דעם גלײַכן וועג,
עס זאָל זיי זײַן ווי מיר וויי;
עס נעמט שאָן איין ענדע פֿון מײַנע טעג,
הערט פֿון מיר צינד דעם לעצטן אַדיע.

„בײַ די ווערטער דערשיסט ער זיך“, באַמערקט דער מחבר אין אַ צווייטער הערה, אונטערן טעקסט פֿונעם ליד....

[נומ׳ 10] „אוי, הערט אויסעט איר ליבע מענטשן“. — געזונגען פֿון חיה גראַבאָוויטש (סוואַלק, ביאַליסטאָקער קרײַז), פֿאַרשריבן פֿון בערל ווערבלונסקי, פֿאָלקלאָר־זאַמלער, גראָדנע, II, 1928. — וואַריאַנט סקודיצקי־ווינער, 2, זז׳ 210—212 (בערשאַד און פּאַסטעוו). אין די עלטערע פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען ניט פֿאַרצייכנט.

[נומ׳ 11] מחבר אָדער ליטעראַרישער מקור פֿון דער דאָזיקער באַלאַדע — אומבאַקאַנט. קענטיק אַ פּראָדוקט פֿון אַן אַנאָנימען פֿאָלקסזינגער, געשאַפֿן אפֿשר אויפֿן סמך פֿון אַן אַקטועלער פּאַסירונג אינעם אַמאָליקן פֿאָלקסלעבן. לויטן אינהאַלט דערמאָנט עס אָבער אַן ענלעכן ראָמאַנטישן מאָטיוו וואָס מיר געפֿינען אין וועלוול זבאַרזשערס ליבעלידער, צעוואָרפֿן אין די פֿאַרשיידענע העפֿטן פֿון זײַן מקל נועם (1868—1878). די דאָזיקע ליבע־ליריק זבאַרזשערס איז צווישן אַזאַ מאַסע סאַטירישע און אַנטיחסידישע לידער באמת אַ דיכטערישער אָאַזיס, אויב מען קען עס אַזוי זאָגן. „דער אומגליקלעכער פֿאַרליבטער“ למשל [זען ווײַטער, ז׳ 209] איז אומגליקלעך נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז „געבוירן אין אַל דאָס גוטס“, איז אויך „רײַך געגנוג“ און דעריבער „באַקומט אים ניט דאָס גליק“ (די געליבטע, הייסט עס), וואָס איז מסתמא זייער אָרעם. דער שאַרפֿער קעגנזאַץ צווישן „רײַך און אָרעם“ איז אין די באַלאַדעס, ווי אין לעבן, דער גרונטמאָטיוו וואָס שטערט און צעשטערט אָפֿט מאָל די „ליבע“ און וואָס פֿירט אויך אַ מאָל צו אַ טראַגישן סוף, צו זעלבסטמאָרד און אַפֿילו אויך צו אַ מאָרדטאַט. אַ שווערע שטערונג אין דער ליבע איז אָפֿט מאָל אויך דער „נידע־ריקער יִחוס“ פֿון דעם אָדער יענעם פֿאַרליבטן צד און וואָס שטייט ניט אָן געווינטלעך די עלטערן פֿונעם רײַכערן שטאַנד.

[נומ' 98 „וואס ווילסטו, וואס ווילסטו, א שניידער פאר א מאן". — פאר־שריבן פון ענגעלצין (פאדבראדז, סעפט' 1926). וואריאנט ג"מ, נג' 246, 249 (ווילנע און ווארשע), נג' 312, 313 (קאוונער, וויטעבסקער און פאלטאווער קרייז); כהן 2, זז' 13־14, נומ' 5, מיט מעלאדיע (אומאן, קיעווער קרייז); באסטאמסקי, ז' 66, נומ' 4 (ווילנע); לעהמאן, גנבים־לידער, ז' 200, נומ' 46, מיטן ניגון (ווארשע); סקודיצקי, ז' 129, נומ' 1 (פאוולאטש); בערעגאווסקי, נג' 91, 92, 93, 94, 95 מיט ניגונים (פון פארשיידענע געגנטן אין ר"פ). — דאס שפאסיקע חתן־כלה־ליד שפיגלט אויך אפ א פארצייטיקן שפאטישן בליק אויף פארשיידענע מלאכות און בעל־מלאכות; ס'איז קענטיק ניט קיין ספעציפיש יידישע שאפונג, נאר גיכער אן אינטערנאציאנאלער פראדוקט וואס געפינט זיך ביי אלע אייראפעישע פעלקער כמעט.

2

[א וואריאנט צום ליד, יידישער פאלקלאר נומ' 11]*

1. מאמיניו מאן הארץ מאמיניו מאן קרוין
מאן קאפ איז מיר צובראכן עין שטיק שארבן
אז די וועסט מיר נישט געבן מאמע
מאלטשען פאר א קאלע, יינג פון דער וועלט וועל איך שטארבן.

2. שטארב מאן קינד שטארב מאן קרוין
אין מאלטשען פאר א קאלע
וועל איך דיר נישט געבן
איך זאל אפילו וויסן א קאדישל צי באגראבן
אין מאלטשין פאר א שנור נישט צי האבן.

3. מאמיניו מאן הארץ מאמיניו מאן קרוין
גרעיט שוין צו דעם טיש,
גיב מיר שוין עפעס עסן
ווייל דער דאקטער אס ווין
האט מיר פארשריבן א מעדיצין
איך זאל אין מאלטשין פארגעסן.

4. ווי די מיטער האט נאר דאס דערהערט
שנעל גרעיט זי צו דעם טיש — און גיט שוין עפעס עסן
עס מאן קינד, עס מאן קרוין
די זאלסט שוין אין מאלטשין פארגעסן.

5. ווי ער האט נאר דעם ערשטן לעפל צו דעם מויל גענימען,
אך מאמע ניבזשע מיר נאך צו פארטרינקען א גלעזאלע וואן
צען מיניט פאר דעם טויט
רוף מיר נאך מאלטשין אראן.

6. ווי די מיטער האט נאר דאס דערהערט
שנעל איז זי צו מאלטשין געפלויגן

* אויסלייג פינקטלעך לויטן כתב־יד אין כהנס עזבון. צוגעגעבן בלויז נקודות.

מאלטשיניו מאן קרוין, מאלטשיניו מאן טאכטער
גרישעניו ליגט שוין אויסגעצויגן.

7. ווי מאלטשי האט נאר דאס דערהערט
שנעל איז זי צי גרישעניו געלאפן.
ווי זי איז נאר צו גרישעניו אראנגעקומען
צוויי ליכט צו קאפנס האט זי שוין געטראפן.

8. גרישעניו מאן הארץ, גרישעניו מאן קרוין
וואס איז מיט דיר אזוינס געשען
אז עיך בין נישט אנגעשטאנען דאן מאמען פאר א שניר
יינג פון דער וועלט מיסטי געין.

9. גרישעניו מאן הארץ, גרישעניו מאן קרוין
דאן מאמע האט אינדז נישט געוואלט צו די כיפע פירן,
אז נישט לעבעדיקערהייד צו דער כיפע
האנט טיט זי דעיך אין טאכריכים צירן.

10. וואס זענט איר זיך צונויפגעלאפן א פילע שטיב מיט מענטשן?
צי הערט איר דען די מוזיק שפילן
צוגעיטסאך, צוגעיטס אך מענטשן פון דער שטיב
וואל אין א טויט טור מען זעיך נישט קילן.

א. פארנעס, קאלאמיי, 1929.

„מאמיניו, מאן הארץ, מאמיניו, מאן קרוין". — דריטער וואריאנט פאר־שריבן פון א. פארנעס, קאלאמיי, מיזרח־גאליציע, 1929. — פראגמענטאריש. ס'פעלט דא בעיקר דער צווייטער דיאלאג צווישן מוטער און זון (פ"גל נומ' 11* סטר' 3־4), ווו עס רעדט זיך וועגן אויספארן די גאנצע וועלט מכוח א שידוך. אגב, אין די ווייטערע סטראפעס קלינגט עפעס פרעמדלעך, פאר א ליד פון גאליציע, אזא נאמען ווי „גרישעניו" (פונעם רוסישן „גרישא"), וואס דערפון קען מען דרינגען, אז דער דאזיקער וואריאנט איז בערך ניט לאנג ערשט אריבערגעבראכט געווארן פון ליטע אדער פון דרום־רוסלאנד קיין מיזרח־גאליציע. דערמיט איז אבער ניט אויסגעשלאסן די מעגלעכקייט, אז אונדזער באלאדע זאל זיין פון א לכתחילהדיקן גאליצישן אפשטאם.

א שטיקל רמז דערויף געפינען מיר אין ב. וו. זעגעלס „מאטעריאלן צו דער עטנאגראפיע פון מיזרח־גאליצישע יידן" (דער גאנצער מאטעריאל איבערגעזעצט אויף פויליש)....

3

[דייטש־סערביש־מאדיארישער פאראלעל צו א יידיש פאלקסליד]

1. א מערקווערדיקער פאראלעל צו א יידיש פאלקסליד פון פוילן האט זיך אפגעזוכט אין דרום־אונגערן ביי די דייטשישע קאלאניסטן, פעסטע תושבים אין

* יודישער פאלקלאר, ז' 9.

מאַריענפֿעלד (Nagy Teremia בײַ Nagy Kikinda אין באַנאַט). דער זאַמלער ה. אַרטור ביהאַן האָט עס פֿאַרצייכנט אין 1905 און שפּעטער, צוזאַמען מיט אַנדערע לידער, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער *Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, 1926, ז׳ 388. איז דאָס פֿאַר זיך אַליין אַן אינטערעסאַנט ליבעליד אין אַ געמיש פֿון דרײַ שפּראַכן: דײַטש־סערביש־מאַדיאַריש, און ס׳איז זייער ענלעך צו אונדזערס אַ צווייִשפּראַכיק ייִדיש־פּויליש ליד וואָס שטאַמט פֿון לובלינער געגנט, אָפּגעדרוקט בײַ כּהן, 1, ז׳ 14. צום פֿאַרגלײַך ווערן דאָ גע־בראַכט ביידע נוסחאָות:

1. שיין מיידעלע, רוזשע לעבן, אַז איך ליג און טראַכט, טאָ יאַ ספּאַטש ניע מאָגע די גאַנצע נאַכט.	1. Kaže mi drago, Was hast denn gemacht, Da ne mogu spavat Die ganze liebe Nacht?
2. לודזשע מניע פּאָוויאַדאַיאָן, אַז דו ליבסט מיך נישט; אַלע טאָ ניע פּראַוודאַ, דאָס גלייב איך נישט!	2. A kad ja spavam, Träume ich von dir; Dusa moja Du bist bei mir.
3. גיי איך מיר צום וואַסערל, וווּ עס שווימען גאָלדענע פֿיש; רוזשע לעבן, ביסט מיר ליבער ווי ס׳געלט אויפֿן טיש!	3. Ne slušaj svijeta, Sie geliebt, gedrückt Lažno govorú Heisse Liebe mir.
4. צען דוקאַטן גאָלד איז דאָך נישט קיין געלט; דו ביסט דאָך מיר ליבער ווי די גאַנצע וועלט!	4. Édesem, kedvesem,[1] Wos host gemocht, Mikor én aludtam[2] Die ganze Nocht?
	5. Die ganze Nacht Träume ich von dir A kada se trognem,[3] Du bist bei mir.

אונדזערע סטראָפֿעס 1־2 זײַנען כּולל אין זיך כּמעט אַלץ וואָס ווערט געזאָגט אין די 5 סטראָפֿעס פֿון דעם דײַטש־אונגערישן ליד. פֿון וואַנען אָבער און ווי אַזוי דאָס ליד איז צו אונדז געקומען בלײַבט נאָך אויסצופֿאָרשן. ס׳קען מעגלעך זײַן, אַז דאָס דײַטשיש־אונגערישע זאָל שטאַמען פֿונעם ייִדישן, מחמת בײַ די דײַטשן איז אַ ליד אין געמישטער שפּראַך אַ גרויסע זעלטנהייט, בעת בײַ אונדז געפֿינט מען אַזעלכע לרובֿ. אָבער זאָל דאָס בלײַבן דערווײַל אַ ווײַטלויפֿיקע השערה.

[1] מײַן זיסע, מײַן ליבע. [2] ווען איך בין געשלאָפֿן. [3] און ווען איך האָב אויפֿגעוואַכט.

[פּירושים אויף 24 לידער]

[דאָ ווערן געגעבן י. ל. כּהנס פּירושים אויף 24 לידער וואָס שמואל־זײַנוול פּיפּע האָט אים געהאַט צוגעשיקט אין 1935 אויף מבֿינות (זען אַ סך מאָל אין די בריוו צו ש. ז. פּיפּען אין איצטיקן באַנד, זז׳ 316 א״ו, ספּעציעל זז׳ 325—328, 339—342, 345־346). כּהן האָט זיך אונטערגענומען דורכצוקוקן די זאַמלונג פֿאָלקסלידער, וואָס פּיפּע האָט געוואָלט אָפּדרוקן, און אַרײַנגעלייגט אין דעם גאָר אַ סך מי און האַרץ. צו טייל לידער האָט כּהן פֿאָרגעלייגט אויסבעסערונגען, אַנדערע האָט ער פֿאַרבראַקירט אין גאַנצן.

דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון די „פּירושים" האָט צוגעגרייט צום דרוק ש. ז. פּיפּע אין 1938. די לידער ווערן דאָ געדרוקט מיט דעם אויסלייג ווי ש. ז. פּיפּע האָט זיי איבערגעשריבן. פּיפּעס פֿראַגעס זײַנען אײַנגעצויגן אין פּעטיט, י. ל. כּהנס תּשובֿות זײַנען געזעצט איבער דער פֿולער ברייט פֿון דער שורה.]

[נאָך דעם ווי י. ל. כּהן האָט מיר איבערגעשיקט די אָפּגעקליבענע לידער מיט די אויסגעבעסערטע טעקסטן (זע בריוו 5 צו מיר פֿון 36/X/7), האָב איך טייל לידער צוריקגעשיקט לויט זײַן אייגענעם פֿאָרשלאָג, מיט דער בקשה מיר צו דערקלערן די אויסבעסערונגען און די סיבות, פֿאַר וואָס אייניקע לידער האָט ער אין גאַנצן אויסגעשלאָסן. די תּשובֿות וואָס ווערן דאָ ווײַטער געבראַנגט זענען אַן ענטפֿער אויף אַ טייל אָפּגעוואָרפֿענע לידער. אויף 25 פֿון זיי האָט מיר י. ל. כּהן שוין נישט באַוויזן צו ענטפֿערן.

פֿון די אויסגערעכנטע לידער ברענג איך נאָר יענע סטראָפֿעס וואָס י. ל. כּהן האָט אויסגעבעסערט. קודם ברענג איך דעם לכתּחילהדיקן טעקסט מיט פּעטיט און דערנאָך דעם אויסגעבעסערטן אין גרעסערן שריפֿט. ווײַטער ברענג איך יענע סטראָפֿעס וואָס כּהן האָט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן. נאָך דעם קומען מײַנע פֿראַגעס [אין פּעטיט] און לסוף כּהנס תּשובֿות.

ש. ז. פּיפּע]

אויסגעבעסערטע לידער:

I

1. איך רײַז אַב פֿאָן דיר מײַן טײַער זיסלעבן,
איך פֿאָר שוין פֿון דיר אַוועק;
די צײַט איז געקומען
מיר זאָלן זיך פֿון די טײַערע ליבע צעשיידן
אונדזערע ליבע נעמט שוין אַן עק.

5. דו אָסט געצאַפּט מײַן בליט,
אַזוי ווי מען צאַפּט פֿון אַ פֿאַס דעם ווײַן;
גאָט ווײַסט, צו מיר וועל מיר זיך נעמען.

6. אוי וואס שטייסטו בא די פענצטער,
וואס פארא גליק האסטי אין מיר דערזען?
אוי, צו בין איך גאר דער שענצטער?

7. דיינע בעקאלעך זענען ווי די רויזן
....
....
....

געזונגען מיין פאטער אלטער הערש, 50 י"א, שניידער, סאניק 1932.

איך רייז אב פאן דיר...[1]

1. איך רייז אב פאן דיר, מיין טייער זים לעבן,
איך פאר שוין פון דיר אוועק;
די צייט איז געקומען, מיר זאלן זיך צעשיידן,
אונדזערע ליבע נעמט שוין אן עק.

5. דו האסט געצאפט פון מיר מיין בלוט
אזוי ווי מען צאפט פון א פאס דעם וויין;
איכ'א מיט דיר אזוי לאנג א ליבע געשפילט,
גאט ווייסט, צי מיר וועל' מיר זיך נעמען.

געזונגען פון אונדזער פאטער, אלטער הערש פיפע, 50 יאר אלט. א שניידער, סאניק 1932.

פאר וואס איז אריינגעשטעלט „פון מיר" און צוגעגעבן א שורה אין סטר' 5? פאר וואס איז די לעצטע סטראפע אויסגעשלאסן?

קודם־כל זאל דא אונטערגעשטראכן ווערן, אז די עטלעכע קארעקציעס וואס איך האב גאנץ פארזיכטיק אריינגעטראגן אין דעם דאזיקן ליד זיינען געמאכט געווארן ניט גלאט אזוי צוליב שיינקייט וועגן, ווי ס'קאן זיך אויס־דוכטן, נייערט כדי צו געבן אייך א קאנקרעטן ביישפיל, ווי אזוי אזא מין גע־זונגען ליד וואלט באדארפט אויסזען אין זיין פארשריבענער פארעם. ווארעם ס'איז כמעט ווי א געזעץ, אז די פארעם פון א געזונגען פאלקסליד (דער סטראפנבוי, ווי אויך דער ריטעם פון די פערזן) ווערט לכתחילה באווירקט פון דער מעלאדיע, מיט וועלכער עס ווערט געזונגען. אויב למשל די ערשטע סטראפע פון א געוויסן פאלקסליד איז א פיר־ אדער א זעקס־פערזיקע, דארפן נאטירלעך אויך די ווייטערדיקע סטראפעס פארמאגן די זעלביקע צאל פערזן. אין אייער פארצייכנטן ליד איז אבער די דאזיקע געזעץ־מעסיקייט לחלוטין ניטא. סטר' 1 איז א פינפפערזיקע. סטר' 2, 3 און 4 — פירפערזיק, און 6־5 דריי־פערזיק. שטעלט זיך די פראגע: ווי אזוי האט מען מיט דער זעלביקער מע־לאדיע וואס דארף אין אנהייב דעקן א פינפפערזיקע סטראפע געקאנט אויך

[1] זען יוווא־בלעטער, XI (1937), ז' 58, נומ' 1.

זינגען די פירפערזיקע און בפרט נאך די קירצערע, דרייפערזיקע סטראפעס? פון די סטראפעס 2, 3 און 4 ווערט אבער קלאר, אז סטר' 1 איז לכתחילה אויך געווען א פירפערזיקע סטראפע וועלכע איר האט על־פי טעות צעטיילט אויף 5 פערזן. כ'האב דעריבער געפונען פאר נייטיק צו קארעגירן דעם פעלער: אויסגעשטראכן דעם פערטן פערז פון סטר' 1, וואס חזרט איבער כמעט דאס אייגענע וואס אין 5טן פערז. די ווערטער „מיר זאלן זיך צעשיידן" אריבער־געטראגן צו דעם קירצערן 3טן פערז אזוי, אז ס'איז בלויז ארויסגעפאלן „די טייערע ליבע", וואס חזרט זיך איבער אויף אן אנדער אופן אויך אינעם 5טן פערז: „אונדזערע ליבע".

ווייטער מכוח די ווערטער „פון מיר", וואס איך האב אריינגעשטעלט אין פערז 1, סטר' 5. ס'איז קענטיק, אז זיי זיינען ביים פארשרייבן ארויסגעפאלן אדער דער זינגער האט זיי בעת מעשה פארגעסן צו זאגן (מחמת די קורצע סטראפע האט זיך שוין ניט געלאזט זינגען מיט דער לאנגער מעלאדיע), פונקט ווי ער האט בעת מעשה פארגעסן (אפשר צוליב דעם איבערראשנדיקן פראַ־צעס פון אייער שרייבן) דעם פערז: „איכ'א מיט דיר אזוי לאנג א ליבע גע־שפילט", וועלכן ער האט אין דער צווייטער סטר' דווקא יא פארגעדענקט, מחמת ער האט זי געזונגען, און דעריבער האב איך זי פון דארטן אריבער־געטראגן אין דער 5טער סטר', ווו דער אפגעריסענער שלוספערז האט געבענקט נאך זיין פאר (זע סטר' 2, פערזן 3־4), ווייל דאס איז א רעפעטירנדיקע פאר־מולע אינעם פאלקסליד.

סטר' 6 האב איך אויסגעשלאסן דערפאר, ווייל זי האט ניט קיין שום געדאנקלעכע פארבינדונגען מיטן אינהאלט פונעם ליד. די דאזיקע סטראפע שטאמט פון אן אנדער ליד (פ"גל כ[הן], I, ז' 20, סטר' 4), וואס דער זינגער האט זיך בעת מעשה דערמאנט, מיינענדיק מסתמא, אז דאס געהערט צו זיין ליד. דאס אייגענע קען אויך געזאגט ווערן וועגן דעם איינציקן פערז וואס איר האט באצייכנט מיט סטר' 7. דער זינגער מעג טאקע מיינען, אבער דער פאלקלאר־זאמלער דארף פארשטיין, אז אזעלכע אומבאדייטנדיקע נאכשלעפעניש מעג מען אויסשטרייכן, אויב מען האט זיי אפילו יא פארשריבן.

איך גלייב, אז דורך די עטלעכע קארעקציעס וואס איך האב מיט גרויס פארזיכט אריינגעבראכט אינעם ליד וועט די וויסנשאפט קיין ברעקל שאדן ניט ליידן. דערפאר אבער, רעכן איך, וועט דאס זיין פאר אייך א שטיקל אנ־ווייז, ווי אזוי מען דארף פארשרייבן, לייענען און פארשטיין א טעקסט פון א פאלקסליד. און אט דאס איז געווען מיין כוונה.

II

1. חיין נישט, ליובע, מיין טייער לעבן,
מיט קיין געוויין זאלסטו ריידן;
ס'איז שוין געקומען די טרויריקע צייט, } ביס
חען אונדז ביידע דארפן מיר זיך שיידן. }

3. * אויסװײנען זאָלסטו דײַן האַרץ, ליובע מײַן לעבן
אַזוי ווי מען וויינט ** אויף איין חורבן;
אײַנרעדן זאָלסטו דיר, ליובע מײַן לעבן, } ביס
אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. }

4. גענומען האָב איך מיר אויף העמדער, ליובע מײַן לעבן,
גענומען האָב איך מיר אײַן וועב;
ווי קען איך מיר אײַנרעדן, אַז ער איז געשטאָרבן, } ביס
*** אַז מײַנע יאָרן זען, אַז ער לעבט. }

ווײַן נישט, ליובע...[2]

1. ווײַן נישט, ליובע, מײַן טײַער לעבן,
מיט קיין געוויין זאָלסטו נישט ריידן;
‖: ס'איז שוין געקומען די טרויעריקע צײַט,
ווען אונדז ביידע דאַרפֿן מיר זיך שיידן. :‖

3. אויסוויינען זאָלסטו דיר דײַן הארץ און קלאָגן,
אַזוי ווי מען קלאָגט אויף אַ חורבן,
אײַנרעדן זאָלסטו דיר, ליובע מײַן לעבן,
אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

4. גענומען האָב איך מיר אויף העמדער, ליובע מײַן לעבן,
גענומען האָב איך מיר אַ וועב;
ווי קען איך מיר אײַנרעדן, אַז ער איז געשטאָרבן,
אַז די גאַנצע וועלט זעט, אַז ער לעבט.

צו סטר' 4. פֿאַר וואָס איז אויסגעבעסערט אויף „די גאַנצע וועלט זעט“?

לויט דער פֿאָרעם פֿון אײַער פֿראַגע וואָלט מען טאַקע געקאָנט מיינען, אַז די „אויסבעסערונג“ איז מײַן אייגענע דערפֿינדונג. אין דער אמתן אָבער האָט איר אַליין אָנגעוויזן אונטערן טעקסט, צו סטר' 4, 4, אַ וואַריאַנט: „די גאַנצע וועלט זעט, אַז ער לעבט“, וואָס איז אַפֿילו פֿאַרן פּשוטסטן פֿאָלקסמענטשן אַ סך פֿאַרשטענדלעכער, ווי דער אומזיניקער פֿערז אינעם טעקסט: „אַז מײַנע יאָרן זען, אַז ער לעבט“. אַז „יאָרן“ קענען „זען“, דאָס האָב איך פֿונעם פֿאָלק נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אָבער אַז „די גאַנצע וועלט זעט“, דאָס איז באמת אַ גוטער פֿאָלקסטימלעכער אויסדרוק. ס'איז מיר דעריבער געווען אַ גרויס חידוש, וואָס איר האָט זיך אַליין ניט געכאַפּט, אַז דער וואַריאַנט איז גראָד דער אָריגינעלער פֿערז פֿונעם ליד.

אויך צו סטר' 3, 1, האָט איר אָנגעמערקט אַ וואַריאַנט, פֿון וועלכן איך האָב בלויז אַרויסגענומען די ווערטער „און קלאָגן“, וואָס פּאַסן זיך גאַנץ גוט צום 2טן פֿערז: „אַזוי ווי מען קלאָגט אויף אַ חורבן“. פֿון וואַנען איר האָט אַט

* וואַר': אויסוויינען זאָלסטו דײַן האַרץ אין דערצו קלאָגן.
** וואַר': קלאָגט.
*** די גאַנצע וועלט זעט, אַז ער לעבט.
[2] ייִוואָ־בלעטער, XI (1937), ז' 59, נומ' 3.

די דאָזיקע אײַנפֿערזיקע וואַריאַנטן גענומען האָט איר ניט אָנגעוויזן. נאָר איך בין משער, אַז די זינגערין פֿונעם ליד אָדער אַן אַנדערע האָט אײַך געזאָגט, אַז די און די ווערטער זינגען זיך אַ מאָל אַ ביסל אַנדערש. סײַ ווי סײַ האָב איך אײַנגעזען, אַז די „אַנדערע ווערטער“ זענען מער קאָרעקט, דעריבער האָב איך זיי צוגעשריבן אויף זייערע געהעריקע ערטער. בכלל מערקט זיך, אַז צוליב געוויסע סיבות האָט איר אַליין ווייניק וואָס אַרײַנגעקוקט און זיך אַרײַנגעטראַכט אין אײַערע אייגענע פֿאַרשריבענע טעקסטן. דעריבער זײַנען נייטיק געווען די אַלע קאָרעקציעס.

III

1. אײדער דו פֿאָרסט אַוועק, (2 מאָל)
באַ וועמען לאָזטי מעך איבער? (2 מאָל)
אוי ווײ, כ'כאַלעש שיר, —
זעץ דיך אַביסאַלע אַנידער.

2. אײדער דו פֿאָרסט אַוועק, (2 מאָל)
באַ וועמען וועל עך איבערבלײַבן? (2 מאָל)
און אַז די וועסט קימען אָף דײַן אָרט,
אַ בריוואַלע זאָלסטי מיר שרײַבן.

אײדער דו פֿאָרסט אַוועק*

1. [3] אַז דו פֿאָרסט אַוועק,
באַ וועמען לאָזסטו מעך איבער?
אוי ווײ, כ'כאַלעש שיר, —
זעץ דיך אַ ביסאַלע אַנידער.

2. אַז די פֿאָרסט אַוועק,
באַ וועמען וועלעך איבערבלײַבן?
און אַז די וועסט קומען אָף דײַן אָרט,
אַ בריוואַלע זאָלסטו מיר שרײַבן.

פֿאַר וואָס איבערגעמאַכט „און אַז דו פֿאָרסט אַוועק“?

ס'איז איבערגעמאַכט דער צייכן „(2 מאָל)“, ווײַל ס'איז אַלטמאָדיש אָנצומערקן בײַ יעדן פֿערז, אַז מען דאַרף אים איבערזינגען „צוויי מאָל“. אַגבֿ, האָבן מיר דאָך עפּעס צו טאָן ניט מיט קיין פּויערים. פֿאַר אונדזער לייענער איז גענוג אַזאַ צייכן, כּדי ער זאָל פֿאַרשטיין, אַז דער פֿערז ווערט געזונגען צוויי מאָל. דער מוזיקאַלישער איבערחזר־צייכן איז אָבער ניט נייטיק פֿאַרן ערשטן פֿערז וועלכער איז אַזוי קורץ, אַז ער פּאַסט זיך בעסער אין אַ ווערטלעכער איבערחזרונג, וואָס מאַכט אַגבֿ אַ שטאַרקערן אײַנדרוק, ווײַל אַזוי איז ער טאַקע געזונגען געוואָרן.

* דאָס דאָזיקע ליד און די ווײַטערדיקע זײַנען ניט געווען געדרוקט.
[3] בײַ די ערשטע פֿערזן פֿון די סטראָפֿעס 1־2 איז צוגעשריבן מיט אַ בלײַער, מיט כּהנס האַנט: און אַז דו פֿאָרסט אַוועק / OK (כּהנס סימן פֿאַר „זייער גוט“).

IV

1. ווער ס׳זאָגט, אַז אַ ליבע איז קיין קרענק,
אוי, אוי, אוי,
די ליבע איז אַן אומגליק אויף דער וועלט;
דאָרך די ליבע קריגט מען אַ לינגן־פֿעלער,
אוי, אוי,
דורך די ליבע גייט מען יִינג פֿון דער וועלט.

2. וואָס אָסט די זיך אָנגעכאַפּט אין מיר?
אוי, אוי, אוי,
צי אָסטי קיין שענערע געזען?
די אָסט געקענט נעמען אַ מיידאַלע שענער פֿון מיר,
די אָסט געקענט נעמען אַ מיידאַלע מיט געלט.

3. צוויי יאָר מוז איך אויף דיר וואַרטן,
אוי, אוי, אוי,
צוויי יאָר איז דאָך קיין טאָג,
אוי, אוי, אוי,
און איך וויין אין קלאָג.

4. בײַ וועמען ס׳איז פֿינצטער באַנאַכט,
אוי, אוי, אוי,
בײַ מיר איז פֿינצטער באַטאָג;
אַלע מיידאַלעך ווערן שוין כּלות,
אוי, אוי,
און איך וויין און קלאָג.

געזונגען: רוזשע קאָלבער, 37 י״אַ. געהערט מיט 25 י׳ צוריק פֿון אַ קאַטעריניאַזש אין קראָקע, סאָניק 1933. כּהן, I, ז׳ 146, נומ׳ 17, לעהמאַן אין לאַנדוי־בוך, ז׳ 304, נומ׳ 13, פֿון דאַנעט אין גנבֿים־לידער, ז׳ 163, נומ׳ XX, קיפּניס, II, ז׳ 7.

ווער ס׳זאָגט אַז אַ ליבע...

1. ווער ס׳זאָגט אַז אַ ליבע איז קיין קרענק, אוי, אוי, אוי!
די ליבע איז אַן אומגליק אויף דער וועלט;
דורך די ליבע קריגט מען אַ לינגן־פֿעלער,
דורך די ליבע גייט מען יִינג פֿון דער וועלט.

2. וואָס אָסט די זיך אָנגעכאַפּט אין מיר, אוי, אוי, אוי!
צי אָסטי קיין שענערע געזען?
די אָסט געקענט נעמען אַ מיידאַלע שענער פֿון מיר,
די אָסט געקענט נעמען אַ מיידאַלע מיט געלט.

3. בײַ וועמען ס׳איז פֿינצטער בײַ נאַכט, אוי, אוי, אוי!
בײַ מיר איז פֿינצטער באַ טאָג;
אַלע מיידאַלעך ווערן שוין כּלות,
און איך וויין אין קלאָג.

פֿאַר וואָס איז אויסגעשלאָסן די דריטע סטראָפֿע?

צווישן זיך גערעדט, וואָלט מען ניט נאָר די 3טע סטר׳ געמעגט אויסשליסן, נאָר אַפֿילו אויך ס׳גאַנצע ליד. מחמת אין דעם דאָזיקן ליד איז ניט פֿאַראַן קיין אייציקער פֿערז וואָס זאָל זײַן כאַראַקטעריסטיש פֿאַר גאַליציע נאָך דעם ווי דאָס איז שוין דאָרט באַקאַנט געווען מיט אַ 25 יאָר צוריק, לויט אײַער אָנמערק. נאָר צוליב אַנדערע טעמים האָב איך גערעכנט, אַז דאָס ליד דאַרף יאָ פֿאַרבלײַבן אין אײַער זאַמלונג, אַחוץ דער 3טער סטר׳ וועלכע באַשטייט בלויז פֿון דרײַ גאָרניט זאָגנדיקע פֿערזן וואָס האָבן קיין שום שײַכות ניט צו די אַנדערע.

די איצטיקע 3טע סטראָפֿע געפֿינט זיך אויך אין אַנדערע לידער. איר האָט עס מסתמא באַמערקט.

V

1. צוועלעוון שפּעט באַ די נאַכט,
אײַנגערעדט האָט זיך אַ יִידישע טאָכטער
אײַן קריסט פֿאַר אײַן מאַן. (2 מאָל)

2. צוועלעוון שפּעט בײַ די נאַכט
איז ער צו איר אַרויפֿגעקומען,
טו דיך אָפּ מײַן טײַער לעבן
וועל מיר גיין שפּאַצירן.

3. געגעבן האָט זי זיך אַ טו אָפּ
דאָס ווײַסע זײַדענע קלייד.
געגאַנגען מיט דעם אַדוואָקאַט שפּאַצירן,
צוועלעוון שפּעט באַ די נאַכט.

4. צוועלעוון שפּעט באַ די נאַכט,
געטראָפֿן האָבן אים צוויי טאָוואַרישן
און פֿרעגן אים:
„וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט בײַ די נאַכט?״

5. צוועלעוון שפּעט באַ די נאַכט,
הער זי אויף צו שטראָפֿן,
מאַך אַן עק פֿון איר לעבן,
גיי אַהיים שלאָפֿן.

6. ווי זי האָט דאָס דערהערט,
האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען,
איך בין דײַנס אַ געטרײַער געליבטער
לאָמיך לעבן ביז מאָרגן.

7. אוי, ביז מאָרגן קען איך דיך נישט לאָזן לעבן,
ווײַל דו ווילסט דײַן מאַמען דערציילן,
אויף די זשאַנדעמערי וועסטו צו וויסן טון,
פֿירן וועט מען מיך געשלאָסן.

8. די רעכטע האַנט האָט ער אויסגעצויגן,
דעם לינקן פֿוס האָט ער איר אַרויסגעריסן,
געשלעפּט האָט ער זי איבער אַלע שטיינער,
אין וואַסער אַרײַן האָט ער זי געשמיסן.

9. אוי דו שיינער בוים, אוי דו זיסער בוים,
אוי ווי הויך און שיין ביסטו געוואַקסן,
אַז מײַן מאַמע וועט קומען עדות פֿרעגן,
דעם אמת זאָלסטו איר דערציילן.

10. ווי די מאַמע איז געקומען עדות פֿרעגן,
געשווירן האָב איך מיך בײַ מײַן לעבן,
אַז דעם אמת וועל איך נישט דערציילן.

1. אײַנגערעדט האָט זיך אַ ייִדישע טאָכטער,
אַז זי וויל אַ קריסט פֿאַר אַ מאַן,
....
....

2. צוועלעוון שפּעט בײַ נאַכט,
איז ער צו איר אַרויפֿגעקומען;
„טו דיך אָפּ מײַן טײַער לעבן,
וועלן מיר גיין שפּאַצירן.“

3. גענעבן האָט זי זיך אַ טו אָפּ
דאָס ווײַסע זײַדענע קלייד;
געגאַנגען מיט דעם אַדוואָקאַט שפּאַצירן,
צוועלעוון שפּעט בײַ די נאַכט.

4. צוועלעוון שפּעט בײַ די נאַכט,
נעטראָפֿן האָבן אים צוויי טאָוואַרישן,
האָבן זיי אים געפֿרעגט:
„וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?“ [4]

ווי איר קענט זען, האָב איך געפּרוּווט עפּעס מאַכן פֿון דעם דאָזיקן ליד, אָבער ס׳האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. ווײַל אַן אַנדערער האָט מיט דער אַן אַ צאָל „צוועלעוון שפּעט בײַ דער נאַכט“, אַזוי פֿיל אָנגעמאַכט, אַז עס האָט זיך שוין גאָרניט געלאָזט מאַכן דערמיט.

ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס דער זינגער האָט קאַליע געמאַכט אַזאַ גוט ליד. די סטראָפֿעס 7־9 זענען אַרויס פֿון דעם קאַליע־מאַכערס האַנט אומבאַשעדיקט.

[4] ביידע טעקסטן, דעם לכתחילהדיקן און דעם אויסגעבעסערטן, האָט כּהן איבערגעשטראָכן מיט אַ בלײַער און דערקלערט פֿאַר וואָס דאָס ליד ווערט אויסגעשלאָסן.

אויסגעשלאָסענע לידער:

V

1. אין דרויסן איז פֿינצטער,
פֿינצטער און גליטשיק שפּעט בײַנאַכט
מען הערט קיין שום שאָרך, קיין פֿייגעלע פֿליִען אָף דער גאַס.
נישט ווײַט פֿון דעם דאָרף, דער הימל בלויען ווײַסן
דאָרט פֿינקלען פֿיל שטערן מיליאָנען זייער אַסך.

2. די בלומען בליִען, מײַנע געדאַנקען דאָך נאָך צו דיר (2 מאָל)
איך ליג בײַ דער נאַכט, און קלער און טראַכט,
איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס.
איך מאַט דאָך געוואָלט מיט דיר 2 ווערטער רײַדן,
איך מאַט דאָך נאָר געוואָלט מיט דיר אין איינעם זײַן.

3. דײַן שײַן פּנים מיט דײַנע שײַנע אָטשקאַלעך,
און דײַן מויל מיט דײַנע שיינע קלאָרע ווײַסע ציין,
איך מאַט דאָך נאָר געוואָלט אאַז״ח.

4. דײַן מאַמעניו גייט און זי זאָגט אַזוי;
אַז פֿון אונדזער ליבע זאָל דעך ווערן צו נישט.
קראַנטער וואָלט געווען, דײַן מאַמעניו זאָל דאָס נישט דערלעבן,
איידער אויס אונדזער ליבע זאָל ווערן צו נישט.

5. שעלטן, שעלט נישט מײַן מאַמעניו,
ווײַל מײַן מאַמעניו מישט זיך אין אונדזער ליבע נישט אַרײַן,
איך מאַט דאָך נאָר געוואָלט אאַז״ח.

6. פֿאָרסט אַוועק, דו פֿאָרסט אַוועק אין אַ ווײַטן לאַנד,
אָך! גיבזשע מיר לובטשו די רעכטע האַנט;
לאָזן כאַטש מענטשן, מענטשאַלעך זאָלן וויסן,
אַז קײַן אמתדיקע ליבע אָף דער וועלט נישט פֿאַראַן.

ה. מ. פֿ., 18 י״אַ, צימער־מאָלער, סאַניק, 1932.

דאָס דאָזיקע ליד איז אויסגעשלאָסן דערפֿאַר, מחמת עס איז נישט מער ווי אַ פּלאָנטער פֿון פֿאַרשיידענע פֿערזן און סטראָפֿעס, וואָס דערגרייכט אַזש ביז אומזין. די ערשטע צוויי סטראָפֿעס שמעקן מיט ליטעראַטור כּלומרשט, מיט קונסטליד, אָבער דערפֿאַר אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרקריפּלט, אַז ס׳איז פּשוט שווער צו גלייבן, צי אַזאַ מין ליד האָט עמעצער געקענט זינגען. ווײַטער די סטראָפֿעס 3־6 שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ מין „מיש־מאַש“ פֿון פֿאַרשיידענע פֿערזן וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקסטע פֿאָלקסלידער און וואָס מאַכן ווידער, צוזאַמען מיט די ערשטע, אַן אײַנדרוק פֿון הוילן אומזין.

כ׳האָב דעריבער געהאַלטן, אַז אַזעלכע זינלאָזע לידער דאַרפֿן דערווײַטערט ווערן פֿון אײַער גוטער זאַמלונג וואָס דאַרף זײַן אַ מוסטער־זאַמלונג פֿונעם גאַליצישן פֿאָלקסליד.

VI

אויף דעם טיפֿן מער בין איך געפֿאַנגען געוואָרן.
עס איז אויף מיר געקומען דער עוויגער צאָרן,
פֿאַרשאָלטן זענען מײַנע יאָרן, וואָס איך בין אַזוי יינג געבוירן,
און אַז מ׳זאָל נאָר, טריפֿע ראַלע (?)
טראַ־ראַ ראַ לאַ לאַ, טראַ ראַ ראַ, לאַ לאַ.

עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך מוז טרויריק אַרומגיין,
אַז איך מוז אַזוי זיצן, ווי אין ביטערע אַנגסטן שוויצן.
ס׳איז נישט קיין מעדיצין פֿערהאַנען, דאָס מ׳זאָל מײַן קרענק קורירן,
דאָס מ׳זאָל יאָ נאָך אַמאָל אין איין מער אַרײַנפֿירן
טראַ ראַ לאַ לאַ, טראַ ראַ ראַ לאַ לאַ.

ניין, ניין, דאָס קאָן ניט זײַן,
בלײַבסט בײַ אונדז, ווײַל דו ביסט שען אונד טאַנצט זייער היפּש.

ה. מ. פּ., 18 י״אַ, שטובמאָלער, סאָניק, 1932.

דער 18יעריקער ה. מ. פּ., ווײַזט אויס, איז אַ קלוגער חבֿרה־מאַן. ער האָט אײַך געוואָלט נעמען אויף זיכער מיט זײַן אייגן ליד וואָס ער האָט אײַך פֿירגעזונגען ווי אַ פֿאָלקסליד. און ס׳איז טאַקע שווער צו דערקענען, ווען מען טראַכט זיך ניט אַרײַן אין דעם זינען פֿון די פֿערזן. דאָס פֿאָלק וועט ניט זינגען: „פֿאַרשאָלטן זענען מײַנע יאָרן, וואָס איך בין אַזוי יינג געבוירן״. וואָס דען, „אַלט געבוירן״ וואָלט געווען בעסער? און וואָס „עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך מוז טרויעריק אַרומגיין״, וואָס דען, עס זאָל אײַך ניט לייד טאָן, וואָס ער גייט אַרום טרויעריק? און כאָטש ער „מוז אַזוי זיצן, ווי אין ביטערע אַנגסטן שוויצן״, ווײַל „ס׳איז קיין מעדיצין פֿאַרהאַנען, דאָס מען זאָל מײַן קרענק קורירן״ און עס בלײַבט נישט מער „דאָס מען זאָל יאָ נאָך אַמאָל אין איין מער אַרײַנפֿירן״, פֿון דעסט וועגן זאָגט מען אים:
„ניין, ניין, דאָס קאָן ניט זײַן,
בלײַבסט בײַ אונדז, ווײַל דו ביסט שען אונד טאַנצט זייער היפּש״.

אויך אין פֿאָלק זענען פֿאַראַן מענטשן, גראַפֿאָמאַנען, וואָס מיינען, אַז דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער איז אַ לײַכטגלייביקער און מען קען אים גאַנץ לײַכט אָפּנאַרן. דאַרף מען זיך היטן פֿאַר אַזוינע און מען דאַרף זיי גלײַך זאָגן: אײַער ליד איז געמלאָכהט, ס׳טויג נישט פֿאַר מיר.

חבֿרטע נחמה [עפּשטיין] וואָלט אין ליד געפֿונען הומאָריסטישן שטאָף. איר מעגט עס איר ווײַזן. זאָל זי אויך הנאה האָבן.

VII

זעקס יאָר אַ ליבע צו שפּילן,
זעקס יאָר איז דעך נישט קיין טאָג
אוי, אוי, אוי נעמען קענען מיר זיך ניט.
אוי, ווײַל מײַן מאַמע גייט אַרום אין שעלט } 2
אַ אָרים מיידל פֿאַר קיין שנור ווייל זי ניט } 2

אוי מאָריץ וועסט באַדויערן אַלע מײַנע רייד,
דו אָסט געוויסט, אַז דו קענסט קיין ליבע שפּילן,
וואָס זשע האָסטו מיר מײַן יינגן קאָפּ פֿאַרדרייט?

מאָריץ איך בין דיר מוחל, און גאָט זאָל דיר מוחל זײַן
נאָר אײַן זאַך וועל איך בײַ גאָט בעטן
דו זאָלסט צו מײַן טיר בעטלען גיין.

אוי, שענקטס מענטשן אַ נדבֿה,
אוי, דעם מענטשן, וואָס שטייט פֿאַר אײַער טיר.
אוי, אוי, ווי גערנע וואָלט איך געוואָלט וויסן,
וואָס הערט זיך אין אײַער פֿאַטערלאַנד.

פֿון מײַן פֿאַטערלאַנד קאָן איך אײַך נישט דערציילן,
ווײַל מײַן האַרץ טוט דעך מיר וויי,
נאָך אײַן געליבטע טו איך אַרומרײַזן,
נאָך אײַן געליבטע טו איך אין די הײַזער גיין.

מאָריץ מײַן געליבטער מאָריץ,
מיט וואָס זאָל איך דיר בײַהילפֿיק זײַן?
דו זאָלסט עים בײַהילפֿיק זײַן,
ער זאָל בײַ דיר אײַן דינער זײַן.

מאַמע דאָס איז נישט קיין עצה,
אוי, אוי, מאַמע דאָס איז נישט קיין פּלאַן,
פֿריִער וואַר ער מײַן געליבטער,
הײַנט זאָל ער בײַ מיר אײַן דינער זײַן.

מ. פּ., געהערט פֿון אַ פּוילישן בעטלער, סאָניק, 1932.

דאָס ליד איז אַ היפּש ביסל געמלאָכהט. ניט אומזיסט הייסט די זינגערין מיטן נאָמען „פּ.״, אפֿשר איז זי עפּעס אַ שטיקל קרובֿה מיט דעם בחור ה. מ. פּ., דער וואָס האָט אײַך געזונגען דאָס ליד „אויף דעם טיפֿן מער בין איך געפֿאַנגען געוואָרן״ און דאָס ליד: „אין דרויסן איז פֿינצטער״? אַגבֿ, בין איך משער, אַז אימעצער האָט אײַך געגעבן דאָס ליד שוין אַ פֿאַרשריבנס, און דער אימעצער האָט קענטיק ניט געוווּסט, אַז דער סטראָפֿנבוי אין אַ פֿאָלקסליד איז געוויינטלעך אַ גלײַכמעסיקער. ווארעם מען קען ניט זינגען אַ ליד, וואָס זײַן ערשטע סטר׳ איז אַ פֿינפֿפֿערזיקע, די 2טע און 3טע — דרײַפֿערזיק, און די איבעריקע פֿירפֿערזיקע סטראָפֿעס. אַ פֿאָלקסזינגער קען נישט דערציילן קיין ליד, ער קען אַנדערש ניט איבערגעבן זײַן אינהאַלט, נאָר זינגענדיק.

אַדרבא, פּרובירט זינגען די ערשטע סטראָפֿע, מיט וואָס פֿאַר אַ ניגון איר ווילט, אַבי עס זאָל דעקן אַלע 5 פֿערזן, און דאַן פּרוּווט מיט דעם זעלביקן ניגון די צווייטע סטראָפֿע, די דרײַפֿערזיקע — וועט איר זען, אַז פֿאַר דעם אַנדערן טייל פֿונעם ניגון וועט איר ניט האָבן קיין ווערטער.

צי שלעכט, צי גוט, אַ פֿאָלקסליד מוז געזונגען ווערן. אַנדערש קען מען

עס נישט פֿאַרשרײַבן. טוט מען אַנדערש, מוזן פֿעלן ווערטער און אַפֿילו גאַנצע פֿערזן. ס'דאַרף אײַך נישט באַנג טון נאָכן ליד, מחמת ס'איז קענטיק אַ טעאַטער־ליד. נאָר אין אַ טעאַטער־ליד קאָן זײַן אַזאַ פֿראַגע: „וואָס הערט זיך אין אײַער פֿאַטערלאַנד"? אָן אמת פֿאָלקסליד ווייס נישט פֿון קיין פֿאַטערלאַנד.

VIII

שפּאַצירן בין איך געגאַנגען
אין אָדעס אויף אַלעקסאַנדערס פּראָספּעקט
אײַן פֿרײַלײַן האָב איך דאָרט געטראָפֿן
צווישן די ביימאַלעך פֿאַרשטעקט.

דאָס פֿרײַלײַן האָט מיר מײַנע אויגן פֿאַרשײַנט,
דאָס איך האָב געמיינט,
אַז דאָס איז נאָר אַ בריליאַנט.

ווי כ'בין צו איר נענטער צוגעקומען,
זי האַלט דאָס ביכאַלע פֿאַרקערט,
איך בין נאָך נענטער צוגעגאַנגען;
דאַן טיט זי מעך שוין פֿאַרלאַנגען.
איין פּאָר קאָמפּלימענטן האָט זי מיר געמאַכט
דעם רינג פֿון די האַנט אַראָפּגענומען. } 2

צו מאָרגן קום איך צו איר,
זי הייבט מיך נישט אָן צו דערקענען,
זי פֿרעגט מיך „ווער ביסטו"?
איך וויל דיך מער נישט קענען.
אין דערצו האָט זי מיר אײַן סקאַנדאַל געגעבן,
וואָן! זשיד, פּאַרך! האָט זי מיר געשריגן.

אַלטע גאָלדפֿישער, 26 י"אַ, געהערט פֿון סאַלקע האָטמאַן
פֿון אומאַן, קיִעווער גוב', דוקלע, קראָסנער פּאָוויאַט, 1933.

קענטיק, געמאַכט פֿון אַ ביליקן אַקטיאָר. ס'איז ניט קיין פֿאָלקסליד און דערפֿאַר — אויסגעשלאָסן.

אָגבֿ, ווי קומט עס, וואָס די ערשטע סטראָפֿע פֿאַרמאָגט 4 פֿערזן, די 2טע — 3, און די לעצטע צוויי — צו 6 פֿערזן?

צי האָט מען דאָס ליד געזונגען מיט דרײַ פֿאַרשיידענע מעלאָדיעס, צי בלויז מיט איינער?

אַחוץ דעם, לייענט איבער נאָך אַ מאָל דאָס ליד און באַשטימט אַליין, צי דאָס האָט עפּעס אַ ברעקל ווערט, צי ניט?

איר ווייסט דאָך, אַז חבֿרטע נחמה [עפּשטיין] זוכט הומאָריסטישן שטאָף. טאָ גיט איר איבערלייענען דאָס ליד, זאָל זי אויך הנאה האָבן.

XI

1. בײַ די אָנפֿאַנג פֿון אונדזער ליבע
איז געווען צוקער זיס,
נאָר די ענדע פֿאָן אונדזער ליבע
האָט זיך אויסגעלאָזט זייער מיאוס } 2 מאָל

2. שפּאַצירן, שפּאַצירן זענען מיר געגאַנגען
צווישן קאָרן אין זאַנגען,
אָנגעקושט אין אָנגעהאַלדזט
צו מיליטער געגאַנגען. } 2 מאָל

3. וויין נישט ליובטשו,
וויין נישט דושקעניו
איך האָב דיך באמת ליב,
אויף די ערשטע סטאַציע
די קאָמפּאַניע וועט שטיין
שרײַבן וועל איך דיר אַ בריוו. } 2 מאָל

4. די שונאים, די שונאים זיי וועלן זיך דערלעבן אַ נקמה,
זיי וועלן זאָגן אַזוי,
אין דו דושקעניו
דו וועסט נאָך צו מיר קומען.

(סאָניק)

די אַלע וואַריאַנטן פֿון דעם „ערשטן אָנפֿאַנג פֿון אונדזער ליבע" זענען נישט מער ווי ברעקלעך פֿון אַ גרעסערן ליד וואָס געפֿינט זיך כמעט אין אַלע געדרוקטע זאַמלונגען. אָגבֿ גיבן זיי גאָרניט צו צו יענעם ליד. איז צו וואָס דאַרפֿט איר האָבן אין אײַער זאַמלונג נאָך מער ווי צוויי וואַריאַנטן? (נג' 17, 18).

X

פּלוצלונג דערזע איך אַ העלדישע מויד,
פֿאַרליבט האָב איך מיר אין איר.
פֿאַרליבט האָב איך מיך ביז צום טויט,
ווײַל אירע אויגן האָבן מיך געצויגן.
ווי איך האָב נאָר זי דערזען,
ווײַל אירע חנדלעך און אירע ווײַסע ציינדלעך,
אוי, כ'אָ געמיינט, אַז איך ווער פֿאַריקט.[5]

(לינסק)

שפּאַצירן, שפּאַצירן זענען מיר געגאַנגען אַרום, אַרום פֿאָלוואַק,[6]
אויפֿגעגעסן און אויסגעטרינקען פֿון אַלערליי ציקערוואַרק.
כ'אָ זעך מורא עסטעריניו, זיסעניו, אונדזער ליבע זאָל ניט ווערן אַ טאַאַך.

[5] משוגע.
[6] פֿאָלוואַרק.

טאָכאַלעך וואַסער שווימען זיך אויס, גריבער בלײַבן דאָך ליידיק,
איך פֿאַרהאָף צו גאָט דודוניו לובוניו, אונדזער ליבע וועט בלײַבן אַף עיוויק.

ר. ש. געהערט פֿון אַ רוסישן געפֿאַנגענעם, סאָניק, 1933.
י. ל. כּהן, אַמ׳ פּנקס, ז׳ 93, נומ׳ 24, 6־7טע סטר׳ פֿון
ענלעכן אינהאַלט. ש. לעהמאַן אין לאַנדוי־בוך, ז׳ 295,
נומ׳ 4, לעצטע סטר׳. ראָזנטאַל, רשומות, II, ז׳ 365, נומ׳ 15.

די עטלעכע פֿערזן האָבן ניט קיין שום ווערט. וואָרעם וואָס עפּעס „פּלוצ־לונג דערזע איך אַ העלדישע מויד״? אויך די אַנדערע פֿערזן זענען פֿאַראַן לרובֿ אין אַנדערע, בעסערע וואַריאַנטן, און דאָ, פֿאַר זיך גופֿא, האָבן זיי קיין ברעקל זינען ניט.

XI

1. אַמאָל האָט דער חתן די כּלה געוואָלט אויספּרוּוון
צו זי איז נישט קײַן נאַר,
האָט ער איר געהייסן מאַכן
אַ לייטער, ביז אין הימל אַרײַן.

2. איך וועל מאַכן אַ לייטער
ביז אין הימל אַרײַן,
אַז די וועסט מיר די שטערן איבערציילן
וויפֿל זיי וועלן זײַן.

3. איך וועל דיר די שטערן איבערציילן
וויפֿל זיי וועלן זײַן.
אַז די וועסט מיר דעם ים אויסשעפּן,
קיין וואַסער זאָל דאָרט נישט זײַן.

4. איך וועל דיר דעם ים אויסשעפּן
קיין וואַסער זאָל דאָרט נישט זײַן,
אַז די וועסט מיר די פֿיש אויפֿעסן
לעבעדיק וועלן זיי זײַן.

5. איך וועל די פֿיש אויפֿעסן
לעבעדיק וועלן זיי זײַן,
אַז די וועסט מיר זיבן קינדערלעך האָבן
אַ מיידאַלע זאָלסטי זײַן.

6. איך וועל דיר זיבן קינדערלעך האָבן
אַ מיידאַלע וועל איך זײַן,
אַז דו וועסט מיר מיטן קאָפּ פֿאַרלייגן
טיף אין דר׳ערד אַריין.

(סאָניק)

ס׳זענען פֿאַראַן אַ סך מער ווי זיבן וואַריאַנטן צו דעם דאָזיקן ליד, בעסערע און מער אויספֿירלעכע, איז צו וואָס זאָל מען דרוקן אַזאַ פֿראַגמענט? די ערשטע סטראָפֿע איז קענטיק געמלאָכהט. אַ סימן: די אַלע פֿיר פֿערזן גראַמען זיך נים. טאָ ווי קען מען אָנהייבן זינגען אַ ליד אָן גראַמען?

XII

1. דורך די פֿינצטערע נאַכט
ליג איך באַשטענדיק און טראַכט,
זײַט איך בין פֿון מײַן מאַמעס היים אַוועק,
דאָס פֿאַרשטייט יעדער זייער גוט,
איך בין געעלטערט אַ שרעק,
ווער ס׳וויל נישט צאַפּט מיר מײַן בלוט.

2. אוי, אוי, אוי, ווער קען דען שפּירן מײַן שמערץ?
אוי, אוי, אוי, פֿאַרביטערט איז מיר מײַן הערץ.
פֿון אַזאַ טײַערע ליבע
בין איך געבליבן עלנט ווי אַ שטײַן,
פֿון מײַן מאַמעס היים פֿאַרטריבן
מענטשן ווער קען דאָס פֿאַרשטיין?

3. מײַן מאַמעניו האָט מיך געלאָזט שטודירן,
ווי איך זאָל מיך קייגן אַ שלעכט ווײַב אויפֿפֿירן,
אײַן שלעכט ווײַב מוז מען דאָך מאַאַדן,
ווײַל אַ שלעכט ווײַב איז זייער נישט גוט,
פֿון אַ שלעכט ווײַב מוז מען אַנטלויפֿן,
ווײַל זי נאָגט אויס דעם מאַן דאָס ביסל בלוט.

סאָניק, 1934. געווען באַקאַנט מיט אַ 30 י׳ צוריק.

לייענט בלויז איבער די 3טע סטראָפֿע און פֿרעגט זיך אַליין, צי אַ מאַמע לאָזט שטודירן אַ זון, כּדי ער זאָל וויסן, ווי אַזוי ער זאָל זיך קעגן אַ שלעכט ווײַב אויפֿפֿירן? אַן אַקטיאָר קען אַזעלכעס פּלוידערן, אָבער ניט דאָס פֿאָלק.

XIII

1. נאָך וועמען טוסטו וויינען,
נאָך וועמען טוסטו טרויערן,
נאָך וועמען האָסטו } 2 מאָל
דײַן שיינעם גלאַנץ פֿאַרלוירן }

2. עך האָב אַמאָל אַ ליבע געשפּילט
העכער דרײַ יאָר,
אוי געוואַלד, אַ ליבע איז נישט גיט, נישט גיט
די ליבע קוילעט אַ וועלט מיט יונגע קינדער,
אוי געוואַלד, אַ ליבע איז נישט גוט, נישט גוט.

(נײַ־סאַנץ) געזונגען געוואָרן מיט אַ 40 יאָר צוריק.
פֿ״גל ל. ב—ן, ז׳ 378, נומ׳ 4, לעצטע סטר׳.

אָפּגעריסענע פֿערזן פֿון פֿאַרשיידענע גרעסערע לידער, וואָס האָבן פֿאַר זיך גופֿא קיין שום זינען ניט, דאַרף מען ניט אויפֿנעמען אין אַזאַ אויסגעצייכנטער זאַמלונג פֿון גאַליצישע פֿאָלקסלידער.

XIV–XV

פֿייגאַלע נישט וויינען און קלאָגן
ווײַל דײַן הילף איז שוין נישט ווײַט,
נאָענט ועט זײַן דײַן גליקלעכער טאָג
צו פֿירן דײַן גאָלדענע צײַט.

כ׳וועל ווידער זינגען פֿריילעכע לידער אויף דײַן צווײַגאַלע
גאָטס שליח ועט ברענגען אַהיים, אַהיים מײַן פֿייגאַלע.
פֿייגאַלע נישט וויינען און קלאָגן אאַז״וו.

(סאָניק, 1933)

פֿון אָנפֿאַנג ליבע איז דער זייער גיט,
די ענדע איז דער טרויעריק און ביטער,
אי׳ כ׳אָמיך געליבט אַזאַ מין לאַנגע צײַט,
און נישט געוואָלט פֿאָלגן מײַן מיטער.

ווײַל אָרים און רײַך, זאָלסטי מײַן קינד...
זאָלסטי וויסן ווײַטער צו זײַן.

(קפּיטשינעץ, טאַרנאָפּאָלער וואָיעוו׳, 1935)

אַזעלכע ברעקלעך פֿון גרעסערע לידער, וואָס אימעצער האָט זיך צופֿעליק דערמאָנט, האָבן קיין שום ווערט ניט, בפֿרט נאָך ווען ס׳איז סתּם געפּלוידערט.

XVI

1. שׂראָל מיט שׂרהן זיצן אויף אײַן באַנק,
אוי ווײ שׂראָל כ׳בין געפֿערלעך קראַנק,
כ׳בין געפֿערלעך קראַנק, כ׳שעם מעך אויסצוזאָגן,
דער דאָקטער האָט מעך געהייסן חתונה האָבן.

2. חתונה האָבן — ס׳גייט דיר נאָר אין דעם?
לאָמירביידע חתונה האָבן, ווען קיינער וועט גישט זען,
לאָמיר ביידע חתונה האָבן אויף אַ האַלבע שעה,
לאָמיר ביידע חתונה האָבן ווען קיינער איז נישטאָ.

3. אַז דו וועסט קומען צו די מאַמען אַהיים,
מיט אַ גרויס יומער מיט אַ געוויין,
וועט די מאַמע מיט דיר צום דאָקטער גיין.

....

4. אַז דו וועסט קומען צום דאָקטער אויף די טיר
זאָלסטו געבן אַ ווינק, אַזוי ווי עך צי דיר.
זאָלסט אים אײַנשטיפּן אַ קערבאַלע אין די האַנט
ער איז אויך קיין נאַר נישט, און ער האָט דאָס נישט פֿײַנט.

5. אוי ווײ הער דאָקטער, וואָס טוט איר לאַכן?
אפֿשר דאַרף מען אַן אָפּעראַציע מאַכן,
האָט זעך דער דאָקטער זייער שטאַרק צעלאַכט.
ס׳איז געווען איינער, וואָס האָט איר שוין אָנגעמאַכט...

6. גאַנץ זלאָטשעוו קלינגט דעך מיט איר,
פֿאַר וואָס זי האָט זעך אַזוי שנעל פֿאַראומגליקט מיט אים,
ר׳האָט דעך מעך געלובעוועט, און ר׳אָט דעך מעך געגלעט,
און ר׳האָט מעך צוגעפֿירט צו אַ שניי ווײַס בעט.

(סאָניק, 1933)

אויך אַ ליד פֿון אַ ביליקן אַקטיאָר, מיט געמיינע אָנצוהערענישן. דאָס אמתע פֿאָלק זינגט ניט אַזעלכע לידער.

XVII

1. איך שווער דיר בנאמנות
און האָב אויף מיר רחמנות,
גלייב מיר איך ליב קיינעם נאָר דיך,
עפֿן אויף מײַן הערץ, און זע מײַן שמערץ
און האָב שוין רחמנות אויף מיר.
} 2 מאָל

2. דאָרט גייען שפּאַצירן אַ קאַוואַליר מיט אײַן פֿרײַלײַן,
זי רייד פֿאָן די ליבע גאַנץ סרײַ.
אָבער אין זײַן הערץ, דענקט ער זיך נאַך
דאָס הערץ איז אויך נישט דערבײַ.
} 2 מאָל.

3. אָבער וואַן מיר ריידן פֿון אונדזערע ליבע,
זיי ריידן ווי נאָר אויף איין צוועק,
גאָט זאָל אונדז געבן, פֿאַר אונדזער טרײַ הערץ,
אַז אונדזער ליבע זאָל נישט נעמען קיין עק.
} 2 מאָל

4. מיר האָבן שפּאַצירט אין אַ פֿרײַעם פֿעלד,
עס וואַר זער אײַן שרעקלעכער ווינט,
הלוואַי העט איך נישט די ליבע ערקענט,
איך העט געשטאָרבן, אַז איך בין געווען אַ קליין קינד.
} 2 מאָל

(סאָניק, 1934)

געזונגען געוואָרן מיט אַ 30 יאָר צוריק, פֿאַרשר׳ וואַר׳ ג״מ, נומ׳ 159.

ניט קלאָר, ניט פֿאַרשטענדלעך ווער עס רעדט.

XVIII–XIX

1. מאַמעניו קרויך, ס׳איז געשען אַ בראָך,
מ׳אָט מיך פֿאַרפֿירט אין אַ פֿינצטערן לאָך,
וויין זשע רייזאַלע, וויין זשע עטאַלע, וויין זשע רייזאַלע.

2. מאַמעניענקו קרויך, זע נאָר מײַן צאָרן,
מ׳אָט מיך פֿאַרפֿירט צווישן דעם קאָרן,
וויין זשע רייזאַלע, אאַז״וו.

3. מאַמעניענקו קרויך, כ׳בין געלעגן אינטער די שטיגן,
די קלעפּ זענען געפֿלויגן אַזוי ווי די פֿליגן.
וויין זשע רייזאַלע, אאַז״וו.

(סאָניק, 1932)

1. איך האָב מיך אײַנגעליבט, אין אַ שײנטשיק מײדאַלע,
ס׳קעפּאַלע האָט געשמעקט פֿון פּערפֿעם אַוועק;
אירע שײנע אײגאַלעך אירע זיסע אײגאַלעך, —
האָט גענומען פֿאַן די ליבע אַן עק.

2. צרות, צרות האָב איך מיר גענומען,
וואָס האָב איך דאָס בעדאַרפֿן?
אַ שטײן אין מײַן הערצן וועל איך מיר אָנבינדן,
אין טיפֿן וואַסער וועל איך מיך וואָרפֿן.

3. ווען איך וועל מעך אין טיפֿן וואַסער וואָרפֿן,
וואָס וועט מײַן מאַמע דערויף זאָגן?
דער טאָג פֿון אונדזער ליבע, געקערט פֿאַרברענט צו ווערן,
און מער קײן ליבע זאָל געבוירן ווערן.

געזונגען: גיטשע אַמענט, סאָניק, 1932, וואַר׳ ג״מ, נומ׳ 156, לעהמאַן, גנבֿים־לידער, זז׳ 147 און 137 (וואַרשע).

ניט פֿאַרשטענדלעך ווער עס רעדט.

XX

1. דאָס מײדל, וואָס פֿירט אַ פֿאַלטשע ליבע
וואָס לאָזט זיך אין די פֿאַלטשע ליבע אַרײַן,
זי באַטראַכט נישט די ענדע פֿון איר ליבע,
וואָס קען פֿון אַ פֿאַלטשע ליבע זײַן.
די מוטער פֿלעגט מיר זאָגן, דו וועסט וויינען און קלאָגן,
טאָכטערשי גיי נישט מיט אים. (2 מאָל)

2. זי מאַכט זיך נישט פֿאַרשטײן,
און גײט מיט אים אַלײן,
ער מײנט זי נאָר פֿון וועג אַראָנצופֿירן. (2 מאָל)

3. ער וואַרט זי שוין אָן בײַ דעם טויער,
אַזוי ווי ער האָט זי נאָר פֿון דער ווײַטנס דערזען,
ווי ער איז נאָר צום טויער צוגעקומען,
פֿאַראומגליקט האָט ער זי אויף גוט.
וואָס פֿאַראַ תּירוץ וועל איך זאָגן
ווען כ׳וועל אָנהייבן צו טראָגן?
כ׳וועל אַהײַמקומען צו מײַן מאַמעשי אַהײם? } 2 מאָל

4. דעם ערשטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
דו ביסט געגאַנגען אַרבעט שפּעט אָנטראָגן,
און טראָגן טראָגסטו נישט פֿון מיר.
דער זײגער קלאַפּט שוין צען;
אַזוי ווי די טאָכטער איז אין שטוב אַרײַן געקומען
זי האָט אָנגעהויבן מיט אײַן געוויין:
מאַמאַלעבן קרוין נאָך אַ דאָקטער לויף שוין,
און ראַטעווע דײַן אײנציק קינד. } 2 מאָל

5. דער זײגער קלאַפּט שוין עלף,
אַזוי ווי דער דאָקטער איז אין שטוב אַרײַן געקומען,
הער דאָקטער באַטראַכט נאָר די לאַגע,
וואָס מײַן שײנע טאָכטער איז צוגעקומען.
אַ מיטל וועל איך איר געבן, כּדי צו לעבן
אַ העליש פֿײַער ברענט אויף איר. } 2 מאָל

6. דער זײגער קלאַפּט שוין צוועלף,
אַזוי ווי דער חתן איז אין שטוב אַרײַן געקומען;
חתן באַטראַכט נאָר די לאַגע,
וואָס דײַנע שײנע כּלה איז צוגעקומען.
בלאַס ווי די וואַנט, רײַכט אַיעדן די האַנט,
טויט איז זי געבליבן אין זײַן האַנט. } 2 מאָל

(דאָמבראָווע־גורניטשע, 1933)

שלעכט געזונגען און שלעכט פֿאַרשריבן.

XXI

1. די זון אין די שטערן זײ טוען אונדז אויסהערן,
די זעלבע נאַכט, וואָס מיר האָבן זיך דערקענט.
פֿאַרשאָלטן זאָלן ווערן די דאָזיקע מינוטן,
וואָס איך האָב אים מײַן רעכטע האַנט געגעבן. } 2 מאָל

2. און ווי איך האָב אים נאָר מײַן רעכטע האַנט געגעבן,
ווי גליקלעך האָט ער זיך אָף די וועלט געשפּירט.
אײַן טאָוואַריש פֿאַר אײַן שדכן האָט ער מיר אַרײַנגעשיקט
אַז ער וועט מיך נעמען אָן קלײדער און אָן געלט. } 2 מאָל

3. און ווי דער טאָוואַריש איז צו מיר אַרײַנגעקומען,
ווי גליקלעך האָט ער מיך געמאַכט מיט זײַנע רייד,
ליבערשט וואָלט ער זײַנע בײדע פֿיס צעבראָכן,
אײדער ער האָט מײַן יונגן קאָפּ פֿאַרדרייט. } 2 מאָל

4. אוי, ווען איך זאָל וועלן מײַן ליבע איבערשרײַבן,
געסטאַרטשעט וואָלט מיר קײן בריוופּאַפּיר,
מײַן ליבע איז צוגלײַכן צו אײַן פֿידל צו אײַן אַלטן,
וואָס די סטראָנגע פּלאַצט און שפּילט שוין נישט מער. } 2 מאָל

5. מאַמעניו מײַנע, געטרײַע מאַמעניו,
צוויי ווערטער וויל איך מיט דיר ריידן,
דו זאָלסט מיר אַרײַנשיקן מײַן אונגעטרײַען געליבטן,
איך וויל מיך מיט אים פֿאַר מײַן טויט צושײדן. } 2 מאָל

6. ווי דער געליבטער איז נאָר אין שטוב אַרײַנגעקומען,
געבליבן איז ער פֿאַר די טיר שטײן,
לײַקעניו, לײַקעניו כ׳בין דיך געקומען מחילה בעטן,
דו זאָלסט פֿאַרגעסן ווער ס׳האָט אַ חלק אין דײַן טויט. } 2 מאָל

7. אַז בײַ דיר װעט די פֿאַרלאָבונג זײַן,
דעם בריטן „מזל־טובֿ" װעט מען דיר אָפּגעבן,
און איך מיט מײַן פֿאַרביטערטע נשמה, } 2 מאָל
מוז מיך צו גאָט איבערגעבן.

8. אַז בײַ דיר װעט די האָכצײַט זײַן,
גײַן װעט דײַן כּלה אין אײַן װײַס קלײד,
און איך פֿאַרהאָף צו גאָט, } 2 מאָל
אַז דו װעסט נאָך זײַן אויף צרות און אָף לײד.

9. און אַז דו װעסט דיר די חופּה־קידושין־רינג אָנטון
נעמען װעט דיך אויך אַ דרעשטש,
דו זאָלסט אָבער נישט מײנען, אַז דאָס איז דײַן רעכטער זיווג, } 2 מאָל
דו װעסט נאָך האָבן דאָס צװײטע װײַב צו איר.

10. און אַז בײַ דיר װעט דאָס ערשטע קינד געבוירן,
אַ נאָמען זאָלסטי געבן נאָך מיר.
אַ נאָמען אַ גוטן, אַ נאָמען אויף אײביק, } 2 מאָל
דו זאָלסט געדענקען, אַז כ'בין געגאַנגען יונגערהײט נאָך דיר.

11. און אַז באַ דיר װעט דאָס קינד געבוירן,
נישט לאַנג זאָל עס זיך בײַ דיר פֿאַרשטײַען,
און װיפֿיל קינדער די װעסט האָבן,
זאָלסטי גרויסערהײט באַגראָבן, } 2 מאָל
קומען זאָלסטי אויף מײַן מאַמעס קבֿר.

12. און אַז ס'װעט קומען ראָש־חודש אלול
אויף קבֿר־אָבֿות זאָלסטו קומען צו מיר,
װעסטו אָנקוקן מײַן קבֿר, מײַן פֿאַרביטענעם געלעגער, } 2 מאָל
װאָס כ'בין געשטאָרבן ייִנגערהײט נאָך דיר.

געזונגען: העשע גאַלעס, שנײַדער, סאָניק, 1932. װאַר' ג"מ, ז' 118, נומ' 149, כּהן, I, ז' 182, נומ' 39, ד. א—ן, ז' 403, נומ' 13.

קאָנטאַמינאַציע פֿון 3 לידער.

XXII

1. אַ מאָל איז געװען שװעסטערן געטרײַע,
אײנער שענער װי די צװײטע.
די עלטערע שװעסטער האָט אַ שידוך אָפּגעטאָן
און צו מזל חתונה געהאַט.

2. אַזוי װי די פֿרוי איז אין שטוב אַרײַנגעקומען
האָט זי אָנגעהויבן צו װײנען.
„פֿרוי מײַנע װאַרום טוסטו װײנען?"
אפֿשר געפֿעלט דיר נישט דײַן קלײדונג און דײַן צירונג,
זאָלסטו זאָגן, װעסטו בעסערס האָבן.

3. פֿאַר װאָס זאָל איך נישט װײנען און קלאָגן,
דען איך װיל די שװעסטער באַ מיר האָבן.
אַזוי װי די שװעסטער איז אין שטוב אַרײַנגעקומען
גענימען האָט זי דעם שװאָגער שפּאַצירן גײן.

4. אוי שװאָגער מײַנער, שװאָגער מײַן געטרײַער,
הער נאָר װאָס איך װעל דיר זאָגן;
לאָמיר שוין פֿאַרפֿירן די שװעסטער אין װאַלד,
און דאָס מעסער װעל איך אים נאָכטראָגן.

5. שװעגערין מײַנע, שװעגערין מײַן געטרײַע,
אַזוי אײַן װײַבל װי דײַן שװעסטער איז
קײן שענערע װיל איך מער נישט האָבן.

6. שװאָגער מײַנער, שװאָגער מײַן געטרײַער,
הער נאָר װאָס איך װעל דיר זאָגן;
שענערע צװײַגלעך װעסט פֿאַרפֿלאַנצן,
שענערע פּרות װעסטו האָבן.
אַזוי װי דער שװאָגער איז אין שטוב אַרײַנגעקומען,
גענומען האָט ער דאָס װײַבל שלאָגן.

7. שװעסטער מײַנע, די אומגעטרײַע שװעסטער,
װי גײסטו אַרום אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?
דאָס עסן טוט דעך דיר קאַלט װערן,
עס שטײט שוין אויף דעם אויװן אַ גאַנצן טאָג.

8. שװעסטער מײַנע מער זאָלסטו מיר דאָס נישט זאָגן,
איך װעל אַרײַנפֿירן דעם שװאָגער דעם געטרײַען,
װעט ער דיך דאָס צװײטע מאָל שלאָגן.

9. אָך שװעסטער מײַנע, די אונגעטרײַע שװעסטער,
אײַן שטײַן אויף מײַנען הערצן װעל איך מיר אויפֿהענגען,
אין טיפֿן װאַסער װעל איך מיך װאָרפֿן.
און דיך װעל איך האָבן צו געדענקען,
נאָך דיר גײ איך ייִנגערהײט פֿון דער װעלט.

10. אויף דעם בערגל דעם גרינעם,
דאָרט שװימט אַ לודקאַלע אין טײַך,
דאָרט שטײט זיך אײַן פֿרוי אײַן שײנע,
זי גײט זיך רײַך געקלײדעט.
און האַלט אײַן קינד אויף דער האַנט.

11. נעם שוין אָן בײַ דער בריסט,
צום לעצטן מאָל זײג איך דיך.
איך גײ דיך דאָ שוין אַװעקלײגן,
צום לעצטן מאָל זעסטי מיך.

12. דײַן טאַטער דער מערדער,
וואָס האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט,
ער ליגט זיך דאָרט אין זײַן צימער,
מיט מײַן שוועסטער צוגעמאַכט.

דיקלע, קראָסנער פּאָוויאַט, 1933, וואַרי׳ פּרילוצקי, II, זז׳ 144—149, דרײַ וואַריאַנטן. ראָזנטאַל, רשומות, II, ז׳ 369, נומ׳ 39. באַסטאָמסקי, ז׳ 53, נומ׳ 2.

פֿאַרקריפּלט.

XXIII

וואַרי׳ א.

1. פֿינצטער גליטשיק שפּעט בײַ נאַכט.
מען זעט קיין שום פֿייגאַלע אָף דער גאַס,
נישט ווײַט פֿון דאָרף
הינטער דעם בלויען הימל
דאָרט פֿינקלען זיך שטערנדלעך מיליאָנען זייער אַ סך.

2. איך ליג בײַ נאַכט און קלער און טראַכט,
איך ווײַס אַלײַן נישט וואָס.
די בלומען בליִען, און מײַנע געדאַנקען זיי פֿליִען אַוועק.
אוי, אַ שווער שטיקל צײַט האָב איך פֿאַר דיר זדראַדאַיעט,
אין די זעלביקע צײַט ווען מיר האָבן זיךביידע באַקענט.

3. שפּאַצירן זײַנען מיר ביידע געגאַנגען,
אין דרויסן האָט אויסגעזען ווי אײַן געדיכטער וואַלד,
אוי וויפֿל קיש דו האָסט מיר דאָרט געגעבן,
מיט דײַנע הייסע טרערן האָסטו באַגאָסן מײַן געשטאַלט.

4. דײַן שײַן פּנים מיט דײַנע שוואַרצע אָטשקאַלעך,
אין דײַן מויל מיט דײַנע ווײַסע קלאָרע ציין.
איך וואָלט נאָך געוואָלט מיט דיר 2 ווערטער ריידן,
איך וואָלט נאָך געוואָלט מיט דיר צעזאַמען זײַן.

5. אין דײַן מאַמעלו זי גייט אַרום און זאָגט אַזוי:
אַז פֿון אונדזער ליבע פֿירן זאָל זײַן צו נישט.
בעסער וואָלט געווען, אַז דײַן מאַמעלו זאָל דאָס נישט דערלעבן,
אַז פֿון אונדזער ליבע זאָל זײַן צו נישט.

6. דו פֿאָרסט אַוועק אין אַזאַ ווײַטן וועג אַרײַן,
גיב מיר נאָך אַ מאָל דײַן רעכטע האַנט.
זאָלן כאָטשע אויך פֿרעמדע מענטשן וויסן,
דאָס קיין אמתדיקע ליבע איז נישט פֿאַרהאַנען אָף דער וועלט.
(סאָניק, 1933)

אַ מיש־מאַש פֿון פֿערזן. אומזין.

XXIV

עס האָט געקומען צו חלום די נאַכט,
די מיידל, די מיידל פֿון וועלכער איך טראַכט,
די מיידל אין חלום זי שטייט לעבן מײַן בעט,
זי דריקט מיר צים האַרצן, קושט מיר אין גלעט.
זי זאָגט צו מיר ליבסטער ווי ריין איז דײַן גליק,
זי זאָגט צו מיר ליבסטער קום צו מיר צוריק.
איך עפֿן אויף די אויגן די זון שײַנט אַרײַן,
און ניין, ס׳איז נאָך נישט אמת, די מיידל איז נאָך נישט מײַן.
עס וועט אויפֿגיין דער פֿרילינג, עס וועט בליִען דער בוים,
און אַזוי וועל איך פֿאַרגעסן אַ טרוים נאָך אַ טרוים.

ניט קיין פֿאָלקסליד.

[פֿאָלקסליד און פֿאָלקסטימלעך ליד]

[וועגן דעם זעלביקן ענין זען אויך זז׳ 10, 50, 52, 54—68, 202—214, 226—239, 307, 334, 342—345.]

דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד, דאָס עכטע, איז אפֿשר אַזוי אַלט ווי די ייִדישע שפּראַך, ס׳איז געוויס עלטער פֿון די עלטסטע ליטעראַטור־דאָקומענטן וואָס מען האָט בײַ אונדז ביז אַהער אַנטדעקט; אָבער דאָס וואָרט „פֿאָלקסליד״ איז אין אונדזער שפּראַכגעברויך בערך נאָך אַ גאַנץ נײַער אויסדרוק. ווי עס שײַנט, איז ניט דורך הערדערן און ניט דורך דער באַקאַנטשאַפֿט מיט די שפּעטערע דײַטשע פֿאָלקסליד־פֿאָרשער געקומען צו אונדז דער דאָזיקער אויסדרוק, נאָר דורך עפּעס אַ צופֿאַל, דורך אַן אומדירעקטן פֿאַרפּלאָנטערטן וועג, אָדער גאָר דורך „אַ טעות הדפֿוס״, לויט ווי שלום־עליכם האָט אַ מאָל גאַנץ טרעפֿנדיק באַמערקט.*

ס׳איז זיכער, אַז מיט אַ יאָר פֿופֿציק־זעכציק צוריק איז נאָך דאָס וואָרט „פֿאָלקסליד״ גאָרניט באַקאַנט געווען אין פֿאָלק און ניט אַלע פֿון אונדזערע ערשטע פֿאָלקסטימלעכע דיכטער האָבן זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק. דערמיט איז אָבער ניט געמיינט צו זאָגן, אַז פֿאַר די דיכטער פֿון דעם השׂכּלה־פּעריאָד איז דער פֿאָלקסליד־באַגריף געווען לחלוטין פֿרעמד. אַדרבא, שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס מיר געפֿינען עס ניט אויף די שער־בלעטלעך פֿון זייערע לידערביכער, באַווײַזט זייער ריכטיקע השגה דערפֿון. האָבן זיי גע־שריבן לידער פֿאַרן פֿאָלק, פֿאָלקסמעסיקע, פֿאָלקסטימלעכע, אָבער ניט קיין פֿאָלקסלידער; זיי האָבן שוין משמעות געוווּסט, אַז אַ פֿאָלקסליד קען קיינער ניט שרײַבן; האָבן זיי ניט געוואָלט זייערע אינדיווידועלע שאַפֿונגען פֿאַלש אידענ־טיפֿיצירן מיט דער קאָלעקטיווער פֿאָלקסדיכטונג. דערפֿאַר האָט אפֿשר מיכל גאָרדאָן זײַן ערשט לידערביכל די באָרד (1868) אָנגערופֿן פּשוט: „שיינע יודישע לידער״. נאָך פּשוטער האָט געשריבן אַבֿרהם גאָלדענפֿאָדים [שפּעטער: גאָלד־פֿאַדען]: „יודעשע לידער אויף פּראָסט יודעשער שפּראַך״ (דאָס יודעלי, 1869), און שלום בערנשטיין האָט שוין גאָר ברייט געעפֿנט זײַן מאַגאַזין פֿון יודישע לידער פֿאַר דעם יודעשען פֿאָלק (1869) ... עס מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז נאָך פֿריִער, אין 1865, האָט שוין אליקום צונזער געזונגען און פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן „שירה חדשה — אַכט לידער פֿאַרשידענע״. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז שוין פֿון שירה חדשה געוואָרן „שירים חדשים — צעהן לידער, פֿיר פֿון זייא וואָרן נאָך ביז אַהער ניט געדרוקט״ (1867). בערך אין דער זעלבער צײַט האָט זיך

* זען ז׳ 195.

אָבער אַרײַנגעכאַפּט דער באַרימטער „טעות הדפֿוס״ בײַ וועלוול זבאַרזשער. זײַן מקל נועם (1865) טראָגט שוין אויפֿן שער־בלאַט דעם אונטערטיטל „פֿאָלקס־לידער״, און נאָך אים קומט יצחק יואל לינעצקיס „בייזער מאַרשעליק, סאָ־טירישע פֿאָלקסלידער״ (1869). אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1871, ווען „פֿאָלקסליד״ איז געוואָרן אין מאָדע אויף עטלעכע לידערביכלעך, קומט אויך אליקום צונ־זער מיט אַ קליין ביכעלע שירי עם — פֿאָלקסלידער, און גלײַכצײַטיק מיט אים פּסח־אליי בדחן פֿון באָברויסק און האָראָדאָק מיט זײַן „כנף רננים, זעקס פֿאָלקסלידער וואָס קריטיקירן זאַכן וואָס עקסיסטירן אויף דער וועלט״ (1871).

לאַנג האָט אָבער די מאָדע ניט אָנגעהאַלטן. עפּעס ווי דורך אַ כּישוף פֿאַר־שווינדט דאָס וואָרט „פֿאָלקסליד״ פֿון די בדחנישע לידערביכלעך וואָס זענען אַרויס אין די זיבעציקער יאָרן. ערשט אין מיטן די אַכציקער יאָרן, מיט דעם אַרויסגיין פֿון אליקום צונזערס צעהן אידישע פֿאָלקסלידער, ווערט דאָס וואָרט שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן די ברייטע פֿאָלקסשיכטן, און נאָך מער פּאָפּולער ווערט עס מיט דעם אַרויסגיין פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקיס יודישע פֿאָלקסלידער (1901).

אָט אַזוי איז פֿון אַ טעות הדפֿוס געוואָרן אַ טעות אין פּשט. איך נעם דאָס בלויז פֿאַר אַ בײַשפּיל, עס האָבן געקענט זײַן פֿאַרשיידענע און גאַנץ אַנדערע וועגן, דורך וועלכע די דערמאָנטע פֿאָלקסטימלעכע דיכטער זענען געקומען צו דעם דאָזיקן אויסדרוק. צווישן משׂכּילים און אַזוי בכּבֿודיקע בעלי־הבתּים וואָס האָבן געקוקט אויפֿן המון פֿון אויבן אַראָפּ האָט עס געמוזט זײַן קלאָר: לידער געשריבן פֿאַרן פֿאָלק אין דער פֿאָלקסשפּראַך הייסן שירי עם — פֿאָלקס־לידער. וועגן דעם פֿאָלקסליד, וועגן דער אמתער פֿאָלקסשאַפֿונג, האָט נאָך דאַמאָלסט גאָר קיין רייד ניט געקענט זײַן. מען האָט זיך בכלל ניט אינטערע־סירט מיט דער פֿאָלקסשפּראַך.

*

> איר פֿרעגט אַ קשיא און ביזוערט זיך: סטײַטש, וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט דאָס געהאַט וואַרשאַווסקי אָנצורופֿן זײַנע אייגענע לידער „פֿאָלקס־לידער״? פֿאָלקסלידער, זאָגט איר, זײַנען לידער אַלטע, צונויפֿגעזאַמלטע פֿונעם פֿאָלק. אָט למשל די ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿון גינזבורג און מאַ־רעק, די וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער וואָסכאָד. אַזוי זאָגט איר, ה׳ ענגעל, און איר זײַט גערעכט, נאָר נישט אין גאַנצן. בײַ אונדז ווערן אָנגערופֿן מיטן נאָמען „פֿאָלקסלידער״ אַלע לידער וואָס זײַנען געשריבן אין דער פּראָסטער ייִדישער פֿאָלקסשפּראַך, וואָס מע רופֿט זי זשאַרגאָן און וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן פֿאַרן פֿאָלק. ניט מער, ס׳איז אַ טעות הדפֿוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿון כּמה יאָרן; אָנשטאָט „לידער פֿאַר דאָס פֿאָלק״ שרײַבט מען „פֿאָלקסלידער״.[1]

אַזוי דעפֿינירט שלום־עליכם דעם באַגריף „פֿאָלקסליד״. אין דעם ווײַטערן לויף פֿון זײַן פּאָלעמיק ברענגט ער נאָך אַ גאַנצן צעטל פֿון בדחנישע לידער־ביכלעך וועלכע טראָגן אויף זיך דעם טיטל: „ייִדישע פֿאָלקסלידער״, וואָס דאָס

[1] שלום־עליכם, „אַ בריוו צום ה׳ ענגעל פֿונעם וואָסכאָד״, דער יוד, נומ׳ 24, 1901.

זאָל באַווײַזן, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג און אַז לידער פֿון דיכטער וואָס לעבן נאָך ווערן אויך אָנגערופֿן פאָלקסלידער. ער ווײַזט אויך אָן, אַז אין דער זאַמלונג פֿון גינזבורג און מאַרעק געפֿינען זיך ניט בלויז די לידער וואָס דאָס פֿאָלק זינגט פֿון פֿאַר צײַטן, נאָר אויך אַ סך אַזעלכע, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן גאָרניט לאַנג צוריק און אַזעלכע וואָס מען ווייסט פֿאַר געוויס, אַז גאָלדפֿאַדען האָט דאָס געמאַכט, אָדער אַן אַנדערער פֿון די הײַנטיקע. פֿאַר אַ בײַשפּיל ברענגט ער דאָס ליד „שלאָף מײַן קינד” וואָס ער אַליין, שלום־עליכם, האָט געשאַפֿן אין 1892 און וואָס איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג. ער מערקט נאָך אָן, אַז עטלעכע פֿון וואַרשאַווסקיס לידער האָט מען מיט אַ יאָר זעקס פֿריִער געזונגען אין אַ סך שטעט, איידער זיי זײַנען אָפּגעדרוקט און אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַרן פֿאָלק. ממילא איז גאָרניט אַזאַ סכּנה וואָס מע רופֿט זיי „פֿאָלקסלידער”.

אויף די אַלע טענות ענטפֿערט ה׳ ענגעל אַזוי:

איר זאָגט, אַז אין דער ייִדישער שפּראַך רופֿט מען „פֿאָלקסלידער” ניט נאָר די לידער וועלכע דאָס פֿאָלק זינגט, נאָר אַפֿילו די וואָס זײַנען נאָר געשריבן „פֿאַר” דאָס פֿאָלק, אין דעם ייִדישן זשאַרגאָן, און דערום האָט ה׳ וואַרשאַווסקי רעכט געהאַט, וואָס ער האָט אָנגערופֿן זײַנע לידער פֿאָלקסלידער (אין מײַן רעצענזיע האָב איך באַוויזן, אַז ער האָט אויף דעם קיין רעכט ניט). אויב עס איז אַפֿילו יאָ דאָ אַזעלכע וואָס האָבן אַזאַ מיינונג, מוז איך זיי פֿונעם האַרצן באַדויערן, וואָרעם זיי מישן צונויף קאַשע מיט באָרשטש, צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע זאַכן. זיי מישן צונויף לידער וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אָנערקענט פֿאַר זײַנע מיט לידער וועלכע עס האָט עמעצער אָנגעשריבן און האָט שטאַרק חשק, אַז זיי זאָלן ווערן פֿאָלקסלידער, כאָטש דאָס פֿאָלק וויל [זיי] אפֿשר גאָרניט קענען און ניט הערן, לידער וואָס עטלעכע מיידלעך אָדער יונגע־לײַט זינגען אין וואַסילקאָוו אָדער אין פֿאַסטאָוו.

— איר שרײַבט מיר צו, אַז איך האָב דורכויס געזאָגט, אַז „פֿאָלקסלידער זײַנען לידער אַלטע צונויפֿגעזאַמלטע פֿונעם פֿאָלק” — ווידער אַ פֿאַרדרייעניש און איבערקרימעניש פֿון מײַנע ווערטער. אָט וואָס איך האָב געזאָגט, הערט זיך נאָר גוט צו: וואָס הייסט פֿאָלקסלידער? געוויס אַזעלכע לידער וועלכע דאָס פֿאָלק זינגט זיי, אַזעלכע לידער וואָס זײַנען איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק פֿון אומבאַקאַנטע מחברים פֿון גאַנץ אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע צײַטן, אָדער זיי זײַנען געשריבן טאַקע איצט, כּמעט פֿאַר אונדזערע אויגן, נאָר זיי האָבן זיך ווײַט פֿאַרברייטעט צווישן דעם פֿאָלק צוליב זייער פֿאָלקס־כאַראַקטער.

אם־כּן איז גאַנץ אומזיסט אײַער טירחא, וואָס איר האָט זיך אַזוי געמיט צו באַווײַזן, אַז אַפֿילו די לידער וואָס זײַנען ניט לאַנג געמאַכט געוואָרן קענען אויך ווערן פֿאָלקסלידער. איר שפּאַרט זיך און שטופּט זיך אין אַ גאַנץ אָפֿענער טיר וואָס איך אַליין האָב געלאָזט אָפֿן.

עס גייט כּלל נישט אין דעם, צי פֿרישע לידער קענען ווערן פֿאָלקסלידער, מע שמועסט נאָר פֿון דעם, צי די לידער פֿון ה׳ וואַרשאַווסקי פֿאַרדינען די ערע אָנגערופֿן צו ווערן פֿאָלקסלידער. איר דערציילט, אַז אין יאָר 1892 האָט איר געמאַכט אַ ליד „שלאָף מײַן קינד” און באַשטעטיקט, אַז זי איז איצט געוואָרן אַ פֿאָלקסליד — נו בכן? אויב דאָס

איז אַפֿילו אַזוי, וואָס זשע באַווײַזט דאָס? דאָס באַווײַזט נאָר, אַז [מיט] אַכט יאָר צוריק האָט איר געשריבן אַ ליד וואָס מען קען עס איצט אָנרופֿן „פֿאָלקסליד”. אָבער דער ה׳ וואַרשאַווסקי האָט דאָך אַקוראַט פֿאַרקערט געטאָן: ער האָט פֿריִער אַ נאָמען געגעבן זײַנע לידער „פֿאָלקסלידער” און ערשט דערנאָך האָט ער זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט; און אָט דאָס האָב איך אָנגערופֿן: „סאַמאָזוואַנסטוואָ [אוזורפּאַציע]”.[2]

אין אַלע זײַנע טענות קעגן וואַרשאַווסקיס פֿאָלקסלידער איז ה׳ ענגעל אין גאַנצן גערעכט, אָבער זײַן דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף פֿאָלקסליד איז אַזוי פֿאַלש ווי שלום־עליכמס דערקלערונג; ביידע זײַנען ניט באַגרינדעט אויף כאַראַקטעריסטישע סימנים פֿון אונדזערע עכטע פֿאָלקסלידער. און כאָטש די פֿאַרשיידענע אַרגומענטן אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק האָבן ניט פֿאַר אונדז קיין שום וויסנשאַפֿטלעכן ווערט, האָבן מיר זיך דאָך בײַ זיי געמוזט לענגער אָפּשטעלן, ווײַל אויך אַזוי אַרגומענטירט און ענטפֿערט אַ היפּשער טייל פֿון אונדזער אינטעליגענץ אויף דער פֿראַגע: וואָס הייסט פֿאָלקסליד?

*

לויט פּרילוצקיס מיינונג איז אַ פֿאָלקסליד ניט נאָר דאָס יעניקע וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַ פּאָעטישער נשמה וואָס וווינט ערגעץ אין אַ שטעטל צי אין אַ דאָרף, ווו דער דיכטער איז אַ קינד פֿון דעם המון, אין וועמענס ווערק עס איז שוין לכתּחילה ניטאָ קיין סך אינדיווידועלע יסודות — נאָר אויך דאָס יעניקע, וואָס זײַן פֿאַרפֿאַסער איז געווען אַ מיטגליד פֿון די העכערע, פֿון די קולטורעלערע קלאַסן. אויף אַזאַ ליד

מוז נאָך הונדערטיעריקע וואַנדערונגען אַפֿילו, נאָך אַלע באַאַרבעטונגען, לײַטערונגען און אַרומפֿײַלעכצן אין לאַבאָראַטאָריום פֿון דער פֿאָלקס־נשמה, — נאָך די כּלערליי אָפּעראַציעס, וואָס דעם פֿאָלקס זכּרון, זײַן פֿאַנטאַזיע און געשמאַק האָבן איבער דעם געדיכט געמאַכט — מוז אויף אים בלײַבן אַ סימן־הגזע, מעג דאָס ליד שוין זײַן געמערט און צעבראָקלט אין הונדערטער וואַריאַנטן און פֿראַגמענטן.

עס וועט ניט זײַן קיין גוזמא און קיין טעות, ווען כ׳וועל זאָגן, אַז אויף אַלע כּמעט רעליגיעזישע און יום־טובֿדיקע, מוסרדיקע און נאַציאָנאַלישע ייִדישע פֿאָלקסלידער קען מען דערקענען, אַז זייערע ערשטע מחברים האָבן אָנגעהערט צום לומדישן קלאַס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַז דאָס זײַנען געווען רבנים, ישיבֿה־בחורים, מלמדים, בדחנים.

און דאָך וועט קיינער ניט לייקענען, אַז דאָס זײַנען פֿאָלקסלידער, און אייניקע פֿון זיי באַדאַרפֿן פֿאַררעכנט ווערן צו די דערהויבנסטע, טיפֿסטע און שענסטע ווערק פֿון אונדזער פֿאָלקסשאַפֿונג.

דאָס זײַנען פֿאָלקסלידער, דען —

א) די נעמען פֿון זייערע אויטאָרן זײַנען אומבאַוווּסט;
ב) זיי עקסיסטירן נאָר אין מינדלעכער טראַדיציע, און
ג) זײַנען געוואַלטיק אײַנגעוואָרצלט אין די פֿאָלקסמאַסן.

---

[2] יולי ענגעל, „אַ תּשובֿה דעם הערן שלום־עליכם”, דער יוד, נומ׳ 40, 1901.

> לאָמיר זאָגאַר נאָכגעבן, אַז די לידער, אויף וועלכע ה׳ אַנ—סקי האָט געוואָרפֿן אַן אומחן, זײַנען טאַקע „פֿאַרפֿאַסט פֿאַרן פֿאָלק״, און אייניקע פֿון זיי קומען אַרויס פֿון בדחנישע לענדן; אָבער —
>
> די פּערזענלעכקייט פֿון מחבר אָנווײַזן קען דער רעצענזענט נישט?
>
> די לידער זײַנען פֿאַרשפּרייט בכל תּפֿוצות ישׂראל? —
>
> זײַנען דאָס פֿאָלקסלידער!
>
> ווען מע זאָל זיך וועלן רעכענען מיט ה׳ אַנ—סקים לחלוטין אומפֿאַר־שטענדלעכער פֿאָדערונג, וואָלטן די ערשטע דײַטשישע פֿאָלקלאָריסטן למשל, אַרנים און ברענטאַנאָ, געמוזט אויסשליסן פֿון זייער באַרימטער זאַמלונג — דעס קנאַבען וווּנדערהאָרן — לכל הפּחות נײַן צענטל פֿון אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל!
>
> לויט ווי מיר איז באַקאַנט, איז קיינער פֿון די קריטיקער און רע־צענזענטן צו זיי מיט אַזאַ ווילדער פֿאָדערונג ניט געקומען.
>
> כּמעט אין אַלע קלאַסישע זאַמלונגען פֿון דײַטשישע פֿאָלקסלידער גע־פֿינט איר, דאַגעגן, זאָגאַר אַזעלכע נומערן, וואָס מע ווייסט, ווער זייער מחבר איז...

...אין זײַנע ייִדישע פֿאָלקסלידער־זאַמלונגען האָט ה׳ פּרילוצקי טאַקע ניט אויפֿגענומען אַזעלכע לידער, וואָס מען ווייסט די נעמען פֿון זייערע אוי־טאָרן, אָבער ער באַצייכנט מיטן נאָמען פֿאָלקסלידער אויך אַזעלכע לידער, וואָס נאָך זייערע הונדערטיעריקע וואַנדערונגען און דורכלײַטערונגען אין דעם לאַבאָראַטאָריום פֿון דער פֿאָלקס־נשמה איז דאָך געבליבן אויף זיי אַ סימן־הגזע, אַז זיי שטאַמען פֿון לומדישן קלאַס; איז דאָס פּונקט דאָס זעלבע, ווי ווען די נעמען פֿון זייערע מחברים וואָלטן אים געווען באַקאַנט.

„אומבאַקאַנטע אויטאָרן״ און „אײַנגעוואָרצלט אין די מאַסן״ — דאָס זײַ־נען אַלטע דײַטשע באַגריף־דערקלערונגען, וועלכע די נײַערע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשער פֿונעם פֿאָלקסליד האָבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרוואָרפֿן.

זיי בלײַבן אַלץ „לידער פֿאַרן פֿאָלק״, אָבער ניט „פֿון דעם פֿאָלק״. הײַנט קען אַזאַ אָדער אַנדער ליד זײַן פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, און מאָרגן קען איינער קומען און אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דעם מחבר.

...אין פֿלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז ה׳ פּרילוצקיס אַרגומענטן זײַנען לאָגיש און שטאַרק, און אַז זײַנע דעפֿיניציעס און סימנים פֿון די פֿאָלקסלי־דער זײַנען באַגרינדעט ניט נאָר אויף זײַן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, נאָר אויך אויף דער פֿאַרגלײַכנדיקער פֿאָלקספֿאָרשונג, אויף פֿאַקטן פֿון די „קלאַסישע זאַמלונגען פֿון דײַטשישע פֿאָלקסלידער״. קוקן מיר אָבער אַרײַן אַ ביסל גרינט־לעכער אין די דאָזיקע פֿאַקטן, ווײַזט זיך אַרויס, אַז מען קען זיך אויף זיי זייער ווייניק פֿאַרלאָזן.

וואָס זײַנען דיווירקלעכע פֿאַקטן?

קודם־כּל מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז די דײַטשישע ראָמאַנטיקער אַרנים און ברענטאַנאָ זײַנען קיין פֿאָלקלאָריסטן ניט געווען און זיי האָבן עס אויך ניט געקענט זײַן, ווײַל אין זייער צײַט האָט נאָך פֿאָלקלאָריסטיק ווי אַ וויסנ־שאַפֿט ניט עקסיסטירט. דער וואָס האָט נאָר די מינדסטע ידיעה אין דער דײַטשישער פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג ווייס, אַז זייער באַרימטע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג *Des Knaben Wunderhorn* האָט ניט קיין שום וויסנשאַפֿטלעכן ווערט, מחמת דאָס רובֿ פֿון זייער אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל שטאַמט פֿון באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע מחברים. עס איז אַ מיש־מאַש פֿון פֿאָלקסלידער, פֿאָלקסטימלעכע לי־דער און אמתע קונסטלידער. איר געפֿינט דאָרט אַזעלכע „פֿאָלקסלידער״ ווי לוטערס: „איין פֿעסטע בורג איסט אונזער גאָטט״, אָפּיטצעס: „איסט אירגענד צו ערפֿראַגען״, פּפֿעפֿפֿעלס: „גאָטט גריס אויך, אַלטער״, שובאַרטס: „אַוף, אַוף, איהר ברידער אונד זײַד שטאַרק״ וכדומה. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען פֿון די קליינע חסרונות, ווען די אַרויסגעבער וואָלטן אַליין ניט איבערגעדיכט דאָס רובֿ פֿון זייער אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. פֿון אַלטע צעזונגענע לידער האָט אַרנים אויפֿגעבויט נײַע, האָט צוגעשריבן אָנהייב־ און שלוס־סטראָפֿעס, האָט אַרויסגע־וואָרפֿן גראָבע, פּראָזאַישע פֿערזן און אויף זייער אָרט צוגעדיכט אײדעלערע, שענערע, אַזוי אַז עס זאָל אויסקומען פּאָעטישער. ניט אומזיסט האָט דער אַלטער יאָהאַן היינריך פֿאָס די זאַמלונג באַצייכנט ווי אַ zusammengeschaufelten Wust voll mutwilliger Verfälschungen, sogar mit untergeschobenem Machwerk.*

פֿאָס איז געווען אַ מיטצײַטלער פֿון די וווּנדערהאָרן־אַרויסגעבער. נאַטיר־לעך פֿילט זיך אין זײַן באַמערקונג אַ ביטערקייט און פּערזענלעכער האַס; לאָ־מיר אָבער זען, וואָס אָטאָ בעקעל (Boeckel), איינער פֿון די בעסטע קענער פֿון דײַטשן פֿאָלקסליד, שרײַבט מיט הונדערט יאָר שפּעטער אין זײַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פֿונעם וווּנדערהאָרן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר אונדז איז ניט וויכטיק אַלץ וואָס בעקעל זאָגט וועגן די מעלות און חסרונות פֿון דעם דאָזיקן בוך, פֿאַר אונדז זײַנען נאָר וויכטיק די עטלעכע שורות:

> די וויסנשאַפֿט האָט מיט רעכט דן געווען לכּף־חובֿ די אַרויסגעבער פֿון וווּנדערהאָרן; הײַנט, ווען די פֿאָלקלאָריסטיק שטיצט זיך אויף עק־זאַקטער אַרבעט, וואָלט דאָס באַאַרבעטן טראַדיציאָנעלע טעקסטן געמוזט שאַרף פֿאַרמישפּט ווערן ווי אַ פֿאַרברעכן קעגן די גרונט־כּללים פֿון פֿאָר־שונג. אַנדערש איז געווען מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען עס האָבן נאָך ניט עקסיסטירט קיין וויסנשאַפֿטלעכע זאַמלונגען, ווען דער ליטעראַרי־שער אינטערעס האָט ווײַט איבערגעוויגן דעם וויסנשאַפֿטלעכן.
>
> דער וווּנדערהאָרן וועט געוויס בלײַבן אַן אייביקער מאָנומענט פֿון דער דײַטשער ראָמאַנטיק, זײַן גרויסן אײַנפֿלוס אויף דער ליריק פֿון 19טן יאָרהונדערט קען מען ניט פֿאַרלייקענען, אָבער פֿון פֿאָלקלאָריסטישן שטאַנדפּונקט מעג מען נײַן צענטל פֿון זײַן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אויסשליסן...

*

[ווען מען זאָל דערמאָנען דאָס וואָרט פֿאָלקסליד] וועלן זיך מסתּמא באַלד נעמען שיטן פֿאַרשיידענע דערקלערונגען אָדער דעפֿיניציעס: 1) אַ פֿאָלקסליד

---

* „צונויפֿגעשקראָבעטע מישעניגנע פֿון מוטוויליקע פֿאַלסיפֿיקאַציעס, אַפֿילו מיט אונטער־געריקטע מאַכערײַקעס״.

איז אַ ליד פֿונעם פֿאָלק, גאָר פּשוט, ווי ס׳איז צו זען פֿון די באַזונדערע ווערטער פֿאָלקס—ליד. 2) אַ פֿאָלקסליד הייסט אַ באַליבט און זייער פּאָפּולער ליד וואָס ווערט געזונגען אין פֿאָלק, ווי למשל די אַלגעמיין באַליבטע לידער פֿון גאָלדפֿאַדען, צונזער, וואַרשאַווסקי און אַנדערע, וואָס זײַנען געוואָרן און הייסן טאַקע פֿאָלקסלידער. 3) אַ פֿאָלקסליד איז אַ ליד וואָס איז איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר פֿון אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע צײַטן, אָדער וואָס איז געשריבן געוואָרן טאַקע איצט, כּמעט פֿאַר אונדזערע אויגן, נאָר ס׳איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין פֿאָלק צוליב זײַן פֿאָלקס־כאַראַקטער.

...דער גרונטשטריך פֿון אַ פֿאָלקסליד איז זײַן אוממיטלבאַרע טראַדיציע: ס׳גייט איבער פֿון מויל צו מויל, פֿון דור צו דור, ניט שטיצנדיק זיך אויף אַ געשריבענעם טעקסט אָדער געדרוקטן. אַזוי לאַנג ווי עס האַלט זיך אויף די דאָזיקע אוממיטלבאַרע טראַדיציע, איז אַ ליד תּמיד דאָס לעבעדיקע וואָרט, שטענדיקער שינוי, באַוועגלעך, שעפֿעריש.

דער איבערבײַט פֿונעם ליד איז אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פֿון די שטערונגען אויפֿן אוממיטלבאַרן וועג פֿון זכּרון. אַפֿילו בײַ דעם בעסטן זכּרון איז שווער צו פֿאַרגעדענקען אַלע פֿערזן פֿון אַזוי פֿיל לידער אָן אַ טעות; דער זינגער ווי אויך די צוהערער קענען גאַנץ לײַכט דורך ניט דערהערן אָדער ניט פֿאַרשטיין פֿאַרדרייען די טעקסטן; דאָ ליגן די וויכטיקסטע מקורים פֿון די שטענדיקע שינויים. דערבײַ האָבן מיר אַנדערע וואָס ליגן אין באַוווּסטזיניקע כּוונות פֿונעם זינגער וועלכער זוכט צוצופּאַסן דאָס ליד צו זײַן אייגענער סבֿיבֿה, אַרײַנפֿירנדיק אַזוי אַרום שינויים; אָפֿט מאָל, אויף וויפֿל ער האָט זײַנע שעפֿערישע געדאַנקען, דערגאַנצט ער דאָס ליד, שוין פֿאַרבינדנדיק אין דעם פֿערזן פֿון אַנדערע לידער, אָדער אַפֿילו שאַפֿנדיק אַלייִן נײַע.

אין דעם זינען ריידן מיר וועגן קאָלעקטיווער פֿאָלקסשאַפֿונג. על כּל פּנים האָט אימעצער געמוזט צו ערשט צוזאַמענלייגן אַ פּאָר גרונטיקע פֿערזן פֿונעם ליד — מיר ווייסן ניט, גאָר פּשוט, ווער: אפֿשר עפּעס אַ וואַנדערנדיקער זינגער, אָדער אפֿשר עפּעס אַ טאַלענטפֿולער פּויער? אָבער דערנאָך, דורך די שטערונגען פֿון זכּרון, איבערגייענדיק פֿון זינגער צו זינגער, בײַט זיך דאָס ליד, דערגאַנצט זיך, ברייטערט זיך, פּאַסט זי צו צו דעם דורכשניטלעכן ווילגעפֿעלן (געשמאַק); אין די וואַריאַנטן וועלכע ווערן הײַנט געזונגען זעען מיר די מיטאַרבעט, באַוווּסטזיניקע צי אומבאַוווּסטזיניקע, פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען, אַזוי אַז מיר האָבן פֿאַר זיך יעדעס רעכט צו ריידן וועגן קאָלעקטיווער פֿאָלקסשאַפֿונג.

די דאָזיקע שאַפֿונג מוז נאַטירלעך זײַן צוגעפּאַסט צו דער נידעריקייט פֿון דער מאַסע. יעדער אויסגעצייכנטע אינדיווידועלע קונסט, כאָטש זי האָט אַ מאָל אין אַ געוויסער צײַט געהאַט אַן אײַנפֿלוס אויף דער אַנטוויקלונג פֿונעם ליד אין אַ געוויסער געגנט, ווערט אין משך פֿון אַ געוויסער צײַט פֿאַרווישט און פֿאַרלוירן אָן אַ שליאַד אין כוואַליעס פֿון די אומפּערזענלעכע שאַפֿונגען...

...אין פֿאָלק זײַנען פֿון אַלע מאָל געזונגען געוואָרן פֿאַרשיידענע לידער, פֿאַרשיידן לויט זייער אינהאַלט און אָפּשטאַם. צוליב געוויסע סיבות זײַנען טייל

לידער אינעם פֿאָלקסגעזאַנג אַזוי איבערגעבויט און איבערגעשאַפֿן געוואָרן, אַז זיי זײַנען געוואָרן עכטע פֿאָלקספּראָדוקטן, ס׳הייסט אמתע פֿאָלקסלידער, אין וועלכע ס׳שפּיגלט זיך אָפּ די קאָלעקטיווע פֿאָלקספּסיכיק. הייסט עס, אַז אַ פֿאָלקסליד קען מען גיכער דערקענען לויט זײַן אינעווייניקסטן געדאַנקלעכן אָדער גײַסטיקן אינהאַלט איידער דורך דרויסנדיקע, פֿאָרמעלע סימנים. ווידער יענע לידער וועלכע זײַנען אַ געוויסע צײַט געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק און האָבן צוליב אַנדערע סיבות דאָך אין קיין שום פּרט ניט געביטן זייער אָריגינעלע פֿאָרעם אָדער אינהאַלט — זײַנען זיי וואָס איר ווילט: „באַליבטע לידער״, „פּאָפּולערע״, „פֿאָלקסטימלעכע״ — אָבער ניט קיין פֿאָלקסלידער...

*

פֿאַרגלײַך צו לעהמאַנס „יעדער איינער וויס״ [אַרבייט און פֿרײַהייט, נומ׳ 2] און „איבערראַשט איז די וועלט געוועזן״ [געמיינט מסתּמא: „ווי באַרוישט איז די וועלט געוואָרן״, דאָרטן, נומ׳ 3] זאַוואָדניקס טעקסטן (לידער־מאַגאַזין, 18) און זען צי זיי זײַנען געוואָרן... „צעזונגען״.

אויך זבאַרזשערס „נאַכטיגאַל״.

רייזענס לידער אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס.

צונזערס ליד פֿונעם שטיקעלע ברויט, די „אודקע״ און אַנדערע אין מיטטיילונגען. וואָסערע פֿאַרענדערונגען. איבערגעגעבן פֿון אַנדערע בדחנים.

קונסטלידער וואָס זײַנען נאָך ניט געוואָרן קיין פֿאָלקסלידער. זען *Schweizerisches Archiv für Volkskunde* V, 3. יאָן מייערס באַמערקונג צו דעם.

זעגעלס וואַריאַנט צו דער באַלאַדע „דו צעברעכסט מיר מײַן האַרץ, מײַן גילדענע מוטער״ איז אַ לידגליד צום ליד „איך האָב מיך פֿאַרליבט אין אַ שיין יינגעלע, שיין איז ער געוועזן ווי גאָלד״.

*

וועגן פֿאָלקסזינגער און לידער־מאַכער:

שלום אַש, „דינה״, דערציילונג, אַלע ווערק, ב׳ 2, ניו־יאָרק.

מרדכי ספּעקטאָר, „וועלוול דער שיבער״, דערציילונג [געדרוקט אין דער בײַלאַגע צו דער פּעטערבורגער צײַטונג דער טאָג, 1904], צײַטשריפֿט I, ז׳ 265.

װעגן דעם פֿאָלקסליד פֿון אַ ליטעראַרישן אָפּשטאַם

[צװישן פֿהגס פֿאַפֿירן האָבן זיך געפֿונען העפֿטן מיט אױסגעשריבענע לידער פֿון אונדזערע פֿאָלקסטימלעכע דיכטערס: זבאַרזשער, בערנשטײן, גאָלדפֿאַדען, צונזער א״אַנד. אין דעם איצטיקן אַרטיקל זײַנען אַרײַנגעשטעלט (מיטן הײַנטיקן אױסלײג) יענע לידער, װאָס צו זײ האָט פֿהן אַלײן געבראַכט פּאַראַלעלן פֿון צװישן אונדזערע פֿאָלקסלידער.]

מיט אַ דרײַ צענדלינג יאָר צוריק בערך זײַנען אין פֿאָלק נאָך גאַנץ פּאָפּולער געװען אַ געװיסע צאָל פֿאָלקסטימלעכע לידער, דאָס רובֿ ליטעראַרישע פּראָדוקטן, װאָס האָבן אָפּגעשטאַמט פֿון די באַקאַנטע פֿאָלקסדיכטער װי װעלװל זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן, צונזער, גאָלדפֿאַדען, װאַרשאַװסקי א״אַנד, שױן ניט רײדנדיק פֿון נאָך אַ פֿריִערדיקער תּקופֿה, בעת דער פֿאָלקסטימלעכער לידער־רעפּערטואַר איז טײלװײַז אױך באַליבט געװען אין די מיטלערע בעל־הבתּישע קרײַזן, ניט נאָר אין די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן. דאָס איז, דוכט זיך, באַװוּסט אַלעמען װאָס האָבן זיך נאָר אַ מאָל פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ענין „פֿאָלקסגעזאַנג".

ס'איז אָבער לחלוטין אומבאַקאַנט און נאָך גאָרניט אױסגעפֿאָרשט, אױף װי װײַט אַזעלכע ליטעראַרישע פּראָדוקטן האָבן געהאַט אַ השפּעה אױף דער מינדלעכער פֿאָלקסשאַפֿונג, און בעיקר, אױף װיפֿל אָדער װיפֿל פֿון די דאָזיקע לידער זײַנען אין פֿאָלק, טאַקע דורך דעם קאָלעקטיװן פֿאָלקסגעזאַנג, אַרומגעזונגען אָדער איבערגעשאַפֿן געװאָרן אַזױ, אַז מען זאָל זײ באמת קענען באַטראַכטן װי אמתע פֿאָלקסלידער פֿון אַ פֿאָלקלאָריסטישן שטאַנדפּונקט. װאָרעם דער הױלער פֿאַקט, װאָס די אָדער יענע לידער פֿון באַקאַנטע אָדער אומבאַקאַנטע דיכטער זײַנען געזונגען געװאָרן אין פֿאָלק, איז נאָך ניט קײן גענוגנדיקער סימן פֿון אַ פֿאָלקסליד. פֿאַראַן אַנדערע, מער װיסנשאַפֿטלעכע קריטעריעס, דורך װעלכע דאָס לאָזט זיך מיט מער זיכערקײט באַשטימען: דאָס זײַנען יענע קענטיקע שינױים, סײַ פֿאָרמעלע און סײַ אינהאַלטלעכע, װאָס דאָס פֿאָלק ברענגט אַרײַן אין די פֿון אים רעצעפּטירטע און פֿיל געזונגענע ליטעראַרישע לידער. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שינױים, באַװוּסטזיניקע צי אומבאַװוּסטזיניקע, בעסערע אָדער ערגערע, זײַנען אָבער די קאָלעקטיװע, מיטשאַפֿנדיקע פֿאָלקלאָר־עלעמענטן פֿונעם פֿאָלקסליד, װאָס בײַטן זיך אָפֿט מאָל אינעם פּראָצעס פֿון דער לױפֿנדיקער מינדלעכער טראַדיציע. אַ פּאָר בײַשפּילן זאָלן קלאָרער מאַכן דעם ענין.

I

שלום בערנשטײן, „יונגע טרערן", מאַגאַזין פֿון יודישע לידער [ערשטע אױסגאַבע, זשיטאָמיר, 1869; צװײטע אױסגאַבע, װאַרשע], 1880, ז' 17:

על משכבי בלילות

בײַ נאַכט אױף מײַן געלײגער*
פֿרעג איך מײַן ביטער האַרץ,
װען װעט שױן שלאָגן דער זײגער,
די לעצטע מינוט פֿון מײַן שמאַרץ?

עס האָט שױן צװעלף געשלאָגן,
עס איז שױן האַלבע נאַכט,
איך ליג נאָך פֿאַרטראָגן,
איך ליג נאָך און טראַכט.

איז דען שױן ניט צײַט
אַנטשלאָפֿן צו װערן?
פֿון שלאָפֿן בין איך װײַט,
די אױגן גיסן טרערן.

פֿאָלקסליד (כּהן, ב' ו, ז' 96):

1. בײַ נאַכט ליג איך אױף מײַן געלײגער,*
איך ליג מיר מיט מײַן שװער האַרץ;
װען װעט שױן שלאָגן דער זײגער,
די לעצטע סעקונדע פֿון מײַן שמאַרץ?

2. דער זײגער האָט שױן צװעלף געשלאָגן,
ס'איז שױן נאָך האַלבער נאַכט;
שױן צײַט אַנטשלאָפֿן צו װערן,
גענוג שױן געלעגן און געטראַכט.

3. פֿון װײנען האָב איך שױן קײן כּוח,
מײַן האַרץ איז מיר פֿול מיט טרערן;
כ'האָב אַזױ לאַנג אַ ליבע געפֿירט,
פֿון אונדזער ליבע װעט גאָרנישט װערן.

(װאַרשע)

II

בערנשטײן:

2. די לבֿנה שײַנט איבער מיר
מיט אירע בלאַסע שטראַלן;
עס שלאָגט שױן זײגער פֿיר,
מײַן שלאָף איז שױן פֿאַרפֿאַלן.
זיסע חלומות שװעבן,
פֿאַרגרעסערן מײַנע לײדן;
אױ, אַ ביטער לעבן
מיט דיר אין חלום צו רײדן.

---

*=געלעגער.

5. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען,
באַלײַכט מײַן פֿינצטערן גײסט *
איך הער די פֿײגעלעך זינגען,
יעדעס אין זײַן נײסט **
טײַערע פֿײגעלעך, פֿליט
צו מײַן נשמה אומגעטראַכט;
זי האָט אוודאי אויך ניט גערוט,***
ווי איך האָב די נאַכט פֿאַרבראַכט.

פֿאָלקסליד (כּהן, ב׳ ו, ז׳ 186):

1. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען
‖: מיט אירע ליכטיקע שטראַלן; :‖
‖: ניט ווײַט, ניט ווײַט איז שוין צו טאָג,
מײַן שלאָף איז מיר שוין פֿאַרפֿאַלן. :‖

2. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען
‖: צו באַלײַכטן אירע פֿרײלעכע געסט; :‖
‖: נאָר איך ליג מיר און טרויער,
אַזוי ווי דאָס פֿײגעלע אין נעסט. :‖

3. ס׳פֿײגעלע זינגט מיט איר געזאַנג,
‖: ס׳ציטערט אין מיר יעדער אבֿר; :‖
‖: פֿון אַזאַ ליכטיקער וועלט, —
אין אַזאַ פֿינצטערן קבֿר. :‖

4. ס׳פֿײגעלע זינגט מיט איר געזאַנג,
‖: עס ציטערט אין מיר יעדעס גליד; :‖
‖: פֿון אַזאַ ליכטיקער דירה —
אין אַזאַ פֿינצטערן גריב. :‖

(אַדעס)

III

אליקום צונזער [„זליכהס ליד״], מכירת יוסף (טעאַטער־שטיק):

1. אַך מײַן האַרץ, מײַן האַרץ ציט צו דיר,
דער פֿײַער פֿון יוסף ברענט אָן אַ שיעור;
דײַן טאַליע, דײַן מינע, דײַן גאַנצער פֿאַסאָן,
פֿאַרגיפֿטעט די האַרץ וועלכע דיר קאָן.

2. דײַן ליבלעכע אויג, דײַן בליק וואָס איז טרײַ
ברענט אין מײַן האַרצן, איך בין גאָר פֿאַרבײַ;
דײַן שטעל מיטן פּוס, דײַן קער, דײַן ריר,
די געטין פֿון שײנהײט, איך ליב זײער דיר.

* =גײַסט.
** =נעסט.
*** =גערוט.

3. גאָט, גיב יעדערן נאָך זײַן פֿאַרלאַנג!
דעם רײַכטום, צירונג, דעם אַ שײנעם גאַנג;
מיר גיב אַ קלײן שטיבל אויף דער גראָז דעם גרינעם,
נאָר איך מיט מײַן ווונטש זאָלן ווינען דערינען.

4. איך וואָלט מיר גאַנץ פֿלײַסיק אַרבעטן מײַן פֿעלד,
זײען, שנײַדן אַלעס הער, אַלעס העלד;
נאָר דיזע טרײסט, — איז מיר שוין קײן זאַך ניט שווער,
דאָס איך בין די פֿרוי און יוסף מײַן הער.

5. נאָר צווישן אונדז ביידן גײט אַ שרעקלעכער טײַך,
די שטראָמען, די וואָלן פֿליסן זיך גלײַך;
דו צענעמסט מיך פֿון ווײַטן, איך קען צו דיר ניט קימען,
איך וואָלט גערן אַריבער, איך קען אָבער ניט שווימען.

6. אַך דו וואַסער, טריקן דיך אײַן!
וואָלט איך צו אים אַריבער, דאָרטן צו זײַן;
דערנאָך זאָל דער שטראָם נאָך שטאַרקער דיר טראָגן,
דאַן וואָלט דאָרט קײנער מײַן ווונטש ניט צעשלאָגן.

7. ווי איך טו נאָר אַ דרעמל, קומסטו מיר גלײַך פֿאָר,
דאָ שטײסטו, דאָ לױפֿסטו, איך זע דיר נישט קלאָר;
אַנטלויף ניט, זיסער טרוים, האַלט אַ ווײַלע, האַלט,
לאָז מיר זיך זעטיקן מיט יוספֿס געשטאַלט.

8. אויף ווען איך קוק, דיר האַלט איך אין זינען,
דאָ אויף דער ערד קען איך דײַן גלײַכן ניט געפֿינען;
מער ניט אין הימל, און די זון ביסטו אויך,
איך קען אָבער ניט גרײכן, עס איז זײער הויך.

פֿאָלקסליד (כּהן, „נײַע זאַמלונג״, נומ׳ 51):

1 [צונזער 1].

אַך מײַן האַרץ, מײַן האַרץ ציט צו דיר,
אַ פֿײַער פֿון ליבע ברענט אין מיר;
ווו נעמט מען דעם וואַסער, זאָל לעשן וואָס ס׳ברענט?
דער טויט און דאָס לעבן איז בײַ גאָט אין די הענט!

2 [צונזער 6].

אוי וואַסערל, וואַסערל, טריקן זיך אײַן,
אַז איך מיט מײַן געליבטן זאָלן קאָנען אַריבערגײַן!
דערנאָך קענסטו ווידער אָנהייבן צו יאָגן,
און אונדזער ליבע וועט קײנער ניט צעשלאָגן.

3 [צונזער 3].

איינער בעט אויף קליידער, דער צווייטער אויף געלט,
איך וויל מיט מײַן געליבטן אויסלעבן מײַן וועלט;
איך וויל אַ שטיבעלע אויפֿן גראָז דעם גרינעם,
אַז איך מיט מײַן זיס לעבן זאָלן ווינען דערינען.

(מינסק)

פֿאָלקסליד (כהן, ב׳ I, ז׳ 78):

1 [בײַ צונזערן ניטאָ].

פּאַפּיר איז דאָך ווײַס און טינט איז דאָך שוואַרץ.
צו דיר, מײַן זיס לעבן, ציט דאָך מײַן האַרץ!
כ׳וואָלט שטענדיק געזעסן דרײַ טאָג נאָך אַנאַנד,
צו קושן דײַן שיין פּנים און צו האַלטן דײַן האַנט.

2 [צונזער 4].

אוי, דאַמאָלסט וואָלט איך געוווּסט פֿון אַ וועלט,
כ׳וואָלט שטענדיק געאַרבעט, געאַקערט אין פֿעלד;
מיט פֿיל פֿאַרגעניגן וואָלט איך מיט דיר פֿאַרבראַכט,
כ׳וואָלט געזעסן מיט דיר בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

3 [בײַ צונזערן ניטאָ].

נעכטן בײַ נאַכט בין איך אויף אַ חתונה געווען,
פֿיל שיינע מיידלעך האָב איך דאָרט געזען;
פֿיל שיינע מיידלעך, צו דיר קומט נישט גאָר,
צו דײַנע שוואַרצע אייגעלעך, צו דײַנע שוואַרצע האָר!

4 [צונזער 1].

דײַן טאַליע, דײַן מינע, דײַן אײדעלער פֿאַסאָן,
אין האַרצן ברענט אַ פֿײַער, מען זעט עס נישט אָן;
נישטאָ אַזאַ מענטש וואָס זאָל פֿילן ווי עס ברענט, —
דער טויט און דאָס לעבן איז בײַ גאָט אין די הענט.

5 [בײַ צונזערן ניטאָ].

אַך דו ליבער גאָט, וואַרף מיך נישט אַרופּ,*
גלײַך מיר נישט צו קיין ביימעלע און נישט צו קיין סלופּ!
דאָס ביימעלע, אַז עס בליט, איז דאָך זייער שיין,
ווי העלפֿט מיר שוין גאָט, מיט איר צו דער חופּה צו גיין!

6 [צונזער 3].

אַך דו ליבער גאָט, הער אויס מײַן פֿאַרלאַנג:
דעם עושר גיסטו כּבֿוד מיט אַ שיינעם גאַנג;
מיר גיב אַ שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם,
אַז איך מיט מײַן זיס לעבן זאָלן ווינען דערינען.

(לובלין)

*=אַראָפּ.

IV

וועלוול זבאַרזשער, „משיחס צײַטן״ (30 סטראָפֿעס), מקל נועם, העפֿט 2 [לעבמערג, 1869, ז׳ 174]:

1. די אַפּיקורסים מעגן צעזעצטערהייט ריידן,
מיר וועלן עס דערציילן אין פֿריידן;
איך האָף צו גאָט, זיי וועלן באַלד פֿאַרשטומען,
וואָרן משיח וועט קומען.

8. אויף די ביימער וועלן וואַקסן קוילעטשן מיט בולקעס,
דער בעקער וועט נישט האָבן וואָס צו טין*
די צוויַיגן וועלן זײַן טשיביקעס מיט ליולקעס,
און די בלעטער וועלן זײַן טיטין.

9. מיט ווײַן און מיט בראָנפֿן וועט גיין אַ רעגן,
און נאָר פֿון די חסידימס וועגן.

11. מע מעג זיך ווינטשן צו זען דאָס הויז
נאָך אין איינעם מיט דער קלויז
וואָס מע וועט מאַכן דעם רבין דעם פֿרומען,
אַז משיח וועט קומען.

12. נישט פֿון שטיינער, נישט פֿון ציגל,
פֿון זיסע מאכלים, צימעסן און קיגל;
שפּירט וועט ברענען אין דעם נר־תּמיד,
פֿון אייער־קיכלעך וועט זײַן דער עמוד.

13. מיט געזאַלצענע פֿיש וועט זײַן ברוקירט,
און גוטער ווײַן פֿון אַלע עקן;
די ווענט מיט דרעליעס אויסגעשמירט,
אַלע חסידים זאָלן לעקן.

16. און ווער שמו׳סט נאָך דער שיינער וואָגן,
וואָס קיין קײַזער קאָן פֿאַרמאָגן,
וואָס דער רבי וועט אַ מתּנה באַקומען,
אַז משיח וועט קומען.

17. אַ בויד פֿון טליתים, נישט פֿון לעדער,
פֿון עצי־שיטים וועלן זײַן די רעדער;
די אַקסן, די פֿלעקלעך פֿון עצי־גופֿר,
אַ בײַטש פֿון ציצית געטשעפּעט אין אַ שופֿר.

18. מע וועט נעמען אַ בהמה אַ הייליקע, אַ פֿרומע,
וואָס איז הײַנט גאָרנישט פֿאַרהאַנען;
נישט קיין פֿערד, נאָר אַ פּרה אדומה,
מע וועט זי אין דעם וואָגן אײַנשפּאַנען.

19. דער שמײַסער וועט זײַן אַ סופֿר, אַ קורא,
און דער רבי וועט זאָגן תּורה.

* = טאָן.

21. און װער שמו׳סט נאָך דאָס שײנע באָד,
ס׳איז דאָך גאָר נישטאָ אין קײן שטאָט;
װוּ דער רבי װעט זיך באָדן, װוּ ער װעט שװימען,
אַז משיח װעט קימען.

22. פֿון לולבֿין און אתרוגים געבױעט גאַנץ געדיכט,
געקלעפּט מיט װאַקס פֿון יום־כּיפּור־ליכט;
מיט הײליקע שקלים װעט מען באַשלאָגן דעם דאָך,
אַ מיקװה װעט מען באַציִען פֿון דעם גן־עדן אַ טאָך.*

23. פֿון די אַפּיקורסים װעט נישט קענען צוקומען קײנער,
די פּים װעט זײ װערן אָפּגענומען;
דער סמבטיון װעט װאַרפֿן מיט שטײנער און בײנער,
קײן רשע זאָל נישט קענען צוקומען.

24. מיט געשלאָגענע הושענות װעט מען הײצן דאָס באָד,
װאָס זײ װאַקסן אין דעם רבינס סאָד.

פֿאָלקסליד [פֿ״גל למשל: קיפּניס, ב׳ II, ז׳ 89]:

1 [זבאַרזשער 1].
װאָס װעט זײַן מיט אונדזער רבין דעם פֿרומען,
אַז אונדזער הײליקער משיח װעט שױן קומען?
פֿון בראָנפֿן און פֿון װײַן װעט גײן אַ רעגן.
און דאָס װעט זײַן פֿאַר די חסידימלעכס װעגן.
טשירי־בירי־בים־באָם, בים־באָם־באָם!

2 [זבאַרזשער 9].
אַ רעגן װעט גײן פֿון אַלע פֿיר עקן,
די װענט פֿון שטיבל װעלן זײַן מיט האָניק באַשמירט;
דערפֿון װעלן האָבן מיר, חסידימלעך, צו לעקן
און דערבײַ װעט ניש׳ פֿעלן קײן גלעזעלע ספּירט.

3 [זבאַרזשער 8].
אױף די בײמער װעלן װאַקסן בולקעס,
און פֿון די בלעטער װעט מען מאַכן טיטון;
פֿון די צװײַגן װעט מען מאַכן ציביקעס מיט ליולקעס,
און דער רבי מיט די חסידים װעלן רײכערן דערפֿון.

4 [זבאַרזשער 12].
דעם רבינס הױז װעט זײַן געמאַכט
נישט פֿון לײם און ניש׳ פֿון קײן ציגל,
נאָר פֿון מאכלים טובֿים, פֿון צימעס מיט קיגל;
דער קױמען װעט זײַן פֿון מרור און חרוסת,
די חסידים װעלן טרינקען װײַן און איבערדרײען די כּוסות.
טשירי־בירי־בים־באָם, בים־באָם־באָם!

* = טײַך.

5 [זבאַרזשער 17].
דעם רבינס קאָטש װעט זײַן געמאַכט
פֿון טליתים, נישט פֿון קײן לעדער,
עצי־שיטים װעלן זײַן די רעדער;
די אַקס װעט זײַן פֿון עצי־גופֿר
און די בײַטש װעט זײַן פֿון אַ ציצה מיט אַ שופֿר.

6 [זבאַרזשער 18].
מע װעט אױסקלײַבן אַ בהמה אַ רױטע, אַ פֿרומע,
זי װעט זײַן אַזױ רױט װי די פּרה אדומה;
מע װעט זי בינדן און אַרױפֿלײגן צום רבין אױפֿן װאָגן,
און דער רבי װעט אױף איר רײַטן און תּורה זאָגן.

7 [זבאַרזשער 22, 24].
פֿון אַ לולבֿ מיט הדסים
װעט מען פֿלאַנצן דעם רבין אַ פּאַראָװע באָד,
מיט הושענות װעט מען שמײַסן דעם רבין דעם זאָד;
די מתנגדים װעלן מאַכן פֿאַר דעם רבין אַ װאַרע,
די חסידים װעלן שרײַען: דאַװײַ פּאַרע!

V

װעלװול זבאַרזשער, „דער אומגליקלעכער פֿאַרליבטער“, מקל נועם, העפֿט 4 [לעמבערג], 1878, 1:

איך בין דאָך געבױרן אין אַל דאָס גיטס,
און רײַך בין איך געניג;
װאָס קומט מיר אָבער צו ניץ
אַז עס באַקומט מיר נישט דאָס גליק.

איך בין דאָך מקנא דעם אָרעמאַן,
װאָס ער פֿאַרדינט זיך קױם אױף דעם ברױט;
לעבן לעבט ער זיך װי ער קאָן
און װײסט נישט פֿון דער נױט.

פֿאָלקסליד (כּהן, ב׳ I, ז׳ 218):
געבױרן בין איך אין אַל דאָס גיטס,
רײַך בין איך אױכעט געניג,
װאָס קומט דאָס מיר אַלץ צו ניץ,
אַז איך קען נישט באַקומען מײַן גליק?

מקנא בין איך דעם אָרעמאַן
װאָס פֿאַרדינט זיך קױם אױף זײַן ברױט,
דערפֿאַר לעבט ער װי ער קאָן,
די ליבע מאַכט אים נישט קײן נױט.

[פּאָפּולער, אָבער ניט קיין פֿאָלקסליד]

אָן די קריטעריעס [וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין אַרײַנפֿיר צו דעם אַרטיקל: „וועגן דעם פֿאָלקסליד פֿון אַ ליטעראַרישן אָפּשטאַם“, זז׳ 202—209], אָן די קענטיקע שינויים אינעם טעקסט פֿון אַ ליד, מעג עס אַפֿילו זײַן ווי פּאָפּולער אין אַ געוויסער צײַט, קען עס אָבער ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ פֿאָלקסליד. דאָס קען אפֿשר בלויז זײַן אַ סימן, אַז ערגעץ ווּ געפֿינען זיך צוגעגלעכע געשריבענע אָדער געדרוקטע טעקסטן פֿון דעם פּאָפּולערן ליד, לויט וועלכע די זינגער קאָרעגירן, פֿון צײַט צו צײַט, די „גרײַזן“ און „פֿעלערן“ וואָס שאַפֿן זיך דורך דער מינדלעכער טראַדיציע, אַזוי אַז עס שטימט אָפּט מאָל וואָרט אין וואָרט מיט זײַן לכתּחילהדיקן ליטעראַרישן טעקסט....

צווישן די „לידער פֿון אוקראַיִנער הײמלאָזע אין בעסאַראַביע“, וואָס חיים ווײַנער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין די ייִוואָ־בלעטער III (1932), זז׳ 57—62, איז פֿאַראַן אַ ליד א״ט „אָלעסקאָווער פּאָגראָם“. דאָס איז טאַקע אַן אַלט פֿאָלקסטימלעך ליד, אָבער פֿון אַ ליטעראַרישן מקור. דאָס ליד איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט עלטער פֿון דעם אָלעסקאָווער פּאָגראָם, און דאָך איז עס דורך דער לאַנגער צײַט נאָך ניט געוואָרן קיין פֿאָלקסליד, ווייניקסטנס ניט אין דער פֿאָרעם ווי ווײַנער האָט עס אויפֿגענומען. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם דאָזיקן פֿאַקט קען מען צו דעם פֿאַרשרײַבער קיין טענות ניט האָבן, וואָרעם אַזוי געהערט, אַזוי פֿאַרשריבן. ס׳קענען אויך קיין ספֿקות ניט זײַן אין די פּאָר וואָרצייכנס וואָס ווערן געבראַכט דערצו, דהײַנו, אַז „דאָס ליד ווערט צו מיינסטנס געזונגען פֿון די אָלעסקאָווער הײמלאָזע“ און אַז „דאָס האָט מחבר געווען אַ בחור פֿון דעם שטעטל, יצחק זינגערמאַן“. מען קען דאָ ווידער זאָגן דאָס אייגענע: אַזוי געהערט, אַזוי איבערגעגעבן.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס דאָזיקע ליד האָט מחבר געווען ניט דער אומבאַקאַנטער זינגערמאַן, נײַערט דער באַרימטער אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, וואָס ער האָט אפֿשר געזען בנבֿואה, אַז זײַן ליד „די האַלאָוועשקע“, וואָס האָט געזאָלט סימבאָליזירן די אָפּגעבערנטע רעשטלעך פֿון חורבן ירושלים, ווועט זיך אַ מאָל אויך פּאַסן אויף דעם אָלעסקאָווער פּאָגראָם, און אפֿשר אויך אויף אַנדערע פּאָגראָמען. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צום ענין.

דער פֿאַקט איז, אַז ווען מען פֿאַרגלײַכט בײדע טעקסטן פֿונעם ליד, דעם גאָלדפֿאַדענשן און דעם כּלומרשטיקן אָלעסקאָווער נוסח, וווּנדערט מען זיך פּשוט אויף דער בוכשטעבלעכער אײַנשטימיקייט. בלויז די ערשטע סטראָפֿע זעט

אויס אָריגינעל, צוגעפּאַסט צו די לאָקאַלע געשעענישן פֿון אָלעסקאָווער פּאָגראָם. עס הייבט זיך אָן אַזוי:

> ווי מיר האָבן דערהערט שבת בײַ טאָג,
> אַז קאַזאַקאָוום באַנדע אין קריוואָיע אָזערע הרגעט ייִדן שוין אָן אַ צאָל —
> באַלד איז געוואָרן אין שטעטל אַ יאָמער און קלאָג,
> און מען צעלויפֿט זיך שוין אַלע אויף בערג און טאָל.

אָבער פֿון דעם ווײַטערדיקן וועט מען קאָנען זען, אַז דער „מחבר“ איז בטבֿע ניט קיין גראַפֿאָמאַן, אים איז געווען מער צום האַרצן איבערצושרײַבן דאָס ליד פֿון גאָלדפֿאַדענס ביכל, אָדער גיכער פֿון אַ ניט־קאָרעקטער האַנטשריפֿטלעכער קאָפּיע, ווּ די אָריגינעלע אַכטפֿערזיקע סטראָפֿע איז איבערגעמאַכט געוואָרן אין אַ פֿירפֿערזיקער....

[אָט איז גאָלדפֿאַדענס טעקסט:*]

די האַלאָוועשקע

א

> איר שוואַרצע שאַל האָט איבערגעצויגן
> די פֿינצטערע נאַכט שוין איבער דער וועלט,
> נאָר דער הימל האָט מיט אַ סך אויגן
> 2 אַראָפּגעקוקט פֿון זײַן געצעלט.
> ער האָט אַראָפּגעקוקט גלײַך ווי ס׳טוט אים באַנג
> אויף ירושלים ווי זי ליגט פֿאַרברענט;
> פֿאַרוויסט האָט זי דער פֿײַנד ניט לאַנג,
> 3 געטייט די מענטשן, געבראָכן די ווענט.

ב

> פּוסט שטייען די גאַסן און שווײַגן שטום.
> קיין שאָרך פֿון אַ מענטשן הערט מען נים.
> הרוגים ליגן פֿאַרשפּרייט אומעטום
> 4 און נעבן זיי פֿליסן טײַכן פֿון בלים.
> גאָר זעלטן הערט מען אַ ביטערן כראָפּ
> פֿון איינעם וואָס גייט דאָרט פֿאַר הונגער אוים;
> אין מויל טרוקן, ער בעט שוין וואַסער אַ קאָפּ **
> 5 און פֿאַלט טויט צוריק אויפֿן חבֿרס שוים.

---

* די לידער זײַנען געבראַכט לויט כּהגס האַנט־עקזעמפּלאַר פֿון גאָלדפֿאַדענס דאָס יודעלי (מיטן הײַנטיקן אויסלייג) און פֿון ייִוואָ־בלעטער, ב׳ III. אין זשורנאַל האָט כּהן צוגעשריבן אויפֿן גליון: „גאָלדפֿאַדען, יודעלי, ז׳ 33“. אין עקזעמפּלאַר פֿון יודעלי זײַנען אויפֿן גליון צוגעשטעלט די שייכדיקע נומערן פֿון די סטראָפֿעס אין ווײַנערס טעקסט. כּהן האָט געאַרבעט מיט דער פֿאַרגרעסערטער אויסגאַבע, לעמבערג 1906; דאָס וואָרט „שטיל“ אין דער ערשטער שורה פֿון סטר׳ ב האָט ער אַליין אויסגעבעסערט, און איז געווען געדרוקט, אויך שטום. — דאָ איז דער טעקסט געגעבן לויט דער אויסגאַבע וואַרשע תּרנב (1891).

צו דער סטראָפֿע 7 אין ווײַנערס טעקסט (זען ז׳ 213) איז מיט כּהגס האַנט געווען צוגעשריבן מיט אַ בלײַער: „דאָס ליד פֿון פּראָסקוראָווער פּאָגראָם, צײַטשריפֿט, 2־3, ז׳ 803, סטר׳ 5“.

** =קאָפּ.

ג

דאָרט ליגט אַ ווײַבל דעם בויך אויפֿגעשניטן,
מעוברת איז זי געווען גראָד אַצינד;
און פֿון איר צעשניטענעם בויך אין מיטן
קוקט אַרויס דאָס טויטע פּיצעלע קינד.
דאָ ליגט אַ מוטער נאָך גאָר אַ שיינע 6
פֿאַרשלעפּט, פֿאַרוואַלגערט צווישן דעם מיסט;
און איר צעטראָטענע קינד דאָס קליינע
ליגט נאָך צוגעטוליעט צו איר בריסט. 7

ד

דאָרט ליגט אַ כּלה אין איר חופּה־קלייד,
צעהרגעט דאָס פּנים, אין קאָפּ אַ לאָך,
און דאָ ליגט איר חתן נעבן איר געטייט —
קוקט אײַך צו, ער זשיפּעט נאָך.
דאָ ליגן ביינדעלעך, הענטלעך, פֿינגער 8
דאָס איז אַ בן־יחיד בײַ אַ מוטער געווען;
זי האָט אים ערשט אויפֿגעגעסן פֿאַר הינגער
און איז שפּעטער אויך דערגאַנגען אַליין. 9

ה

צעשמאָלצן ליגן דאָ גאָלדענע טאַצן,
צעלאָמעט, צעבראָכן די טײַערע שטיינער,
פֿאַרוויסט, פֿאַרשׂרפֿעט אַלע פּאַלאַצן,
נאָר ווי אַ ליכטל צאַנקט נאָך איינער.
דאָס איז דאָס בית־המיקדש, ער ברענט ביז אין גרונט,
דאָס איז קדשי־קדשים, דאָס הייליקע אָרט;
נאָך איין וואַנט איז געבליבן דאָרט שטיין אַצונד
און איין האַלאָוועשקע רייכערט זיך דאָרט.

ו

אוי, אָ דאָס איז אונדז אין גאַנצן געבליבן
פֿון אונדזער גוטס וואָס מיר האָבן געהאָט?
ציון פֿאַרברענט, ישׂראל פֿאַרטריבן
און דו זעסט עס צו און שווײַגסט עס, גאָט?! 11
לויפֿט, ייִדן, און צינדט אָן בײַ דעם פֿײַער
דאָס ליכטל אמונה וואָס ברענט אין אָך: *
ציונס זכר זאָל זײַן בײַ אײַך טײַער,
איר זאָלט זי געדענקען אויף יאָרן אַ סך. 13

אָלעסקאָווער פּאָגראָם

1. ווי מיר האָבן דערהערט שבת בײַ טאָג,
אַז קאַזאַקאָוס באַנדע אין קריוואָיע אָזערע הרגעט ייִדן שוין אָן אַ צאָל —
באַלד איז געוואָרן אין שטעטל אַ יאָמער און קלאָג,
און מען צעלויפֿט זיך שוין אַלע אויף בערג און טאָל.

*=אײַך.

2. ווי דער שוואַרצער שאָל האָט נאָר איבערגעצויגן
און די פֿינצטערע נאַכט איז שוין איבער דער וועלט —
נאָר דער הימל האָט מיט אַ סך אויגן
אַראָפּגעקוקט פֿון זײַן געצעלט.

3. ער האָט אַראָפּגעקוקט, גלײַך ווי עס טוט אים באַנג,
אויף אָלעסקאָוו, וואָס מען האָט עס געברענט.
פֿאַרוויסט האָבן זי די באַנדיטן ערשט ניט לאַנג;
געהרגעט מענטשן, געבראָכן די ווענט.

4. פּוסט שטייען די גאַסן און שווײַגן שטום,
קיין שאָרך פֿון קיין מענטשן הערט מען שוין ניט;
הרוגים ליגן פֿאַרשפּרייט אומעטום,
און לעבן זיי פֿליסן טײַכן מיט בליט.

5. נאָר זעלטן הערט מען אַ ביטערן כראָפּ —
פֿון איינעם וואָס גייט פֿאַר ווייטאָג אויס;
אין מויל טריקנט אים, ער בעט וואַסער אַ קאָפּ *
און פֿאַלט טויט צוריק אויפֿן חבֿרס שויס.

6. דאָ ליגט אַ ווײַבל מיט דעם בויך אויפֿגעשניטן,
מעוברת איז זי געווען גראָד אַצינד;
און פֿון איר צעשניטענעם בויך אין מיטן
קוקט אַרויס דאָס טויטע פּיצעלע קינד.

7. דאָ ליגט אַ מוטער נאָך גאָר אַ שיינע,
פֿאַרשלעפּט און פֿאַרוואַלגערט צווישן דעם מיסט;
און דאָ ליגט געהרגעט דאָס קינד דאָס קליינע,
צוגעטוליעט צו איר בריסט.

8. דאָרט ליגט אַ כּלה אין איר חופּה־קלייד,
צעהרגעט דאָס פּנים און אין קאָפּ אַ לאָך;
און דאָ ליגט איר חתן לעבן איר געטייט —
קוקט אײַך צו: ער זשיפּעט נאָך!

9. דאָ ליגן קינדערלעך — הענט און פֿים אין מיסט.
דאָס איז בײַ אַ מוטער אַ בן־יחיד געוויין ** —
און ווי זי האָט זיך נאָר דערפֿון דערוויסט,
פֿאַר ווייטאָג איז זי דערגאַנגען אַליין.

10. צעבראָכן די הײַזער, פֿאַרנומען אָלעם *** —
פֿאַרנומען ווו ווער עס האָט נאָר פֿאַרמאָגט;
געקומען איז מען אַהיים מיט די הוילע פּאָלעס,
דערזעענדיק דעם אומגליק האָט מען ערשט געקלאָגט.

*=קאָפּ. **=געווען. ***=אַלעס.

11. אוי, אַ דאָס איז אונדז אין גאַנצן פֿאַרבליבן
פֿון אונדזער גוטס וואָס מיר האָבן געהאָט! *
אָלעסקאָוו געברענט און די ייִדן צעטריבן —
און דו זעסט עס צו און שווײַגסט עס, גאָט!

12. גאָרעוו איז געקומען, אַ פֿרײַנד אַ געטרײַער,
געפּאַקט האָט ער אַ באַנדיט, אַ גלח —
געווען איז ער אַ באַנדיט אַ פֿײַער —
געשאָסן האָט ער אים מיט פּוליעס אַ סך.

13. לויפֿט, ייִדן, נקמה נעמען בײַם באַנדיט דעם פֿײַער,
געווען איז ער אַ באַנדיט, אַ גלח.
אָלעסקאָווס זכר זאָל זײַן בײַ אײַך טײַער,
געדענקען זאָלט איר עס אויף יאָרן אַ סך!

---

*=געהאַט.

[„פֿאָלקס־קענטעניש", פֿאָלקלאָריסטיק און עטנאָגראַפֿיע]

[אין כּהנס אַרכיוו געפֿינען זיך פֿראַגמענטן פֿון אַ רעפֿעראַט: „צי קען אויך דאָס פֿאָלק פּראָדוצירן? וועגן אָריגינעלע און רעפּראָדוצירטע פֿאָלקסלידער", וואָס כּהן האָט געלייענט אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ דעם 19טן יאַנואַר 1936. די דאָזיקע פֿראַגמענטן זײַנען אויסגענוצט דאָ און אויך פֿאַר דעם אַרטיקל: „פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע אין פֿאָלקלאָר", זז' 222—227.]

. . . אין דעם זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל א"ט „אַרײַנפֿיר־ווערטער אין דער ייִדישער פֿאָלקס־קענטעניש", וואָס ד"ר י. שיפּער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם נײַעם זשורנאַל לאַנדקענטעניש (וואַרשע, 1933, נומ' 1) איז צווישן אַנדערע אויך באַרירט געוואָרן די פֿראַגע פֿון „פּראָדוקציע" און „רעפּראָדוקציע" אין שײַכות מיט אונדזער פֿאָלקסליד, וועגן וועלכער איך וואָלט דאָ געוואָלט אַ ביסל דיסקוטירן, אויב דאָס וועט מיר דערלויבט זײַן.

נאָר פֿריִער דאַרפֿן מיר זיך אַ ביסל גענויער באַקענען מיט ד"ר שיפּערס קוק אויף אונדזער פֿאָלקלאָר־אַרבעט בכלל, און בעיקר מיט זײַנע דעפֿיניציעס און דערקלערונגען, וואָס עס מיינט אַזעלכעס „פֿאָלקס־קענטעניש", צי דעקט עס אונדזער טערמין פֿאָלקלאָריסטיק (אָדער „פֿאָלקלאָר־אויספֿאָרשונג", ווי דאָס רופֿט זיך דאָרטן). וועגן דעם אַלעם געפֿינען מיר אונדזער אינפֿאָרמאַציע אין קאַפּיטל 2 פֿונעם אַרטיקל אונטערן קעפּל „פֿאַרשיידענע באַגריפֿן" (פֿעלקער־קענטעניש, פֿאָלקס־קענטעניש און פֿאָלקלאָר), וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

> זינט ייִוואָ (דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט) האָט דעם שטויס געגעבן צו פֿאָלקס־קענערישע זאַמלונגען אין אַ גרויסן מאָס־שטאַב, איז צו מערקן אַ כּסדרדיקער וווּקס פֿון זאַמלערקרײַזן אָדער צום ווייניקסטנס אַ גרעסערע פֿאַראינטערעסירונג מיט דער פֿאָלקס־קענטעניש. פֿון פֿאַראינטערעסירונג ביז צו געהעריקער, אויף וויסנשאַפֿטלעכע יסו־דות באַזירטער זאַמל־אַרבעט און פֿאָרשונג איז אָבער אַ היפּשער מהלך, און עס וואָלט געווען אַ פֿאַרפּוצונג פֿון דערווירקלעכקייט, ווען מען זאָל נישט אָנווײַזן אויף דעם דילעטאַנטישן צוגאַנג וואָס כאַראַקטעריזירט דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזערע זאַמלער.

דאָס איז אפֿשר ריכטיק, אָבער ניט אין גאַנצן. אַוודאי איז פֿאַראַן אַ היפּשער מהלך פֿון פֿאַראינטערעסירונג אין דער פֿאָלקס־קענטעניש (אייגנטלעך עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָריסטיק) ביז צו אַ געהעריקער, אויף וויסנשאַפֿטלעכע יסודות באַזירטער זאַמל־אַרבעט. דוכט זיך אָבער, אַז ס'איז אָפֿט מאָל פֿאַראַן אַ פֿיל ווײַטערער מהלך פֿון ריינער זאַמל־אַרבעט ביז איר פּראַקטישער אויספֿאָרשונג, ווי אַפֿילו פֿון סתם פֿאַראינטערעסירונג ביז זאַמל־אַרבעט. זאַמלער און פֿאָרשער

גייען זעלטן צוזאַמען בײַ הײַנטיקער צײַט, כאָטש אַ מאָל טרעפֿט מען זיי פֿאַראייניקט אין איין פּערזאָן. וואָרעם דאָס רובֿ פֿירט זיך די זאַמל־אַרבעט פֿון געוויסע פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן גאַנץ באַזונדער, אומאָפּהענגיק פֿון איר וויסנשאַפֿטלעכער אויספֿאָרשונג וועלכע קומט געוויינטלעך אַ ביסל שפּעטער און אַ מאָל אפֿשר אין אַ סך יאָרן אַרום. בײַשפּילן דערצו זײַנען פֿאַראַן אַ סך און זיי זײַנען באַוווּסט, דעריבער איז דאָ איבעריק זיי צו ברענגען. טאָ ווי קען מען אַזאַ זאַמל־אַרבעט פֿון צוגרייטן אויטענטישן רוי־מאַטעריאַל פֿאַר דעם קומענדיקן פֿאָרשער כאַראַקטעריזירן ווי אַ „דילעטאַנטישן צוגאַנג"?

ס'איז אָבער מעגלעך, אַז ד"ר שיפּער האָט עס אַזוי ווײַט ניט געמיינט, מחמת ס'איז אויך קענטיק, אַז ער האָט דאָ אין זינען געהאַט ניט דווקא די ייִוואָ־זאַמלער אָדער פֿאַראינטערעסירטע אין דער אַרבעט, נאָר בעיקר די זאַמלער וואָס גרופּירן זיך אַרום דער ייִדישער טוריסטיק־ און לאַנד־קענטעניש־געזעלשאַפֿט (אין פּוילן). זיי קענען זיך אפֿשר אַזוי גענוי ניט פֿונאַנדערקלײַבן אין זײַן נײַעם טערמין „פֿאָלקס־קענטעניש", וואָס איז אייגנטלעך אַן איבערזעצונג פֿון דער דײַטשישער „פֿאָלקסקונדע", אָדער פֿונעם פּוילישן טערמין „לודאָזנאַווסטוואָ". דעריבער אפֿשר אַזאַ ערגערניש, וואָס

> אַ כאָאָס הערשט אין אונדזערע זאַמלערקרײַזן אַפֿילו אין אַזאַ עיקר־דיקער פֿראַגע ווי די צילן און אויפֿגאַבן פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש. איינע פֿון די אָפֿטסטע מיספֿאַרשטענדענישן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אין די זאַמלערקרײַזן, איז דאָס צונויפֿמישן פֿון פֿאַרשיידענע באַגריפֿן: פֿאָלקס־קענטעניש ווערט דאָ אידענטיפֿיצירט מיט פֿאָלקלאָר־אויספֿאָרשונג פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען איינס און דאָס זעלבע.

און באמת איז עס טאַקע „איינס און דאָס זעלבע", לויט ד"ר שיפּערס אייגענער דעפֿיניציע; ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער צעטיילט דעם שטאָף אויף צוויי באַזונדערע געביטן, הייסן זיי אָבער צוזאַמען בײַ אים „פֿאָלקס־קענטעניש". אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

ווי ס'איז צו זען, האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן דער פּראַקטישער זײַט פֿון דער זאַמל־אַרבעט אָדער פֿון דער זאַמל־טעכניק, נײַערט וועגן די צילן און אויפֿגאַבעס פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿאָלקס־קענטעניש", און בעיקר וועגן אַ באַשטימטער דעפֿיניציע אָדער דעפֿיניציעס פֿון אירע פֿאַרשיידענע טיילגעביטן. ד"ר שיפּער באַקלאָגט זיך טאַקע, און מיט רעכט, וואָס מיר פֿאַרמאָגן ניט אויף ייִדיש אַן „אַנטשפּרעכנדע ליטעראַטור" וואָס זאָל אָריענטירן איבער די געביטן און מעטאָדן פֿון פֿאָלקס־קענטעניש. ער פֿאַרגעסט אָבער דערבײַ, אַז מיר האָבן נאָך אַפֿילו ניט צונויפֿגעזאַמלט דעם געהעריקן סכום רוי־מאַטעריאַל וואָס איז אויך נייטיק פֿאַר אַזאַ אָריענטאַציע. נאָר ווי ס'ווײַזט אויס, האַלט ער ניט פֿון אַזאַ מעטאָד, בײַ אים קומט פֿריִער אויספֿאָרשונג פֿונעם מאַטעריאַל, אַנדערש האָט עס קיין ווערט ניט לויט זײַן מיינונג. ווי ער זאָגט עס טאַקע אויף אַן אַנדער אָרט:

> די זאַמל־אַרבעט און אויספֿאָרשונג פֿון פֿאָלקס־קענערישע מאַטעריאַלן קען ערשט דעמאָלט האָבן אַ ווערט, ווען מען האָט אַ געהעריקן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן.

בכן מוזן מיר זיך פֿריִער באַקענען מיט דעם כאַראַקטער פֿונעם „פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן", ד"ה מיט די פֿאַרשיידענע באַגריפֿן און דעפֿיניציעס פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש, לויט שיפּערס אינטערפּרעטאַציע:

> אונטער פֿאָלקס־קענטעניש (אויף דײַטש פֿאָלקסקונדע) איז צו פֿאַרשטיין יענער צווײַג פֿון וויסנשאַפֿט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אויספֿאָרשונג און שילדערונג פֿונעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערשיכטן פֿון אַ באַשטימטן קולטורפֿאָלק. אין דער געבראַכטער דעפֿיניציע האָבן מיר אונטערגעשטראָכן פֿאָלגנדיקע מאָמענטן:
>
> א) אונטערע שיכטן פֿון אַ קולטורפֿאָלק: מיטן דאָזיקן מאָמענט אונטערשיידט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿעלקער־קענטעניש" (אויף דײַטש: פֿעלקערקונדע), וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אויספֿאָרשונג און שילדערונג פֿונעם לעבנס־שטייגער בײַ חוץ־אייראָפּעיִשע פּרימיטיווע פֿעלקער (נאַטורפֿעלקער) אָדער בײַ פֿעלקער וואָס שטייען אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פֿון קולטור (האַלב־קולטורפֿעלקער). אין קעגנזאַץ צו דער „פֿעלקער־קענטעניש" באַשעפֿטיקט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש מיט דעם לעבנס־שטייגער פֿון די אונטערע שיכטן פֿון אַ הויך אַנטוויקלטן קולטורפֿאָלק. נישט די קולטור פֿון אייבערע, אינטעליגענטע שיכטן, נישט זייערע שאַפֿונגען אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט, און אויך נישט דער לעבנס־שטייגער זייערער בילדן דעם קעגנשטאַנד פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש, נײַערט דאָס שאַפֿן און דער לעבנס־שטייגער פֿון די אונטערע שיכטן וואָס זײַנען, ווי מיר וועלן דאָס נאָך אויפֿווײַזן, אין קולטורעלן זין הינטערשטעליק, „אָפּגעשטאַנען", „קאָנסערוואַטיוו".
>
> ב) דעם צווייטן כאַראַקטעריסטישן שטריך פֿון דער דעפֿיניציע שטעלן מיט זיך פֿאָר די ווערטער וועגן דעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערע שיכטן. דורך דעם דאָזיקן שטריך אונטערשיידט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש פֿון „פֿאָלקלאָר", און צו פֿאַרשטיין איז דער אונטערשייד אָט ווי: פֿאָלקלאָר, וואָס דער באַגריף פֿון אים איז געשאַפֿן ערשט אין 1846סטן יאָר דורך דעם ענגלענדער דזשאָן טאָמז נעמט אַרום בלויז די קענטעניש פֿונעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערע פֿאָלקס־שיכטן, ווי אַ שטייגער די קענטעניש פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך, פֿון די שפּריכווערטער, פֿאָלקסלידער, מעשׂיות, פֿאַבלען, פֿאָלקשפּילן וכדומה. אַ סך ברייטער איז דאָס געביט פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש: זי שליסט אין זיך איין דעם פֿאָלקלאָר, ווי אויך די קענטעניש פֿון די פֿון פֿאָלק (אין זין פֿון אונטערע פֿאָלקסשיכטן) אָנגענומענע זידלונגס־פֿאָרמען, פֿון זײַן הײַזערבוי און וווינונגס־אײַנאָרדענונג, פֿון פֿאָלקסטראַכטן און פֿאָלקס־דערנערונג, פֿון די פֿלערליי כּלי־זיין, מיט וועלכע דאָס פֿאָלק באַנוצט זיך בײַ דער אַרבעט און אין דער בעל־הבתישקייט וכדומה, מיט אַנדערע ווערטער: פֿאָלקלאָר איז בלויז אַ טיילגעביט פֿון פֿאָלקס־קענטעניש, אַ טיילגעביט וואָס נעמט אַרום בלויז דעם גײַסטיקן איבערבוי פֿונעם פֿאָלקסלעבן, בעת ווען די פֿאָלקס־קענטעניש באַהאַנדלט אויך דעם מאַטעריעלן אונטערבוי, דעם זאַכלעכן, קעגנשטענדלעכן יסוד פֿונעם דאָזיקן לעבן . . .

*

. . . ווי ס'איז צו זען פֿון דער דאָזיקער דעפֿיניציע איז „פֿאָלקס־קענטעניש" ניט אין ערך אַ פֿיל ברייטערער געביט ווי פֿאָלקלאָריסטיק. ווײַל זי, די פֿאָלקס־קענטעניש, הייסט עס, שליסט אײַן אין דעם ברייטערן געביט פֿון איר פֿאָרשונג

גייען זעלטן צוזאַמען בײַ הײַנטיקער צײַט. כאָטש אַ מאָל טרעפֿט מען זיי פֿאַראייניקט אין איין פּערזאָן. וואָרעם דאָס רובֿ פֿירט זיך די זאַמל־אַרבעט פֿון געוויסע פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן גאַנץ באַזונדער, אומאָפּהענגיק פֿון איר וויסנשאַפֿטלעכער אויספֿאָרשונג וועלכע קומט געוויינטלעך אַ ביסל שפּעטער און אַ מאָל אפֿשר אין אַ סך יאָרן אַרום. בײַשפּילן דערצו זײַנען פֿאַראַן אַ סך און זיי זײַנען באַוווּסט, דעריבער איז דאָ איבעריק זיי צו ברענגען. טאָ ווי קען מען אַזאַ זאַמל־אַרבעט פֿון צוגרייטן אויטענטישן רוי־מאַטעריאַל פֿאַר דעם קומענדיקן פֿאָרשער כאַראַקטעריזירן ווי אַ „דילעטאַנטישן צוגאַנג״?

ס'איז אָבער מעגלעך, אַז ד״ר שיפּער האָט עס אַזוי ווײַט ניט געמיינט, מחמת ס'איז אויך קענטיק, אַז ער האָט דאָ אין זינען געהאַט ניט דווקא די ייִוואָ־זאַמלער אָדער פֿאַראינטערעסירטע אין דער אַרבעט, נאָר בעיקר די זאַמלער וואָס גרופּירן זיך אַרום דער ייִדישער טוריסטיק־ און לאַנד־קענטעניש־געזעלשאַפֿט (אין פּוילן). זיי קענען זיך אפֿשר אַזוי גענוי ניט פֿונאַנדערקלײַבן אין זײַן נײַעם טערמין „פֿאָלקס־קענטעניש״, וואָס איז אייגנטלעך אַן איבערזעצונג פֿון דער דײַטשישער „פֿאָלקסקונדע״, אָדער פֿונעם פּוילישן טערמין „לודאָזנאָווסטוואָ״. דעריבער אפֿשר אַזאַ ערגערניש, וואָס

> אַ כאַאָס הערשט אין אונדזערע זאַמלערקרײַזן אַפֿילו אין אַזאַ עיקרדיקער פֿראַגע ווי די צילן און אויפֿגאַבן פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש. איינע פֿון די אָפֿטסטע מיספֿאַרשטענדענישן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אין די זאַמלערקרײַזן, איז דאָס צונויפֿמישן פֿון פֿאַרשיידענע באַגריפֿן: פֿאָלקס־קענטעניש ווערט דאָ אידענטיפֿיצירט מיט פֿאָלקלאָר־אויספֿאָרשונג פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען איינס און דאָס זעלבע.

און באמת איז עס טאַקע „איינס און דאָס זעלבע״, לויט ד״ר שיפּערס אייגענער דעפֿיניציע; ניט קוקנדיק דערויף וואָס ער צעטיילט דעם שטאָף אויף צוויי באַזונדערע געביטן, הייסן זיי אָבער צוזאַמען בײַ אים „פֿאָלקס־קענטעניש״. אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

ווי ס'איז צו זען, האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן דער פּראַקטישער זײַט פֿון דער זאַמל־אַרבעט אָדער פֿון דער זאַמל־טעכניק, נײַערט וועגן די צילן און אויפֿגאַבעס פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿאָלקס־קענטעניש״, און בעיקר וועגן אַ באַשטימטער דעפֿיניציע אָדער דעפֿיניציעס פֿון אירע פֿאַרשיידענע טיילגעביטן. ד״ר שיפּער באַקלאָגט זיך טאַקע, און מיט רעכט, וואָס מיר פֿאַרמאָגן ניט אויף ייִדיש אַן „אַנטשפּרעכנדע ליטעראַטור״ וואָס זאָל אָריענטירן איבער די געביטן און מעטאָדן פֿון פֿאָלקס־קענטעניש. ער פֿאַרגעסט אָבער דערבײַ, אַז מיר האָבן נאָך אַפֿילו ניט צונויפֿגעזאַמלט דעם געהעריקן סכום רוי־מאַטעריאַל וואָס איז אויך נייטיק פֿאַר אַזאַ אָריענטאַציע. נאָר ווי ס'ווײַזט אויס, האַלט ער ניט פֿון אַזאַ מעטאָד, בײַ אים קומט פֿריִער אויספֿאָרשונג פֿונעם מאַטעריאַל, אַנדערש האָט עס קיין ווערט ניט לויט זײַן מיינונג. ווי ער זאָגט עס טאַקע אויף אַן אַנדער אָרט:

> די זאַמל־אַרבעט און אויספֿאָרשונג פֿון פֿאָלקס־קענערישע מאַטעריאַלן קען ערשט דעמאָלט האָבן אַ ווערט, ווען מען האָט אַ געהעריקן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן.

בכן מוזן מיר זיך פֿריִער באַקענען מיט דעם כאַראַקטער פֿונעם „פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן״, ד״ה מיט די פֿאַרשיידענע באַגריפֿן און דעפֿיניציעס פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש, לויט שיפּערס אינטערפּרעטאַציע:

> אונטער פֿאָלקס־קענטעניש (אויף דײַטש פֿאָלקסקונדע) איז צו פֿאַרשטיין יענער צווײַג פֿון וויסנשאַפֿט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אויספֿאָרשונג און שילדערונג פֿונעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערשיכטן פֿון אַ באַשטימטן קולטורפֿאָלק. אין דער געבראַכטער דעפֿיניציע האָבן מיר אונטערגעשטראָכן פֿאָלגנדיקע מאָמענטן:
>
> א) אונטערע שיכטן פֿון אַ קולטורפֿאָלק: מיטן דאָזיקן מאָמענט אונטערשיידט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿעלקער־קענטעניש״ (אויף דײַטש: פֿעלקערקונדע), וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אויספֿאָרשונג און שילדערונג פֿונעם לעבנס־שטייגער בײַ חוצאייראָפּעיִשע פּרימיטיווע פֿעלקער (נאַטורפֿעלקער) אָדער בײַ פֿעלקער וואָס שטייען אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פֿון קולטור (האַלב־קולטורפֿעלקער). אין קעגנזאַץ צו דער „פֿעלקער־קענטעניש״ באַשעפֿטיקט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש מיט דעם לעבנס־שטייגער פֿון די אונטערע שיכטן פֿון אַ הויך אַנטוויקלטן קולטורפֿאָלק. נישט די קולטור פֿון אייבערע, אינטעליגענטע שיכטן, נישט זייערע שאַפֿונגען אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט, און אויך נישט דער לעבנס־שטייגער זייערער בילדן דעם קעגנשטאַנד פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש, נײַערט דאָס שאַפֿן און דער לעבנס־שטייגער פֿון די אונטערע שיכטן וואָס זײַנען, ווי מיר וועלן דאָס נאָך אויפֿווײַזן, אין קולטורעלן זין הינטערשטעליק, „אָפּגעשטאַנען״, „קאָנסערוואַטיוו״.
>
> ב) דעם צווייטן כאַראַקטעריסטישן שטריך פֿון דער דעפֿיניציע שטעלן מיט זיך פֿאָר די ווערטער וועגן דעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערע שיכטן. דורך דעם דאָזיקן שטריך אונטערשיידט זיך די פֿאָלקס־קענטעניש פֿון „פֿאָלקלאָר״, און צו פֿאַרשטיין איז דער אונטערשייד אָט ווי: פֿאָלקלאָר, וואָס דער באַגריף פֿון אים איז געשאַפֿן ערשט אין 1846סטן יאָר דורך דעם ענגלענדער דזשאָן טאָמז נעמט אַרום בלויז די קענטעניש פֿונעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן פֿון די אונטערע פֿאָלקס־שיכטן, ווי אַ שטייגער די קענטעניש פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך, פֿון די שפּריכווערטער, פֿאָלקסלידער, מעשׂיות, פֿאַבלען, פֿאָלקשפּילן וכדומה. אַ סך ברייטער איז דאָס געביט פֿון דער פֿאָלקס־קענטעניש: זי שליסט אין זיך אײַן דעם פֿאָלקלאָר, ווי אויך די קענטעניש פֿון די פֿון פֿאָלק (אין זין פֿון אונטערע פֿאָלקסשיכטן) אָנגענומענע זידלונגס־פֿאָרמען, פֿון זײַן הײַזערבוי און וווינונגס־אײַנאָרדענונג, פֿון פֿאָלקסטראַכטן און פֿאָלקס־דערנערונג, פֿון די פֿלערליי כּלי־זיין, מיט וועלכע דאָס פֿאָלק באַנוצט זיך בײַ דער אַרבעט און אין דער בעל־הבתּישקייט וכדומה, מיט אַנדערע ווערטער: פֿאָלקלאָר איז בלויז אַ טיילגעביט פֿון פֿאָלקס־קענטעניש, אַ טיילגעביט וואָס נעמט אַרום בלויז דעם גײַסטיקן איבערבוי פֿונעם פֿאָלקסלעבן, בעת ווען די פֿאָלקס־קענטעניש באַהאַנדלט אויך דעם מאַטעריעלן אונטערבוי, דעם זאַכלעכן, קעגנשטענדלעכן יסוד פֿונעם דאָזיקן לעבן...

*

... ווי ס'איז צו זען פֿון דער דאָזיקער דעפֿיניציע איז „פֿאָלקס־קענטעניש״ ניט אין ערך אַ פֿיל ברייטערער געביט ווי פֿאָלקלאָריסטיק. ווײַל זי, די פֿאָלקס־קענטעניש, הייסט עס, שליסט אײַן אין דעם ברייטערן געביט פֿון איר פֿאָרשונג

ניט נאָר דאָס מאַטעריעלע פֿאַרמעגן פֿון די „אונטערע פֿאָלקסשיכטן“, נאָר אויך דאָס גײַסטיקע פֿאַרמעגן זייערס. איז דאָס, דוכט זיך, גאַנץ קלאָר און דײַטלעך; ניט מער וואָס דער באַגריף פֿון דעם פּאָפּולערן טערמין „פֿאָלקלאָר“ ווערט דאָ אויסגעביטן אויף „גײַסטיקן פֿאַרמעגן“, וואָס דאָס איז שוין גאָרניט אַזוי פֿאַרשטענדלעך אין דער געבראַכטער דעפֿיניציע. וואָרעם דאָס גײַסטיקע פֿאַרמעגן פֿון די אונטערע פֿאָלקסשיכטן אונדזערע, בײַ הײַנטיקער צײַט, באַשטייט דאָך נישט בלויז פֿון פֿאָלקלאָר, פֿון טראַדיציאָנעלן וויסן און דיכטונג, נאָר אויך פֿון אַזאַ וויסן אָדער פֿון אַזאַ גײַסטיקן פֿאַרמעגן וואָס איז אָפֿט מאָל דער סאַמע היפּוך פֿון פֿאָלקלאָר. טאָ ווו זשע איז דאָ די נפֿקא־מינה?

. . . אויב [די זאַמלער] מישן צונויף אָדער אידענטיפֿיצירן אַזעלכע צוויי פֿאַרשיידענע באַגריפֿן ווי „פֿאָלקס־קענטעניש“ און „פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג“, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען איינס און דאָס זעלבע, איז דאָס זיכער ניט זייער שולד דערבײַ, נאָר גיכער די שולד פֿון ד״ר שיפּערס „גלײַכשאַלטיקער“ און דאָך צווידײַטיקער דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף „פֿאָלקס־קענטעניש“. כמעט אויף יעדער זײַטל פֿון זײַן אַרײַנפֿיר געפֿינען מיר דעם אויסדרוק פֿאָלקס־קענטעניש וואָס ווערט אידענטיפֿיצירט און אויפֿגעפֿאַסט אין דעם זינען פֿון פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג, און פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג ווערט ווידער אידענטיפֿיצירט מיט פֿאָלקלאָר אין דעם זינען ווי דאָס וואָלט ניט געווען בלויז דער אָביעקט פֿון דער פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג, נײַערט ווי די פֿאָרשונג גופֿא; און די פֿאָרשונג גופֿא הייסט דאָך אַוודאי און אַוודאי — פֿאָלקס־קענטעניש. אָט אַזוי געפֿינען מיר דאָ די אַלע גאַנץ פֿאַרשיידענע באַגריפֿן צונויפֿגעמישט אין איינעם, פּונקט ווי דאָס וואָלט געמיינט איינס און דאָס זעלבע. איז ווען מיר שטויסן זיך דאָרט אָן, למשל, אויף אַזאַ מין אויסדרוק ווי „פֿאָלקס־קענערישע זאַמלונגען“, ווייסן מיר ניט בעת מעשׂה, וועגן וואָסערע זאַמלונגען דאָרט רעדט זיך: צי וועגן פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען, צי וועגן זאַמלונגען פֿון מאַטעריעלער עטנאָגראַפֿיע?

. . . דער כּוללדיקער באַגריף „פֿאָלקס־קענטעניש“ באַציט זיך נישט בלויז אויף איין צווײַג פֿון וויסנשאַפֿט, נײַערט אויף צוויי גאַנץ פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע צווײַגן אָדער דיסציפּלינען. דהײַנו, דער צווײַג וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אויספֿאָרשונג פֿונעם גײַסטיקן פֿאַרמעגן, ד״ה פֿונעם פֿאָלקלאָר, רופֿט זיך אָן „פֿאָלקלאָריסטיק“ אָדער „פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג“. און יענער ווידער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער שילדערונג פֿונעם מאַטעריעלן פֿאַרמעגן פֿון די אונטער־שיכטן, הייסט גאָר פּשוט — מאַטעריעלע עטנאָגראַפֿיע. . . .

. . . ד״ר שיפּער האַלט זיך קענטיק זייער שטרענג אין דער נאַציאָנאַליזירטער טערמינאָלאָגיע פֿון דער דײַטשישער „פֿאָלקסקונדע“, ווו אַזאַ פֿרעמדוואָרט ווי „עטנאָגראַפֿיע“ ווערט זייער זעלטן באַנוצט, סײַדן אין אַ נויטפֿאַל, ווען עס האַנדלט זיך בלויז וועגן ווילדע אָדער האַלב־קולטיווירטע פֿעלקער, און אַפֿילו אויך דעמאָלט היט מען זיך ווי ווײַט מיגלעך ניט אָנצורופֿן דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן טערמין מיט זײַן ריכטיקן נאָמען, נאָר מען פֿאַרטײַטשט אים אויף דײַטש: „פֿעלקערקונדע“. . . .

. . . אַזאַ אויסדרוק ווי פֿאָלקלאָריסטיק איז אין דעם דערמאָנטן אַרײַנפֿיר לחלוטין ניט בנימצא, ווײַל דאָס איז אויך ניטאָ אין דער מאָדערנער דײַטשישער „פֿאָלקסקונדע“, פֿון וואַנען ד״ר שיפּער האָט קענטיק אַריבערגעטראָגן אויפֿן ייִדישן געביט ניט נאָר דעם נאָמען „פֿאָלקס־קענטעניש“, נאָר אויך איר טערמינאָלאָגיע און כמעט דעם גאַנצן טעאָרעטישן אַני־מאמין פֿון דער דאָזיקער ענג נאַציאָנאַליסטישער פֿאָלקסקונדע. וואָרעם ס'איז באַוווּסט, אַז די דײַטשישע פֿאָלקסקונדע האָט שוין פֿון לאַנג, זינט די 90ער יאָרן, אַרויסגעוואָרפֿן פֿון איר ווערטערבוך אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען און אויסדרוקן ווי פֿאָלקלאָר, פֿאָלקלאָריסטישע פֿאָרשונגען, פֿאָלקלאָריסטיק און פֿאָלקלאָריסט. און אַרויסגעוואָרפֿן נישט נאָר מחמת זיי זײַנען אינטערנאַציאָנאַלע פֿרעמדווערטער און דעקן זיך ניט מיט די באַגריפֿן פֿון דער דײַטשישער פֿאָלקסקונדע, נאָר בעיקר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געקלונגען אין דײַטש „העסליך“, אַפֿילו „אַבשויליך“, ווי ס'האָבן זיך אויסגעדריקט עטלעכע דײַטשישע פֿילאָלאָגן און „פֿאָלקס־קונדלער“. . . .

*

. . . אין דער . . . דעפֿיניציע ווערט די ייִדישע פֿאָלקס־קענטעניש אַזוי געמאָלט, אַז עס באַקומט זיך עפּעס אַ מין ברייט מאַטעריעל פֿעלד וואָס שליסט אין זיך אײַן דעם פֿאָלקלאָר, גלײַך ווי פֿאָלקלאָר וואָלט געווען עפּעס אַ נישטיקע זאַך לגבי די „אָנגענומענע זידלונגס־פֿאָרמען פֿון הײַזערבוי און וווינונגס־אײַנאָרדענונג“, פֿון פֿאָלקסטראַכטן און בעיקר פֿון „כלערליי כּלי־זיין“, מיט וועלכע דאָס פֿאָלק, „די אונטערע שיכטן“, הייסט עס, באַנוצט זיך בײַ דער אַרבעט און אין דער בעל־הבתישקייט וכדומה. איר וווּנדערט זיך בעת מעשׂה און פֿרעגט זיך: פֿון וואַנען האָט זיך דאָס פּלוצלינג גענומען צו די „אונטערע“ פֿאָלקסשיכטן אונדזערע, צו די אָרעמע ייִדישע מאַסן, עפּעס אַזאַ מין ברייטע פּויערישע בעל־הבתישקייט, אַזאַ רײַכע מאַטעריעלע פֿאָלקסקולטור? . . .

. . . עס איז עפּעס אַ שטיקל חידוש, ווי אַזוי מען קען געבן אַן אַרײַנפֿיר אין אַזאַ ייִדישער פֿאָלקס־קענטעניש, באַזונדער אין איר ברייטערן געביט וואָס נעמט אַרום דאָס מאַטעריעלע פֿאַרמעגן פֿונעם פֿאָלק, פֿון די אונטערע פֿאָלקס־שיכטן אונדזערע, בעת ווען בײַ אונדז איז נאָך ניט פֿאַראַן אַפֿילו קיין אָנהייב פֿון אַזעלכע מאַטעריאַלן־זאַמלונגען און במילא קיין באַשרײַבונג פֿון דעם דאָזיקן וויסנשאַפֿטלעכן רוישטאָף, וואָס [דאָס] איז דער עיקר תּנאַי פֿון אַ וויסנשאַפֿט־לעכער פֿאָלקס־קענטעניש. ס'איז אויך מערקווערדיק, וואָס ד״ר שיפּער ווײַזט ניט אָן אויף קיין שום מקור, אויב ניט אויף ייִדיש, איז כאָטש אין דער פֿרעמד־שפּראַכיקער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור, ווו אַזעלכע מאַטעריאַלן פֿון אונדזער מאַטעריעלער קולטור, דער הײַנטצײַטיקער, זײַנען אפשר טיילווײַז יאָ אַ מאָל באַשריבן אָדער טיילווײַז אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. דוכט זיך, אַז אַן אַרײַנפֿיר מוז דאָך אַרײַנפֿירן אין עפּעס וואָס ס'איז שוין פֿאַראַן בפּועל ממש, אָבער ניט אין עפּעס וואָס ס'דאַרף ערשט געשאַפֿן ווערן.

אמת, ד״ר שיפּער האָט באַלד אין אָנהייב פֿון זײַן אַרײַנפֿיר אַפֿילו יאָ אָנגעוויזן אויף אַ געוויסן אויפֿטו פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קענטעניש, דהײַנו אויף דעם מאָנומענטאַלן ווערק פֿון מ. גידעמאַן,* ווו מיר געפֿינען אַ סך ידיעות וועגן ייִדישע פֿאָלקס־מינהגים און פֿאָלקסשאַפֿונגען, וואָס זײַנען ס׳רובֿ געשעפּט פֿון דער רבנישער ליטעראַטור. אָבער אויך די דאָזיקע ידיעות, מיינט ער, האָבן גיכער אַ כאַראַקטער פֿון „אַרכעאָלאָגישער“ וויסנשאַפֿט איידער פֿון פֿאָלקס־קענטעניש, ווײַל דער מחבר ווײַזט אונדז נישט די צוזאַמענהאַנגען מיטן הײַנטיקן פֿאָלקסלעבן. עס איז „אַ סטאַטישער, רוענדיקער מאַטעריאַל וואָס מען מוז ערשט אויפֿזוכן די פֿאַרבינדונגען און באַציִונגען צום הײַנטיקן שטייגער לעבן“. ד״ר שיפּער האַלט אָבער, אַז אין די דאָזיקע אַרכעאָלאָגישע און ליטעראַטור־געשיכטלעכע ווערק, בעיקר פֿון דער נײַערער צײַט, „געפֿינען זיך די סאַמע וויכטיקסטע אָפּשפּיגלונגען פֿונעם פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן“, הגם זיי גיבן מער סטאַטיק איידער דינאַמיק, מער „פֿאַרגליווערטע“ פֿאַרגאַנגענהייט איידער פֿאַרבינדונגען מיטן הײַנט. פֿון דעסט וועגן גלייבט ער, אַז

> צו באַלעבן דעם געוואַלטיקן אַרכעאָלאָגישן מאַטעריאַל וואָס איז צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן אין ספּעציעלע מאָנאָגראַפֿיעס אָדער בדרך־אַגבֿדיק אין געשיכטלעכע, רעליגיעז־געשיכטלעכע, ליטעראַטור־געשיכטלעכע, קונסט־געשיכטלעכע און ענלעכע ווערק — דאָס איז איינע פֿון די עיקר־דיקסטע אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קענטעניש!

און אָט די אַזוי גערופֿענע „אַרכעאָלאָגיע“, מיינט ד״ר שיפּער, לאָזט זיך באַלעבן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועלן זיך געפֿינען געהעריקע זאַמלונגען וואָס אילוסטרירן דעם הײַנטצײַטיקן לעבנס־שטייגער פֿון אונדזערע אונטערע פֿאָלקס־שיכטן און עס וועלן זיך אַנטפּלעקן דערשײַנונגען וואָס האָבן אַן אָרגאַנישע שײַכות צו דעם „אַמאָל“, צום „פֿאַרגאַנגענעם“ לעבנס־שטייגער. דערבײַ האָט ער פֿאַרגעסן, משמעות, צו דערמאָנען, אַז בײַ אונדז געפֿינען זיך שוין גאָר היפּשלעך אַזעלכע זאַמלונגען וואָס אילוסטרירן דעם הײַנטצײַטיקן לעבנס־שטייגער פֿון די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. ער האָט פֿאַרגעסן אָנצווווײַזן, למשל, אויף די זאַמלונגען פֿון גינזבורג און מאַרעק, פּרילוצקי, כּהן, לעהמאַן און אַנדערע, וועלכע ער האָט ניט לאַנג צוריק גאָר נישקשהדיק אויסגענוצט, כּדי צו אילוסטרירן דורך זייערע געזאַמלטע מאַטעריאַלן זײַן דרײַבענדיקע געשיכטע פֿון ייִדישער טעאַטער־קונסט און דראַמע (1928—1933). מיר דוכט זיך, אַז פֿאַר אַזאַ „אַרײַנפֿיר“ ווי ד״ר שיפּערס, וואָס איז קענטיק אָנגעשריבן געוואָרן פֿאַר און צוליב אונדזערע „דילעטאַנטישע זאַמלערקרײַזן“, ווי ער כאַראַקטעריזירט זיי מיט ביטול, וואָלט אַ סך גלײַכער און ניצלעכער געווען, ווען ער ווײַזט זיי אָן כאָטש אויף די דערמאָנטע אילוסטראַציעס פֿון דער הײַנטצײַטיקער פֿאָלקס־

* Moritz Güdemann, *Geschichte des Erziehungswesens und der Cultur der abendländischen Juden während des Mittelalters und der neueren Zeit*, Wien, A. Hölder, I (1880), II (1884), III (1888).

דער דריטער באַנד איז אויך אַרויס אויף ייִדיש: גידעמאַן, מ., ייִדישע קולטור־געשיכטע אין מיטל־אַלטער, ייִדיש: נחום שטיף, כּלל־פֿאַרלאַג, בערלין, 1922 — תרפּ״ב, 250 זז׳.

שאַפֿונג, וואָס אויף איר יסוד האָט ער אויפֿגעבויט, קען מען זאָגן, די בעסטע און שענסטע קאַפּיטלעך פֿון זײַן טעאַטער־געשיכטע....

...ווי עס ווײַזט אויס, איז ד״ר שיפּער, ווי אַ קולטור־היסטאָריקער און שטרענגער וויסנשאַפֿטס־מאַן, שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, ממש פֿאַרבענקט נאָך דאָס „אַמאָליקע“, נאָך דאָס „פֿאַרגאַנגענע“, טאַקע פֿון דער גאַנץ ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. ס׳איז זיכער, אַז ער איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם ענין ריין וויסנשאַפֿטלעך, אָבער צוליב דער הויכער מליצהדיקער שפּראַך זײַנער באַקומט זיך אָפּט מאָל דער אײַנדרוק, אַז ס׳איז נישט מער ווי הוילע ראָמאַנטיק, הוילער סענטימענטאַלער פֿאַרלאַנג „צו באַלעבן דעם געוואַלטיקן אַרכעאָלאָגישן מאַטעריאַל“ פֿון דעם אַמאָליקן „פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן“. וואָרעם אין אַ ווײַלע אַרום אָדער אַ ביסל שפּעטער, ווען ער וועט קומען צו דעם הײַנטצײַטיקן „פֿאָלקסלעבן און פֿאָלקסוועבן“, צו דער הײַנטיקער אַזוי גערופֿענער „פֿאָלקס־קולטור“, וועט שוין דאָס „ראָמאַנטישע שיכּרות“, ווי ער רופֿט עס, אין גאַנצן צערונען ווערן, און אין דעם ליכט פֿון דער מאָדערנער פֿאָלקס־קענטעניש וועט עס בײַ אים אויסקוקן ניט מער ווי „אַ דעקלאַסירטע, אַראָפּגעקײַקלטע קולטור“....

[זען אויך זז׳ 334—339.]

[פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע אין פֿאָלקלאָר]

[צווישן כּהנס נאָטיצן האָט זיך געפֿונען אַ בלעטל, אויף וועלכן ס'איז געווען פֿאַרצייכנט:

וועגן ליטעראַרישע לידער וואָס זײַנען געוואָרן פֿאָלקסלידער. — בײַ די דײַטשן קונסטליד און פֿאָלקסליד. — ווײַנערס ליד פֿאַרגל' גאָלדפֿאַדענס [זען אין איצטיקן באַנד, זז' 211—214]. — דאָס ליד בײַ סקודיצקין [זען ווײַטער ז' 231]. — לעהמאַנס מלחמה־לידער. — צונזערס „מײַן האַרץ, מײַן האַרץ" (זליכה) [זען אין איצטיקן באַנד, זז' 204־205] אַלס פֿאָלקסליד.

צו עטלעכע פֿון די דאָזיקע ענינים האָבן זיך געפֿונען נאָטיצן וואָס ווערן דאָ געדרוקט ווי סעפּאַראַטע פֿראַגמענטן.

אויף אַ צווייט בלעטל האָט זיך געפֿונען אַזאַ נאָטיץ:

צי קען דאָס פֿאָלק עפּעס שאַפֿן? וועגן פֿאָלקס־ און פֿאָלקסטימלעכע לידער. פֿון י. ל. כּהן. מאַטעריאַל: 1. אַ שניי, מאַמע, אַ שניי, מאַמע. — 2. אוי אַ מאָדיסטקע איז שלעכט צו זײַן (ז' 39, נומ' 44[?]). — 3. אַ שניי, מאַמע, אַ שניי, ליובע (פֿאָלקלאָר־לידער, ז' 19). — 4. איין שניי, מאַמע, איין שניי, מוטער (פֿאָלקלאָר־לידער, ז' 20). — 5. אַ שניי, מאַמע, אַ שניי, מוטער (פֿאָלקלאָר־לידער, ז' 21).

ווידער אויף אַן אַנדער בלעטל איז אָנגעמערקט אַזאַ פּלאַן:

1) וועגן דער דײַטשישער רעפּראָדוקציע־טעאָריע.
2) געשיכטע פֿון זייערע פֿאָלקסליד־זאַמלונגען.
3) אַרנים און ברענטאַנאָ, אולאַנד, האָפֿמאַן פֿאָן־פֿאַלערסלעבען.
4) פּראָפֿ' יאָן מייער און דער מעטאָד פֿון זײַנע פֿאָרשונגען.
5) וועגן ד"ר שיפּערס אַרײַנפֿיר און פֿאַלשער אינטערפּרעטאַציע.

טייל פֿון די דאָ סקיצירטע געדאַנקען האָט כּהן באַוויזן אויסצולייגן אין די פֿראַגמענטן וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם איצטיקן באַנד; אַחוץ די אָקערשט דערמאָנטע ערטער זען נאָך זז' 194—221, 228—239 און אויך אין די בריוו צו ש. ז. פּיפּען זז' 335—339, 343־344. אָבער אַפֿילו דאָס וואָס ער האָט ניט באַוויזן אַרויסצוזאָגן מער באַריכות איז אויך וויכטיק פֿאַר אָפּשאַצן זײַנע פּלענער און ווי אַן אָנצוהערעניש אויף זײַן ראַנגלען זיך מיט פֿונדאַמענטאַלע פֿאָלקלאָריסטישע פּראָבלעמען.]

וועגן אַזאַ מאָדנער אַרבעט ווי ד"ר י. שיפּערס „אַרײַנפֿיר־ווערטער אין דער יידישער פֿאָלקס־קענטעניש", פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צײַטשריפֿט לאַנד־קענטעניש (וואַרשע, 1933, נומ' 1, זז' 61—71) האָט זיך פֿון לאַנג שוין געבעטן עפּעס אַ שטיקל דיסקוסיע, אויב ניט קיין קריטישע אָפּשאַצונג; אָבער ניט אין דעם טאָן און ניט אויף אַזאַ מין אופֿן ווי ד"ר י. שאַצקי האָט דאָס לעצטנס געטאָן אין זײַן רעצענזיע וועגן דער דערמאָנטער שריפֿט, ייִוואָ־בלעטער, VIII (1935), ז' 71. ער שרײַבט דאָרט אַזוי:

ד"ר יצחק שיפּער האָט מיט זײַן אַרטיקל... ניט אַזוי „אַרײַנגעפֿירט" ווי „פֿאַרפֿירט." ווײַל זײַן טעאָריע, אַז פֿאָלקלאָר איז דאָס רעשטל פֿון אַ „רײַכן" טיש, וואָס פֿאַלט אַראָפּ דעם אָרעמאַן, אָדער אַז פּאָעזיע וואָס ווערט אויס מאָדע בײַ אַ „העכערן" קלאַס ווערט מאָדע בײַ אַ „נידעריקן", אָדער אַז פֿאָלקלאָר איז ניט אינטערעסאַנט עסטעטיש, נאָר קולטור־היסטאָריש — אָט די אַלע טעזיסן זײַנען לחלוטין ניט ריכטיק. דער ענין אָבער פֿאָדערט אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג מיט באַווײַזן, און איך האָף, אַז אונדזערע פֿאָלקלאָריסטן וועלן דאָס טאָן. (אויף וויפֿל עס איז מיר באַקאַנט, האָט פֿ' י. ל. כּהן בדעה דאָס צו טאָן.) איך וויל נאָר אָנווײַזן ד"ר שיפּערן, אַז די פֿאָלקס־פּאָעזיע איז פֿון פֿאָלק געקומען אין סאַלאָן אַרײַן און אַז פּראָספּער מערימע, פּושקין, בעראַנזשע, הײַנע, מיצקעוויטש, רישאַרד בערווינסקי א"אַנד האָבן עסטעטיש גענאָסן זייער אַ סך פֿון פֿאָלקלאָר.

לויט די רייד פֿון מײַן פֿרײַנד ד"ר שאַצקי באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז איך בין אין גאַנצן מסכּים מיט אים בנוגע זײַנע נעגאַטיווע באַמערקונגען וועגן דעם דערמאָנטן אַרײַנפֿיר, והאָ ראַיה: אים איז באַקאַנט, אַז איך האָב בדעה אָנצושרײַבן וועגן דעם ענין „אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג מיט באַווײַזן" וואָס זאָלן מסתּמא „באַווײַזן", אַז יענע „אַלע טעזיסן זײַנען לחלוטין ניט ריכטיק". דאָס וואָלט אָבער געווען אַ פֿאַלשער אײַנדרוק, ווײַל אין אמתן בין איך לחלוטין ניט מסכּים מיט ד"ר שאַצקין און טייל ניט זײַנע מיינונגען בנוגע דעם דערמאָנטן אַרײַנפֿיר. פֿאַרקערט, איך האַלט גאָר, אַז יענע „רעפּראָדוקציע־טעאָריע" פֿון דער מאָדערנער פֿאָלקלאָריסטיק, וועלכע ד"ר שיפּער פֿאַרטיידיקט, איז בכלל גאַנץ ריכטיק, כאָטש עטלעכע פֿון אירע הנחות לאָזן זיך שטאַרק אָפּפֿרעגן.

אמת, ס'איז פֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס דער רעצענזענט האָט זיך אַזוי געערגערט איבער ד"ר שיפּערס טעאָריע און עס אָנגערופֿן „ניט אַזוי 'אַרײַנגעפֿירט' ווי 'פֿאַרפֿירט'". ווײַל ווי גיט מען דאָס פּלוצלינג אַ זאָג, אַ שטייגער: „דאָס פֿאָלק פּראָדוצירט נישט, נײַערט עס רעפּראָדוצירט"? אָדער אַז „דאָס פֿאָלק איז תּמיד הינטערשטעליק און עס דערנערט זיך מיט די רעשטלעך וואָס פֿאַלן אַראָפּ פֿון די טישן פֿון די גײַסטיקע גבֿירים". און מען גיט נאָך צו: „און אַזוי איז עס אויך אין דער אמתן!" ווו זײַנען טאַקע די באַווײַזן דערצו, די פֿאַקטן? ד"ר שיפּער ענטפֿערט דערויף מיט אַ גאַנצער טעאָריע און פֿאַרזיכערט אונדז, אַז „הײַנט צו טאָג קען מען שוין אין יעדן וויסנשאַפֿטלעכן האַנטבוך וואָס באַהאַנדלט פֿראַגן פֿון פֿאָלקס־קענטעניש געפֿינען אַזעלכע אַקסיאָמען". אויף וויפֿל מיר איז באַקאַנט געפֿינען זיך ניט די דערמאָנטע „אַקסיאָמען" אין יעדן פֿאָלקלאָריסטישן האַנטבוך, נאָר בלויז אין האַנס נאַומאַנס *Grundzüge der deutschen Volkskunde*.

*

... ד"ר שיפּער האָט [אין זײַן אַרטיקל] שאַרף אָנגעגריפֿן אונדזערע פֿאָלקלאָר־זאַמלער, למאַי זיי האָבן נאָך אַזאַ מין ראָמאַנטישן צוגאַנג צו „פֿאָלקסשאַפֿונגען", ווי אַ מאָל בײַ די אומות. ווען מען האָט זיי, די „פֿאָלקסשאַפֿונגען" הייסט

עס, באַהאַנדלט ווי אײגנאַרטיקע, אָריגינעלע דערשײַנונגען. „אַזאַ באַנעמונג, זאָגט ד״ר שיפּער, הערשט אויך בײַ אַ סך אונדזערע דילעטאַנטישע זאַמלער פֿון פֿאָלקס־פּראָדוקציע״. און

נעמען נעמט זיך דאָס צום טייל פֿון אַזאַ אײַנשטעלונג וואָס איז סטימולירט דורך געפֿילס־מאָמענטן (די באַרימטע „ליבע צום פֿאָלק״); צום טייל פֿון דער קנאַפּער וויסנשאַפֿטלעכער צוגרייטונג און פֿון דעם באַנוצן זיך מיט פֿאַרעלטערטע, „פֿאַרשימלטע״ מעטאָדן בײַ דער זאַמל־ און פֿאָרשער־אַרבעט.

אין דער מאָדערנער פֿאָלקלאָריסטיק, באַזונדערס אין דער נײַערער דײַטשישער פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג (אין דער פֿאַרהיטלערישער), איז שוין פֿון לאַנג אויפֿגעוויזן און פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס רובֿ לידער וואָס ווערן געזונגען אין פֿאָלק און וואָס מען באַצייכנט געוויינטלעך מיטן נאָמען „פֿאָלקסלידער״ — שטאַמען נישט פֿונעם פֿאָלק גופֿא, נײַערט פֿון די העכערע געבילדעטע שיכטן, פֿון דער אַזוי גערופֿענער „העכערער קולטור־ספֿערע״. פּראָמינענטע פֿאָלקסליד־פֿאָרשער, ווי האָפֿמאַן פֿאָן־פֿאַלערסלעבען, פּרעלע [Pröhle] און באַזונדערס פּראָפֿ׳ יאָן מייער האָבן דאָס באַשטעטיקט אויפֿן סמך פֿון אַ מאַסע פֿאַקטן. זיי האָבן אויסגעפֿאָרשט אַרום 1,700 קונסטלידער „אים פֿאָלקסמונדע״ (ס׳מיינט אין געדרוקטע זאַמלונגען וואָס האָבן געשעפּט פֿונעם לעבעדיקן פֿאָלקסמויל) און האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע אַזוי גערופֿענע „פֿאָלקסלידער״ שטאַמען פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קונסטדיכטער פֿון די אייבערשטע שיכטן.

דאָס וואָס מיר רופֿן „פֿאָלקסקולטור״ איז אין תּוך גענומען אַ דעקלאַסירטע, אַראָפּגעקײַקלטע קולטור. אַ מאָל, מיט צײַטן צוריק (און זײַן קענען דאָס ווי אַ מאָל געציילטע, ווי אַ מאָל ווידער הונדערטער יאָרן צוריק), איז געווען דער מאַטעריעלער און גײַסטיקער באַגאַזש וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פֿאָר די הײַנטיקע „פֿאָלקסקולטור״ אַ שאַפֿונג פֿון די גײַסטיקע אייבערשיכטן. שפּעטער זײַנען די זעלבע אייבערשיכטן אוועק צו העכערע, מער קאָמפּליצירטע, מער ראַפֿינירטע קולטור־פֿאָרמען און קולטור־שאַפֿונגען. דאָס גײַסטיק אָרעמערע פֿאָלק, די אונטערשיכטן, האָבן אָבער נישט באַוויזן צו האַלטן שריט אינעם דאָזיקן קולטור־מאַרש, און זיי זײַנען געבליבן הינטערשטעליק ווי מאָראָדערן וואָס שלעפּן זיך נאָך די פֿאָרויסמאַרשירנדיקע אוואַנגאַרדעס... האָבן זיי אַלץ נאָך געזונגען „אַלטע לידער״, בעת ווען די אייבערשיכטן האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרוואַנדלט אין „נײַע פֿייגל מיט נײַע לידער״. אַזוי איז די אַנטוויקלונג, אַזוי ווערט זי באַשטעטיקט דורך טויזנטער פֿאַקטן און באַווײַזן און עס קענען דאָ נישט העלפֿן קיין שום סענטימענטן.

קורץ, פֿאָלקסליד באַדײַט, לויט דער דאָזיקער טעאָריע [פֿון האַנס נאַומאַנען] אַ ליד וואָס איז אַראָפּגעזונקען פֿון דער העכערער קולטור־ספֿערע אָדער אַ ליד וואָס מענטשן פֿונעם פֿאָלק האָבן געשאַפֿן, אָבער אַלץ אין דעם סטיל פֿון די העכערע קולטורקרײַזן...

לויט דער דאָזיקער שיטה איז אויך די „פֿאָלקלויפֿיקייט״ פֿון אַ ליד אַ סימן מובֿהק פֿון אַ פֿאָלקסליד. כּמעט די זעלביקע קריטעריע ווי בײַ אונדזערע מאָדערנע חזנים און מוזיקער וואָס באַטראַכטן יעדעס פּאָפּולער געוואָרן ליד

אין ייִדיש פֿאַר אַ פֿאָלקסליד. אַזוי וויניקסטנס ווערט עס גאַנץ אָפֿט אָנאָנסירט אויף זייערע לידער־קאָנצערטן...

*

נאַטירלעך האָט מען אויך דעם פֿאָלק געמוזט צושאַרן עפּעס אַ ברעקל הנחה: מען האָט צוגעגעבן, אַז אויך „מענטשן פֿונעם פֿאָלק״, מענטשן פֿון די נידעריקע פֿאָלקסשיכטן קענען אויך אַ מאָל זײַן די דיכטער פֿון אַ טייל פֿאָלקסלידער, נישט נאָר געברויכער אָדער זינגער. אָבער דערבײַ האָט מען תּיכּף אָנגעוויזן, אַז אויך די דאָזיקע פֿאָלקספּראָדוקטן זײַנען געשאַפֿן לויט דעם מוסטער און אינעם סטיל פֿון אַ פֿריִערדיקער, פֿאָרויסגעגאַנגענער העכערער קונסט־דיכטונג וואָס איז שוין איצט פּאָפּולער געוואָרן...

...פֿון דעסט וועגן, נאָך די אַלע ברעקלעך הנחות, וואָס ווערן כּלומרשט געגעבן דער מעגלעכער פֿאָלקס־פּראָדוקציע, ווערט אָבער ניט געבראַכט, אַפֿילו ניט פֿון יוצא וועגן, קיין איינציק ליד ווי אַ מוסטער פֿון דער דאָזיקער אוממיטלבאַרער פֿאָלקסשאַפֿונג; בעת אַנדערע לידער, וואָס זיי זײַנען אַראָפּ פֿון דער ליטעראַטור אין פֿאָלק אַרײַן, ווערן געבראַכט אין די הונדערטער ווי פֿאַקטן וואָס דאַרפֿן באַשטעטיקן די דאָזיקע אויסשליסלעכע רעפּראָדוקציע־טעאָריע...

טייל שטריכן [פֿון נאַומאַנס טעאָריע] זײַנען בײַ ד״ר שיפּערן איבערגעגעבן ניט אַזוי גענוי, אָבער בכלל גאַנץ ריכטיק, און אַוודאי מוז מען צוגעבן, אַז דאָ קענען ניט העלפֿן קיין שום סענטימענטן, ווי באַלד דאָס איז אין דער מאָדערנער פֿאָלקס־קענטעניש, און גאָר באַזונדער אין דער נאַציאָנאַליזירטער דײַטשישער „פֿאָלקסקונדע״ למשל, שוין לאַנג באַשטעטיקט געוואָרן דורך טויזנטער ראַיות און פֿאַקטן וועלכע האָבן ערשט געקריגן זייער אמתן טעאָרעטישן תּיקון אין נאַומאַנס *Primitive Gemeinschaftskultur* (1921) און בעיקר אין זײַנע געניאַלע *Grundzüge der deutschen Volkskunde* (1922) ... אָבער דאָך, אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך באַוווּסט, אַז די פֿאָלקלאָריסטן פֿון סקאַנדינאַווישן צפֿון, די אמתע „נאָרדיקס״, אַזוי גוט ווי די פֿון ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַמעריקע פֿאַרבלײַבן נאָך אַזוי פֿעסט אויסגעשפּראָכן אויף דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָלקלאָריסטיק...

*

עס וואָלט... געווען אַ ביסל צו איינזײַטיק אָנצונעמען, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד בכלל, פּונקט ווי דאָס דײַטשישע למשל, איז דורכויס אַ פּראָדוקט פֿון די העכערע געבילדעטע קלאַסן, אַ מין „דעקלאַסירט״ קונסטליד וואָס איז אַראָפּ פֿון דער ליטעראַטור אין פֿאָלק אַרײַן און געוואָרן אַ פֿאָלקסליד.

*

איך ווייס, אַז מיט אַזאַ אײַנשטעלן זיך אַפֿילו פֿאַר דער קלענסטער מעגלעכקייט פֿון אַ „פֿאָלקס־פּראָדוקציע״ וואָס איז וויניקסטנס אויף אַזוי פֿיל אָריגינעל ווי געוויסע ליטעראַרישע קונסטפּראָדוקטן פֿון אַ צווייט־ אָדער דריט־קלאַסיקן דיכטער — אָט אַפֿילו מיט אַזאַ באַשיידענער „ראָמאַנטישער״ אײַנ־

שטעלונג צום שעפֿערישן כּוח פֿון פֿאָלק איז, מיין איך, הײַנטיקע צײַטן אַ ריזיקע אַרויסצוטרעטן. וואָרעם „קינד און קייט" ווייסט שוין הײַנט, אַז „דאָס פֿאָלק פּראָדוצירט ניט, נאָר עס רעפּראָדוצירט", אַז „דאָס פֿאָלק איז תּמיד הינ־טערשטעליק און עס דערנערט זיך מיט די רעשטלעך וואָס פֿאַלן אַראָפּ פֿון די טישן פֿון די גײַסטיקע גבֿירים". און ווער וויל זיך דאָס אײַנרײַסן מיט אַ וועלט וואָס שטעלט זיך אַזוי אײַן פֿאַר די גײַסטיקע גבֿירים?

פֿון דעסט וועגן איז די זאַך דאָך נאָך ניט אַזוי געפֿערלעך. ס'איז נאָך פֿאַראַן וואָס צו ענטפֿערן דערויף.

*

אין די עטלעכע פֿאַראַרבעטן וואָס איך האָב ביז אַהער פֿאַרעפֿנטלעכט אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג האָב איך קודם־כּל גע־פּרוווט אַ ביסל ברייטער באַאַרבעטן געוויסע טיילן פֿון דעם אַרײַנפֿיר צו מײַן ערשטער פֿאָלקסלידער־זאַמלונג, טיילן אָדער ערטער אַזעלכע, וווּ ס'האָט זיך גערעדט וועגן דעם אָפּשטאַם פֿון געוויסע פֿאָלקסלידער.

אַז געוויסע קונסטמעסיקע לידער, דער עיקר פֿאָלקסטימלעכע אין טאָן און טעמאַטיק, זײַנען פֿון דער ליטעראַטור אַראָפּ אין פֿאָלק אַרײַן און געוואָרן פֿאָלקס־לידער, אין דעם קאָן גאָר קיין ספֿק ניט זײַן. מיר געפֿינען זיי לרובֿ אין אונ־דזער מינדלעכן פֿאָלקסליד־רעפּערטואַר, און טייל מאָל אויך אין אונדזערע פֿאָלקלאָר־זאַמלונגען, וווּ מען דערקאָנט זיי אָפֿט מאָל אַפֿילו אין אַ פֿערז אָן אייניציקן, וואָס קלינגט ליטעראַריש; אין אַן אויסדרוק וואָס שמעקט מיט אויפֿ־קלערונג, מיט ליטעראַטור, הגם ניט אַלע מאָל גיט זיך עס אײַן אָנצוווײַזן אויף זייער ליטעראַרישן מקור.

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט וועגן אַזעלכע לידער וואָס זײַנען אַ גאַנץ לאַנגע צײַט געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק און זײַנען אויף אַן אייגנאַרטיק פֿאָלקסטימלעכן אופֿן איבערגעאַרבעט און איבערגעשאַפֿן געוואָרן אין פֿאָלקס־געזאַנג, ביז זיי זײַנען געוואָרן פֿאָלקסלידער.

מיר פֿאַרמאָגן שוין בײַ הײַנטיקן טאָג אַ היפּשע צאָל זאַמלונגען פֿון ייִדי־שע פֿאָלקסלידער, גרעסערע און קלענערע, וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע גע־גנטן, הגם ניט פֿון אַלע, אָבער דאָך שוין אַ גאַנץ רײַכער מאַטעריאַל לפּי־ערך, און אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער, אויף וועלכן ס'לאָזט זיך שוין מיט מער זי־כערקייט עפּעס בויען. ס'וואָלט דעריבער כּדאַי געווען צו מאַכן אַ שטיקל אָנהייב, אייגנטלעך נישט מער ווי אַ פּרוּוו אויסצופֿאָרשן פֿון וואַנען די אָדער יענע פֿאָלקסלידער האָבן זיך צו אונדז גענומען. צי שטאַמען זיי טאַקע פֿונעם פֿאָלק גופֿא, פֿון די אַזוי גערופֿענע „נידעריקע" פֿאָלקסשיכטן? צי בלויז פֿון די „העכערע" קולטורקרײַזן? צי פֿון אַלע ביידע צוזאַמען?

...ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פֿראַגעס לאָזן זיך ניט פֿאַרענטפֿערן מיט אַ מאָל, אויף אַן „אַגולנעם" אופֿן, נאָר בהדרגה, דורך אַ דעטאַלער אויספֿאָרשונג פֿון איינצלנע אָדער פֿון גאַנצע לידער־גרופּעס וואָס ווײַזן אַ שותּפֿישן אָפּשטאַם.

*

דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד, ווי מיר קענען עס הײַנט לויט אַ טיילווײַזער אויספֿאָרשונג, שטאַמט ניט פֿון איין אייניציקן מקור, ניט בלויז פֿון דער העכע־רער „קולטור־ספֿערע", נאָר פֿון דרײַ פֿאַרשיידענע קוואַלן, נעמלעך: 1) פֿונעם פֿאָלק גופֿא, 2) פֿון דער ליטעראַטור און 3) פֿונעם פֿרעמדשפּראַכיקן פֿאָלקלאָר.

אין דעם פֿאָלקסגעזאַנג זײַנען אָבער אָט די אַלע לידער אַזוי אויסגע־מישט און צוזאַמענגעפֿלאָכטן, אַז ניט קוקנדיק אויף זייער פֿאַרשיידנאַרטיקן אָפּשטאַם בילדן זיי דאָך צוזאַמען אַן איינהייטלעכן צווײַג פֿון אונדזער פֿאָלק־לאָר, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען — ייִדיש פֿאָלקסליד.

ס'וואָלט דעריבער כּדאַי געווען אויסצופֿאָרשן און גענויער צו באַשטימען, וועלכע פֿון די דאָזיקע לידער וואָס ווערן געזונגען אין פֿאָלק שטאַמען טאַקע פֿונעם פֿאָלק גופֿא, וועלכע פֿון דער ליטעראַטור, און צו לעצט, וועלכע לידער קאָן מען באַטראַכטן ווי אַנטלייענע פֿון אַ פֿרעמדשפּראַכיקן מקור.

[די טעאָריע פֿון „רעפּראָדוקציע" בײַ סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלקלאָריסטן]

[אין די פֿראַגמענטן וואָס זײַנען צונויפֿגענומען אין איצטיקן אַרטיקל רעדט י. ל. כּהן ווידער אַ מאָל אַרום האַנס נאַומאַנס טעאָריעס וועגן „רעפּראָדוקציע" כּלפּי „פּראָדוקציע", דאָס מאָל — ווי זיי באַווײַזן זיך אין דער סאָוועטיש־ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק.

די פֿראַגמענטן זײַנען ניט דאַטירט. דאָ זײַנען זיי אויסגעשטעלט נאָך די דאַטעס פֿון די אַרומגערעדטע אַרבעטן.]

ליבהאָבער פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און סתּם אַזוי פֿאַראינטערעסירטע האָבן מיך אָפּט מאָל געפֿרעגט, וואָס האָב איך צו זאָגן אָדער פֿאַר וואָס שרײַב איך ניט אָן עפּעס אַן אָפּשאַצונג וועגן דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

די ייִדישע פֿאָלקלאָריסטיק אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז באמת אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע דערשײַנונג, מען וואָלט געקאָנט אַפֿילו זאָגן אַ וווּנדערלעכע, וואָרעם ווען און ווו האָט עס געטראָפֿן, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַ רעכטע צי אַ לינקע, זאָל אָנשטעלן און אויסבילדן מענטשן וואָס זאָלן זיך ספּעציעל באַשעפֿטיקן מיט דער אויספֿאָרשונג פֿונעם פֿאָלקלאָר? איך ווייס די אַלע מאָטיוון און די אַלע דערקלערונגען וואָס מען וועט דערויף אָנגעבן, אָבער דער פֿאַקט וועט סײַ ווי סײַ פֿאַרבלײַבן אַ וווּנדערלעכער.

*

ס'איז זיכער אַ מערקווערדיקע דערשײַנונג, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד, דאָס האַלב פֿאַרגעסענע און כּמעט שוין באַלד פֿאַרשווונדענע פֿונעם לעבעדיקן פֿאָלקסגעזאַנג, האָט לעצטנס גאָר אויף ס'נײַ אויפֿגעלעבט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ניט אין פֿאָלק, פֿאַרשטייט זיך, נאָר אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור. לײדער איז די אויפֿלעבונג דערווײַל נאָך אַן אײנזײַטיקע און שטאַרק באַשרענקטע. עס דוכט זיך, ווי די מאַרקס־לעניניש פֿאָלקלאָריסטיק וואָלט מורא געהאַט אַרומצוכאַפּן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסגעזאַנג.

[צי האָט דאָס פֿאָלק אויך עפּעס געשאַפֿן?]

צווישן דער קינסטלערישער ליטעראַטור און דער פֿאָלקסשאַפֿונג זײַנען פֿאַראַן באַשטימטע צווישנבאַציִונגען. די דאָזיקע באַציִונגען דריקן זיך אויס אין דער באַשטענדיקער אויפֿווירקונג פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אויף דער פֿאָלקסשאַפֿונג און פֿאַרקערט.

אַזוי הייבט אָן סקודיצקי זײַן אַרטיקל א"ט „וועגן פֿאָלק־איבעראַרבעטונגען פֿון גאָטלאָבערס לידער" [צײַטשריפֿט, ב' 5, מינסק, 1931, זז' 245—255], וואָס האָט זיך געשטעלט, ווי עס ווײַזט אויס, די איין און איינציקע אויפֿגאַבע צו באַווײַזן „אַז ניט אַלץ, וואָס דאָס 'פֿאָלק' זינגט און דערציילט איז דירעקט פֿון 'פֿאָלק' אויף אַ 'קאָלעקטיוון' אופֿן געשאַפֿן געוואָרן". ווי ס'איז אָבער קענטיק, איז אַפֿילו דער „ניט אַלץ" דערווײַל בלויז אַ שטיקעלע הנחה פֿאַר דעם „פֿאָלק", עס זאָל ניט ברוגז ווערן. הינטער דעם שטעקט אָבער אַ באַהאַלטענע טענדענץ . . . אַרײַנצושמוגלען יענע נאַומאַנישע טעאָריע וואָס וויל דערווײַזן, אַז דאָס פֿאָלק אין זײַן גאַנצער שאַפֿונג, און גאָר באַזונדער אין זײַן ליד, איז אָפּהענגיק בלויז פֿון דעם וואָס דער העכערער און געבילדעטערער שיכט דערלאַנגט אים. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דער אונטערשטער פֿאָלקסשיכט, ווי אַ באַשטימטער קאָלעקטיוו, קען פֿאַר זיך אַליין גאָרניט שאַפֿן, עס קען בלויז איבערזינגען און איבעראַרבעטן געוויסע קונסטלידער, אָבער פֿון זיך אַליין עפּעס דיכטן אָדער שאַפֿן — איז לא מיט אַן אַלף!...

...וואָרעם אין דעם גאַנצן אַרטיקל זײַנעם ברענגט ניט דער מחבר קיין שום בײַשפּיל, אַפֿילו ניט דעם מינדסטן, כּדי צו באַווײַזן דערמיט דאָס „פֿאַרקערטע", ד"ה ווי אַזוי די פֿאָלקסשאַפֿונג האָט, מיט וואָס ניט איז, געווירקט אויף דער קינסטלערישער ליטעראַטור. ס'איז דעריבער אויך פֿאַראַן גענוג גרונט אָנצונעמען, אַז ער קען עס קוים באַווײַזן, אַפֿילו ווען ער זאָל דאָס וועלן, מחמת פֿון זײַן שרײַבן איז קענטיק, אַז בײַ אים איז קיין גרויסער חילוק ניטאָ צווישן אַן אינדיווידועלן, קינסטלערישן אָדער קונסטמעסיקן ליד ביז אַ ליד וואָס דאָס לעבן אין פֿאָלק האָט געשאַפֿן און וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע און לאַנגע טראַדיציע אין פֿאָלקסגעזאַנג...

[ז. סקודיצקיס אָפּרוף אויף „פֿאָלקסגעזאַנג און פֿאָלקסליד"]

אין זײַן אַרטיקל א"ט „וועגן פֿאָלקלאָרישן אַרבעטער־ליד", וואָס ז. סקודיצקי האָט לעצטנס פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם זאַמלבוך פּראָבלעמעס פֿון פֿאָלקלאָריסטיק [אונטער דער רעדאַקציע פֿון מ. ווינער, כאַרקאָוו־קיִעוו, 1932] טרעט ער אַרויס מיט אַ גאַנצער ריי טענות קעגן מײַנעם אַן אַרטיקל, אייגנטלעך אַ רעצענזיע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אויפֿן סמך פֿון ש. לעהמאַנס לידער־זאַמלונג אַרבייט און פֿרײַהייט (וואַרשע, 1921) און וואָס איך האָב נאָך מיט אַ יאָר זעקס צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם גרויסן לאַנדוי־בוך [זען אין איצטיקן באַנד, זז' 54—68].

די טענות און מענות וואָס סקודיצקי רוקט אַרויס קעגן מײַן אַרטיקל, און גאָר באַזונדער קעגן מײַן קוק אויף פֿאָלקסלידער בכלל, זײַנען פֿון אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער. אין לויף פֿון זײַן פּאָלעמיק באַרירט מײַן אָפּאָנענט פֿאַרשיידענע פּונקטן פֿון דער דאָזיקער רעצענזיע מײַנער און אויך פֿון מײַנע אַנדערע אַרבעטן, וווּ ער זוכט און נישטערט חטאים אויף מיר; ער באַרירט אויך פֿאַרשיידענע פֿראַגעס וואָס זײַנען שייך דעם ענין, אָדער וואָס זײַנען גאָרניט שייך, אָבער בתוך צילט ער מיט די אַלע צו איין פּונקט: איבערצונעמען, אַזוי

צו זאָגן, די פֿאָלקלאָריסטישע ירושה פֿון אַ בורזשואַזן פֿאָלקלאָריסט, איבערצונעמען אַפֿילו אַזעלכע קלייניקייטן ווי די רעזולטאַטן און אויספֿירן פֿון מײַן רעצענזיע אויף לעהמאַנס לידער־זאַמלונג, ווו כ׳האָב צו ערשט אַנטדעקט אַ צענדלינג עלטערע אַרבעטער־לידער, טאַקע אמתע פֿאָלקסלידער וועלכע איך האָב אַרויסגעהויבן ווי „אוממיטלבאַרע פֿאָלקסשאַפֿונג” איבער די אַלע אַנדערע לידער וואָס געפֿינען זיך אין דער דאָזיקער זאַמלונג. סקודיצקי מאַכט זיך קודם גאָרניט וויסנדיק פֿון מײַן אַנטדעקונג אין לעהמאַנס זאַמלונג. פֿאַרקערט, ער זוכט גאָר צו געבן דעם אײַנדרוק, אַז איך האָב געמאַכט אַן אָנגריף אויף די דאָזיקע פֿאָלקסטימלעכע אַרבעטער־לידער וועלכע ער אַליין וויל כּלומרשט ניט פֿאַרטיידיקן: „ניט צוליב דעם כּדי ׳פֿאַרטיידיקן׳ די פֿאָלקסטימלעכקייט פֿונעם פֿאָלקלאָרישן אַרבעטער־ליד אַנטקעגן כּהנס אָנגריף, נאָר כּדי צו ווײַזן אויף זייער בולטן בײַשפּיל דעם סאָציאַלן מהות פֿון אַזעלכע פֿאָלקלאָריסטן ווי כּהן”.

אָבער וועגן די כּלומרשטיקע בײַשפּילן פֿון מײַן „סאָציאַלן מהות”, וואָס סקודיצקי זאָגט צו צו ווײַזן, וועלן מיר נאָך זען שפּעטער. דאָ וויל איך קודם אונטערשטרײַכן, אַז ניט צוליב דעם כּדי צו פֿאַרטיידיקן דעם דאָזיקן „סאָציאַלן מהות” מײַנעם נעם איך דאָ איצט דאָס וואָרט, נאָר כּדי צו ווײַזן, אַז מײַן „אָנגריף”, אויב ס׳איז פֿאַראַן אַזעלכעס אין מײַן רעצענזיע, איז אין קיין שום פּרט ניט געווען געצילט קעגן דער פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון דעם באמת פֿאָלקסטימלעכן אַרבעטער־ליד, נאָר גיכער קעגן די יעניקע לידער, אויף וועלכע ס׳איז נאָך געלעגן דער פֿרישער שטעמפּל פֿון אַ געוויסער „ליטעראַרישקייט”, פֿון נאָכגעמאַכטס און פֿון פֿרישער רעפּראָדוקציע, און וואָס זײַנען בכלל נאָך גאַנץ ווײַט געווען פֿון דעם וואָס מען קאָן מיט אַ געוויסער זיכערקייט אָנרופֿן „פֿאָלקסליד” אָדער „פֿאָלקלאָר”.

אָבער כּדי דאָס אַלץ אויפֿצוווײַזן און קלאָר צו מאַכן, וועל איך דאָ מוזן ברענגען גאַנץ היפּשע ציטאַטן פֿון מײַן רעצענזיע־אַרטיקל, צוזאַמען מיט די אַלע בײַשפּילן פֿון די פֿאַרשיידענע לידער, אויף וועלכע כ׳האָב מיך דאָרט סומך געווען. וואָרעם אויף סקודיצקיס פּירוש, און אויף דעם אופֿן ווי אַזוי ער האָט אין זײַן אַרטיקל ציטירט און איבערגעגעבן מײַנע מיינונגען, קאָן מען זיך לחלוטין ניט פֿאַרלאָזן; דאָס זײַנען בראַנדיקע פֿאַרקריפּלונגען פֿון מײַנע מיינונגען און פֿאַלשע אויסטײַטשונגען פֿון מײַנע רייד. מעגלעך, אַז דאָס איז אפֿשר ניט אין גאַנצן סקודיצקיס שולד. ער איז, ווי מען קאָן זיך משער זײַן, מסתּמא נאָך אַ יונגער אַספּיראַנט בײַם „אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור” אין קיִעוו, וווּ מען האָט ערשט די לעצטע פּאָר יאָר אָנגעהויבן זאַמלען און אויספֿאָרשן דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. פֿון דעסט וועגן איז אָבער פֿאָרט אַ חידוש, ווי אַזוי דער יונגער אַספּיראַנט האָט זיך אין אַזאַ קורצער צײַט אויסגעלערנט אַזוי קונציק צו פֿאַרדרייען און פֿאַרפּלאָנטערן יענעמס רייד, אַז דער לייענער זאָל ניט אָנהייבן צו פֿאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך אייגנטלעך, און דאָך זאָל ער באַקומען דעם אײַנדרוק אַז

כּהן, דער קליינבירגער און ייִדישיסטישער פֿאָלקלאָריסט, האָט אָבער מורא פֿאַר קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציע. ער וויל דערמיט ניט האָבן צו

טאָן — פּסקנט ער: דאָס איז ניט קיין פֿאָלקלאָר. דערמיט וויל ער זאָגן: די דאָזיקע לידער האָבן קיין שום ווערט ניט.

. . . איך האָב אין מײַן רעצענזיע אָנגעוויזן אויף צונזערס אַ ליד וואָס איז אַ ליטעראַריש ליד (פֿון זײַן קינסטלערישן גראַד רעדט זיך דאָ ניט). סקודיצקי וועט דאָס ניט קענען אָפּלייקענען, און ער וועט אויך ניט קענען אָפּפֿרעגן דעם פֿאַקט, אַז דאָס איז איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־ליד. דאָס גיט ער דאָך אַליין צו. נישט מער, וואָס דער חילוק צווישן מיר און אים באַשטייט אין דעם: ער וויל כּשרן אָט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע וואַריאַנטן ווי פֿון צונזערס ליד (כאָטש ער דערמאָנט ניט דעם נאָמען), ווי עלטערע ייִדישע „פֿאָלקלאָרלידער”, וואָס דאָס מיינט אויף אונדזער ייִדישיסטישן לשון: פֿאָלקס־לידער. און איך וויל האָבן, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ליד „די טריט פֿון טיראַנען” איז ניט קיין וואַריאַנט פֿון צונזערס ליטעראַריש ליד, נאָר אַ באַוווּסטזיניקע איבעראַרבעטונג. און דאָס איז אַ גרויסער חילוק....

דאָס ליד נומ׳ 44 וואָס הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפֿע:

שוועסטער, ברידער, מיר זינגען לידער,
מיר זינגען לידער פֿון זיך אַליין;
נעמט אײַך צונויף אַלע אין איינעם,
וועלן מיר אײַך געבן צו פֿאַרשטיין

איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקיס ברויטליד:

גרויסער גאָט! מיר זינגען לידער,
אונזער הילף ביסטו אַליין!
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין.

און ווײַטער האָב איך אָנגעוויזן, אַז דאָס ליד נומ׳ 54:

שלאָף, מײַן קינד, מײַן קינד מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן זונעניו;
אַ יונגער סיבירניק איז דער טאַטע דײַנער,
שלאָף, ליו־ליו, ליו־ליו!

איז נאָכגעמאַכט שלום־עליכמס באַקאַנט וויגליד, פֿון וועלכן ס׳זײַנען בלויז אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אַ פּאָר „רעאַקציאָנערע” ווערטער, ווי „קרוין”, „קדיש”:

שלאָף, מײַן קינד, מײַן טרייסט מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן זונעניו!
שלאָף מײַן קרוין, מײַן קדיש איינער,
ליולינקע־ליו־ליו!

וואָס זשע זאָגט סקודיצקי וועגן די עטלעכע פֿאַקטן? ער מאַכט זיך כּלא־ידע, גלײַך ווי ער ווייסט גאָרניט דערפֿון. דערפֿאַר אָבער רוקט ער קעגן מיר אַרויס די טענה, למאַי איך האָב „פֿאַררעכנט לעהמאַנען פֿאַר אַ זינד דאָס וואָס ער האָט אין אַ פֿאָלקלאָר־זאַמלונג אַרײַנגענומען פֿאָלקלאָרישע איבעראַרבעטונגען פֿון ליטעראַרישע טעקסטן...”

...מײַן מיינונג וועגן לעהמאַנס לידער־זאַמלונג אַרבייט און פֿרײַהייט האָב איך אַרויסגעזאָגט אין מײַן רעצענזיע קלאָר און דײַטלעך; דאָס איז אַ קאָנסטרוקטיווע רעצענזיע וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט די בעסטע כּוונות, צוליב אַ בעסערער אָריענטאַציע אין דעם געמישטן מאַטעריאַל. כ'האָב געהאַט אין זינען די ייִנגערע, ווייניקער געניטע פֿאָלקלאָר־זאַמלער וועלכע קענען זיך ניט פֿונאַנדערקלײַבן אין דעם שטאָף; כ'האָב אויך געהאַט אין אויג געוויסע מוזיקער וואָס כּשרן פֿאַר פֿאָלקסלידער יעדעס ליד וואָס ווערט נאָר געזונגען אין פֿאָלק . . . אָט קעגן דער דאָזיקער אַלגעמיינער „כּשרות" בין איך אַרויסגעטראָטן, קעגן דעם דילעטאַנטישן און קליינבירגערלעך צעשוווּמענעם באַגריף „פֿאָלקסליד" האָב איך געהאַט טענות, אָבער ניט צו דעם זאַמלער פֿון אַרבייט און פֿרײַהייט. אַדרבא, אים האָב איך אין אַ געוויסן זינען געזוכט צו רעכטפֿאַרטיקן, אויף וויפֿל מײַן קוק אויף דער זאַך האָט מיר דערלויבט. כ'האָב קעגן זײַן פֿעלערהאַפֿטיקן זאַמל־מעטאָד ניט געקענט אָנווענדן קיין שאַרפֿע קריטיק, ווײַסנדיק, אַז זײַן שווערע זאַמל־אַרבעט ווערט געטראָגן פֿון הוילער ליבע צו דער זאַך און פֿון די בעסטע כּוונות. און קיין סך אַזעלכע זאַמלער פֿאַרמאָגן מיר ניט....

אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך געווען אין די ראַמען פֿון אַזאַ רעצענזיע־אַרטיקל, האָב איך פֿון דעם געמישטן מאַטעריאַל וואָס איך האָב געפֿונען אין דער קאָלעקציע געפּרוּווט אַרויסשיילן און אָפּשיידן דאָס עכטע פֿון דעם ניט־עכטן, דאָס אָריגינעלע פֿון דעם נאָכגעמאַכטן און איבערגעאַרבעטן. דעריבער איז קודם־כּל נייטיק געווען צו דערווײַזן, אויפֿן סמך פֿון אַן ענלעכן פֿאַרגלײַכנדיקן מאַטעריאַל, אַז סײַ די לידער פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און סײַ די לידער פֿון סטרײַק, קאַמף, אַגיטאַציע און נאָך אַנדערע אַרבעטער־לידער פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע דיכטער זײַנען ניט אַזוי אוממיטלבאַר „אַנטשטאַנען אין פֿאָלק", ווי למשל דאָס צענדליקער עלטערע אַרבעטער־לידער וואָס איך האָב אַנטדעקט אין לעהמאַנס זאַמלונג און האָב זיי אַרויסגעהויבן איבער אַלע. און ווען איך זאָג „אַנטדעקט", איז דאָס ניט צו באַרימען זיך דערמיט, חלילה, נאָר בלויז אונטערצושטרײַכן דעם פֿאַקט, אַז ביז צו מײַן אָנווײַז אויף דעם דאָזיקן זייער וויכטיקן מאַטעריאַל איז בכלל נאָך ניט באַקאַנט געווען, אַז בײַ אונדז האָבן אַ מאָל עקסיסטירט אַזעלכע אַרבעטער־לידער וואָס זײַנען געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן נאָך איידער אַפֿילו ס'האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אונדז אַ קלאַסן־באַוווּסטזיניקע, אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג....

*

דער אַרבעטער־פֿאָלקלאָר, זאָגט סקודיצקי, אַנטשטייט טאַקע פֿונקט צו יענער צײַט, ווען דער קאַפּיטאַליזם דרינגט אַרײַן אין „פֿאַרוואָרפֿענע העקן" און ברענגט צו די אונטערשטע סאָציאַלע שיכטן יענע מינימאַלע מאָס קולטור וואָס איז נייטיק, כּדי זיי זאָלן ווערן רײַף פֿאַר עקספּלואַטאַציע.

אַזאַ קאָנצעפּציע איז לחלוטין פֿאַלש און שעדלעך, ווײַל זי שטימט ניט מיט די אָנגעזאַמלטע קולטור־היסטאָרישע פֿאַקטן.

דער אַרבעטער־פֿאָלקלאָר, אין זײַנע פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און אַספּעקטן, איז אַזוי אַלט ווי די מענטשלעכע אַרבעט און מענטשלעכע קולטור, וואָרעם אַזוי גיך ווי דער מענטש איז נאָר געוואָרן „מענטש" און אויפֿגעטרעטן אין דער געשיכטע, האָט ער שוין געאַרבעט און געטראַכט, געאַרבעט און געזונגען....

...ס'איז פֿאַר מיר קלאָר, אַז סקודיצקין גייט אייגנטלעך ניט אין דעם, צו ווײַזן מײַן „סאָציאַלן מהות" אָדער מײַן „ייִדישיסטישן, ראָמאַנטיזירנדיק־רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט", נאָר גיכער דערין, צו געפֿינען עפּעס אַן אויסרייד פֿאַרן אַרײַנשמוגלען אין אונדזער פֿאָלקלאָריסטיק די באַקאַנטע בורזשואַזע טעאָריע, אַז דאָס אייגנטלעכע „פֿאָלק" אין זײַנע אונטערשטע שיכטן קען פֿון זיך אַליין אָדער פֿאַר זיך אַליין גאָרניט שאַפֿן, נאָר ס'איז אַלע מאָל „אָפּהענגיק פֿון דעם וואָס דער העכערער און געבילדעטערער שיכט דערלאַנגט אים". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דאָס פֿאָלק קען נאָר „רעפּראָדוצירן" דאָס וואָס די העכערע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט „פּראָדוצירן", אין ליטעראַרישן זינען פֿאַרשטייט זיך.

. . . אין גרונט גענומען האָב איך גאָר געהאַט אַ גאַנץ אַנדער כּוונה מיט דעם אָנווײַז אויף די פֿאָלקסטימלעכע אַרבעטער־לידער: ניט נאָר ווי אַ קאָנטראַסט צו די נײַערע אַרבעטער־לידער, נאָר דער עיקר ווי אמתע פֿאָלקסשאַפֿונג, ווי עכטע פֿאָלקסלידער, ד"ה אַזעלכע וואָס ס'איז מער ווי זיכער, אַז זיי זײַנען קיין מאָל ניט געווען קיין ליטעראַרישע פּראָדוקטן פֿון די העכערע שיכטן, וואָס זײַנען שפּעטער אַראָפּ אין פֿאָלק אַרײַן. קיינער האָט זיי קיין מאָל ניט פֿאַרפֿאַסט לכתחילה פֿאַרן געזאַנג, נאָר דאָס זײַנען ספּאָנטאַנע שאַפֿונגען, וואָס די אמתע אַרבעטער־נויט האָט אין שווערע מאָמענטן אַרויסגעזונגען.

*

מיט וואָס זײַנען דאָס די פּרימיטיווע אַרבעטער־לידער אַזעלכע טײַערע, וואָס פֿאַר אַזאַ טײַערער ווערט ליגט אין זיי?

דאָס זײַנען מאַטעריאַלן, אויף וועלכע מען קאָן אויפֿבויען דעם שטאַרקסטן באַווײַז, אַז ניט נאָר די העכערע קלאַסן קאָנען שאַפֿן, נאָר אויך די נידעריקערע.

*

צווישן די פֿאַרשיידענע פּאָפּולערע אַרבעטער־לידער וואָס זײַנען אַ מאָל געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פֿאַרנעמט דאָס באַרימטע „לעקערט־ליד" [זען אויבן זז' 58—59] דעם סאַמע אויבנאָן. ס'איז קיין שום ספֿק ניטאָ, אַז דאָס דאָזיקע בונטאַרישע ליד איז אין דער פֿאָרעם פֿון אַ באַלאַדע איז אַן עכטער פֿאָלקספּראָדוקט, ד"ה אַן אמת פֿאָלקסליד וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין די אונטערשטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק און וואָס איז אויפֿ־

געקומען מסתּמא אין ווילנע גופֿא, ווו הירש לעקערט האָט געלעבט און געקעמפֿט און פֿאַרענדיקט מיט זײַן העראָישן אַטענטאַט אויפֿן ווילנער גובערנאַטאָר פֿאָנוואַל.

די דאָזיקע לידער זײַנען פֿאַר אונדז נייטיק ווי אַ באַווײַז קעגן נאַומאַנס טעאָריע, אַז דאָס פֿאָלק קאָן גאָרניט שאַפֿן, נאָר רעפּראָדוצירן אאַז״וו. דאָס זעלבע האָב איך אויך געהאַט בדעה צו באַווײַזן מיט אַ געוויסן טייל טאַנצלידער, אויך ספּאָנטאַנע שאַפֿונגען . . . .

[„סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע“]

אַ. ראָזענצווײַגס ביכעלע א״ט סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָרליד, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מ. עריק [קיִעוו, 1934, 61 זז׳], איז זיכער ניט פֿון דעם מין ביכלעך וואָס לאָזן זיך אָפּפּטרן מיט אַ פּאָר אויבנאויפֿיקע באַמערקונגען, ווי מען טוט עס געוויינטלעך אין פֿאַרבײַלויפֿנדיקע ליטעראַרישע נאָטיצן אָדער אין אַ קורצער צײַטונג־רעצענזיע.

אין איינער אַזאַ רעצענזיע געפֿינען מיר למשל אַזאַ מין אָפּשאַצונג: „עס איז אַ וויסנשאַפֿטלעך ביכעלע מיט אַ גוואַלדיקער בייזקייט; עס איז אַ וויסנשאַפֿטלעך ביכעלע וואָס זידלט זיך ווי אַ מאַרק־ייִדענע“. און אַ ביסל ווײַטער: „אַ. ראָזענצווײַג איז אַ טשיקאַווער געלערנטער, ער אַטאַקירט זײַנע קעגנער ניט אַזוי מיט וויסנשאַפֿטלעכע אַרגומענטן ווי מיט זידלווערטער. איינעם פּטרט ער אָפּ מיטן זידלוואָרט ׳מגיד׳, דעם צווייטן בריט ער אָפּ מיטן זידלוואָרט ׳רעאַקציאָנער׳, ׳שוואַרץ־מאהניק׳ . . . אַ טשיקאַווער געמיש פֿון וויסנשאַפֿט און מאַרק־זידלערײַ“.

אַן אַנדער רעצענזענט שטעלט זיך אויך אָפּ גאַנץ ברייטלעך אויף די „זייער ניט־שמייכלהאַפֿטע קאָמפּלימענטן פֿון דעם מין וואָס מען געפֿינט געוויינטלעך אין די פּאָלעמיקס געדרוקט אין דער פּרעסע פֿון אַלערליי פּאָליטישע פּאַרטייען“. אָבער אַוועקלייגנדיק אין אַ זײַט דעם פּאָלעמישן טייל פֿון ראָזענצווײַגס אַרבעט, „באַקומט זיך“, לויט דעם רעצענזענטס אויספֿיר, „אַ זייער אינהאַלטסרײַכע און שיין אָנגעשריבענע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ייִדישן פֿאָלקסליד“, אַזוי אַז אַפֿילו ער אַליין, „דער שרײַבער פֿון די שורות, איז גענייגט אָנצונעמען אַ גאַנץ היפּשן טייל פֿון דעם מחברס מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע אײַנשטעלונגען“. און טאָמער איז דאָס ווייניק, גיט אונדז נאָך דער רעצענזענט צום סוף זײַן וויסנשאַפֿטלעכע הסכּמה, אַז „ווי געזאָגט, דאַרף מען ניט זײַן קיין מאַרקס־לעניניסט אײַנצוזען, אַז אַ גאַנצע ריי פֿון ראָזענצווײַגס הנחות בנוגע דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר זײַנען ריכטיקע, און מען מעג און מען דאַרף זיי אויך אָננעמען“.

וויל איך דאָ ניט אַרײַנגיין אין אַ פּערזענלעכער דיסקוסיע מיט די חשובֿע רעצענזענטן מכּוח זייערע נייגונגען און מיינונגען, אָדער מכּוח דעם אויף וויפֿל מען מעג און מען דאַרף אָננעמען ראָזענצווײַגס הנחות בנוגע דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און אויף וויפֿל — ניט. כ׳האָב דאָ געבראַכט די פּאָר ציטאַטן כּדי אונטערצו־

שטרײַכן, אַז ראָזענצווײַגס אַרבעט קאָן מאַכן און מאַכט טאַקע דעם אײַנדרוק פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָלקלאָריסטישער אַרבעט ניט נאָר אויפֿן דורכשניטלעכן לייענער, נאָר אויך אויף רעצענזענטן פֿון וויסנשאַפֿטלעכע ביכער.

אין דער אמתן קאָן מען זיך אויף אַזעלכע אויבנאויפֿיקע אײַנדרוקן ניט פֿאַרלאָזן, וואָרעם בתוך [זײַנען דאָס] פֿאַלשע אײַנדרוקן וואָס באַקומען זיך אָפּט מאָל פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿראַזע, פֿון דער נײַער אומבאַקאַנטער טערמינאָלאָגיע פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער פֿאָלקלאָריסטיק, וואָס רופֿט זיך אָפֿיציעל „די מאַרקסיסטיש־לעניניש פֿאָלקלאָריסטיק“.

מען קאָן זאָגן וועגן אַ. ראָזענצווײַגס אַרבעט, אָפּגעזען פֿון איר פּאַרטייִש־טענדענציעזער אײַנשטעלונג, אַז דאָס איז באמת אַן אינטערעסאַנטער פּרוּוו, אפֿשר דער ערשטער פֿון דעם מין, וואָס וויל אויפֿווײַזן אויפֿן סמך פֿון צוגעקליבענע פֿאַקטן, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן גאַנץ קענטיקע סאָציאַלע דיפֿערענצן אין די ייִדישע פֿאָלקסלידער וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן. גלײַכצײַטיק אָבער באַרירט די דאָזיקע אַרבעט אויך פֿאַרשיידענע טעאָרעטישע און קינסטלערישע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג, הגם נאָר גאַנץ אויבנאויפֿיק און צעוואָרפֿן אויף פֿאַרשיידענע ערטער, וואָס זיי לאָזן זיך אָבער לײַכט צוזאַמענקלײַבן און סומירן. אַזוי אַרום באַקומט זיך, אין סך־הכּל, אַ האַלב פֿאָלקלאָריסטישע און האַלב קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק פֿונעם ייִדישן סאָציאַלן פֿאָלקסליד, בעיקר פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „רעוואָלוציאָנערן פֿאָלקלאָרליד“. פֿאַרקערט איז דאָ אָבער דער גרעסטער טייל לירישע און האַלב לירישע פֿאָלקסלידער אין גאַנצן ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, גלײַך ווי זיי וואָלטן גאָרניט עקסיסטירט. דאָס נעמט זיך אפֿשר דערפֿון, וואָס דער מחבר האָט משמעות ניט געפֿונען אין זיי קיין גאַנץ קענטיקע סאָציאַלע דיפֿערענצן אָדער מאָטיוון וואָס זאָלן זיך לאָזן פֿאַרגלײַכן מיט די יעניקע פֿון אַנדערע סאָציאַלע שיכטן, אָדער וואָס זאָלן זיך לאָזן אויסנוצן צוליב אַנדערע צוועקן פֿון דער מאַרקסיסטישער פֿאָלקלאָריסטיק. הייסט עס, אַז די קלאַסנקעמפֿערישע מאַרקסיסטישע פֿאָלקלאָריסטיק האָט דיאַלעקטיש נאָך דערווײַל ניט געקאָנט גובֿר זײַן דעם גרעסטן טייל פֿון די געוויינטלעכע אָבער אמתע פֿאָלקסלידער וואָס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די הונדערטער ליבעלידער, ראָמאַנסן, באַלאַדעס, טאַנצלידער, חתן־כּלה־לידער, פֿאַמיליע־לידער און נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע לידער־זשאַנערס, וואָס זײַנען געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק און וואָס מאַכן אויס, בלי־גוזמא, אַרום פֿינף און זיבעציק פּראָצענט פֿון דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן פֿאָלקסליד־רעפּערטואַר.

עס איז זיכער ניט די שולד פֿון דעם, לייִדער, צו פֿריצײַטיק פֿאַרשטאָרבענעם אַ. ראָזענצווײַג, וואָס די דערמאָנטע פֿאָלקסלידער זײַנען לחלוטין ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. ס׳איז אָבער פֿאַראַן אַ סבֿרא, אַז ער אַליין, דער פֿאַרשטאָרבענער פֿאָלקלאָריסט, וואָס איז לכתּחילה געווען אַ ייִדישיסטישער שריפֿטשטעלער, פּעדאַגאָג און ליטעראַטור־קענער, האָט געהאַט אַן אַנדער סאָציאַלן בליק אויפֿן לירישן פֿאָלקסליד איידער די מאַרקסיסטישע פֿאָלקלאָריסטיק. דאָס

קאָן מען זען פֿון זײַן אָפּנהאַרציקער, סימפּאַטישער באַציִונג צום ייִדישן ליבע־ליד, וואָס קלינגט עפּעס אַזוי ראָמאַנטיש אין דער אַגבֿ־אורחאדיקער באַמערקונג:

ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס ברייטע און אינטענסיווע פֿאָלקלאָר־שאַפֿן פֿון די נידעריקע סאָציאַלע שיכטן האָט זיך ניט אויסגעשעפּט מיט די סאָציאַלע מאָטיוון. די נידעריקע שיכטן, אונטערדריקטע, שקלאַפֿטע, אָבער פּראָסטע ערדישע און לעבנסלוסטיקע, מיט יונגע און פֿרישע נשמות, ווי מענדעלע דריקט זיך אויס, האָבן אַרײַנגעבראַכט אינעם פֿאָלקלאָר־שאַפֿן ממש אַן איבעררראַשנדיקע שפֿע פֿון ליבע־מאָטיוון (בײַ גינזבורג־מאַרעק אַליין איז פֿון 376 לידער 102 ליבעלידער, נאָך אַ גרעסערע צאָל ליבעלידער האָבן מיר אין י. ל. כּהנס זאַמלונגען). ווי דער בעל־הבית האָט ניט פֿאַרשטעלט פֿאַרן פּועל אַלע פֿרײַע וועגן, האָט דער פּועל דאָך געפֿונען דעם וועג צו זײַן „דושינקע". אין דער פּועלים־סבֿיבֿה, בכלל אין דער סבֿיבֿה פֿון די נידעריקע שיכטן, האָט מען זיך געליבט, צעשיידט, געאייפֿערט, און וועגן דעם אַלעם געזונגען לידער. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט דאָס ליבעליד גופֿא געווירקט ווי אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקער פֿאַקטאָר, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם בעל־הבתּישן שידוכים־ און חתונה־פֿאָלקלאָר (ז' 34).

דאָס ייִדישע ליבעליד ווי אַ „רעוואָלוציאָניזירנדיקער פֿאַקטאָר" איז דאָך אייגנטלעך כּמעט די זעלביקע „ראַדיקאַל־פֿאָלקיסטישע פּראַזעאָלאָגיע" פֿון דעם „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן צוגאַנג צום פֿאָלקלאָר", פֿון וועלכן אַ. ראָזענצווײַג האָט אַ ביסל פֿריִער אַזוי שטאַרק חוזק געמאַכט (זז' 9־10). דאָס איז דאָך דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד, דאָס וועלטלעכע, וואָס איז לויט נ. אויסלענדערס קאָנצעפּציע פֿונעם ייִדישן רעאַליזם „די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ נײַעם אויפֿגעוואַכטן פֿאָלקס־באַוווסטזײַן". און אָט די „פּראָסטע ערדישע און לעבנסלוסטיקע" פּועלים, בעלי־מלאָכות, אַרבעטער און סתּם האָרעפּאַשניקעס, אָט „די נידעריקע שיכטן" וועלכע ראָזענצווײַג האָט דאָ גראָד ניט דיפֿערענצירט; אָט די אַלע אַנאָנימע זינגער פֿון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, די „מיט יונגע און פֿרישע נשמות, ווי מענדעלע דריקט זיך אויס", וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג „ממש אַן איבעררראַשנדיקע שפֿע פֿון ליבע־מאָטיוון", זײַנען דאָך אייגנטלעך ווידער ניט עפּעס אַנדערש ווי נ. אויסלענדערס קאָלעקטיווער באַגריף פֿונעם „פֿאָלקסמענטש", פֿונעם „ייִדעלע" וואָס איז געקומען צום וואָרט. אַחוץ פֿון אויסלענדערס ליטעראַרישן עסיי זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ סך אַנדערע קאָנצעפּציעס פֿון דער ראַדיקאַל־ייִדישיסטישער פֿאָלקלאָריסטיק, וואָס זײַנען אַרײַן אין ראָזענצווײַגס אַרבעט, ס'פֿאַרשטייט זיך, טראַנספֿאָרמירט און צעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע ערטער, אָבער לויט אַ באַשטימטן מעטאָד.

*

יאָ, ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס ליבעליד האָט געווירקט ווי אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקער פֿאַקטאָר דערמיט וואָס עס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם בעל־הבתּישן שידוכים־ און חתונה־פֿאָלקלאָר (אַן אײַנפֿאַל!). אָבער וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן „רעוואָלוציאָניזירנדיקן פֿאַקטאָר"? ווי אַזוי באַווײַזט

מען, אַז „די איבעררראַשנדיקע שפֿע פֿון ליבע־מאָטיוון", וואָס זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן דורך די „פּראָסטע ערדישע און לעבנסלוסטיקע" פּועלים, בעלי־מלאָכות, אַרבעטער און סתּם האָרעפּאַשניקעס, וועלכע ראָזענצווײַג באַצייכנט מיט דעם האַלב מעטאַפֿיזישן, ניט־דיפֿערענצירטן באַגריף פֿון סתּם „נידעריקע שיכטן" — זײַנען ניט סתּם אינדיווידועלע ליבע־מאָטיוון, נאָר „ריין סאָציאַלע" ליבע־מאָטיוון? און אויב אַפֿילו יאָ, טאָ ווי אַזוי זשע ווײַזט מען אויף, אַז די דאָזיקע „סאָציאַלע ליבע־מאָטיוון" פֿון די „נידעריקע שיכטן" זײַנען באמת סאָציאַל דיפֿערענצירט פֿון די סאָציאַלע ליבע־מאָטיוון פֿון די „העכערע שיכטן"?

וואָרעם מען דאַרף פֿאַרשטיין, אַז דאָ רעדט זיך ניט סתּם וועגן אַבסטראַקטע ליבע־מאָטיוון, נאָר וועגן באַשטימטע פֿאָלקסלידער, ליבעלידער וואָס געהערן צום פֿאָלקלאָר. איז ווו זשע נעמט מען צום פֿאַרגלײַך אַזעלכע פֿאָלקלאָרישע ליבעלידער וואָס מען זאָל קאָנען פֿעסטשטעלן, אַז זיי זײַנען געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן פֿון די העכערע סאָציאַלע שיכטן? אַזעלכע האָט די מאַרקסיסטישע פֿאָלקלאָריסטיק דערווײַל נאָך ניט אַנטדעקט. סײַדן מען זאָל אַרײַננעמען צום פֿאַרגלײַך אַ געוויסן טייל פֿון די יעניקע ייִדישע ליבעלידער, וואָס זייער שטאַפֿלעכער אָפּשטאַם איז פֿון דער אַלט־דײַטשישער פֿאָלקסדיכטונג און אויך פֿון דער נײַערער. איז גיי פֿאָלג מיך אַ גאַנג און ווער פּלוצלינג אַ בורזשואַזער פֿאָלקסליד־פֿאָרשער. אַ פּנים, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע פֿאָלקלאָריסטיק איז ניט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער הגדה ווי אין די קניידלעך. און די קניידלעך מוזן דווקא זײַן ייִדישע. אַ ראַיה דערצו געפֿינט איר אין דעם פֿאָרוואָרף, וואָס איז אַדרעסירט צו מיר:

> און וויפֿל איבערמאַכונגען האָט איר אַליין פֿאַרצייכנט (און אויך לאַנדוי) אין אײַער כּשרן אמתן פֿאָלקסשאַפֿן? דעם ייִדישיסטישן פֿײַנשמעקער איז בעסער געפֿעלן די ווירקונג פֿון סידור און מחזור, פֿונעם דײַטשישן בירגערלעכן פֿאָלקלאָר ... (ז' 50).

הייסט עס, אַז פֿונעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גרויסן חטא, ווען עמעצער פּרוווט אויספֿאָרשן און אָנווײַזן, אַז געוויסע ייִדישע לידער זײַנען אַנטליִען און איבערגעשאַפֿן געוואָרן פֿונעם דײַטשישן בירגערלעכן פֿאָלקסליד. על־כּל־פּנים האָב איך אויף מײַן קרעדיט דערווײַל בלויז אַ האַלבן חטא, אַחוץ אַנדערע חטאים, פֿאַרשטייט זיך, ווײַל אויף דער ווירקונג פֿון סידור און מחזור האָב איך נאָך קיין מאָל ניט אָנגעוויזן. דאָס האָט גראָד געטאָן די מאַרקסיסטישע פֿאָלקלאָריסטיק דורך ראָזענצווײַגס אַרבעט אינעם קאַפּיטל: „אידעאָלאָגיש־סטיליסטישע השפּעות פֿון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אויף דער פֿאָלקלאָר־דיכטונג" (זז' 19—25).

*

וואָס איז די טעאָריע און וואָס זאָגט אונדז די ייִדישע סאָוועטישע פֿאָלקלאָריסטיק, אָדער ווי זי רופֿט זיך אָפֿיציעל „די מאַרקסיסטישע פֿאָלקלאָריסטיק", בנוגע אונדזערע ייִדישע פֿאָלקסלידער? זי זאָגט און פֿאַרזיכערט אונדז קודם־כּל,

אַז „פֿאָלקסלידער — אַזוינע זײַנען אויף דער וועלט ניטאָ! ס'זײַנען פֿאַראַן פֿאָלקלאָרלידער פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן". אין אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז ניט דאָס „פֿאָלק" לויט דעם בורזשואַזן באַגריף, נאָר די פֿאַרשיידענע קלאַסן אָדער סאָציאַלע שיכטן, סײַ העכערע און סײַ נידעריקע, האָבן לכתחילה פֿאַר זיך אַליין געשאַפֿן און געזונגען זייערע אייגענע פֿאָלקסלידער, ווי אַ „געווער פֿון קלאַסנקאַמף", לויט דער גרונט־הנחה פֿון דער מאַרקסיסטישער פֿאָלקלאָריסטיק. און אָט די דאָזיקע פֿאָלקסלידער — אָדער „פֿאָלקלאָרלידער", ווי מען רופֿט עס דאָרט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — האָבן דערנאָך, נאָך זייער באַשאַפֿונג, זיך פֿאַרשפּרייט און איבערגעוואַנדערט פֿון איין סאָציאַלן שיכט צום אַנדערן, פֿון די „העכערע" צו די „נידעריקערע" שיכטן און ניט פֿאַרקערט. בכן, איז אויב מיר געפֿינען אָפֿט מאָל „די ייִדישע קלעריקאַל־שאָוויניסטישע פֿאָלקלאָרלידער" בײַ די נידעריקע שיכטן פֿונעם פֿאָלק, צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן, איז נאָך ניט קיין סימן, אַז די האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן זיי געשאַפֿן. וואָרעם לויט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע „איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז פֿאָלקלאָר־שאַפֿונגען וואָס זײַנען אַ פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער פּראָדוקט פֿון איין סאָציאַלן שיכט זאָלן פֿאַרשפּרייט ווערן אויך בײַ אַ צווייטן סאָציאַלן שיכט אין אַ ניט־טראַנספֿאָרמירטן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן אויסזען". דאָס הייסט פּשוט ניט־געביטענערהייט! אָבער

> דאָס איז אין דעם פֿאַל ווען אַן עקאָנאָמיש אונטערדריקטער סאָציאַלער שיכט געפֿינט זיך אונטער דער אידעאָלאָגיש־קולטורעלער העגעמאָניע פֿונעם הערשנדיקן שיכט. מע דאַרף נישט צונויפֿמישן דעם געברויכער פֿון דער אָדער יענער פֿאָלקלאָר־שאַפֿונג מיטן פּראָדוצירער.

אָבער באַלד כאַפּט מען זיך, אַז דאָ ליגט אויבנאויפֿיק עפּעס אַ צו שטאַרקע סתירה וואָס צעשלאָגט זייער שטאַרק די טעאָריע. וואָרעם ווי געשיקט זיך עס אָנצונעמען, אַז פֿאָלקסלידער וואָס זײַנען טאַקע באמת געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק און זײַנען אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן איבערגעגאַנגען בעל־פּה, פֿון מויל צו מויל, און אַזוי אַרום פֿאַרשפּרייט געוואָרן פֿון איין סאָציאַלן שיכט צום אַנדערן, זאָלן פֿאַרבלײַבן „אין אַ ניט־טראַנספֿאָרמירטן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן אויסזען"? דוכט זיך, אַז פֿון דער פּראַקטיק, פֿונעם לעבן פֿון די פֿאָלקסלידער גופֿא, לאָזט זיך דאָס פֿאַקטיש ניט אויפֿווײַזן, סײַדן מען האָט אין זינען אַזעלכע „פֿאָלקסלידער" וואָס זײַנען גאָר קיין פֿאָלקסלידער ניט, נאָר ליטעראַרישע אָדער האַלב ליטעראַרישע פּראָדוקטן וואָס דילעטאַנטן אין פֿאָלקלאָר נעמען אָן, על־פּי־טעות, פֿאַר אמתע פֿאָלקסלידער. און ווידער, ווי געשיקט זיך צו זאָגן אין אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן, אַז „מע דאַרף ניט צונויפֿמישן דעם געברויכער פֿון דער אָדער יענער פֿאָלקלאָר־שאַפֿונג מיטן פּראָדוצירער", בעת ס'זײַנען פֿאַראַן אַ מאַסע פֿאַקטן וואָס באַווײַזן, אַז אין די אונטערשטע שיכטן פֿונעם פֿאָלק, צווישן די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן, איז דער געברויכער פֿון פֿאָלקסלידער אָפֿט מאָל אַליין אויך דער „פּראָדוצירער", דער שאַפֿער און זינגער גלײַכצײַטיק? סײַדן מען נעמט אָן אָן שום קריטיק יענע טעאָריע פֿון דער בורזשואַזער דײַטשישער פֿאָלק־

לאָריסטיק מיט אירע הנחות: „דאָס פֿאָלק פּראָדוצירט ניט, נײַערט עס רעפּראָדוצירט". פֿאָלקסלידער, הייסט עס, ווי אַ סך אַנדערע פּראָדוקטן פֿון דער אַזוי גערופֿענער „פֿאָלקסשאַפֿונג", זײַנען באמת ניט קיין אָריגינעלע פֿאָלקס־שאַפֿונגען, ווי ס'איז פֿריִער געווען אָנגענומען, נײַערט קינסטלערישע ליטעראַרישע פּראָדוקטן וואָס שטאַמען דאָס רוב פֿון דער אַזוי גערופֿענער „העכערער קולטור־ספֿערע"; פּראָדוקטן וואָס דאָס פֿאָלק, אָדער די נידעריקע שיכטן פֿונעם פֿאָלק, האָבן פּשוט נאָכגעמאַכט, איבערגעאַרבעט אָדער איבערגעשאַפֿן פֿון דעם וואָס די העכערע שיכטן האָבן לכתחילה געשאַפֿן.

[וועגן ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות]

[די ערשטע זאַמלונג פֿאָלקס־מעשׂיות (10 נומערן) האָט י. ל. כהן אָפּגעדרוקט אין פּנקס פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ, 1 (1927—1928), זז' 217—234 (נו' 1—9), זז' 369—376 (נומ' 10) און 2 (1929), זז' 35—57 (נו' 11—21). ווײַזט אויס, אַז לכתּחילה האָט כהן געהאַט אין זינען צוצוגעבן אַ גרעסערן אַרײַנפֿיר און ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אַרבעטן דערויף. אַרײַנגעגעבן האָט ער אָבער בלויז אַ קורצע פֿאָרבאַמערקונג (פּנקס, 1, ז' 217) וואָס לייענט זיך אַזוי:

פֿאַר אַ התחלה גיב איך דאָ איבער צום דרוק נאָר אַ קליינעם טייל פֿון אַ גרעסערער קאָלעקציע וועלטלעכע ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, וועלכע כ'האָב געהאַט בדעה ביסלעכווײַז צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין פּנקס מיט אַן אַרײַנפֿיר און פֿאַרגלײַכנדיקע באַמערקונגען. דערווײַל זאָל דאָ בלויז באַמערקט ווערן, אַז די אַלע מעשׂיות האָב איך אויפֿגענומען פֿון פֿאָלקסמויל און האָב זיי פֿאַרשריבן אַזוי ווי זיי זײַנען מיר דערציילט געוואָרן, אָפּהיטנדיק דערבײַ באַשטימטע כּללים פֿון דער פֿאָלקלאָריסטיק. דאָס איבעריקע האָב איך געלאָזן צום הוילן צופֿאַל: צום זכּרון און צום קונסטגעפֿיל פֿון דעם צופֿעליקן דערציילער אָדער דער־ציילערין.

אָנרופֿנדיק די דאָזיקע מעשׂיות „ייִדישע" האָב איך בעיקר געוואָלט שטעלן דעם טראָפּ אויף זייער ייִדישער פֿאָרעם, סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, ניט אָפּפֿרעגנדיק דערבײַ זייער אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. און כאָטש לויטן אינהאַלט זײַנען זיי אפֿשר ניט אַזוי ייִדישלעך ווי מע וואָלט דאָס געוואָלט האָבן, ניט אַזוי עטיש־רעליגיעז געפֿאַרבט, ווי אין די פֿרומע מעשׂה־ביכלעך און מוסר־ספֿרים, זײַנען זיי דאָך ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות; פֿון אַן עטנאָגראַפֿישן קוק לכל־הדעות.

בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט וועט דער ענין ברייטער אַרומגערעדט ווערן. נאָר קודם דאַרף מען הערן, וואָס די מעשׂהלעך אַליין האָבן צו דערציילן.

ד ע ר ז אַ מ ל ע ר.

דער געפּלאַנטער אַרײַנפֿיר איז ניט געווען געדרוקט אין פּנקס, און אין דעם בוך ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות וואָס כהן האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע אין 1931 האָט ער אַפֿילו ניט אַרײַנגעשטעלט די אָקערשט געבראַכטע פֿאָרבאַמערקונג. דער חשק אָנצושרײַבן דעם צוגעזאָגטן אַרײַנפֿיר איז אָבער בײַ אים געבליבן. אין זײַן אַרכיוו האָבן זיך אויפֿגעהיט פֿאַרשיידענע פֿראַגמענטן וועגן דעם דאָזיקן ענין. — זען אויך זז' 297, 313, 333־334.]

די ווײַטערדיקע ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות זײַנען ניט קיין „אויסגעצייכנטע מוסטערן", נאָר אַ דערווײַליקער אָפּקלײַב פֿון אַ גרעסערער קאָלעקציע וואָס איך האָב בדעה ביסלעכווײַז צו פֿאַרעפֿנטלעכן אינעם פּנקס.

דאָס רובֿ פֿון די דאָזיקע מעשׂיות האָב איך צוזאַמענגעקליבן דאָ אין אַמעריקע, צווישן ברייטן עולם, ווו אונדזערע מינדלעכע פֿאָלקס־טראַדיציעס זײַנען נאָך אין גאַנצן ניט פֿאַרשוווּנדן פֿון פֿאָלקס־זכּרון. בכן האָב איך זיי אויפֿגענומען פֿון דעם לעבעדיקן פֿאָלקסמויל, אַזוי ווי זיי זײַנען מיר דערציילט

געוואָרן, און מיט קלײנע סטיליסטישע שינויים גיב איך זיי דאָ איבער, אונטער דעם בכּבֿודיקן נאָמען „ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות".

יאָ, ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות — ניט געקוקט דערויף וואָס זייער אינהאַלט איז אפֿשר ניט אַזוי ייִדישלעך, ווי מען וואָלט דאָס געוואָלט האָבן; ניט אַזוי עטיש־רעליגיעז געפֿאַרבט, ווי אין די מעשׂה־ביכלעך און מוסר־ספֿרים וואָס מיר זײַנען אַ מאָל געוווינט געווען צו לייענען. גאָר אַנדערע מעשׂהלעך די דאָזיקע, דאָס רובֿ פֿון אַ ריין וועלטלעכן אינהאַלט; וועלטלעך, אָבער גענוג פּרימיטיוו, פֿאַרצײַטיק, פֿול אָנגעזאַפּט מיט פֿאָלקלאָר, מיט מאָטיוון און סוזשעטן פֿון דער גאָרער וועלט. צום טייל פֿאַנטאַסטישע, מגושמדיקע, אָבער מייסטנס פֿון אַ שפּאַסיקן כאַראַקטער, פֿול מיט פֿאָלקסטימלעכן הומאָר. קענטיק ווי לכתּחילה געשאַפֿן געוואָרן בלויז צום אונטערהאַלטן, צו אַמוזירן אי די קינדער־וועלט, אי דעם גרויסן עולם. און ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך רעשטלעך פֿון האַלב פֿאַרגעסענע ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלעך, ייִדיש לויט שפּראַך און סטיל; אינטערנאַציאָנאַל, אַלמענטשלעך לויט זייערע גרונט־מאָטיוון און אינהאַלט...

ס'קאָן זײַן, אַז מערערע פֿון די דאָזיקע מעשׂיות וואָס מיר געפֿינען אין מינדלעכער טראַדיציע האָבן ביסלעכווײַז זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון די אַלטע מוסר־ספֿרים און מעשׂה־ביכלעך, איבערלאָזנדיק דאָרט זייער פֿרומען לבֿוש, אין וועלכן גאָטספֿאַרכטיקע מחברים און מדפּיסים האָבן זיי אַ מאָל אײַנגעוויקלט, און מונטער נאַקעט זיך צוריק געלאָזט אין פֿאָלק אַרײַן צו זייער תּחילתדיקן מקור, ווו זיי האָבן ווידער פֿראַנק און פֿרײַ געגומען וואַנדערווען פֿון מויל צו מויל, פֿון לאַנד צו לאַנד, ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן. אַזאַ גילגול האָבן דורכ־געמאַכט די פֿאָלקס־מעשׂיות כּמעט בײַ אַלע קולטורפֿעלקער: פֿון פֿאָלק אין דער ליטעראַטור, פֿון דער ליטעראַטור צוריק אין פֿאָלק אאַז"וו. נישט מער, וואָס בײַ אונדז זײַנען מסתּמא אַ מאָל פֿאַראַן געווען און אפֿשר זײַנען נאָך איצט אויך דאָ אַזעלכע מעשׂיות וואָס האָבן מכּמה טעמים זיך קיין מאָל ניט געלאָזט באַאַרבעטן אין די עטיש־רעליגיעזע ספֿרים, אַזעלכע וואָס ס'האָט זיך ניט געלאָזט אַרויסברײַען עפּעס אַ מוסר־השׂכּל אָדער אַ טעם־מיצווה און די פֿרומע מחברים האָבן זיי דעריבער נאָך אַ מאָל ניט מחבר געווען.

*

דאָס זײַנען וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות, און וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות בײַ אַלע אַנדערע פֿעלקער זײַנען ניט דידאַקטיש, פֿאַרמאָגן ניט קיין רעליגיעז־עטישע טענדענצן, ווייניקסטנס ניט אַזעלכע ווי אין די זאַגעס און לעגענדעס. די דאָזיקע וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות זײַנען דאָס רובֿ אויפֿגעבויט אויף אַלטע גרונטמאָטיוון וואָס שײַנען צו זײַן עלטער פֿאַר יעדער ליטעראַטור, עלטער פֿאַר יעדן שריפֿטלעכן אָנפֿאַנג. האָט דאָך שוין די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָלקספֿאָרשונג לאַנג פֿעסטגעשטעלט, אַז פֿאָלקס־מעשׂיות, מעשׂה־מאָטיוון, ווי פֿאָלקלאָר בכלל, איז טיילווײַז דאָס שותּפֿותדיקע פֿאַרמעג פֿון אַלע פֿעלקער. אם כּן האָבן מיר אין דעם אויך אַ חלק. מעגן מיר אָננעמען, אַז אונדזערע וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות

זײַנען בײַ אונדז אויף אַזוי פֿיל ייִדיש, אויף וויפֿל ענלעכע מעשׂיות זײַנען בײַ די דײַטשן דײַטש, בײַ פּאָליאַקן פּויליש, בײַ רוסן רוסיש, בײַ ענגלענדער ענגליש אד"גל. דערמיט זאָל אָבער ניט אָפּגעפֿרעגט ווערן די נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנקייט. ס'איז אמת, אַז שפּראַך, סטיל, סבֿיבֿה, לעבנס־שטייגער — קורץ, אַלץ וואָס מאַכט אויס די אייגנאַרטיקע אינדיווידואַליטעט פֿונעם פֿאָלק און וואָס גיט אַזאַ באַ־זונדערן קאָלאָריט זײַנע מעשׂיות, איז בעצם ניט מער ווי אַ לבֿוש, אַ נאַציאָנאַלער אייבערמאַנטל וואָס קען בשום אופֿן ניט פֿאַרדעקן דאָס אינטערנאַציאָנאַלע, דאָס אַלמענטשלעכע וואָס שטראַלט פֿון זיי אַרויס.

וואַנדערן די מעשׂהלעך פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, פֿון לאַנד צו לאַנד, בײַטן זייער נאַציאָנאַלן לבֿוש, באַקליידן זיך אויף ס'נײַ לויטן גוסט פֿון דער מדינה, אין וועלכער זיי האָבן אײַנגעוואַנדערט, באַמיִען זיך צו פֿאַרבאָרגן זייער פֿרעמדע אָפּשטאַמונג, נעמען אָן די פֿאָלקספּראַך מיט אַלע אירע ניואַנסן, מיט אַלע אירע פֿאָלקסטימלעכע אייגנשאַפֿטן, אַזוי אַז מיר הייבן זיי אָן צו באַטראַכטן ווי עפּעס היימישס, ווי עפּעס אייגנס, פֿון אייגענעם בלוט און פֿלייש.

*

אָנרופֿנדיק די מעשׂיות „ייִדישע" האָב איך בעיקר געוואָלט שטעלן דעם טראָפּ אויף זייער אייגנאַרטיקן ייִדישן נוסח, אויף זייער פֿאָרעם און שפּראַך, ניט אָפּפֿרעגנדיק דערמיט זייער אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

פֿון אַן עטנאָלאָגישן קוק אויף דער זאַך איז די באַצייכענונג „ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות" לכל הדעות באַרעכטיקט, מחמת אין דעם וואָס די פֿאָרשונג רופֿט אָן: דײַטשישע, פּוילישע, רוסישע אָדער ענגלישע פֿאָלקס־מעשׂיות איז געמיינט בלויז די דרויסנדיקע פֿאָרעם: שפּראַך, סטיל און בעיקר דער נאַציאָנאַלער קאָלאָריט וואָס די דערציילונגען האָבן באַקומען אומגייענדיק פֿון מויל צו מויל בײַ דעם דערמאָנטן פֿאָלק. ווײַטער, וואָס איז שייך דעם שטאָף גופֿא, די גרונטמאָטיוון, ענלעכקייט, מעגן מיר דערווײַל זיך אָנשליסן אין גוסטאָוו מײַערס שיינעם אויספֿיר:

> אומעטום די זעלביקע שטאָפֿן, די זעלביקע מאָטיוון, וואָס זײַנען דורך דעם שכנישן פֿאַרקער צווישן די פֿעלקער שוין געווען אין אומלויף אין אַ צײַט בעת גוטענבערגס דערפֿינדונג האָט נאָך ניט געטראָגן דעם גערדאַנק מיט לײַכטקייט דורך דער וועלט; אַלגעמיין מענטשלעך און דאָך אומעטום צוגעפּאַסט צו דער באַזונדערער אינדיווידואַליטעט פֿונעם פֿאָלק; בײַם דערציילן אַלע מאָל פֿון דאָס נײַ געשאַפֿן, איבערגעפֿורעמט, אויסגע־ברייטערט, פֿאַרקירצט, און דאָך תמיד אויפֿהיטנדיק די גרונטמאָטיוון פֿונעם אַלטן אורבילד, אַפֿילו אין די ערגסטע פֿאַרקרימונגען.[1]

פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער מעשׂהלעך־פֿאָרשונג שטייען נאָך אָבער אָפֿן די אַלטע פֿראַגעס: פֿון וואַנען האָבן זיך די פֿאָלקס־מעשׂיות גענומען? ווער האָט זיי געשאַפֿן? און דער עיקר, מיט וואָס דערקלערט זיך זייער גרויסע ענלעכקייט בײַ די פֿאַרשיידענע פֿעלקער?

[1] *Essays*, p. 177.

*

...די ווײַטערדיקע מעשׂיות האָב איך פֿאַרצייכנט, אַזוי צו זאָגן, פֿון דעם לעבעדיקן פֿאָלקסמויל, פֿונעם פֿאָלקס־זכּרון. אָבער ניט זעלטן האָט דער דאָזיקער „פֿאָלקס־זכּרון" געמוזט אָפּגעפֿרישט, באַלעבט און צוריקגעפֿירט ווערן צו דער ניט־לאַנגאָניקער פֿאַרגאַנגענהייט; ניט זעלטן האָט דער רעאַלער זאַמלער געמוזט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ ראָמאַנטיקער, אין אַ פֿאַרבענקטן דערמאָנער פֿונעם גאָלדענעם עבֿר, אַ דערמאָנער אין לאַנג פֿאַרגעסענע עפּיזאָדן און בילדער פֿונעם אַלטן לעבנס־שטייגער, בכדי אויף ס'נײַ אויפֿצולעבן אינעם פֿאָלקס־זכּרון די אַלע מעשׂיות פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם אַמאָל. און ניט בלויז דערמאָנען און צוריק־פֿירן, אויך דערציילן האָט ער געדאַרפֿט. פֿאַקטיש דערציילן מעשׂיות פֿונעם אייגענעם רעפּערטואַר; דערציילן און דערציילן ביז די קוריאָזע צוהערער פֿלעגן זיך עפּעס דערמאָנען: שאַ, כ'האָב מיך דערמאָנט אַ מעשׂהלע פֿון מײַנע חדר־יאָרן. אָבער ניט אַלץ וואָס איך האָב געזוכט האָט מען דערציילט, און ניט אַלץ וואָס מען האָט דערציילט האָט געהאַט אַ פֿאָלקלאָריסטישן ווערט. דערציילט האָט מען דאָס רובֿ וויצן און אַנעקדאָטן וואָס מען האָט שוין בײַ אונדז אָנגעזאַמלט אַ ים, אָבער עכטע פֿאָלקס־מעשׂיות — זייער ווייניק. איז אָבער אַ מאָל געראָטן צו פֿאַר־צייכענען אַ מעשׂהלע און גראָד אַזאַ, מיט אַ ריין וועלטלעכן אינהאַלט, איז שוין ווערט געווען די גאַנצע מי. וואָרעם מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות, אָדער ווי די דײַטשן רופֿן עס „פֿאָלקסמערכען", זײַנען שוין הײַנט בײַ אונדז אַ יקר־המציאות.

*

ווען כ'האָב איבערגעגעבן צום דרוק דעם ערשטן צענדלינג פֿון מײַנע געזאַמלטע פֿאָלקס־מעשׂיות פֿאַרן פּנקס, האָב איך אין אַ נאָטיץ דאָרט געהאַט צוגעזאָגט „אַן אַרײַנפֿיר . . . מיט פֿאַרגלײַכנדיקע באַמערקונגען". דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ ברייטער אַרײַנפֿיר צו פֿאָלקס־מעשׂיות בכלל, מיט אַ באַזונדערן אַפּאַראַט פֿון מקורים און פּאַראַלעלן צו אונדזערע נוסחאָות פֿון דער אַל־וועלטלעכער מעשׂהלעך־ליטעראַטור. אמת, כ'האָב דאָס ניט באַטאָנט אַזוי אויס־דריקלעך, אָבער כ'האָב עס געהאַט אין זינען צו טאָן, הגם ניט אַזוי גיך ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן. מחמת פֿריִער פֿאַר אַלץ האָב איך בדעה געהאַט צו פֿאַרעפֿנטלעכן וואָס מער פֿאָלקס־מעשׂיות, ווייניקסטנס אַ הונדערט נומערן אָדער מער, כּדי ס'זאָל זײַן אַ געוויסע פּראָפּאָרציע צווישן טעקסט און קאָמענטאַר, כּדי ס'זאָל זײַן אויף וואָס אָנצווײַזן, אויף וואָס זיך צו שטיצן. ווײַל אין אמתן, וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט עס געהאַט צו געבן אַ ברייטן קאָמענטאַר מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון אַ פּאָר הונדערט ווערק בלויז צוליב אַ וואָסערע צען אָדער צוואַנציק מעשׂיות? דאָס וואָלט אויסגעזען ווי אַ צו אָנגעבלאָזענע אַרבעט לגבי אַזאַ מאָגערער זאַמלונג. שפּעטער אָבער, נאָך דעם ווי דער ערשטער צענדלינג מעשׂיות איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און לייענער מכּל המינים האָבן מיך באַשאָטן מיט די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע פֿראַגעס בנוגע די דאָזיקע מעשׂיות איז מיר

קלאָר געוואָרן, אַז איך מוז זיך אָפּזאָגן פֿון דעם פֿריִערדיקן פּראָיעקט. כ׳האָב איינגעזען, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ פֿאַרלאַנג פֿאַר אַ פּאָפּולערן אַרײַנפֿיר צו דער פֿאָרשונג פֿון פֿאָלקס־מעשׂיות בכלל און צו די ייִדישע בפֿרט, וועלכע נייטיקן זיך סײַ ווי סײַ אין אַ ברייטערן קאָמענטאַר, אויך אַ פּאָפּולערן — אויף וויפֿל ס׳זאָל זיך לאָזן.

ווי געזאָגט, איז דאָס מיר קלאָר געוואָרן פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿראַגעס וואָס זײַנען מיר געשטעלט געוואָרן, און אַ מאָל אויך פֿון שטאַרקע טענות און קלאָץ־קשיות. איינער למשל האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן: פֿון וואַנען ווייס איך, אַז די מעשׂיות וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט זײַנען ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות? מחמת אין די אַלע ייִדישע מעשׂה־ביכלעך, וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט זיי ווי אַ פּויק, האָט ער אַזעלכעס ניט באַגעגנט. אַ צווייטער ווידער האָט דווקא געוואָלט האָבן, אַז „אַ מעשׂה פֿון אַ געשײַטן גנבֿ" (נומ׳ 10) * האָט ער אַ מאָל גראָד געליי־ענט אין איינעם פֿון די קאָפּיקענע מעשׂה־ביכלעך וואָס האָבן זיך געדרוקט אין וואַרשע אָדער אין ווילנע, אָבער דאָס איז געווען אַ מאָל, אַ מאָל, שוין לאַנג צוריק, בכן געדענקט ער ניט דעם נאָמען פֿונעם ביכל, אָבער איך, ווי אַ דערפֿאַרענער פֿאָלקלאָריסט, האָב דאָס געדאַרפֿט אויסגעפֿינען איידער איך האָב אַרײַנגעגעבן די מעשׂה אין אַ באַזונדערער זאַמלונג. וואָרעם אויב דאָס האָט טאַקע געקאָנט זײַן אַ פֿאָלקס־מעשׂה וואָס איז געגאַנגען פֿון מויל צו מויל איידער אַ געשײַטער מחבר האָט זי פֿאַרשריבן, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דאָס פֿעסטשטעלן, ווען איז אַ מעשׂה אַ פֿאָלקס־מעשׂה און ווען ניט? אַ דריטער ווידער האָט געפֿרעגט: ס׳איז טאַקע אמת, אַז דאָס מעשׂהלע פֿונעם „בעבעלע" (נומ׳ 1)** איז גענומען פֿון גרימס דײַטשישע מעשׂהלעך? איינער אַ לערער האָט עס מיר געזאָגט. אַ שאָד, אַ שאָד — אַזאַ שיין מעשׂהלע און ניט קיין ייִדישס! אַ פֿערטער איז סתּם אין כּעס געוואָרן, ווען איך האָב אים איבערדערציילט דאָס מעשׂהלע פֿון „משהלע און שיינדעלע" (נומ׳ 3),*** כּדי אים אויפֿצוווײַזן דעם פֿײַנעם חילוק צווישן די מאָטיוון פֿון דעם ייִדישן נוסח און די יעניקע פֿון אַ ניט־ייִדישן. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט דערהערט, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן דערצו נאָך אַ סך אַנדערע ניט־ייִדישע נוסחאָות, האָט ער מיך איבערגעשלאָגן מיט אַ כּעס: אויב אַזוי, טאָ ווי קומט איר דאָס צו דרוקן אין אַ ייִדישן פּנקס?

*

כ׳וועל דאָ אויסקלײַבן פֿון די אַלע פֿראַגעס בלויז עטלעכע, מער זאַכלעכע, און פּרוּוון פֿאָרמולירן זיי אויף אַ קירצערן אופֿן:

---

* פּנקס, 1, זז׳ 369—376. ס׳איז נומ׳ 31 אין י. ל. כּהנס ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, ניו־יאָרק־ווילנע, 1931, זז׳ 159—176 און נומ׳ 42 אין י. ל. כּהנס כתבֿים, ב׳ V: ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, ווילנע, 1940, זז׳ 189—205.

** פּנקס, 1, זז׳ 217—219; ס׳איז נומ׳ 4 אין ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, ווילנע, 1931, זז׳ 16—20; נומ׳ 4 אין כתבֿים, ב׳ V, זז׳ 22—25.

*** פּנקס, 1, זז׳ 221—223; ניט אַרײַן אין ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, ווילנע, 1931; נג׳ 14 און 15 אין כתבֿים, ב׳ V, זז׳ 50—56.

פֿון וואַנען האָבן זיך פֿלוצלינג צו אונדז גענומען אָט די דאָזיקע פֿאָלקס־מעשׂהלעך? פֿאַר וואָס האָט מען עפּעס פֿריִער פֿון זיי ניט געהערט? צי זײַנען זיי טאַקע ייִדישע און געהערן צו דער לכתּחילהדיקער פֿאָלקסשאַפֿונג אונדזערער, אָדער זײַנען זיי בלויז אַנטליִענע אָדער נאָכגעמאַכטע לויט פֿרעמדע מוסטערן? און ווי קומט עס טאַקע, וואָס די דאָזיקע זײַנען אַזוי מערקווערדיק ענלעך צו די פֿאָלקס־מעשׂהלעך פֿון אַנדערע פֿעלקער?

אין אַנדערע שפּראַכן, למשל אין דײַטש, צי אין רוסיש, וווּ עס איז שוין פֿאַראַן אַ גאַנץ רײַכע ליטעראַטור וועגן פֿאָלקס־מעשׂהלעך, סײַ אין סיסטעמאַטישע זאַמלונגען סײַ אין וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָראַרבעטן, וואָלט פֿאַר אַ זאַמלער פֿון פֿאָלקס־מעשׂהלעך לחלוטין ניט נייטיק געווען אויפֿצונעמען אַזעלכע פֿראַגעס אין דער הקדמה פֿון זײַן קאָלעקציע וואָס איז שוין נישט דאָס ערשטע בוך אויף דעם געביט. ס׳איז גענוג פֿאַר אים בלויז אָנצוגעבן, ווען און וווּ ער האָט זײַן מאַטעריאַל געזאַמלט, בײַ וועמען פֿאַרשריבן, און אויך צוגעבן קורצע ביאָגראַ־פֿישע נאָטיצן, ווען מעגלעך. אויב ניט, איז גענוג בלויז פּערזענלעכע סימנים: געשלעכט, עלטער, קלאַס, באַשעפֿטיקונג אד"גל. אינטערעסאַנט איז, וואָס די נײַערע רוסישע מעשׂהלעך־זאַמלער גיבן נאָך צו אַ געוויסע כאַראַקטעריסטיק בנוגע דער אינדיווידועלער דערציילונגס־קונסט פֿון יעדן דערציילער באַזונדער, למשל שפּראַך, אינטאָנאַציע, אויסדריק־מיטל, מימיק אד"גל, אַזוי, אַז גאָר ניט־ווילנדיק אפֿשר באַקומט זיך פֿון די אַלע אינדיווידועלע שטריכן אַ קאָלעקטיווער סך־הכּל — דער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער קאָלאָריט פֿון דעם רוסישן פֿאָלקס־מעשׂהלע. און דערמיט איז די אויפֿגאַבע פֿון דעם זאַמלער פֿאַרענדיקט. ווײַטער, וואָס ס׳איז שייך די אויבן דערמאָנטע פֿראַגעס איז שוין פֿאַראַן וועגן דעם אַ וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור אין דער אייגענער שפּראַך, וווּ יעדער פֿאַראינ־טערעסירטער קאָן געפֿינען דערויף די באַשטימטע אָדער אומבאַשטימטע ענטפֿערס.

בײַ אונדז אָבער, וווּ ס׳איז נאָך אַפֿילו קיין סימן ניטאָ פֿון אַזאַ ליטעראַטור, וווּ ס׳איז ניט פֿאַראַן אַפֿילו קיין פּאָפּולערער אַרטיקל וועגן פֿאָלקס־מעשׂהלעך בכלל, מוז מען זיך שטאַרק רעכענען דערמיט. און ממילא מוז מען שוין אויך אויפֿנעמען און באַטראַכטן די פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען וואָס זײַנען שייך דער פֿאַרגלײַכנדיקער מעשׂהלעך־פֿאָרשונג בכלל; אַנדערש איז ניט מעגלעך, דוכט זיך, מסביר צו זײַן דעם ענין ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלעך.

די פֿאַרגלײַכנדיקע מעשׂהלעך־פֿאָרשונג אָפּערירט מיט זייער אַ רײַכן און פֿאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל. זי שליסט אײַן אין דעם ברייטן געביט פֿון איר פֿאָרשונג אַלע מעשׂהלעך, זאַגעס, לעגענדעס און מיטן פֿון אַלע פֿעלקער, אָן שום אויסנאַם; און אַלץ אַזאַ מאַטעריאַל וואָס איז דאָס רובֿ געזאַמלט געוואָרן פֿון מינדלעכער טראַדיציע, אַלץ וואָס האָט פֿאַר דער פֿאָרשונג אַ וויסנשאַפֿטלעכן ווערט. ס׳איז גענוג בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויף דער ריזיקער רשימה מעשׂהלעך־זאַמלונגען, וואָס איז צוגעגעבן צום דריטן באַנד פֿון באָלטע און פּאָליווקאַס וויסנשאַפֿטלעכן קאָמענטאַר צו די גרימס׳ *Kinder- und Hausmärchen*, כּדי צו באַקומען כאָטש אַ שטיקל השגה, וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע זאַמל־אַרבעט ס׳איז

אויפגעטאן געווארן ביי פארשיידענע פעלקער זינט ס׳איז ארויס פון דרוק די דאזיקע בארימטע קאלעקציע אין יאר 1828. ס׳איז ניטא, דוכט זיך, קיין שום קולטורפאלק און קיין שום פרימיטיווער שבט אויף דער וועלט, וואס זאל ניט זיין פארטראטן כאטש מיט אן איינציקער קאלעקציע פון זיינע מעשהלעך אדער מיטן.

*

...די דאזיקע פראגעס האבן זיך דא ארויסגעכאפט כמעט ווי ניט־ווילנדיק, מחמת איך האב תחילת געוואלט בלויז מאכן א פאר באמערקונגען צו דער ווייטערדיקער קאלעקציע און דערמיט יוצא זיין. ווי עס ווייזט אבער אויס קאן מען גארניט אנהייבן צו ריידן וועגן פאלקס־מעשיות, מען זאל זיך באלד ניט אריינפלאנטערן אין די אלע פראבלעמען וואס זיינען פארבונדן מיט דעם ענין. זיינען דאך אונדזערע אלע מעשיות, סיי די וועלטלעכע, סיי די עטיש־רעליגיעזע, אין זייערע גרונטמאטיוון אפט מאל אזוי פארקניפט און פארבונדן מיט דעם אלוועלטלעכן מעשהלעך־שטאף, אז מען קאן די ערשטע און די לעצטע מעטאדיש ניט באטראכטן. סיידן די באטראכטונג זאל ארויסגיין פון א יידישן עטיש־רעליגיעזן שטאנדפונקט, למשל אזוי ווי ש. אנ—סקי האט דאס געטאן. לויט אנ—סקיס מיינונג זיינען

> די ווערק פון דער היינטיקער יידישער פאלקסשאפונג — די מעשיות, לעגענדעס, לידער, משלים, גלייבונגען, ווערטלעך, שפריכווערטער אאז״וו, וואס דאס פאלק אליין האט געשאפן, אדער וועלכע האבן פון לאנג אן באקומען א ברייטע פאפולאריטעט ביי אים — זיינען לויט זייערע אויסערלעכע פארמען דאס רוב אידענטיש מיט דעם פאלקלאר פון אנדערע פעלקער. אבער מצד דעם אינעווייניקסטן אינהאלט איז דער יידישער פאלקלאר, סיי דער פאלקלאר פון די מעשיות, דאס רוב א דידאקטישער, סיי דער פאלקלאר פון די לידער, דערעיקרשט א לירישער, און אפילו דער פאלקלאר פון דער טאג־טעגלעכער מאראל, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אין די שפריכווערטער, ווערטלעך, וויצן און משלים — אין גאנצן דורכגעדרונגען מיט די אייגענע מאטיוון, טענדענצן און שטימונגען, וואס די ביבלישע און תלמודישע שאפונג.[2]

*

„דאס יידישע מעשהלע, האט בעל־מחשבות א מאל באמערקט, איז נאך ביז היינטיקן טאג א פארבארגענער שאץ, הן פאר דער אינטעליגענץ און הן פאר די שאפנדיקע קרעפטן אין דער ליטעראטור“. און געמיינט האט ער, מסתמא, א גאנץ אנדער מין „יידיש מעשהלע“, זיכער ניט דאס אמתע פאלקס־מעשהלע, דאס יידיש־וועלטלעכע, וואס איז אומגעגאנגען אין פאלק בעל־פה, פון מויל צו מויל. און וואס איז אוודאי אויך געווען א פארבארגענער אוצר ניט נאר פאר דער אינטעליגענץ און פאר די שאפנדיקע כוחות פון אונדזער ליטעראטור, נאר אפילו אויך פאר די פארשער פון דעם יידישן פאלקלאר. אפילו פאר אזא ענטוזיאסטישן פאלקפארשער ווי ש. אנ—סקי איז געווען איז דער כאראקטער פון דעם יידיש־וועלטלעכן פאלקס־מעשהלע געבליבן כמעט ווי פארבארגן.

---

[2] ש. אנ—סקי, „די יידישע פאלקסשאפונג“, געזאמעלטע שריפטן, ב׳ 15, ז׳ 45.

*

די זייער אינטערעסאנטע תשובות וואס די פארשונג האט געפרואווט געבן אויף די אלע פראגעס רירן אויך אן אונדזערע יידישע פאלקס־מעשיות, וואס זיי געהערן בלי שום ספק צום שותפותדיקן פארמעג פון אלע פעלקער; און איך רעכן, אז אפילו א פארביילויפנדיקער בליק אין דער דאזיקער פארשונג קאן האבן אן אינטערעס פאר אונדזערע בעסערע לייענער־קרייזן, בפרט ווען דער ענין איז ביי אונדז נאך כמעט ניט בארירט געווארן.

ס׳איז אפשר ניט מער ווי הוילער צופאל, וואס גראד די ברידער גרים האבן זייער קלאסישע זאמלונג פון דייטשע פאלקס־מעשיות אנגערופן בלויז: *Kinder- und Hausmärchen*, הגם זיי האבן געגלייבט באמונה שלמה, אז דער שטאף איז דורכויס פון א דייטשישן, ריכטיקער געזאגט, פון אן אינדא־אייראפעישן (ארישן) אפשטאם. אבער ווי עס ווייזט אויס, איז פאר די גרימס ניט אזוי וויכטיק געווען דער נאמען ווי דער אינהאלט: אין דעם אינהאלט פון די מעשיות האבן זיי פארנומען די לעצטע עכאס פון די אלטע ארישע מיטן וואס האבן געשלאגן ווארצלען איבער גאנץ אייראפע. די אלע מעשיות האבן זיי באטראכט ווי רעשטלעך פון א גלויבן וואס פירט צוריק צו די עלטסטע צייטן, אין וועלכע רוחניותדיקע זאכן האבן זיך אויסגעדריקט אויף א בילדלעכן אופן.

> די דאזיקע מיטישע עלעמענטן — זאגט ווילהעלם גרים — זיינען געגליכן צו די קליינע שטיקלעך פון א צעשפליטערטן אבן־טוב, וואס ליגן צעשפרייט אויף אן איבערגעוואקסן פעלד פון גראז און בלומען, און וואס קאנען אנטדעקט ווערן נאר פון א שארפזעענדיק אויג. דער זינען דערפון איז שוין פון לאנג פארלוירן געגאנגען, אבער מען קאן עס נאך דערפילן, און דאס גיט דעם מעשהלע זיין חשובן אינהאלט און באפרידיקט גלייכצייטיק די נאטירלעכע תשוקה צו דעם וואונדערלעכן.

תחילת ווען די גרימס האבן באמערקט, אז ביי אנדערע, ניט־גערמאנישע פעלקער געפינען זיך מעשיות וואס זיינען זייער ענלעך צו די דייטשישע, האבן זיי ניט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט, אז אין איינצלנע פאלן האט א מעשה געקאנט א מאל איבערגיין פון איין פאלק צום אנדערן און שטארק איינווארצלען זיך אין דעם פרעמדן גרונט. אבער מיט איינצלנע אויסנאמען, מיינען זיי, קאן מען נאך ניט דערקלערן דעם גרויסן פארנעם און די ווייטע פארשפרייטונג פון דעם שותפישן פארמעג. שפעטער אבער, ווען זיי האבן זיך באקאנט מיט עטלעכע מעשהלעך וואס האבן זיך אפגעזוכט ביי די נעגער פון בארנעא, ביי די בעטשואנען אין דרום־אפריקע און ביי די אינדיאנער פון צפון־אמעריקע — זיינען זיי פשוט נשתומם געווארן פון זייער ענלעכקייט צו די דייטשע מעשהלעך. האבן זיי ווידער צוגעגעבן, אז צווישן די דאזיקע דערציילונגען איז פאראן א געוויסער צוזאמענהאנג, הגם זייערע אייגנטימלעכע השגות שיידן זיי פונאנדער. פון וואנען נעמט זיך אבער די דאזיקע ענלעכקייט צווישן די דערציילונגען, ניט נאר ביי פעלקער וואס גרענעצן זיך נאענט ביינאנד, נאר אויך ביי אזעלכע וואס זיינען דורך צייט און שטח אזוי ווייט אפגעשיידט איינס פונעם אנדערן? דערויף גיט וו. גרים אזא דערקלערונג: פאראן סיטואציעס וואס זיינען אזוי נאטירלעך און פשוט, אז זיי

קאָנען אומעטום פֿאָרקומען װידער אַ מאָל; װי עס זײַנען פֿאַראַן געדאַנקען װאָס קומען װי פֿון זיך אַליין אין הסכּם. דעריבער איז אויך מעגלעך, אַז די זעלביקע אָדער זייער ענלעכע מעשׂיות האָבן אומאָפּהענגיק איינס פֿונעם אַנדערן געקענט אויפֿקומען אין פֿאַרשיידענע לענדער.

אַחוץ די עטלעכע הנחות זײַנען אָבער די גרימס געבליבן פֿעסט בײַ זייער אַרישער טעאָריע װאָס שרײַבט קודם כּל צו אַלע מעשׂיות צו אַן אַרישן אָפּשטאַם און װאָס פֿירט אויף אַזאַ אופֿן צוריק צו דער אוראַלטער היים פֿון די אַרישע פֿעלקער. מיט דער צײַט, װען די אַרישע אָדער אינדאָ־איראָפּעיִשע געטער־ און העלדן־אַגדות האָבן זיך בײַ די פֿאַרשיידענע פֿעלקער געביטן און זײַנען צום סוף אין גאַנצן צעפֿאַלן, זײַנען פֿון זייערע איבערגעבליבענע רעשטלעך, פֿון זייערע שיריים אויפֿגעקומען די אַלע מעשׂיות.

*

ס׳וועט אפֿשר גאָרניט צו גוזמאדיק זײַן צו זאָגן, אַז דער אינטערעסאַנטסטער שטאָף פֿון דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלקלאָר זײַנען די פֿאָלקס־מעשׂהלעך, אינטערעסאַנט סײַ װיסנשאַפֿטלעך סײַ קינסטלעריש. און דאָך האָט מען בײַ אונדז גאָר היפּשלעך זיך פֿאַרשפּעטיקט מיט דעם זאַמלען די דאָזיקע פֿאָלקס־מעשׂהלעך, פֿאַרשפּעטיקט אויף גוטע 40־50 יאָר, און אפֿשר נאָך מער. דערויף געפֿינען מיר אַ סך ראַיות אין דעם שטאָף גופֿא, אין די פֿאַרשיידענע סוזשעטן און מאָטיװן פֿון די מעשׂהלעך װאָס מען האָט ערשט לעצטנס בײַ אונדז צונויפֿגעקליבן. ס׳איז אָבער דאָ ניט דער פּלאַץ דאָס אויפֿצוװײַזן. נאָר אַפֿילו אָן דעם איז פֿאַר יעדן איינעם, דוכט זיך, פֿאַרשטענדלעך, אַז װאָס װײַטער פֿון אונדזער צײַט און פֿון אונדזער ליטעראַטור, װאָס װײַטער צוריק אין דעם עבֿר פֿון אונדזער פֿאָלקס־לעבן, אַלץ רײַכער האָבן געמוזט זײַן די פֿאַרשיידענע צװײַגן פֿון אונדזערע מינדלעכע טראַדיציעס, אַלץ רײַכער און פֿאַרשיידנאַרטיקער אונדזערע װעלטלעכע מעשׂהלעך װאָס זײַנען אומגעגאַנגען אין פֿאָלק בעל־פּה, פֿון מויל צו מויל, און זײַנען אין פֿאַרשיידענע צײַטן געשעפּט געװאָרן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן מעשׂהלעך־אוצר, פֿון װעלכן ס׳האָבן אויך געשעפּט אַלע אַנדערע פֿעלקער.

צוליב דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פֿון אונדזערע פֿאָלקס־מעשׂהלעך טאָר מען אָבער ניט רעכענען, אַז דערמיט זײַנען זיי אויך ניט קיין ייִדישע אין נאַציאָנאַלן זינען. דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע װעגן דעם מהות פֿון דעם פֿאָלקס־מעשׂהלע מוז זיך היטן ניט צו זײַן צו פֿיל ראָמאַנטיש, און ער מוז לעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן עצם אויך באַטאָנען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. װײַל פֿאָלקס־מעשׂהלעך זײַנען בערך די יעניקע שיינע געשיכטעס װאָס אַ באַשטימט פֿאָלק האָט לויט זײַן כאַראַקטער און זײַן געשמאַק אויסגעקליבן פֿון דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אוצר װאָס איז דער אַלגעמיינער פֿאַרמעג פֿון אַלע פֿעלקער.

*

דאָס ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלע — ניט דאָס לעגענדאַרישע אָדער דאָס עטיש־רעליגיעזע, נאָר דאָס ריין װעלטלעכע, װאָס מען האָט בײַ אונדז ניט לאַנג

ערשט אַנטדעקט אין פֿאָלק, ניט לאַנג ערשט אָנגעהויבן צו זאַמלען — איז באמת אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע אַנטדעקונג אויפֿן געביט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. אינטערעסאַנט שוין דערמיט אַליין, װאָס ביז ניט לאַנג צוריק האָט מען בײַ אונדז אפֿשר גאָר קיין השׂגה ניט געהאַט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַזעלכעס װי אַ ייִדיש פֿאָלקס־מעשׂהלע װאָס פֿאַרמאָגט ניט קיין פֿרומען מוסר־השׂכּל, קיין עטיש־רעליגיעזע טענדענצן — נײַערט אַ פֿרײַ־װעלטלעכס און אונטערהאַלטנדיקס, אַ שטייגער, װי די דײַטשע „פֿאָלקסמערכען", װי די רוסישע „נאַראָדנײַאַ סקאַזקי", אָדער גאָר װי די מעשׂהלעך פֿון „טויזנט און איין נאַכט" וכדומה. אַזעלכעס האָט מען זיך בײַ אונדז אפֿשר גאָרניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, װאָרעם אין אמתן, װי קומט עס גאָר צו ייִדן, װעט זיך אפֿשר װוּנדערן אַ באַהאַװנטער לייענער, און מסתּמא זיך קלערן: אויך אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה.[3] מען װאָלט אפֿשר געקאָנט אַזוי קלערן, װען די װײַטערדיקע זאַמלונג װאָלט בלויז געװען די ערשטע און די איינציקע אין איר מין. הגם דאָס אַליין װאָלט שוין געװען אַ גענוגנדיקער באַװײַז, אַז מיר פֿאַרמאָגן אַזעלכע. געפֿינען מיר זיי שוין אָבער אין די אַלטע יאָרגענג פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָריסטישע זשורנאַלן, װי למשל, אין די *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, װוּ לעאָ װינער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ היפּשע צאָל ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות פֿון אַ ריין װעלטלעכן אינהאַלט. עטלעכע אַזעלכע געפֿינען מיר אויך אין ב. װ. זעגעלס קאָלעקציע, פֿאַרעפֿנטלעכט אין *Wiadomości antropologiczne*; אין דעם זשורנאַל *Der Urquell*; אין ש. לעהמאַנס װערטפֿולער זאַמלונג בײַ אונז יודען, און מערקװערדיק — פֿאַרשיידענע זאַמלער אין פֿאַרשיידענע צײַטן, װאָס האָבן נאָר אַ מאָל פֿאַרטראַכט אויפֿצונעמען פֿונעם פֿאָלקסמויל אונדזערע מעשׂיות, האָבן אַלע אָן אויסנאַם גראָד פֿאַרצייכנט „װעלטלעכע".[4]

*

דאָס ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלע איז דערװײַל אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער און נאָך קוים אויסגעפֿאָרשטער צװײַג פֿון אונדזער קינסטלערישן פֿאָלקלאָר, צו װעלכן עס געהערט אויך אין דער ערשטער ריי אונדזער פֿאָלקסליד, װאָס איז

---

[3] פֿון די נײַערע װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן װאָס באַהאַנדלען דעם ענין אויספֿירלעך זען: נ. שטיף, „דיטריך פֿון בערן — ייִדישקייט און װעלטלעכקייט אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור", ייִדישע פֿילאָלאָגיע, 1 (1924—1926), זז׳ 1—10, 112—122; מ. עריק, װעגן אַלט־ייִדישן ראָמאַן און נאָװעלע, קאָװנע, 1926.

[4] דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז צעשפּרייט אין פֿאַרשיידענע װיסנשאַפֿטלעכע שריפֿטן: ב. װ. זעגעל אין: "Materiały do etnografii Żydów," *Zbiór wiad. antrop. krajowej*, XVII, 261-332;
לעאָ װינער אין: *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, 10, 98; 18, 69;
ע. אָלשװאַנגער אין: *Rosinkes mit Mandlen*, Basel, 1920;
ש. לעהמאַן אין זאַמלבוך בײַ אונז יודען, װאַרשע, 1923, זז׳ 66—96;
עטלעכע מעשׂיות אין: *Der Urquell*, Neue Folge, I, pp. 13, 80, 121, 345.
די מקורים װאָס איך גיב דאָ דאַרפֿן ניט באַטראַכט װערן װי אַ פֿולשטענדיקע ביבליאָגראַפֿיע, ס׳איז בלויז אַן אָנװײַז אויף פּובליקאַציעס, װוּ ס׳געפֿינען זיך מער װעלטלעכע מעשׂיות.

שוין אָבער ווײַט און ברייט באַקאַנט און אויך אַ ביסל מער אויסגעפֿאָרשט.
אָבער אויף ווי ווײַט דאָס וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂהלע איז ביז אַהער נאָך אומ־
באַקאַנט געבליבן סײַ אין אונדזער ליטעראַרישער סבֿיבֿה און סײַ פֿאַר דער
דרויסנדיקער וועלט, פֿאַר פֿאָלקלאָריסטן און מעשׂהלעך־פֿאָרשער, שטעלט זיך
די פֿראַגע: טאָ פֿאַר וואָס האָט מען די דאָזיקע מעשׂהלעך פֿריִער ניט געזאַמלט
און ניט פֿאַרעפֿנטלעכט?

אינטערעסאַנט איז, וואָס די זעלביקע פֿראַגע איז באַרירט געוואָרן פֿון דעם
באַרימטן מעשׂהלעך־פֿאָרשער ד״ר מ. גאַסטער אין אַן אַרטיקל וואָס ער האָט נאָך
מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט אין די ייִוואָ־בלעטער.*

*

...די אַלע „פֿאָרשער דעס יודענטומס״ און אַנדערע געבילדעטע ייִדן אין
פֿאַרשיידענע לענדער האָבן ניט געקאָנט ניט באַמערקן, וואָס פֿאַר אַ פֿיבערישע
טעטיקייט עס איז בשעתו אָנגעגאַנגען בײַ ניט־ייִדן אין דער זאַמל־אַרבעט פֿון
זייערע פֿאָלקס־מעשׂהלעך. [נאָר זיי האָבן אַ פּנים אונדזערע פֿאָלקס־מעשׂהלעך
אין גאַנצן פֿאַרזען.] אויב ניט, וואָלטן זיי דאָך געוויס נאָכגעטאָן די גויים אויך
אין דעם פּרט, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין אַ סך אַנדערע זאַכן. זיי האָבן שוין
אָבער געהאַט פֿאַר זיך פֿאַרטיקע זאַמלונגען אין די ביבלישע לעגענדעס, אין די
אַגדות פֿון תּלמוד און מדרש, רבי נסים מעשׂיות (חיבור יפה מהישועה).** מיר
האָבן שוין פֿון לאַנג אָן געהאַט אַ גרויסע שפֿע אין פֿאַרשיידענע זאַמלונגען פֿון
לעגענדעס און זאַגעס (פֿאָלקס־מסורות), וואָס זיי האָבן אָבער דורכויס אָפּגע־
שטאַמט פֿון ליטעראַרישע מקורים, פֿון העברעיִשע און פֿון ייִדישע, וועלכע זײַנען
דורכגעגאַנגען פֿאַרשיידענע רעדאַקציעס, אָבער מיט באַשטימטע טענדענצן און
כּוונות, און זײַנען דערנאָך ווידער איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן.
עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע זאַמלונגען וועלכע זײַנען לכתּחילה צונויפֿגע־
שטעלט געוואָרן צוליב גאַנץ באַשטימטע צוועקן האָבן פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער
מעשׂהלעך־פֿאָרשונג געקאָנט בלויז האָבן אַ צווייט־ אָדער דריט־קלאַסיקן ווערט.

דערפֿון דערקלערט זיך קודם כּל דער וויסנשאַפֿטלעכער אינטערעס אין דעם
ייִדישן פֿאָלקס־מעשׂהלע, אין דעם אמתן און בעיקר אין דעם מינדלעכן פֿאָלקס־
מעשׂהלע, וואָס איז ביז אַהער כּמעט ניט געווען בנימצא, ווײַל מען האָט עס
ווייניק וואָס געזאַמלט בײַ אונדז און נאָך ווייניקער פֿאַרעפֿנטלעכט אין דרוק....

*

אין זײַן גאָר געהויבענער אָפּשאַצונג וועגן בוך ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות
[ווילנע, 1931], וואָס פּראָפֿ׳ וואַלטער אַנדערסאָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין די
ייִוואָ־בלעטער, ב׳ III (1932), זז׳ 421—424, האָט ער צווישן אַנדערע אויך אַ ביסל
קאָמענטירט וועגן דער הערה וואָס איך האָב צוגעגעבן צום סוף פֿון מײַן זאַמלונג
און וועלכע לייענט זיך אַזוי: „אַן אַרײַנפֿיר מיט פֿאַרגלײַכנדיקע באַמערקונגען צו

* באַנד I (1931), זז׳ 24—27.

** זען בן יעקבֿ, אוצר הספרים, ז׳ 165, נומ׳ 33: ערשטע אויסגאַבע, פֿעראַרע, 1557.

די אַלע פֿאָלקס־מעשׂיות וועלן צוגעגרייט פֿונעם זאַמלער פֿאַר אַ שפּעטערדיקער
פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע פֿון דער דאָזיקער קאָלעקציע״. דער דאָזיקער צוזאָג
אויף להבא, וואָס האָט אפֿשר מער ניט אויסגעדריקט ווי אַ שיינעם ווײַטן ווונטש
פֿון דעם זאַמלער, האָט דער חשובֿער רעפֿערענט מסתּמא אָנגענומען ווי אַ רעאַלן
פּלאַן פֿון מײַן באַלדיקער פֿאָרשונג־אַרבעט. ער באַטראַכט עס אָבער פֿאַר ניט
צוועקמעסיק צוליב פֿאַרשיידענע טעמים.

איך ווייס ניט, צי דער דאָזיקער פּלאַן איז צוועקמעסיק. די וויסנשאַפֿט־
לעכע מעשׂהלעך־ליטעראַטור (סײַ בנוגע פּובליקאַציעס פֿון טעקסטן און
סײַ בנוגע אויספֿאָרשונגען) איז פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן קאָ־
לאָסאַל אויסגעוואַקסן. פֿאַרגלײַכנדיקע קאָמענטאַרן צו פֿאָלקס־מעשׂהלעך
פֿאָדערן איצט זייער פֿיל מי און זײַנען פֿאַר זיך אַן אויפֿגאַבע, ניט אָפּ־
הענגיק פֿון פּובליקירן טעקסטן. דעם ספּעציאַליסט דעם מעשׂהלעך־פֿאָר־
שער וועט קיין סך נײַס ניט צוקומען פֿון אַזוינע אָנמערקונגען ווי י. ל.
כּהן פּלאַנט, און דער ניט־ספּעציאַליסט קען אַ מאָל נאָר אויסטײַטשן
פֿאַלש דאָס וואָס מען וועט אים אונטערטראָגן. פֿון דער אַנדערער זײַט
זײַנען טעקסטן גופֿא זייער שטאַרק אָנגעלייגט בײַ די פֿאָרשער. נאָר
פֿאַר איין מין אָנמערקונגען וואָלטן די ספּעציאַליסטן אים געווען זייער
דאַנקבאַר: ווען ער וועט אויפֿווײַזן אַזעלכע ייִדישע (אָדער אַנדערע) פּאַ־
ראַלעלן צו זײַנע מעשׂיות, וואָס זײַנען געדרוקט ערגעץ ווו אין פֿאַררוקטע
ערטער (אין צײַטונגען, צײַטשריפֿטן, קאַלענדאַרן, רעליגיעזע ספֿרים, בײַ
ייִדישע דיכטער און נאָוועליסטן אאַז״וו). און מער פֿאַר אַלץ וועלן די
פֿאָרשער אים דאַנקען ווען ער וועט אָפּדרוקן ווי ווײַט מיגלעך אַלע ייִדי־
שע פֿאָלקס־מעשׂהלעך וואָס ער האָט ווען עס איז פֿאַרשריבן פּונקט אַזוי
זאָרגעוודיק, ווי ער האָט דאָס געטאָן דאָ — און ווען זײַן בײַשפּיל וועט
געפֿינען בײַ ייִדן אַ סך פֿלײַסיקע נאָכמאַכערס.

פֿון דעם געבראַכטן ציטאַט דאַרף מען אָבער ניט שליסן, אַז דאָס איז ניט
מער ווי „אַ גוטע הסכּמה״ פֿון אַ סימפּאַטיזירנדיקן ניט־ייִדישן פֿאָלקלאָריסט
וועגן אַ ייִדישער מעשׂהלעך־זאַמלונג. ס׳איז זיכער פֿאַראַן אין דעם אַ וויכטי־
קערער מאָמענט. דאָ קומט גיכער צום אויסדרוק אַ באמת וויסנשאַפֿטלעכער
אינטערעס וואָס ליגט אפֿשר גראָד ניט אין דער היסטאָרישער ראָלע פֿון ייִדישער
פֿאַרמיטלונג, נײַערט אין דעם פֿאָרשערישן פֿאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיט דעם
ייִדישן מינדלעכן נוסח פֿון אַ טייל אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָלקס־מעשׂהלעך וואָס
ווערן בײַ אונדז דערציילט און וועלכע קאָנען אפֿשר אַ מאָל טאַקע זײַן פֿון אַ
תּחילתדיק ייִדישן אָפּשטאַם. אין דער פֿאַרגלײַכנדיקער מעשׂהלעך־פֿאָרשונג, וואָס
זי זוכט די אורפֿאָרעם און דעם תּחילתדיקן מקור פֿון דעם וואַנדערנדיקן פֿאָלקס־
מעשׂהלע, איז אַזאַ פֿאַל גאָרניט אויסגעשלאָסן, און פּראָפֿ׳ אַנדערסאָן האָט שוין
דאָס פֿון לאַנג אויפֿגעוויזן מיט גרויס בקיאות און שאַרפֿזין אין זײַן באַרימט
ווערק *Kaiser und Abt*....

*

פֿון די אַלע גוטע און לויבנדיקע רעצענזיעס וואָס זײַנען ביז אַהער אָנגע־
שריבן געוואָרן וועגן מײַן בוך ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות [ווילנע, 1931] האָט זיך
געפֿונען איינע וואָס איז מיר גאָר באַזונדער געפֿעלן געוואָרן, און דווקא אַזאַ

וואָס האָט גראָד אַרויסגעטראָגן אַ שטאַרק נעגאַטיווע מיינונג וועגן מײַן זאַמלונג. דאָס איז די רעצענזיע פֿון דעם פּעדאַגאָג ח. ש. קאַזדאַן, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער וואַרשעווער וואָכנשריפֿט (28סטן סעפּטעמבער 1931) אונטער דעם צוצ?ענ־דיקן קעפּל „פֿאָלקסשאַפֿונג און פֿאָלקס־פֿאַנטאַסטיק".

מיט וואָס די דאָזיקע אומגינציקע רעצענזיע האָט אַזוי נושׂא חן געווען אין מײַנע אויגן איז שווער צו זאָגן. ס'קאָן זײַן, אַז איך בין פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון איר אַלטן ראָמאַנטישן קוק אויף פֿאָלקס־מעשׂהלעך בכלל, אָדער צוליב די „עסטעטיש־קינסטלערישע דעפֿעקטן" וואָס זי האָט אַנטדעקט אין אונדזערע פֿאָלקס־מעשׂהלעך, און אפֿשר גאָר מחמת דעם וואָס עס האָט זיך געדוכט, אַז אונטער דער דאָזיקער נעגאַטיווער אָפּשאַצונג וואָלטן זיך אפֿשר אונטערגעשריבן נאָך אַ סך אַנדערע פּעדאַגאָגישע קונסטקריטיקער וואָס ווייסן עפּעס וועגן פֿאָלקס־מעשׂהלעך. דאָס קאָן גרינגלעך געמאָלט זײַן, און דערפֿאַר אפֿשר האָט עס אויך פֿאַרכאַפּט מײַן אינטערעס.

אין זײַן רעצענזיע האָט ח. ש. קאַזדאַן צוו"אַנד אויך געמאַכט אַזאַ באַהויפּטונג: „די גרויסע מערהייט מעשׂיות אין דער זאַמלונג איז סטיללאָז, אָן שום נוסח און ריטעם, אָפּט אָן געשמאַק און אָפּגעלאָזן". און אַנשטאָט צו באַווײַזן דאָס אויף אַ געהעריקן אופֿן, פֿרעגט ער גאָר בײַ די לייענער:

> ווי געפֿעלט אײַך למשל אַ מעשׂה וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט צוויי ווערטער — „און שוין!" אָדער „און דאָס אַלעס!" אָדער אַזוי: „נו, דער סוף איז געווען, אַז זי האָט באַשינקען גוט אָנגעהרגעט די ביינער און אַרויסגעטריבן פֿון שטוב. נו, איז די נאַרישע באַשינקע געבליבן די קלוגע" אַאַז"וו.

און ער ברענגט ניט, וואָס עס קומט ווײַטער, מחמת ער איז מסתּמא זיכער, אַז די לייענער פֿון דער וואָכנשריפֿט ווייסן שוין, וועגן וואָס פֿאַר אַ מעשׂה עס האַנדלט זיך, זיי זײַנען שוין געוויס באַקאַנט מיט איר אינהאַלט, און די פֿראַגע, צי עס געפֿעלט, איז טאַקע אין גאַנצן אָפּהענגיק אין דער פֿאַרענדיקונג פֿון די צוויי ווערטער בלויז; לגבי דעם איז די גאַנצע פֿאַבולע, די ווונדערלעכע מאָטיוון און פֿאַנטאַסטישע דערשײַנונגען פֿון דער מעשׂה מסתּמא גאָרניט ווערט, און דער רעצענזענט פֿאַרלירט טאַקע וועגן דעם קיין וואָרט ניט. נאָך דעם אאַז"וו ציט ער אויך אונטער זײַן סך־הכּל:

> אַזעלכע נר־ און שוין־פֿאַרענדיקונגען זײַנען אַ סימן פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט, זיי זאָגן עדות וועגן דער קינסטלערישער גלײַכגילטיקייט פֿונעם דערציילער.

*

געוויס קען מען אויך אונדזער פֿאָלקס־מעשׂהלע באַטראַכטן פֿון אַ ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, דאָס דאַרף אָבער ניט געטאָן ווערן לויט די עסטעטיש־קינסטלערישע כּללים וואָס מיר געפֿינען אין די געוויינטלעכע לערנביכלעך וועגן „פּאָעטיק". ווען עס פֿאָדערט זיך אַ פֿאַרגלײַך, וואָלט אפֿשר בעסער געווען צו ברענגען אַ פּאָר בײַשפּילן פֿון די אַזוי גערופֿענע „אייראָפּעיִשע פֿאָלקס־מעשׂהלעך", אויב עס לאָזט זיך. זײַנען אָבער דאָ אויך פֿאַראַן געוויסע מניעות:

מען דאַרף קודם כּל וויסן אַקוראַט פֿון וועלכע מקורים די מוסטערן צו שעפּן, וועלכע זאַמלונגען זײַנען אין דעם פּרט די ראַיעלסטע, ס'הייסט וואָס זייער שטאָף איז געשעפּט אוממיטלבאַר פֿון דעם פֿאָלקסמויל און וואָס איז נאָך באין־אופֿן קינסטלעריש ניט באַאַרבעט געוואָרן. מחמת אויף די באַקאַנטע קלאַסישע פֿאָלקס־מעשׂהלעך־זאַמלונגען, ווי למשל אַפֿאַנאַסיעוווס אָדער די גרימס', קען מען זיך אין דעם פּרט שטאַרק ניט פֿאַרלאָזן, מען קען פֿון זיי קיין ראַיות ניט ברענגען, טאַקע דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען קלאַסישע מוסטערן פֿון דער פֿאָלקס־מעשׂהלעך־קונסט, אָבער ניט פֿון דער עכט פֿאָלקסטימלעכער.

*

ווען איך האָב איבערגעלייענט די גוט געמיינטע רעצענזיע וועגן מײַן בוך ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות [ווילנע, 1931], וואָס י. בערגער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם מאַרץ־נומער צוקונפֿט [1933], זז' 184־185, האָט מיך באמת געוווּנדערט, ווי ווייניק מען ווייסט נאָך בײַ אונדז וועגן דעם ענין „פֿאָלקס־מעשׂהלעך" בכלל, שוין ניט רײדנדיק וועגן ייִדישע, וועלכע מען האָט בײַ אונדז ניט לאַנג ערשט אַנטדעקט, און דערווײַל בלויז אַן אומבאַדײַטנדיקן טייל דערפֿון.

איך וויל דאָ קודם כּל אונטערשטרײַכן, אַז איך האָב דאָ ניט בדעה צו פּאָלע־מיזירן מיט דעם חשובֿן רעצענזענט און אַז פּערזענלעך האָב איך צו אים קיין שום טענות ניט, למאַי ער האָט אַזוי שלעכט אָפּגעשאַצט דאָס ייִדיש־וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂהלע. ער האָט אַ רעכט דערויף. אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט וואָלט אויך ניט געווען גאָר יושרדיק, אַז די לייענער פֿון דער צוקונפֿט זאָלן לכתחילה שוין באַקומען וועגן אונדזערע וועלטלעכע פֿאָלקס־מעשׂהלעך אַזאַ מין פֿאַלשע אינפֿאָרמאַציע ווי בערגער האָט זיי געגעבן. וואָרעם אויב ס'איז אמת וואָס ער זאָגט, אַז די 34 פֿאָלקס־מעשׂיות זײַנען „אַ גאַנץ וויכטיקער בײַטראָג צום ייִדישן פֿאָלקלאָר", טאָ ווי קומט עס, וואָס באַלד דערנאָך לייקנט ער דאָס אָפּ מיט אַן אַנדער „אמת" און דערצו נאָך אין אַזאַ זיכערן טאָן: „דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז די מערסטע ערציילונגען באַלאַנגען ניט צום עכטן ייִדישן פֿאָלקלאָר, כאָטש די העלדן וואָס פֿיגורירן אין זיי זײַנען פֿאַרייִדישט"?

און דערפֿאַר טאַקע האָט מיך געחידושט, וואָס דער מחבר פֿון דער רעצענזיע רעדט וועגן דעם ענין אין אַזאַ בר־סמכאדיקן טאָן, גלײַך ווי אַלע ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂהלעך וואָלטן שוין פֿון לאַנג אויסגעפֿאָרשט געוואָרן (דורך אים אָדער דורך אַנדערע) און מען ווייסט שוין אויף זיכער און באַשטימט, פֿון וואַנען זיי שטאַמען און צי זיי זײַנען ייִדישע צי ניט־ייִדישע.

[1933—1929]

[פּאַראַלעלן צו יידישע פֿאָלקס־מעשׂיות]

[אין כּהנס אַרכיוו געפֿינען זיך פֿאַרצייכענונגען צו 21 מעשׂהלעך פֿון זײַן זאַמלונג יידישע פֿאָלקס־מעשׂיות. דער מאַנוסקריפּט איז פֿראַגמענטאַריש: עס פֿעלט אין גאַנצן דער פּאַראַלעלן־מאַטעריאַל צו 12 מעשׂהלעך, פֿון נומער 6 ביז 17. דער פֿאַראַנענער מאַטעריאַל איז אויך נאָך ניט געבראַכט צו זײַן ענדגילטיקער רעדאַקציע.

אַחוץ דעם מאַנוסקריפּט געפֿינען זיך אין כּהנס אַרכיוו נאָך אַנדערע, ניט־סיסטעמאַטישע פֿאַרצייכענונגען פֿון פּאַראַלעלן־ליטעראַטור צו זײַנע יידישע פֿאָלקס־מעשׂיות. טייל זײַנען שייך צו פֿיר פּאָזיציעס פֿון דער מעשׂיות־זאַמלונג פֿון 1931. מיר האָבן זיי אויסגעטיילט אין טעקסט מיט קאַנטיקע קלאַמערן. די איבעריקע זײַנען שייך צו מעשׂיות וואָס זײַנען ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן בײַ כּהנס לעבן. פֿיר פֿון די מעשׂיות זײַנען אָפּגעדרוקט אין דער ייִוואָ־אויסגאַבע פֿון כּהנס פֿאָלקס־מעשׂיות, וואָס איז אַרויס אין ווילנע אין 1940 (כּתבֿים, באַנד V). די איבעריקע זײַנען שייך צו פֿאָלקס־מעשׂיות וואָס געפֿינען זיך נאָך אין כּהנס זאַמלונגען אין כּתבֿ־יד.

כּדי לײַכטער צו מאַכן דאָס אָריענטירן זיך אין דעם מאַטעריאַל, איז דאָ צוגעפּאַסטעלט פֿריִער אַ רשימה מקורים, אויף וועלכע כּהן האָט זיך פֿאַררופֿן און וואָס ווערן ווײַטער טיילווײַז געבראַכט געקירצט.

AT=Aarne, A. and Thompson, St., *The Types of the Folk-Tale*, Helsinki, 1928.

Am Urquell, Monatsschrift für Volkskunde, hrsg. von Friedrich S. Krauss, Bd. 1-6.

Anderson, W., *Kaiser und Abt*, Helsinki, 1923, FFC 9, 42.

Asbjörnsen, P. C. og Moe, J., *Eventyrbog for Börn*, Kopenhagen, 1883-87, deutsch von Pauline Klaiber, München, 1909.

Aurbacher, L., *Ein Volksbüchlein*, München, 1827, 2. Aufl., 1835, 3. Aufl., von J. Sarreiter, Leipzig, 1879, 2. Band, München, 1839 und Leipzig, 1880.

Baring-Gould, S., *Household Tales* (in: Henderson, W., *Notes on the Folk-Lore of the Northern Counties of England and the Borders*, London, 1866).

Basset, R., *Mille et un contes, récits et légendes arabes*, Paris, 1924-26.

Bechstein, L., *Deutsches Märchenbuch*, 1. Aufl., Leipzig, 1845.

Bédier, J., *Les fabliaux*, Paris, 1893.

Benfey, Th., *Kleinere Schriften zur Märchenforschung*, Berlin, 1894.

Bergsträsser, G., *Neuaramäische Märchen und andere Texte aus Ma'lūla*, Leipzig, 1915.

Bin Gorion, M. J., *Der Born Judas*, Leipzig, Insel-Verlag.

Blackeborough, R., *Wit, Character, Folklore and Customs of the North Riding of Yorkshire*, London, 1898.

Boas, F., *Indianische Sagen von der Nord-Pacifischen Küste Amerikas*, Berlin, 1895.

Böhm, M., *Lettische Schwänke und verwandte Volksüberlieferungen*, Reval, 1911.

BP=Bolte, J. und Polivka, G., *Anmerkungen zu den Kinder- und Hausmärchen der Brüder Grimm*, Leipzig, 1913-1918, Bd. 1-3; Leipzig, 1930-1932, Bd. 4-5.

Campbell, J. F., *Popular Tales of the West Highlands*, Edinburgh, 1860-62, 1-4, 2d ed., London, 1890-93, 1-4.

Campbell, J. G., *Clan Traditions and Popular Tales of the Western Highlands*, London, 1895.

Chambers, R., *Popular Rhymes of Scotland*, 1st ed., 1847, 2nd ed., 1870.

Clouston, W. A., *Popular Tales and Fictions, Their Migrations and Transformations*, London and Edinburgh, 1887.

Clouston, W. A., *The Book of Noodles*, London, 1888.

Clouston, W. A., *Flowers From a Persian Garden*, London, 1890.

Cosquin, E., *Contes populaires de Lorraine*, Paris, 1887, 1-2.

Craik, D. M., *The Fairy Book, the Best Popular Fairy Stories, Selected and Rendered New*, London, 1863-1893.

Crane, Th. Fr., *Popular Italian Tales*, Boston, 1885.

Dähnhardt, O., *Natursagen*, Leipzig, 1907-1912, 1-4.

Dähnhardt, O., *Schwänke aus aller Welt*, Leipzig, 1908.

Dasent, G. W., *Popular Tales from the Norse*, Edinburgh, 1858; 3d ed., 1877.

Day (Lal Behary), *Folktales of Bengal*, London, 1883.

Douglas, G., *Scottish Fairy and Folk Tales*, London, 1892.

Ethnologische Mitteilungen aus Ungarn, Budapest, 1887-1904, 1-6.

John Dunlop's Geschichte der Prosadichtungen, Aus dem Englischen übertragen, von F. Liebrecht, Berlin, 1851.

FFC=Folklore Fellows Communications, Helsinki, 1911 sq.

Firmenich, J. M., *Germaniens Völkerstimmen*, Berlin, 1843-54, 1-3.

Folk-Lore Journal, London, 1883-89, 1-7.

Folk-Lore Record, London, 1878-82, 1-5.

Fortier, A., *Louisiana Folk-Tales*, Boston, 1895.

Gale, J. S., *Korean Folk Tales*, London, 1913.

Gaster, M., *The Exempla of the Rabbis*, London, 1924.

Germania, Vierteljahrschrift für deutsche Altertumskunde, Stuttgart, 1856-92, 1-37.

Gliński, A. J., *Bajarz polski*, 3 wyd., Wilno, 1881.

Goebel, Fr. M., *Jüdische Motive im märchenhaften Erzählungsgut*, Gleiwitz, 1932.

Grimm:
Bolte, J. und Polivka G., *Anmerkungen*: די נומעראַציע פֿון די גרימס׳ מעשׂיות איז בײַ כהנען לויט: זען אויבן.

v. d. Hagen, F. H., *Gesamtabenteuer*, hundert altdeutsche Erzählungen . . . zum erstenmal gedruckt und hrsg., Stuttgart und Tübingen, 1850, 3 Bde.

Hahn, J. G., *Griechische und albanesische Märchen*, Leipzig, 1864.

Haltrich, J., *Deutsche Volksmärchen aus dem Sachsenlande in Siebenbürgen*, Berlin, 1856; 4. Aufl., Wien, 1885.

Hartland, E. S., *English Fairy and Folk Tales*, London, 1892.

Hartland, E. S., *The Legend of Perseus*, London, 1894-1896, 1-3.

Hazlitt, W. C., *Remains of the Early Popular Poetry of England*, London, 1866.

Henderson, W., *Notes on the Folk-Lore of the Northern Counties of England and the Borders*, London, 1866.

Hertel, J., *Indische Märchen*, Jena, 1921.

Hoffmeister, Ph., *Hessische Volksdichtung*, Marburg, 1869.

Jacobs, J., *English Fairy Tales*, London, 1890.

Jacobs, J., *More English Fairy Tales*, London, 1895.

Jahn, Ulr., *Volksmärchen aus Pommern*, Norden, 1891.

Jones, W. H. and Kropf, L., *Folk-Tales of the Magyars*, London, 1889.

Journal of American Folk-Lore, 1-27, Boston, 1888-1914.

Jülg, B., *Mongolische Märchen*, Innsbruck, 1868.

Kennedy, P., *The Fireside Stories of Ireland*, Dublin, 1875.

Knowles, J. H., *Folk-Tales of Kashmir*, London, 1888; 2d ed., 1893.

Köhler, R., *Kleine Schriften zur Märchenforschung*, Weimar, 1898, 1-3.

Krauss, Fr., *Sagen und Märchen der Südslaven*, Leipzig, 1883-84, 1-2.

Krauss, Fr., *Zigeunerhumor*, Leipzig, 1907.

Kretschmer, P., *Neugriechische Märchen*, Jena, 1917.

Lidzbarski, M., *Geschichten und Lieder aus den neuaramäischen Handschriften der Kgl. Bibliothek zu Berlin*, Weimar, 1896.

Liebrecht, F., *Zur Volkskunde*, Heilbronn, 1879.

Liljeblad, Sven, *Die Tobiasgeschichte und andere Märchen mit toten Helfern*, Lund, 1927.

Löland, R., *Norsk eventyrbok*, Oslo, 1905.

Lorimer, D. L. R. and E. O., *Persian Tales*, London, 1919.

Lud, kwartalnik etnograficzny, pod red. Oskara Kolberga, Lwów-Kraków, 1895 sq.

Macculoch, J. A., *The Childhood of Fiction. A Study of Folk Tales and Primitive Thought*, London, 1905.

MjVK=*Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde*, herausgegeben von M. Grunwald, Hamburg-Berlin, 1898-1922.

Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums, 1852 sq.

Montanus, M., *Schwänkebücher*, hrsg. von J. Bolte, Tübingen, 1899.

Müllenhoff, K. V., *Sagen, Märchen und Lieder der Herzogtümer Schleswig, Holstein und Lauenburg*, 1921.

Nachschebi, *Sieben weise Meister*, Leipzig, 1845.

Nasreddin, der Hodscha; türkische, arabische, berberische etc. Märlein und Schwänke, gesamm. u. hrsg. von Albert Wesselski, Weimar, 1911, 2 Bde.

Orient und Occident, hrsg. von Th. Benfey, Göttingen, 1860-66, 1-3.

Pantschatantra, fünf Bücher indischer Fabeln, Märchen und Erzählungen, aus dem Sanskrit übersetzt mit Einleitung u. Anmerkungen von Theodor Benfey, Leipzig, 1859, 2 Bde.

Pauli, J., *Schimpf und Ernst*, hrsg. von J. Bolte, Berlin, 1924, 2 Bde.

Pillet, A., *Das Fableau von den Trois bossus ménestrels*, Paris, 1901.

Pohadky a pověsti našeho lidu, Praha, 1882.

Prym, E. und Socin, A., *Der neuaramäische Dialekt des Tûr 'Abdîn*, Göttingen, 1881, 1-2.

Ralston, W., *Russian Folk Tales*, London, 1873.

Ritterhaus, A., *Die neuisländischen Volksmärchen*, Halle, 1920.

Sbornik za narodni umotvorenija nauka i knižnina, izdava Ministerstvoto na narodnoto prosveščenie, Sofia, 1889-1901, 1-18.

Schleicher, A., *Litauische Märchen, Sprichworte, Rätsel und Lieder*, Weimar, 1857.

Schullerus, P., "Rumänische Volksmärchen aus dem mittleren Harbachtale," Hermannstadt, 1906 (*Archiv des Vereins für siebenbürgische Landeskunde*, N. F. 33, 302-692).

Shakespeare Jest Books; Reprints of the Early and Very Rare Jest Books Supposed to Have Been Used by Shakespeare, ed. . . . by W. Carew Hazlitt, v. 1, Merry Tales and Quicke Answeres; v. 3, Merie Tales of the Mad Men of Gotham.

Tausend und eine Nacht, deutsch von M. Habicht, F. H. v. d. Hagen und C. Schall, 1-15, Breslau, 1825; 5. Aufl., 1840.

Tausend und eine Nacht, übertragen von Hennig, Leipzig, 1895-98, 1-24.

Tegethoff, E., *Französische Volksmärchen*, Jena, 1923, 1-2.

Tendlau, A., *Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit*, Frankfurt a. M., 1860.

Tendlau, A., *Fellmeiers Abende; Märchen und Geschichten aus grauer Vorzeit*, Frankfurt a. M., 1856.

Thorpe, B., *Yule Tide Stories*, London, 1853.

Tille, V., *Verzeichnis der böhmischen Märchen*, FFC, 34.

Wisser, W., *Plattdeutsche Volksmärchen*, Jena, 1914.

Wisser, W., *Wat Grotmader vertellt. Ostholsteinische Volksmärchen*, Leipzig-Jena, 1904-1909.

Zbiór wiadomości do antropologii krajowej, wydawany staraniem komisyi antropologicznej Akademii Umiejętności w Krakowie, Kraków, 1877-95.

ZfVK=*Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, Berlin, 1890 sq.

Zaunert, P., *Deutsche Märchen seit Grimm*, Jena, 1912.

Zingerle, U. u. J., *Kinder-und Hausmärchen aus Süddeutschland*, Regensburg, 1854.

Андреев, Н., *Указатель сказочных сюжетов по системе Аарне*, Ленинград, 1929.

Аѳанасьевъ, А. Н., *Русскія народныя сказки*, Москва, 1860-63. Изд. третье подъ ред. А. Е. Грузинскаго, Москва, 1897.

Романовъ, Е. Р., *Бѣлорусскій сборникъ*, 1-6, Кіевъ, 1886.

Труды этнографическо-статистической экспедиціи въ западно-русскій край. Матеріалы и изслѣдованія собранныя П. П. Чубинскимъ, 2-й томъ подъ ред. П. А. Гильтербрандта: Бѣлорусскія сказки, С.-Петербургъ. 1878.]

1. דאָס ווינטשפֿינגערל.

Grimm 104a; BP 2, 451-458; AT 560; Aarne, Mémoires de la Société Finno-Ougrienne 25, 1-82; Folk-Lore Record 3, 2, p. 178; Lorimer, Persian Tales, p. 269, אין חלום געזען אַ רינג.

2. די דרײַ שטומע ברידער.

Grimm 120; BP 2, 561-566; AT 1697, 360; Haltrich, No. 2; Krauss, Sagen and Märchen d. Südslaven 1, No. 40; Lud 2, p. 9 f; Folk-Lore Journal XXXI, 80 f. [Müllenhoff, p. 457; ZfVK 16, p. 210].

3. אַ מעשׂה פֿון אַ נאַר.

Grimm 143; BP 3, 145-151; AT 1696; Haltrich 4, No. 68; Hahn, No. 3; Afanasjev 32, No. 226; Lud 2, 363; ZfVK 9, 403; Köhler 1, 88; Haavio, FFC 88, 94-224; [Hoffmeiser, p. 96, 'Vom Judenjungen'; Asbjörnsen-Moe, 87; Ritterhaus, p. 429; Jacobs, More English Fairy Tales, No. 84; Hartland, English Fairy and Folk Tales, p. 257; Journal of Am. Folk-Lore 3, 292, 'The Forgetful Boy'; Kennedy, Fireside Stories, p. 30; Hahn, No. 111; Krauss, Sagen u. Märchen d. Südslaven 2, No. 107, dazu Grimm 32; Kolberg, Lud 8, 199; Chubinskij 2, No. 12; Romanov 3, No. 24; Clouston, Book of Noodles, p. 128; Jones-Kropf, p. 80; Nasreddin, No. 57; 1001 Nacht, übers. v. d. Hagen, 1827, 5, 108; Dähnhardt, Schwänke, p. 12.]

4. בעבעלע.

Grimm 37, 45; BP 1, 389-398, Anmrkg. zu No. 45; AT 700; v. Hahn, No. 55; Jacobs, English Fairy Tales, No. 25;

Lorimer, No. 43, טראָגט עסן צום פֿאָטער אין אַ שיסל;

Lidzbarski, p. 217, טראָגט עסן צום אָנקל;

ס׳ גדולים מעשׂה ה׳, וואַרשע 1927, ז׳ 67: בחור אין פֿיש; הייסט שנײַדן ניט פֿון בויך, נאָר פֿון זײַט;

Löland, p. 15, שנײַדן פֿון זײַט;

Kretschmer, Neugriech. März, p. 324, פֿראַגע: וואָס ווילט איר, אַ מיידל אָדער אַ ייִנגל?

ZfVK 6, 272, באַמערק׳ פֿאַרשלונגען פֿון אַ קו, שילט זי.

Hazlitt, Remains of the Early Popular Poetry of England, 1866, 4, p. 365; [Wisser, p. 177; Craik, Fairy Books, 1878, p. 83; Hartland, English Fairy and Folk Tales, p. 272; Campbell, J. G. 3, No. 69, 'Thomas of the Thumb'; Cosquin 2, p. 147, No. 53; Dasent, 1859, p. 429; Crane, No. 77; Krauss, Sagen and Märch. 1, No. 92; Afanasjev 31, 168; Chubinskij 2, No. 22; Schleicher, p. 7; Zbiór wiad. 18, No. 23 (Der Junge entstanden wie im poln. u. russ. aus Bauchwind); Pauli, Schimpf u. Ernst, 1522, cap. 263; Köhler 1, 107-109.]

5. דאָס שטאַרקע ייִנגל.

Grimm 60, 121; BP 1, 551-553; AT 315.

18. די דרײַ הויקערלעך.

Grimm 212; BP 3, 485; 4, 183; AT 1536; Tegethoff 2, 209; [Dunlop-Liebrecht, p. 209; Clouston, Pop. Tales, p. 335, 339, Mishle Sandabar, Tale of the Seventh Sage; Les Grand Fabliaux (ed. 1781); Sieben weise Meister; v. d. Hagen, Gesamtabenteuer 3; ZfVK 25, p. 403; Pillet, Das Fableau von den trois bossus ménestrels, p. 35.]

19. די צעך ווײַבער.

Grimm 143; BP 3, 149-150; AT 1287; Köhler 1, 112; Nasreddin 1, No. 261; Wesselski, Poggio, No. 55; Müllenhoff, No. 111; Böhm, Lettische Schwänke, No. 35; Knowles, Folk-Tales of Kashmir, p. 322 ff; Am Urquell 2, p. 192; 4, p. 181; Montanus, Gartengesellschaft, No. 70 (Bolte ed.); Hazlitt, Tales and Quicke Answeres 1, No. 60; Prym u. Socin, Tûr 'Abdin 2, p. 80 f; Krauss, Zigeunerhumor, p. 202; Hazlitt, Merie Tales of the Mad Men of Gotham, 3, p .12 f; Jacobs, More Eng, Fairy Tales, p. 209 f; Campbell, J. F., 2, p. 391.

20. אַ מעשׂה פֿון אַ קלוגן גנבֿ.

Chubinskij 2, No. 89; Afanasjev, No. 219d, var. f, וועמען געהערט דער פּיזשאַקל; Andreev, No. *1525 I; Onchukov, No. 160.

21. אַ מעשׂה פֿון אַ גלח מיט אַ פּריץ.

Anderson, Kaiser and Abt, FFC 42.

22. אַ מעשׂה פֿון אַ ייִדישן סאָלדאַט.

Grimm 60; BP 1, 534; Jülg, Mongol. Märch., p. 73; Schullerus, Archiv 33, 546, No. 76, Zwei Brüder; Hartland, Perseus 1, p. 42.

23. פֿאַר וואָס דער קאָפּ ווערט פֿריִער גרוי פֿאַר דער באָרד.

Zeunert 1, 406; Andreev, No. 1637.

24. דער אוצר אין שטעקן.

Gaster, No. 121a; ZfVK 17, p. 83; Mitt. (?) für Geschicht. 44; Benfey, Pantsch. 1, 604; Andreev, No. *961 I; Goebel, Jüd. Motive, p. 196-198; Pauli, Schimpf u. Ernst 2, p. 333, No. 326.

25. ווי אַזוי פֿינף טויבע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט.

AT 1698; Aarne FFC XX, 16 ff, 27 ff; Clouston, Flowers f. t. Persian Garden, p. 73; Schullerus, Rumän. Volksmärch., 1906, No. 123.

26. נאַטקע גנבֿ און בן־נאַטקע.

Chubinskij 2, No. 89; BP 3, 388.

27. דער שטריקדרייער.

AT 736; p. 231, 935; Ethnolog. Mitt. aus Ungarn 5, p. 111, אַרמעניש, בלײַ, שטיין; Köhler 2, 555, בײַטל מיט געלט אַװעקגענומען; Bechstein, p. 217; Mitt. f. jüd. Volksk. 9, p. 10; Thorpe, p. 463; Day, p. 93; Gaster, No. 118; Bin Gorion 2, 108, 344.

28. אַ מעשׂה פֿון אַן אָרעמען און אַ רײַכן ברודער.

Grimm 142; PB 3, 137; AT 676; Ritterhaus, No. 55; Köhler 1, 248; 1001 Nacht, übers. Hening 21, 54 f.

29. ווי אַזוי אַ קלוג שנײַדערל איז געוואָרן אַ חזן.

Grimm 8; BP 1, 68-69; AT 151, 1159; Haltrich, Zur deutschen Tiersage, 1855, p. 70, No. 50; Krauss, Sagen u. Märch. 1, No. 20, pp. 56-60, לעצטער מאָטיוו וויכטיק צו פֿאַרגלײַכן; No. 75, p. 312; ZfVK 9, 405, No. 3, בלויז מאָטיוו: ציגײַנער אײַנגעשלאָסן מיט אַ בער אין אַ שטאַל, וויל לערנען שפּילן אויף פֿידל, קלעמט אײַן לאַפּעס.

30. דער דאַנקבאַרער מת.

Grimm 217; BP 3, 490-517; AT 506a; Liljeblad, Tobiasgeschichte; Köhler 1, 5-39, 220, 424, 441; Hahn 1, No. 34, טויטער אַלס אָדלער; Gale, Korean Folk Tales, 1913, p. 80, No. 18; Gaster, Exempla, No. 334; Bin Gorion 1, 114, 117, 355; Tendlau, Fellmeiers Abende 1856, p. 110; Gaster, Germania 25, 280.

איבערזעצונג פֿון מעשׂיות מהישועה, ר' נסים, יעלינעק, בית המדרש 5, 136; רבינו נסים מקירואן (1030): חיבור יפה מהישועה, פֿעראַרע 1557; אַמסטערדאַם 1746; זשאָלקווע 1799.

31. אַ מעשׂה פֿון אַ געשײַטן גנבֿ.

Grimm 192; BP 3, 165, p. 267, Motiv C; 192, p. 389-393; AT 950, 1525 D, 1562; Andreev 1630; Lehman, No. 5, 11, p. 84, שוועבעלעך־פֿײַער; Selenin, p. 554; ZfVK 18, 452; Tille, FFC 34, p. 236.

32. די חכמה און דאָס מזל.

AT 653, 945, Luck and Intelligence; BP 3, 53 f, No. 129; Basset, 1001 Contes 2, 312; Tille, p. 254.

33. אַ רעטעניש־מעשׂהלע.

AT 921; BP 2, 159; Basset, 1001 Contes 2, 42; Köhler 1, 84, 87, 151 ff; Zingerle, Kinder-u. Hausmärch. 2, p. 42; Andreev, No. *921 B; Onchukov 18; FFC 42, 342.

34. אַ ליגן־מעשׂהלע.

Grimm 138; BP 3, 115-119; AT 1920b, 1960c; Andreev, No. *1885; Grimm 112; BP 2, 506-516; Lorimer, p. 94; Johnes and Kropf, p. 86.

10-11. (כתבֿים, באַנד V).

Grimm 5; BP 1, 39; AT 123; Krauss, Sagen u. März. 1, No. 17; Urquell, n. F. 1, 13; Haltrich, No. 83; Firmenich 2, 64, 71; Pohadky, p. 2, No. 2; Sbornik nar. umtv 2, 142; Afanasjev 31, No. 23; Ralston, p. 165.

14-15. (כתבֿים, באַנד V).

Grimm 47, Van den Machandelbloom; Gliński 32, No. 10; Chubinskij 2, No. 145; Dähnhardt, Natursagen 3, 407 ff; AT 720; Jones-Kropf, p. 298; Fortier, No. 17, 'the singing bones'; Chambers, Pop. Rhymes of Scotland, 1847, p. 203; 1870, p. 49; Douglas, Scottish Fairy Tales, p. 5; Baring-Gould, No. 1 (in Henderson, p. 314); Jacobs, English Fairy Tales, No. 3; Blackeborough, Wit of Yorkshire 1898, p. 273; Schweiz. Archiv f. Volksk., p. 295; Pohadky, No. 8; Clouston, Popular Tales 2, 407; Macculoch, p. 295; Boas, Indianische Sagen, 1895, No. 97; Liebrecht, p. 298; Bergstrasser, No. 31.

דער דלות (כתבֿ־יד).

Urquell 1897, p. 80; 1898, p. 123; Gedichte u. Scherze in jüdischer Mundart, No. 13 and 3; Mitteilungen 1898, 2, No. 18, p. 72; מעשׂה־בוך (M. Grünbaum, *Jüdischdeutsche Chrestomathie*, Leipzig, 1882, p. 394).

שׂמחה פלאַכטע (כתבֿ־יד).

Lidzbarski, p. 65, Mala Idriš; Aurbacher, Ein Volksbüchlein, 1879, 1, p. 107; Benfey, Orient u. Occident 1, 374-382; Köhler 1, 39; Clouston, Popular Tales 2, 413; ZfVK 15, 373; 8, 88; Tendlau, Sprichwörter u. Redensarten, p. 365; Hertel, Indische Märchen, p. 77.

[פאַראַלעלן צום מעשה־בוך און צו העברעיִש פאַרשריבענע פאָלקס־מעשיות]

[אַ פראַגמענט פון אַן אַרבעט. ווי עס איז צו זען פון דעם קורצן פאָרוואָרט, האָט זיך כהן אינטערעסירט קודם־כל מיט די מעשיות וואָס האָבן אינטערנאַציאָנאַלע מעשהלעך־מאָטיוון און פרעמדשפּראַכיקע פאַראַלעלן.

די פּאָזיציעס פון מעשה־בוך (ערשטע אויסגאַבע, באַזל, 1602) זײַנען באַצייכנט טיילווײַז לויט נומערן (מערסטן טייל לויט דער נומעראַציע פון מ. גאַסטערס ענגלישער איבערזעצונג, אַרויסגעגעבן אונטערן טיטל *Maaseh Book* אין צוויי בענד פון דער Jewish Publication Society, 1926), טיילווײַז לויט די זײַטלעך פון דער יידישער אויסגאַבע, רעדלהיים, 1753. העברעיִש פאַרשריבענע מעשיות (כהנס אַרײַנפיר־זאַצן גיבן אַ השגה וועגן זײַן קוק אויף די דאָזיקע מעשיות) זײַנען גענומען פון מרדכי בן יחזקאל, ספר המעשיות און פון *Der Born Judas*, M. J. Bin Gorion.

כהן האָט ניט באַוויזן צו באַאַרבעטן זײַנע פאַראַלעלן פיל־ווינציק גלײַכמעסיק: טייל פּאָזיציעס זײַנען באַהאַנדלט באַריכות, אַנדערע אַ סך קירצער. די פאַראַלעלע פרעמדשפּראַכיקע מקורים זײַנען אָנגעגעבן אין ביבליאָגראַפישע פאַרקירצונגען, צו וועלכע כהן האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שליסל. דעריבער איז געווען נייטיק צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פון די מקורים. אין דער רשימה האָבן מיר אַרײַנגענומען נאָר די פּאָזיציעס וועלכע ס'איז געלונגען צו אידענטיפיצירן. פּאָזיציעס, בנוגע וועלכע עס זײַנען געווען ספקות (אַ שטייגער אָרט און יאָר פון אויסגאַבע), זײַנען אין דער רשימה ניט אַרײַנגענומען.]

עס איז קענטיק, אַז די פרומע מחברים פון די העברעיִשע סיפּורים האָבן זייער שטאַרק געשעפּט ניט נאָר פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך פון פאָלקסמויל, פון דער מינדלעכער טראַדיציע וואָס האָט זיך הונדערטער יאָרן אויסגעלעבט און אויפגעהאַלטן אין דער יידישער שפּראַך. ווי ניט קיין אָריגינעלע שאַפער האָבן די דאָזיקע מחברים פשוט אויסגענוצט זייערע זכרונות פון די קינדעריאָרן אין חדר און אין דער ישיבה, ווו די לעבעדיקע שפּראַך איז אַלע מאָל געווען יידיש.

למשל, די מעשה פון די דרײַ לערעס אָדער שלשה פּתגמים, לוי־יצחק באַרדיטשעווער, *Zeitschrift für Volkskunde*, 27, ז' 175.

[אײַזנשטיין, י. ד., אוצר המדרשים, ניו־יאָרק, 1915.
כהן, י. ל., יידישע פאָלקס־מעשיות, ווילנע, 1931.
ליטווין, אַ., יודישע נשמות, ניו־יאָרק, 1916—1917.

מעשה־בוך, רעדלהיים, 1753.

מרדכי בן־יחזקאל, ספר המעשיות מלקט מספרים ומתקן לדפוס בידי... תל־אביב, תרפ"ו.

Aarne, A. A., *The Types of the Folktale*, Helsinki, 1928.

Benfey, Th., *Pantschatantra*, Leipzig, 1856, 2 Bde.

Bin Gorion, M. J., *Der Born Judas; Legenden, Märchen und Erzählungen*, Leipzig, Insel Verlag.

BP=Bolte, J. und Polivka, G., *Anmerkungen zu den Kinder- und Hausmärchen der Brüder Grimm*, Leipzig, 1913-1918, 3 Bde.

Chauvin, Victor, *La Récension égyptienne de mille et une nuits*, Bruxelles, 1899.

Clouston, W. A., *Popular Tales and Fictions*, London and Edinburgh, 1887, 2 vols.

Gaster, M., *The Exempla of the Rabbis*, London, 1924.

Gesta Romanorum . . . zum ersten Male vollständig aus dem Lateinischen übertragen von Dr. J. G. T. Grässe, 3. Aufl., Leipzig, 1905, 2 Teile.

Gonzenbach, Laura, *Sicilianische Märchen.* Aus dem Volksmunde gesammelt mit Anmerkungen Reinhold Köhler's und einer Einleitung hrsg. von O. Hartwig, Leipzig, 1870.

Grimm, Brüder, *Kinder- und Hausmärchen*, Leipzig, 1843, Bd. I-II; Göttingen, 1856, Bd. III.

Grünbaum, M., *Jüdischdeutsche Chrestomathie*, Leipzig, 1882.

Köhler, R., *Kleine Schriften zur Märchenforschung*, Weimar, 1898.

Landau, Marcus, *Die Quellen des Dekameron*, Stuttgart, 1884.

Leskien, A. u. Brugmann, K., *Litauische Volkslieder und Märchen*, Strassburg, 1882.

Lidzbarski, M., *Geschichten und Lieder aus den neuaramäischen Handschriften der Kgl. Bibliothek zu Berlin*, Weimar, 1896.

Liebrecht, F., *Zur Volkskunde*, Heilbronn, 1879.

Loewis von Menar, A., *Russische Volksmärchen*, Jena.

MjVK=*Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde*, herausgegeben von M. Grunwald, Hamburg-Berlin, 1898-1922.

Orient und Occident, hrsg. von Th. Benfey, Göttingen, 1860-1866, 1-3.

Rosen, G., *Tuti Nameh; das Papageienbuch*, Leipzig, 1856.

Schleicher, A., *Litauische Märchen, Sprichworte, Rätsel und Lieder*, Weimar, 1857.

Tendlau, A. M., *Fellmeiers Abende; Märchen und Geschichten aus grauer Vorzeit*, Frankfurt a. M., 1856.

[Wickram,] *Georg Wickram's Werke* . . . Hrsg. von Johannes Bolte und Willy Scheel, Tübingen, 1901-6, 8 Bde.

Zaunert, P., *Deutsche Märchen seit Grimm*, Jena, 1912.

ZfVK=*Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, Berlin, 1890 sq.

Ончуковъ, Н. Е., *Сѣверныя сказки*, СПБ., 1909.

Романовъ, Е. Р., *Бѣлорусскій сборникъ*, Вильна, 1886.

Труды этнографическо-статистической экспедиціи въ западно-русскій край... Матеріалы и изслѣдованія собранныя П. П. Чубинскимъ. С.-Петербургъ, 1872-77.

Шейнъ, П. В., *Матеріалы для изученія быта и языка русскаго населенія сѣверозападнаго края*, СПБ., 1893.]

שלשה פּתגמים, בן־יחזקאל, III, ע׳ קא; אײַזנשטיין, אוצר המדרשים, ע׳ 532;

Tendlau, Fellmeiers Ab. Nr. 34; Bin Gorion, Die drei Lehren, B. 3, p. 100; Gaster, Nr. 446; Köhler zu Gonzenbach, nr. 81; Köhler 2, 402 f; ZfVK 6, 169 f; 18, 456; Crane, Nr. 42 a. p. 357; Gesta Romanorum (Grässe) I, p. 185 (Kaiser Domitian kauft drei Lehren) a. II, p. 94; Schleicher, p. 39; Liebrecht zur Volkskunde, p. 214; Onchukov, Nr. 12; L. v. Menar, R. M. Nr. 45; Zaunert 7, 390-93.

בן־יחזקאל, גענומען פֿון עשר אורות, פּיעטריקאָוו, תרס״ז; זכרון לראשונים, פּיעטריקאָוו, תרע״ב; ייִדיש בײַ ליטווין, ב׳ III, נומ׳ 6.

הבן יקיר לי אפֿרים, בן־יחזקאל, III, ע׳ ג;

ZfVK 4, p. 451; 1001 Nacht 24, p. 87.

צו בן גריון.

ב׳ 2.

ז׳ 25 — Köhler 2, 572; ז׳ 48 — באַקאַטשיאַ, Landau, Quellen des Dekameron, ז׳ 92; ז׳ 117 — בליט אין פֿלאַש וועלט כּל זמן דער אייגנ־טימער לעבט, BP I, 545; ז׳ 164 — אין גן־עדן, BP II, 163, 189; ז׳ 182 — דעם קאַרגנס געלט ווערן שלאַנגען, BP III, 168, 462; Wickram 3, ז׳ 299, 339; [ז׳ 317] — די ברונעמגייסטער, BP II, 468.

ב׳ 3.

ז׳ 17 — BP II, 153; ז׳ 54 — שלמה און נעמה, BP III, 110; ז׳ 61 — Gesta Romanorum C. 196, און ZfVK 25, ז׳ 314; ז׳ 64 — דאָס געליִענע איי, BP II, 368; ז׳ 82 — שלאַנג, BP 2, 420; ז׳ 97 — זעלבסטפֿאַרראַט פֿון דעם גנבֿ, Chauvin; ז׳ 105 — די שפּראַך פֿון די חיות, BP I, 132; ז׳ 109 — די קלוגע פֿרוי, BP I, 546.

צום מעשה־בוך.

צו נומ׳ 94 (נחום איש גם זו).

Gaster, No. 25; Bin Gorion 2, 46, 337; Benfey, Pantsch, 409 a. 1, 123 note; BP 2, 1 ff.; Grimm, No. 61; Singer, ZfVK 2, 300; Jacobs 1, p. 56, No. 6; Clouston 2, 233; Afanasjev, No. 242; Chubinskij 2, No. 107; Romanov, No. 57; Shein 2, No. 57; Lidzbarski, No. 10.

ז׳ 12 (רבי יהושע בן לוי און אליהו הנבֿיא).

Grünbaum 393-96; Köhler 1, 581.

צו נומ׳ 101 (דאָס וויזל און עדות בײַ דער שבֿועה).

Grünbaum 404; Köhler I, 581.

צו נומ׳ 108 (לײַכטזיניקע פֿרוי) [107 בײַ גאַסטערן].

Grünbaum 405-6.

צו נומ׳ 143 (פֿאָטער גיט זון אַ צוואה. ער זאָל לערנען).

אײַזנשטיין, אוצר, ז׳ 344;

Grünbaum 407; Bin Gorion 6, 188; Tendlau, Fellmeier, No. 1; MjVK 1, p. 9-12; Gaster, No. 316 (די פֿראַשפּרינצעסין); Liebrecht, Zur Volkskunde, p. 29; BP II, p. 19ff; Grimm, No. 62; Köhler I, 581; Leskien u. Brugmann, No. 2.

צו נומ׳ 144 (אַלטער מאַן, וואָס האָט געפֿונען אַ שלאַנג).

Grünbaum 411; Köhler I, 581a, 412; [Leskien u.] Brugmann, Litauische Märchen, No. 2; ZfVK 6, 166.

צו נומ׳ 157 (פֿרומער מאַן באַשווערט זײַנע דרײַ זין צו היטן ווײַנגאָרטן נאָך זײַן טויט).

Grünbaum 416; כּהן, נומ׳ 12, דער וואָרטזאָגער.

צו ז׳ 50.

Grünbaum 421; Köhler 1, 581; Child, Ballads, No. 268.

צו ז׳ 56 (צעטיילונג פֿון אַ הון).

Grünbaum 428; Köhler 1, 582.

צו נומ׳ 203.

Grünbaum 430; Köhler 582a, 391.

צו נומ׳ 217 [218 בײַ גאַסטערן] (מעשה פֿון אַ ייִד וואָס טרעפֿט אַ גזלן. פֿאַרמסרן צו די פֿייגל).

Grünbaum 431; Köhler I, 582.

צו ז׳ 81 (זיבן ברידער).

Grünbaum 446; Köhler 1, 582a, 299; Grimm, No. 71.

צו נומ׳ 222 [223 בײַ גאַסטערן] (געשיכטע פֿון אַ מאַן מיט 3 זין. ירושה־מאַטיוון).

Grünbaum 435; Köhler 1, 214 ff; Rosen, Tuti-Nameh 1, 243 ff.

צו נומ׳ 226 [227 בײַ גאַסטערן] (קונץ הינטער דעם פֿיה).

Grünbaum 440; Grimm, No. 152; Köhler, Orient u. Occident 1, 439; כּהן, פֿ״מ, נומ׳ 21, מעשה פֿון אַ פּריץ מיט אַ גלח.

[װעגן ייִדישע װיצן]

[אַחוץ די פֿראַגמענטן פֿון אַרבעטן װעגן צװיי ייִדישע אַנעקדאָטן, װאָס זיי גייען דאָ אונטער 1 און 2, געפֿינען זיך אין אַ נאָטיצביכעלע נאָטיצן װעגן 25 ייִדישע אַנעקדאָטן, צו װעלכע כּהן האָט אָנגעגעבן פּאַראַלעלן פֿון פֿאַרשיידענע מקורים. זײַן גאַנג דערבײַ איז אַזאַ: פֿריִער זײַנען אָנגעגעבן אַלע ייִדישע מקורים, און דערנאָך זייערע נישט־ייִדישע פּאַראַלעלן.

די נאָטיצן גייען אונטער 3. כּדי זיי זאָלן ברענגען נוצן פֿאַר פֿאָרשערס, זײַנען דאָ צונויפֿגעשטעלט די מקורים, אויף װעלכע ער האָט זיך פֿאַררופֿן. ניט אַלע מקורים האָט זיך אײַנגעגעבן צו אידענטיפֿיצירן. ערשט גייט די רשימה מקורים, דערנאָך כּהנס פֿאַרצייכענונגען פֿון פּאַראַלעלן.

זען אויך זז׳ 294, 300־301.]

1

[„עכט ייִדישע" װיצן]

אין די באַקאַנטע און װײַט פֿאַרשפּרייטע ייִדישע װיצנביכלעך פֿון מאָטקע חב"ד, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שײַקע פֿײַפֿער און אויך צװישן די װאָס גייען אום אין פֿאָלק בעל־פּה, איז פֿאַראַן זייער אַן אינטערעסאַנטער און רײַכער מאַטעריאַל פֿאַר דער פֿאַרגלײַכנדיקער פֿאָרשונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסהומאָר און ייִדישן פֿאָלקלאָר בכלל.

אַ היפּשער טייל פֿון די דאָזיקע װיצן, אַנעקדאָטן און שפּאַסיקע מעשׂהלעך װאָס גייען אום אין פֿאָלק פֿון מויל צו מויל, און אויך אַ טייל פֿון די יעניקע װאָס װערן צוגעשריבן צו די דערמאָנטע פֿאָלקסװיצלער און אַנדערע שפּאַסטרײַבער װי זייערע אָריגינעלע המצאות, זײַנען באמת ניט אַזוי אָריגינעל װי מען קאָן מיינען. די װיצמאָטיװן פֿון דעם דאָזיקן שטאָף זײַנען דאָס רובֿ פֿון אַן אָריענטאַלישן אָפּשטאַם. מיר געפֿינען זיי אויך װײַט פֿאַרשפּרייט בײַ די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע פֿעלקער. ס'איז אָבער מערקװערדיק, װאָס יעדעס פֿאָלק גלייבט באמונה שלמה, אַז די אַלע שפּאַסיקע מעשׂהלעך און אַנעקדאָטן װאָס װערן דערציילט אין זײַן שפּראַך און אין זײַן לאַנד זײַנען טאַקע זײַנע אייגענע אָריגינעלע שאַפֿונגען, פֿון זײַן אייגענעם לעבן אויף זײַן אייגענעם באָדן אַרויסגעװאַקסן.

צו אילוסטרירן דעם געדאַנק, װעל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פֿון י. ח. ראַבֿניצקיס הקדמה צו זײַנע געזאַמלטע יודישע װיצען, בערלין, תרפ"ב, ז' 3:

> קיין פֿאָלק אין דער װעלט, מעג מען זאָגן, האַלט ניט אַזוי פֿון אַ װיץ און האָט ניט ליב צו װיצלען זיך װי דאָס ייִדישע. װען מען װעט דעם ייִדן אָנכאַפּן, געפֿינט מען אים כּמעט תּמיד גרייט צו זאָגן אַ גלײַכװערטל, צו דערציילן מיט חשק אַ שיינעם קײַלעכדיקן װיץ און אויך,

> פֿאַרשטייט זיך, אויסצוהערן מיט פֿאַרגעניגן פֿון יענעם עפּעס אַ פֿריילעך הומאָריסטיש שטיקל, אַ לעבעדיקן אַנעקדאָט, אַ שאַרפֿן װיץ, און שטיל צושמייכלען אָדער אַ מאָל טאַקע אויסשיסן מיט אַ געזונטן הילכיקן געלעכטער.
>
> איז דער ייִדישער װיץ ניט גלאַט אַזוי זיך קיין פֿלאַך טרוקן װערטל, נאָר עס ליגט אויף דעם מערסטן טייל גאָר אַ באַזונדער שטעמפּל. דער ייִד װיצלט זיך אויף זײַן שטייגער, און זײַן װיץ איז באַזאַלצט און באַפּעפּערט מיט אַ באַזונדערן ייִדישן פֿאָלקסהומאָר, און איז גאַנץ אָפֿט זאַפֿטיק און געשמאַק און איז באַטעמט טאַקע מיט אַן עכט ייִדישן טעם.
>
> און ניט נאָר דער ייִדישער גײַסט איז אויסגעגאָסן אויף די ייִדישע װיצן, עס שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ אויך די ייִדישע נשמה, און פֿיל פֿון זיי פֿאַרמאָגן היפּש עטנאָגראַפֿישן מאַטעריאַל װאָס קיין אַנדער פֿאָלק גיט ניט אַזוי פֿיל אין זײַנע װיצן.

צום שלוס פֿון זײַן קליינער הקדמה װענדט זיך דער זאַמלער צו די לייענער מיט אַ בקשה, זיי זאָלן זיך מטריח זײַן און אים אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף די װיצן װאָס ער האָט פֿאַרפֿעלט אין זײַן זאַמלונג:

> זיי דאַרפֿן אָבער האָבן אין זינען, אַז איך האָב ניט געזוכט ביז אַהער און זוך איצט אויך ניט אַנעקדאָטן און װערטלעך פֿון יענעם מין, װאָס װערן געדרוקט אין ביליקע װיצבלעטער, אויך ניט גלאַט איבערגעזעצטע אָדער אַפֿילו אַ ביסל איבערגעמאַכטע פֿון פֿרעמדע פֿעלקער און לשונות, נאָר אַזעלכע װאָס זײַנען געבוירן און אויסגעװאַקסן בײַ אונדז, אויף אונדזער לשון, ד"ה עכטע ייִדישע װיצן.

ס'איז גאַנץ אמת, אַז אויף דעם ייִדישן װיץ ליגט מערסטן טייל גאָר אַ באַזונדער שטעמפּל. געװיס „װיצלט זיך דער ייִד אויף זײַן אייגנאַרטיקן שטייגער" און זײַן װיץ איז טאַקע „באַזאַלצט און באַפּעפּערט" מיט אַ באַזונדערן פֿאָלקס־הומאָר. מע װעט אויך מוזן צוגעבן, אַז אין זײַנע װיצן שפּיגלט זיך אָפּ אויך די ייִדישע נשמה און פֿיל פֿון זיי פֿאַרמאָגן אַ היפּשן עטנאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, אָבער צו זאָגן: „װאָס קיין אַנדער פֿאָלק גיט ניט אַזוי פֿיל אין זײַנע װיצן" שמעקט שוין אַ ביסל צו פֿיל מיט „אַתּה־בחרתּנו" און איז שטאַרק איבערגעטריבן.

די פֿאַרשיידענע פֿרעמדשפּראַכיקע פּאַראַלעלן װאָס איך װעל דאָ ברענגען צו די „עכט ייִדישע װיצן" װאָס געפֿינען זיך אין ראַבֿניצקיס זאַמלונג און אין אַנדערע זאַמלונגען װעלן װאַרפֿן אַ גאַנץ אַנדער ליכט אויף דעם ענין. זיי װעלן באַװײַזן, אַז אַ היפּשער טייל פֿון די אָנגענומענע ייִדישע װיצן און שפּאַסיקע מעשׂהלעך זײַנען לכתּחילה ניט געבוירן געװאָרן און ניט אויסגעװאַקסן בײַ אונדז, אויף אונדזער לשון, נאָר אַז זיי זײַנען מסתּמא אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן איבערגעגאַנגען צו אונדז פֿון אַנדערע פֿעלקער און פֿון אַנדערע לשונות.

נעמען מיר למשל דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט פֿון דער „געגנבֿעטער פֿולקע" װאָס מען דערציילט פֿון הערשעלע אָסטראָפּאָליער. אין ראַבֿניצקיס נוסח איז דער אַנעקדאָט איבערגעטראָגן געװאָרן אויף דעם גאָון ר' יהושע־העשלען אונטערן נומער 429:

> איין מאָל אין אַן ערבֿ־יום־טובֿ האָט יהושע־העשלען סינדרװײַז פֿאַרשמעקט שטאַרק אַ פֿולקע פֿון אַ געבראָטענער קאַטשקע, און ער האָט

זי אויפֿגענאַשט, קיינער זאָל ניט זען. יום־טובֿ צום טיש דערלאַנגט די מוטער דאָס געבראָטענע עוף און זאָגט דערבײַ דעם פֿאָטער:

— פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ פֿיסל פֿון דער קאַטשקע. קיין קאַץ איז אין שטוב ניט געווען. ניט אַנדערש, אַז ס'איז העשלס ארבעט, ער איז אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכן.

דער פֿאָטער טוט אַ בייזן קוק אויף יהושע־העשלען, ווי איינער רעדט: וואָס וועסטו זאָגן דערויף, שיינער בחור?

— באַלד וואָס עפּעס, איז העשל! מאַכט דאָס קינד ברוגזלעך: עס קען גאָר זײַן, אַז דאָס עוף איז לכתחילה געווען נאָר מיט איין פֿיסל.

— דערצייל ניט אַזעלכע מעשׂיות, זאָגט דער פֿאָטער: ווו האָסטו געזען אַ קאַטשקע מיט איין פֿוס?

אין אַ פּאָר טעג אַרום גייט דער פֿאָטער מיט העשלען אין שול. שטייט גראָד אויפֿן וועג אַ קאַטשקע אויף איין פֿוס.

— זעסטו, טאַטע, ווײַזט אָן דאָס קינד: אָט האָסטו אַ קאַטשקע מיט איין פֿיסל.

דער פֿאָטער רעדט ניט קיין וואָרט, נעמט אַרויס פֿון קעשענע די רויטע פֿאַטשיילע זײַנע און טוט אַ טרײַב די קאַטשקע. לאָזט זי באַלד אַראָפּ דאָס צווייטע פֿיסל און אַנטלויפֿט.

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן? מאַכט צו העשלען דער פֿאָטער.

— טאַטע, זאָגט העשל: ווען דו וואָלסט געפּרוּווט יום־טובֿ בײַם טיש אַזוי טאָן און געבן אַ טרײַב די קאַטשקע, וואָלט זי אפֿשר אויך אַראָפּגעלאָזט דאָס צווייטע פֿיסל.

די „שטוקע" ווערט אין פֿאָלקסמויל בעסער דערציילט, פֿאָלקסטימלעכער. [זען ווײַטער ז' 274.]

2

[וועגן אַ קאָרעאַנער אַנעקדאָט מיט ייִדישע פּאַראַלעלן]

בלעטערנדיק אַ מאָל אין אַ דײַטשישן פֿאָלקלאָריסטישן זשורנאַל, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט אַ זאַמלונג קאָרעאַנישע מעשׂהלעך, וויצן און אַנעקדאָטן, האָב איך צווישן אַנדערע אויך אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ אַנעקדאָט־מעשׂהלע וואָס איז מיר אויסגעקומען זייער באַקאַנט נאָך פֿון פֿריִער, ווי אַ ייִדישער אַנעקדאָט, נאָר איך האָב מיך בשום אופֿן ניט געקאָנט דערמאָנען, ווו איך האָב עס געהערט אָדער געלייענט.

האָט מיך דאָס דאָזיקע אַנעקדאָט־מעשׂהלע שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, ניט אַזוי צוליב דער שאַרפֿקייט פֿון דעם וויץ וואָס האָט געשטעקט אין דעם, נאָר גיכער צוליב דעם בלויזן פֿאַקט, וואָס אַ קאָרעאַנישער וויץ זאָל מיר זײַן אַזוי באַקאַנט, בעת איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב מיט אַ קאָרעאַנער נאָך קיין מאָל אַזאַ נאָענטן שמועס ניט געכאַפּט, אַז ער זאָל מיר, בעת־מעשׂה, אויך האָבן דערציילט אָט דעם דאָזיקן אַנעקדאָט:

אַ באַדינער פֿון אַ רײַכן מאַן האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן מאַרק אַ רויבער מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט, וועלכער האָט אים צוגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט בײַ זיך געהאַט. רופֿט זיך אָפּ דער באַדינער צו אים:

כ'האָב געטאָן וואָס איר האָט פֿאַרלאַנגט און האָב אײַך אָפּגעגעבן מײַן געלט, אָבער איך האָב צו אײַך אַ בקשה. וואָס ווילסטו? — איך ווין אין דעם אָרט נ. און בין אַ באַדינער בײַ דעם הער ב. זײַט אַזוי גוט, און שיסט מיר דורך אַ לאָך אין מײַן ראָק, ווײַל אויב ניט, וועט מיר מײַן בעל־הבית ניט גלייבן, אַז איך בין באַרויבט געוואָרן. — דאָס קאָן געשען, זאָגט דער רויבער און גיט אַ דריק זײַן פּיסטאָלעט, אָבער קיין לאָך איז אין דעם ראָק ניט געוואָרן. — ווו איז די לאָך? פֿרעגט דער באַרויבטער, און באַמערקט טאַקע, אַז דער רויבער האָט ניט קיין פּאַטראָנען. כאַפּט ער זיך אַרויף אויף אים, נעמט בײַ אים אָפּ דאָס געלט און ברעכט אים גאַנץ גוט אָן די ביינער.

ווי געזאָגט, האָט מיך דאָס דאָזיקע אַנעקדאָט־מעשׂהלע שטאַרק פֿאַראינטערעסירט און ס'איז מיר זייער טשיקאַווע געווען צו דערגיין מער פּרטים וועגן דעם. ערשטנס, ווי קומט עס, וואָס אַ קאָרעאַנער אַנעקדאָט זאָל אויך באַקאַנט זײַן צווישן ייִדן? אָדער פֿאַרקערט, וואָס אַ ייִדישער וויץ זאָל האָבן אַזוי ווײַט געוואַנדערט אַזש קיין קאָרעע; און צווייטנס, מיט וואָס קאָן איך באַווײַזן, אַז ניט בלויז מיר אַליין איז דער וויץ באַקאַנט געווען, נאָר אַנדערע אויך? האָב איך אָנגעהויבן זוכן און פֿאָרשן ביז כ'האָב טאַקע געפֿונען אָט דעם זעלביקן וויץ אין עטלעכע ייִדישע מקורים, ווו דאָס ווערט איבערגעגעבן אין פֿאַרשיידענע נוסחאָות. [זען ווײַטער ז' 272.]

III

[פּאַראַלעלן צו ייִדישע וויצן]

[דיק, א. מ., דיא לעבענס־געשיכטע פֿון נטע גנבֿ, ווילנע, תרמ"ז.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער, דער וועלט בעריהמטער וויטצלינג, ניו־יאָרק, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

קונקילשטיין, מ., אַנעקדאָטן בוך. ניו־יאָרק, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני.

ראַבֿיניצקי, י. ח., יודישע וויצען, בערלין, תרפ"ב.

Am Urquell; Monatsschrift für Volkskunde, hrsg. von Friedrich S. Krauss, Bd. 1-6.

Arlotto, *Die Schwänke und Schnurren des Pfarrers*, gesamm. u. hrsg. von Albert Wesselski, Berlin, 1910, 2 Bde.

Barker, W. B., *A Reading Book of Turkish Language*, London, 1851.

Bebel, Heinrich, *Schwänke*, zum ersten Male in vollständiger Übersetzung herausgegeben von Albert Wesselski, München u. Leipzig, 1907, 2 Bde., 3 Bücher.

Bolte, Pauli=Pauli Johannes, *Schimpf und Ernst*, hrsg. von Johannes Bolte, Berlin, 1924, 2 Bde.

BP=Bolte, Johannes, und Polivka, Georg, *Anmerkungen zu den Kinder- und Hausmärchen der Brüder Grimm*, Leipzig, 1913-1918, Bd. 1-3; Leipzig, 1930-1932, Bd. 4-5.

Clouston, W. A., *The Book of Noodles; Stories of Simpletons; or Fools and Their Follies*, London, 1903.

Clouston, W. A., *Flowers From a Persian Garden,* London, 1890.

Clouston, W. A., *Popular Tales and Fictions, Their Migrations and Transformations,* Edinburgh, 1887.

Crane, Th. Fr., *Popular Italian Tales,* Boston, 1885.

Ethnologische Mitteilungen aus Ungarn, zugleich Anzeiger der Gesellschaft für die Völkerkunde Ungarns, hrsg. von A. Hermann, Budapest, 1887-1911, Bd. 1-6.

FFC=Folklore Fellows Communications, Helsinki, 1911 sq.

Freud, Sigmund, *Der Witz und seine Beziehung zum Unbewussten,* Wien, 1905.

[Frey] *Jakob Freys Gartengesellschaft* (1556), herausgegeben von Johannes Bolte, Tübingen, 1896.

Gesta Romanorum, das älteste Märchen- und Legendenbuch des christlichen Mittelalters, zum ersten Male vollständig aus dem Lateinischen übertragen etc. von dr. Johan Georg Theodor Grässe, 3. Auflage, Leipzig, 1905, 2 Teile.

Gladwin, Fr., *The Gulistan or Rose Garden,* by Musle-Huddeen Sheik Saadi of Shiraz, Boston, 1833.

Gladwin, Fr., *Persian Moonshee,* 2d ed., Calcutta, 1799, 3 v.

Gonzenbach, Laura, *Sicilianische Märchen,* aus dem Volksmunde gesammelt mit Anmerkungen Reinhold Köhler's und einer Einleitung hrsg. von O. Hartwig, Leipzig, 1870.

Hertel, Johannes, *Zweiundneunzig Anekdoten und Schwänke aus dem modernen Indien,* aus dem Persischen übersetzt. Sammlung "Indische Erzähler," Leipzig, 1922.

Ilg, Bertha, *Maltesische Märchen und Schwänke aus dem Volksmunde gesammelt,* Leipzig, 1906, Teil 1-2.

Köhler, Reinhold, *Kleinere Schriften,* hrsg. von Johannes Bolte, Berlin, 1900, 2 Bde.

Kuka, *Meherjibhai Nosherwanji. The Wit and Humour of the Persians,* Bombay, 1894.

Loewe, Heinrich, *Schelme und Narren mit jüdischen Kappen,* Berlin, 1920.

Lud, kwartalnik etnograficzny, pod red. Oskara Kolberga, Lwów-Kraków, 1895 sq.

Merkens, H. L., *Was sich das Volk erzählt,* deutscher Volkshumor, Berlin, 1903.

Joe Miller's Jests; or, *The wits vade mecum,* London, 1793. [Reprinted: London, J. C. Hotten, 1862].

MjVK=*Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde,* herausgegeben von M. Grunwald, Hamburg-Berlin, 1898-1922.

Moszkowski, Alexander, *Das Buch der 1000 Witze,* Berlin, 1927.

Müllenhoff, K. V., *Sagen, Märchen und Lieder der Herzogtümer Schleswig, Holstein und Lauenburg,* 1921.

Nasreddin, der Hodscha; türkische, arabische, berberische etc. Märlein u. Schwänke, gesamm. u. hrsg. von Albert Wesselski, Weimar, 1911, 2 Bde.

Nuel, M., *Das Buch der jüdischen Witze,* Berlin, 1907.

Nuel, M., *Rabbi Lach und seine Geschichten,* Berlin, s. a.

Olsvanger, Immanuel, *Rosinkes mit Mandlen,* aus der Volksliteratur der Ostjuden, Schwänke, Erzählungen, Sprichwörter u. Rätsel, 2. völlig veränderte und vermehrte Auflage, Basel, Verlag der Schweizerischen Gesellschaft für Volkskunde, 1931.

Poggio, *Die Schwänke und Schnurren des Florentiners Gian-Francesco Poggio Bracciolini,* Übersetzung, Einleitung und Anmerkungen von Alfred Semerau, Leipzig, n. d.

Pröhle, H., *Märchen für die Jugend,* Halle, 1854.

Romanische Forschungen, Organ für romanische Sprachen, Volks- und Mittellatein, hrsg. von Karl Vollmöller, Erlangen.

Santal Folk Tales, edited by P. O. Bodding, Oslo, 1925-1929, v. 1-3.

Schott, Arthur und Albert, *Walachische Märchen,* Stuttgart, 1845.

Swynnerton, Ch., *Romantic Tales from the Punjab; with Indian Nights' Entertainment;* Collected and Edited from the Original Sources, London, 1928.

Wisła, Warszawa, 1887 sq.

ZfVK=*Zeitschrift des Vereins für Volkskunde,* Berlin, 1890 sq.

Аѳанасьевъ, А. Н., *Русскія народныя сказки.* Подъ ред. А. Е. Грузинскаго. Изд. четв., въ пяти томахъ [Москва, 1913-1914].

Андреев, Н. П., *Указатель сказочных сюжетов по системе Аарне,* Ленинград, 1929.

Сумцовъ, Н. О., *Разысканія въ области анекдотической литературы. Анекдоты о глупцахъ,* Харьковъ, 1898.

Шейнъ, П. В., *Матеріалы для изученія быта и языка русскаго населенія сѣверозападнаго края,* СПБ., 1893, томъ второй.]

אַ דאַנק די קליידער.

Talmud, Traktat Chagiga, fol. 5, 6; Biegeleisen, ZfVK 4, 209 ff; Urquell 4, p. 43; Mitt. 3 (1899), p. 25, אויספּירלעכער נוסח.

Nasreddin, No. 55 a, p. 222; Bolte, Pauli 1, No. 416; 2, 353; ZfVK 6, 74; Köhler 1, 491; 2, 581, ליט' אויספּירלעכער; Gladwin, Persian Moonshee 2, No. 63, p. 25; Gonzenbach, Sic. Märch. 1, 258; Ilg 2, 44; Hertel, 92 Anekdoten u. Schwänke, No. 58; Müllenhoff, No. 52; Crane, Ital. Tales, No. 102, p. 296 a, p. 380; Santal Folk Tales 3, No. 76.

אַלע גערעכט.

Olsvanger, No. 230;

ר' יוסף לאָקש, ז' 9; ראַבֿניצקי, נומ' 207; קונקילשטיין, נומ' 88;
Moszkowski, p. 68; Rabbi Lach, p. 58; Poggio 110.

טויזנט רובל.

Olsvanger 118; ZfVK 13, p. 423.

דורכשיסן אַ פּאָלע.

א. מ. דיק, נאַטקע גנבֿ, ז' 24; ראַבֿניצקי, נומ' 31; שבת־שמועס 129;
Olsvanger, No. 314, דער ייִד און דער גזלן;
Nuel, Buch d. Witze 1, p. 71; ZfVK 22, 78, No. 45, קאַרעאַניש.
Ethnolog. Mitt. a. Ungarn 3, 91, אַרמעניש.
BP 3, 454-55;
ZfVK 17, 334; 37, p. 42, זינגערס רעצענזיע איבער אַלשוואַנגער.
Pröhle, Märch. f. Jugend, 144, No. 35;
Nuel, Buch d. Witze 2, p. 188; Olsvanger, No. 138, אַ ייִדישער גזלן.
Olsvanger, No. 139, אַ פֿרומער גזלן.

שבת נחמו.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער, ז' 65, נומ' 86;

Olsvanger, No. 354; ZfVK 37, p. 42; Loewe, Schelme u. Narren, p. 32; BP 2, 448; Köhler 1, 383; FFC 22, p. 24 and 97; Nasreddin 1, No. 305; Schott, Walach. Märch. 43; Ilg, Malt. Märch. 2, No. 88, 99; Wesselski, Bebels Schwänke 1, No. 50, p. 69; Kolberg, Lud 8, 1875, No. 91, p. 200; Wisła 3, p. 753; Sumtsov, p. 51.

דער משומד און דער פּאָסט.

ראַבֿניצקי, נומ' 344;

Olsvanger, No. 312; Frey, Gartengesell. c, 85; Poggio 216.

אַ שיינער חלום.

ראַבֿניצקי, נומ' 344;

Olsvanger, p. 22, No. 39; Rabbi Lach, p. 209; ZfVK 30, p. 136; Gesta Romanorum 1c, 106.

ניט פֿריש פֿיש.

קונקילשטיין, נומ' 40;

Olsvanger, No. 47; Rabbi Lach, p. 68; Kuka, p. 179; Nasreddin 1, No. 158; Köhler 1, p. 506; 2, p. 633; Bolte, Pauli, Anhang 7; ZfVK 30, p. 137; Joe Miller's Jests, p. 17, No. 97.

הייסע לאַקשן.

Olsvanger, No. 47; Nasreddin, No. 115; ZfVK 30, p. 137, No. 40 and 16, p. 301, No. 45.

אַ דין־תּורה מיט גאָט.

קונקילשטיין, נומ' 261; הערשעלע אָסטראָפּאָליער, נומ' 130; שמריה שפּיץ־קאָפּ, ז' 5; ראַבֿניצקי, נומ' 203.

דער מגיד און דער באָק.

קונקילשטיין, נומ' 136;

Olsvanger, No. 236; Andrae, Roman. Forschung 34, 880; Clouston, Persian Garden, p. 71 f; Lud 6, 242, No. 2; Hertel, No. 28; Swynnerton, Indian Nights' Entertainment, No. 6.

דער למדן.

קונקילשטיין, נומ' 153; ראַבֿניצקי, נומ' 331; Olsvanger, No. 218.

די ייִדענע מיט דער קלאָדקע.

ראַבֿניצקי, נומ' 362; קונקילשטיין, נומ' 35;

Olsvanger, No. 70; Nuel, Buch d. Witze 2, p. 83; Mitt. 3, p. 23; ZfVK 30, 139; Romanische Forschung 34, 888.

צום פּגרן אַ ציג.

ראַבֿניצקי, נומ' 247; Olsvanger, No. 54.

אַ ליגן.

ראַבֿניצקי, נומ' 9;

Olsvanger, No. 104; Nuel, Buch d. Witze 1, p. 83; Freud, Der Witz, p. 48; ZfVK 30, p. 141.

אַ ביסל פֿיליסאָפֿיע.

ראַבֿניצקי, נומ' 178;

Olsvanger, No. 20; Gladwin, The Gulistan, 1833, p. 29.

למעלה.

ראַבֿניצקי, נומ' 241; Olsvanger, No. 9.

דעם שנײַדערס פּאָן אויף יענער װעלט.

Olsvanger, No. 133; BP 1, 343; Nasreddin, No. 190; Köhler 1, p. 506; Arlotto 1, p. 256; Clouston, Popul. Fiction 2, p. 79.

אויך אַ גאָט.

Olsvanger, No. 316; Afanasjev 5, p. 233.

דער גנבֿ און די מערן.

Olsvanger, No. 141; Nasreddin, No. 7; Barker, p. 34; ZfVK 5, p. 63, Hartmann; Clouston, Noodles, p. 11.

אַ קלוגער פּסק־דין.

װונדער־ראַבי, ז' 41;

Olsvanger, No. 229; Nuel, Buch d. Witze, 1, p. 30; Moszkowski 78.

אַ נקמה אין די װאַנצן.

Bolte, Pauli 1, No. 37 and p. 265 f; BP 3, 288; Nasreddin 1, No. 137.

אַ קאַטשקע אויף איין פֿאָלקע.

ראַבֿניצקי, נומ׳ 429; הערשעלע אָסטראָפּאָליער, נומ׳ 108;
Olsvanger, No. 2; Nasreddin 1, No. 75; Hartmann, ZfVK 5, 63; Köhler 1, p. 496; Merkens 1, p. 65, No. 77; Bolte, Pauli 1, No. 57; Ashton, Englands Jests, p. 291 ff; H. Sachs, Fabeln u. Schwänke 3, p. 255; Dekameron 2, p. 578 (4טע נאָוועלע פֿון 6טן טאָג).

אַ בעל־עגלה אַ למדן (דער צייכן־וויכּוח).

Olsvanger, No. 207; ZfVK 24, 88 and 28, 128; Bolte, Pauli 2, p. 264, פֿ״גל ליט׳.

אַ שלעכטע בשורה אָנגעזאָגט מיט אָנצוהערענישן (דער הונגעריקער בעדוין).

Olsvanger, No. 131; Nuel, Buch d. Witze 2, p. 117; Hertel, 92 Anekd., No. 61; Clouston, Persian Garden, p. 95; Gladwin, Pers. Moonshee 2, p. 25, No. 66; Kuka, p. 83 f; Nasreddin 2, No. 401 and p. 203; Köhler 1, 507; Shein 2, 692-93; ZfVK 7, 97-99, פֿאַרש׳ וואַר׳.

[פּאַראַלעלן צו יידישע מינהגים און סגולות]

[אַ פֿראַגמענט פֿון אַן אַרבעט, וואָס די קורצע פֿאַרבאַרבעטונג ביז אַ הסכּמה וועגן איר געפּלאַנטן פֿאַרנעם. ס׳ווערט דאָ געגעבן פֿריִער די רשימה מקורים, צוזאַמענגעשטעלט לויט כּהנס פּאַראַלעלן, דערנאָך זײַנע פֿאַרצײַכענונגען גופֿא.
זען אויך זז׳ 313—315.]

אין דער אַלטער, אַזוי גערופֿענער „שולהויף־ליטעראַטור״, אין די אַבֿאַליקע ביליקע מעשה־ביכלעך פֿון באַקאַנטע און אַנאָנימע מחברים, געפֿינט מען גאַנץ אָפֿט פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן, אײַנגלייבענישן, מינהגים, שפּראַכן אד״גל, וואָס זײַנען אפֿשר שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן פֿון דעם הײַנטיקן פֿאָלקס־גלויבן. די דאָזיקע שפּורן וואָס זײַנען צופֿעליק פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין דער ליטעראַטור האָבן אָבער אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס. זיי שפּיגלען אָפּ געוויסע פֿאָלקס־גלייבענישן אין אַ געוויסער תּקופֿה פֿון אונדזער פֿאָלקסלעבן.

[ווײַנרײַך, מ. שטאַפּלען, בערלין, 1923.

Am Urquell, Monatsschrift für Volkskunde, hrsg. von Friedrich S. Krauss, Bd. 1-6.

Archiv für Religionswissenschaft, Freiburg i. B., 1898-1919.

Benfey, Th., *Pantschatantra*, fünf Bücher indischer Fabeln, Märchen u. Erzählungen aus dem Sanskrit übersetzt, Leipzig, 1859.

Berliner, A., *Aus dem Leben der deutschen Juden im Mittelalter*, nach gedruckten u. ungedruckten Quellen, Berlin, 1900.

Blau, L., *Das altjüdische Zauberwesen*, Strassburg, 1898.

BP=Bolte, J. und Polivka, G., *Anmerkungen zu den Kinder- und Hausmärchen der Brüder Grimm*, Leipzig, 1913-1918, Bd. 1-3; Leipzig, 1930-32, Bd. 4-5.

Child, Fr. J., *The English and Scottish Popular Ballads*, Boston, 1882-98, 5 vols.

Dirr, A., *Kaukasische Märchen*, Jena, 1920.

Folk-Lore, London, 1890.

Folk-Lore Journal, London, 1883-1889.

FFC=Folklore Fellows Communications, Helsinki, 1911 sq.

Frazer, J. G., *Balder, the Beautiful; The Fire-Festivals of Europe and the Doctrine of the External Soul*, London, 1913, 2 vols. (In: *Golden Bough*, 3d ed., part 7).

Frazer, J. G., *The Magic Art and the Evolution of Kings*, London, 1911, 2 vols. (In: *Golden Bough*, part 1).

Gaster, M., *The Exempla of the Rabbis*, London, 1924.

Grimm, J., *Deutsche Mythologie*, 3. Ausg., Göttingen, 1854.

v. Hovorka, O. und Kronfeld, A., *Vergleichende Volksmedizin*, 1908-9, 1-2.

Jülg, B., *Kaukasische Märchen*, 1866.

Liebrecht, F., *Zur Volkskunde*, Heilbronn, 1879.

MjVK=*Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde*, herausgegeben von M. Grunwald, Hamburg-Berlin, 1898-1922.

Petsch, R., *Das deutsche Volksrätsel*, Strassburg, 1917.

Reimann, *Deutsche Volksfeste im 19. Jahrhundert; Geschichte ihrer Entstehung und Beschreibung ihrer Feier*, 1839.

Sartori, P., *Sitte und Brauch*, Leipzig, 1910-1914, 1-3.

Saintyves, P., *L'éternuement et le bâillement dans la magie, l'ethnographie et le folklore medical*, Paris, 1921.

Taylor, Archer, *Judas Iscariot in Charms and Incantations*, Washington University Studies, v. VIII, Humanistic series, No. 1, 3-17.

Taylor, Archer, "Der arme Judas," *Journal of English and Germanic Philology*, 19, No. 3.

Tendlau, A., *Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit*, Frankfurt a. M., 1860.

Tylor, E. B., *Die Anfänge der Cultur*, ins Deutsche übertragen von J. W. Sprengel u. Fr. Poske, Leipzig, 1873.

Vernaleken, Th., *Mythen und Bräuche des Volkes in Österreich*, Wien, 1859.

Wimberly, L. Ch., *Folklore in English and Scottish Ballads*, Chicago, 1928.

Wuttke, A., *Der deutsche Volksaberglaube der Gegenwart*, 3. Aufl., Berlin, 1900.

ZfVK=*Zeitschrift des Vereins für Volkskunde*, Berlin, 1890 sq.]

מ'שטיינס געזאָגט.

ניסן.

Tendlau, No. 641.

Blau, Zauberwesen, pp. 63, 67, 163; Berliner, Aus dem Leben, p. 95; רעצענזיע וועגן א בוך וועגן גענעצן און ניסן. Tendlau, No. 473; Tyler, Cultur 1, 97; Folk-Lore 33, p. 127 ff,

גענעצן.

Am Urquell 5, 291; Liebrecht, p. 320, 370; Sartori 1, 24; ZfVK 14, p. 249; Folk-Lore 33, p. 127; P. Saintyves, מער אויספירלעכע רעצענזיע איבער אַ בוך וועגן גענעצן און ניסן.

דער בעזעם, אויסקערן די שטוב ביי נאַכט.

Folk-Lore 30, 184 ff.

מויז.

Tendlau, No. 296; Hovorka 2, 827-30; Folklore 36, 245 f.; Folk-Lore Journal 38, 391, יידיש, Wuttke, p. 125, 351; Frazer, Magic Art 1, 178; Am Urquell 3, 282; 6, 103, 132, 198, 202-4; Liebrecht, 341; ZfVK 8, 315; Mitt. jVK 25, p. 11; Grimm, Deutsche Myt. 3, No. 831; Archiv f. Religionswissenschaft 23, 162 f.; FFC 19, p. 21; יידישע ;ז' 225, שטאָפּלען, פילאָלאָגיע, 168, 175.

אין חדר פירן, מינהגים.

Tendlau, No. 239 and 702; קו הישר, פ, ע"ב.

חתונה־צערעמאָניעס.

Tendlau, No. 590, צו מאַן פירן; Folk-Lore 30, p. 275.

אַפגאַניסטאַנישע חתונה־צערעמאָניעס: חתן־פראָצעסיע באַגלייט פון רייטער אויף פערד.

זיווג אין הימל באַשטימט.

Liebrecht, p. 358.

ביי תנאים אַ געפּעס צעברעכן.

Tendlau, No. 175.

וועגן העמד וואָס אַ כלה פלעגט שיקן צום חתן.

ZfVK 10, p. 298; Mitt. jVK XV, p. 63, יידישע חתונה.

וואַסער אויסגיסן נאָך אַ געשטאָרבענעם.

Tendlau, No. 613.

צו הושענא־רבא (שאָטן אָן אַ קאָפּ).

Tendlau, No. 387; Am Urquell 4, 280; MjVK 33, pp. 47, 53; 9, p. 9 f.; BP 2, 213, הימל שפּאַלט זיך; Folk-Lore 1, p. 81, Bibliogr. note: "Jews going out in the moonshine to know their fortune," Beaumont, J. 1705.

ווען דער הימל שפּאַלט זיך.

ZfVK 18, p. 315; Benfey, Pantschat. 2, 341, cf. 1, 495; Wuttke, No. 77; Berliner, Aus dem Leben, 94; S. Rochlitz, Deutscher Brauch u. Glaub. 1, 105; Jülg, No. 15; Gaster, No. 435.

המן־פיגור.

Tendlau, No. 193; Archer Taylor, The Burning of Judas; Folk-Lore 31, p. 147; Sartori 3, 139; ZfVK 3, 346; MjVK 3, p. 35; Reimann, Volksfeste 17.

אָפּשפּרעכענישן.

1. ניע האָרע, ניע מאָרע,
ניט ווייץ און ניט סליייע,
שרהלע זאָל מער ניט
וויינען און שרייען.

וועז עס וועט אויף דער סטעליע סאָרן ג׳ראָטן
דעמאָלט זאָל מײַן קינד א גוט־אויג שאָטן.

איבערגעגעבן פֿון י. ז. מילער (אַרבעטער),
זשיטאָמיר, פֿאַרשריבן 1909/4/15.

וואַריאַנטן: לינעצקי, דאָס פּוילישע ייִנגל, ז׳ 38; ראָזענבערג, ספר נפלאות הזהר, ז׳ 55 (פֿאַרקערטער שפּראָך); Petsch, Das Volksrätsel, p. 17; אַ פּאָר ענלעכע שורות אין צײַטשריפֿט, 2־3, ז׳ 802.

2. Beim Anblick einer Frau (Hexe)

Orene borene
dembene korene
weizene kleien
a bald afn beis hachajim.

MjVK, 1920, p. 59.

וואַריאַנטן: ייִדישע פֿילאָלאָגיע, העפֿט 4—6, ז׳ 268.

[בריוו צו מ. ווײַנרײַכן]

[פֿון אַ שוואַרצשריפֿט אין פּהנס אַרכיוו. — פֿון אַלע בריוו צו מ. ווײַנרײַכן איז דאָס דער איינציקער וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט.]

דעם 4טן אויגוסט 1928

ס׳האָט מיך זייער געפֿרייט אײַער באַשלוס, אַז מיר זאָלן ביידע ווײַטער טראָגן דעם יאָך פֿון שטופּן צוזאַמען דעם פֿאָלקלאָרבאַנד. אויב אַזוי איז שוין בײַ מיר די אַרבעט ניט קיין ווײַטע הלכה. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז צו האַרבסט צו, ווי ס׳וועט נאָר נעמען בלאָזן אַ קילערער ווינטל, נעם איך מיך געשמאַק צו דער אַרבעט, אויב איר וועט מיר צושיקן געננג מאַטעריאַל; כ׳האָב שוין אַפֿילו גענומען אַרײַנקוקן אין דער לידער־קאָלעקציע וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט און אָנגעהויבן פֿאַרצייכענען די נומערן וואָס וועלן אַרײַן אין באַנד. אַזוי אַרום האָב איך אויסגעפֿונען, אַז איך האָב מיך פֿריִער אַ ביסל טועה געווען: אַנשטאָט 70 פּראָצענט, ווי איך האָב אײַך פֿריִער געשריבן, איז נאָר פֿאַראַן אַ ביסל ווייניקער פֿון 50 פּראָצענט גוטע לידער וואָס מיר וועלן קאָנען פֿאַרעפֿנטלעכן. די איבעריקע געהערן דאָס רובֿ צו דער פֿעדער פֿון באַקאַנטע דיכטער ווי זבאַרזשער, גאָלדפֿאַדען, מיכל גאָרדאָן, צונזער און אַנדערע. אַחוץ אַ היפּש ביסל פֿון די נײַערע פֿלאַכע טעאַטער־לידער, וואָס האָבן צום פֿאָלקלאָר קיין שום שײַכות ניט.

פֿון וואַנען זשע האָט זיך גענומען מײַן טעות מיט די 70 פּראָצענט? דאָס האָט זיך אפֿשר גענומען דערפֿון, וואָס איך בין גראָד ניט געווען אַזוי סקעפּטיש צו אונדזער זאַמל־אַרבעט ווי עס פֿאָדערט זיך פֿון איינעם וואָס האָט נאָר אַ ברעקל פּרעטענזיע אויף וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. פֿאַרקערט, כ׳האָב אין דעם אַלעם פֿאַרגעסן, און ווען כ׳האָב אײַך געשריבן: „צו מײַן פֿאַרוווּנדערונג האָב איך געפֿונען אין די צוגעשיקטע לידער זייער פֿיל אינטערעסאַנטס" איז עס געווען אַן אויסדרוק פֿון פֿרייד, פֿון אמתער פֿאָרשערפֿרייד, ווען פּלוצלינג אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אים די לאַנג געזוכטע פֿאַקטן פֿאַר זײַנע נעפּלדיקע השערות. נאָר מסתמא געהער איך נאָך ניט צו די אמתע פֿאָרשער, דעריבער האָב איך פֿון גרויס פֿרייד זיך צוגעאײַלט מיט מײַן אָפּשאַצונג און האָב מיט אַ ברייטער האַנט אָוועקגעשטעלט: „70 פּראָצענט גוטע זאַכן!" — און זאָל דאָס אַנדערע אויך הנאה טאָן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזוי שאַצט ניט קיין סקעפּטיקער, ווען ער פֿילט זיך אַנטוישט דורך עפּעס אַן אומגעריכטן דערפֿאָלג.

כ׳האָב פֿון אָנהייב אָן שוין באַמיט זיך צוגעווינען צום געדאַנק, אַז אויב מיר ווילן ניט לאָזן פֿאַרלאָרן גיין דעם נאָך לעבעדיקן פֿאָלקלאָר, דאַרפֿן מיר ניט וואַרטן ביז ס׳וועלן קומען די געשולטע זאַמלער, נאָר תיכּף אָנהייבן מיט

דילעטאַנטן, אַפֿילו מיט אַזעלכע וואָס פֿאַרמאָגן ניט די מינדסטע צוגרייטונג צו אַזאַ אַרבעט. ס׳איז אָבער סײַ ווי סײַ ניט געווען וואָס צו פֿאַרלירן, און דאָך עפּעס צו געווינען. אין האַרצן האָב איך באמת באַגריסט אײַער איניציאַטיוו און האָב אויף אַלע מײַנע ספֿקות געהאַט איין ענטפֿער: ס׳וועט דאָך זײַן אַ רע־דאַקציע. ווי מען האָט געקאָנט פֿאַרשטיין, וועט די דאָזיקע רעדאַקציע האָבן די אויפֿגאַבע שטאַרק בודק צו זײַן דאָס געזאַמלטע מאַטעריאַל און מיט גרויס פֿאַרזיכט אַלץ איבערקלײַבן און איבערזיפּן, און וואָס עס געהערט ניט צום פֿאָלקלאָר און וואָס ס׳איז געקינצלט און נאָכגעמאַכט — אַרויסוואַרפֿן.

בכן האָב איך ניט געקאָנט האָבן אַזאַ סקעפּטישע באַציִונג צו אונדזער זאַמל־אַרבעט, ווי ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, און האָב ניט געהאַט פֿון וואָס אַנטוישט צו ווערן.

אַנטוישט בין איך ערשט געוואָרן אַ ביסל שפּעטער, ווען איך האָב גענומען טיפֿער אַרײַנקוקן אין דער קאָלעקציע און האָב אויסגעפֿונען, אַז דער פֿיל גע־רימטער זאַמלער .... פֿון גראָדנע איז אַ מוראדיקער פֿעלשער. ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין איינציק ליד אין זײַן צוגעשיקטער זאַמלונג (פֿון נו׳ 258 ביז 307), וואָס מען זאָל קאָנען אָנרופֿן פֿאָלקסליד און וואָס ער זאָל ניט האָבן אַליין געמאַכט אָדער איבערגעמאַכט. אין יעדן ליד, סײַ ער האָט דאָס גענומען פֿון פֿאָלקסמויל, סײַ פֿון געדרוקטע זאַמלונגען, אומעטום זעט זיך די האַנט פֿון דעם פֿעלשער. אויף אַזעלכעס האָב איך זיך באמת ניט געריכט, און ווען אימעצער דערציילט עס מיר, וואָלט איך ניט געגלייבט. כאָטש צוריק געשמועסט האָט מען זיך אויף אַזעלכעס יאָ געדאַרפֿט ריכטן.

אַ היפּשער טייל פֿון די צוגעשיקטע לידער איז טאַקע זײַן אייגענע מלאָכה. וווּ ניט וווּ וואַרפֿט זיך דורך אַ פֿערז אָדער אַ סטראָפֿע פֿון אַ באַקאַנט פֿאָלקס־ליד, אָבער דאָס רובֿ אַזוי געביטן און צעקאַליעטשעט, אַז מען קען עס קוים דערקענען. ס׳איז אָבער אוממעגלעך דאָ אָנצוווײַזן אויף די אַלע פֿאַלסיפֿיקאַטן, נאָר כּדי איר זאָלט זיך אַליין איבערצײַגן, ברענג איך דאָ אַ פּאָר מוסטערן.

אין דעם ליד פֿון דער צוגעשיקטער קאָלעקציע נומ׳ 269 זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע סטראָפֿעס:

5. כ׳האָב זיך אײַנגעליבט אין אַ ייִנגעלע אַ שיינעם,
באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין אַ הויז,
מיט אײַזערנע קייטן געשלאָסן,
און הײַנט דאַרף בײַ אונדז זײַן אויס.

6. אין וויסטן וואַלד וועל איך צו דיר אַריבערפֿליִען
און זיך צודעקן מיט אַ בלאַט פֿון אַ בוים,
כּדי מיט דיר מײַן לעבן צו פֿאַרברענגען
און ווײַטער פֿאַרשטיי שוין אַליין.

אַזאַ טשעפּוכאַ, אַזאַ אומזין געפֿינט מען ניט אין קיין שום פֿאָלקסליד, דאָס איז טאַקע זײַן אייגענע מלאָכה, אַחוץ פֿערז 1 פֿון סטר׳ 5 און פֿערזן 2, 3 פֿון סטר׳ 6, וואָס מען געפֿינט אין אַנדערע לידער, אָבער דאָ קלעפּן זיי זיך ניט.

ס׳וואָלט אָבער בעסער געווען אָנווײַזן אויף אַ גאַנץ ליד, כּדי איר זאָלט זען, וואָס פֿאַר אַ גראַפֿאָמאַן דאָס איז. איך כאַפּ אַרויס נומ׳ 274, אינוו׳־נומ׳ 5083, גראָדנע:

1. אַלע פֿרויען און קינדער,
זיי טוען לויפֿן אויף מײַנע ווינדער,
מ׳פֿירט דאָך אַ ייִדישן סאָלדאַט.

2. מ׳פֿירט מיר אין פּריסוטסטווע,
מ׳עפֿנט אויף אַלע טירן,
מ׳שטעלט מיר אַוועק בײַ איין טיר.

3. איך שטיי מיר בײַ דער טיר,
איך באַטראַכט מיר מײַן מונדיר,
מײַן מונדיר איז פֿון שאַרע געוואַנט.

4. אַלט בין איך גאָר
איין און צוואַנציק יאָר
און מוז דאָך שוין זײַן אַ סאָלדאַט.

5. אין קאַשאַר בײַם פֿענצטער,
בײַ די אײַזערנע קראַטן,
דער זומער דער שיינער קומט אָן.

6. אין קאַשאַר איז היים,
איך צערײַס אויף זיך מײַן פֿלייש,
מיט איין פֿונט ברויט און קאַווע אויפֿן טאָג.

7. איך ליג מיר אויף מײַן נאַרע,
מיט מײַנע ביינדעלעך דאַרע,
ווי שלעכט ס׳איז צו זײַן אַ סאָלדאַט.

8. אַלע פֿייגעלעך טוען זינגען,
אַלע בלעטעלעך טוען בליִען,
ס׳איז שווער צו זײַן אַ סאָלדאַט.

מילא, וואָלטן זיך נאָר געפֿונען עטלעכע אַזעלכע לידער אין זײַן זאַמלונג, וואָלט ניט אויסגעמאַכט; וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אימעצער האָט אים אפֿשר אָפּגענאַרט. די צרה איז אָבער, וואָס אַפֿילו אמתע פֿאָלקסלידער האָט ער אין גאַנצן איבערגעמאַכט, געפֿעלשט אויף אַן אומגעלומפּערטן אופֿן. למשל, דאָס ליד נומ׳ 262,* ווו ער האָט צוגעשריבן אַ 5־6 נײַע סטראָפֿעס און אין גאַנצן אַזוי פֿאַרטאַטשנע איבערגעמאַכט, אַז ס׳איז פּשוט אַ חלשות. דאָס זעט מען גאַנץ בולט, ווען מען נעמט צום פֿאַרגלײַך דאָס עכטע פֿאָלקסליד נומ׳ 190 וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פֿון פֿאָדבראָדז.

דערפֿאַר האָב איך טאַקע פֿון די פֿאָדבראָדזער זאַמלער, אַ. און ח. ענגעלצין, געהאַט גרויס נחת. ראַיעלע, ערלעכע מענטשן ביז גאָר. מען האָט זיי געהייסן זאַמ־לען און פֿאַרשרײַבן אַלץ וואָס ווערט געזונגען אין פֿאָלק, האָבן זיי דאָס געטאָן

* זען יודישער פֿאָלקלאָר, נומ׳ 22.

קאָרעקט, גאָרנישט צוגעגעבן און גאָרנישט אַראָפּגענומען, נאָר אַזוי ווי געהערט. ס'קומט זיי דערפֿאַר אַ גרויסער יישר־כּוח. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פֿונאַנדערקלײַבן, וואָס איז אַ פֿאָלקסליד און וואָס ניט. זיי וואָלטן זיך געקאָנט אײַנשפּאָרן אַ סך אומזיסטע אַרבעט, ווען זיי ווייסן דאָס. נאָר עס מאַכט ניט, סײַ ווי סײַ האָבן זיי אונדז צוגעשטעלט דעם גרעסטן טייל עכטע פֿאָלקסלידער. די 15 קליינע טאַנצלידלעך אין זייער קאָלעקציע זײַנען גאָר אַ ווונדער. דאָס באַווײַזט, ווי טיף זיי האָבן אַרײַנגעדרונגען אין פֿאָלקס־רעפּערטואַר.

נאָר מיט פֿאָדבראָדז אַליין קענען מיר דאָך ניט גיין צום טיש. פֿאַר אַ לאָקאַלער זאַמלונג וואָלט דאָס אפֿשר נישט אויסגעמאַכט, אָבער פֿאַר אונדזער פֿאָלקלאָרבאַנד וואָס דאַרף רעפּרעזענטירן דעם ברייטן שטח פֿון אונדזערע עטנאָגראַפֿישע זאַמלערקרײַזן וואָלט דאָס געווען אַ חסרון.

אויסשליסנדיק פֿון דער קאָלעקציע די אַלע פֿאַלסיפֿיקאַטן און בכלל די אַלע לידער וואָס געהערן ניט צו דער עכטער פֿאָלקסשאַפֿונג בלײַבט אונדז בערך אַרום 145 נומערן, שוין צוזאַמען מיט אַ געוויסן טייל פֿון די פֿאָלקס־טימלעכע וואָס שטאַמען פֿון אומבאַקאַנטע מחברים. דאָס איז באמת אַ ביסל צו ווייניק פֿאַר אונדזער ערשטן אַרויסטריט.

ס'וואָלט דעריבער נייטיק געווען, איר זאָלט הייסן איבערשרײַבן כאָטש נאָך אַ פּאָר הונדערט לידער פֿון די פֿאַרשיידענע זאַמלונגען וואָס דער אינסטיטוט פֿאַרמאָגט. דער עיקר זײַנען נייטיק קלענערע לידער פֿון 1, 2, 3, 4 און העכסטנס 5 סטראָפֿעס. בײַ אַזעלכע איז די ריזיקע אַ קלענערע, ווייניקער אַרבעט און מיט מער אויסזיכט אויף עפּעס רעכטס. בעסער אַ סך קלענערע עכטע פֿאָלקס־לידער, אַפֿילו צעזונגענע און פֿראַגמענטן, איידער די לאַנגסטראָפֿיקע בדחנישע מגילות וואָס זײַנען שוין פֿיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

קינדערלידער. אין דער קאָלעקציע האָב איך געפֿונען בלויז 9 קינדערלידער, וואָס אַפֿילו פֿאַר פֿאָדבראָדז איז עס צו ווייניק. מיר וואָלטן אין דעם באַנד געקענט אויפֿנעמען אַ הונדערט נומערן אַזעלכע, און דאָס וואָלט ניט געווען צו פֿיל.

וויגנלידער. ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען? איין ליד איז פֿאַראַן. מען דאַרף דורכזוכן אַלע קאָלעקציעס, אפֿשר וועט זיך עפּעס געפֿינען.

חתן־כּלה־לידער. סך־הכּל 3 נומערן געפֿונען. ס'דאַרף זײַן מער.

ליבעלידער. פֿון דעם מין זײַנען פֿאַראַן אַ 40־50 נומערן. דוכט זיך גענוג? נאָר איין חסרון, זיי קומען אַלע פֿון פֿאָדבראָדז. ס'איז נייטיק נאָך אַ פּאָר צענד־לינג פֿון אַנדערע געגנטן.

ס'זײַנען פֿאַראַן אין דער קאָלעקציע 8 סאָלדאַטן־לידער; 10 רעליגיעזע; 4 יום־טובֿדיקע; 2 פּורים־לידער. פֿון די דאָזיקע איז פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל אין דער ערשטער שיקונג פֿון פֿאַר אַ יאָרן. איך רעכן, אַז מען דאַרף זיי אַריבער־נעמען אין דעם באַנד און ניט פּראָווען קיין באַזונדערן יום־טובֿ.* די קליינע

* די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלן באַנד יום־טובֿ־פֿאָלקלאָר.

פּורים־לידער ווערן געזונגען אַ גאַנץ יאָר פֿון קינדער, ווען ס'ווערט זיי אַ ביסל פֿריילעכער אויפֿן האַרצן.

אַרבעטער־לידער זײַנען פֿאַראַן אין דער קאָלעקציע אַ היפּש ביסל. מען דאַרף אָבער אויפֿנעמען נאָר אַזעלכע וואָס טראָגן אַ קנאַפּן אַגיטאַציע־כאַראַק־טער. ס'איז נייטיק אויפֿצוזוכן אין די זאַמלונגען פֿון אינסטיטוט די קלענערע לידער, די אַמאָליקע, וואָס האָבן נאָך ניט געוווּסט פֿון קלאַסנקאַמף. פֿון די נײַערע וואָלטן וויכטיק געווען די קליינע אימפּראָוויזאַציעס, די אַזוי גערופֿענע „טשאַסטושקעס״, אויב ס'זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע.

פֿאַמיליע־לידער האָבן מיר 12 נומערן היפּשלעך לאַנגע. ס'וואָלט ניט געשאַט, מען זאָל איבערשרײַבן אויך די קלענערע, די פֿראַגמענטן, דאָס וואָלט געווען אַ געווינס.

טאַנצלידער. די דאָזיקע קליינע לידלעך, דאָס רובֿ פֿון אַ שפּאַסיקן כאַראַק־טער, פֿאַרמאָגן מיר 15 נומערן. דאָס איז באמת אַ היפּשע צאָל, בפֿרט נאָך ווען זיי קומען פֿון איין שטעטל. מען דאַרף זוכן נאָך, וואָס קומען פֿון אַנדערע ערטער. וויפֿל מען זאָל ניט איבערשרײַבן, וועט ניט זײַן צו פֿיל. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער ליבע־ליריק.

איך האָף, אַז דער איבערשרײַבער וועט ניט האָבן קיין שוועריקייטן צו דערקענען די אַלע לידער־מינים און גרופּירן זיי באַזונדער, ניט ווי זיי קומען אויסגעמישט אין די פֿאַרשיידענע צוגעשיקטע קאָלעקציעס. פֿון אָנהייב וועט עס אים אפֿשר אָנקומען אַ ביסל שווערלעך, אָבער שפּעטער צו וועט ער זיך אַזוי אָריענטירן אין דעם מאַטעריאַל, אַז ער וועט שוין אַליין וויסן, וואָס איז אַ פֿאָלקסליד און וואָס ניט. אויף אַזאַ אופֿן וועט אײַנגעשפּאָרט ווערן אַ סך צײַט און אַרבעט.

וועגן דער מוזיק צו די לידער וועל איך אײַך שרײַבן אַ צווייטן מאָל. אַליין בין איך אַ ביסל שטומפּיק אויף נאָטן. כ'וועל דאַרפֿן זען אַ מוזיקער, ער זאָל זיי מיר איבערזינגען און זאָגן זײַן מבֿינות...

י. ל. כּהן

[בריוו צו נחמה עפּשטיין]

[צוגעגרייט צום דרוק דורך דער אַדרעסאַטין פֿאַר דער געפּלאַנטער ווילנער
אויסגאַבע פֿון כּהנס כּתבֿים. די הערות מיט נומערלעך זײַנען נחמה עפּשטיינס.]

1

ווין, דעם 1930/X/14

זייער חשובֿע און ווילע חבֿרטע נחמה,

קודם־כּל אַנטשולדיקט דעם צו לאַנגן טיטל, ס׳האָט זיך אָבער ניט געלאָזט
קירצן, וויפֿל איך האָב ניט געפּרוווט.
כ׳האָב בדעה געהאַט צו שרײַבן אײַך פֿון וואַרשע פֿאַר מײַן אָפּפֿאָר. ס׳איז
אָבער ניט געווען קיין מעגלעכקייט: כ׳האָב מיך שרעקלעך געאײַלט, אויף אַזוי
ווײַט, אַז כ׳האָב באַשלאָסן אַפֿילו איבערצוהיפּערן לעמבערג... אַגבֿ האָב איך
פֿאַרלאָרן אַ סך צײַט דאָרט בײַ קלעצקינען אין וואַרשע. מען האָט מיר אַלץ
ניט געקאָנט געפֿינען דאָס נייטיקע פּאַפּיר פֿאַר מײַנע פֿאָלקס־מעשׂיות,[1] האָב
איך דורך דעם אויך פֿאַרלאָרן אַ טאָג ביז איך האָב עפּעס צוגעקליבן.
מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז די זאַך איז שוין אין גאַנצן ערליידיקט, ס׳הייבט
זיך גאָרניט אָן! דאָס פּאַפּיר איז נאָך נישטאָ. דער פֿאַרוואַלטער ה׳ [יעקבֿ] מײַזל
(נ. מײַזלס ברודער) האָט מיר צוגעזאָגט צו קריגן דאָס פֿאַר מיר. עס דאַרף
זײַן דאָס זעלביקע פּאַפּיר ווי פֿון דעם בוך *Ecce Homo*, ווי מען ווערט וואָס
מען איז, פֿון פֿרידריך ניטשע, פֿאַרלאַג „טורעם", וואַרשע.
זעט צו פֿאַרשאַפֿן זיך דאָס בוך, וועט איר זען, אַז דאָס איז געדרוקט אויף
זייער פֿײַנעם ווײַסן פּאַפּיר און דער פֿאָרמאַט איז אויך גוט. מען וועט אים
דאַרפֿן אַ ביסל מער אַרומשנײַדן אָבער ניט קיין סך. הכּלל, אויב מען וועט
באַקומען דאָס זעלביקע פּאַפּיר, וועל איך זײַן צופֿרידן. איך האָב אויך גע־
בעטן ה׳ מײַזלען, אַז ער זאָל הייסן אײַנבינדן פֿאַר מיר 150 עקזעמפּלאַרן,
אין טונקל רויטן לײַוונט מיט אַ דינעם גאָלדשטריכעלע אויף דעם פֿאָדערשטן
טאָוול לויט אַ מוסטער וואָס איך האָב אים אָנגעוויזן. ער האָט דאָס אַלץ בײַ
זיך פֿאַרצייכנט און האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו מאַכן לויט מײַן פֿאַרלאַנג.
איך בין שוין דאָ אין ווין צוויי טעג און איך מוז זיך גרייטן צו פֿאַרלאָזן
די וווּנדערלעך שיינע שטאָט. אוי, ווי עס גלוסט זיך ניט, אָבער מען מוז!
איך האָב מיט גרויס פֿאַרגעניגן געלייענט אײַער באַריכט וועגן מײַן לעקציע
אין די ליטעראַרישע בלעטער[2] און איך מוז אײַך אויפֿריכטיק זאָגן, אַז איר

[1] אין יאָר 1930 האָט י. ל. כּהן געדרוקט אין ווילנע זײַן זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות;
מיר האָט ער איבערגעגעבן די קאָרעקטור און די השגחה בײַם אַרויסגעבן דאָס בוך.
[2] זען מײַן באַריכט פֿון כּהנס רעפֿעראַט אין ווילנע (ליטעראַרישע בלעטער, 1930, נומ׳ 48).

האָט עס געמאַכט אויסגעצייכנט, בעסער האָט מען גאָרניט געקאָנט ווינטשן,
בפֿרט נאָך ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די טעמע, וועגן וועלכער כ׳האָב
רעפֿערירט, איז בכלל געווען אַ נײַע. זאָל איך אײַך דאַנקען דערפֿאַר? ניין, עס
פּאַסט ניט פֿאַר אַ לערער צו דאַנקען, נאָר בלויז אָנצוצייכענען אַ גרויסן O.K.[3]
עס וואָלט זיך זייער געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך בײַ אײַך, וואָס
איר מאַכט און בכלל — ווי איר גייט אָן אין דער אַרבעט. אָבער איך וויים
ניט, צי אײַער בריוו וועט מיך שוין טרעפֿן אין ווין... אין בעסטן פֿאַל וועל
איך אײַך אָנשרײַבן מײַנע צוויי אַדרעסן, דעם ווינער און דעם לאָנדאָנער.
כ׳האָב שטאַרק חשק צו פֿאַרבלײַבן אין אייראָפּע כאָטש נאָך אַ חודש,
זײַן אין בורגנלאַנד און אויך אין אונגערן. אויב אַזוי, וואָלט איך נאָך אַ מאָל
געדאַרפֿט צוריקרופֿן מײַן באַשטעלונג אויף דער שיף און ווידער מאַכן אַן
אַנדער דאַטע. ווייס איך ניט, צי איך וועל עס קאָנען בײַ זיך פּועלן.
איר וועט זיך שוין מסתּמא מערקן פֿון מײַן בריוו, ווי לאַנג ער איז געגאַנגען
און צי ס׳איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז אײַער ענטפֿער זאָל מיך נאָך דערגרייכן
אין ווין — איך וואָלט עס זייער געוואָלט.
אויב איר האָט שוין עפּעס פּרווו* פֿון נײַע מאַטריצן, וואָלט איך אײַך גע־
בעטן, איר זאָלט זיי מיר צושיקן צוזאַמען מיט אײַער בריוו.
מיט די וואַרעמסטע גרוסן און בעסטע ווונטשן,
אײַער י. ל. כּהן

L. Cahan, Intern. Wagons-Lits-Gesellschaft
Wien 1, Stefansplatz No. 2.
Mr. L. Cahan, c/o H. Cahan, 103 Park Str. Regents Park N.W. 1, London.

2

לאָנדאָן, 30/XII/23

געשעצטע ח׳ נחמה,

איר וועט זיך געוויס וווּנדערן: וואָס, נאָך אין לאָנדאָן? יאָ, איך בין נאָך
אַלץ אין לאָנדאָן. צוליב אַ געוויסער סיבה ניט געזעצט זיך אויף דער שיף וואָס
האָט געזאָלט אָפּגיין דעם 16טן דעצעמבער.
די סיבה איז געווען אַ שטיקל פֿאַרקילונג וואָס איך האָב געכאַפּט נאָך אין
ווין זײַענדיק, און דאָס האָט מיך פֿאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג. איך געדענק
ניט, צי איך האָב אײַך שוין געשריבן, אַז נאָך אין ווין זײַענדיק האָט זיך מיר פֿאַר־
וואָלט אַראָפּכאַפּן זיך אין בורגנלאַנד, אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך, צי מע
קאָן עפּעס ניט זאַמלען. נו, האָב איך ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון און האָב
זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהין; געווען דאָרט צוויי טעג און אַוועק צוריק מיט אַ
שלל רבֿ: 18 קלענערע לידלעך מיט 5 מעשׂהלעך. כ׳האָב אָבער דערפֿאַר טײַער
באַצאָלט: זיך צוגעקילט דאָרט און קומענדיק צוריק קיין ווין האָב איך שוין

[3] O.K. — כּהנס צייכן פֿאַר „זייער גוט".
* קאָרעקטורן.

געמוזט פֿאַרבלײַבן אין מײַן האָטעל־צימער אַ 5־4 טעג אײַנגעשלאָסן, ביז ס'איז מיר בעסער געוואָרן.

אָט דאָס איז די סיבה, פֿאַר וואָס איך האָב פֿאַרשפּעטיקט מײַן שיף און פֿאַר וואָס איך געפֿין מיך איצט אין לאָנדאָן.

אַ פֿײַנע שטאָט לאָנדאָן, ניטאָ וואָס צו ריידן, אָבער אַ קלימאַט האָט זי אַ שרעקלעכן. שטעלט זיך פֿאָר — אַ ריזיקע שטאָט וואָס איז כּסדר אײַנגעהילט אין אַ דיקן טומאַן — אין אַ פֿאָגע, ווי מען רופֿט עס דאָ. אָפּט מאָל איז אַזוי פֿינצטער, אַז איר קאָנט ממש דאָס פֿינצטערניש מיט די הענט אָנטאַפּן, און דאָס איז חלילה ניט בײַ נאַכט נאָר אין מיטן טאָג, אַזוי אַז איר ווייסט ניט, ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט. איר זעט זיך דאָס משער בלויז נאָכן זייגער.

איז מיר באַשערט געווען, ווי עס ווײַזט אויס, אַרײַנצופֿאַלן אין לאָנדאָן גראָד אין דעם סעזאָן פֿון שווערע פֿאָגעס. אַ פֿרומער וואָלט דאָס באַטראַכט ווי אַ שטראָף פֿון גאָט און ווי אַ וואָרענונג נאָך אַ מאָל ניט נאָכצוגעבן דעם יצר־הרע... ניט אַרויסלאָזן זיך אויף אַ פֿאָלקלאָר־עקספּעדיציע, ווען דער זומער איז שוין פֿאַרבײַ. — פֿאַר מיר אָבער איז עס אַ געשעעניש בלויז, וואָס וועט אפֿשר אַ ביסל מער נאָך דיסציפּלינירן מײַן כאַראַקטער, פֿאַרהאַרטעווען פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט וואָס שטייט מיר נאָך פֿאָר.

דאָס דערצייל איך אײַך אַלץ ווי אַ פֿרײַנד, אָבער ניט ווי אַ לערער, און איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיך אַזוי טיטולירן. רופֿט מיך אָן ווי איר ווילט, אָבער ניט „לערער", מחמת איך נעם נאָך אַליין לעקציעס, פֿון וועמען עס לאָזט זיך נאָר. אַ מאָל זאָג איך בלויז „מכּל מלמדי השׂכּלתּי" און טו פֿאַר־קערט. ווײַטער, וואָס ס'איז שייך אײַך, האָב איך אײַך אפֿשר אַ ביסל בעסער מסביר געווען דעם ענין פֿאָלקלאָר, קומט מיר דערפֿאַר ניט קיין דאַנק, אַפֿילו ווען איר זאָלט האָבן עפּעס געלערנט פֿון מיר. פֿאַרקערט, איך דאַרף אײַך נאָך דאַנקען, וואָס איר האָט מיר געשאָנקען אײַער אויפֿמערקזאַמקייט. און אין אמתן — וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איר הערט מיך אויס און זאָגט: „אַלץ איז טאַקע גאַנץ גוט און גאַנץ פֿײַן, אָבער מיך אינטערעסירט עס ניט", וואָס וואָלט איך דאַמאָלסט געטאָן? זעט איר, אַז איך באַדאַרף גאָר אײַך דאַנקען פֿאַר אײַער גרויסן אינטערעס וואָס איר האָט געשאָנקען צו מײַנע רייד.

און איך בין אײַך טאַקע באמת דאַנקבאַר, וואָס איר נעמט אַזאַ טיפֿן אינ־טערעס אין מײַנע געזאַמלטע מעשהלעך און וואָס איר פֿרייט זיך אַזוי מיט מײַן אַרבעט. איך בין בלויז שטאָלץ דערויף, וואָס איך האָב מיך אין אײַך ניט גענאַרט און וואָס איך האָב אין אײַך געפֿונען דעם מענטשן אָנצוטרויען אַזאַ וויכטיקע אַרבעט ווי אַרויסצוגעבן די ערשטע זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות. און דאָס וואָס איר טוט דאָס מיט אַזאַ אמתער איבערגעגעבנקייט און מיט אַזאַ האַרציקער פֿרייד מאַכט מיך פֿילן זייער גוט.

איך האָב באַקומען די אָפּצוגן פֿון די איבעריקע מעשהלעך ביז זײַט 64. אין די אַלע האָב איך געפֿונען בלויז עטלעכע דרוקפֿעלער, גרײַזן הייסט עס, וואָס מען קאָן זיי אפֿשר דורכלאָזן, אויב עס זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן די

מאַטריצן. דאָס זײַנען באמת קלייניקייטן, איך וויל זיי אײַך אָבער אָנווײַזן, כּדי איר זאָלט ניט מיינען דער ווייסט וואָס: אויף ז' 57, שורה 4: „ברענגען", דאַרף זײַן ברענגען, ז' 59, שורה 16 צום סוף שטייט „איינגלאַדן", דאַרף זײַן אײַנגעלאַדן.

....

י. ל. כּהן

3

לאָנדאָן, 30/XII/31

פֿרײַלין נחמה עפּשטיין,
ווילנע.

זייער געשעצטע חבֿרטע,

אײַערע בריוו פֿונעם 11טן און 27סטן דעצעמבער האָב איך ריכטיק דער־האַלטן.

... איך האָב אויך באַקומען די ווײַטערדיקע קאָרעקטורן ביז ז' 94, און ס'האָט מיך באמת געפֿרייט, וואָס די אַרבעט האַלט שוין אַזוי ווײַט.

... וואָס איז שייך דער ווײַטערדיקער קאָרעקטור, האָב איך דאָ אויך געפֿונען אַ ביסל גרײַזן וואָס מע וועט דאַרפֿן פֿאַרריכטן, אויב די מאַטריצן זײַנען נאָך ניט געמאַכט. און איך בין זיכער, אַז זיי זײַנען נאָך ניט געמאַכט, ווײַל איך האָב גאָרניט פֿאַרלאַנגט קיין פּרווו פֿון מאַטריצן, נאָר פֿונעם זאַץ, פֿון אַ צווייטער אָדער דריטער פּרווו, און דאָס, גלייב איך, זײַנען זיי.

בכן וועל איך אײַך דאָ אָנווײַזן אויף די פֿאַרזעענע גרײַזן, כּסדר לויט די זײַטן און שורות:

ז' 69, לעצטע שורה: „ווייסטו וואָס, טאַטע", פֿעלט דער פֿרעגצייכן (?).

ז' 70 דאַרף ניט זײַן קיין פֿאַרטײַטשונג „אַ רובל — אַזאַ מטבע". ס'איז איבע־ריק. אין אַמעריקע ווייס מען אויך, וואָס אַ רובל איז. עס איז מײַן טעות, וואָס איך האָב געלאָזן אין ציפֿער „25 רובל". ס'האָט געדאַרפֿט זײַן אויסגעלייגט „פֿינף און צוואַנציק רובל". אומעטום, ווו איך האָב געשריבן די צאָלן אין ציפֿער, באַטראַכט איך פֿאַר אַ פֿאַרזען פֿון מײַן זײַט, עס פּאַסט זיך ניט אין פֿאָלקס־מעשׂהלעך. נאָר איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן. סײַדן דער זעצער זאָל זיך וועלן נעמען די מי און אַרײַנשטעלן נײַע שורות. פֿאַרשטיי איך אָבער אַז ער וועט עס ניט וועלן טאָן, ווײַל דערצו וועט ער נאָך דאַרפֿן איבערזעצן נאָך אַנדערע שורות.

ז' 72, שורה 7: „דער קייסער צו אים", דאַרף זײַן: צו איר.

אויף ז' 73 קומען די באַמערקונגען אין צוויי באַזונדערע שורות, זיי דאַרפֿן אָבער זײַן אין איין שורה, אָט אַזוי: * אַ שילד **מענער־שנײַדער. אומעטום, ווו עס געפֿינען זיך צוויי אָדער דרײַ באַמערקונגען אויף איין זײַט, זאָלן זיי אַלע קומען אין איין שורה. דאָס איז זייער לײַכט צו פֿאַרריכטן.

אויף ז' 75 אַרויסוואַרפֿן דעם שטערנדל בײַ: פֿינעף קאָפּיקעס * און אויך די באַמערקונג אונטן, ווײַל ס'איז איבעריק און ניט שייך.

ז׳ 81, שורה 15: „דאָט ער“, דאַרף זײַן האָט ער.

ז׳ 86, שורה 1: „זייער אַ שיינע“, דאַרף זײַן אַ קלוגע. ס׳קאָן זײַן, אַז דעם טעות האָב איך געמאַכט אין מאַנוסקריפּט, אָבער מען דאַרף דאָס פֿאַרריכטן.

ז׳ 87, אונטן, אין דער באַמערקונג צו לאַשיקל, „אַ פֿערדעלע“, דאַרף זײַן אַ יונג פֿערדל. אָדער אפֿשר דאַרף מען גאָר די באַמערקונג אַרויסוואַרפֿן. זײַט זיך מישבֿ.

ז׳ 89, „די דרײַ הויקערלעך“ — אין דער גאַנצער מעשׂה געפֿין איך אומע־טום דאָס וואָרט „אַף“, ווו עס האָט גאָר געדאַרפֿט זײַן אָף, ווײַל די מעשׂה שטאַמט פֿון פּוילן און דאָרטן זאָגט מען: „אָף“. איז דאָס אַ פֿאַרזען, נאָר זאָל עס שוין בלײַבן אַזוי ווי עס איז. נאָר אויף ז׳ 91, שורה 4: „דעם ריסישן זעל־נער“, דאַרף זײַן רוסישן, און אונטן אַלע באַמערקונגען איבערזעצן אין איין שורה.

אָט די אַלע קלייניקייטן, גלייב איך, קען מען נאָך פֿאַרריכטן. און אויב פֿאַר אַנדערע איז שוין צו שפּעט, איז אויך ניט קיין אומגליק, וועט מען עס בײַ אַ צווייטער אויפֿלאַגע פֿאַרריכטן. צום האַרצן דאַרפֿט איר זיך דאָס ניט נעמען. ס׳איז אפֿשר איבעריק מײַנע אַלע באַמערקונגען, ווײַל עס קען זײַן, אַז די אַלע גרײַזן האָט איר שוין אַליין באַמערקט און קאָרעגירט.

איר האָט זייער גוט געטאָן, וואָס איר האָט געלאָזן אַזעלכע אויסדרוקן ווי אַנקלויפֿן, הויעך און נאָך אַנדערע אין זייער אָריגינעלער פֿאָרעם. דאָס ווײַזט, אַז איר האָט זייער אַ פֿײַנעם חוש פֿאַר דער פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך און איר אייגנאַרטיקייט. כ׳בין אויך מסכּים מיט אײַער אויסטײַטשונג „זאַ אָדין אודאַר“ — מיט איין קלאַפּ אינעם „העלדישן שנײַדערל“. פֿאַר אַלעמען אַ האַרציקן יישר־כּוח!

ווײַטער מכּוח אײַער פֿראַגע, וואָס זאָל גיין פֿריִער, צי די רשימה פֿון די מעשׂיות, צי די באַמערקונגען, מיין איך, אַז די רשימה קומט גאָר פֿון אָנהייב, נאָך פֿאַר די טעקסטן, און די באַמערקונגען — צום סוף פֿונעם בוך. דער סדר דאַרף זײַן אַזוי: 1) פֿאָדערבלאַט. 2) צווייטע זײַט פֿונעם פֿאָדערבלאַט, דער „קאַפּי־ראַיט“. 3) דריטע בלאַט, אין מיטן בלויז איין שורה: ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות. 4) פֿערטע בלאַט — ליידיק. 5) אויף דער 5טער בלאַט זאָל זיך אָנהייבן די רשימה פֿון די מעשׂיות מיט אַן אייבערקעפּל „אינהאַלט“.

און דאַן יעדער מעשׂה אין אַ באַזונדערער שורה אָנגעצייכנט, אויף וועלכער זײַט זי הייבט זיך אָן. אויב אַ נאָמען פֿון אַ מעשׂה איז קורץ, דאַרף דער איבע־ריקער טייל פֿון דער שורה אויפֿגעזעצט ווערן אין פּינטעלעך אַזוי:

דאָס מזל ....

איך געדענק איצט ניט אַקוראַט, אויף וועלכער זײַט די מעשׂה הייבט זיך אָן, נאָר איך ווײַז עס בלויז אַלס אַ בײַשפּיל, איך גלייב, אַז די זעצער ווייסן, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. נאָר ניט קיין געדיכטע פּינטעלעך, ניט אַזוי:..............

....................65

נאָר אַזוי:...........

וועגן דעם טעמפּאָ פֿונעם דרוק וועל איך שרײַבן צו קלעצקינען און אים

בעטן, ער זאָל דאָס הייסן מאַכן אַ ביסל גיכער. איך וועל אים אויך דערמאָנען וועגן דעם פּאַפּיר און איך האָף, אַז אַלץ וועט זײַן „אָל־ראַיט“.

וועגן מײַנע באַמערקונגען צו די פֿאָלקס־מעשׂיות וואָלט איך אײַך געוואָלט בעטן, אַז איר זאָלט זיי איבערלייענען און פֿאַרגלײַכן די דאַטעס אין די יאָרן פֿון די דערציילער מיט די יעניקע דאַטעס וואָס איך האָב אָנגעגעבן צו די מעשׂיות וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין פּנקס. איך האָב מײַנע באַמערקונגען צו דעם דאָזיקן טייל מעשׂיות געמאַכט פֿון זכּרון. דעריבער קאָן געמאָלט זײַן, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות אין אַ נאָמען אָדער אין די יאָרן פֿון די דער־ציילער, בכן בעט איך אײַך איר זאָלט דאָס פֿאַרגלײַכן און אויב ס׳איז פֿאַראַן אַ חילוק, איז דאָס יעניקע פֿונעם פּנקס דאָס ריכטיקערע; זאָלט איר דאָס פֿאַר־ריכטן אין מײַנע איצטיקע באַמערקונגען.

וואָס פֿאַר אַ דערלויבעניש בעט איר בײַ מיר? פֿאַרצוטראָגן פֿאַר אַ קינדער־אוידיטאָריע מײַנע מעשׂהלעך? איר דאַרפֿט גאָר דערויף קיין דערלויבעניש ניט. פֿאַרקערט, עס וועט מיר פֿאַרשאַפֿן דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן, ווען איר זאָלט דאָס וועלן טאָן. דאָס וועט דאָך אויף ס׳נײַ פּאָפּולער מאַכן אונדזערע לאַנג פֿאַרגעסענע פֿאָלקס־מעשׂיות און וועט געוויס שאַפֿן אַ גרויסע נאָכפֿראַגע אויף אונדזער בוך. איך בעט אײַך, טוט דאָס, און האָט דערפֿאָלג!

... מײַן „פֿאָונטנפּען“ האָט שוין ניט קיין טינט, און ווו איך שרײַב איז פֿינצטער און מער פּאַפּיר איז אויך ניטאָ, וועט איר פֿאַרשטיין, אַז איך בין געצוווּנגען צו ענדיקן מײַן בריוו.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער איבערגעגעבנסטער פֿרײַנד

י. ל. כּהן

4

ניו־יאָרק, 31/1/20

וו׳ חבֿרטע נחמה,

שוין איבער אַ וואָך, ווי כ׳בין אַראָפּ פֿון שיף און געפֿין מיך שוין אין דער וווּנדערלעכער אַמעריקע וואָס איז, דאַכט זיך, אַ סך, אַ סך ווּנדערלעכער פֿון די אַלע לענדער וואָס איך האָב באַזוכט.

געהאַט אַ שווערע רײַזע אויפֿן ים, אַ שטורעמדיקע, אָבער כ׳בין עס בשלום איבערגעקומען. און דערנאָך אין דער היים — אויפֿנאַמעס פֿון פֿרײַנד, געסט, באַקאַנטע האָבן ניט געלאָזט צו זיך קומען. געווען שרעקלעך „פֿאַרטאַרעראַמט“, און בעת־מעשׂה גאָר פֿאַרגעסן אָנצושרײַבן אײַך אַ בריוול גלײַך נאָך מײַן אָנקום.

איך ווייס, מיט וואָס פֿאַר אַן אומגעדולד איר קוקט אַרויס אויף מײַן בריוו. מסתּמא האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ סך שאלות מיך צו פֿרעגן, וועגן דעם און וועגן יענעם; נאָר גיי פֿרעג — אַז דו ווייסט ניט, צי די שיף האָט דערגרייכט איר פּאָרט.

פֿון דעסט וועגן האָב איך דערוואַרט פֿון אײַך אַ בריוול מכּוח דעם, ווי עס גייט אין דער אַרבעט, און איך בין זיכער, אַז די טעג וועט עפּעס אָנקומען פֿון אײַך, אויב איר האָט באַקומען אין צײַט מײַנע לאָנדאָנער [בריוו].

... דערווײַל האָב איך עפּעס געטאָן אין דעם עסק. כ׳האָב שוין באַוויזן דורכצוקוקן די פּוילישע פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעט אין דער *Wisła*, וואָס איך האָב גערעכנט, אַז ס׳וועט זײַן גוט פֿאַר אונדזער „ביבליאָטעק״.[4] לײַדער האָב איך מיך שטאַרק טועה געווען אין דער זאַך. ס׳איז אַ קלײנע אַרבעט וואָס פֿאַר־נעמט אין גאַנצן אַרום 20 זײַטן, און אַחוץ דעם איז עס גאָרניט דאָס וואָס איך האָב פֿריִער געמיינט. דאָס איז קאַרלאָוויטשעס אַן איבערזעצונג פֿון טשעכיש וועגן די נײַסטע פֿאָרשונגען אין דער מיטאָלאָגיע. ניט קיין שלעכטע זאַך, אָבער נאָך צו פֿרי פֿאַר אונדזער „ביבליאָטעק״. אַגבֿ, ניט קיין אָריגינעלע זאַך. אַן איבער־זעצונג פֿון אַן איבערזעצונג וואָלט ניט געטויגט. בכן בין איך געבליבן אַ גע־פּלעפּטער, ווײַל כ׳האָב קיין אַנדער פּאַסיקע זאַך אין די פּוילישע פֿאָלקלאָריס־טישע זשורנאַלן ניט געפֿונען.

כ׳האָב אָבער ווײַטער געזוכט, און אַז מען זוכט, געפֿינט מען. האָב איך געפֿונען פֿאַרצייכנט אין אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿונעם פּוילישן פֿאָלקלאָר אַן אַנדער זאַך קאַרלאָוויטשעס, גאָר אַ וואַזשנע, ווי מיר שײַנט לויטן טיטל:

O człowieku pierwotnym. Siedem odczytów. Nakładem Tow. wydaw., Warszawa, Księgarnia S. Sadowskiego, 1903, str. 163.

דאַכט זיך, ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר אונדזער „פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק״ וואָס וויל באַקענען אירע לייענער מיט די גרונטגעדאַנקען פֿון די בעסטע פֿאָלקספֿאָרשער. בכן איז אַזאַ ערשטקלאַסיקן פֿאָלקלאָריסט ווי קאַרלאָוויטשן כּדאַי צו איבער־זעצן. אַגבֿ וואָלט זיך עס זיכער גוט געפּאַסט נאָך שעפּטעלאָוויצעס בוך: *Altjüdischer Bauernglaube in Palästina*.[5]

אין קאַרלאָוויטשעס ווערק רעדט זיך מסתּמא פֿון דעם פּרימיטיוון מענטשן בכלל, פֿאַרגעשיכטלעך. אַזוי בין איך מיר משער לויטן טיטל. כ׳האָב דאָס בוך ניט געזען. דעריבער איז אָבער פֿאַראַן געוויסע מניעות דערבײַ: ערשטנס, צי עס איז נישט פֿאַרעלטערט וויסנשאַפֿטלעך; צווייטנס, צי איז עס ניט איינ־לאָר. נאָר איך גלייב ניט, אַז קאַרלאָוויטש זאָל זײַן אַזוי איינזײַטיק, ער איז געווען צו פֿיל וויסנשאַפֿטלער דערצו. כ׳מיין, ער האָט געאַרבעט אויף אַ ברייטן פֿאַרגלײַכנדיקן מאַטעריאַל. נאָר כּדי ס׳זאָל ניט זײַן קיין ספֿקות, וואָלט גוט גע־

[4] י. ל. כהן האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ סעריע פֿאָלקלאָריסטישע ווערק א״נ „ייִדישע פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק״, וואָס די פֿאָלקס־מעשׂיות האָבן געדאַרפֿט זײַן דער ערשטער באַנד דערפֿון; איך האָב געזאָלט איבערזעצן אַן אַרבעט פֿון פּוילישן זשורנאַל *Wisła*.

[5] ז. קלבנאָוויטש און מ. ווײַנרײַך האָבן געזאָלט איבערזעצן פֿאַר דער „ביבליאָטעק״ שעפּטעלאָוויצעס בוך.

ווי ס׳איז צו זען פֿון די שפּעטערדיקע בריוו האָט י. ל. כהן געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן פּלאַן — צוליב מאַטעריעלע מניעות.

ווען, איר זאָלט גלײַך אויסשרײַבן דאָס בוך פֿון וואַרשע, אָדער אפֿשר קענט איר עס באַקומען אין ווילנע, אין צוויי עקזעמפּלאַרן.

....

י. ל. כהן

5

ניו־יאָרק, דעם 31/III/11

זייער געשעצטע חבֿרטע נחמה,

אײַער בריוו פֿונעם 13/II האָב איך באַקומען. כ׳האָב אײַך אָבער גלײַך ניט געקאָנט ענטפֿערן, מחמת כ׳האָב ניט געפֿילט אַם בעסטן און די שטימונג איז אויך ניט געווען קיין געהויבענע, דעריבער איז מיר פּשוט שווער צו שרײַבן. אָבער איצט פֿיל איך שוין אַ סך בעסער, בפֿרט נאָך ווען איך האָב פֿאַר מיר אײַער בריוו און זע, וואָס פֿאַר אַ גוטע און וויכטיקע אַרבעט איר האָט פֿאַר מיר אויפֿגעטאָן און מיט וואָס פֿאַר אַ טיפֿן אינטערעס. פֿילט זיך טאַקע זייער גוט.

ס׳איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז מיט אײַערע קאָרעקטורן בין איך פֿול־שטענדיק צופֿרידן און אפֿשר נאָך אַ ביסל מער ווי דאָס, ווייסנדיק אַז איך אַליין וואָלט דאָס אפֿשר ניט געקאָנט באַווײַזן. וועגן קליינינקייטן רעדט מען ניט. ס׳איז ניטאָ אַזאַ בוך, וואָס מען זאָל ווו ניט ווו ניט קאָנען געפֿינען עפּעס אַ שטיקל פּגימה אָדער אַ דרוקפֿעלער, אָבער נעמענדיק אין גאַנצן אָט די 176 קאָרעקטור־זײַטן קאָן מען שוין זען, מיט וואָס פֿאַר אַ התמדה איר האָט געאַרבעט. קורץ, איך בין געווען העכסט צופֿרידן.

דאָ וואָלט זיך אַפֿילו געפּאַסט עטלעכע שורות קאָמפּלימענטן, גאַנץ אמתע פֿאַרשטייט זיך, נאָר עס שיקט זיך עפּעס ניט פֿאַר אַ לערער צו ווערן פּלוצלינג סענטימענטאַל, ס׳וועט נאָך צײַט זײַן אַ צווייטן מאָל, טאַקע בײַ אײַערס אַן אייגענער אַרבעט וועגן ייִדישן הומאָר אָדער הומאָר בכלל. עס פֿרייט מיך באמת, וואָס איר ווילט זיך ספּעציאַליזירן אויף דעם דאָזיקן געביט, מחמת כ׳האָב שוין פֿריִער באַמערקט בײַ אײַך אַ שטאַרקע נייגונג דערצו און גאָר אַ היפּשן טאַלאַנט. אַדרבא, טוט דאָס, און לאָמיך האָבן נחת.

און איצט צוריק צו אונדזערע מעשׂהלעך.

ס׳איז אפֿשר גאָרניט קיין שלעכטער פּלאַן איבערצוגעבן דאָס בוך צום אינסטיטוט פֿאַרן פֿאַרקויף, לויט ד״ר ווײַנרײַכס פֿאָרשלאָג. כ׳האָב שוין פֿריִער געטראַכט וועגן דעם, און איצט, אַז עס איז געקומען דער פֿאָרשלאָג אומדירעקט, בין איך אַוודאי צופֿרידן... בכן בלײַבט עס אַזוי. אַזוי גיך ווי דאָס בוך וועט פֿאַרטיק ווערן, הייסן צושיקן אַלע עקזעמפּלאַרן צום אינסטיטוט, צוזאַמען מיט די מאַטריצן, און דערנאָך הייסן מיר אַרויסשיקן 600 עקז׳ אין קלענערע פּעקלעך קיין אַמעריקע, און דאָס איבעריקע זאָל בלײַבן אין אינסטיטוט צום פֿאַרקויף.

דערווײַל גלייב איך ניט, אַז דאָס בוך זאָל זיך אַ סך פֿאַרקויפֿן אין פּוילן

צוליב דער געדריקטער צײַט און אפֿשר אויך צוליב דעם פּרײַז וואָס מען האָט שוין ביליקער ניט געקאָנט מאַכן. מײַן גאַנצע אויסזיכט איז אויף אַמעריקע, און אויב אין אַמעריקע זאָל עס ניט גיין, האָב איך אויף פּוילן אַוודאי ניט וואָס צו האָפֿן. דעריבער טאַקע מוז איך דאָס ביסל געלט וואָס איז באַשטימט אויף אַנאָנסן צעטיילן פּראָפּאָרציאָנעל. אַגבֿ רעכן איך ניט צו מאַכן דערפֿון אַ גרויסע רעקלאַמע; אַ צוויי, דרײַ קליינע מודעות וועט גענוג זײַן. מע דאַרף נאָר וויסן, אַז דאָס בוך איז דערשינען.

... און נאָך די אַלע געשעפֿטן קאָן מיר ניט אַרויס פֿון קאָפּ אײַער באַשרײַבונג פֿון די אַלע עגמת־נפֿשן וואָס איר האָט געהאַט אין קלעצקינס דרוקערײַ צוליב מײַן בוך. כ'האָב באמת געהאַט גרויס פֿאַרדרוס דערפֿון... זאָל עס טאַקע בלײַבן ווי אַן עפּילאָג צו די מעשׂהלעך, ווי איר זאָגט.

איך ווייס ניט, צי אין אַן אַנדער דרוקערײַ וואָלט דאָס צוגעגאַנגען בעסער. זיי זײַנען אַלע גוט און פֿרום בײַם אָנפֿאַנג פֿון דער אַרבעט, אָבער דערנאָך — זאָל זיי קיין גוטער ייִד ניט קענען. דערפֿאַר איז אָבער קלעצקינס שריפֿט אַ שענערע ווי בײַ די אַנדערע דרוקער וואָס איך האָב געהאַט דעם כּבֿוד צו באַזוכן. אָבער אַז דאָס בוך וועט אַרויס פֿון דרוק וועט איר מסתּמא אײַנזען, אַז ס'איז אַלץ כּדאַי געווען צוליב די טײַערע, לאַנג פֿאַרגעסענע מעשׂהלעך וואָס וועלן איצט אויפֿשטיין תּחית־המתים, און אַז בײַ זייער ווידערגעבורט זײַט איר געווען די קוואַטערין, איז דאָס ניט אַ זכיה?

איך אײַל מיך אַוועקצושיקן דעם בריוו אויף פּאָסט, ווײַל איך ווייס, מיט וואָס פֿאַר אַן אומגעדולד איר קוקט אויף אים אַרויס. נו, טאָ זאָל זײַן מיט אַ פּאָר ווערטער ווייניקער דערווײַל, אַבי גיכער.

מיט וואַרעמסטע און גאָר פֿרײַנדלעכסטע גרוסן,

אײַער י. ל. כּהן

6

ניו־יאָרק, 31/V/24

זייער געשעצטע ח' נחמה,

כ'האָב נאָר וואָס באַקומען אײַער בריוו פֿונעם 10טן מײַ און האָב באַשלאָסן אַוועקצוואַרפֿן אַלע אַרבעטן און תּיכּף אײַך ענטפֿערן. וואָרעם כ'פֿיל, אַז וואָס מער איך הייב זיך אָן אָפּצוגעבן מיט מײַנע פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעטן אַלץ מער הינטערשטעליק ווער איך אין מײַן קאָרעספּאָנדענץ.

... נו, שיק איך אײַך איצט דעם אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקטן דאַנק מײַנעם פֿאַר אײַער בריוו פֿונעם 20סטן אַפּריל. כ'קאָן אײַך פֿאַרזיכערן, אַז פֿון דער גאַנצער פֿרייד האָב איך מיך אַ סך מער געפֿרייט דערמיט, וואָס איר האָט זיך אַזוי האַרציק געפֿרייט מיט דער גוטער בשׂורה פֿון פּראָפֿ' אַנדערסאָנס אָפּשאַצונג וועגן מײַן בוך.[6] נאָר מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער ענין האָט מיר ניט

[6] פּראָפֿ' וואַלטער אַנדערסאָנס רעצענזיע אין ייִוואָ־בלעטער ב' III (1932), זז' 421—424.

הנאה געטאָן. אַדרבא, כ'האָב מיך דערפֿון געפֿילט שטאַרק געשמייכלט, כ'האָב עס אָבער אויפֿגענומען מיט אַ געוויסער פֿילאָסאָפֿישער קאַלטקייט און ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך: אַ גוטע אַרבעט וועט אַלע מאָל געפֿינען אירע ריכטיקע אָפּשאַצער, פֿריִער אָדער שפּעטער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז וואָס פֿריִער איז בעסער. בפֿרט אין אונדזער פֿאַל, וואָס מיר נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק אין די הסכּמות פֿון ניט־ייִדישע געלערנטע. מיר נייטיקן זיך אין דעם ניט אַזוי פֿאַר זיך, ווי פֿאַר אַנדערע וואָס קוקן נאָך אַראָפּ מיט אַזאַ ביטול אויף אונדזער יונגער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט.

פּראָפֿ' אַנדערסאָנס ענטוזיאַסטישער אָפּרוף אויף מײַן זאַמלונג האָט מיר באַזונדערס הנאה געטאָן דערמיט, וואָס עס האָט זיך אומדירעקט באַשטעטיקט מײַן אַמאָליקער אַרגומענט, אַז מײַן בוך האָב איך אַרויסגעגעבן ניט דווקא פֿאַר קינדער, נאָר אויך פֿאַר דערוואַקסענע, געבילדעטערע לייענער. איך האָף, אַז דאָס וועלן זיי ערשט קומען נאָך דעם ווי עס וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אַנדערסאָנס רעצענזיע וועגן מײַן זאַמלונג, מחמת איך בין משער, אַז דאָס וועט זײַן עפּעס מער ווי אַ געוויינטלעכע רעצענזיע, נאָר טאַקע אַ גאַנצער וויסנשאַפֿטלעכער קאָמענטאַר מיט פֿרעמדשפּראַכיקע פּאַראַלעלן פֿון דער גאָרער וועלט. קענענדיק אַנדערסאָנס אַרבעטן, שטעל איך מיר פֿאָר, אַז דאָס וועט שוין איין מאָל זײַן אַ רעצענזיע! מיר וועלן טאַקע מעגן שטאָלצירן.

כ'האָב באַקומען קאַרלאָוויטשעס בוך, אָבער ס'איז נאָך ניט געווען קיין צײַט איבערצולייענען. נאָר אויב דאָס איז טאַקע אַ פּאָפּולאַריזאַציע פֿון טײַלאָרס פּרימיטיווע קולטור, לויט אײַער מיינונג, בין איך שטאַרק אין ספֿק, צי עס וועט זיך פּאַסן פֿאַר דער געפּלאַנטער „פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק”. גיכער פֿון אַלץ וואָלט זיך געפּאַסט אַן איבערזעצונג פֿון טיילאָרס אָריגינעלע ווערק. אָבער דאָ איז אויך פֿאַראַן אַ שטיקל מניעה: מע דאַרף דערצו האָבן כאָטש אַ טויזנט דאָלאַר פֿאַרן דרוק אַחוץ אַנדערע הוצאות. איז לויט דער איצטיקער פֿינאַנציעלער לאַגע קאָן איך אַפֿילו ניט טראַכטן וועגן דעם. כ'האָב מורא, אַז דעם גאַנצן פּלאַן פֿון דער פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק וועל איך מוזן אָפּלייגן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט ביז די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַמעריקע וועט זיך אַ ביסל פֿאַרבעסערן. כ'וועל אויך שרײַבן צו ד"ר ווײַנרײַכן, אַז ער זאָל זיך דערווײַל ניט אײַלן מיט דער שעפּטעלאָוויץ־איבערזעצונג, מחמת דעם זעלביקן טעם — ס'איז ניטאָ קיין געלט.

וועגן מײַנע ביכער האָב איך געשריבן צום אינסטיטוט, אַז מען זאָל מיר אַרויסשיקן טויזנט עקזעמפּלאַרן.

... אַ פּעלער איז, וואָס איך האָב לכתּחילה ניט געלאָזט בינדן אַלע ביכער אין ווילנע. דאָ, אין אַמעריקע, קאָסט עס אַ ביסל טײַערער... דעם מוסטער פֿון דעם אײַנבונד האָב איך פֿאַר זיך: לייוויקס ווערק, קלעצקינס אויסגאַבע 1925, געבונדן אין אַ טונקל רויטן לײַוונט, מיט אַ צוויי־שורהדיקן, גאָלד־געפּרעסטן טיטל אויפֿן פֿאָדערשטן טאָוול. ווען דער לײַוונט זאָל נאָך זײַן אַ ביסעלע העלער און אַ געריפּטער, גלייב איך, אַז דאָס וואָלט זיך זייער שיין

געפּאַסט פֿאַר מײַן מעשׂה־בוך. כ׳וויל נאָך צוגעבן, אַז אויפֿן טאָוול אין סאַמע אויבן פֿון רעכטן ווינקל דאַרף זײַן מײַן נאָמען מיט קליינע בוכשטאַבן, און אַ ביסל נידעריקער צו דער מיט, גרעסערע אותיות אין צוויי באַזונדערע שורות דער טיטל, אָט אַזוי:

י. ל. כּהן

יִידישע
פֿאָלקס־מעשׂיות

דאָס זעלביקע דאַרף אויך זײַן אויפֿן רוקן פֿון אײַנבונד, אָבער אַלץ אין גאָלד, עס פֿאַרשטייט זיך, אין קלענערער שריפֿט. און אויפֿן אייבערשטן שניט פֿון די בלעטער — גרין צוגעפֿאַרבט, אַנשטאָט רויט.

עס וואָלט נאָך אפֿשר בעסער געווען, ווען אַ גראַווירער זאָל פֿרִיער מאַכן אַ צייכענונג דערפֿון. דאָס איבעריקע לאָז איך צו אײַך און צו אײַער געשמאַק. איך האָף, אַז ס׳וועט אויסקומען OK און טאַקע זייער שיין אויך.

... און איצט לאָמיר זיך אומקערן צו אַן אינטערעסאַנטערן ענין, וועגן אײַערע פֿאָלקלאָר־אַרבעטן.

איך בין באמת צופֿרידן, וואָס איר אַרבעט דערווײַל אין גאַנצן זעלבשטענדיק אויף מאַטעריאַלן פֿון אינסטיטוט. איך גלייב, אַז אײַער אָפּקלײַב פֿונעם הומאָריסטישן מאַטעריאַל וועט זײַן אַ געראָטענער, מחמת איך האַלט אײַך פֿאַר אַן אמתן מבֿין.

דאָס אײַנטיילן אין קאַטעגאָריעס איז אויך גוט, בתּנאַי ווען ס׳זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז איר וועט האָבן אַ סך מאַטעריאַל, כ׳מיין אַ גרעסערע צאָל נומערן פֿון יעדער קאַטעגאָריע. בײַ אַ קנאַפּערן מאַטעריאַל וועט דאָס אײַנטיילן אין קאַטעגאָריעס אויסזען צו אָרעם. אין דעם פֿאַל איז גלײַכער, עס זאָל זײַן בלויז אַן אייבערשטער קעפּל: הומאָר. ס׳קאָן אויך זײַן אַזאַ טיטל: וויצן און וויציקע מעשׂהלעך. עס ווענדט זיך לויט דעם כאַראַקטער פֿונעם מאַטעריאַל. זײַט ניט שטאַרק מקפּיד, ווען אַ וויץ איז ניט קיין שטאַרק געלונגענער. דער עיקר איז די שפּראַך און דער סטיל, און אויב דאָס איז נישקשהדיק אין די האַלבוויציקע [מעשׂהלעך], נעמט זיי אויף אַפֿילו ווען זיי זײַנען שוין באַקאַנט.

יעדער וויץ און מעשׂהלע דאַרף זײַן נומערירט און דאַרף זיך אָנהייבן לויט דעם לויפֿנומער פֿון די ערנצטערע מסורות און מעשׂיות. צום בײַשפּיל, ווען די לעצטע מעשׂה וועט זיך ענדיקן מיטן נומ׳ 202, זאָלן זיך די וויציקע אָנהייבן מיט נומ׳ 203. און אַזוי כּסדר. אָט אַזוי ווי עס זײַנען נומערירט די פֿאָלקסלידער, ניט־קוקנדיק אויף זייערע באַזונדערע קעפּלעך.

דאָס איז אַלץ גערעדט אין שײַכות צום מאַטעריאַל וואָס וועט אַרײַן אין דעם פֿאָלקלאָרבאַנד און צו וועלכן איך וועל דאַרפֿן געבן מײַנע באַמערקונגען. ווי איך זע, פֿאַרנעמט איר זיך גאַנץ ערנצט מיטן יִדישן הומאָר, איר פֿאַרשט עס וויסנשאַפֿטלעך, מער פּסיכאָלאָגיש ווי פֿאַרגלײַכנדיק, כ׳מיין אין שײַכות מיט דעם זעלביקן שטאָף בײַ אַנדערע פֿעלקער. דערווײַל איז דאָס נאָך פֿריצײַטיק, אָבער שפּעטער צו וועט איר זיך אויך דאַרפֿן באַקענען דערמיט.

ס׳וואָלט אויך גוט געווען, ווען איר זאָלט האָבן פֿאַר זיך אַ רשימה פֿון אַלע יִדישע וויצנביכלעך וואָס געפֿינען זיך אין אינסטיטוט. דאָס קאָן אײַך זייער גוט צו ניץ קומען, מחמת איך בין משער, אַז גאָר אַ סך פֿון די וויצן וואָס גייען אום אין פֿאָלק שטאַמען פֿון די דאָזיקע מקורים. דאָס וואָלט מען וויסנשאַפֿטלעך געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן. מען קאָן מאַכן דערפֿון זייער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט.

....

י. ל. כּהן

7

[ניו־יאָרק, 1931]

... אָט ליגט שוין פֿאַר מיר אַן עקזעמפּלאַר פֿון מײַן בוך, אַ פֿאַרטיקער, אַ שײַנענדיקער, וואָס ה׳ מלמד האָט מיר געבראַכט. איך קוק דערויף און קאָן מיך זאַט ניט אָנקוקן, כ׳גלייב ניט מײַנע אויגן, מיר דאַכט זיך, אַז איך זע עס בלויז אין חלום. נאָר אָט נעם איך ס׳בוך אין דער האַנט אַרײַן, בלעטער עס: וואָס פֿאַר אַ פֿײַנע פּאַפּיר! לייען עס: וואָס פֿאַר אַ קלאָרע, ליכטיקע שריפֿט! און איך דערפֿיל, אַז ס׳איז טאַקע ניט קיין חלום, נאָר אַ ממשותדיקע זאַך, אַ רעאַלער יש.

דאָס בוך איז באמת שיין אַרויסגעגעבן געוואָרן. אָן צאַצקעס, אָבער מיט געשמאַק און פֿיל חן. איצט ערשט פֿאַרשטיי איך אײַער פֿריידיקן און טאָפּלטן „מזל־טובֿ” וואָס איר האָט מיר בײַ צײַטנס אָפּגעגעבן. דאָס איז געוויס הן פֿאַר דער פּערפֿעקטער קאָרעקטור, הן פֿאַר דעם פּראַכטפֿולן אויסזען פֿונעם בוך. ווייס איך אָבער, אַז אין דעם אַלעם האָט איר אויך געהאַט אַ גרויסן חלק, מחמת ווען ניט אײַער איבערגעגעבענע און ערנצטע באַציִונג צו דער אַרבעט וואָלט דאָס בוך געוויס ניט אַזוי פֿײַן אַרויסגעקומען. אין דער דרוקערײַ האָט מען זיך געמוזט מערקן אײַער באַציִונג, און דערפֿאַר האָט מען זיך מסתּמא באַמיט, אַז די אַרבעט זאָל אַרויסקומען OK.

... עס האָט מיך זייער געפֿרייט, הערנדיק פֿון אײַער באַשלוס אָפּצושטעלן זיך ענדגילטיק אויף פֿאָלקלאָר ווי דעם וויסנשאַפֿטלעכן געביט פֿון אײַער ווײַטערדיקער אַרבעט.

ווינטש איך אײַך טאַקע פֿיל גליק און גרויס דערפֿאָלג און זאָג אײַך צו צו העלפֿן מיט וואָס כ׳וועל נאָר קאָנען...

י. ל. כּהן

8

[ניו־יאָרק, 1931]

... די ביכער מײַנע זײַנען אָנגעקומען פּונקט אין דער ריכטיקער צײַט. דער אײַנבונד איז פּראַכטפֿול און מיט געשמאַק. די ספּעציעל געצייכנטע אותיות און דאָס גאָלדענע רעמעלע אַרום גיבן צו דעם באַנד אַ גאַנץ באַזונדערן חן. איר שרײַבט מיר אַפֿילו ניט, צי דער פּראָיעקט פֿון דעם אײַנבונד איז אײַערער,

אָבער ווי איך פֿאַרשטיי, האָט איר זיך שטאַרק מתעסק געווען אַרום דעם און דערפֿאַר גיב איך אײַך מײַן האַרציקסטן יישר־כּוח!

די מאַטריצן האָב איך אויך דערהאַלטן אין גוטן צושטאַנד. זיי זײַנען מיר אָנגעקומען אַ סך פֿריִער ווי די ביכער, מחמת דורך פּאָסט. מײַן בוכהענדלער פֿאַרזיכערט מיר, אַז די „מעשׂהלעך" וועלן זיך גוט פֿאַרקויפֿן, כאָטש דעם יאָר וועלן מיר אפֿשר האָבן אַ שוואַכן סעזאָן אין ביכער־פֿאַרקויף צוליב דעם קריזיס. עטלעכע הונדערט עקז' פֿון מײַן בוך האָבן זיך שוין פֿאַרקויפֿט. לאָמיר האָפֿן, אַז דורכן יאָר וועט זיך די גאַנצע אויפֿלאַגע פֿאַרקויפֿן און דעמאָלט וועל איך זיכער אַרויסגעבן אַ צווייטע פֿאַרמערטע אויפֿלאַגע.

געוויס האָב איך באַקומען דעם צײַטונגס־אויסשניט מיט רייזענס זכרונות וועגן מיר,[7] און איך בין אײַך געווען זייער דאַנקבאַר פֿאַר דער אינפֿאָרמאַציע, כאָטש כ'האָב שוין דאָס זעלביקע געלייענט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין אַ ניו־יאָרקער צײַטונג. אָבער ניגערס רעפֿעראַט, וואָס איר האָט מיר אַזוי גענוי איבערגעגעבן אין אײַער לעצטן בריוו, איז געווען פֿאַר מיר אַן איבעראַשונג.[8] איך בין באמת איבערראַשט געווען ניט אַזוי פֿון דעם לויבגעזאַנג, ווי פֿון דער פֿײַנער, פּרעציזער פֿאָרעם, אין וועלכער איר האָט אויפֿגעפֿאַסט דעם דאָזיקן רעפֿעראַט. איך האָב באַוווּנדערט אײַער מײַסטערשאַפֿט און בין שטאָלץ געווען צו האָבן אַזאַ תּלמידה וואָס קאָן אַזוי פֿײַן שרײַבן. כ'האָב נאָר שטאַרק באַדויערט, וואָס איך האָב ניט געהאַט דאָס גליק צו הערן אײַער אייגענעם רעפֿעראַט וועגן ייִדישן פֿאָלקסהומאָר,[9] בפֿרט נאָך פֿון אַזאַ פּרעכטיקער רעדנערין — לויט ניגערס מבֿינות.

... ס'וואָלט מיר זייער אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, אויב ס'האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן דער פּרוּוו צו קלאַסיפֿיצירן דעם הומאָר־מאַטעריאַל לויט פֿרוידס אײַנטיילונג. ווי מיר דוכט זיך, דאַרף דאָס זײַן אַ גאַנץ שווערע אַרבעט. מען דאַרף אויך אין זינען האָבן די גרענעצן פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן הומאָר, ווײַל טייל מאָל איז ער פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. אין אַזאַ פֿאַל איז שוין נייטיק אַ פֿאַרגלײַכנדיקער מעטאָד וואָס זאָל באַווײַזן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פֿון אונדזער הומאָר...

י. ל. כּהן

9

ניו־יאָרק, 33/II/28.

... אין פֿאָלקלאָר איז עפּעס פֿאַראַן אַזאַ כּישוף וואָס ציט צו צו זיך ווי מאַגנעט און קוים רירט מען זיך נאָר צו דערצו, ווערט מען עפּעס ווי פֿאַרמאַגנעטיזירט אין דעם דאָזיקן לאַבירינט וואָס הייסט „פֿאָלקלאָר"....

י. ל. כּהן

[7] ז. רייזען, „יהודה־לייב כּהן. צו זײַן באַזוך אין פּוילן", ליטעראַרישע בלעטער, נומ' 36, 5טן סעפּטעמבער, 1930.

[8] ש. ניגערס רעפֿעראַט אין ווילנע אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכער זיצונג פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע פֿון ייִוואָ וועגן י. ל. כּהנען דעם פֿאָלקלאָריסט.

[9] אויף דער זעלבער זיצונג.

10

ניו־יאָרק, 33/VIII/22

זייער געשעצטע חבֿרטע נחמה,

צום נײַעם יאָר וויל איך אײַך אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה, אַז איינס פֿון אײַערע לידער איז ענדלעך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין איינעם פֿון אונדזערע בעסטע זשורנאַלן, די צוקונפֿט. דעם באַווײַז דערצו וועט איר דאָ געפֿינען בײַגעלייגט שוואַרץ אויף ווײַס.[10]

כ'האָב באמת זיך זייער שטאַרק דערפֿרייט, ווען איך האָב דערזען אײַער ליד אָפּגעדרוקט, ווייסנדיק ווי לאַנג אַנדערע ליגן אין דער רעדאַקציע און וואַרטן נאָך אויף זייער געלעגנהייט ווען עס איז געדרוקט צו ווערן. אַחוץ דעם האָב איך ערשט איצט אויף ס'נײַ דערפֿילט, וואָס פֿאַר אַ פּראַכטפֿול ליד דאָס איז. כ'האָב עס פֿיל מאָל איבערגעלייענט און באמת הנאה געהאַט. עס פֿילט זיך ממש ניט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג... און איצט וועט איר שוין מסתּמא אַליין שרײַבן דעם רעדאַקטאָר אַ. ליעסינען וועלכער איז טאַקע אַליין איינער פֿון אונדזערע גרעסטע דיכטער.

...ווײַטער, וואָס מאַכן די מעשׂהלעך? זיי זײַנען געזונט און שטאַרק און ליגן ווי אַ שטיין, אַזוי ווי מען האָט זיי אַוועקגעלייגט. דער ביכערמאַרק איז טויט, אָבער נאָך טויטער איז דער אינטערעס פֿאַר אַזעלכע מעשׂהלעך. ווי עס ווײַזט אויס, ווייסט מען נאָך בײַ אונדז ניט, מיט וואָס מען עסט עס און צו וואָס דאַרף מען עס. און ניט נאָר דער ברייטער עולם, נאָר אַפֿילו אונדזערע געבילדעטע שרײַפֿטשטעלער כאַפּן ניט די וויכטיקייט פֿון אַזאַ זאַמלונג. ס'איז געווען אַ פֿעלער פֿון מײַן זײַט, וואָס איך האָב דערצו ניט געגעבן קיין ברייטן אַרײַנפֿיר, ווי כ'האָב דאָס גערעכנט צו טאָן בײַ אַ צווייטער אויפֿלאַגע. אָבער אַזוי ווי ביז אַ צווייטער אויפֿלאַגע וועט נאָך מסתּמא נעמען עטלעכע יאָר טראַכט איך דערווײַל ניט וועגן גאַנצן ענין. און אפֿשר איז טאַקע גערעכט געווען דער ה' קאַזדאַן, רעדאַקטאָר פֿון דער וואָכנשריפֿט, וואָס האָט געמאַכט פֿון די אַלע מעשׂהלעך אַש און בלאָטע.* צי האָט איר גאָרניט געלייענט זײַן רעצענזיע? אויב ניט, מעגט איר איבערלייענען, איר וועט הנאה האָבן... און מערקווערדיק איז, וואָס קיינער האָט אים דערויף ניט געענטפֿערט, גלײַך ווי ער וואָלט גערעכט געווען. דאָס באַווײַזט אויך, וואָס פֿאַר אַן אינטערעס ס'איז בײַ אונדז פֿאַראַן פֿאַר אַזעלכע מעשׂהלעך.

דאָס ביכעלע שפּריכווערטער וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט און וואָס דער „אַמאָפּטייל" האָט אַרויסגעגעבן וועל איך אײַך צושיקן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. ס'איז ניטאָ וואָס צו זען און איך ווייס ניט, צי דאָס וועט אײַך אינטערעסירן. דאָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווי אַ סוּווענִיר פֿאַר די אַמעריקאַנער מיטגלידער פֿון ייִוואָ, זיי זאָלן אַרײַנשיקן דערפֿאַר אַ דאָלאַר. דאָס איז געווען דער צוועק פֿונעם ביכעלע, אויף וועלכן כ'האָב אַפֿילו ניט געוואָלט געבן מײַן

[10] איבערזעצונג פֿון ק. טעטמאַיערס „טשאַרדאַש" אין צוקונפֿט, סעפּט' 1933, נומ' 9, ז' 513.

* זען זז' 251־252.

נאָמען ווי אַ קאָמפּילאַטאָר, נאָר די פֿרײַנד מײַנע זײַנען דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז מײַן נאָמען זאָל פֿיגורירן אויפֿן שער־בלאַט. דערפֿון קאָנט איר שוין פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס איך האָב מיך ניט געאײַלט אײַך מזכּה צו זײַן מיט דער מתּנה. אָבער ס'קאָן זײַן, אַז איר זאָלט האָבן וועגן דעם אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג. כ'האָב מיך ניט געפֿוילט און טאַקע איצט אַ שטאַרקן זוך געטאָן צווישן מײַנע ביכער און געפֿונען דאָס דערמאָנטע ביכעלע וואָס איך שליס דאָ אײַן אין דעם בריוו. לייענט און האָט הנאה, אויב ס'איז דאָ פֿון וואָס.

אָבער דאָס זײַנען אַלץ קלייניקייטן, ניט כּדאַי צו ריידן וועגן דעם.

... איך ווינטש אײַך אַ געזונטן יאָר, מיט גרויס דערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער י. ל. כּהן

11

ניו־יאָרק, 1935/XII/4

צו דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע

בײַם ייִוואָ, ווילנע.

טײַערע פֿרײַנד,

דערהאַלטן אײַער בריוו פֿונעם 6טן נאָוו' צוזאַמען מיט דעם פֿון דעם אויספֿיר־ביוראָ. בין זייער צופֿרידן, וואָס סײַ איר און סײַ אונדזערע פֿרײַנד פֿון א"ב זײַנען מסכּים מיט מײַן פֿאָרשלאָג, אַז דער פֿאָלקלאָרבאַנד זאָל אַרומנעמען מער אָפּטיילונגען פֿון דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל, ווי ס'איז לכתּחילה באַשטימט געווען. פֿון דעסט וועגן רעכן איך, אַז מען וואָלט נאָך באַדאַרפֿט אַ ביסל אָפּוואַרטן מיט דעם קינדער־פֿאָלקלאָר, ווייניקסטנס ביז ד"ר ווײַנרײַך וועט צוריקקומען קיין ווילנע. וואָרעם מיר דוכט זיך, אַז ער האָט אַ מאָל געהאַט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ גאַנץ באַזונדערע זאַמלונג פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. אַגבֿ, לויט דעם בריוו פֿון א"ב איז קענטיק, אַז דער קינדער־פֿאָלקלאָר דאַרף זײַן די אַספּיראַנטור־אַרבעט פֿון ח' פּיפּע, דעריבער קען מען דאָס אַוודאי ניט צוזאַמענבינדן מיט דעם פֿאָלקלאָרבאַנד. אַזאַ אַרבעט פֿאָדערט פֿאַר זיך גופֿא אַ גאַנץ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

ווײַטער בנוגע די פֿאָלקס־גלייבענישן אַד"גל בין איך מסכּים מיט דער אידעע פֿון דעם א"ב, אַז פֿ' ווײַניג וואָלט אפֿשר באַדאַרפֿט שרײַבן דערצו די הערות וואָס זאָלן זיך אָבער שטיצן ניט בלויז אויף דעם סלאַווישן פֿאָלקלאָר, נאָר אויך אויף אַנדערע, ניט־סלאַווישע מקורים. מיר דוכט זיך, אַז ח' כאַיעס האָט מיר אַ מאָל געהאַט געשריבן, אַז איינער אַ למדן האָט שוין אַ ביסל געאַרבעט אויף די הערות אין צוזאַמענהאַנג מיט די יענע מינהגים און גלייבענישן וואָס געפֿינען זיך אין תּלמוד, מדרשים און אין אַנדערע אַלט־ייִדישע מקורים. ס'וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, וואָס ס'איז געוואָרן דערפֿון.

און איצט מײַן ענטפֿער אויף פֿראַגעס וואָס זײַנען מיר געשטעלט געוואָרן אין בײדע בריוו מכּוח דעם אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל. אין דעם פּרט מוז איך מיך ווענדן דירעקט צו דעם ממונה איבער דעם דאָזיקן מאַטעריאַל —

חבֿרטע נ. עפּשטיין,

קודם־כּל וויל איך דאָ אונטערשטרײַכן, אַז איך בין זייער און זייער צופֿרידן, וואָס איר האָט ווידער אויפֿגענומען אײַער אַרבעט אין דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע איבער דעם אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל. וואָרעם איך קען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן קיין פּאַסיקערן רעדאַקטאָר איבער דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. אײַער זאַכלעכע רעצענזיע אויף אַלשוואַנגערס בוך ראָזינקעס מיט מאַנדלען"[11] האָט מיך איבערצײַגט, אַז איר זײַט גוט באַהאַוונט אויף דעם געביט און שרײַבט וועגן דעם ענין גאָר אויסגעצייכנט. איז דאָס פֿאַר אונדז אַ גרויס געווינס, וואָרעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער, ווי ווייניק מיר זאָלן ניט האָבן, האָבן מיר, דוכט זיך, גענוג; אָבער שרײַבער, קענער פֿון פֿאָלקלאָר, דאַרף מען זוכן מיט ליכט. דערפֿאַר איז אונדזער פֿאָלקלאָריסטיק אַזוי מוראדיק אָרעם, אַזוי שרעקלעך פֿאַרוואָרלאָזט. אַז ס'איז פּשוט אַ שאַנד פֿאַר לײַטן. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. כ'האָב בלויז געוואָלט אָנמערקן, אַז ס'איז אויך אַ גרויס געווינס צו האָבן אײַך פֿאַר אַ מיטגליד אין אונדזער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע.

און איצט צו אײַערע פֿראַגעס: ווי שטעל איך זיך פֿאַר דעם הומאָר־מאַטעריאַל וואָס דאַרף אַרײַן אין דעם באַנד און וואָס מיין איך וועגן באַמערקונגען צו דעם אָפּטייל.

כ'מיין גאָר פּשוט: אין דעם אָפּטייל א"ט „פֿאָלקסהומאָר" דאַרף מען אויפֿנעמען כּמעט אַלע אַנעקדאָטן, וויצן און וויציקע מעשׂהלעך וואָס געפֿינען זיך צווישן די מאַטעריאַלן פֿון דער פֿ"ק [=פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע]. דאָס דאַרף זײַן אַן אויסשעפּנדיקע אַרבעט, ווי ווײַט מעגלעך, און ס'מעג פֿאַרנעמען אַרום 3־4 דרוקבויגן, אַרום 2־3 הונדערט נומערן אַנעקדאָטן, וויצן אַד"גל. וואָס מער, אַלץ בעסער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלץ קען מען פּובליקירן: צוליב דעם אָדער יענעם טעם ניט דרוקפֿעיִק אַזוי צו זאָגן. אָבער דאָס איז שוין אײַער זאַך. איר ווייסט, וואָס מען דאַרף אויפֿנעמען און וואָס מען קען אָפּוואַרפֿן ווען נייטיק. איך וויל דאָ בלויז אָנווײַזן אויף אַ געוויסן מין אַנעקדאָטן, וואָס סײַ אַלשוואַנגער סײַ ראַבֿיניצקי האָבן קענטיק מורא געהאַט אויפֿצונעמען מחמת זיי געפֿינען זיך אין די באַקאַנטע וויצנביכלעך פֿון מאָטקע חב"ד, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אפֿרים גריידינגער, שײַקע פֿײַפֿער א"אַנד. איך האַלט, אַז דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיקע אַנעקדאָטן וואָס ווערן צוגעשריבן צו די דערמאָנטע וויצלער זײַנען אַ סך עלטער פֿון די געדרוקטע וויצנביכלעך און אַפֿילו פֿון זייערע מחבּרים. דעריבער איז נייטיק אויפֿצונעמען אַ טייל פֿון די בעסערע וואַריאַנטן וואָס דאָס פֿאָלק דערציילט אין נאָמען פֿון זײַנע באַליבטע וויצלער. פֿון די וואָס זײַנען נאָך אין ערגעץ ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן איז אָפּגערעדט. אָט די דאָזיקע זוכן מיר דאָך. דאָס איז חל אויף דעם גאַנצן אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל.

דער גאַנצער מאַטעריאַל, האַלט איך, דאַרף אײַנגעטיילט ווערן לויטן אינהאַלט אין קלענערע אָפּטיילונגען, אונטער באַזונדערע קעפּלעך. אָט אַ שטייגער

[11] אין ייִוואָ־בלעטער, IV (1932), 73—76.

לויט דעם פּלאַן פֿון ראַבֿניצקיס זאַמלונג יודישע וויצען (בערלין תרפ״ב): 1. ייִדן; 2. ייִדן און גויים; 3. משומדים אאַז״וו. נאַטירלעך דאַרף מען זיך ניט האַלטן אַזוי פּינקטלעך אין דעם דאָזיקן סדר, מען קען נאָך צוגעבן אַנדערע אָפּטיילונגען אונטער אַנדערע נעמען, וואָס זאָלן שטימען מיט דעם אינהאַלט פֿונעם מאַטעריאַל. דורך אַזאַ סדר קען מען זיך לײַכטער אָריענטירן אין דעם רײַכן אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל, ס׳איז לײַכטער אויסצוגעפֿינען וואָס מען זוכט. בײַ אָלשוואַנגערן קען מען קיין טאָלק ניט דערגיין, מען ווערט פּשוט פֿאַרפֿאַלן אין דעם מיש־מאַש פֿון דעם פֿאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל.

ווײַטער בנוגע די באַמערקונגען צו דעם אָפּטייל דאַרפֿן זיי מיט זיך ניט פֿאָרשטעלן קיין ליטעראַרישע אָדער פּסיכאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציעס. כ׳מיין, אַז ס׳איז נאָך אַ ביסל צו פֿרי צו קענען עפּעס זאָגן באַשטימטס וועגן דעם מהות פֿון דעם ייִדישן אַנעקדאָט. דערצו איז נייטיק קודם־כּל אַ רײַכערער און מער סיסטעמאַטיזירטער מאַטעריאַל, אַ גרעסערע צאָל וואַריאַנטן פֿון איינעם און דעם זעלביקן אַנעקדאָט, דערציילט פֿון פֿאַרשיידענע פּערזאָנען, פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן. ס׳איז אויך נייטיק פֿריִער אויסצופֿאָרשן, צי דער אָדער יענער אַנעקדאָט איז טאַקע אַן אָריגינעלער פֿאָלקספּראָדוקט, אַ ייִדישער, צי אפֿשר גאָר אַן אַדאָפּטירטער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. דאַרף מען דאָס פֿריִער אויספֿאָרשן, פֿאַרגלײַכן, און דאַן אפֿשר קומען צו אַ געוויסן אויספֿיר. דאַרפֿן מיר, הייסט עס, פֿריִער סיסטעמאַטיזירן דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל, צוגרייטן אַ קאָנקרעטן באַזיס פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער אויספֿאָרשונג.

בכן מוזן מיר זיך דערווײַל באַגרענעצן, האַלטן זיך אַזוי קורץ ווי מעגלעך מיט אונדזערע באַמערקונגען וואָס דאַרפֿן קומען צום סוף פֿון דער זאַמלונג און צו יעדן נומער באַזונדער. למשל, אויב ס׳געפֿינט זיך אין אונדזער זאַמלונג אונטער נומ׳ 145 דער באַקאַנטער אַנעקדאָט „אַ דין־תּורה מיט גאָט״ באַמערקן מיר דערצו אַזוי: 145. אַ דין־תּורה מיט גאָט. — פֿאַרצייכנט פֿון נ. נ. וואַרשע, 1926. וואַריאַנטן: ה״אַ ז׳ 130; ק״אַ ז׳ 261; ש״פּ ז׳ 5; אָלשוואַנגער ז׳ 321; ראַבֿניצקי ז׳ 203.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז צו ערשט גיבן מיר אַ רשימה פֿון די פֿאַרגליכענע אַנעקדאָטן־ביכער וואָס ווערן דאָ ציטירט אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרעם:

ה״אַ — הערשעלע אָסטראָפּאָליער, זײַנע אַנעקדאָטן, סצענעס און שטוקעס, באַשריבן פֿון אָ. ב., ניו־יאָרקער אויסגאַבע (פֿאַראַן אַנדערע עלטערע אויסגאַבעס, דאַרף מען אָנמערקן יאָר און דרוקאָרט).

ק״אַ — אַנעקדאָטען־בוך. צוויא הונדערט זיבעציג שיינע וויצען, זייער סאַטיריש צום לאַכען פֿאַן מ. קונקילשטיין, ווילנע, תּר״ס.

מ״ח — מאָטקע חבֿ״ד אָדער וויטצע איבער וויטצע (יאָר און דרוקאָרט פֿון פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס).

ש״פּ — שײַקע פֿײַפֿער אָדער דער באַרימטער וויצלינג... הערויסגעגעבען פֿון בע״ז, וואַרשע, תּרנ״ד.

אָלשוואַנגער — *Rosinkes mit Mandeln*, 2 Aufl. 1931 (פֿולער טיטל).

ראַבֿניצקי — יודישע וויצען, געזאַמלט און באַאַרבעט פֿון י. ח. ראַבֿניצקי, בערלין, תּרפ״ב.

אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ געפֿינען זיך מסתּמא נאָך אַ סך אַנדערע אַנעקדאָטן־ביכלעך אָדער פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון אַזעלכע וואָס זײַנען מיר אומבאַקאַנט. איך וויל דאָ בלויז אָנווײַזן אויף אַ פּאָר וואָס איך האָב געפֿונען ערגעץ ווו פֿאַרצייכנט:

י. מזח, דער וועלט וויצלינג, ווילנע 1877.

אַ. י. בוכבינדער, דער בערימטער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, ווילנע, 1895. פֿאַראַן נאָך אַן עלטערע אויסגאַבע א״ט ר׳ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואַרשע, 1884.

ס׳איז קיין ספֿק [ניט], אַז וואָס מער און גענויער מיר וועלן אויספֿאָרשן אונדזער אַנעקדאָטן־ליטעראַטור און וואָס מער מיר וועלן פֿאַרגלײַכן יעדן געדרוקטן אַנעקדאָט נומער בײַ נומער מיט אונדזערע זאַמלונגען פֿונעם פֿאָלקסמויל, אַלץ נעענטער וועלן מיר קומען צו אונדזער ציל.*

אויפֿן סמך פֿון אַ פֿילזײַטיק פֿאַרגליכענעם און גוט אויסגעפֿאָרשטן מאַטעריאַל קאָן מען ערשט אָנהייבן שרײַבן אַרטיקלען, וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם ייִדישן פֿאָלקסהומאָר, מען קען קומען צו אַזעלכע אויספֿירן וואָס וועלן זיך ניט לאָזן לײַכט אָפּפֿרעגן. מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות, אָבער אַן אָנהייב, אַ פּרווו דאַרף מען מאַכן. דאָס איז אונדזער אויפֿגאַבע.

איך גלייב, אַז פֿון די עטלעכע באַמערקונגען איז אײַך קלאָר געוואָרן, ווי איך שטעל זיך פֿאָר דעם הומאָר־מאַטעריאַל און וואָס איך מיין וועגן די באַמערקונגען דערצו. דאָס איז אָבער אײַער אַרבעט, חבֿרטע עפּשטיין. איר דאַרפֿט צוגרייטן, אײַנטיילן און רעדאַגירן דעם גאַנצן מאַטעריאַל און בעיקר מאַכן די באַמערקונגען צו יעדן נומער באַזונדער. פֿון אָנהייב וועט עס אפֿשר פֿאָרקומען אַ ביסל צו שווער, אָבער איר ווייסט דאָך, יעדער אָנהייב איז שווער. אויב איר וועט האָבן אַזעלכע שוועריקייטן וואָס וועלן זיך ניט לאָזן דורכברעכן זאָלט איר מיר שרײַבן, וועלן מיר זיך צוזאַמען מישבֿ זײַן, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן. ווען איר וועט מיר צושיקן דעם גאַנצן אָדער אַ טייל פֿון דעם מאַטעריאַל וואָס וועט שוין זײַן פֿאַרטיק צום דרוק, וועל איך דאַן ערשט קענען צוגעבן מײַנע באַמערקונגען צו די יעניקע אַנעקדאָטן וואָס זײַנען, בלי ספֿק, פֿון אַ פֿרעמדשפּראַכיקן אָפּשטאַם. דאָס איז אויך ניט קיין גאַנץ לײַכטע אַרבעט, מען מוז עס אָבער טאָן, אויב מען וויל, אַז די זאַך זאָל האָבן עפּעס אַ וויסנשאַפֿטלעכן ווערט. פֿאַר אַן אָנהייב, גלייב איך, וועט עס גענוג זײַן.

שרײַבט מיר פֿון זיך און פֿון אײַער אַרבעט. ווי ווײַט האַלט עס מיטן רעדאַגירטן מאַטעריאַל, וויפֿל נומערן דורכגעאַרבעט? שטעלט אײַערע פֿראַגעס און איך וועל אײַך ענטפֿערן.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער

י. ל. כּהן

אַ גרוס חבֿר פּיפּען און די אַנדערע פֿרײַנד.

* זען אויך זז׳ 331, 333־334.

12

ניו־יאָרק, 36/X/12

זייער געשעצטע חבֿרטע נחמה,

באַקומען אײַער פֿײַן בריוועלע מיט אײַערע גוטע ווּנטשן צום נײַעם יאָר, האָב איך אײַך תּיכּף „טעלעפּאַטיש" צוריקגעשיקט מײַן ווּנטש: אַ גמר חתימה טובֿה! און דערצו אײַנגעשלאָסן מײַנע קאָנגראַטולאַציעס צו אײַער נײַער פּאָזיציע ווי אַן אַספּיראַנטין בײַם ייִוואָ.

... איך האָף, אַז איר וועט אין משך פֿונעם יאָר אויפֿטאָן אַ סך גוטע אַרבעט, מחמת איך גלייב אין אײַער נאַטירלעכער אינטעליגענץ און אין אײַערע אויסגעצייכנטע פֿעיִקייטן.

... ס'איז זייער גוט, וואָס אַחוץ אײַער ספּעציפֿישן געביט האָט איר זיך אויך פֿאַרנומען צו שטודירן די אַלגעמיינע פֿאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור, ווי למשל די FFC־אויסגאַבעס אויף וועלכע כ'האָב אײַך אַ מאָל אָנגעוויזן. אָבער נאָך אַ בעסערער זשורנאַל ווי דער שווייצערישער אַרכיוו איז די פּוילישע ווּיסלאַ. כ'וואָלט רעקאָמענדירט יעדן אַספּיראַנט אויף פֿאָלקלאָר אָנצוהייבן זײַן לעקטור מיט דעם דאָזיקן זשורנאַל, כאָטש ער איז שוין אַ ביסל פֿאַרעלטערט. און איך וואָלט אײַך געראָטן ביסלעכווײַז דורכצובלעטערן די 19 יאָרגענג פֿון דער ווּיסלאַ וואָס געפֿינט זיך מסתּמא אין דער ווילנער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. אַחוץ די אויסגעצייכנטע טעאָרעטישע אַרטיקלען געפֿינט זיך כמעט אין יעדן באַנד אַ מאַסע ידיעות, רעצענזיעס און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָריסטישע אויסגאַבעס, ביכער און זשורנאַלן וואָס זײַנען בשעתו דערשינען אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן. גאָר באַזונדערס זײַנען אינטערעסאַנט און אינסטרוקטיוו די רעצענזיעס פֿונעם רעדאַקטאָר יאַן קאַרלאָוויטש, ווי אויך פֿון עטלעכע אַנדערע. פֿון אָנהייב וועט עס אײַך אפֿשר פֿאָרקומען אַ ביסל שווערלעך און ניט אינטערעסאַנט, אָבער אַז איר וועט זיך אַרײַנלייענען אין דער פֿאָלקלאָריסטישער קריטיק וועט איר ערשט דערנאָך פֿאַרשטיין, ווי וויכטיק אַזאַ לעקטור איז פֿאַר יעדן איינעם וואָס וויל באַקומען טיפֿערע ידיעות פֿון דעם וואָס מיר רופֿן אָן „פֿאָלקלאָר". דאַן ערשט וועט איר נאָך בעסער קענען אָפּשאַצן די אויסגאַבעס פֿון די FFC.

דאָס וואָס איר שרײַבט מיר, אַז די אַרבעט אײַערע וועט באַשטיין אין צוזאַמענשטעלן אַ קאָרפּוס פֿון ייִדישע וויצן און ווי אַ יסוד וועט גענומען ווערן קודם־כּל דער ייִוואָ־מאַטעריאַל וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געווען איז פֿאַר מיר פֿאַרשטענדלעך. אָבער וואָס איר גיט נאָך צו, אַז אין דעם דאָזיקן „קאָרפּוס" וועלן אויך אַרײַנגענומען ווערן אַלע געדרוקטע וויצן אין זייערע בעסטע נוסחאָות און ס'וועלן אָנגעוויזן ווערן זייערע קוועלן, קען איך זיך דאָך ניט פֿאָרשטעלן דאָס אויסזען פֿון אַזאַ ווערק. כ'האָב באמת נאָך אַזעלכעס ניט געזען און ניט געלייענט וועגן אַזאַ אויפֿטו אין אַנדערע שפּראַכן. כ'האָף אָבער, אַז אין אַ צווייטן בריוו וועט איר מיר אַ ביסל קלאָרער מאַכן אין דעם ענין.

אַ דאַנק פֿאַרן נאָכפֿרעגן זיך וועגן מײַן געזונט. כ'בין שוין איצט „אָל־ראַיט" אַחוץ מײַן שטימונג וואָס איז צײַטנווײַז אַ געדריקטע. נאָר דאָס נעמט זיך מסתּמא פֿון דער אַלגעמיינער געדריקטער שטימונג וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. ס'האָט זיך אָבער באַדײַטנדיק געהויבן מײַן שטימונג, ווען איך האָב געהערט פֿון אײַך אַזעלכע גוטע נײַס. אַז ח' פּיפּען האָט מען געגעבן נאָך אַ יאָר אַספּיראַנטור, האָט מיר שוין פֿרײַנד רייזען געשריבן, אויך וועגן אײַך און וועגן לעהמאַנען.

כ'האָב פּיפּען שוין געענטפֿערט אויף זײַן בריוו און אויך אַרויסגעשיקט מײַנע צוויי בענד פֿאָלקסלידער וועלכע ער האָט אײַך צו פֿאַרדאַנקען...

פֿאַרבלײַבט מיר געזונט און שטאַרק און האָט דערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער

י. ל. כּהן

[בריוו צו חיים כאַיעסן]

[פֿון שוואַרצשריפֿטן אין כּהנס אַרכיוו אין ייִוואָ.]

1

31/II/27. איך האָב באַקומען אײַער אַרטיקל א"ט „שמועסן וועגן פֿאָלקלאָר", וואָס איז געווען פֿאַר מיר אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. דערפֿאַר אָבער, ווען איך האָב אים איבערגעלייענט, האָט עס געמאַכט אויף מיר אַ געמישטן אײַנדרוק, אי אַ גוטן, אי אַ שלעכטן, אַזוי אַז איך געפֿין מיך באמת אין פֿאַרלעגנהייט אײַך אַרויסצוזאָגן מײַן מיינונג, כאָטש איר מעגט דערמיט ניט מסכּים זײַן.

דער גוטער אײַנדרוק פֿון אײַער אַרטיקל איז דאָס, וואָס ער איז אָנגעשריבן געוואָרן קלאָר און זאַכלעך, אַזוי אַז בעסער קאָן מען, דוכט זיך, גאָרניט ווינטשן, אַחוץ אפֿשר אין עטלעכע שפּראַכלעכע אויסדרוקן וואָס מע וואָלט נאָך גע־דאַרפֿט אויסבעסערן. און ווײַטער וואָס ס'איז שייך דעם אינהאַלט, דער זאַך גופֿא, איז דאָך עס דער רעזולטאַט פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿאָלקלאָריסטישע פֿאָרשונג, און ניט נאָר פֿון איינעם, נײַערט פֿון הונדערטער פֿאָרשער אויף דעם דאָזיקן געביט. מוז דאָך עס שוין ממילא זײַן גוט, וואָס גוט קאָן נאָר הייסן.

ווייסט איר דאָך אָבער, אַז „גוט" איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, מחמת אונטער אַנדערע אומשטאַנדן און בײַ אַנדערע מענטשן קאָן די דאָזיקע „גוטסקייט" אויס־קומען „שלעכט" אָדער ניט אין גאַנצן גוט. און ס'איז בײַ מיר אַזוי אויסגעקומען, נאָך דעם ווי איך האָב גאָר דערוואַרט פֿון אײַך אַן אָריגינעלן אַרטיקל; אָט ווי קליין און ווי ניט־שלימותדיק עס זאָל ניט געווען זײַן, וואָלט עס דאָך פֿאַר אונדז אַ סך, אַ סך מער ווערט געהאַט, ווי די בעסטע איבערזעצונג פֿונעם בעסטן ווערק. ווילן מיר דאָך עפּעס אויפֿבויען אַן אייגענע פֿאָלקספֿאָרשונג אויף ייִדיש, אַן אָריגינעלע, אָט ווי אומבאַטײַטיק זי זאָל ניט זײַן לגבי אַנדערע.

געוויס פֿאַרשטיי איך, אַז אײַער אַרטיקל איז ניט געמיינט פֿאַר געשולטע פֿאָלקלאָריסטן אָדער פֿאַר די אינטעליגענטערע לייענער פֿון די ייִוואָ־בלעטער, וואָס דערוואַרטן דאָרט צו געפֿינען אָריגינעלע אַרבעטן, מער אָדער ווייניקער, נאָר פֿאַר זאַמלער וואָס קלײַבן „די פּערל פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־אוצר" אאַז"וו. פֿאַר די וואָס אין זייער „טאָג־טעגלעכער זשמודנער זאַמלער־אַרבעט" מאַטערן כּסדר ספֿקות, צי איז באמת נייטיק צו פֿאַרשרײַבן דאָס, וואָס ער האָט אָקערשט געהערט, צי האָט עס טאַקע אַ ווערט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, און אויב יאָ, וואָס איז דער זינען דערפֿון? *

* אין אַ בריוו צו כּהנען קלערט כאַיעס אויף:
„דעם ווינטער האָב איך געהאַט אַ ציקל שמועסן אויף דער טעמע אין ווילנער ייִדישן

האָב איך אָבער מורא, אַז פֿאַר די דאָזיקע זאַמלער וועט אײַער גוט גע־מיינטער אַרטיקל האָבן גאָר אַ פֿאַרקערטע ווירקונג, נאָך דעם ווי זיי וועלן אים האָבן איבערגעלייענט און פֿאַרשטאַנען. די פֿאַרשטענדיקערע פֿון זיי וועלן זיך געוויס טראַכטן: אויב אַזוי, אויב מען ווייסט שוין אַלץ, פֿון וואַנען ס'האָבן זיך גענומען אונדזערע מינהגים, סגולות און זאַבאָבאָנעס, און די וויסנשאַפֿט האָט שוין אויסגעפֿונען זייער ריכטיקן זינען — הײַנט צו וואָס דאַרף מען נאָך זאַמלען? וואָס וועט שוין אַרויסקומען דער וויסנשאַפֿט דערפֿון, אַז מע וועט איר אונטערטראָגן נאָך אַ ביסל פֿאַקטן, אַז סײַ ווי סײַ איז שוין די זאַך אַ קלאָרע און אַ באַשטימטע?

וואָס זאָלן מיר די דאָזיקע אָרעמע זאַמלער ענטפֿערן דערויף? אָסור אויב איך ווייס. אפֿשר ווייסט איר? אַדרבא, שרײַבט אָן אַן אַרטיקל וועגן דעם. און אָט דאָס וואָלט בײַ מיר געהייסן אַן אָריגינעלע אַרבעט, מחמת איר וואָלט גע־מוזט אַליין זוכן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, און צי איר וואָלט אים יאָ געפֿונען אָדער ניט, אינטערעסאַנט און ניצלעך וואָלט עס געוויס געווען.

פֿרייזערס פֿאַרקירצטע אויסגאַבע פֿונעם גאָלדענעם צווײַג איז, ווי עס ווײַזט אויס, ניט געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר פֿאָרשער, נײַערט פֿאַר סתּם לייענער, רײַכע און מיטלקלאַסיקע ענגלענדער און אַמעריקאַנער, וואָס זיצן זיך אין זייערע ווייכע פֿאָטעלן און ווילן בשעת־מעשׂה וויסן, פֿון וואַנען ס'האָבן זיך גע־נומען די פֿאַרשיידענע אָבערגלויבנס און מינהגים. עס איז אַ וועג וואָס רעגט ניט אָן צו ווײַטערדיקער פֿאָרשונג, נײַערט עס באַרויִקט און שטעלט צופֿרידן, ווײַל אַלץ איז שוין דאָרט באַשטימט און זיכער און אויסגעפֿאָרשט ביז צום סאַמע גרונט. עס איז דעריבער אויך ניט פּאַסיק פֿאַר אונדזער „פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק" וואָס וועט דאַרפֿן מיט אירע ווערק אָנרעגן צו ווײַטערדיקער פֿאָרשונג, און דער עיקר אויפֿן ייִדישן געביט.

יאָ, מיר דאַרפֿן אָנהייבן מיטן ייִדישן פֿאָלקלאָר און אויסלאָזן מיטן אַלגע־מיינעם אין דער ווײַטערדיקער אויספֿאָרשונג. איר האָט די בעסטע געלעגנהייטן צו טאָן אַזאַ מין אַרבעט, איר האָט פֿאַר זיך אַ מאַסע מאַטעריאַל, רויען און ניט־באַאַרבעטן, אַנטלויפֿט איר גאָר צו פֿאַרטיקע רעזולטאַטן.

מיר דאַרפֿן וויסן, פֿון וואַנען די ייִדישע מינהגים און אָבערגלויבנס האָבן זיך גענומען. צי זײַנען זיי אייגענע, געירשנטע פֿון פֿריִערדיקע דורות? אָדער פֿרעמדע, גענומען פֿון די שכנישע פֿעלקער אַרום? אויב יאָ, טאָ אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן דריקן זיי זיך בײַ אונדז אויס? וואָס איז זייער נאַציאָנאַלע כאַראַק־

סעמינאַר און אויפֿן סמך פֿון די שמועסן האָב איך צונויפֿגעשטעלט דעם אַרטיקל. מיר איז געגאַנגען דער הויפּט אין דעם: אין צענדליגער בריוו פֿרעגן זיך די זאַמלער אויף זייערע מאַטעריאַלן, צי זיי האָבן אַ ווערט. איך ענטפֿער אַז יאָ, אָבער איך האָב אין בריוו ניט די מיגלעכקייט זיי צו דערקלערן, וווּ ליגט די וויכטיקייט פֿון די מאַטעריאַלן. האָב איך זיי דאָ געוואָלט ווײַזן אויף אַ פּאָר בײַשפּילן און באַקענען מיט די פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'זײַנען אויפֿגעבויט די פֿאָלקסגלייבונגען".

כאַיעסעס אַרטיקל איז ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

טעריסטיק? ווי אַזוי שפּיגלען זיי זיך אָפּ אין דער רעליגיעזער ייִדישער ליטעראַטור? בײַ חסידים און בײַם פּראָסטן פֿאָלק? צי געפֿינען זיי זיך נאָך בײַ די אויפֿגעקלערטע אַרבעטער־מאַסן און צי בײַ משׂכּילים און אויפֿגעקלערטע אויך? וואָס פֿאַר אַ פֿאָרעם האָבן די מינהגים און פֿאָלקסגלייבונגען דאָרט אָנגענומען?

אָט האָט איר דאָ אַ צענדלינג פֿראַגעס, אויף וועלכע מע דאַרף זוכן אַן ענטפֿער, און אָט האָט איר אַ צענדלינג ענטפֿערס צו די אַרײַנגעטוענע זאַמלער וועלכע ווערן כּסדר געמאַטערט מיט ספֿקות, צי זייער אַרבעט האָט עפּעס אַ ווערט.

איר האָט אָנגעהויבן אײַער אַרטיקל זייער גוט, טאַקע לויט דעם וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָלקלאָריסטישן מעטאָד, פֿון דער אייגענער סבֿיבֿה פֿריִער, אָבער באַלד זײַט איר אַריבערגעשפּרונגען צו פּרימיטיווע פֿעלקער, דורכלאָזנדיק די שכנישע פֿעלקער, דורכלאָזנדיק די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור, וואָס זיי וואָלטן אײַך געקאָנט געבן זייער אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן פֿאַר אַן אָריגינעלער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. איך שטעל מיר פֿאָר, וואָס פֿאַר אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט דאָס וואָלט געווען, ווען איר געפֿינט בײַ די פּאָליאַקן, ליטווינער, דײַטשן א״אַנד ענלעכע מינהגים און גלייבונגען ווי בײַ דעם רבין ר׳ בער און בײַ ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער. דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אמתע וויסנשאַפֿטלעכע אַנטדעקונג, דאָס וואָלט דאָך דעם עולם געעפֿנט די אויגן, עס וואָלט דאָך פֿון זיך אַליין גערעדט: נאַט, זעט, וואָס פֿאַר אַ יחסנים מיר זײַנען! מיט וואָס האָבן מיר זיך דאָ איבערצונעמען? און פֿון דער אַנדערער זײַט: מיט וואָס זײַנען יענע בעסער? יענע וואָס קוקן אויף אונדז אַרונטער?...

2

ניו־יאָרק, 31/IX/18

מײַן ליבער ח׳ כאַיעס!

ס׳איז שוין באמת צײַט געווען צו ענטפֿערן אויף אײַערע בריוו און אײַך אַרויסזאָגן מײַן מיינונג וועגן די לידער־מאַטעריאַלן וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. כ׳האָב געוויס ניט געדאַרפֿט האָבן אַזאַ לאַנגן יישובֿ־הדעת אַרויסצוזאָגן מײַן מבֿינות, נאָר פּשוט ס׳האָט געפֿעלט אַ ביסל פֿרײַערע צײַט.

און איצט, אַז זי איז געקומען, באַנוץ איך מיך מיט דער געלעגנהייט.

די 5 לידער פֿון דער ערשטער שיקונג זײַנען אַלע גוט, אָבער דאָס 6טע — ניט. איר זײַט געוויס גערעכט, ווען איר רופֿט עס אָן „געמלאָכהט". עס פֿרעגט זיך נאָר, צו וואָס דאַרף מען עס פֿאַרשרײַבן? ס׳איז דאָך אַ שאָד די אַרבעט.

אונדזער אויסגעצייכנטער זאַמלער א. באַסטאָמסקי האָט שוין באַדאַרפֿט דערשפּירן, אַז אַ ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט אַזאַ סטראָפֿע ווי:

> גנעווען איז אַ מאָל אַ רײַטער,
> געהאַט די וועלט באַרײַזט:
> ער האָט פֿאַר זיך אַ פֿרוי געזוכט
> נאָך זײַן געשמאַקן גײַסט

איז ניט פֿאָלקסטימלעך אַפֿילו, און ניט נאָך דעם „געשמאַקן גײַסט" פֿון אַן עכט פֿאָלקסליד. דאָס איז אַ שלעכטע באַאַרבעטונג פֿון דעם באַקאַנטן רעטעניש־ליד „דו מיידעלע, דו פֿײַנס". אין אַזאַ פֿאַל, ווען עס קומט מיר אַ מאָל אויס צו הערן אַזאַ געמאַכט אָדער געמלאָכהט ליד, דריי איך מיך אַרויס מיט עפּעס אַ תּירוץ און פֿאַרשרײַב עס ניט, ווײַל צו וואָס פֿאַרלירן אומזיסט צײַט און אַרבעט?

און אַ מאָל זאָג איך גאָר פּשוט: ס׳איז ניט קיין פֿאָלקסליד, נאָר עפּעס אַ ליטעראַרישע נאָכמאַכונג. ס׳מעג אַפֿילו זײַן שיין געזונגען, אָבער ניט דאָס זוך איך.

אַחוץ דעם: פֿאַר וואָס זאָלן מיר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל ניט קענען אויסשיידן פֿון אונדזערע זאַמלונגען דאָס נאָכגעמאַכטע, דאָס געקינצלטע, יאָ, מען קען אַפֿילו זאָגן — דאָס גראַפֿאָמאַנישע פֿון אונדזער פֿאָלקסשאַפֿונג?

נאָר לאָמיר די פֿראַגע איצט ניט באַרירן.

וועגן דעם נומ׳ 3 קאָן איך מיט אײַך ניט אײַנשטימען, אַז עס זעט אויס אַזוי צעקאַליעטשעט ווי נומ׳ 6. ס׳איז גאָרניט קיין פֿאַרגלײַך. דער נומ׳ 3 איז דווקא אַ גאָר נישקשהדיק פֿאָלקסליד; עס איז אַ געמיש, אַ פֿאַרשמעלצונג פֿון עטלעכע לידער, אָבער אַזוי נאַטירלעך, וואָס נאָר דער פֿאָלקסגעדאַנק קאָן עס שאַפֿן.

נומ׳ 4 — איז אויסגעצייכנט. ס׳איז אַ פֿולער וואַריאַנט צו דעם נומ׳ 4 פֿון מײַן „נײַע זאַמלונג" אין פּנקס.

און איצט וועגן דער צווייטער שיקונג, פֿונעם 24סטן אויגוסט.

נומ׳ 1־2. גאָר נישקשהדיקע לידער, דערפֿאַר איז אָבער נומ׳ 3 — אַ שטיק גראַפֿאָמאַניע. יאָ, ניט אומזיסט האָט איר אונטערגעשטראָכן די אַלע שורות און ווערטער, כּדי איך זאָל זען, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע גראַפֿאָמאַניע דאָס איז:

> דער ווינט, דער ווינט דער בייזער,
> ער פֿײַפֿט מיט גרויס געפֿיל (פֿון אײַך אונטערגעשטראָכן)

אָדער:

> דו גיי, מײַן קינד, שוין שלאָפֿן,
> איך וויל דיר זינגען אַ שיר,
> אַ שיר פֿון דעם בית־עולם,
> פֿון הונגער און פֿון קעלט.
> דאָ כאַפּט מיר אָן אַ יאָמער,
> ס׳איז גאָרניט ווײַט פֿון פֿעלד.

אָט די לעצטע צוויי פֿערזן האָט איר מסתּמא פֿאַרגעסן אונטערצושטרײַכן, אַזוי ווי איר האָט דאָס געטאָן אין דער לעצטער סטר׳:

> ער זאָגט, ער וויל אײַך ניט קענען,
> אײַך מיט אײַער קליינע קינד;
> אין דרויסן טוט דאָך דרייען
> אַ שטורעם מיט אַ ווינט.

דאָס איז שוין איין מאָל אַ שיר, פֿון שיר־השירים... להבֿדיל.

דערפֿאַר איז אָבער „דער אָרעמער העזעלע” וואָס באַסטאָמסקי דער יינגע־רער האָט געבראַכט פֿון לײַבישאָק גאָר אַן אַנטיק, טאַקע אַן אמתער. כ׳בין ממש נתפּעל געוואָרן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ וואַריאַנט צו דעם זעלביקן ליד וואָס איך האָב פֿאַרשריבן אין ווילנע, מיט אַ יאָר 36 צוריק בערך (פֿ״גל מײַנע יודישע פֿאָלקסליעדער ב׳ וו, ז׳ 249). דאָס איז דאָך דאָס סאַמע ערשטע ליד וואָס האָט מיר געגעבן דעם ערשטן, ממשותדיקן אָנהייב פֿאַר מײַנע ווײַטער־דיקע זאַמלונגען. און אָט דער דאָזיקער אַנטדעקטער וואַריאַנט ווײַזט שוין אַן די סבֿיבֿה, ווו מען דאַרף זוכן די עלטערע און עכטערע פֿאָלקסלידער.

וועגן דעם קליינעם זאַמלערפֿאָנד וואָס איר שלאָגט פֿאָר בין איך באמת אין אַ פֿאַרלעגנהייט. ס׳איז טאַקע זייער אַ נייטיקער פֿאָנד, אָבער אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז גאָר שווער צו ריידן מיט עמעצן וועגן דעם ענין. ס׳איז פּשוט אוממעגלעך צו קריגן פֿון עמעצן כאָטש דעם קלענסטן בײַטראָג. קומט אויס, אַז איך זאָל אַליין פֿינאַנצירן דעם פֿאָנד. איז דאָס אָבער פֿאַר מיר אויך זייער שווער. ס׳איז אָבער נאָך שווערער אָפּצולייגן. דעריבער שיק איך אײַך מײַן טשעק אויף 10 דאָלאַר, אויפֿן נאָמען פֿון אינסטיטוט, כּדי ס׳זאָל אײַך לײַכטער זײַן דאָס אויסצובײַטן אויף מזומן. און זאָל דאָס זײַן דערווײַל אַ קליינער אָנהייב פֿון דעם זאַמלערפֿאָנד.

איך בעט אײַך איבערגעבן ח׳ באַסטאָמסקין מײַן האַרציקסטן דאַנק פֿאַר זײַן בריוול און פֿאַר זײַנע אויסגעצייכנטע זאַמלונגען. איך לייג אויף אים גרויסע האָפֿענונגען ווי אויף אַן ערשטקלאַסיקן זאַמלער... מען קאָן אים לײַכט פֿאַר־בײַטן צוליב זײַן נאָמען מיט ש. באַסטאָמסקין. איך וועל אים רופֿן דערפֿאַר „באַס־טאָמסקי דער יינגערער”.

... אויב איר דאַרפֿט האָבן די אַלע צוגעשיקטע לידער פֿון באַסטאָמסקיס זאַמלונגען, טאָ שרײַבט מיר, וועל איך זיי צוריקשיקן. אויב ניט טאָ זאָלן זיי בעסער בײַ מיר פֿאַרבלײַבן, זיי קאָנען אפֿשר אַ מאָל צו ניץ קומען פֿאַר אַן אַרבעט.

מיר וואָלטן זייער נייטיק געדאַרפֿט האָבן אַ קליינעם פֿאָלקלאָריסטישן „זשורנאַלטשיק” כאָטש פֿון אַ 16 זײַטן אַ העפֿט, ווו מען זאָל קאָנען אַזעלכע זאַמלונגען ווי באַסטאָמסקיס ביסלעכווײַז פֿאַרעפֿנטלעכן. אין אַזאַ קליינעם זשור־נאַל וואָלטן אויך געקאָנט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן קלענערע פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעטן וואָס פּאַסן זיך ניט פֿאַר די ייִוואָ־בלעטער, צב״ש באַמערקונגען צו איינצלנע לידער, מעשׂיות, אָבערגלויבנס אאַז״וו. אַחוץ פֿראַגעס און ענטפֿערס צו זאַמלער, אַנקעטעס, אינסטרוקציעס, מוסטערן פֿון צוגעשיקטע זאַמלונגען, קריטיק, קאָמענטאַרן, און בכלל וועגן אַלע אינעווייניקסטע ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צו אונדזער פֿאָלקלאָריסטיק.

יאָ, מיר וואָלטן באַדאַרפֿט — אָבער אין אַזאַ שווערער צײַט איז גאָר אַ מורא צו טראַכטן דערפֿון. מען דאַרף אָבער האָפֿן, אַז ווי נאָר די צײַט וועט ווערן אַ ביסל בעסער וועט זיך לאָזן מיט גאַנץ קליינע הוצאות אַרויסגעבן

אַזאַ קליינעם ניט־פּעריאָדישן זשורנאַלכל וואָס מיר זאָלן קאָנען צעשיקן צו אונדזערע זאַמלער און מיטאַרבעטער. און אַ מאָל וועט אפֿשר פֿון אַזאַ קליניקייט אויסוואַקסן אַ גאַנץ גרויסע זאַך. לאָמיר האָפֿן...

און ניט געקוקט אויף מײַנע פֿאַרשפּעטיקטע ענטפֿערס, שרײַבט מיר פֿון דעסט וועגן אָפֿטער און נעמט ניט פֿאַר אומגוט מײַן פֿאַרשפּעטיקונג.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער

י. ל. כהן

3

ניו־יאָרק, 1/III/[32]

טײַערער חבֿר כאַיעס,

... ס׳האָט מיך זייער געפֿרייט, וואָס מײַן מיינונג וועגן דעם יונגן באַס־טאָמסקיס זאַמלונגען האָט געמאַכט אויף אײַך אַ גוטן אײַנדרוק. דאַנקען פֿאַר מײַן צושטײַער איז איבעריק. הלוואַי וואָלטן די צײַטן געווען אַ ביסל בעסערע, וואָלט אפֿשר גאָרניט שווער געווען צו שאַפֿן אַ באַשטענדיקן פֿאָנד פֿאַר אונדזער זאַמל־אַרבעט. אָבער איצט איז גאָר אוממעגלעך צו טראַכטן דערפֿון, פּשוט צוליב דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס וואָס האָט אַלע אונדזערע הילפֿאַקציעס פּאַראַליזירט.

איר וועט דאָ געפֿינען דאָס גאַנצע מאַטעריאַל וואָס איר האָט מיר געהאַט צוגעשיקט, די לידער און די מעשׂיות. וועגן די לידער האָב איך, דוכט זיך, אײַך שוין געשריבן.

ח׳ פּיפּעס געזאַמלטע מעשׂיות האָבן אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן ווערט. צוויי זײַנען זייער גוט, האָב איך זיי באַצייכנט מיט OK. די איבעריקע זײַנען אָבער ניט קיין עכטע פֿאָלקס־מעשׂיות — ניטאָ אין זיי קיין סימן פֿון דעם מינדלעכן דער־ציילערישן פֿאָלקססטיל; ניטאָ קיין טראַדיציאָנעלער „מערכען־מאָטיוו” וואָס מיר געפֿינען לרובֿ אין יעדער עכטער פֿאָלקס־מעשׂהלע. איך ווייס באמת ניט, מיט וואָס פֿאַר אַ נאָמען זיי אָנצורופֿן...

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די נײַערע דערציילער וואָס מיינען, אַז זיי קענען פֿאָלקס־מעשׂיות און אין דער אמתן זײַנען דאָס ניט מער ווי צעצויגענע פֿאָלקס־מסורות און דערצו נאָך שלעכט דערציילט. צב״ש: „ווי אַזוי ייִדן זײַנען ניצול געוואָרן פֿון אַ גזרה” א״אַנד. עס איז דאָ ניט דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּצושטעלן וועגן דעם, אפֿשר אַן אַנדערש מאָל. בקיצור, איך שטים אײַן מיט אײַער מיינונג, אַז די דאָזיקע מעשׂיות זעען אויס ווי אַרויס־געלייענט פֿון ראָמאַנען אָדער פֿון אַלטע מעשׂה־ביכלעך. ס׳איז אָבער זיכער, אַז די „מעשׂה פֿון די מלכּה שבֿאָ” האָט זיך אַפֿילו אין מעשׂה־ביכל ניט אָנגע־פֿאַנגען אַזוי כּלומרשט ליטעראַריש: „אַ ײַדענער יונגער־מאַנטשיק איז אַ מאָל שבת נאָך מיטאָג אַרויסגעגאַנגען אונטער די שטאָט שפּאַצירן. ווי ער איז אַזוי געגאַנגען, איז ער פֿאַרקראָכן אין וואַלד אַרײַן.”

ס'איז שווער צו קריגן דעם אמתן דערציילער, אַט אַזאַ למשל ווי דעם הערש וואָלאַך וואָס האָט דערציילט דאָס קינדער־מעשׂהלע פֿון „דזשאַטקאַלע־באַבקאַלע" אָדער פֿון דעם „שפּיגעלע". ס'וואָלט כּדאַי געווען, אַז ח' פּיפּע זאָל נאָך אַ מאָל אויפֿזוכן דעם דאָזיקן דערציילער און פּרוּוון אַרויסקריגן פֿון אים נאָך מעשׂיות.

„אַ מעשׂה פֿון אַ פֿישער": „ס'אַ מאָל געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס ער האָט געהאַט 24 געוועלבער און איין איינציקן זון". דער דערציילער האָט אַוודאי געמיינט, אַז מיט דער דאָזיקער ניט־געגראַמטער גוזמא וועט ער מאַכן אַ געוואַלטיקן אײַנדרוק אויפֿן צוהערער. און אַזוי אין דער גאַנצער מעשׂה, בלויז גוזמאָות אָן אַ ברעקל פֿאַנטאַזיע, איבעריקע רייד, אומנייטיקע אויסטײַטשונגען אאַז"וו.

„ווי אַזוי אַ מיידל דערציילט" איז ניט קיין ליד און ניט קיין מעשׂה, נאָר סתּם עפּעס אַ פּלוידערײַ פֿון אַ קליינשטעטלדיקן אַקטיאָר. דער לשון דערמאָנט אין דער „הגדה פֿון יעקינא". ווייס איך באמת ניט, צו וואָס פֿאַר אַ קאַטעגאָריע דאָס געהערט. מען קאָן דאָס אפֿשר אַרײַנשטעלן צווישן די פּאַראָדיסטישע פּורים־לידער. קיין אַנטיק איז דאָס ניט.

די איבעריקע קלענערע זאַכן זײַנען אַלע OK.

איר וועט אין דעם פּאַקעט געפֿינען דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. איך מיין, אַז דערמיט וואָלטן זיך געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן די שיקונגען. ס'איז באמת אַן איבעריקע אַרבעט. כ'האָב אײַנגעזען, אַז אונדזערע מיינונגען וועגן די אַלע זאַכן שטימען כּמעט אין אַלע פּרטים, ס'הייסט — מיר זײַנען גלײַכע מבֿינים. הײַנט צו וואָס אַרײַנלייגן אַזוי פֿיל אומזיסטע אַרבעט?

געוויס איז נייטיק, אַז מיר זאָלן זיך פֿון צײַט צו צײַט מישבֿ זײַן וועגן פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען אין אונדזער זאַמל־אַרבעט, דער עיקר טאַקע וועגן די צוגעשיקטע מאַטעריאַלן, ווי אַזוי צו סיסטעמאַטיזירן און פֿאַרעפֿנטלעכן. און דאָ קום איך ווידער צו דעם געדאַנק, ווי נייטיק ס'וואָלט פֿאַר אונדז געווען אַן אָנפֿאַנג פֿון אַ פֿאָלקלאָר־ליטעראַטור, כאָטש אין דער פֿאָרעם פֿון קליינע בראָשורן. ניט פֿאַר דער געלערנטער וועלט, נאָר טאַקע פֿאַר אונדזערע זאַמלער גופֿא. אָן דעם, דוכט זיך מיר, וועלן מיר ניט קאָנען פּראָגרעסירן אין אונדזער זאַמל־אַרבעט.

נאָר אפֿשר טאָר מען איצט גאָרניט טראַכטן וועגן דעם? פֿאַרענדיק איך דערמיט מײַן בריוול און האָף, אַז ער וועט אײַך טרעפֿן אין בעסטן געזונט.

מיט וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער י. ל. כּהן

4

34/1/29. אויף די פֿראַגעס וואָס איר באַרירט אין אײַער ערשטן בריוו האָב איך אײַך שוין טיילווײַז געענטפֿערט, נאָר אַזוי ווי איר באַרירט די זעלביקע פֿראַגעס נאָך אַ מאָל, וועל איך מסתּמא דאַרפֿן איבערחזרן דאָס וואָס איך האָב אײַך שוין געשריבן, נאָר אַ ביסל אויף אַן אַנדער אופֿן.

וועגן די „פֿאָלקלאָרהעפֿטן" * איז די תּשובֿה געווען, אַז דער אַמאָפּטייל האָט אײַער פּראָיעקט אַנטשיידן צוריקגעוויזן אויפֿן גרונט, וואָס דאָס רובֿ פֿון אונדזערע אַמעריקאַנער מיטגלידער און דער עיקר די יעניקע וואָס האָבן אין פֿאָרויס בײַגעטראָגן אַ היפּשע סומע געלט אויף אַרויסצוגעבן דעם באַנד [ייִדישער פֿאָלקלאָר] וועלן זיך פֿילן שרעקלעך אָפּגענאַרט, ווען מען זאָל זיי דאָס בוך צעטרענצלען אויף באַזונדערע העפֿטן וואָס וועלן אַרויס פֿון צײַט צו צײַט. ווײַטער וואָס ס'איז שייך מײַן אייגענער מיינונג וועגן אײַער פּראָיעקט, מיט וועלכן איר גלייבט ווידער אויפֿצולעבן די זאַמל־אַרבעט, קאָן איך אײַך זאָגן, אַז איך זע ניט אײַן די פּראַקטישע מעגלעכקייט דערפֿון. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָלט בלויז פֿון אַ „פֿאָלקלאָר־זשורנאַל" וואָס זאָל קאָנען העלפֿן אונדזער אַרבעט סײַ טעאָרעטיש און סײַ פּראַקטיש, אָבער ניט סתּם טרוקענע מאַטעריאַלן אָן שום קאָמענטאַר דערצו.

איך האַלט ניט, אַז די מאַטעריאַלן וואָס קומען אַרײַן אין דעם באַנד דאַרפֿן צעברעקלט ווערן אויף באַזונדערע העפֿטן, וואָרעם די רעזולטאַטן וואָס איר דערוואַרט פֿון איינצלנע העפֿטן קאָנען דאָך פֿאַרצענפֿאַכט ווערן, ווען מען זאָל אַרויסגעבן די אַלע מאַטעריאַלן מיט אַ מאָל ווי אַ „פֿאָלקלאָרבוך", מיט אַ פֿאַסיקן אַרײַנפֿיר און מיט באַמערקונגען. נאָר דעם אמת געזאָגט האַלט איך ניט דערפֿון, אַז דער באַנד זאָל העלפֿן באַנײַען אונדזער זאַמל־אַרבעט וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב גאַנץ אַנדערע סיבות, וועגן וועלכע איך קאָן דאָ איצט ניט רעדן. נאָר פֿון דעסט וועגן וויל איך דאָ אויפֿנעמען אַ פּאָר אַרגומענטן אײַערע מכּוח דער „פֿאָלקלאָר־ביבליאָטעק" אָדער פֿאָלקלאָרהעפֿטן, אויף וועלכע איר לייגט די גאַנצע גאולה.

איר שרײַבט מיר, נעמלעך, אַז „די מעלות פֿון אַזעלכע העפֿטן: 1) געבן פֿאַרטיקע מאַטעריאַלן. אַ פֿאָלקסמענטש וועט בײַם לייענען זיי דערמאָנען זיך ענלעכע; דער זאַמלער וועט האָבן שטאָף, מיט וועלכן ער וועט קענען אַרײַנפֿירן דעם דערציילער אין אַ געהעריקער דערציילערישער שטימונג; 2) דער זאַמלער זעט געדרוקט זײַנע מאַטעריאַלן, ער זעט מוסטער־אַרבעטן פֿון אַנדערע זאַמלער, דאָס גיט אים צו חשק ווײַטער פֿירן די אַרבעט".

* אין ניט קיין דאַטירטן בריוו צו כּהנען (דעצעמבער 1933?) שרײַבט כאַיעס: „...איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן אַ נײַער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַ „ביבליאָטעק פֿונעם פֿאָלקלאָר־זאַמלער". דער פּלאַן איז אָנהייבן אַרויסגעבן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אין העפֿטן. איך בוי זייער שטאַרק אויף דעם אופֿן פֿון אַרבעט. ס'וועט געבן אַ שטויס צו אַ נײַער זאַמל־אַרבעט וואָס איז שוין פֿון אַ יאָר פֿיר כּמעט ווי אָפּגעשטעלט... אפֿשר וועט אונדז געלינגען צו אָרגאַניזירן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די העפֿטן און ווידער אַרײַנגעבן חשק דער ייִדישער פּראָווינץ זיך אַ נעם צו טאָן צו דער אַרבעט... און די אַרבעט וועט אויך געווינען. אויפֿן סמך פֿון די אַרויסגעגעבענע מאַטעריאַלן קענען מיר אַרײַנבאַקומען נײַע. דער זאַמלער וועט זען באַשײַמפּערלעך, ווי אַזוי ס'זעט אויס דער מאַטעריאַל וואָס מע פֿאָדערט פֿון אים. ער וועט זוכן פּאַראַלעלן, ער וועט האָבן אויף וואָס זיך צו לערנען... אויב אַ זאַמלער וועט צושיקן אַ גוטע באַשרײַבונג פֿון אַ חתונה למשל, וועלן מיר אַרויסגעבן אַ העפֿט ייִדישע חתונות. די דאָזיקע העפֿטן וועלן דאַרפֿן אונדז פֿאַרבײַטן דעם פֿאָלקלאָר־זשורנאַל, וועגן וועלכן מיר חלומען..."

דאָס קאָן זיך זײַן גאַנץ ריכטיק, דאָס וועט אפֿשר אַ ביסל העלפֿן אין דער זאַמל-אַרבעט, אָבער די רעזולטאַטן פֿון אַזאַ זאַמל-אַרבעט, די מאַטעריאַלן, האָב איך מורא, וועלן שוין גאָרניט זײַן פֿון די שטאַרק געווונטשענע. וואָרעם אויב דער פֿאָלקסמענטש וועט פֿאַר זיך אַליין לייענען אָט די דאָזיקע מעשׂיות, קאָן גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז ער זאָל דערנאָך פֿאַר דעם זאַמלער איבערדערציילן דאָס וואָס ער האָט פֿריִער געלייענט. ער וועט אפֿשר איבערדערציילן אַ ביסל אַנדערש, מחמת פֿון זכרון, און אויך אויף אַן אַנדער אופֿן; ער וועט אפֿשר פֿאַרגעסן אַ פּאָר איינצלהייטן, געוויסע פּרטים אָדער מאָטיוון, ער וועט אפֿשר אויך צוגעבן אַ פּאָר אַנדערע פֿון אַנדערע מעשׂיות, אָבער דער רעזולטאַט וועט זײַן די אייגענע מעשׂיות וואָס ער האָט נאָר וואָס געלייענט. פֿאַר דעם זאַמלער, און בעיקר פֿאַר דער פֿאָרשונג, וועט אָבער אַזאַ מין מאַטעריאַל ניט האָבן קיין ברעקל ווערט. אַגבֿ וואָלט דאָס פּשוט געהייסן געבן דעם פֿאָלקסמענטש אַ געלעגנהייט אָפּצונאַרן, ניט-ווילנדיק, דעם זאַמלער. אמת ניט אַלע פֿאָלקס-מענטשן וואָלטן דאָס געטאָן, נאָר אויב עס קאָן אַ מאָל זײַן אַ חשד, אַז די אָדער יענע מעשׂה איז איבערדערציילט געוואָרן פֿון ביכל אַרויס, איז צו וואָס די גאַנצע אַרבעט?

איך קאָן אײַך פֿאַרזיכערן, אַז 99 פּראָצענט פֿון די פֿאָלקסמענטשן, בײַ וועמען איך האָב פֿאַרשריבן מײַנע אַלע פֿאָלקסלידער און פֿאָלקס-מעשׂיות, האָבן אויף זייער לעבן קיין פֿאָלקלאָר-זאַמלונג אַפֿילו אין די אויגן ניט אָנגעזען, און פֿון דעסט וועגן האָבן זיי מיר גערנוויליק געזונגען און דערציילט, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט און געוווּסט. און אויב כ'האָב אַ מאָל געדאַרפֿט געבן אַ מוסטער, האָב איך דאָס געגעבן פֿון זכרון און ס'איז גענוג געווען, אַז יענער זאָל כאַפּן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, וואָס פֿאַר אַ סאָרט מעשׂיות איך זוך.

ווײַטער וואָס ס'איז שייך אײַער צווייטן אַרגומענט, דוכט זיך מיר, אַז אין דעם „פֿאָלקלאָרבוך" זײַנען פֿאַראַן זייער ווייניק גוטע „מוסטער-אַרבעטן" וועלכע מיר זאָלן קאָנען מיט אַ ריינעם געוויסן רעקאָמענדירן טאַקע ווי אמתע מוסטער-אַרבעטן פֿאַר אַנדערע זאַמלער. איך האָב מורא, אַז איר שאַצט שוין אַ ביסל צו פֿיל איבער די קוואַליפֿיקאַציעס פֿון אונדזערע זאַמלער וועלכע זײַנען נאָך אַלעמען ניט מער ווי דילעטאַנטן אויף דעם דאָזיקן געביט. כ'מיין, אַז זיי וואָלטן זיך נאָך געדאַרפֿט אַ היפּש ביסל צולערנען, אָבער ניט אויפֿן סמך פֿון רוי-מאַטעריאַלן, נאָר דורך טעאָרעטישע אַרטיקלען און דער עיקר דורך אַ קריטישן אַנאַליז פֿון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן. אָבער דאָס וואָלט מען געקאָנט דערגרייכן דורך אַ פּעריאָדישער שריפֿט, דורך אַ פֿאָלקלאָר-זשורנאַל. אָבער דאָס איז שוין ווידער אַ גאַנץ ווײַטלויפֿיקע זאַך.

נאָר אויב איך האַלט זיך בײַ דאָס אײַעריקע, אַז נאָר אַ באַזונדער זאַמלונג פֿון מעשׂיות קאָן העלפֿן דער אַרבעט, טאָ וואָס איז דער מער מיט מײַן זאַמלונג? דוכט זיך, ניט קיין ערגערע ווי די וואָס געפֿינען זיך בײַם ייִוואָ.

נאָר אַז עס האַלט שוין בײַ מײַנע פֿאָלקס-מעשׂיות, לאָמיר אײַך פֿאַרטרויען, אַז זיי האָבן ניט געבראַכט די געווונטשענע רעזולטאַטן, אויף וועלכע איך האָב

געהאָפֿט. די רעצענזיעס, אַחוץ איין אויסנאַם, האָבן מיך שרעקלעך אַנטוישט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס רובֿ רעצענזענטן ווייסן גאָרניט, מיט וואָס מען עסט עס און צו וואָס מען דאַרף עס, און דאָס איז באמת מײַן שולד, וואָרעם כ'האָב באַדאַרפֿט פֿריִער אָנשרײַבן כאָטש אַ פּאָר אַרטיקלען וועגן פֿאָלקס-מעשׂיות בכלל און באַזונדערס וועגן ייִדישע, כּדי דער עולם און גאָר באַזונדערס אונדזער אינטעליגענטער עולם זאָל כאָטש קריגן אַ שטיק השגה וועגן דעם ענין פֿאָלקס-מעשׂיות. אויב איר ווילט זיך איבערצײַגן, וואָס אונדזער אינטעליגענטער עולם ווייסט בײַ אונדז וועגן פֿאָלקלאָר און פֿאָלקס-מעשׂיות, טאָ נעמט, זײַט מוחל, און לייענט איבער די רעצענזיע, וואָס ח. ש. קאַזדאַן האָט אָנגעשריבן וועגן מײַן בוך אין דער וואָכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור (נומ' 22, 1931),* וועט איר זען, ווּ מיר האַלטן אין דער וועלט און וואָס מיר האָבן צו טאָן, כּדי אונדזערע פֿאָלקלאָר-אַרבעטן זאָלן ניט ווערן אַזוי אויסגעלאַכט און אַרונטערגעריסן.

איר זײַט גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז „אָן דער זאַמל-אַרבעט קען בײַ אונדזערע באַדינגונגען קיין שום וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט ניט געמאָלט זײַן". איר פֿאַרגעסט אָבער דערבײַ, אַז יעדער זאַמל-אַרבעט מוז פֿריִער האָבן עפּעס אַ שטיקל וויסנשאַפֿטלעכע צוגרייטונג, אָדער כאָטש אַ ביסל קענטעניש וועגן דעם שטאָף וואָס מען וויל זאַמלען. און דערצו דאַרף מען ווידער האָבן אַ זשורנאַל וואָס זאָל העלפֿן אַ ביסל אויסבילדן אונדזערע פּראָספּעקטיווע זאַמלער. אַזוי לאַנג ווי די אינטעליגענץ אונדזערע וועט זיך ניט נעמען צום פֿאָלקלאָר וועלן מיר ניט האָבן קיין פֿאָלקלאָר-ליטעראַטור, קיין פֿאָלקלאָריסטיק; און אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין פֿאָלקלאָריסטיק וועלן מיר ניט האָבן די פּאַסיקע זאַמלער וואָס זאָלן אויף זייער אייגענעם חשבון טאָן די אַרבעט, צו וועלכער זיי וועלן זיך פֿילן גענייגט, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען דער אויסדרוק פֿון זייער טאַלאַנט און לעבנס-באַרוף...

איך האַלט, אַז די זאַמל-אַרבעט איז בײַ אונדז באַלד פֿון אָנהייב אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פֿאַלשער באַזע. מען איז אַרויס פֿון דער הנחה, אַז יעדער איינער קאָן זאַמלען פֿאָלקלאָר, מען דאַרף אים בלויז באַזאָרגן מיט אַנקעטעס, וואָס ער זאָל זאַמלען, און דערנאָך וועט מען אַרויסגעבן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן, אָט אַזוי ווי זיי זײַנען אַרײַנגעשיקט געוואָרן, און — פּטור! וועגן צוגרייטן קוואַליפֿיצירטע זאַמלער, אַספּיראַנטן פֿאַר דער אויספֿאָרשונג פֿונעם געזאַמלטן מאַטעריאַל — וועגן דעם האָט מען גאָרניט געטראַכט, מחמת ס'איז אפֿשר גאָר קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז פֿאָלקלאָר איז אַזאַ וויכטיקער ענין...

איך האַלט, אַז אײַער פּלאַן צו סיסטעמאַטיזירן די מאַטעריאַלן פֿון די ייִדישע אָבערגלויבנס, זיטן און מינהגים איז נאָך אַ ביסל צו פֿריצײַטיק.** ס'איז

---

* זען זז' 251־252, 297.

** אין דעם אויבן ציטירטן בריוו שרײַבט כאַיעס: „דערווײַל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַבאַבאָנעס וועלן ניט קענען אַרײַנגיין אין דעם באַנד, ווײַל זיי אַליין פֿאַרנעמען אַ צען דרוקבויגן... איך האָב שוין געוואָלט וואַרפֿן די גאַנצע אַרבעט. דערווײַל איז מיר אויפֿגעקומען אַ געדאַנק אַרויסגעבן דעם אָבערגלויבן-

אַ פֿײַנע אידעע, אָבער מען דאַרף דערבײַ ניט פֿאַרגעסן, אַז די מאַטעריאַלן וואָס פֿאַרנעמען בלויז צען דרוקבויגן זײַנען ניט גענוג פֿאַר אַזאַ קאָלאָסאַלער אַרבעט. מיר טאָרן זיך ניט פֿאַרקוקן אויף אַזאַ מוסטער, ווי דער *Handwörterbuch des deutschen Aberglaubens* וואָס איז דער רעזולטאַט פֿון אַ הונדערטיאָריקער זאַמל־אַרבעט און פֿון הונדערטער געלערנטע פֿאָלקספֿאָרשער. נאָר מיר געפֿעלט אײַער פֿאַרנעם, כאָטש ער קומט מיר פֿאָר זייער פֿאַנטאַסטיש בײַ דער אָרעמקייט פֿון אונדזערע מאַטעריאַלן. און אין דער אמתן, צו וואָס דאַרפֿן מיר איצט האָבן אַ ווערטערבוך אָדער אַ קאַטאַלאָג פֿון אונדזערע אָבערגלויבנס, וואָס איר פּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן, אַז מיר האָבן נאָך ניט וואָס צו קאַטאַלאָגירן? און אויב מיר וואָלטן יאָ געהאַט, איז ווער דאַרף עס האָבן, וועמען קען עס אינטערעסירן? די פֿאָרשער פֿון אַזאַ מאַטעריאַל וואָס איז וויכטיק פֿאַר דער פֿאַרגלײַכנדיקער געשיכטע פֿון רעליגיעס זײַנען נאָך בײַ אונדז דערווײַל ניט געבוירן געוואָרן. דעריבער האָבן מיר נאָך צײַט דערמיט. מיר האַלטן דאָך נאָך איצט בײַם סאַמע אָנהייב, בײַם אַלף־בית פֿון אונדזער זאַמל־אַרבעט, אָבער ניט בײַ אַ ווערטערבוך פֿון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן לויטן אַלף־בית אָדער לויט די אָביעקטן און טוונגען.

אויב יאָ שוין עפּעס אַ סיסטעם אין די געזאַמלטע מאַטעריאַלן, געפֿעלט מיר טאַקע בעסער האָפֿמאַן־קרײַערס אײַנטיילונג, וועגן וועלכער איר שרײַבט מיר. כ'האָב זײַן אַרטיקל ניט געזען, אָבער פֿון די פּאָר בײַשפּילן וואָס איר ברענגט בין איך משער, אַז דאָס איז די בעסטע סיסטעם, אין וועלכער איר וואָלט זיך געדאַרפֿט האַלטן, אויב איר האָט דעם חשק און די געדולד צו טאָן אַזאַ אַרבעט. דעם מוסטער וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט פֿון אײַער „קאַטאַלאָג פֿון ייִדישע אָבערגלויבנס״ האָב איך גוט דורכגעקוקט.*ליידער אָבער האָב איך דערפֿון זיך ניט געקאָנט שאַפֿן קיין באַגריף, ווי אַזוי איך וואָלט אין דעם קאַטאַלאָג געקאָנט געפֿינען אַ געוויסן אָבערגלויבן, ווען איך זאָל אים דאַרפֿן האָבן. אָט נעמט טאַקע צום בײַשפּיל דעם גלויבן: „וואַסער אויפֿן פֿענצטער פֿאַרהיט פֿון אַ דונער״. לויט אײַער סיסטעם פֿון אָביעקטן און טוונגען ווייס איך ניט, צי איך וואָלט אים געקענט געפֿינען, וואָרעם די אָביעקטן „וואַסער״ און „פֿענצטער״ קומען דאָך פֿאָר אין הונדערטער אַנדערע אָבערגלויבנס, טאָ אונטער וואָס פֿאַר אַ וואָרט וואָלט איך עס געדאַרפֿט זוכן? יאָ, מיר געפֿעלט בעסער האָפֿמאַן־קרײַערס סיסטעם, כאָטש זי איז פֿאַר אונדז נאָך אויך אַ ביסל צו קאָמפּליצירט. מיר פֿאַרמאָגן ניט אַזאַ פֿאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל, און דעריבער וואָלט גענוג געווען פֿאַר אונדז אַ ווייניקער קאָמפּליצירטער קאַטאַלאָג. למשל: געבורט, קינדהייט, ליבע, תּנאָים, חתונה, טויט, קבֿורה, הויזלעבן, הויז־מינהגים אאַז״וו, און

מאַטעריאַל באַזונדער... ס'איז אַ שווערע אַרבעט, קודם די קלאַסיפֿיקאַציע־סיסטעמאַטיק... די אַרבעט איז נאָך שווערער צוליב דעם, ווײַל ס'איז אוממיגלעך צו באַקומען אין ווילנע ביכער, לויט וועלכע מען וואָלט געקענט צונויפֿשטעלן אַ ייִדישן באַנד אָבערגלויבנס, אַחוץ דעם 'האַנדווערטערבוך דעס דויטשען אַבערגלאַובענס'. אַחוץ דעם זײַנען אַ טייל געביטן אין אונדזער זאַמלונג זייער שוואַך באַאַרבעט — ס'איז פֿאַראַן זייער ווייניק מאַטעריאַל״.

* דער מוסטער פֿון דעם קאַטאַלאָג געפֿינט זיך אין י. ל. פּהנס אַרכיוו.

אויך פֿאַרשיידענע אונטעראָפּטיילונגען. און אָט פֿון די אַלע שלאָגווערטער אָדער רובריקן וואָס איך האָב דאָ אָנגעצייכנט, ווען איר קלײַבט אָפּ פֿון יעדן כאָטש אַ צען אָבערגלויבנס, ס'הייסט צען נומערן, און דערצו נאָך צו עטלעכע וואַריאַנטן פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן — וואָלט עס אַלץ צוזאַמען פֿאַרנומען אפֿשר אַ צוויי־דרײַ דרוקבויגן, און ווען איר מאַכט דאָס פֿאַרטיק פֿאַר אונדזער „פֿאָלקלאָרבוך״, וואָלט דאָס געווען גענוג דערווײַל ווי אַ מוסטער פֿון די מאַטעריאַלן וואָס געפֿינען זיך בײַם ייִוואָ. ווײַל אויך די לידער, מעשׂיות, מסורות, פּורים־שפּילן און אַנדערע מאַטעריאַלן וואָס וועלן אַרײַן אין דעם באַנד וועט מען דאַרפֿן באַצייכענען בלויז ווי „מוסטערן״ פֿון די מאַטעריאַלן וואָס געפֿינען זיך בײַ דער פֿאָלקלאָר־סעקציע...

[בריוו צו ש. ז. פּיפּען]

[צוגעגרייט צום דרוק דורך דעם אַדרעסאַט פֿאַר דער געפּלאַנטער ווילנער אויסגאַבע פֿון כּהנס כּתבֿים. די הערות מיט נומערלעך זײַנען ש. ז. פּיפּעס. אין < > זײַנען אַרײַנגענומען ווערטער וואָס זײַנען אין כּהנס בריוו געווען אויסגעמעקט.]

1

ניו־יאָרק, 20/XI/1935.

ליבער חבֿר ש. ז. פּיפּע,

אײַער בריוו פֿונעם 5טן אָקט׳ איז געווען פֿאַר מיר אַ פֿריידיקע איבערראַשונג. ס׳האָט מיך באמת געפֿרייט צו הערן, אַז איר געפֿינט זיך אין ווילנע אויף דער ד״ר שאַבאַד־אַספּיראַנטור, און אַז איר אַרבעט שוין אין דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע צוזאַמען מיט די חח׳ נחמה עפּשטיין און נ. ווײַניג. אַן אָנגענעמע, גוטע חבֿרותא, אַן אויסגעצייכנטע שול פֿאַר אַ יונגן פֿאָלקלאָריסט, בפֿרט נאָך אונטער ד״ר מ. ווײַנרײַכס השגחה. דאָס לאָזט זיך גאָרניט אָפּשאַצן!

איך גראַטוליר אײַך און ווינטש אײַך דעם גרעסטן דערפֿאָלג אין אײַער סטודיום.

אַן אַנדער אָנגענעמע איבערראַשונג איז פֿאַר מיר געווען אײַער זאַמלונג פֿון סאָניקער ליבעלידער, וואָס איך האָב גלײַכצײַטיק דערהאַלטן, הגם ד״ר ווײַנרײַך און ח׳ ז. רייזען האָבן מיר שוין פֿריִער געהאַט געשריבן וועגן דעם.* כ׳האָב מיך אָבער ניט גערעכנט אויף אַזאַ מין רײַכער, אינטערעסאַנטער זאַמלונג און דווקא פֿון גאַליציע. אַ שאָד נאָר, וואָס איר האָט מיר ניט צוגעשיקט אויך די אַנדערע מינים פֿון אײַערע קאָלאָסאַלע זאַמלונגען.

וועגן אײַער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג בלויז פֿון ליבעלידער, וואָס זאָל פֿאַרנעמען אַרום 10 דרוקבויגן, האָב איך מיט זיך אַליין געהאַט אַ לאַנגן יישובֿ־הדעת און בין געקומען צום שלוס, אַז דאָס וועט ניט מאַכן דעם געהעריקן אײַנדרוק בײַ הײַנטיקער צײַט, כאָטש ווי גוט די לידער זאָלן ניט זײַן. עס וועט ניט אַרויסרופֿן דעם געהעריקן אינטערעס און די געהעריקע אָפּשאַצונג וואָס אַזאַ זאַמלונג פֿאַרדינט. וואָרעם בײַ הײַנטיקער צײַט, בעת פֿאַרשיידענע סאָציאַלע פּראָבלעמעס פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן סײַ אין דער ליטעראַטור און סײַ אין דער וויסנשאַפֿט, דאַרף אויך אין דער פֿאָלקלאָריסטיק אָדער אין די פֿאָלקלאָריסטישע פּובליקאַציעס ניט פֿעלן אָט דער דאָזיקער סאָציאַלער <מאָמענט> אינטערעס, כאָטש ווי קנאַפּ דאָס זאָל זיך ניט אָפּשפּיגלען פֿון דעם רוי־מאַטעריאַל. און ווי איר ווייסט, איז אונדזער פֿאָלקסטימלעכע ליבע־ליריק גאַנץ ווײַט דער־

* אַ טייל פֿון דער זאַמלונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין די ייִוואָ־בלעטער, ב׳ XI (1938), זז׳ 53—70, 252—269. — זעץ אין איצטיקן באַנד זז׳ 171—193.

פֿון. מען דאַרף שוין זײַן גאָר אַ טיפֿער סאָציאָלאָג כּדי צו געפֿינען אין אונדזערע אַלטע פֿאָלקס־באַלאַדעס און ליבעלידער יענע סאָציאַלע מאָמענטן וואָס האָבן אויך בײַ הײַנטיקער צײַט אַ געוויסן אַקטועלן אינטערעס. אָבער צווישן אונדזערע ייִדיש־לייענער, בין איך זיכער, זײַנען נאָך דערווײַל אַזעלכע ניט בנימצא.

דער בעסטער באַווײַז איז יענע זאַמלונג פֿאָלקלאָר־לידער פֿון ז. סקודיצקי, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַרויס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד,[1] אין וועלכער ס׳געפֿינט זיך אַפֿילו ניט קיין סימן פֿון אַ ליבעליד. אין דעם אַרײַנפֿיר צו דער דערמאָנטער זאַמלונג ווערט ניט אָנגעגעבן קיין ברעקל טעם, פֿאַר וואָס דער דאָזיקער מין לידער איז אין גאַנצן אויסגעשלאָסן געוואָרן.*

מיר אָבער קענען ניט און טאָרן ניט זײַן אַזוי איינזײַטיק, אויב מיר ווילן טאַקע וויסנשאַפֿטלעך אויספֿאָרשן דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד, ווי דעם פֿאָלקלאָר בכלל. קורץ, מײַן עצה וואָלט געווען, אַז אײַער זאַמלונג זאָל זײַן אַ פֿילזײַטיקע. עס זאָל אַרײַנשליסן ניט נאָר ליבעלידער, נאָר אויך פֿאַמיליע־לידער, חתן־כּלה־לידער, סאָלדאַטן־ און רעקרוטן־לידער, אַרבעטער־לידער, קינדערלידער אד״גל. און דאָס זאָלן ניט זײַן דווקא סאָניקער לידער אָדער פֿון אַרום סאָניק, נאָר אויך פֿון אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך וואָס ליגן אין די גרענעצן פֿון מיזרח־גאַליציע און אפֿשר נאָך ווײַטער. און דאָס זאָל הייסן ניט סתם „ליבעלידער", נאָר טאַקע „ייִדישע פֿאָלקסלידער אויס גאַליציע" געזאַמלט דורך אַאַז״וו. אָט דאָס וואָלט געווען אַ וויכטיקער דעביוט פֿאַר אַזאַ אויסגעצייכנטן זאַמלער פֿון אײַער מדרגה, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ וויסנשאַפֿטלעכע שול בײַם ייִוואָ.

דאָס איז מײַן עצה, און אויב זי וועט אײַך געפֿעלן און איר וועט זי אָננעמען, וועל איך אײַך אַ צווייטן מאָל שרײַבן און אָנווײַזן, ווי אַזוי איר קענט אָט די געפּלאַנטע זאַמלונג דורכפֿירן אין אַ גאַנץ קורצער צײַט. סײַ ווי סײַ, שיקט מיר צו די איבעריקע לידער פֿון אײַערע זאַמלונגען, וועל איך זען, וואָס ס׳איז דאָ און וואָס עס פֿעלט צו אַזאַ מין קאָלעקציע ווי איך שלאָג פֿאָר.

נאָר אויב מײַן פֿאָרשלאָג איז אײַך ניט אַזוי שטאַרק צום האַרצן, דאַרפֿט איר זיך גאָרניט שעמען און מיר שרײַבן וואָס איר דענקט וועגן דעם. אַדרבא, איך וואָלט טאַקע געוואָלט הערן אײַער מיינונג, אײַערע אײַנווענדונגען. מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות און אפֿשר צו ווײַט זיך פֿאַרמאָסטן.

איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב ניט געקענט קומען קיין ווילנע אויף דער קאָנפֿערענץ פֿונעם ייִוואָ,[2] און באַזונדערס פֿאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב אײַך דערמיט אַזוי שטאַרק אַנטוישט. גראָד ווײַל איר האָט אַזוי שטאַרק אויסגעקוקט אויף מיר, בין איך ווי אויף צו להכעיס ניט געקומען. דאָס איז באמת אַ טיפֿער פֿאַרדראָס און איך פֿיל עס. נאָר גלייבט מיר, ליבער חבֿר, אַז איך האָב קיינעם חלילה ניט געוואָלט טאָן אויף צו להכעיס און אײַך אַוודאי ניט. ס׳האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז בײַ מײַן בעסטן ווילן איז מיר פּשוט אוממיגלעך

[1] ז. סקודיצקי, פֿאָלקלאָר־לידער. נײַע מאַטעריאַלן־זאַמלונג, מאָסקווע 1933, 143 זז׳.

* זען אין איצטיקן באַנד, זז׳ 236 א״ו.

[2] דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִוואָ אין אויגוסט 1935.

געווען צו מאַכן דאָס יאָר אַזאַ קאָסטבאַרע נסיעה. ווײַטער וואָס ס'איז שייך מײַנע עצות און אָנווײַזונגען בנוגע אײַערע פֿאָלקלאָר־אַרבעטן, זײַנען זיי צוליב דעם אומשטאַנד לחלוטין ניט פֿאַרלאָרן געגאַנגען. כ'וועל אײַך קענען ענטפֿערן שריפֿטלעך אויף אַלע אײַערע פֿראַגעס, געבן די נייטיקע אָנווײַזונגען, אויב איר וועט זיי נאָר באַדאַרפֿן.

און איצט האָב איך צו אײַך אַ וויכטיקע בקשה: אַזוי ווי איר ברענגט איצט אין אָרדענונג די פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן בײַם יִוואָ, וויל איך אײַך בעטן איר זאָלט פֿאַר מיר אויסזוכן די באַלאַדעס און באַלאַדנאַרטיקע לידער וואָס זײַנען ניט אַרײַן אין דעם אויפֿגעזעצטן פֿאָלקלאָרבאַנד. איך בין משער, אַז אַזעלכע דאַרפֿן זיך דאָרט געפֿינען צווישן די איבערגעבליבענע לידער־מאַטעריאַלן וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט דורכצוקוקן בעת איך בין געווען אין ווילנע. באַזונדערס דאַרף איך האָבן פֿאַר דעם פֿאָלקלאָרבאַנד אַזעלכע לידער וואָס זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פֿון וואַרשעווער געגנט, פֿון מינסקער געגנט, פֿון גאַליציע, פֿון רומעניע, וואָלין און אַנדערע געגנטן, אַחוץ די שטעטלעך פּאָדבראָדז און ביאַליסטאָק (פֿון די האָב איך שוין אַ ביסל צו פֿיל לידער). דאָס דאַרף איך אַלץ פֿאַר דער ערשטער אָפּטיילונג פֿונעם פֿאָלקלאָרבוך, וואָרעם אָן דעם רירט זיך עס ניט פֿון אָרט.

אין די ידיעות נומ' 34, יולי 1931, איז פֿאַרצייכנט, אַז אַ געוויסער ג. פֿורמאַן (פּינסק) האָט צוגעשיקט אַ גרעסערע זאַמלונג אַרבעטער־לידער און אויף דער זעלביקער זײַט אונטן איז אָנגעמערקט: מ. אונגער (וואַרשע), ליבע־לידער. אויב איר וועט עס קענען געפֿינען, בעט איך אײַך מיר צושיקן קאָפּיעס פֿון די דאָזיקע לידער. ס'איז אויך געווונטשן, אַז אין דעם פֿאָלקלאָרבוך זאָלן זיך צווישן די אַרבעטער־לידער אויך געפֿינען אַ פּאָר וואַריאַנטן פֿונעם באַקאַנטן „לעקערט־ליד" (לעהמאַן, אַ"פֿ נומ' 23). אפֿשר געפֿינען זיך אַזעלכע אין די טעקעס פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע, בעט איך אײַך מיר צושיקן קאָפּיעס דערפֿון.

איר האָט מיר אַ מאָל געהאַט צוגעשיקט צוויי וואַר' פֿון דער דער באַלאַדע „געווען בין איך מיר אַ שנײַדערײַנגעלע", האָב איך זיי אויפֿגענומען אין דעם פֿאָלקלאָרבאַנד. איצט זע איך, אַז די זעלביקע געפֿינען זיך אין אײַער זאַמלונג. צי איז ניט מיגלעך, אַז איך זאָל אַרײַננעמען נאָך אַ פּאָר פֿון אײַערע לידער אין דעם באַנד, וועלכע איר וועט דערנאָך קענען צוריק אויפֿנעמען אין אײַער זאַמלונג, אָדער אפֿשר האָלט איר, אַז דאָס פּאַסט ניט? כ'וויל עס ניט טאָן אָן אײַער צושטימונג.*

כ'אַרבעט איצט אויף מײַנע אייגענע זאַמלונגען, ברענג זיי אין אָרדענונג, סײַ די געדרוקטע און סײַ די, וואָס געפֿינען זיך בײַ מיר אין כּתבֿ־יד. אַלץ צוזאַמען וועל איך האָבן אַרום טויזנט טעקסטן, מכּל המינים. איך גרייט דאָס צו צום דרוק מיטן געדאַנק, אַז עס קען זיך אַ מאָל געפֿינען אַ מעצענאַט וואָס

---

* זען ש. ז. פּיפּעס הוספֿה אין [ ] צום סוף פֿון איצטיקן בריוו.

זאָל דאָס אַרויסגעבן. דערפֿון קענט איר זיך שוין משער זײַן, אַז איך וויל אונטערציִען אַ סך־הכּל פֿון מײַן 40־יאָריקער זאַמל־אַרבעט.

אַז איר וועט מיר צושיקן די איבעריקע לידער פֿון אײַערע זאַמלונגען, באַ־זאָרגט זיי דאָס מאָל מיט אַ נומעראַציע און מיט אַן אַלפֿאַבעטישן זוכצעטל לויט דעם אָנפֿאַנג פֿון די לידער, ווי איך האָב דאָס געטאָן אין דעם סעפּאַראַטן אָפּדרוק פֿון מײַן נײַער זאַמלונג אין פּנקס. אָבער איר דאַרפֿט זיך דערמיט ניט אײַלן, איר האָט צײַט מיר צוצושיקן דאָס אין אַ 3־4 חדשים אַרום.

גיט איבער מײַנע האַרציקסטע גרוסן אַלע אונדזערע פֿרײַנד, באַזונדערס די חח' נ. עפּשטיין און נ. ווײַניג פֿון דער נײַער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע.

שרײַבט מיר, ווי ווײַט איר האַלט מיט דעם קינדער־פֿאָלקלאָר, אויף וועלכן איר אַרבעט איצט. אויב איר נייטיקט זיך אין ביבליאָגראַפֿיע, אָנווײַזונגען אָדער אין אַנדערע אינפֿאָרמאַציעס, מעגט איר זיך בײַ מיר גאַנץ ברייט פֿונאַנ־דערפֿרעגן, כ'וועל אײַך ענטפֿערן מיט פֿאַרגעניגן.

מיט בעסטע גרוסן,

אײַער

י. ל. כּהן

[די לידער זײַנען אין דעם געדרוקטן טייל פֿון פּיפּעס זאַמלונג ניט אַרײַן. דאָ ווערן געבראַכט צוויי וואַריאַנטן לויט ש. ז. פּיפּעס מאַנוסקריפּט אין כּהנס אַרכיוו, אָן שינויים אין אויסלייג. — זען נומ' 7: „פֿאַרליבט האָב איך מיך אין אַ שנײַדערײַנגעלע" אין יִדישער פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יִוואָ, ב' V, ז' 5.

ליבעליד „א"

1

געליבט האָב איך מיך
אין אַ מאַידאַלע
געווען איז פֿין ווין
(ת״ס)
אַהאַימגעפֿורן צי אירע עלטערן
זען ווּס זאַי טין
(ת״ס)

2

זיצן זיץ איך מיר
באַי מאַין וועקטישאַלע
טיט מיר הערצליך באַנק
(ת״ס)
קימט מיר דוס ערשטע בריוואַלע
אַז מאַין קאַלו איז געפֿערלעך קראַנק
(ת״ס)

3

איך מאַך אוף ס'בריוואַלע
אין קיק עס און
אין האַיב עס און צי לאַינען
(ת״ס)
קימט מיר און אַ טראָפּן אָפּן האַרץ
אַז כ'זאָל קלוגן אין וואַינען
(ת״ס)

ליבעליד „אa"

1

געזעסן בין איך מיר
אַ שנײַדער ייִנגאַלע אין די שטוט ווין
(ת״ס)
אַהאַימגעפֿורן געוואָיר ווערן
ווּס מאַנע עלטערן טין
(ת״ס)

2

געזעסן בין עך מיר באַ מאַן ווערקטישאַלע
דאָרכן פֿענצטער האָב עך
געטין אַראָסקיקן
(ת״ס)
איז דאָרכגעפֿלאָוגן אַ שאַינער פֿאָיגל
אין געטון מאַן האַרץ דערקוויקן
(ת״ס)

3

נישט אַזאַי זאַן שאָינהאַיט
ווי זאַן האָיעך פֿליִען
(ת״ס)
ראָט אַרוגעלאָזט אַ בריוואַלע
די קאַלו איז געשטאָרבן
זי זאָל זען פֿאַר מיר מיִען.
(ת״ס)

4

ח ס {קלוג אין וואַין, קלוג אין וואַין
{אַזאַי ווי אָף אַ כאָרבן

ח ס {קימט מיר און דוס צוואַיטי בריוואַלע
{אַז מאַן קאַלו איז געשטאָרבן

4

ח ס {זוגן זוג עך ענק מאַנע גיטע ברידער
{אַ ליבע נישט צי שפּילן
{זוגן זוג עך מאַנע גיטע ברידער
{אַ ליבע נישט צי קענען

ח ס {בעסער איז אין מיטן מאַרק
{אַ פאַיער אונצולאַיגן
{אין אַלע ליבעס צי פאַברענען.

5

ח ס {געשטאָרבן איז זי, געשטאָרבן איז זי
{אין גענאַידן זאָל זי ריִען

ח ס {די נעשומע זאָל איר גאַין
{פאַר מיר זאָל זי זעך מיִען.

געז׳ ש. ז. פּיפּע

5

ח ס {צי פאַברענען זאַי, צי פאַרברענען זאַי
{צי פאַברענען זאַי אָוף קאָילן

ח ס {זעקס יור אַ ליבע צי שפּילן
{אין גורנישט צי פאָילן.

געז׳ ש. ז. פּיפּע

באַמערקונג: דאָס ליד האָט דעם זעלבן מאָטיוו וואָס דאָס אויבן געבראַכטע [געמיינט אַ פּנים דאָס העכער דערמאָנטע ליד אין ייִדישער פאָלקלאָר, נומ׳ 7], ס׳ווערט אַפילו געזונגען מיט דער זעלבער מעלאָדיע, פאַרשריבן בײַ מײַן ל׳ פאָטער אַלטער־הערש, 50 י׳ אַלט.]

2

ניו־יאָרק, 36/I/10

ליבער ח׳ ש. ז. פּיפּע,

אײַער אויספירלעכער בריוו פונעם 7טן דעצ׳ ווי אויך אײַער דאַנק פאַר די גוטע עצות מײַנע, וועלכע איר האָט לײדער ניט געקאָנט אָננעמען, האָבן מיך איבערצײַגט, אַז איך האָב פריִער ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די גאַנצע סיטואַציע אײַערע.

געוויס, אויב איר האָט צו זײַן אין ווילנע נאָך 5 חדשים און אויב אירווילט דורך דער צײַט אויך אָפּפאַרטיקן זיך מיט דער אויסגאַבע פון אײַער פאָלקסלידער־זאַמלונג, איז געוויס ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן אַ פאַרשיידנאַרטיקער און ברייטערער קאָלעקציע. און היות ווי איר שרײַבט מיר, אַז איר האָט שוין אַ צושטײַער פון דרײַ הונדערט גילדן, וואָס אײַער ייִנגסטער ברודער האָט אויפגעזאַמלט פאַר דער אויסגאַבע פון אײַער בוך און אַז אויך דער אויספיר־ביוראָ האָט אײַך צוגעזאָגט זײַן מיטהילף, איז דאָך שוין אַוודאי ניטאָ קיין פלאַץ פאַר מײַנע עצות. איך וויל אײַך בלויז אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ס׳איז אַ טעות אין חשבון, אויב אימעצער האָט גערעכנט, אַז פון אײַער מאַטעריאַלן־זאַמלונג קען אַרויסקומען אַ בוך פון 10 דרוקבויגן. איר האָט אין אײַער זאַמלונג אַזוי פיל קליינע לידלעך פון 2־3 סטראָפעס, וואָס קענען פאַרנעמען בלויז אַ פערטל אָדער אַ דריטל פון אַ געדרוקטער זײַט. הײַנט ווו איז דאָ דער חשבון פון צען דרוקבויגן?

אַחוץ דעם זײַנען פאַראַן אין אײַער זאַמלונג אַ היפּש ביסל לידער וואָס איר וועט דאַרפן אויסשליסן, ווײַל ניט קוקנדיק דערויף וואָס איר האָט זיי

ריכטיק פאַרשריבן זײַנען זיי אָבער שוין אַזוי צעזונגען געוואָרן, אַז מען קען פשוט ניט פאַרשטיין זייער אינהאַלט. אַנדערע ווידער זײַנען פון די זינגער אָדער זינגערינס אַזוי פאַרקריפּלט און צעדרייט געוואָרן, אַז מער ווי זינלאָז קען מען דאָס ניט אָנרופן.* מוזט איר זיך מיט די אַלע פאַקטן רעכענען בײַ דער אויסגאַבע פון אײַער זאַמלונג וואָס קען העכסטנס אַרויסקומען אַ ביכל פון אַ 5־6 דרוקבויגן.

עס פאַרדריסט מיך באמת, וואָס איך האָב אײַך דערויף געמוזט אויפמערקזאַם מאַכן, כ׳האָב עס אָבער ניט געקאָנט פאַרשווײַגן, כאָטש ווי אומאָנגענעם דאָס זאָל מיר ניט זײַן. איך פאַרזיכער אײַך אָבער, אַז אין אײַער זאַמלונג זײַנען פאַראַן אַ 50־60 לידער וואָס זײַנען גאָר אויסגעצייכנט גוט, גוט געזונגען און גוט פאַרשריבן, און וואָס זײַנען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אײַער געגנט. און נאָך אַלעמען רעכנט מען זיך ניט מיט דער צאָל לידער וואָס איינער זאַמלט, נאָר מיט דער קוואַליטעט און מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע פאָלקסטימלעכע שטריכן וואָס אַנדערע לידער פון אַנדערע געגנטן פאַרמאָגן ניט.

ווען איך בין אויף אײַער אָרט, וואָלט איך פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע סאָניקער פאָלקסלידער זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן אין די ייִוואָ־בלעטער און דערנאָך אַרויסגעבן דערפון אַ סעפּאַראַטן אָפּדרוק אין אַ 2־3 הונדערט עקזעמפּלאַרן. דאָס וואָלט געמאַכט אַ פיל בעסערן אײַנדרוק ווי אַרויסגעבן פון זיך אַליין אַ קליין ביכל פון 5־6 דרוקבויגן און דערנאָך זיך בעטן בײַ רעצענזענטן, אַז זיי זאָלן עפּעס שרײַבן וועגן דעם.

נאָר ווי געזאָגט וויל איך אײַך מער קיין עצות ניט געבן. טוט ווי איר פאַרשטייט און שרײַבט מיר, צי זאָל איך אײַך צוריקשיקן אײַער זאַמלונג. ווי כ׳האָב געהערט איז ד״ר ווײַנרײַך שוין צוריקגעקומען קיין ווילנע. האָט איר איצט אַ געלעגנהייט זיך דורכצורעדן מיט אים וועגן דעם ענין. אַגבֿ וועט ער אײַך מסתמא פאַרענטפערן אָט די אַלע פראַגעס וואָס איר האָט מיר געשטעלט מכוח דעם קינדער־פאָלקלאָר. איך בין אויף דעם געביט ווייניק באַהאַוונט און וואָלט אײַך סײַ ווי סײַ קיין סך אינפאָרמאַציע ניט געקענט געבן.

אויב איר האָט געפונען צווישן די זאַמלונגען פון דער פאָלקלאָר־קאָמיסיע אָט די עטלעכע לידער וואָס איך האָב אײַך געבעטן פאַרן פאָלקלאָרבאַנד, איז גוט, און אויב ניט, וועט מען זיך מוזן באַגיין אָן דעם.

מיט די בעסטע גרוסן צו אײַך און אַלע פרײַנד,

י. ל. כהן

P.S. איך האָב נאָר וואָס באַקומען אײַער בריוו פונעם XII/25 מיט די עטלעכע לידער פאַרן פאָלקלאָרבאַנד. אַ האַרציקן יישר־כוח! איך האָב כאַיעסן געבעטן עטלעכע מאָל, ער זאָל דאָס פאַר מיר אויסזוכן — האָט ער מיר אַלץ אָפּגעפּטרט... און איר — איינס און צוויי — און ס׳איז דאָ!

---

* זען די הוספה ו צום סוף פון איצטיקן בריוו.

...איצט וועל איך שוין קאָנען אָנהייבן אַרבעטן אויפֿן פֿאָלקלאָרבאַנד מיט ווייניקער פֿאַרדראָס.

איך האָב צו אײַך בלויז נאָך אַ קלייניקע בקשה: איר זאָלט מיר צושיקן דעם אָריגינאַלן כּתבֿ־יד פֿונעם ליד: „מאַ[מ]עניו מײַן קרוין, מאַמעניו מײַן האַרץ". עפּעס איז מיר ניט קלאָר פֿון אײַער קאָפּיע, כאָטש כ'האָב ניט קיין שום ספֿק, אַז איר האָט עס קאָרעקט איבערגעשריבן. איך וואָלט מיך וועלן באַקענען מיט די אָריגינעלע גרײַזן און פּלאָנטערס וואָס אַ. פֿאַרנעס פֿון קאָלאָמיי האָט געמאַכט אין זײַן צוגעשיקטן ליד.*

און איצט מײַן ענטפֿער אויף אײַערע פֿראַגעס בנוגע די קינדערשפּילן:

1. געוויס קען מען צוגעבן די געהעריקע לידלעך אָדער גראַמען צו געוויסע קינדערשפּילן. קוקט נאָך ווי דאָס האָט געטאָן ש. לעהמאַן אין זײַן „קינדערוועלט" (בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923), באַזונדערס די נומערן 91, 107, 109, 62, 66 א"אַ. איר וואָלט בכלל באַדאַרפֿט פֿאַרגלײַכן אײַער מאַטעריאַל, נומער בײַ נומער, מיט לעהמאַנס. ווײַל קודם־כּל איז וויכטיק פֿעסטצושטעלן, ווי ווײַט אָט די אַלע קינדערשפּילן זײַנען פֿאַרשפּרייט בײַ ייִדן. ד"ר אַ. לאַנדוי אין *Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde*, 13, זז' 51—59 (1899) ברענגט אַ היפּש ביסל קינדערשפּילן פֿון מיזרח־גאַליציע. דאַרפֿט איר דאָס אויך נאָכזוכן און פֿאַרגלײַכן מיט אײַערע. פֿון לעאָ ווינערס קינדערלידער־זאַמלונג (מיטט' 2, זז' 40—49) ווייסט איר דאָך מסתמא. דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע לידלעך וואָס מען זינגט בײַ פֿאַרשיידענע קינדערשפּילן, הגם דאָס ווערט דאָרט ניט אָנגעמערקט.

וואָרפֿשפּילן, אין וועלכע ס'איז אויך דאָ דער מאָטיוו פֿון האַזאַרד, וואָלטן באַדאַרפֿט קומען אונטער איין גרופּע: „האַזאַרד־ און וואָרף־שפּילן".

טוט ניט נאָך ראָכהאָלצן[3] אָדער וועדרהאַגען[4] און לאָזט זיך ניט אַרײַן אין מיטאָלאָגישע חקירות. אונדזער אויפֿגאַבע איז בלויז צוזאַמענשטעלן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אין אַ געוויסער סיסטעמאַטישער אָרדענונג, כּדי די קומענדיקע פֿאָרשער זאָלן זיך דערמיט קענען באַנוצן. מיר דאַרפֿן געבן די מאַטעריאַלן אַזוי ווי די זאַמלער האָבן דאָס פֿאַרשריבן, ס'פֿאַרשטייט זיך אונטער אַ גאַנץ פֿאָרזיכטיקער רעדאַקציע. ס'זײַנען פֿאַראַן זאַמלער וואָס האָבן ליב צו פֿאַרבעסערן זייערע פֿאַרשריבענע זאַכן, אָבער דערמיט מאַכן זיי עס נאָך ערגער. דאַרף מען האָבן אַן אויג דערויף.

2. די לידלעך וועגן זון און וועגן רעגן קענען קומען אונטער איין קעפּל: „זון און רעגן". און אַזוי אויך „שפּאָט־ און שפּאַס־לידער", וווּ מען קען אײַנשליסן אויך אַזעלכע ווי „איציק שפּיציק". ס'קען אויך זײַן אַן אָפּטייל „קינדערשפּראַכן",

* זען אין איצטיקן באַנד, זז' 168—169.

[3] E. L. Rochholz, *Alemannisches Kinderlied und Kinderspiel aus der Schweiz*, Leipzig, 1857.

[4] טיטל אויף ז' 324.

און צו די געהערט אויך דער שפּראַך: „הינט, הינט, דו ביסט עשׂוס קינד". אין דעם קינדערשפּראַך־אָפּטייל קאָנען אויך אַרײַן די שפּראַכן: „מײַזעלע, מײַזעלע, נאַ דיר אַ ביינערנעם צאָן" אאַז"וו; שנעקשפּראַכן, כּ., ב"ז[5] נומ' 161, ראָזנטאַל,[6] נומ' 15; קעגן אַ קוואָקעדיקער הון, כּ., ב"ז נומ' 157; באַסטאָמסקי[7] 31, 38; אויך אַזעלכע ווי בײַ באַסטאָמסקין, ז' 41, נב' 5, 6, 7.

אײַער אָרטאָגראַפֿיע, ווי איך זע, איז ניט קיין אויסגעהאַלטענע, איר שרײַבט: „הונט, הונט, הונט" און איר מערקט ניט, אַז עס גראַמט זיך ניט מיט „עשׂוס קינד". דער שפּראַך שטאַמט פֿון פּוילן אָדער פֿון גאַליציע, וווּ דער ט־קלאַנג ווערט אַרויסגערעדט ווי אַ y, דעריבער דאַרף מען שרײַבן מיט אַ „י" אָבער אָן אַ קײַקעלע (°) פֿון אויבן. דאָס לאָמיר איבערלאָזן פֿאַר די פֿילאָלאָגן וואָס טוען דאָס סײַ ווי סײַ ניט.

3) דער טיטל: „האַנט־ און פֿינגער־שפּילן" איז גוט, און עס קענען דאָרט אַרײַנקומען אַזעלכע שפּילן, ווי „עטל־בעטל", „ברוגז צי גוט" אד"גל, אָבער די שפּילן, ווי „קנײַפּן זיך פֿאַר דער הויט", דאָס, זעט איר, איז שוין אַ רישעות און מען טאָר זיי בשום אופֿן ניט אַרײַנלאָזן צווישן די גוטמוטיקע קינדערשפּילן. מען דאַרף צוטראַכטן פֿאַר דעם אַ גאַנץ באַזונדערן נאָמען, אפֿשר טאָקע „רישעות"?

בכלל דאַרפֿט איר זיך ניט אָפּשטעלן אויף אויסנאַמזאַכן, לאָזט עס אויף שפּעטער צום סאַמע סוף.

4. די שפּאַסיקע פֿינגער־נעמען דאַרפֿן קומען צוזאַמען מיט די שפּאַסיקע נעמען פֿון אַנדערע קערפּערגלידער, ווי שטערן, אויגן, נאָז, מויל אאַז"וו. פֿאַראַן אַזעלכע שפּילן מיט גאַנץ קליינע קינדער.

5. איר פֿרעגט מיך, וואָס טוט מען מיט די אַלע „פֿאַרשפּילן", וואָס ווערן געשאַפֿן און געזונגען פֿון עלטערע — פֿאַר גאָר יונגינקע קינדער. צי דאַרף מען זיי אויסטיילן אין אַ באַזונדערער גרופּע, ווי עס האָט געטאָן פּאָקראָווסקי?[8] געוויס דאַרף מען. אָבער אַז איר ווײַזט מיר אָן אויף פּאָקראָווסקין אָדער אויף אַן אַנדער מקור, דאַרפֿט איר מיר אויך גלײַכצײַטיק אָנווײַזן, אויף וועלכער זײַט דאָס געפֿינט זיך. וואָרעם אַזאַ למדן, צו וויסן אַלע מקורים אויף אויסווייניק, בין איך נאָך ניט.

פֿאַרלאָזן זיך אויף דעם ווי פּאָקראָווסקי האָט געטאָן אָדער אַן אַנדערער איז עפּעס אויך ניט קיין פּלאַן. מען דאַרף זיך פֿריִער רעכענען מיט די אייגענע מאַטעריאַלן וואָס מען האָט פֿאַר זיך. מען דאַרף פֿריִער זען, וואָס די זאַמלער

[5] י. ל. כּהן, „ייִדישע פֿאָלקסלידער, נײַע זאַמלונג", פּנקס, ג"י 1929.

[6] „שירי עם", נאספו על ידי ז. רוזנטל, רשומות, II, זז' 358—375.

[7] בײַם קוואַל .... ייִדישע פֿאָלקסלידער, געזאַמלט, דערקלערט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון ש. באַסטאָמסקי, ווילנע 1923.

[8] Е. А. Покровскій, *Дѣтскія игры, преимущественно русскія* (въ связи съ исторіей, этнографіей, педагогіей и гигіеной), Москва, 1887, VI+368 стр.

באַמערקן צו יעדן שפּיל באַזונדער; מען דאַרף פֿאַרגלײַכן די פֿאַרשיידענע באַמערקונגען פֿון די פֿאַרשיידענע זאַמלער וועגן איינעם און דעם זעלביקן שפּיל, און דאַן ערשט באַשליסן, ווו זיי געהערן. דעריבער איז מיר שווער צו געבן אײַך אַ באַשטימטן ענטפֿער אויף אַלע אײַערע פֿראַגעס. אויף אויסנווייניק, ניט זעענדיק דעם מאַטעריאַל, קען מען מאַכן אַ טעות.

ווײַטער וועגן די נײַסטע און וויכטיקסטע ביכער אויפֿן געביט פֿון קינדער־פֿאָלקלאָר, וואָס זײַנען לעצטנס דערשינען — ווייס איך כמעט גאָרניט. וואָרעם פֿאַר די לעצטע 5 יאָר האָב איך זיך דערמיט לחלוטין ניט פֿאַראינטערעסירט. נאָר צו וואָס טויג אײַך די נײַסטע, די לעצטע, אויב איר זענט ניט באַקאַנט מיט די וויכטיקסטע פֿון דער פֿריִערדיקער צײַט? עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס וואָס איז נײַ און לעצטנס אַרויס איז בעסער פֿון די עלטערע אַרבעטן; אָדער אַז עס קען געבן מער אינפֿאָרמאַציע ווי די פֿריִערדיקע אויף דעם געביט.

איר בעט מיך, איך זאָל אײַך אָנווײַזן אויף ביבליאָגראַפֿיע, בעת איר האָט די בעסטע און די גרעסטע ביבליאָגראַפֿיע אונטערן האַנט, אויב איר האָט נאָר ק. ווערהאַנס בוך, *Kinderlied und Kinderspiel* (לײַפּציק 1909). צום סוף פֿון דעם דאָזיקן בוך געפֿינט איר אַ ביבליאָגראַפֿיע וואָס פֿאַרנעמט 17 זײַטן און וואָס איז די פֿולשטענדיקסטע פֿון אַלע ביבליאָגר׳ וואָס איך האָב ווו ניט איז געזען. עס ווײַזט אָן ניט נאָר אויף דײַטשישן קינדער־פֿאָלקלאָר, נאָר אויך אויף אַ סך וויכטיקע ווערק אין אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. קוקט אַרײַן, אויף טשיקאַווע, אין ווערהאַנס ביבליאָגר׳ און איר וועט שטוינען. צו באַקענען זיך גרינטלעך מיט די בעסערע ווערק וואָס ווערן דאָרט אָנגעוויזן דאַרף נעמען, דוכט זיך, ניט בלויז 5 חדשים, נאָר אַפֿילו 5 יאָר וואָלט אפֿשר אויך ווייניק געווען. איז דאָך ניט שייך צו ריידן סתּם וועגן ביבליאָגראַפֿיע וואָס פֿעלט אײַך, בעת איר האָט נאָך אַזוי פֿיל צו טאָן אין דער קנאַפּער צײַט, וואָס ס׳איז אײַך פֿאַרבליבן. דאָס איינציקע בוך וואָס איך קען אײַך רעקאָמענדירן איז: F. M. Böhme, *Deutsches Kinderlied und Kinderspiel*, Leipzig, 1924 (756 pp.). דאָס איז אָבער אַ טײַער בוך און אפֿשר שווער צו קריגן. מעגלעך, אַז איר וועט דאָס אפֿשר קריגן אויסגעבאָרגט אין אַ וואַרשעווער ביבליאָטעק.*

ווי עס האַלט מיט דער רעדאַקציע פֿון אונדזערע פֿאָלקסלידער קען איך אײַך דערווײַל מער ניט שרײַבן ווי כ׳האָב אײַך געשריבן אין מײַן איצטיקן בריוו. איך וואַרט אויף אײַער ענטפֿער, אויף אײַער ענדגילטיקן באַשלוס. אַגבֿ וואָלט איך אויך געוואָלט הערן, וואָס ד״ר ווײַנרײַך האָט צו זאָגן וועגן דעם. דאָס רעדאַגירן אײַערע פֿ״ל [=פֿאָלקסלידער] איז ניט קיין גאַנץ לײַכטע אַרבעט פֿאַר מיר. מען דאַרף כמעט אַלע איבערשרײַבן אויף ס׳נײַ, אַחוץ רעדאַגירן, וואָרעם אַזוי ווי ס׳איז קען מען דאָס ניט דרוקן.** איך שיק אײַך דאָ אַ פּראָבע פֿון אַ קורץ לידל,*** וואָס איך האָב איבערגעשריבן, איר וועט דערפֿון אפֿשר קריגן אַ

---

* זעט אויך זז׳ 348—350.

** זעט אין דעם איצטיקן באַנד, זז׳ 171—193.

*** זעט די הוספֿות II—III צום סוף פֿון איצטיקן בריוו.

שטיקל השׂגה, אויף וויפֿל מען דאַרף זיך אַרײַנטראַכטן, און ווי פֿאָרזיכטיק מען דאַרף רעדאַגירן אַ פֿאָלקסליד וואָס אַן אַנדערער האָט פֿאַרשריבן אין אַ ניט־ריכטיקער פֿאָרעם. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן אין אײַער זאַמלונג אַ היפּש ביסל לידער וואָס מען דאַרף זיי בלויז איבערשרײַבן, ניט מער. אָבער ווו נעמט מען אַזוי פֿיל צײַט דערצו?

אָבער אַז עס וועט האַלטן דערבײַ וועל איך שוין מסתּמא געפֿינען צײַט, פֿאַר אײַך אַוודאי.

I

[אין אַ שוואַרצשריפֿט פֿון אָט דעם בריוו, וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט אין כּהנס אַרכיוו, איז פֿאַראַן מער אַ פֿאַרשפּיצטע און פּרטימדיקע אָפּשאַצונג פֿון פּיפּעס פֿאָלקסלידער־זאַמלונג:]

איך בין זיכער, אַז דאָס איז ניט אײַער שולד, נאָר די שולד פֿון די זינגער אָדער זינגערינס פֿון די לידער. איך בין זיכער, אַז איר האָט פֿאַרשריבן אײַער מאַטעריאַל אַזוי גענוי און פּינקטלעך ווי איר האָט געהערט אָדער ווי איר האָט עס געזונגען. ס׳איז אָבער דאָך שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַ פּשוט מיידל, אַ שנײַדערין (איטע בינדער), זאָל אַזוי זינגען דאָס ליד וואָס איר האָט פֿאַרשריבן אויף ז׳ 38 (אײַער כּתבֿ־יד) און זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז די ענטפֿערס וואָס דער חתן־בחור (אָדער כּלה־מיידל) גיט דער מוטער אויף אירע פֿראַגעס האָבן נישט נאָר קיין שום זינען נישט, נאָר זײַנען פּשוט לעכערלעך. דאָס ליד הייבט זיך אָן אַזוי:

וואָס־זשע ווילסטו? שפּיל־זשע מיר אָפּיר,
אפֿשר ווילסטו אַן אַנציגל?
ניין, מאַמע, ניין,
די קענסט מיך נאָך נישט פֿאַרשטיין,
אַן אַנציגל צי האָבן בין איך נאָך צו קליין.

מילא, קען זיך טרעפֿן, אַז דאָס ייִנגל אָדער דאָס חתן־בחורל איז נאָך טאַקע אַזוי קליין, אַז עס פּאַסט אים נאָך נישט קיין אַנציגל... אָבער אין דער צווייטער סטראָפֿע, ווו די מאַמע פֿרעגט אים, צי וויל ער אפֿשר אַ פּאָר שיכעלעך האָבן? און דער ענטפֿער איז: „ניין, מאַמע, ניין, — די קענסט מיך נאָך נישט פֿאַרשטיין, — שיכאַלעך צו האָבן בין איך נאָך צו קליין", — קען מען זיך פּשוט ניט פֿאָרשטעלן, ווי קליין דאָס חתנדל־עופֿעלע מוז זײַן, אַז עס וויל נאָך נישט האָבן קיין שיכעלעך, קיין זעקעלעך, קיין מאַנטל און אַפֿילו נישט קיין „צווייטן פֿידל"? נאָר וואָס דען? אַז די מאַמע פֿרעגט אים: „אפֿשר ווילסטו אַ כּלה האָבן?" ענטפֿערט ער:

יאָ, מאַמע, יאָ!
קיינער קען נישט פֿאַרשטיין
נאָר די אַליין,
כ׳וויל אין כ׳וויל.

פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אַזאַ אומזיניק ליד קען מען נישט דרוקן, בעת ס׳זײַנען שוין פֿאַרצייכנט אַזעלכע פּראַכטפֿולע וואַריאַנטן צום באַקאַנטן ליד: „יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע, וואָס דאָס מיידעלע וויל?" וואָס איר ווײַזט אָן צו אײַער טעקסט.

און דאָס איז נישט בלויז דאָס איינציקע ליד וואָס מען קען נישט דרוקן. פֿאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע אין אײַער זאַמלונג, מיט מער אָדער מיט ווייניקער אומזין, וואָס האָבן אָבער קיין שום ווערט נישט פֿאַרן פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער, פֿאַר דער ליטעראַטור אַוודאי ניט.

דאָס מיינט אָבער נישט צו זאָגן, אַז אַלע פֿאָלקסלידער מוזן זײַן קלאָר און לאָגיש. פֿאַרקערט, אומלאָגישקייט און אומזין איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון אַ סך פֿאָלקסלידער. דער אומזין אינעם פֿאָלקסליד האָט אָבער זײַנע געזעצן, זײַנע גרענעצן, וואָס לאָזן אים נישט צו ווײַט אַריבער. אָבער דער ענין קען אונדז צו ווײַט פֿאַרפֿירן, דעריבער לאָמיר איצט ניט ריידן דערפֿון...

II

[אין אַ שוואַרצשריפֿט פֿון אָט דעם בריוו, וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט אין י. ל. כּהנס אַרכיוו, געפֿינען זיך נאָך די ווײַטערדיקע באַמערקונגען:]

בײַגעלייגט וועט איר דאָ געפֿינען אַ מוסטער פֿון אַ ליד וואָס איך האָב גאַנץ פֿאַר־זיכטיק רעדאַגירט און רעקאָנסטרויִרט, ווי איך בין משער, אין אָריגינעלער פֿאָרעם. פֿון צוויי סטראָפֿעס האָב איך געמאַכט איינע, ווײַל אַזוי האָט מיר דיקטירט די לעצטע סטראָפֿע פֿון אײַער טעקסט, וואָס איז צעהאַקט אין זיבן קורצע פֿערזן, אַ פֿאָרעם וואָס איך האָב נישט באַמערקט אין קיין שום פֿאָלקסליד. אָבער אַז איך האָב עס איבערגעשריבן און געמאַכט דערפֿון אַ פֿירפֿערזיקע סטראָפֿע, האָב איך אײַנגעזען, אַז די אַנדערע סטראָפֿעס פֿון אײַער טעקסט בעטן זיך אויך אין דער זעלביקער פֿאָרעם. אַזוי אַרום איז די דריטע סטראָפֿע פֿון אײַער ליד געוואָרן די צווייטע וואָס באַשטייט בלויז פֿון צוויי פֿערזן. די צוויי שורות פֿינ־טעלעך ווײַזן, אַז די זינגערין האָט פֿאַרגעסן די ווײַטערדיקע פֿערזן. דער גאַנצער טעקסט, ווי איר האָט אים פֿאַרשריבן, איז קענטיק אַ פֿראַגמענט פֿון אַ גרעסער ליד.

ווײַטער וועט איר באַמערקן, אַז פֿון „שרײַבן", ווי עס שטייט אין ערשטן פֿערז פֿון אײַער ליד, האָב איך פֿאַרביטן אויף זינגען, ווײַל געוויינטלעך טוט דאָס פֿאָלק נישט שרײַבן אַ ליד, נאָר זינגען. אַזוי האָב איך געלערנט פֿון אַנדערע פֿאָלקסלידער. אמת, אין אײַער זאַמלונג האָב איך געפֿונען אַ ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט די פֿערזן:

מיט מײַנע לעצטע קרעפֿטן טו איך דאָס ליד שרײַבן,
כּדי נאָך מײַן טויט זאָל עס פֿאַרבלײַבן.

איז דאָס נישט קיין פֿאָלקסליד, נאָר אַ שטיק גראַפֿאָמאַניע וואָס אימעצער האָט געוואָלט אַרײַנשמוגלען אין אײַער זאַמלונג און האָט אײַך דערציילט אַ פּיזמון, אַז ער האָט עס גע־הערט פֿון אַן אַנדערן, כּדי מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז אַ פֿאָלקסליד. איר ווייסט דאָך אָבער, אַז דאָס פֿאָלק באַזאָרגט זיך נישט מיט אַזעלכע ליטעראַרישע דענקמעלער, עס טראַכט גאָרנישט דערפֿון.

כ'האָב מיך אָבער גוט אַרײַנגעטראַכט אין אײַער לידער־זאַמלונג און בין געקומען צום שלוס, אַז איר האָט זיך אַ ביסל צו פֿיל פֿאַרלאָזן אויף אײַערע זינגער און זינגערינס און איר האָט זיי געגלייבט אויפֿן וואָרט. איך האָב דאָס אַרויסגעלייענט פֿון אייניקע לידער אײַערע, וואָס מען האָט אײַך קענטיק מער דערציילט ווי געזונגען. דערפֿאַר, קען זײַן, פֿעלן אין אַ סך לידער די נייטיקסטע גראַמען, גוטע אָדער שלעכטע; דערפֿאַר פֿעלט אויך דער געוויינטלעכער ריטעם אין אַ היפּש ביסל לידער, וואָס וואָלט באַדאַרפֿט זײַן, ווען די לידער וואָלטן באמת געזונגען געוואָרן.

דערפֿון דרינג איך ווידער, אַז נאָך דעם ווי איר האָט אָט די אַלע לידער שוין געהאַט פֿאַרשריבן, האָט איר שוין מער נישט אַרײַנגעקוקט אין זיי, און דערפֿאַר האָט איר נישט געקאָנט באַמערקן אָט די אַלע דערמאָנטע חסרונות. מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות, האָף איך אָבער און בין זיכער, אַז איר וועט דאָס נישט נעמען פֿאַר אומגוט...

III

[אָריגינאַל, צוגעשיקט פֿון ש. ז. פּיפּען:]

I. אַ ליד טו איך שרײַבן
אַ ליד פֿון זיך אַליין *
וואָס עס איז צו מיר
אוי צו מיר געשען?

* מיט אַ שוואַרצן בלײַער צוגעשריבן פֿון י. ל. כּהנען: „דאָס פֿאָלק שרײַבט נישט קיין לידער פֿון זיך אַליין, עס זינגט".

II. אוי האָב איך אים ליב געהאַט
און ער מיך נאָכמער
קיין שום זאַך אין דער וועלט
איז נישט געווען פֿאַר אים צו שווער.

III. הײַנט מיט אַמאָל בין איך אים נמאס געוואָרן
גאָט האָט אויף מיר אויסגעגאָסן
זײַן ביטערן צאָרן.

IV. איך פֿלעג מיך שטענדיק שעצן
אַז ער וועט מײַנער זײַן.
הײַנט איז דאָס גליק
טאַקע נישט פֿאַר מיר.

V. יעצט איז דאָס גליק
טאַקע פֿאַר אַ צווייטער
אַדיע מײַן גאַנץ לעבן,
איך שטאַרב שוין נאָך דיר.

VI. אַז עס ווערט בײַ דיר
דאָס ערשטע קינד געבוירן,
אַ נאָמען דושקאַלע, זאָלסטו געבן נאָך מיר,
ווי גיך וועט מיר זײַן
צו ליגן אין פֿינצטערן גריב,
אַז מײַן איינציקער נאָמען
וועט זײַן בײַ דיר.

י. ש. ריפּ, געהערט פֿון רחל קראַמף (וואַרשע 1933)

34. אַ ליד טו איך זינגען

[י. ל. כּהנס איבערגעאַרבעטער טעקסט]

1. אַ ליד טו איך זינגען, אַ ליד פֿון זיך אַליין,
וואָס עס איז צו מיר, אוי צו מיר געשען;
אוי האָב איך אים ליב געהאַט און ער מיך, נאָך מער.
קיין שום זאַך אין דער וועלט איז נישט געווען פֿאַר
אים צו שווער.

2. הײַנט מיט אַ מאָל בין איך אים נימאס געוואָרן,
גאָט האָט אויף מיר אויסגעגאָסן זײַן ביטערן צאָרן...
....
....

3. איך פֿלעג מיך שטענדיק שעצן, אַז ער וועט מײַנער זײַן,
הײַנט איז דאָס גליק טאַקע נישט פֿאַר מיר;
הײַנט איז דאָס גליק טאַקע פֿאַר אַ צווייטער,
אַדיע, מײַן גאַנץ לעבן, איך שטאַרב שוין דורך דיר!

4. אַז עס וועט בײַ דיר דאָס ערשטע קינד געבוירן,
אַ נאָמען, דושקאַלע, זאָלסטו געבן נאָך מיר;
ווי גוט וועט מיר זײַן צו ליגן אין פֿינצטערן גריב,
אַז מײַן אײנציקער נאָמען וועט זײַן בײַ דיר.

י. ש. ריפּ, געהערט פֿון רחל קראַמף, וואַרשע, 1933. — פֿראַגמענטאַרישער טעקסט. צו סטר' 4 פֿ"גל ג"מ נומ' 149, סטר' 5; כּהן I, ז' 182, סטר' 5.

3

ניו־יאָרק, 36/11/22

ליבער חבֿר ש. ז. פּיפּע,

דערהאַלטן אײַער בריוו פֿונעם 1/30, צוזאַמען מיט די איבעריקע לידער פֿון אײַער זאַמלונג און אויך די קאָפּיע פֿונעם אַרטיקל וועגן „נײַעם פֿאָלקלאָרליד", פֿאַר וועלכן איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר.

ס'האָט מיך באמת געפֿרייט צו הערן, אַז מײַן פֿאָרשלאָג וועגן אָפּדרוקן אײַערע געזאַמלטע פֿאָלקסלידער אין די ייִוואָ־בלעטער, און דערצו נאָך מיט אַ סעפּאַראַטן אָפּדרוק, איז אײַך שטאַרק צום האַרצן און אַז דאָס איז אויך סימפּאַטיש אויפֿגענומען געוואָרן פֿון ד"ר ווײַנרײַכן, ווי אויך פֿון די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער אויספֿיר־ביוראָ. כ'האָב מיך דעריבער שטאַרק צוגעאײַלט צו פֿאַרענדיקן מײַן אַרבעט איבער די לידער, באַזונדערס מיט דעם אָפּקלײַב, וואָס איז מיר באמת ניט גאַנץ לײַכט אָנגעקומען, אָבער דערפֿאַר מיט צופֿרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן. ערשט נאָך דעם אָפּקלײַב האָב איך דערזען, וואָס פֿאַר אַ פֿײַנע קאָלעקציע פֿון עכטע פֿאָלקסלידער איר האָט אונדז געבראַכט.

נעמט אײַך ניט צום האַרצן וועגן די אַנדערע לידער וואָס איך האָב אויסגעשלאָסן פֿון דער זאַמלונג. אַז מען האַקט האָלץ, פֿאַלט שפּענער, און דאָס קען טרעפֿן ניט נאָר בײַ אָנפֿאַנגער, נאָר אַפֿילו אויך בײַ אַלטע, געניטע זאַמלער. אַדרבא, קוקט דורך די לידער וואָס איך האָב אויסגעשטראָכן און פֿאַרגלײַכט זיי מיט די וואָס איך האָב אויפֿגענומען, בעיקר מיט די וואַריאַנטן זייערע, וועט איר זען דעם חילוק. כ'האָב דערפֿון אויך אַליין אַ סך געלערנט, וואָס וועט מיר שפּעטער צו ניץ קומען.

כ'האָב אײַך נעכטן אַרויסגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט, כּמעט פֿאַרטיק צום דרוק. איר וועט בלויז דאַרפֿן נאָך אַ מאָל איבערלייענען די אַלע טעקסטן און זען, אַז די אָרטאָגראַפֿיע זאָל זײַן אַן איינהייטלעכע, ווייניקסטנס פֿון די לידער וואָס זײַנען געזונגען געוואָרן אין סאַניק. ס'וואָלט גוט געווען, איר זאָלט זיך מישבֿ זײַן מכּוח דעם מיט ד"ר ווײַנרײַכן. אייגנטלעך האָב איך עס אַליין בדעה געהאַט צו טאָן, נאָר אַזוי ווי איר האָט מיר געשריבן, אַז איר ווילט מיר פֿאַרלײַכטערן די אַרבעט מיטן איבערשרײַבן און מחמת איר האָט בלויז געציילטע חדשים צו פֿאַרבלײַבן אין ווילנע, האָב איך דאָס געלאָזן פֿאַר אײַך.

עס בלײַבט מיר בלויז אָנצווײַזן אויף די ווײַטערדיקע פּונקטן:

1. די קורצע הערות צו די לידער, אַזוי ווי איר האָט זיי שוין אָנגעהויבן דאַרפֿט איר זיי פֿאַרענדיקן. כ'האָב בלויז אויף טייל צעטלעך אָנגעצייכנט די פֿאָרעם, ווי אַזוי דאָס דאַרף אויסזען.

2. אויב צו אַ געוויסן ליד זײַנען פֿאַראַן וואַריאַנטן אין אַנדערע זאַמלונגען, דאַרף מען פֿריִער אָנווײַזן אויף די עלטערע מקורים. ג"מ־זאַמלונג [9] צו ערשט, מחמת פֿאַרעפֿנטלעכט פֿריִער, קומט <ע> פֿריִער, פֿאַר כּ., פֿאַר באָסט' [10] א"אַ.

3. אויב אין אַ געוויסן טעקסט זײַנען פֿאַראַן בלויז אַ פּאָר סטראָפֿעס, וואָס זיי געפֿינען זיך אויך אין אַנדערע לידער פֿון אַנדערע זאַמלונגען, נאָר דער אינהאַלט זייערער איז אַ גאַנץ אַנדערער, דאַרף מען דאָס ניט אָנרופֿן „וואַר'". ס'איז גענוג בלויז אָנצוווײַזן: צו סטר' 3 אָדער 4, פֿ"גל דאָ און דאָרט. הגם דאָס טוט מען זייער זעלטן, ווען ס'איז ניטאָ עפּעס אַנדערש אָנצומערקן.

4. די באַמערקונגען צו די לידער דאַרף מען ניט נומערירן, אויב זיי קומען גלײַך אונטערן טעקסט. ס'איז אָבער נייטיק די נומעראַציע אויפֿן מאַנוסקריפּט, כּדי דער זעצער זאָל ניט פֿאַרבײַטן די יוצרות.

5. צום סוף פֿון דער זאַמלונג וועט איר אָבער דאַרפֿן צוגעבן אַ פּינקטלעכן „זוכצעטל" לויט דעם אָנהייב פֿון די לידער, אַזוי ווי איך האָב דאָס געטאָן אין מײַן סעפּאַראַטן אָפּדרוק פֿונעם פּנקס. די קומענדיקע פֿאָלקסליד־פֿאָרשער וועלן אײַך זיכער דאַנקבאַר זײַן דערפֿאַר, מחמת איר וועט זיי דערמיט פֿאַרשפּאָרן אַ סך צײַט און ניט ווייניקער קאָפּ־דרייעניש.

לויט מײַן חשבון וועט אײַער זאַמלונג פֿאַרנעמען אַרום 5 דרוקבויגן, און דאָס וועט מען קענען פֿאַרעפֿנטלעכן, גלייב איך, אין צוויי העפֿטן ייִוואָ־בלעטער. דער טיטל דאַרף ניט זײַן סתם „ליבעלידער", נאָר „ייִדישע פֿאָלקסלידער אויס גאַליציע", געזאַמלט פֿון אַאַז"ו. דאָס וועט זײַן אַ נײַס בײַ אונדז.

אַ קורצן אַרײַנפֿיר צו אײַער קאָלעקציע, וואָס זאָל פֿאַרנעמען כאָטש אַ דרײַ־פֿיר זײַטלעך, וואָלט איר באַדאַרפֿט אַליין אָנשרײַבן. כ'מיין ניט קיין ליטעראַרישע אָדער פֿאָלקלאָריסטישע אָפּשאַצונג פֿון די לידער, נאָר בלויז עטלעכע פֿאַקטן. צב"ש: 1) ווער אָדער וואָס האָט אײַך צו ערשט מעורר געווען צו זאַמלען פֿאָלקסלידער. 2) ווי אַזוי האָבן די זינגער אָדער זינגערינס צו ערשט רעאַגירט אויף אײַער נאָכפֿרעג וועגן די לידער און צי האָבן זיי גערנוויליק געזונגען פֿאַר אײַך. 3) ברענגען אַ פּאָר בײַשפּילן, בײַ וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט דאָס אָדער יענס ליד איז געזונגען געוואָרן. 4) אַ פּאָר ווערטער, פֿאַר וואָס איר האָט ניט פֿאַרצייכנט אָדער ניט געקאָנט געבן כאָטש אַ טייל מעלאָדיעס צו די לידער.

איך גלייב, אַז די עטלעכע באַרירטע פּונקטן וואָס קאָנען אינטערעסירן יעדן לייענער דאַרף פֿאַר אײַך ניט שווער זײַן אָנצושרײַבן אין דער פֿאָרעם

---

[9] גינזבורג און מאַרעק, „ייִדישע פֿאָלקסלידער" [פּעטערבורג, 1901].

[10] י. ל. כּהן, יודישע פֿאָלקסליעדער I, II; ש. באַסטאָמסקי, בײַם קוואַל... דאָס דאַרף מען צוגעבן: די לידער, ניט די שפּריכווערטער.

פֿון אַ קורצן אַרײַנפֿיר אָדער פֿאָרוואָרט. וואָרעם איך זע פֿון אײַערע בריוו, אַז איר קענט גאַנץ פֿײַן שרײַבן, גאַנץ קורץ און קלאָר מסביר זײַן אַן ענין. פּרוּווט, און איר וועט זען, אַז דאָס וועט זיך אײַך אײַנגעבן. וועט איר באַשליסן דאָס צו טאָן, טאָ פֿאַרגעסט ניט דערבײַ צו דערמאָנען די לידער וואָס איר האָט צו ערשט געהערט זינגען פֿון אײַער פֿאָטער אָדער פֿון אײַער מוטער, אין אײַערע קינדעריאָרן, און וואָס דאָס האָט מעגלעך שפּעטער דערוועקט אין אײַך אַ באַזונדערן אינטערעס פֿאַרן פֿאָלקסליד. ס׳קען זײַן, אַז מײַן השערה איז אַ ווײַטלויפֿיקע, אָבער אָנמערקן שאַט ניט.

אויב איר האָט נאָך עפּעס צו פֿרעגן בנוגע אײַער זאַמלונג, בין איך גרייט אײַך צו ענטפֿערן. שרײַבט מיר, ווי ווײַט האַלט איר שוין מיט דעם קינדער־פֿאָלקלאָר און בכלל וועגן דעם, וואָס ס׳טוט זיך אין דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע. שרײַבט מיר אויך וועגן חבֿרטע עפּשטיינס אַרבעט איבער דעם אַנעקדאָטן־מאַטעריאַל.

מיט וואַרעמסטע גרוסן צו אַלעמען,

י. ל. כּהן

P.S. אַזוי ווי איר זײַט שוין איצט זיכער, אַז אײַער זאַמלונג וועט קירצלעך געדרוקט ווערן, מעגט איר שוין שרײַבן צו אײַער ברודער עוזר, אײַער מיטזאַמלער, אַז ער זאָל פּרוּוון זאַמלען אַ ביסל אַלטע אַרבעטער־לידער וואָס עלטערע און מיטליעריקע אַרבעטער פֿלעגן אַ מאָל בײַ אײַך זינגען. געווי וואָס פֿאַר אַ לידער איך מיין קענט איר אים אָנווײַזן אויף מײַן אַרטיקל אין לאַנדויבוך,[11] בעיקר צום סוף, וווּ איך ברענג פֿאַרשיידענע מוסטערן פֿון אַזעלכע לידער און ווײַז דאָרט אָן אויף דער וויכטיקייט פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן דאָס די ייִדישע פֿאָלקלאָריסטן באַמערקט, האָבן מיך געפֿאָלגט און געזאַמלט, ווי איר קענט דאָס זען אין ז. סקודיצקיס זאַמלונג א״נ פֿאָלקלאָר־לידער, פֿון די ערשטע 12 נומערן.

מיגלעך, אַז אַזעלכע לידער זײַנען שוין אין אײַער געגנט ניטאָ, אָבער פּרוּוון נאָכפֿרעגן זיך אויף זיי, בײַ עלטערע אַרבעטער, קען ניט שאַטן, אפֿשר וועט זיך נאָך עפּעס אָפּזוכן.

נאָך אַ פּאָר ווערטער צו ח׳טע נחמה עפּשטיין און איך בין פֿאַרטיק מיט מײַן לאַנגן פּאָסט סקריפּטום:

איך בין אײַך באמת דאַנקבאַר, חבֿרטע עפּשטיין, וואָס איר גיט אַוועק אַזוי פֿיל פֿון אײַער פֿרײַער צײַט אויף דער אַרבעט פֿון די הומאָריסטישע מאַטעריאַלן. ס׳איז בײַ מיר גאָר קיין שום ספֿק ניטאָ, אַז די אַרבעט וועט אַרויסקומען פּערפֿעקט אונטער אײַער רעדאַקציע. איך גלייב, אַז דאָס וועט זײַן אַ ווערטפֿולע, אויסשעפּנדיקע אַרבעט, אויף וויפֿל ס׳איז שייך די מאַטעריאַלן

[11] „פֿאָלקסגעזאַנג און פֿאָלקסליד, באַמערקונגען צו אַרבייט און פֿרײַהייט“, אין: לאַנדויבוך, זז׳ 139—154 [אין דעם איצטיקן באַנד, זז׳ 54—68].

וואָס געפֿינען זיך בײַ דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע. אַחוץ דעם וועט דער וויסנשאַפֿטלעכער ווערט פֿון אײַער אַרבעט ליגן אין דעם אָנווײַז אויף אַלע געדרוקטע וואַריאַנטן וואָס אונדזערע באַרימטע קאָמפּילאַטאָרס האָבן ביז אַהער געזוכט צו פֿאַרשווײַגן.

דאָס וואָס די אָפּגעקליבענע הומאָר־מאַטעריאַלן דערגרייכן שוין קנאַפּע 200 נומערן איז באמת אַ דערפֿרייענדיקע ידיעה פֿאַר מיר. זאָרגט זיך ניט וועגן דעם גרויסן פֿאַרנעם, מיר וועלן שוין ווי ניט איז דורכקומען מיטן אויספֿירביורא. פֿאַרקערט, מיר דוכט זיך, אַז עס וועט אים גאָר שטאַרק הנאה טאָן, וואָס מען וועט אים צושטעלן אַזאַ רײַכן באַאַרבעטן מאַטעריאַל.

ס׳איז אַ שאָד, וואָס איר האָט ניט געפֿונען מזחס וועלט וויצלינג, אפֿשר וועט זיך דאָס אָפּזוכן אין דער ווילנער אוניווערסיטעט־ביבל׳, אָדער אין אַן אַנדער שטאָטישער ביבליאָטעק. בעט חבֿר פּיפּען, ער זאָל דאָס אַ זוך טאָן. און אַז ער וועט שוין האַלטן אין זוכן, זאָל ער אין איין וועגס זיך נאָכפֿרעגן אויף נאָך אַ גרעסערן אַנטיק: הונדערט און איין אַנעקדאָטען, ווילנע 1824. דער דאָזיקער אַנטיק איז פֿאַרצייכנט אין זלמן רייזענס ערשטן לעקסיקאָן פֿון ייִד׳ ליט׳ און פּרעסע (ז׳ 751). ס׳וואָלט געווען אַ טײַערע זאַך, אַן אוצר ממש, ווען מען געפֿינט דאָס ביכעלע. נאָר סײַ ווי סײַ דאַרף מען איבערקוקן די אַנעקדאָטן־ביכלעך וואָס וואַלגערן זיך אין די ווילנער ביבליאָטעקן.

דערוואַרטנדיק מער נײַעס פֿון אײַך וועגן די באַרירטע ענינים,

מיט די בעסטע חבֿרשע גרוסן,

י. ל. כּהן

4

ניו־יאָרק, מײַ 5, 36

ליבער ח׳ ש. ז. פּיפּע,

אײַער בריוו פֿונעם 13/III, צוזאַמען מיטן באַריכט פֿון אײַער אַרבעט אויף דער טעמע „קינדער־פֿאָלקלאָר“, האָב איך פֿון לאַנג שוין דערהאַלטן. געלייענט מיט טיפֿן אינטערעס און באמת הנאה געהאַט. לײדער אָבער האָב איך אײַך ניט געקענט גלײַך ענטפֿערן און האָב געמוזט דאָס אָפּלייגן פֿון טאָג צו טאָג, מחמת כ׳בין אַלץ געווען פֿאַרנומען מיט אַזעלכע האַרבע, וואָכעדיקע זאַכן וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט צוזאַמענמישן מיט אַזאַ דעליקאַטן ענין ווי קינדער־פֿאָלקלאָר.

און ס׳איז באמת געווען פֿאַר מיר אַ דעליקאַטער ענין צו זאָגן מבֿינות וועגן אַן אַרבעט וואָס איז נאָך אין גאַנצן ניט פֿאַרענדיקט און וואָס דער מאַטעריאַל, אויף וועלכן די אַרבעט איז אויפֿגעבויט, איז מיר קנאַפּ וואָס באַקאַנט. פֿון דעסט וועגן, לייענענדיק אײַער באַריכט, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז איך לייען אַ גוטן רעפֿעראַט וועגן אַן אינטערעסאַנטן פֿאָלקלאָריסטישן ענין וואָס איז בײַ אונדז ביז אַהער נאָך ניט באַרירט געוואָרן: „דאָס ייִדישע קינדערשפּיל“.

די אײַנטיילונג פֿונעם מאַטעריאַל אין פֿאַרשיידענע גרופּעס און אונטער־גרופּעס, דוכט זיך מיר, איז אַ גאַנץ געראָטענע. בלויז עטלעכע טעכנישע נעמען פֿון די שפּילן וואָלט מען אפֿשר באַדאַרפֿט אויסבעסערן. למשל, דער אויסדרוק „רושפּילן" איז סתירהדיק, ווײַל „שפּיל" איז בתוך ניט קיין „רו". וואָרעם וואָס פֿאַר אַ שפּיל דאָס זאָל ניט זײַן, איז פֿאַראַן אין דעם אַ געוויסע באַוועגונג אָדער אויפֿרעגונג. צב"ש רושפּילן 3: האַנט־ און פֿינגער־שפּילן (עטל־בעטל, רייצענישן, אויסנאַרענישן א"אַ), 4: האַזאַרד־שפּילן (אין קאָרטן, געלט, קנעפּ, א"אַנד) — אַלץ אַזעלכע שפּילן וואָס ווערן דאָס רובֿ געשפּילט אין שטוב, אין דער היים; דעריבער וואָלט זיך בעסער געפּאַסט פֿאַר זיי דער נאָמען „שטוביקע שפּילן", להיפּוך צו די דרויסנדיקע. אַגבֿ זײַנען די „שפּילן מיט צמחים" און „בעלי־חיים", וואָס שטייען אונטער דער זעלביקער גרופּע „רושפּילן", גאָר דרויסנדיקע שפּילן, אויב איך האָב ניט קיין טעות. בכן געהערן זיי ניט צו די שטוביקע, נאָר צו אַן אַנדער גרופּע. פֿאַר וואָס איז טאַקע ניט פֿאַראַן בײַ אײַך אַזעלכע גרופּעס, ווי „שטוביקע" און „דרויסנדיקע" שפּילן? און פֿאַר וואָס פֿעלן „זומערדיקע" און „ווינטערדיקע", אין זון, אין רעגן און אין שניי? די גרופּעס: „אופֿנים פֿון שווימען (זומער), גליטשן (ווינטער)" זײַנען דאָס ניט ממלא. עס וואָלטן אויך באַדאַרפֿט זײַן די פֿאָלקסטימלעכע נעמען פֿון איינצלנע שפּילן, למשל „קאַמער־קאַמער־טיר", „באַראַנטשיק", „קאַץ און מויז", „שלעפּע־באַבע", „קאַלט־וואַרעם", „פּעט און מאָגער" וכדומה. איך גלייב אָבער, אַז דאָס וועט איר מסתּמא שפּעטער צוגעבן, לויט ווי די צושיקער פֿונעם מאַ־טעריאַל האָבן דאָס אָנגעמערקט.

פֿאַראַן אין אײַער באַריכט אַ באַמערקונג: „די קאַראַהאָד־ און טאַנץ־שפּילן וואָס ווערן באַגלייט מיט לידלעך גיבן אונדז אַ בילד פֿון די אַמאָליקע געצן־דינערישע טענץ". דאָס איז אפֿשר גאַנץ ריכטיק, אָבער דערבײַ וואָלט איר באַדאַרפֿט אָנגעבן, ווער ס'האָט דאָס אויפֿגעוויזן, נאָמען אָדער ווערק פֿונעם פֿאָרשער. דאָס וואָלט געמאַכט אַ בעסערן אײַנדרוק, אַ מער וויסנשאַפֿטלעכן. מעגלעך, אַז אין אײַער באַריכט זײַנען אַזעלכע פּרטים ניט נייטיק געווען, אָבער מען דאַרף דאָס האָבן אין זינען אויף להבא.

אָט די אַלע באַמערקונגען מײַנע פֿאַרמינערן בכלל ניט דעם ווערט פֿון אײַער אַרבעט און דעם פֿאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט לייענענדיק אײַער באַריכט: אַ געוואַלטיקער אויפֿטו אין משך פֿון דרײַ חדשים!

און איצט צו אײַער בריוו:

ס'האָט מיך באמת געפֿרייט צו הערן, אַז ד"ר ווײַנרײַך ווי אויך די אַנדערע חבֿרים פֿון אויספֿיר־ביוראָ זײַנען זייער צופֿרידן פֿון דעם אופֿן, ווי אַזוי איך האָב רעדאַגירט אײַער לידער־זאַמלונג. ס'האָט מיר אויך הנאה געטאָן, וואָס אַפֿילו איר אַליין, ניט קוקנדיק אויפֿן „ריס אין האַרץ" צוליב די געפּסלטע לידער, האָט זיך לסוף איבערצײַגט, אַז איך בין געווען גערעכט מיט מײַן אָפּקלײַב.

אין אײַער „אַרײַנפֿיר" דאַרפֿט איר ניט דערמאָנען מײַן „הדרכה און השפּעה",

וואָס איז אפֿשר געווען אַ צופֿעליקע און אַן אויבנאויפֿיקע. אַגבֿ איז נאָך צו פֿרי וועגן דעם צו ריידן, איר שרײַבט נאָך ניט קיין זכרונות און קיין געשיכטע אַוודאי ניט. דערמאָנען מײַן נאָמען אין אײַער אַרײַנפֿיר מיינט צונעמען בײַ מיר די מעגלעכקייט צו שרײַבן אַ גוטע און אַן אומפּאַרטייִשע רעצענזיע איבער אײַער זאַמלונג. קיין אַנדערע רעצענזענטן וואָס זאָלן עפּעס פֿאַרשטיין אין דעם ענין פֿאָלקסלידער זע איך ניט דערווײַל. געדענקט זשע און האָט עס אין זינען. לאָזט זיך פֿון קיינעם ניט אײַנריידן, אַז מען דאַרף מיך דערמאָנען. אויב יאָ, איז פֿאַרפֿאַלן מײַן רעצענזיע.

אַזוי גיך ווי איר וועט האָבן פֿאַרטיק די ערשטע קאָרעקטורן פֿון אײַער קאָלעקציע שיקט מיר צו אַ קאָפּיע דערפֿון. וואָרעם אַז איר וועט זיך פֿאַרלאָזן ביז ס'וועלן מיר אָנקומען די ייִוואָ־בלעטער מיט אײַער געדרוקטער לידער־זאַמלונג, וועט מײַן רעצענזיע אַרויסקומען אפֿשר אין אַ יאָר אַרום, און דאָס ווילט איר דאָך מסתּמא ניט.

איר ווייסט גאָרניט, וואָס פֿאַר אַן איבערראַשונג ס'איז פֿאַר מיר געווען אײַער אַנטדעקונג פֿונעם ביכל 101 אנגדאטין — ווילנע, 1820.[12] כ'האָב מיך באמת גאָרניט געריכט, אַז איר וועט עס נאָך געפֿינען אין דער ווילנער אוני־ווערסיטעט־ביבליאָטעק. ס'קומט אײַך דערפֿאַר אַ גרויסן יישר־כּוח! כ'האָב גע־שריבן צו ד"ר ווײַנרײַכן וועגן דעם און אים געבעטן, ער זאָל לאָזן מאַכן דערפֿון אַ פֿאָטאָסטאַט, וואָרעם ס'קאָן גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז דאָס ביכל איז אַ אוניקום. ס'איז מיר נאָר אַ וווּנדער, וואָס חבֿרטע עפּשטיין האָט מיר גאָרניט געשריבן וועגן דעם. אפֿשר האָב איך געהאַט אַ טעות, אפֿשר האָט דאָס ביכל גאָרניט אַזאַ גרויסן ווערט ווי איך בין זיך משער? אָבער איך קען דאָס ניט צוגעבן. ס'איז ניט קיין קלייניקייט אַ ייִדיש אַנעקדאָטן־ביכל פֿונעם יאָר 1820, געדרוקט אין ווילנע! ווו האָט איר נאָך אַזעלכן?

דאָס איז דאָך אַ וויכטיקע דאַטע 1820, דאָס איז דאָך אַן אויסגאַנגספּונקט, אַרום וועלכן ס'וועט זיך אפֿשר דרייען אונדזער גאַנצע אַנעקדאָטן־פֿאָרשונג. אַחוץ דעם, דער פֿאַקט אַליין: אין 1820, פֿאַר אײַזיק־מאיר דיק, פֿאַר מאָטקע חב"ד, האָט זיך אין דער פֿרומער ווילנע שוין געפֿונען אַ ייִד וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַ ביכל פֿון 101 אַנעקדאָטן, און ס'האָבן זיך שוין געפֿונען אַזוינע ייִדן אין ווילנע וואָס האָבן געקויפֿט די אנגדאטין און געלייענט, און מסתּמא אויך הנאה געהאַט. דאָס איז דאָך געוואַלטיק אינטערעסאַנט! איך וואַרט שוין מיט גרויס אומגעדולד, וואָס ד"ר ווײַנרײַך וועט זאָגן דערויף.

איך דאַנק אײַך פֿאַר אײַער קורצן באַריכט וועגן דעם הומאָר־מאַטעריאַל (עפּעס ניט קיין פּאַסיקער אויסדרוק), וועגן די וויצן און אַנעקדאָטן וואָס דערגרייכן

[12] דער פֿולער טיטל פֿון דעם ביכל איז: הונדערט אונד אייני אנגדאטין. אודער קורצי בשרייבונג וועלכי קאנין דען בזארגטין מענטשין פֿיל פֿאר גינוגן מאכין אין דער צייט ווען זייא פֿון זייער לערנונג אודער ארבייט פֿרייא זיינען. איר וועט לעזין דרינן אוך מאראל (מוסר) פֿיליזאפֿיע: צום מערשטין אבער פֿינד זיך זעלכי מעשיות פֿון וועלכי איר וועט פֿר גיוויש גרויש (הנאה) האבן, ווילנא, תקפ"ד 1823. [כּהנס נאָטירונג „1820" (און פֿריִער 1824) איז אַ טעות.]

שוין העכער 300 נומערן און וואס חברטע עפשטיין האט אזוי געוויסנהאפטיק דורכגעארבעט. דאס איז באמת א גרויסער אויפטו, מען קען זאגן, א פאלקלאריסטיש ווערק פאר זיך גופא, און דאס וועלן מיר האבן צו פארדאנקען חברטע עפשטיינס אומדערמידלעכער ארבעט. צו די 18 נומערן אנעקדאטן־ביבליאגראפיע וואס איז שוין פאראן, ווי איר שרייבט מיר, וועל איך שפעטער צוגעבן א ביבליאגראפיע פון דער פאראלעלער פרעמדשפראכיקער אנעקדאטן־ליטעראטור.

אייער ענטפער אויף מיין אנפרעג וועגן עלטערע ארבעטער־לידער פון אייער סאניקער געגנט איז צום טייל צופרידנשטעלנדיק. איך האלט, אז אויך די נייערע לידער פון דעם מין דארף מען ניט פארזען, כ׳מיין די 4־5 ארבעטער־לידער וואס איר האט פארשריבן און וואס זיינען לרוב, ווי איר ווייזט אן, פון א ליטערארישן מקור (ביי עדעלשטאט). אט די דאזיקע לידער, אויב זיי ווייזן נאר באדייטנדיקע שינויים אין ווארט און אויסדרוק לגבי דעם אריגינאל, דארפט איר זיי אויפנעמען אין אייער זאמלונג אונטער א באזונדערן אפטייל: ארבעטער־לידער. אזא אפטייל געפינט זיך אויך אין מיין ערשטער זאמלונג ב׳ II, זז׳ 205—212, הגם אן עלטערער מאטעריאל. אויך פון די נייערע ארבעטער־לידער האב איך שפעטער אויפגענומען, אויב זיי האבן זיך נאר געמאכט אונטער דער האנט, ניט קוקנדיק אויף זייער ליטערארישן אפשטאם, ווי צב״ש די נומערן 180, 181 אין מיין „ב״ז״, אויף וועלכע איר ווייזט אן, אז צו זיי געפינען זיך אויך וואריאנטן ביי לעהמאן און סקודיציקי. טא פאר וואס זאלן מיר ניט וויסן, ווי אזוי די זעלביקע לידער ווערן אויך געזונגען אין סאניקער געגנט?

די ליטערארישע לידער וואס זיינען אראפ פון דער ליטעראטור אין פאלק אריין און זיינען דארט געווארן כמעט אמתע פאלקסלידער דארפן מיר איצט זייער נייטיק האבן. מיר דארפן זיי האבן, ערשטנס, צוליב א פארגלייך מיט די עלטערע וואס שטאמען פון פאלק גופא, און צווייטנס, כדי אויסצופארשן די פאלקלאר־עלעמענטן וואס האבן זיך אנגעקליבן אין די ליטערארישע ווי אויך אין די נייערע ארבעטער־לידער וואס זיינען פאר א געוויסער צייט געזונגען געווארן פון די ברייטע פאלקסמאסן.

אויב איר זייט ניט גענוי באקאנט מיט די פראבלעמעס פון פאלקסליד און קונסטליד, פאלקסליד און ארבעטער־ליד, מיט וועלכע אונדזער פאלקלאריסטיק האט זיך פאר די לעצטע פאר יאר פארנומען, וואלט איך אייך גערעטן איבערצולייענען די ווייטערדיקע ארבעטן: ד״ר שיפערס „אריינפיר־ווערטער אין דער יידישער פאלקס־קענטעניש״, פארעפנטלעכט אין דעם זשורנאל לאנדקענטניש, ווארשע 1933, נומ׳ 1, בעיקר די זייטלעך 64—70; סקודיציקי, „וועגן פאלקלארישן ארבעטער־ליד״, געדרוקט אין דעם זאמלבוך פראבלעמעס פון פאלקלאריסטיק, אונטער דער רעדאקציע פון מ. ווינער, קיעוו 1932, זז׳ 146—192, און דאס גאנצע ביכל פון א. ראזענצווייג, סאציאלע דיפערענציאציע אינעם יידישן פאלקלאר־ליד. בעיקר דארפט איר די לעצטע צוויי מיט קאפ איבערלייענען, פשוט איינשטודירן, כדי איר זאלט דערנאך וויסן וואס צו פרעגן, אויב עפעס וועט אייך ניט קלאר זיין. דערשרעקט זיך נאר ניט פאר די מיאוסע

עפיטעטן, זידלעריי און חוזק־מאכעריי איבער אונדזערע קליינבירגערלעכע, רעאקציאנערע יידישיסטישע פאלקלאריסטן. מאכט זיך ניט וויסנדיק — און לייענט ווייטער.

כ׳וואלט אבער געוואלט, אז דאס לייענען זאל אייך ברענגען געוויסע רעזולטאטן. בין איך גרייט אייך צו העלפן אין דעם. און אט ווי אזוי: נעמט א פאר בויגן פאפיר און מאכט זיך נאטיצן וועגן יעדער פראגע וואס וועט אייך אויפקומען ביים לייענען און וואס וועט אייך ניט זיין קלאר; וועגן יעדן פירוש וואס וועט זיך אייך דוכטן, אז ער איז פאלש, וועגן יעדן דיאלעקטישן דריידל וואס וועט אייך צעטומלען און בכלל וועגן יעדער טענה צו מיר און צו אנדערע, וואס איז ביז אהער נאך ניט פארענטפערט געווארן. טוט דאס סיסטעמאטיש. שטעלט אייערע פראגעס קורץ און קלאר, דרייסט, אן שום מורא פאר אויטאריטעטן, און איך וועל אייך אויף אלעם ענטפערן גאר באריכות. אויף א פאפולערן אופן, מיט אויספירלעכע דערקלערונגען און ציטאטן, מיט אמתע, אומפארטייאישע פירושים, ווי ווייט מיגלעך. אזוי אז עס וועט זיך באקומען כמעט א פולשטענדיקער קורס אין די דערמאנטע פראבלעמעס פון דער יידישער פאלקסליד־פארשונג. וואס וועט אייך זיכער צו ניץ קומען אויף א לאנגער, לאנגער צייט. אויב דער פלאן געפעלט אייך, נוצט אויס די געלעגנהייט און טוט עס באלד, אזוי לאנג ווי איר זייט אין ווילנע, ביים ייווא. ווארעם אין דער היים וועט איר ניט קריגן די אלע ביכער; אחוץ דעם וועט אפשר שפעטער שוין זיין צו שפעט. א מענטש קען האבן א גוטן ווילן עפעס צו טאן [און] דערנאך חרטה האבן, ווען עס פארציט זיך צו לאנג.

מיט די ווארעמסטע גרוסן צו דער גאנצער פאלקלאר־קאמיסיע.

אייער

י. ל. כהן

5

ניו־יארק, 36/X/7

ליבער חבר ש. ז. פיפע,

אייער בריוו פונעם 19טן יוני האב איך באקומען אין די סאמע ברענענדיקסטע היצן, ווען ס׳איז דא פשוט אוממעגלעך געווען צו עטעמען. פון דעסט וועגן האב איך אייך בשעתו אנגעשריבן אן ענטפער אויף אלע אייערע פראגעס, וואס איר האט מיר געשטעלט בנוגע דעם יידישן פאלקסליד בכלל. נאר אז איך האב דערנאך איבערגעלייענט וואס איך האב אייך אנגעשריבן, איז מיר עפעס אליין ניט געפעלן געווארן מיינע ענטפערס. ס׳האט מיר אויסגעוויזן, אז זיי זיינען ניט גענוג קלאר און אז איר קענט נאך חלילה ארויסציען פון זיי גאנץ פאלשע שלוסן. דעריבער האב איך באשלאסן בעסער דעם בריוו ניט אפשיקן.

דערווייל האבן מיך די גרויסע היצן פארטריבן פון שטאט. כ׳בין אוועק אויף מיין וואקאציע און בין ערשט צוריקגעקומען אהיים א וואך פאר ראש־השנה. נו, און צווישן ראש־השנה און יום־כיפור האט זיך אוודאי ניט געלאזט

טראַכטן וועגן פֿאָלקלאָריסטישע פּראָבלעמעס, דעריבער מײַן פֿאַרשפּעטיקטער ענטפֿער.

נאָר מיר דוכט זיך, אַז קיין סך האָב איך ניט פֿאַרשפּעטיקט. וואָרעם אַ טייל פֿון די פֿראַגעס וואָס איך האָב זיך געריכט, אַז איר וועט מיר שטעלן, האָט איר זיי כמעט אַליין פֿאַרענטפֿערט. כ׳מיין מכּוח ד״ר שיפּערס טעאָריע וואָס איר האָט אַזוי שטאַרק צעקלאַפּט, אַזוי אַז ס׳איז שוין פֿאַר מיר כמעט גאָרניט געבליבן וואָס צו פֿאַרענטפֿערן. ס׳אייגענע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן סקודיצקיס טעאָריעס מכּוח די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ און פֿאָלקס־לידער, וועלכע איר האָט אַרונטערגעמאַכט אונטערן האַנט, אָנווײַזנדיק דערבײַ, אַז סקודיצקי האַלט פֿון ד״ר שיפּערס טעאָריע, נאָר ער זאָגט עס קיינעם ניט אויס, חלילה...

און דערנאָך שטעלט איר מיר אַ גאַנץ האַרבע פֿראַגע: איר וואָלט געוואָלט וויסן, „וואָס איז אַזוינס אַ פֿאָלקסליד? וואָס איז דער סימן מובהק פֿון אַ פֿאָלקס־ליד״? איר ווילט, הייסט עס, איך זאָל אײַך געבן דערויף אַ קלאָרע דעפֿיניציע. דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען שטאַרק איבערראַשט פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע, מחמת כ׳בין געווען זיכער, אַז איר ווייסט שוין וואָס אַ פֿאָלקסליד איז און וואָס איז דער סימן מובהק פֿון אַ פֿאָלקסליד. איר אַרבעט דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צײַט אויף דעם געביט און איר האָט דאָך שוין געזאַמלט אַזוי פֿיל שיינע, אמתע פֿאָלקסלידער.

איך בין געווען איבערראַשט, ווײַל מיט עטלעכע שורות פֿריִער, דיסקוטירנדיק ד״ר שיפּערס טעאָריע, גיט איר אַליין אַ גאַנץ אויספֿירלעכע דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף „פֿאָלקסליד״. איר שרײַבט אַזוי:

> אין דער פֿאָלקלאָריסטיק איז דוכט זיך אָנגענומען אַ היפּוכדיקע טעאָריע. אויב מיר נעמען, למשל, אַן אמתדיק פֿאָלקסליד, פֿאַרשטייט מען יענץ ליד, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון אַן אַנאָנימען מחבר, דווקא אַ מענטש וואָס קען לרובֿ נישט קיין צלם פֿאַר אַן אלף. ער איז דיכטעריש באַגאַבט און בײַ יעדער פּערזענלעכער איבערלעבעניש (אָדער געשעעניש אין דער סבֿיבֿה, אין וועלכער ער לעבט זיך אויס) דריקט ער אויס זײַנע געפֿילן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קורץ לידל. דאָס ליד ווערט אויפֿגענומען גאַנץ אָפּט צופֿעליק (אַ מאָל באַוווּסטזיניק דורך באַקאַנטע), יעדער זינגער גיט צו אַ וואָרט, אַ שורה, צופּאַסנדיק עס לויט זײַן געשמאַק און זײַן סבֿיבֿה. אַזוי אַרום שאַפֿן זיך וואַריאַנטן. וואָס מער וואַריאַנטן, אַלץ מער געשליפֿן ווערט דאָס ליד.

און ווײַטער אין אײַערע באַמערקונגען צו סקודיצקין שרײַבט איר:

> סקודיצקי, זעט אויס, האַלט אויך פֿון ד״ר שיפּערס טעאָריע. דאָס קען מען זען פֿון זײַן אַרבעט „וועגן פֿאָלקלאָרישן אַרבעטער־ליד״. דער עצטער איז אַ גרויסער אָנהענגער פֿון די לידער וואָס האָבן אַ ליטעראַרישן מקור (עדעלשטאַט און אַנדערע), זײַנען אויפֿגענומען דורך אַרבעטנדיקע און זײַנען צוגעפּאַסט געוואָרן צו זייער געשמאַק. לייענענדיס אָבער סקודיצקיס לידער־זאַמלונג און אַפֿילו אַנדערע סאָוועטיש־ייִדישע זאַמלונגען האָב איך פֿאַרט נישט קיין הנאה געהאַט, כ׳האָב לחלוטין נישט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז כ׳לייען פֿאָלקסלידער, פּשוט דערפֿאַר,

ווײַל זיי זײַנען נישט עכט (מיטן אויסנאַם פֿון עטלעכע). זיי האָבן נאָך נישט, „געפּאַקט און געמאָזלט״, נישט דורכגעגאַנגען די שבֿעה מדורי גיהנום, וואָס אַ פֿאָלקסליד דאַרף דורכגיין. מיט איין וואָרט, זיי האָבן נאָך נישט באַקומען קיין גרעסערע צאָל וואַריאַנטן, און דערפֿאַר זײַנען זיי נישט אַזוי עכט פֿאָלקסטימלעך.

כ׳האָב בכּיוון אײַך ציטירט אַזוי אויספֿירלעך, כּדי איר זאָלט זען, אַז איר האָט אַ גאַנץ קלאָרע דעפֿיניציע פֿון אַן אמתדיק פֿאָלקסליד, און ס׳איז פֿאַראַן ניט איין סימן מובהק פֿון אַ פֿאָלקסליד, נאָר אַ סך. למשל, אַן אַנאָנימער מחבר, אַן אַנאַלפֿאַבעט וואָס קען ניט קיין צלם פֿאַר אַן אלף, אָבער דיכטעריש באַגאַבט, קער ער זײַן, הייסט עס, דער שאַפֿער פֿון אַ פֿאָלקסליד. און דאָס פֿאָלקסליד אַליין מוז האָבן אַ גרעסערע צאָל וואַריאַנטן, וואָס דאַרפֿן זײַן „געפּאַקט און געמאָזלט״ און דורכגעגאַנגען די שבֿעה מדורי גיהנום״.

איך פֿאַרשטיי, אַז איר מיינט דאָס ניט בוכשטעבלעך, איר מיינט דעם פּראָצעס וואָס אַ ליד מוז דורכגיין אין פֿאָלקסגעזאַנג ביז עס ווערט אַן אמתדיק פֿאָלקסליד. פֿרעגט זיך טאַקע, אויב איר קענט אַזוי גוט דעפֿינירן דעם באַגריף „פֿאָלקסליד״, איז צו וואָס דאַרפֿט איר נאָך מײַן דעפֿיניציע? צי מיינט איר אפֿשר ניט אַ הסכּמה אויף אײַער דעפֿיניציע?

מוז איך אײַך זאָגן, אַז בתוך איז אײַער דעפֿיניציע אַ גאַנץ נישקשהדיקע. ניט מער, זי לאָזט איבער אַ סך פֿראַגעס ניט פֿאַרענטפֿערט. למשל מען קען פֿרעגן, ווו איז דער באַווײַז, אַז אַ פֿאָלקסליד ווערט געשאַפֿן פֿון איינעם וואָס קען ניט קיין צלם פֿאַר קיין אַלף? ער האָט דאָך געקענט גראָד זײַן איינער פֿון פֿאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין חדר אָדער אין אַ ישיבֿה און האָט גראָד געקענט לייענען און שרײַבן. ווו איז דער באַווײַז אינעם פֿאָלקסליד, אַז זײַן מחבר איז אַפֿילו אויף אַזוי פֿיל ניט געווען געבילדעט?

ווײַטער איז גאַנץ ריכטיק און נאַטירלעך, אַ פֿאָלקסליד זאָל האָבן מערערע וואַריאַנטן, אָבער אָננעמען דאָס פֿאַר אַ סימן מובהק פֿון אַ פֿאָלקסליד קען מען אויך ניט. וואָרעם עס קען דאָך געמאָלט זײַן, אַז אַ זאַמלער זאָל פֿאַרצייכענען בײַ אימעצן אַ ליד וואָס איז נאָך קיין מאָל ניט פֿאַרצייכנט געוואָרן און ס׳איז טאַקע אַן אמתדיק פֿאָלקסליד, כאָטש עס האָט ניט קיין וואַריאַנטן. אין מײַנע זאַמלונגען און בײַ ג״מ געפֿינען זיך אַ היפּש ביסל לידער אַזעלכע, וואָס האָבן ניט קיין וואַריאַנטן און וואָס לויט זייער סטיל און אינהאַלט גיבן זיי דעם אײַנדרוק פֿון אמתע פֿאָלקסלידער. צופֿעליק האָבן אַנדערע זאַמלער קיין וואַריאַנטן צו זיי ניט פֿאַרצייכנט, איז בכן זײַנען זיי דעריבער ניט קיין פֿאָלקסלידער?

און וואָס וואָלט איר געזאָגט דערויף, ווען סקודיצקי אָדער אַן אַנדערער זאָל אײַך אָנווײַזן, אַז עדעלשטאַטס און ווינטשעווסקיס לידער האָבן אין פֿאָלק אַ סך וואַריאַנטן? וואָלט איר דאָך לויט אײַער שטאַנדפּונקט געמוזט צוגעבן, אַז זיי זײַנען פֿאָלקסלידער, ווײַל זיי האָבן אַ גרעסערע צאָל וואַריאַנטן. אײַ דאָס וואָס זיי האָבן נאָך ניט „געפּאַקט און געמאָזלט״ און זײַנען ניט דורכגעגאַנגען „די שבֿעה מדורי גיהנום״, דאַרף מען נאָך באַווײַזן, אַז זיי זײַנען ניט. צי קען מען דאָס באַווײַזן איז אַן אַנדער פֿראַגע.

איר דערמאנט זיך, אז ווען איך בין געווען אין ווילנע* האב איך אין מיינער א לעקציע אנגעוויזן,

> אז נאר יענע לידער זיינען עכטע פאלקסלידער, וואס זיינען געשאפן געווארן פון פאלק, און זיי דארף מען זאמלען. דערקענען די, וואס זייער מקור איז א ליטעראַרישער, אויף די דארף מען נישט שטארק אכט לייגן.

געדענק איך ניט, צי איך האב פונקט אזוי געזאגט, מיט די זעלביקע ווערטער. נאר אויב אפילו אזוי, איז דאס אין יענעם מאמענט געווען גאנץ ריכטיק געזאגט, ווארעם איר דארפט ניט פארגעסן, אז איך האב געהאט פאר זיך איבער א צענדלינג פאלקלאר־זאמלער, נאך גאנץ יונגע און גאנץ גרינע אין דער זאמל־ארבעט, און וואס א טייל פון זיי האבן קענטיק נאך ניט געוווּסט דעם חילוק פון א פאלקסליד ביז א קונסטליד. דעריבער איז דעמאלט נייטיק געווען אונטערצושטרייכן, אז זיי דארפן לייגן מער אכט אויף פאלקסלידער וואס ווערן געזונגען אין פאלק איידער אויף ליטעראַרישע. כ׳האב דאס אונטערגעשטראכן דערפאר, ווייל כ׳האב געפונען צווישן זייערע צוגעשיקטע מאטעריאלן אינעם ייִוואָ־ארכיוו א סך לידער פון גאלדפאדען, צונזער, זבארזשער און אנדערע, וואס האבן אויסגעקוקט ווי איבערגעשריבענע פון געדרוקטע ביכלעך. אנדערע לידער ווידער זיינען סתם געווען אזוי שטארק צעפלאנטערט און פארדרייט, אז מען זאל ניט דערקענען פון וואנען זיי שטאמען, און דאס האט געזאלט הייסן, אז דאס פאלק האט עס אזוי געזונגען. אזוי <האבן> אויך <אויסגעזען> א טייל פון די אמתע פאלקסלידער וועלכע האבן אויסגעזען ווי איבערגעשריבן פון געדרוקטע פאלקלאר־זאמלונגען, נאר א ביסל איבערגעאנדערשט, פארביטן פערזן און סטראפעס, מען זאל ניט דערקענען, אז זיי זיינען גענומען פון דער אדער יענער זאמלונג.

ס׳פארשטייט זיך, אז איך בין דערפון געווען שטארק אויפגערודערט, אבער כ׳האב קיינעם ניט געקענט באשולדיקן, מחמת דאס וואלט אנטמוטיקט דעם ייִוואָ און די אלע זאמלער אין דער ארבעט. דערפאר האב איך זיך געכאפט צו דעם ערשטן בעסטן מיטל וואס איז מיר געקומען אונטער דער האנט, צו גינזבורג און מארעקס זאמלונג. כ׳האב אנגעוויזן אויף דער דאזיקער זאמלונג ווי אויף א מוסטער פון אן אמתער פאלקסלידער־קאלעקציע. כ׳האב געלייענט, קאמענטירט און געבראכט מוסטערן פון די פארשיידענע לידער־אפטיילונגען, אלץ כדי אונדזערע יונגע, גרינע זאמלער זאלן כאטש קריגן א שטיקל השגה ווי עס זעט אויס און וואס ס׳איז אזוינס א פאלקסליד.

ס׳פארשטייט זיך, אז קיין סימן מובהק פון א פאלקסליד האב איך זיי דעמאלט ניט געקענט געבן, מחמת ס׳זיינען פאראן א סך סימנים, וואס כדי זיי צו דערקענען דארף מען האבן א טיפערע קענטעניש פון פאלקלאר בכלל. קורץ, כ׳האב דעמאלט ניט געהאט קיין קורס איבער פאלקלאר און ניט קיין לעקציעס,

* זען ד׳ 141 א״וו.

נאר א דיסקוסיע וועגן פארשיידענע פראגעס פון אונדזער זאמל־ארבעט. ס׳איז געווען מער קריטיק ווי טעאריע.

ס׳איז לכתחילה געווען א פעלער פון מיין זייט, וואס איך האב מיך צו ערשט ניט באקענט מיט די קוואליפיקאציעס און מיט די פעיִקייטן פון די זאמלער. כ׳האב ניט געהאט קיין צייט צו האבן מיט איעדן איינעם אן אינטימען פערזענלעכן שמועס מכוח דעם ספעציפישן אופן פון זיין זאמל־ארבעט.

אט אזוי פיל לאזט זיך דא זאגן דערווייל וועגן מיין דעמאלטיקן שמועס מיט די צונויפגעפארענע זאמלער. אבער וואס ס׳איז שייך די פעיִקערע זאמלער, די אינטעליגענטערע און מער פארשטענדיקע, וואלט איך זיי באדארפט זאגן, אז אייגנטלעך איז ניט פאראן קיין פרינציפיעלער חילוק פון א ליד וואס איז געשאפן געווארן אין די אונטערע שיכטן פון פאלק ביז א ליטעראַריש אדער פאלקסטימלעך ליד וואס איז אראפ אין פאלק און איז אין משך פון א סך יארן געווארן א פאלקסליד. דער חילוק איז בלויז אין דער קאלעקטיווער פאלקספסיכיק וואס אזא פיל געזונגען ליד דריקט אויס, אבער ניט אין זיין אפשטאם. ווארעם דעם אמת געזאגט קענען מיר ביי א סך פאלקסלידער גארניט פעסטשטעלן, צי זיי שטאמען פון פאלק צי פון דער ליטעראַטור. אין מיינע אלטע און נייערע זאמלונגען זיינען פאראן א היפש ביסל לידער וואס איך בין זיכער, אז זיי זיינען פון א ליטעראַרישן אפשטאם. צו אנדערע האב איך אפילו געפונען זייערע ליטעראַרישע מקורים, די נעמען פון זייערע מחברים, אבער דאס מאכט זיי ניט פאר אויס פאלקסלידער, מחמת זיי זיינען אינעם לאנגן פראצעס פונעם פאלקסגעזאנג אזוי פיין איבערגעארבעט און איבערגעשאפן געווארן, אז ס׳איז קוים צו דערקענען זייער אפשטאם. זיי פארמאגן כמעט אלע סימנים פון עכטע פאלקסלידער. און דערפאר האבן זיי א וויסנשאפטלעכן ווערט ניט נאר פאר סאציאלע פארשונגען, נאר אויך פאר פסיכאלאגישע און קולטור־געשיכטלעכע.

אייגנטלעך וואלט איך באדארפט אנשרייבן א פאר ארטיקלען וועגן דעם ענין, א״ט „וואס איז א פאלקסליד?” און ווי אזוי ליטעראַרישע אדער פאלקסטימלעכע לידער קענען ווערן אמתע פאלקסלידער, און פארקערט.* נאר מיר דוכט זיך, אז קיינעם אינטערעסירט עס ניט ביי היינטיקער צייט וואס איז אזא שווערע און אומרויִקע.

עס בלייבט מיר נאך א פאר פראגעס אייערע צו פארענטפערן, הגם איך ווייס ניט, צי מיינע פריִערדיקע ענטפערס האבן אייך צופרידן געשטעלט. איך האב אבער דאס געפיל, אז איר גייט ארום מיט א שווער הארץ, מחמת איר פארשטייט ניט אדער קאנט זיך ניט דערקלערן, למאי איך האב א טייל פון אייערע געזאמלטע פאלקסלידער אויסגעשלאסן פון אייער קאלעקציע וואס איר האט פארטיק געמאכט צום דרוק. אמת, איר זאגט דאס ניט, אבער פון די אנדערע פראגעס אייערע איז דאס שטארק ניכר. איר שרייבט צב״ש:

> איר האט אונדז געלערנט, אז פארשרייבן דארף מען ווי דאס פאלק דערציילט אדער זינגט. ווי ווייט מעגלעך אפילו פאנעטיש, מען טאר נישט

* זען זז׳ 194—239.

חס־ושלום אויסבעסערן, ווען אַפֿילו מען זאָל וויסן, אַז עס איז <פֿאַר־גרײַזט> אַ בפֿירושער גרײַז. ווי איז אָבער דער דין ווען איינער זינגט גרײַזיק, און דאָס זעלבע ליד זינגט אַן אַנדערער אַ ביסל וואַריִירט — גוט?

דער ענטפֿער איז, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין דינים וועגן בפֿירושע גרײַזן. מען דאַרף אַליין וויסן, ווו אײַן און ווו אויס. אויב איינער, צוויי אָדער דרײַ גרײַזן, מאַכט ניט אויס. אָבער ווען דאָס ליד איז אין גאַנצן גרײַזיק הייסט עס, אַז דער זינגער קען ניט דאָס ליד, נאָר ער זינגט סתּם אין דער וועלט אַרײַן, ניט וויסנדיק אַליין וואָס ער זינגט. אַזאַ ליד דאַרף מען ניט דרוקן.

אַזעלכע לידער האָב איך קיין מאָל ניט פֿאַרשריבן. כ׳האָב דעם זינגער באַלד געזאָגט: „אַנטשולדיקט, מיר דוכט זיך, אַז איר קענט ניט דאָס ליד״.

בכלל קען מען ניט רעדן וועגן גרײַזן אין פֿאָלקסלידער ווען [מען] האָט ניט פֿאַר זיך דאָס מאַטעריאַל. דעם בעסטן ענטפֿער וואָלט איך אײַך געקאָנט געבן, ווען איר וואָלט מיר צוגעשיקט עטלעכע לידער פֿון די אויסגעשלאָסענע, וואָס איר דענקט, אַז זיי האָבן יאָ באַדאַרפֿט אַרײַן אין אײַער זאַמלונג וואָס איר האָט צוגעגרייט צום דרוק. דאַן וואָלט איך אײַך אויפֿן סמך פֿון די דאָזיקע לידערטעקסטן געקאָנט אָנווײַזן, פֿאַר וואָס איך האָב געהאַלטן, אַז זיי דאַרפֿן אויסן בלײַבן פֿון אײַער ערשטער קאָלעקציע.[13]

דאָס זעלביקע דאַרפֿט איר טאָן מיט די לידער וואָס איך האָב אָפּגעקליבן און צום טייל רעדאַגירט. שיקט זיי מיר צו, און איך וועל מיך באַמיִען אײַך צו דערקלערן דעם מעטאָד פֿון מײַן רעדאַקציע. ס׳וועט אײַך קלאָר ווערן, פֿאַר וואָס איך האָב אין אַ פּאָר לידער איבערגעשטעלט די שורות, אויסגעמעקט אָדער צוגעשטעלט אַ וואָרט. דאָס איז זיכער ניט געטאָן געוואָרן צוליב שיינקייט וועגן, נאָר צוליב אַ בעסערער פֿאַרשטענדעניש. וואָרעם עס קאָן דאָך גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז דער זינגער אָדער דער פֿאַרשרײַבער זאָל זיך טועה זײַן אַ מאָל. איינער וואָס אַרבעט שוין באַלד 40 יאָר אויף פֿאָלקלאָר קען דאָס גיכער דערזען, ווי דער וואָס אַרבעט בלויז עטלעכע יאָר. הגם ניט אַלע מאָל איז דאָס אַ ראַיה.

ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט אָט די אויסגעשלאָסענע לידער אונטער דער האַנט.

און איצט לאָמיר איבערגיין צו פֿריילעכערע זאַכן:

כ׳האָב שוין באַקומען פֿאַר אײַך די צוויי בענד פֿאָלקסלידער, מײַן ערשטע זאַמלונג, און דווקא די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון 1912!

חבֿרטע עפּשטיין האָט מיר עטלעכע מאָל געשריבן, אַז איר וואָלט געוואָלט האָבן אָט די דאָזיקע זאַמלונג מײַנע, וואָס איז שוין איצט אַ יקר־המציאות. כ׳האָב איך דערטאַפּט די בײדע בענד בײַ מײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן, האָב איך געמאַכט מיט אים אַ געשעפֿט און אויסגעביטן פֿאַר אַנדערע ביכער.

[13] די אויסגעבעסערטע טעקסטן צו טייל לידער, און באַמערקונגען צו זיי זען [זז׳ 171—193].

איך שיק אײַך די ביכער גלײַכצײַטיק מיטן בריוו אויפֿן אַדרעס פֿונעם ייִוואָ, ווײַל איך רעכן, אַז איר זײַט שוין איצט אין ווילנע אויפֿן צווייטן טערמין פֿון אײַער אַספּיראַנטור. איך האָף, אַז דאָס צווייטע יאָר וועט אײַך שוין ניט פֿאַלן אַזוי שווער אײַער אַרבעט און איר וועט אַ סך דערגרייכן.

איך ווינטש אײַך דעם גרעסטן דערפֿאָלג.

מיט וואַרעמסטע גרוסן,
אײַער
י. ל. כהן

כ׳בעט אײַך איבערגעבן אַ באמת חבֿרישן גרוס דער חבֿרטע עפּשטיין. איך האָב דערהאַלטן איר בריוו און כ׳וועל איר אין קורצן שרײַבן.

ע״ש — וואָס הערט זיך מיט אײַערע סאָניקער פֿאָלקסלידער? ווען וועלן זיי זיך אָנהייבן דרוקן אין די ייִוואָ־בלעטער?

6

ניו־יאָרק, 36/XII/17

ליבער חבֿר ש. ז. פּיפּע,

באַקומען אײַער בריוו פֿונעם X/27 — צוזאַמען מיט די קאָרעקטורן און מיט די לידער אין כ״י, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. ליידער האָב איך קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט צו ענטפֿערן אַזוי גיך ווי ס׳האָט זיך געוואָלט. געווען פֿאַרנומען און פֿאַרדרייט מיט אַנדערע זאַכן, אַזוי אַז דאָס האָט מיר פּשוט געשטערט דורכצוקוקן די צוגעשיקטע מאַטעריאַלן מיט אַ רויִקן קאָפּ.

נאָר ווי ס׳זאָל ניט זײַן בין איך אײַך זייער דאַנקבאַר געווען פֿאַר די צוגעשיקטע קאָרעקטורן פֿון די ערשטע 20 לידער וואָס זײַנען שוין פֿאַרטיק צום דרוק. כ׳האָב איבערגעלייענט די אַלע לידער און האָב געזאָגט צו זיך: ס׳איז גוט, ס׳וועט זײַן אַ פֿײַנע, אויסגעצייכנטע זאַמלונג! אויך דער קורצער אַרײַנפֿיר מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, ער איז זאַכלעך און גוט אָנגעשריבן געוואָרן. די עטלעכע פֿאַקטן וואָס איר ברענגט דאָרטן זײַנען זייער אינטערעסאַנט, בעיקר דער מעטאָד פֿון אײַער זאַמל־אַרבעט, וואָס קאָן דינען ווי אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע זאַמלער. און ניט דווקא זאַמלער, נאָר בכלל גוטע לייענער, ליבהאָבער פֿון פֿאָלקלאָר וועלן פֿון אײַער זאַמלונג ערשט קענען זען, וואָס עס מיינט אַזוינס אַן אמתדיק פֿאָלקסליד.

כ׳האָב אויך מיט טיפֿן אינטערעס איבערגעלייענט אײַער אַרײַנפֿיר־אַרטיקל צו די „ייִדישע קינדערשפּילן״ אין לעצטן נומער ייִוואָ־בלעטער,[14] און איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך האָב געהאַט גרויס נחת פֿון אײַך. מען זעט בחוש, אַז איר באַהערשט דעם מאַטעריאַל גאָר אויסגעצייכנט, מיט וויסן און מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער זאַך. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס איר האָט צום סוף פֿון אײַער אַרטיקל ניט צוגעגעבן קיין רשימה פֿון די אַלע שפּילן וואָס קומען אַרײַן אין דעם באַנד. דאָס וואָלט געגעבן אַ פּיל ברייטערן באַגריף פֿונעם

[14] באַנד X (1936), זז׳ 39—47.

אינהאַלט און מען וואָלט געקאָנט בעסער וויסן, מיט וואָס פֿאַר אַן אינפֿאָרמאַציע מען וואָלט אײַך געקאָנט צודינען. אָבער איך גלייב, אַז איר וועט עס קאָנען טאָן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

פֿון די צוגעשיקטע לידער אין כ״י האָב איך איצט אָפּגעקליבן נאָך 9 נומערן וואָס איך האָב לכתחילה פֿאַרזען, אויסגעמישט מיט די אויסגעשלאָסענע, משמעות פֿון גרויס אײַלעניש. ווײַטער צו די איבעריקע לידער האָב איך אָנגעמערקט מײַנע טעמים, פֿאַר וואָס זיי זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן, און איך האָף, אַז איר וועט דערפֿון עפּעס אָפּלערנען, וואָס וועט אײַך צו ניץ קומען אויף להבא. כאָטש דעם אמת געזאָגט, איז דאָס פֿאַר מיר געווען ניט קיין גאַנץ אָנגענעמע אַרבעט און כ׳וואָלט עס זיכער פֿאַר קיינעם ניט געטאָן. אָבער אין אײַער פֿאַל, ווען איך טו דאָס ניט, וואָלט איך עס געהאַט אויף מײַן געוויסן, וואָס איך האָב דערלאָזט צוליב אַ ביסל שאָר־ירקות קאַליע מאַכן אַזאַ פֿײַנע זאַמלונג.

נאָר לאָמיר דאָס פֿאַרגעסן, אַבי דער רעזולטאַט איז אַ גוטער און אַ צו־פֿרידנשטעלנדיקער.

צווישן די 9 אָפּגעקליבענע לידער וואָס איר קענט אויפֿנעמען אין דער זאַמלונג זײַנען פֿאַראַן בלויז צוויי וועלכע געהערן צו די דערציילנדיקע און איר דאַרפֿט זיי שטעלן צום סוף פֿון דער באַלאַדן־אָפּטיילונג. דערצו מעגט איר אויך אײַנשליסן דאָס ליד: „חנהלע איז פֿון דער אַרבעט געגאַנגען״, וואָס איר ברענגט אין אײַער בריוו.* צי ס׳איז אַ פֿאָלקסליד, דאַרפֿט איר גאָר קיין שום ספֿק ניט האָבן. און זאָל אײַך ניט אַרן, וואָס ס׳איז קענטיק, אַז דאָס ליד האָט אַ טאַטן און אַז ס׳איז אַ מאָל ערגעץ ווו געדרוקט געווען. געוויס האָט יעדעס פֿאָלקסליד געהאַט, ווען ניט איז אָדער ווו ניט איז, אַ טאַטן אָדער אַ מאַמען. אָבער דאָס זײַנען פֿראַגעס פֿאַרן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָלקסליד־פֿאָרשער. פֿאַר אײַך איז נאָר וויכטיק פֿעסטצושטעלן, צי דאָס ליד איז פֿאַר אַ לאַנגער צײַט געזונגען געוואָרן אין פֿאָלק, און דער עיקר, צי אין זײַן אינהאַלט שפּיגלט זיך אָפּ די אַזוי גערופֿענע „קאָלעקטיווע פֿאָלקספּסיכיק״? אויב יאָ, איז עס אַ פֿאָלקסליד. דערבײַ דאַרפֿט איר אָבער ניט מאַכן קיין טעות און ניט אָנמערקן, אַז דאָס ליד איז אויפֿגעקומען אין דראָביטש, ווי איר מיינט, בעת די וואַלן אין 1911. די עטלעכע פֿאַקטן וואָס איר ברענגט דערצו זײַנען טאַקע זייער אינטערעסאַנט, אָבער איר דאַרפֿט ניט פֿאַרגעסן, אַז צו דעם באַרדיטשעווער וואַר׳ בײַ סקו־דיצקי I, ז׳ 64 ווערן אויך געבראַכט ענלעכע אינטערעסאַנטע פֿאַקטן וואָס ווילן באַווײַזן, אַז דאָס ליד איז אויפֿגעקומען אין באַרדיטשעוו אַרום 1905. דע־ריבער איז גלײַכער ניט צו אײַלן זיך אין דער באַשטימונג פֿון אָרט און צײַט, ווען דאָס ליד איז אויפֿגעקומען.

און איצט צו די עטלעכע פּראָבלעמעס וואָס מאַטערן אײַך אַזוי: איר מיינט, אַז אויב מיר ווילן האָבן אַזעלכע פֿאָלקסליד־זאַמלער וואָס האָבן די אַרבעט קיין מאָל ניט געטאָן דאַרף מען דאָך אָנווײַזן אויף דעם סימן מובֿהק פֿון אַ פֿאָלקסליד, אַנדערש וועלן זיי דאָך זאַמלען וואָס ס׳וועט קומען אונטער דער

* זען די הוספֿה אין [ ] צום סוף פֿון איצטיקן בריוו.

האַנט. דערויף קאָן איך אײַך ענטפֿערן: ערשטנס, בין איך ניט זיכער צי דער יִוואָ וויל איצט האָבן אַזעלכע זאַמלער, און אויב יאָ, וועט מען טאָן ווי מען האָט פֿריִער געטאָן: אָפּקלײַבן דעם מאַטעריאַל וואָס איז פּאַסיק פֿאַרן דרוק און דאָס איבעריקע לאָזן אין אַרכיוו. צווייטנס האָב איך אײַך שוין געשריבן, אַז ס׳איז דאָ ניט בלויז „איין״ סימן מובֿהק, נאָר טאַקע אַ סך אַזעלכע סימנים, וואָס כּדי צו דערקענען זיי דאַרף מען זיי פֿריִער גאַנץ אויספֿירלעך באַשרײַבן אין אַ היפּשן אַרטיקל און טאַקע ברענגען בײַשפּילן, מוסטערן, ציטאַטן אאַז״וו, און ערשט דאַן איז אַ גרויסער ספֿק, צי ס׳וואָלט געבראַכט די געווינטשטע רעזולטאַטן, אויב דער זאַמלער האָט ניט געהאַט קיין ליטעראַרישע צוגרייטונג. מיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע פֿראַגע איז איצט ניט אַזוי אַקטועל.

צי האָט איר זיך אַ מאָל געשטעלט די פֿראַגע: ווו זײַנען אַהינגעקומען די פֿאַר צענדלינג זאַמלער וואָס זײַנען געווען בײַ אונדזער צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע? פֿאַר וואָס הערט מען עפּעס ניט פֿון זיי?

איר דאַרפֿט ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד זײַן אויף דעם וואָס איך האָב אַ מאָל געזאָגט אין מײַן פֿאָרטראָג. צײַטן און מיינונגען בײַטן זיך. איז אויב אירווילט זאַמלען די חלוצישע, הכשרה־ און „אומלעגאַלע״ אַרבעטער־לידער, מעגט איר זאַמלען, בתּנאַי אויב זיי געהערן צום פֿאָלקלאָר. דערבײַ דאַרפֿט איר אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז איר האָט פֿאַר זיך אַ פֿיל ברייטערע אויפֿגאַבע: צוזאַמענקלײַבן נאָך אַ גרעסערע צאָל פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע פֿאָלקסלידער וואָס ווערן געזונגען אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך וואָס געהערן צו דער גאַליצישער טעריטאָריע. די סאַניקער זאַמלונג אײַערע איז בלויז אַ גוטער אָנהייב.

ווי איך זע, קוקט איר גאַנץ געשמאַק אַרײַן אין דעם שריפֿטלעכן באַריכט פֿון דעם דערמאָנטן פֿאָרטראָג מײַנעם, און איר פֿאַרגלײַכט, וואָס איך האָב דע־מאָלט געזאָגט און וואָס איך זאָג הײַנט. איר געפֿינט פֿאַרשיידענע סתּירות, איז דאָס אַ גוטער סימן. איר ציטירט צב״ש פֿון מײַן בריוו וואָס איך האָב אײַך לעצטנס געשריבן, „אַז בײַ אַ סך פֿאָלקסלידער קענען מיר ניט פֿעסטשטעלן, צי זיי שטאַמען פֿון פֿאָלק, צי פֿון דער ליטעראַטור״. און איר פֿרעגט מיך פֿאַר־וווּנדערט:

> טאָ ווי אַזוי קענט איר מיר דאָס דערקלערן, בעת איר האָט געזאָגט אויפֿן זאַמלערקורס וועגן דעם ליד נומ׳ 81 בײַ ג״מ, אַז ס׳איז גע־שריבן פֿון אַ באַקאַנטן פּראָפֿעסער. בײַ לינעצקין אין בלינדן מאַרשעליק געפֿינט זיך דאָס ליד. אין דער פּאָעמע האָדל דאַרף עס אויך זײַן. ס׳לוינט צו פֿאַרשרײַבן [אַזעלכע און ענלעכע לידער].

איז מיר פֿון אײַער פֿראַגע ניט אַזוי קלאָר, וואָס איך דאַרף אײַך דערקלערן? נאָר איך שטויס מיך אָן, אַז איר זעט אַ ווידערשפּרוך אין דעם וואָס איך האָב אײַך געשריבן: „בײַ אַ סך פֿאָלקסלידער קענען מיר ניט פֿעסטשטעלן צי זיי שטאַמען״ אאַז״וו, בעת אין מײַן פֿאָרטראָג האָב איך אָנגעוויזן, אַז נומ׳ 81 בײַ ג״מ שטאַמט פֿון אַ באַקאַנטן מחבר, ס׳הייסט פֿון דער ליטעראַטור. איז דאָס אָבער ניט קיין סתּירה. ווײַל בײַ „אַ סך פֿאָלקסלידער״ מיינט דאָך ניט בײַ „אַלע״, און אויב ניט בײַ „אַלע״, הייסט עס, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן אויסנאַמעס אויך. אין

מײַן פֿאָרטראָג האָב איך טאַקע אָנגעוויזן אויף ליד 81 ווי אויף איינער פֿון אַ היפּשער צאָל אויסנאַמען. דאָס דערמאָנטע ליד, ווי ס'איז קענטיק פֿונעם טעקסט, האָט אייגנטלעך געהאַט ניט איין מחבר, נאָר גאַנצע דרײַ מחברים: צוויי באַקאַנטע — לינעצקי, ליעוו (מחבר פֿון האָדל) און איינעם אַן אומבאַקאַנטן — דאָס פֿאָלק. דער לעצטער האָט קענטיק די ביידע ליטעראַרישע נוסחאָות צוזאַמענגעבונדן און צום טייל איבערגעשאַפֿן אין פּראָצעס פֿון געזאַנג אַזוי, אַז ס'איז געוואָרן זײַן אייגנס — אַ פֿאָלקסליד. און דערפֿאַר מעגן מיר [עס] אַפֿילו אָנרופֿן „קאָלעקטיווע פֿאָלקסשאַפֿונג", אין וועלכער ס'שפּיגלט זיך אָפּ מסתמא אויך די „קאָלעקטיווע פֿאָלקספּסיכיק".

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף דאָס גענויער אויספֿאָרשן, פֿאַרגלײַכן די שינויים וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַרײַנגעטראָגן אינעם ליד, לגבי די פֿריִערדיקע ליטעראַרישע נוסחאָות. פֿון דעם געבראַכטן ב"ש [=בײַשפּיל] טאָר מען אָבער ניט ציִען קיין שנעלן אויספֿיר אויף אַנדערע לידער, מחמת דער ב"ש איז ווײַט ניט פֿון די בעסטע. אָבער דאָס איז שוין אַן אויפֿגאַבע פֿאַר אונדזער פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג.

די פֿאָלקסליד־פֿאָרשונג וועט אָבער אָפּט מאָל מוזן צוגעבן, אַז בײַ אַ סך פֿאָלקסלידער, אַחוץ אַ געוויסער צאָל אויסנאַמען, זעט מען ניט קיין שום מעגלעכקייט פֿעסטצושטעלן זייער לכתחילהדיקן אָפּשטאַם. אויב אַזוי, מעג מען אָננעמען אַזאַ מין דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף פֿאָלקסליד:

אַ פֿאָלקסליד איז דאָס רובֿ אַ ליד פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר; אַ ליד וואָס איז איבערגעגאַנגען צום פֿאָלק אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן, ד"ה בעל־פּה, פֿון מויל צו מויל, אין ענגער פֿאַרבינדונג מיט אַ מעלאָדיע, און וואָס איז אין משך פֿון אַ לענגערער צײַט געזונגען געוואָרן צווישן די ברייטע פֿאָלקסמאַסן.

און אָט אין דער ברייט פֿאָרמולירטער דעפֿיניציע זײַנען פֿאַראַן פֿיר סימנים פֿון אַ פֿאָלקסליד: 1) אומבאַקאַנטער מחבר, 2) מינדלעכע טראַדיציע, 3) טעקסט און מעלאָדיע ענג פֿאַרבונדן, 4) אַ לענגערע צײַט געזונגען געוואָרן.

בכן, אויב צום ליד נומ' 81 בײַ ג"מ איז אַנטדעקט געוואָרן דער נאָמען פֿון איר לכתחילהדיקן מחבר, בלײַבט עס נאָך אַלץ פֿאָלקסליד, אַזוי לאַנג ווי עס פֿאַרמאָגט די סימנים 2—4.

אָבער אַחוץ די אָנגעמערקטע דרויסנדיקע סימנים פֿון אַ פֿאָלקסליד זײַנען פֿאַראַן נאָך אַ היפּש ביסל אינעווייניקסטע סימנים וואָס לאָזן זיך דאָ אַזוי קורץ ניט אָנמערקן. מען דאַרף זיי ברייט באַשרײַבן.

איך גלייב ניט, אַז די אָנגעמערקטע דעפֿיניציע מיט די אַלע סימנים קאָנען <מיט עפּעס> העלפֿן יעדן איינעם וואָס וויל ווערן אַ זאַמלער, אויב ער פֿאַרמאָגט ניט די נייטיקע ליטעראַרישע צוגרייטונג. דאָס איז בלויז פֿאַר אונדז [און] אונדזערס גלײַכן, כּדי ס'זאָל אונדז לײַכטער זײַן צו אָריענטירן זיך אין די געזאַמלטע מאַטעריאַלן.

ווײַטער מכּוח די אַנדערע פֿראַגעס אײַערע, צי ס'איז וויכטיקער צו זאַמלען דעם נײַערן פֿאָלקלאָר אײדער דעם עלטערן, לאָזט זיך דאָ ניט דיסקוטירן.

דער מבֿין אויף פֿאָלקלאָר זאַמלט בלויז אַזאַ מאַטעריאַל וואָס ס'איז שוין הײַנט פֿאָלקלאָר. אים אינטערעסירן ניט די פּאָפּולערע, האַלב־ליטעראַרישע לידער וואָס קאָנען אפֿשר ווערן פֿאָלקלאָר אין 20־30 יאָר אַרום. אויב זיי וועלן דאָס ווערן, וועלן זיך מסתמא געפֿינען זאַמלער וואָס וועלן זיי זאַמלען, און אויב זיי וועלן אין משך פֿון דער צײַט פֿאַרלוירן גיין, איז אַ סימן, אַז זיי האָבן ניט געהאַט אין זיך די עלעמענטן פֿון אַ פֿאָלקסליד.

און זאָל דערמיט געשלאָסן ווערן אונדזער דיסקוסיע וועגן דעם ענין פֿאַר אַ לענגערער צײַט, כּדי מיר זאָלן זיך קאָנען אָפּגעבן מיט אונדזערע נאָענטערע אַרבעטן וואָס שטייען בײַ אונדז אויפֿן סדר־היום.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן,

אײַער

י. ל. כּהן

כ'בעט איבערגעבן אַ גרוס חבֿרטע נחמה. זאָגט איר, אַז דעם לאַנגן בריוו וואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט צו שרײַבן האָב איך נאָך ניט דערהאַלטן. ס'דוכט זיך, אַז זי שרײַבט אים שוין אַ ביסל צו לאַנג.

אַ באַזונדערן גרוס ד"ר ווײַנרײַכן. אויך ער איז מיר שולדיק געבליבן אַן ענטפֿער. נאָר איך האָב ניט קיין פֿאַראיבל, ווײַל איך ווייס, אַז ער טראָגט אויף זײַן קאָפּ גרעסערע זאָרגן צוליב די לעצטע מהומות.

שנ"פּ:

פֿון די לידער־קאָרעקטורן [16] איז קענטיק, אַז דער ווידערהאָלונגס־צייכן ‖: וועט אַרויסקומען צו גרויס און צו גראָב. ער דאַרף זײַן קלענער און דינער, און דער עיקר, ער דאַרף ניט אַרויסשטעקן איבער דער סטראָפֿע. ער דאַרף שטיין נאָענט און גלײַך מיט די איבעריקע שורות, פּונקט ווי אַ וואָרט פֿון דער שורה. לויט ווי דער צייכן שטייט איצט, אויסגעמישט מיט די נומערן פֿון די סטראָפֿעס, מאַכט עס אַ שלעכטן אײַנדרוק. פֿאַרלאָזט זיך ניט אין גאַנצן אויפֿן געשמאַק פֿון זעצער, די נב' צו די באַמערקונגען טאָרן ניט זײַן אַרויסגערוקט איבער דער סטר', צב"ש נומ' 7. איר דאַרפֿט אין גאַנצן ניט קיין נומ' צו דער באַמערקונג..... ס'איז חלשות!

זעט ווי עס איז געמאַכט אין מײַן סעפּאַראַטן אָפּדרוק.

[דאָס ליד ווערט דאָ געבראַכט לויט ש. ז. פּיפּעס בריוו פֿון 36/X/27 (אין כּהנס אַרכיוו אין ייִוואָ)]:

1. חנהלע איז פֿון דער אַרבעט געגאַנגען,
און זי האָט פֿון גאָרנישט געוויסט.
יאַקוב פֿײַערשטיין האָט אַרויסגעשיקט די קאָמאַנדע
און מען האָט זי דערשאָסן גאַנץ אומזיסט.

2. מען האָט זי אין שפּיטאָל אַרײַנגענומען,
געלעבט האָט זי נאָך צען מיניט.
דורך די גאַסן וואָס מען האָט זי געטראָגן
זענען געווען פֿאַרגאָסן פֿיל מיט בליט.

[16] פֿאַרעפֿנטלעכט אין ייִוואָ־בלעטער XI (1936), זז' 53—70, 252—269.

3. טרעפֿט דיך אַ קויל מײַן טײַערע,
אַ קויל פֿון לעווענשטיין דעם הינט.
ווי וויקלען זיך די פֿאָנען די רויטע,
די פֿאָנען די רויטע אין די הענט.

4. שוועסטער, דו ביסט נאָך נישט געשטאָרבן,
דײַן גײַסט, ער שוועבט נאָך אויף דער וועלט.
אין גאָלדענעם בוך וועסטו ווערן אײַנגעשריבן,
דו האָסט געקעמפֿט פֿאַר די פֿרײַהייט ווי אַ העלד.

5. חנהלע איז געפֿאַלן ווי אַ טויטע,
די אייגעלעך, די ליפּעלעך פֿאַרמאַכט.
ווי וויקלען זיך די פֿאָנען די רויטע,
די פֿאָנען די רויטע אין די הענט.

(סאָניק) וואַריאַנט ז. סקודיצקי, פֿאָלקלאָר־לידער, ז׳ 64, נומ׳ 47 (באַרדיטשעוו), מ. בערעגאָווסקי, ייִד׳ מוזיק־פֿאָלקלאָר, ז׳ 200, נומ׳ 46, ערשטע סטראָפֿע (אושאָמיר).

פּיפּע גיט נאָך די ווײַטערדיקע דערקלערונגען אין זײַן בריוו:

„דאָס ליד איז אויפֿגעקומען אין דראָביטש בשעת די בלוטיקע וואַלן צום עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט, דעם 30סטן מאַרץ 1911. פֿײַערשטיין, אַ דראָביטשער תּקיף, האָט אַגיטירט פֿאַר לעווענשטיינען דעם פּאַרלאַמענט־קאַנדידאַט. די מאַכט האָט בכּיוון באַשטימט אַן ענגן וואַללאָקאַל. בלויז 60 פּאַרשוין האָבן באַקומען „פּשעפּוסטקעס“ צו שטימען, אַלע איבעריקע נישט. דאָס געדראַנג אין לאָקאַל איז געווען אומגעהײַער גרויס. מען האָט געהייסן געבן אַ זאַלפּ. דער רעזולטאַט: 26 טויטע און 55 פֿאַרוווּנדטע... איך ספֿק פֿון דעסט וועגן, צי דאָס איז אַ פֿאָלקסליד. מסתּמא האָט עס אַ טאַטן, און אפֿשר איז עס גאָר געווען געדרוקט אין דער דעמאָלטיקער גאַליצישער פּרעסע, ווי מיינט איר? איז עס אײַך באַקאַנט?“]

7

ניו־יאָרק, 37/11/17

ליבער חבֿר ש. ז. פּיפּע,

אײַער בריוו פֿונעם 1/10 דערהאַלטן צוזאַמען מיט דער קאָפּיע פֿון אײַער צווייטן אַספּיראַנטור־באַריכט, ווי אויך דעם נומער ל״ב,[16] אין וועלכן איר האָט אָנגעשריבן אַזאַ פֿײַנעם אַרטיקל וועגן מײַן אויפֿטו אויפֿן געביט פֿון אונדזער פֿאָלקלאָריסטיק. דאַנק איך אײַך פֿאַר דעם אַלעם זייער האַרציק, באַזונדערס דערפֿאַר, וואָס מיט דעם אַרטיקל האָט איר מיר געוואָלט מאַכן אַ מתּנה צו מײַן יובֿל.

געווײנטלעך פֿאַר אַ מתּנה דאַנקט מען, און ווען מען האָט עס אַפֿילו ניט גאַנץ נייטיק, דאַנקט מען אויך. אָבער ווי איך פֿאַרשטיי ווילט איר אויך הערן מײַן מיינונג וועגן דעם, צי איך האָב אין אײַער אַרטיקל ניט געפֿונען „קיין גאָר גרויסע שטותים“. פֿאַרזיכער איך אײַך, אַז דאָס ניט. ס׳איז אָנגעשריבן אַזוי גוט און אפֿשר נאָך מער זאַכלעך ווי אַלע אַנדערע יובֿליי־אַרטיקלען וואָס די באַ־

[16] ליטעראַרישע בלעטער נומ׳ 49, 1936. שמואל־זײַנוויל פּיפּע, „יהודה־לייב כּהן (פֿערציק יאָר פֿאָלקלאָריסטישע אַרבעט)“.

רימטע וואַרשעווער שרײַבער האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט.... פֿאַר מיר איז אָבער אײַער אַרטיקל באמת געווען אַ גרויסע איבעראַשונג: ערשטנס ווײַל איך האָב מיך גאָרניט געריכט אויף דעם, און צווייטנס, די דאַטע, לויט וועלכער איר האָט באַשטימט דעם פֿערציקיאָריקן יובֿל פֿון מײַן אַרבעט. דאָס האָט מיך דערמאָנט, אַז איך בין שוין גאָרניט אַזאַ יונגער־מאַנטשיק, ווי מיר האָט זיך געדאַכט אָדער ווי מײַנע באַקאַנטע האָבן געמיינט. האָבן מיך עטלעכע טאָקע געפֿרעגט: „ווען זשע האָט איר אָנגעהויבן זאַמלען? וואָרעם לויט דער דאַטע פֿון אײַער יובֿל און לויט אונדזער אָפּשאַצונג פֿון אײַערע יאָרן קומט אויס, אַז איר האָט אָנגעהויבן זאַמלען פֿאָלקלאָר ווען איר זײַט אַלט געווען אַ יאָר אַכט אָדער צען. טאָ ווי איז דאָס מעגלעך?“ הײַנט גיי דערצייל יעדן איינעם, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון, אַז איך בין שוין אַ סך עלטער ווי זיי האָבן פֿריִער געמיינט. אַן אַנדערער ווידער האָט מיר אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז אויב איך האָב טאַקע באמת געוואָלט האָבן אַ יובֿליי האָב איך דאָס באַדאַרפֿט באַשטימען לויט דעם יאָר, ווען איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט מײַן ערשטע זאַמלונג. און לויט זײַן חשבון קומט אויס, אַז מיר קומט אַ 25יאָריקער יובֿליי, ניט קיין פֿערציקער, וואָרעם הײַ־יאָר, אין 1937, ווערט טאַקע פּונקט 25 יאָר זינט כ׳האָב פֿאַרעפֿנטלעכט מײַן ערשטע צווייבענדיקע זאַמלונג. אַגבֿ, האָט ער געטענהט, האָט ער עפּעס גאָרניט געהערט, אַז אַ דאַטע פֿאַר אַ יובֿליי זאָל מען אָנהייבן רעכענען פֿון דער צײַט, ווען איינער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, דיכטן, אָדער אַזוי זאַמלען געוויסע מאַטעריאַלן. סײַדן ס׳איז אַ מין „נויטפֿאַל־יובֿליי“, וואָס מען מוז איינעם מאַכן, ווײַל ער נייטיקט זיך אין דעם צוליב פֿאַרשיידענע טעמים. און אויב יענער האָט נעבעך ניט קיין גרויסן סטאַזש רעכנט מען דאָס לויט די יאָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן אויף זײַן געביט, און וואָס מער יאָרן, אַלץ מער וואָגיקער איז דער יובֿל.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן אין שפּאַס אָדער, ווי מען רופֿט עס בײַ אונדז אין אַמעריקע, אַ פֿײַנער „קיבעץ“. און איך גלייב, אַז אויך איר וועט אויפֿנעמען דעם „קיבעץ“ אַזוי גוטמוטיק, ווי איך האָב אים אויפֿגענומען.

און איצט, נאָך דער שפּאַסיקער יובֿליי־דרשה, וועלן מיר זיך אומקערן צו אײַער בריוו און צו אײַער באַריכט.

דעם ערשטן באַריכט, אויף וועלכן איר פֿרעגט, האָב איך ניט באַקומען. נאָר איך מיין, אַז פֿון דעם צווייטן באַריכט, ווי אויך פֿון אײַער בריוו קען מען זיך מאַכן אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איר ווילט, הייסט עס, צוזאַמענקלײַבן אַלע קינדערלידער, וואָס זײַנען ווען ניט איז און ווו ניט איז נאָר געדרוקט געווען, און אַרײַננעמען אין דער ייִוואָ־זאַמלונג. דאָס איז, דוכט זיך, גאָרניט פּאַסיק פֿאַר אַ ייִוואָ־אויסגאַבע וואָס דאַרף זײַן אַן אָריגינעלע זאַמלונג פֿון אייגענע זאַמלער. אַזאַ מין קאָמפּילאַטיווע אויסגאַבע פּאַסט זיך גיכער פֿאַר אַ פּריוואַטן פֿאַרלעגער אָדער פֿאַר אַזוי אַ קאָמפּילאַטאָר וואָס רעכנט זיך ניט מיט פֿרעמדער אַרבעט און פֿרעמדן אייגנטום. דער ייִוואָ אָבער דאַרף

ווײַזן בלויז זײַן אייגענע אַרבעט, זײַן אייגענעם אויפֿטו, ווי גרויס אָדער קליין דאָס זאָל ניט זײַן. אַזוי ווייניקסטנס איז עס ביז אַהער פֿאַרשטאַנען געוואָרן. נאָר אויב די דאָזיקע קאָמפּילאַטיווע אויסגאַבע פֿון אונדזערע קינדערלידער איז אַ באַשלוס פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע אָדער פֿון דער א״ב [אויספֿיר־ביוראָ], וואָלט מען, על־פּי יושר, מיך אויך באַדאַרפֿט לאָזן וויסן וועגן דעם, אויב מען באַטראַכט מיך ווי אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע.

ווי ס'איז צו זען פֿון אײַער באַריכט, פֿאַרמאָגט די פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע אין גאַנצן 960 נומערן קינדערלידער, און דאָס איז באמת זייער אַ גרויסע צאָל. אָבער ווי ס'ווײַזט אויס, שטעלט זיך די פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע דערמיט ניט צופֿרידן, זי וויל האָבן אַ גרעסערע זאַמלונג. צוליב וואָס פֿאַר אַ צוועק ווערט ניט אָנגעגעבן אין אײַער באַריכט. איר מערקט בלויז אָן, אַז איר האָט שוין אויסגעשריבן פֿון 9 פֿאַרשיידענע געדרוקטע מקורים, פֿון זאַמלביכער און זשורנאַלן, ס״ה 305 נומערן און איר האָט בדעה אויסצושעפּן נאָך אַנדערע קוואַלן. צוליב וואָס און צוליב וועלכן צוועק? וואָס ווילט איר דערמיט באַווײַזן: אַז מיר פֿאַרמאָגן אַ סך קינדערלידער? דער אמתער פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער וועט דאָס אַליין אויסגעפֿינען אָן אײַער זאַמלונג, און פֿאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער, אַפֿילו פֿאַר דעם פֿאָלקלאָר־ליבהאָבער, וועט אַזאַ צאָל ווי 960 נומערן קינדערלידער זײַן אַזאַ אומגעהײַער רײַכער מאַטעריאַל וואָס וועט אים אפֿשר נימאס ווערן לייענענדיק.

אַחוץ דעם, ווּ זײַנען עפּעס די 800 קינדערשפּילן? איר דאַרפֿט דאָך וויסן, אַז די קינדערשפּילן גייען צוזאַמען מיט די קינדערלידער אין איין באַנד, אַז מען קאָן זיי באין אופֿן ניט אָפּשיידן איינס פֿון ס'אַנדערע. פֿאַראַן אַ סך קינדערלידער וואָס זײַנען אויפֿגעקומען צוזאַמען מיט די קינדערשפּילן, כאָטשע מען האָט זיי פֿאַרצייכנט באַזונדער, מחמת פֿאַרשיידענע סיבות. ווען קינדער שפּילן זיך, זינגען זיי דערבײַ פֿאַרשיידענע קינדערגראַמען אָדער לידלעך, און ס'איז שווער צו זאָגן, וועלכע טעקסטן ס'געהערן צו די שייכדיקע שפּילן און וועלכע ניט, אָבער מען דאַרף דאָס אויספֿאָרשן. דעריבער איז פֿאַר דעם פֿאָרשער ממש ווי געווונטשן און טאַקע זייער אָנגעלייגט, ווען [מען] גרייט פֿאַר אים צו אַ זאַמלונג, סײַ קינדערלידער, סײַ קינדערשפּילן אין איין באַנד, הגם אין פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען.

האָבנדיק פֿאַר זיך אַזאַ רײַכן מאַטעריאַל, 1760 „יִדישע קינדערלידער און קינדערשפּילן", דאַרף מען ניט פּלאַנעווען קיין שום קאָמפּילאַציעס. און טאָמער זײַנען צווישן די מאַטעריאַלן פֿון דער פּ״ק[17] ניט בנימצא געוויסע איינצלנע לידער וואָס געפֿינען זיך אין אַנדערע געדרוקטע זאַמלונגען, איז אויך ניט קיין אומגליק. אויב מען דאַרף זיי האָבן צוליב <אַן אויספֿיר> אַ מוסטער אָדער צוליב אַ באַשטימטן אויספֿיר, קאָן מען זיי, אָט די פֿעלנדיקע לידער, טיילווײַז ציטירן פֿון יענע זאַמלונגען, ברענגען אין דעם אַרײַנפֿיר <צו אונדזער זאַמלונג>

---

[17] = פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע.

אָדער צום סוף, צווישן די באַמערקונגען, אויב נייטיק. אויף אַזוי פֿיל לאָזט זיך דערווײַל זאָגן וועגן דעם ענין ביז כ'וועל קריגן מער אויפֿקלערונג.

איך האַלט ניט, אַז איר מוזט דורכויס געבן אַ דעפֿיניציע, וואָס איז אַזוינס אַ קינדערליד. וועגן דעם איז, דוכט זיך, ניט פֿאַראַן קיין שום חילוקי־דעות צווישן די זאַמלער. אַלע וויסן מער אָדער ווייניקער, וואָס דאָס איז אַזוינס. דער פֿאַקט, וואָס איר געפֿינט אין די געדרוקטע קינדערלידער־זאַמלונגען אויך אַזעלכע לידער וואָס ווײַזן אײַך אויס ווי ניט קיין עכטע קינדער־שאַפֿונגען ענדערט ניט דעם אַלגעמיינעם באַגריף פֿון דער זאַך. יענע אַלע לידער, אויף וועלכע איר האָט אָנגעמערקט, זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין די געהעריקע אָפּטיילונגען, ווײַל זיי זײַנען טאַקע געזונגען געוואָרן פֿון קינדער. מען האָט דערמיט געוואָלט געבן אַ באַגריף פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿונעם קינדער־ליד־רעפּערטואַר. דערווײַל איז נאָך לחלוטין ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן, וועלכע ס'געהערן צו דער קינדער־שאַפֿונג און וועלכע ניט. דאָס איז מער אַ פּסיכאָלאָגישע פֿראַגע ווי אַ פֿאָלקלאָריסטישע, אָדער אפֿשר ביידע אין איינעם. אַוודאי איז בעסער ווען מען איז מער אָפּקלײַבעריש, אָבער מען דאַרף עס טאָן זייער פֿאָרזיכטיק.

די נר׳ 54, 78, 97 אין די מיטט׳... אויף וועלכע איר האָט אָנגעוויזן, געהערן צום קינדערליד־רעפּערטואַר, כאָטש ס'איז קענטיק, אַז זיי זײַנען פּראָדוקטן פֿון דערוואַקסענע.

דערוואַקסענע מענטשן פֿון פֿאָלק האָבן שוין אָבער אַזעלכע לידער פֿון לאַנג ניט געזונגען, מחמת זיי זײַנען צו קינדיש אין טאָן, בכן געהערן זיי צום קינדערליד. נומ׳ 54 איז אייגנטלעך אַ וויגנליד, אָבער וויגנלידער געהערן דאָך אַוודאי אין אַ קינדערלידער־זאַמלונג. אין אַלע פֿרעמדשפּראַכיקע קאָלעקציעס פֿאַרנעמען זיי דעם אויבנאָן, אין דער ערשטער אָפּטיילונג. אָבער דאָס רובֿ זײַנען דאָס גאַנץ קורצע לידלעך וואָס קינדער קענען איבערנעמען פֿון דער מוטער. דאָס אייגענע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן די קורצע פּורים־לידלעך וואָס קינדער קענען לײַכט איבערנעמען פֿון דערוואַקסענע.

ווײַטער מכּוח די זעלביקע אָדער ענלעכע לידער בײַ ג״מ און בײַ כּ[הן], זײַנען זיי דאָרט אויפֿגענומען געוואָרן צוליב דעם זעלביקן טעם וואָס איך האָב פֿריִער אָנגעמערקט. בײַ אַ נײַער אויפֿלאַגע פֿון מײַן זאַמלונג וואָלט איך די נר׳ 62 און 68 אַריבערגעטראָגן אין דעם אָפּטייל „טאַנצלידער" און נומ׳ 80 צו די באַלאַדעס. די נר׳ 63, 64 געהערן כּתם צו די „קורצע לידלעך" אָדער ווי [זיי] הייסן אין דײַטש „שנאַדאַהיפּפּעל", אויך אַ מין טאַנצליד. דאָס זעלביקע וואָלט מען אפֿשר אויך באַדאַרפֿט טאָן מיט עטלעכע לידער בײַ ג״מ, כאָטש זיי געהערן צום קינדערליד־רעפּערטואַר.

דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן בנוגע די דאָזיקע לידער וואָס געפֿינען זיך אין <מײַנע> יענע זאַמלונגען, <אָבער ניט וועגן די יעניקע> וואָס איר האָט בדעה איבערצושרײַבן און אויך פֿון אַנדערע מקורים. דאָס וואָלט געווען אומזיסטע אַרבעט, וואָס וואָלט קיינעם קיין נוצן ניט געבראַכט, לויט מײַן מיינונג.

אײַער באַריכט איז גוט אָנגעשריבן, נאָר אַ ביסל צו קורץ. כ'מיין, אַז איך וואָלט באַדאַרפֿט ברייטער באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן דעם שײַכות צווישן קינדערליד און קינדערשפּיל, נאָך מער ווי צווישן קינדערליד און פֿאָלקסליד. אַגבֿ האָט דאָס קינדערליד ניט דורכגעמאַכט פּונקט אַזאַ אַנטוויקלונג ווי דאָס פֿאָלקסליד, דעריבער דאַרף מען ניט צו ווײַט טרײַבן אין דעם פֿאַרגלײַך. דאָס לידל „איך אויפֿן שיף און דו אויפֿן לאָדקע" איז ניט קיין געלונגענער בײַשפּיל פֿונעם ערנצטן אינהאַלט פֿון טייל קינדערלידער. דער מוסטער געהערט גיכער צו די טאַנץ- און ליבע-לידלעך.

ווײַטער וועגן די פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען וואָס איר האָט אָנגעמערקט, ווי „שפּאַס און שפּאָט", „חדר-לידלעך", „[פֿון] אומבאַשטימטן אָפּשטאַם" אאַז"וו, איז מיר שווער צו זאָגן אויף אויסווייניק, צי די קלאַסיפֿיקאַציעס שטימען מיט דעם אינהאַלט פֿון די לידער. איך וויל דאָ בלויז מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען: „אומבאַשטימטער אָפּשטאַם" מיינט זיכער ניט דאָס וואָס איר ווילט זאָגן, מחמת אונטער דעם קעפּל גייען אַרײַן: 1. צונגענישן, 2. רייצלידלעך, 3. קללות. זײַנען די אַלע פֿאַר זיך גופֿא טיטלען אָדער „קעפּלעך" פֿאַר באַזונדערע אָפּטיילונגען פֿון די געהעריקע לידער. „זוגלידער" איז עפּעס אויך ניט קיין פּאַסיקער טיטל. ס'וואָלט בעסער באַדאַרפֿט הייסן „זון און רעגן", ווי ס'הייבט זיך אָן צב"ש דאָס לידל: „אַ זון און אַ רעגן, די כּלה איז געלעגן", אָדער „גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן" און ענלעכע לידער, אין וועלכע ס'ווערט דערמאָנט „זון" אָדער „רעגן". אָבער ווי געזאָגט איז דאָס בלויז די פּאָר באַמערקונגען וואָס איך האָב דאָ געוואָלט מאַכן. פֿאַר ברייטערע קאָמענטאַרן, פֿאַרשטייט איר דאָך, איז אין אַ בריוו קיין פּלאַץ ניטאָ, בפֿרט נאָך ווען מען האָט ניט פֿאַר זיך די געהעריקע מאַטעריאַלן.

צוזאַמען מיט דעם בריוו וועט איר דאָ געפֿינען די אַלע לידער וואָס איר האָט מיר אַ מאָל געהאַט צוגעשיקט, מיט מײַן ענטפֿער אויף אײַערע פֿראַגעס. נעמט ניט פֿאַר אומגוט, וואָס דער טאָן פֿון מײַן ענטפֿער איז עפּעס ניט אַזוי ווי עס וואָלט באַדאַרפֿט צו זײַן. כ'האָב דאָס אָנגעשריבן נאָך מיט אַ צײַט צוריק, נאָך אײדער איך האָב באַקומען אײַער אַרטיקל וועגן מײַן יובילײ. דעריבער האַלט איך, אַז הײַנט וואָלט שוין געווען ניט פּאַסיק אַזעלכע באַמערקונגען, מחמת איר ווייסט שוין בעסער.

ד"ר נח מײַזל האָט מיר איבערגעגעבן זייער אַ האַרציקן גרוס פֿון אײַך און פֿון הבֿרטע עפּשטיין ווי אויך פֿון א"ב. ס'האָט מיך באמת געפֿרייט צו קריגן פֿון אײַך אַ.אַ לעבעדיקן גרוס. אַגבֿ האָט מיך ד"ר מײַזל געפֿרעגט אין אײַער נאָמען, וואָס ס'הערט זיך מיט דעם פֿאָלקלאָרבאַנד. און דאָס נעמלעכע פֿרעגט איר אויך איצט אין אײַער בריוו. קיין באַשטימטן ענטפֿער דערויף קען איך אײַך נאָך ניט געבן, ווײַל איך ווייס נאָך אַליין ניט ווי עס האַלט.

...ווי איך זע, אַרבעט איר איצט אויף פּרצעס אַ כּ"י: „דאָס ייִדישע לעבן לויט דעם ייִדישן פֿאָלקסליד".[18] צי איז דאָס אַ כּ"י פֿון דעם אַרטיקל

[18] זען י. ל. פּרץ-בוך, ייִוואָ-בלעטער XII (1937), זז' 291—299.

וואָס איז געדרוקט אין זײַנע ווערק, צי בלויז אַ המשך דערפֿון? אויב דאָס איז אַ המשך פֿון יענעם אַרטיקל, וואָלט איך זייער געבעטן, איר זאָלט מיר צושיקן אַ קאָפּיע אָדער אַן אָפּצוג דערפֿון. כ'וויל [זיך] דערמיט באַקענען צוליב אַן אַרבעט וועגן פּרצעס אינטערעס צום ייִדישן פֿאָלקסליד, וואָס איך האָב בדעה צו שרײַבן.

וואָס הערט זיך עפּעס מיט חבֿרטע נחמהס אַרבעטן, ווי ווײַט האַלט עס? כ'וואָלט דאָס זייער געוואָלט וויסן. איך פֿאַרלאַנג ניט קיין באַריכט, נאָר סתּם אַזוי אַ שטיקל ידיעה.

נאָר מיר דוכט זיך, אַז איך פֿאַרלאַנג שוין אַ ביסל צו פֿיל פֿון אײַך. איז טוט וואָס איר קענט, און האָט דערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט.

גיט איבער מײַנע וואַרעמסטע גרוסן צו אַלע פֿרײַנד.

אײַער

י. ל. כּהן

פּ"ס... וועגן די קינדערלידער שרײַבט עפּעס אָן קלאָר און דײַטלעך אין דער פֿאָרעם פֿון אַן אַרײַנפֿיר, און שיקט עס מיר צו. וועל איך דאָס קאָרעגירן, אויב ס'וועט זײַן נייטיק.* שרײַבט אויף אַ גרעסערן בויגן פּאַפּיר און גרעסערע שריפֿט מיט גענוג פֿרײַען פּלאַץ, כּדי מען זאָל קענען עפּעס צושרײַבן צווישן די שורות, אויב ס'וועט זיך בעטן.

* אַ טייל פֿון פּיפּעס אַספּיראַנטור-באַריכט, „ייִדישע קינדערלידער", איז שפּעטער פּובליקירט געוואָרן אין די ייִוואָ-בלעטער, XII (1937), 494—507. אין דעם געדרוקטן טעקסט האָט פּיפּע קענטיק שוין באַוויזן אַרײַנצוטראָגן געוויסע אויסבעסערונגען אויפֿן סמך פֿון כּהנס באַמערקונגען.

נאָכוואָרט פֿון מ. ווײַנרײַכן

דאָס דאָזיקע נאָכוואָרט באַגרענעצט זיך צו ענינים וואָס זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש שײַך צום איצטיקן באַנד. די גרונטפֿאַקטן פֿון כּהנס לעבנס־געשיכטע — ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 15טן פֿעברואַר 1881, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 3טן אַפּריל 1937 — וועט דער לייענער געפֿינען אין ערשטן באַנד יאָרבוך פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1938, זז׳ 9—38, וווּ ד״ר יעקבֿ שאַצקי האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט א״נ: „יהודה־לייב כּהן (1881—1937). מאַטעריאַלן פֿאַר אַ ביאָגראַפֿיע״. די אַרבעט איז אויך אַרויס, אונטערן זעלביקן טיטל און מיט 4 זײַטלעך מילואים, אין אַ באַזונדער בראָשור.

כּהנס ביבליאָטעק און ליטעראַרישער עזבֿון

די ווילנער ידיעות פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט 71־72 (יאַנואַר־פֿעברואַר 1938) האָבן געבראַכט די ווײַטערדיקע נאָטיץ:

דער עזבֿון פֿון י. ל. כּהן אין ייִוואָ

פֿרוי מרים כּהן, די אַלמנה פֿון יהודה־לייב כּהן, דעם גרויסן ייִדישן פֿאָלקלאָריסט, אָנפֿירער פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע בײַם ייִוואָ, מיטגליד פֿון אַמאָפּטייל, וואָס איז דעם 3טן אַפּריל 1937 געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, האָט איבערגעגעבן דעם ייִוואָ בתורת מתּנה זײַן רײַכע ספּעציאַליסטישע ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק באַשטייט פֿון בערך 2,000 בענד און איז אַן אוצר פֿון פֿאָלקלאָריסטישע אויסגאַבעס אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן. זי פֿאַרמאָגט: 1) פֿולע קאָמפּלעטן פֿון די בעסטע פֿאָלקלאָריסטישע צײַטשריפֿטן; 2) זאַמלונגען פֿאָלקסלידער, פֿאָלקס־מעשׂיות, שפּריכווערטער, חיצן א״אַנד פֿון די פֿאַרשיידנסטע פֿעלקער אויפֿן כּדור־האָרץ — פֿון די עלטסטע אויסגאַבעס ביז די גאָר נײַע; 3) אַ גרויסע צאָל וויכטיקע טעאָרעטישע ווערק אויף די פֿאַרשיידנסטע פֿאָלקלאָר־געביטן. לויטן אָפּקלײַב און עשירות איז עס אַ שלימותדיקע פֿאַכמענישע ביכער־זאַמלונג, מסתּמא איינע פֿון די געציילטע אין איר מין. אַחוץ דער ענג ספּעציאַליסטישער ליטעראַטור פֿאַרמאָגט די ביבליאָטעק אַ רײ ווערטערביכער, אויך די *Encyclopaedia Britannica* און אַ סך אַנדערע.

די ביכער, כּמעט אַלע אין פּראַכטבענד, אַלע אין אַ גוטן צושטאַנד, זײַנען אָנגעקומען אין אַכט גרויסע קאַסטנס. איצט זײַנען זיי שוין אויסגעשטעלט ווי אַ געשלאָסענע זאַמלונג אין אַ באַזונדערן קאָרפּוס אין מאַגאַזין פֿון ייִוואָ. פֿאַרן ייִוואָ איז די דאָזיקע ביבליאָטעק אַן אוצר ניט אָפּצושאַצן.*

אַחוץ דער ביבליאָטעק האָט דער ייִוואָ באַקומען י. ל. כּהנס פֿאָלקלאָר־עזבֿון: אַ זאַמלונג ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער און מעשׂיות, ווי אויך אַ נײַע האַנטשריפֿטיקע רעדאַקציע

* די גאַנצע ביבליאָטעק איז אומגעקומען אין ווילנע. צווישן די ווילנער אוצרות וואָס זײַנען געפֿונען געוואָרן אין דײַטשלאַנד און אומגעקערט געוואָרן דעם ייִוואָ דורך דער אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט (ידיעות פֿון ייִוואָ נומ׳ 40, מאַרץ 1951) האָט זיך פֿון כּהנס גרויסער ביכער־זאַמלונג גאָרניט אָפּגעפֿונען.

פֿון זײַנע שוין געדרוקטע זאַמלונגען. דעם גאַנצן פֿאַרמעג האָט י. ל. כּהן זיך געגרייט אַרויסצוגעבן.

איצט נעמט דער ייִוואָ אויף זיך צו פֿאַרעפֿנטלעכן י. ל. כּהנס עזבֿון.

כאַראַקטעריסטיק פֿון כּהנס ליטעראַרישן עזבֿון

דאָס אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִוואָ האָט איבערגעגעבן צוויי אַספּיראַנטן פֿון ייִוואָ, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף פֿאָלקלאָריסטיק, שמואל־זײַנוול פּיפּע און נחמה עפּשטיין,* דורכצוגיין דעם עזבֿון און צוצושטעלן וועגן אים אַ באַריכט; ווײַטער האָט פּיפּע געדאַרפֿט צוגרייטן צום דרוק די לידער און עפּשטיין די פֿאָלקס־מעשׂיות. פּיפּע האָט צוגעשטעלט אַזאַ באַריכט, דאַטירט דעם 20סטן דעצעמבער 1938 (מיר ברענגען אים פֿון דער קאָפּיע וואָס האָט זיך אויפֿגעהיט אין אַרכיוו פֿון אַמאָפּטייל ייִוואָ):

באַריכט פֿון ש. ז. פּיפּען וועגן זײַן אַרבעט איבער י. ל. כּהנס עזבֿון

דער עזבֿון וואָס איז איבערגעבליבן נאָך יהודה־לייב כּהנען ז״ל איז צעטיילט געוואָרן:

איין חלק זײַנער — טעאָרעטישע אַרבעטן, ווי דער אַמאָפּטייל האָט אונדז געלאָזט וויסן — געפֿינט זיך אין רשות פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי אין ניו־יאָרק. דער איבעריקער מאַטעריאַל איז צוגעשיקט געוואָרן דעם ייִוואָ קיין ווילנע. לויטן פֿאָרשלאָג פֿון ד״ר ווײַנרײַכן איז ח׳טע עפּשטיין איבערגעגעבן געוואָרן צוצוגרייטן צום דרוק די מעשׂיות און מיר די לידער.

איידער איך וועל איבערגיין צו די לידער גופֿא, ווil איך דאָ געבן אַ קורצע באַשרײַבונג פֿון דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס מען האָט צוגעשיקט דעם ייִוואָ. איבער אַ חודש צײַט האָט בײַ מיר גענומען דעם מאַטעריאַל צו אינווענטאַריזירן. איצט געפֿינט ער זיך אין 17 טעקעס. כ׳האָב אויך צונויפֿגעשטעלט אַן אינווענטאַר־רשימה וואָס האַלט 66 פּאָזיציעס.

דעם מאַטעריאַל וואָלט מען געקענט טיילן אויף:

1. זאַמלונגען: א) אייגענע, ב) צוגעשיקטע פֿון זאַמלערס.
2. מאַטעריאַלן צו דער פֿאָלקסליד־ און מעשׂה־פֿאָרשונג.
3. כּהנס האַנט־עקזעמפּלאַרן.
4. פּרעסע־אויסשניטן אויף פֿאָלקלאָריסטישע טעמעס.
5. פּרעסע־אויסשניטן וועגן כּהנען און זײַנע זאַמלונגען.
6. פֿאַרשיידענע אַנדערע פּרעסע־אויסשניטן.
7. היפּאָליט טענס „פֿילאָסאָפֿיע פֿון קונסט״, איבערגעזעצט פֿון נ. פּערלמאַן.
8. פֿאַרשיידענע.

דער עזבֿון פֿאַרמאָגט 3,469 זײַטלעך, וואָס איך האָב אויסגענומערירט, צווישן זיי כּהנס אויף 3,110 זײַטלעך. אַנדערע כּתבֿ־ידן (צוגעשיקט פֿון זאַמלערס, די איבערזעצונג פֿון פּערלמאַנען) אויף 348 זײַטן און ניגונים אויף 11 זײַטן. לידער זײַנען פֿאַראַן בערך טויזנט, אַרײַנגערעכנט אויך כּהנס 10 אייגענע. איינציקע טעקסטן חזרן זיך איבער. מעשׂיות זײַנען פֿאַראַן 26, רעטענישן 5, קינדערשפּילן און אָפּשפּרעכענישן צו איינציקע. ביבליאָגראַפֿיע און נאָטיצן אויף קאַרטלעך 612 נומערן.

ווי ס׳איז צו זען פֿון טייל נאָטיצן אָדער פֿראַגמענטן אין דעם עזבֿון, זײַנען זיי שײַך צו גרעסערע אַרבעטן וואָס כּהן האָט געפּלאַנט צו שרײַבן, אָדער אפֿשר פֿאַרענדיקט, ווער ווייסט? עס איז זייער שווער צוצוגרייטן צום דרוק אַן עזבֿון, אַפֿילו בלויז איין טייל פֿון אים (גראָד האָב איך דעם גרעסטן טייל — די לידער), און ניט צו האָבן פֿאַר זיך דעם גאַנצן מאַטעריאַל, ניט אַפֿילו וויסן גענוי, וואָס עס איז נאָך פֿאַרבליבן פֿון דעם ניפֿטר. זאַכן

* זען ווײַטער.

וואָס פֿעלן בפֿירוש זײַנען: אַ פּורים־שפּיל וואָס כּהן האָט בשעתו געזאָלט פֿאַרעפֿנטלעכן אין טעאַטער־אַרכיוו (זע די נאָטיץ אין די ידיעות, 1927, נומ׳ 23), און אפֿשר אויך די אַרבעט א״נ „די מעשה וועגן דעם מײַסטערדיב״, וואָס האָט געזאָלט אַרײַן אין צווייטן באַנד פֿילאָלאָגישע שריפֿטן (זע ידיעות, 1927, נומ׳ 20). אַ פֿראַגמענט פֿון דער אַרבעט געפֿינט זיך אין דעם אונדז צוגעשיקטן טייל פֿון כּהנס עזבֿון (טעקע 10, א״נ 47, ז׳ 81). עס פֿעלן בריוו וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן צו כּהנען. אַ שאָד אויך, וואָס די גאַנצע כּהן־ביבליאָטעק איז ניט איבערגעענטפֿערט געוואָרן דעם ייִוואָ. מען האָט קענטיק געהאַלטן: וואָס פֿאַר אַן אינטערעס קענען למשל האָבן די ווערק פֿון אַ מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, זבאַרזשער אָדער אַ ביכל, לאָמיר זאָגן, פֿון אַ מיכל גאָרדאָן? פֿלעגט אָבער כּהן אויף די גליונות מאַכן קורצע נאָטיצן. די נאָטיצן קענען אַ מאָל זײַן זייער וויכטיק און וואָלטן אפֿשר געדאַרפֿט אַרײַנקומען אין זײַנע געזאַמלטע ווערק.

כּהן האָט זייער ווייניק געשריבן, און עס איז אונדזער חובֿ יעדער ברעקעלע, יעדער זעמדעלע צונויפֿצוטראָגן פֿאַר דעם בנין פֿון כּהנס ווערק, וואָס ער האָט פֿאַר זיי אַ לעבן אָפּגעגעבן.

אָבער ניט נאָר ביכער פֿון דער אַזוי גערופֿענער „שיינער ליטעראַטור״ פֿעלן אין דער כּהן־ביבליאָטעק. עס פֿעלן אַ סך פֿאָלקלאָריסטישע ביכער, וואָס עס שיקט זיך עפּעס ניט, אַז כּהן האָט זיי ניט געהאַט, למשל: פּרילוצקיס צוויי בענד פֿאָלקסלידער, לעהמאַנס גנבֿים־לידער, פּרילוצקי־לעהמאַנס אַרכיוו א״אַנד. כ׳האָב מיך אַפֿילו וועגן דעם ענין געהאַט געווענדט צו ד״ר שאַצקין, אָבער צום גרעסטן באַדויערן ניט באַקומען קיין תּשובֿה.

און איצט וועגן דער עצם אַרבעט מײַנער:

עס איז פֿאַר מיר אַ גרויסער כּבֿוד, וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט צוצוגרייטן צום דרוק כּהנס לידער־מאַטעריאַל. איך ווייס אָבער ווויל דאָס גרויסע אַחריות וואָס ליגט אויף מיר. עס איז דאָך ניט קיין קלייניקייט צו ברענגען אין אָרדענונג רוי־מאַטעריאַלן און אַפֿילו טייל־ווײַז באַאַרבעטע פֿון אַ וויסנשאַפֿטלער אין דעם גראַד ווי כּהן איז דאָס געווען. כּהן אַליין איז צו זיך געווען שטאַרק קריטיש. ער פֿלעגט ניט איין מאָל איבערקלערן, איידער ער האָט באַשלאָסן עפּעס צו געבן אין דרוק. כּהן האָט כּידוע געזאַמלט נאָר דעם קינסט־לערישן פֿאָלקלאָר, דער עיקר לידער. אָבער אויך ניט איטלעכע זאַך וואָס האָט געהאַט אַ קינסטלערישן ווערט האָט כּהן פֿאַרצייכנט. ער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ער זאַמלט נאָר גוטס. כּהן איז געווען קריטיש ניט נאָר צום מאַטעריאַל, נאָר אויך צום אויפֿגעבער. איך געדענק אַזאַ פֿאַקט: בשעתן זאַמלערקורס [אין ווילנע 1930, זען ז׳ 141 אין איצטיקן באַנד] האָט מען געברענגט צו פֿירן אין אינסטיטוט אַרײַן אַ ייִנגל וואָס האָט געקענט מעשׂיות. כּהן האָט זיך מיט אים אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל אַנטקעגן צימער פֿון דער פֿאָלקלאָר־קאָמיסיע. דאָס ייִנגל האָט דערציילט אַ מעשׂה און כּהן האָט געמאַכט קורצע נאָטיצן. דערנאָך דעם האָט ער דאָס ייִנגל אַרײַנגעפֿירט אין דעם צימער, וווּ עס פֿלעגן פֿאָרקומען די לעקציעס פֿון זאַמלערקורס (דאָס איז געווען בשעת אַ הפֿסקה) און געבעטן דעם בחור דער־ציילן נאָך אַ מאָל די זעלבע מעשׂה. ווען יענער האָט געענדיקט, האָט כּהן זיך געווענדט צו מיר כּהאַי לישנא: „זעט איר, איך וועל די מעשׂה שוין ניט פֿאַרשרײַבן, כאָטש זי איז מיר געפֿעלן געוואָרן״. איך האָב געפֿרעגט „פֿאַר וואָס?״ — האָט מיר כּהן געענטפֿערט: „ווײַל דעם צווייטן מאָל האָט ער זי שוין אַנדערש דערציילט״.

אָבער ניט נאָר בײַם זאַמלען איז כּהן געווען אַ מחמיר. אויך אין זײַנע אַרבעטן, שוין נאָך דעם אַפֿילו ווי ער פֿלעגט אָפּגעבן אין זאַץ, פֿלעגט ער ניט איין מאָל לאָזן איבערשטעלן דעם סדר אָדער גאָר אין גאַנצן אויסשליסן זאַכן וואָס ער האָט לכתּחילה אַרײַנגענומען. אַזוי למשל געפֿינען זיך אין עזבֿון קאָרעקטורן פֿון פֿינף לידער וואָס זײַנען לויט אַלע סימנים געווען באַשטימט פֿאַר דער לידער־זאַמלונג אין אַמעריקאַנער פּנקס, אָבער זיי זײַנען סוף־כּל־סוף אַהין ניט אַרײַן (טעקע 2 א״נ 4, ז׳ 20; טעקע 10 א״נ 46, זז׳ 83—86).

דעריבער, ווען איך דערמאָן מיך, אַז מען דאַרף באַשטימען דעם סדר פֿאַר די לידער, בפֿרט פֿאַר יענע, צו וועלכע עס איז ניט פֿאַראַן קיין אָנווײַז אָדער אָנצוהערעניש, ווי

זיי דאַרפֿן געהערן, כאַפּט מיך פּשוט אָן אַן אימה. כ׳שטעל מיר אַלץ די פֿראַגע, צי וואָלט עס געווען לויט כּהנס געשמאַק. מה־דאָך כּהנען אַליין, וואָס ער האָט פֿערציק יאָר אָפּגע־אַרבעט אויף דעם ייִדישן פֿאָלקסליד, איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען אויסצושטעלן די לידער, מכּל־שכּן מיר וועט דאָך דאָס אַוודאי און אַוודאי שווער זײַן. איך פֿאַרהאָף, אַז מען וועט מיר העלפֿן.

כּהן האָט מיר נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק געשריבן: „...כ׳אַרבעט איצט אויף מײַן איי־גענער זאַמלונג. ברענג זי אין אָרדענונג. סײַ די געדרוקטע, סײַ די וואָס געפֿינען זיך בײַ מיר אין כּתבֿ־יד. אַלץ צוזאַמען וועל איך האָבן אַרום טויזנט טעקסטן מכּל המינים. איך גרייט דאָס צו צום דרוק מיטן געדאַנק, אַז עס קען זיך אַ מאָל געפֿינען אַ מעצענאַט וואָס זאָל דאָס אַרויסגעבן. דערפֿון קענט איר זיך משער זײַן, אַז איך וויל אונטערציִען אַ סך־הכּל פֿון מײַן פֿערציקיאָריקער זאַמל־אַרבעט״ (בריוו פֿון 20סטן פֿעברואַר 1935).

די ערשטע זאַך וואָס כּהן האָט זיך גענומען צוגרייטן צום דרוק זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען די לידער. און קודם כּל זײַן שיר־השירים — די באַלאַדעס. אין כּהן־עזבֿון געפֿינט זיך כּמעט אַ פֿאַרטיקער כּתבֿ־יד פֿון אַ באַנד באַלאַדעס. דער פּינקטלעכער טיטל פֿון שער איז: „ייִדישע פֿאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס. געזאַמלט פֿון י. ל. כּהן. נײַע פֿאַרמערטע אויסגאַבע. ערשטער באַנד. באַלאַדעס און באַלאַדנאַרטיקע לידער״.

דער כּתבֿ־יד פֿאַרמאָגט אַ רשימה פֿון די באַלאַדעס און די באַלאַדנאַרטיקע לידער וואָס דאַרפֿן זיך געפֿינען אין באַנד. ס״ה 74 לידער. איבערגעשריבענע זײַנען אָבער פֿאַראַן 60 לידער. אין אינהאַלט גייען די לידער כּסדר, אָבער אין טעקסט גופֿא איז אויסגעטיילט אַ גרופּע „סאָציאַלע לידער״ (5 נומערן).

מיט ח׳ ווײַנרײַכס הסכּם האָב איך אָנגעהויבן מײַן אַרבעט מיטן קאָפּירן דעם דאָזיקן באַנד. איך האָב אים שוין כּמעט פֿאַרענדיקט איבערשרײַבן. ווי איך האָב שוין פֿריִער געזאָגט, דעקט זיך ניט דער מאַטעריאַל מיט דער רשימה. די לידער וואָס עס פֿעלן האָב איך אויסגעזוכט אין כּהנס זאַמלונגען און אין דעם כּתבֿ־יד א״נ 2 (טעקע 2) און זיי אַרײַנגעשטעלט אויף די געהעריקע ערטער.

היות דער כּתבֿ־יד און די רשימה זעען מיר אויס צו זײַן ניט פֿאַרענדיקט, האָב איך געהאַלטן, אַז איך דאַרף דעם בלויז ממלא זײַן מיט אַלע איבעריקע לידער וואָס שטייען אין כּהנס פֿריִערדיקע זאַמלונגען צווישן די באַלאַדעס. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. ביז איצט האָב איך שוין פֿאַרשריבן 86 באַלאַדעס. בײַם איבערשרײַבן די לידער זײַנען בײַ מיר אויפֿגעשווומען פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען. בפֿרט איז עס שייך צו יענע לידער וועלכע כּהן האָט שוין געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זײַנע זאַמלונגען. אויף זיי וויל איך מיך דאָ טאַקע אָפּשטעלן. לעת־עתּה שטעל איך נאָר אַוועק די פּראָבלעמען, איך מאַך נאָך ניט קיין פּרווו זיי צו פֿאַרענטפֿערן.

קעפּלעך צו די לידער: אין פֿלוג קען זיך אפֿשר דוכטן, אַז דאָס איז גאָר קיין פּראָבלעם ניט. דערווײַל האָט כּהן גופֿא אין דעם פּרט דורכגעמאַכט אַ שטיקל אַנטוויקלונג. נעמען מיר למשל די אַלטע אויסגאַבע וואָס פֿאַרמאָגט 333 פֿאָלקסלידער, זײַנען דאָרט בײַ די לידער קיין קעפּלעך בכלל ניטאָ. בײַ די נאָטן צו 175 לידער, וואָס זײַנען דאָרט פֿאַראַן, גייען קעפּלעך לויט דעם ערשטן פֿערז פֿון ליד. בײַ אַ לאַנגן פֿערז בלויז אַ האַלבע שורה מיט דרײַ פּינטעלעך. גאַנץ אַנדערש זעט די זאַך אויס אין דער זאַמלונג וואָס איז געדרוקט געווען אין אַמ׳ פּנקס און בײַ מאַנכע לידער פֿון דער בורגנלענדער זאַמלונג, ייִוואָ־בלעטער II (1931), זז׳ 200—221. דאָרטן זײַנען פֿאַראַן קעפּלעך וואָס דרינגען אַרויס פֿונעם תּוך פֿונעם ליד.

אויף דעם זעלבן אופֿן גייען אויך די לידער אין דער גרעסטער דײַטשער זאַמלונג פֿון ערק און בעהמע, „דויטשער לידערהאָרט״, לײַפּציק 1893, דרײַ בענד מיט 2,175 לידער (חוץ וואַריאַנטן). מעגלעך, אַז כּהן האָט די טיטלען געגעבן לויט בעהמען. אָבער אין באַנד ייִדישער פֿאָלקלאָר, וואָס איז דורכגעגאַנגען כּהנס רעדאַקציע, זײַנען אַלע קעפּלעך די אָנהייבפֿערזן פֿון די לידער.

רעדאַקציע פֿונעם מאַטעריאַל: ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָט כּהן אַ סך געהאָרעוועט איבער זײַנע אַרבעטן. ער פֿלעגט איבערשטעלן איינציקע ווערטער, ווען ס'פֿלעגט אויס־קומען פֿלעגט ער אַפֿילו איבערשטעלן גאַנצע זאַצן אין אַ סטראָפֿע. כ'האָב מיר געמאַכט אַ היפּש ביסל נאָטיצן וועגן די שינויים וואָס כּהן האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם איצטיקן באַנד לגבי די געדרוקטע לידער פֿון דער אַלטער און נײַער זאַמלונג. ניט בחינם האָט כּהן לכתּחילה אָנגעשריבן אויפֿן שער „פֿאַרמערטע און פֿאַרבעסערטע אויפֿלאַגע" (כאָטש דאָס וואָרט „פֿאַרבעסערטע" האָט ער שפּעטער אַליין אויסגעשטראָכן). מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די שינויים וואָס כּהן האָט אַרײַנגעטראָגן זײַנען גאָר פֿונדאַמענטאַלע. בײַם איבערשרײַבן די לידער וואָס כּהן האָט שוין געהאַט אַ מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, האָב איך זיי פֿאַרגליכן וואָרט פֿאַר וואָרט מיט די לידער פֿון דעם איצטיקן כּתבֿ־יד און עס האָט זיך באַקומען זייער אַן אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל, וואָס מען וועט פֿון אים קענען אַ סך אָפּ־לערנען אין הילכות רעדאַקטירן אַ פֿאָלקסליד. עס איז אפֿשר דאָ כּדאַי צו ברענגען אַן אויס־צוג פֿון כּהנס בריוו וועגן דעם ענין. איך האָב אים אַ מאָל אָנגעפֿרעגט: „...איר האָט אונדז געלערנט, אַז פֿאַרשרײַבן דאַרף מען ווי דאָס פֿאָלק דערציילט אָדער זינגט, ווי ווײַט מעגלעך אַפֿילו פֿאָנעטיש, מען טאָר ניט חס ושלום אויסבעסערן, ווען מען זאָל אַפֿילו וויסן, אַז עס איז אַ בפֿירושער גרײַז. ווי איז אָבער דער דין ווען איינער זינגט גרײַזיק און דאָס זעלבע ליד זינגט אַן אַנדערער אַ ביסל וואַריִרט — גוט?"

אויף דעם האָט מיר כּהן געענטפֿערט:

„...עס זײַנען ניטאָ קיין דינים וועגן בפֿירושע גרײַזן. מען דאַרף אַליין וויסן, וווּ אײַן און וווּ אויס. אויב איינער, צוויי אָדער דרײַ גרײַזן, מאַכט ניט אויס, אָבער ווען דאָס ליד איז אין גאַנצן גרײַזיק, הייסט עס, אַז דער זינגער קען ניט דאָס ליד, נאָר זינגט עס סתּם אין דער וועלט אַרײַן, ניט וויסנדיק אַליין וואָס ער זינגט. אַזאַ ליד דאַרף מען ניט דרוקן. אַזעלכע לידער האָב איך קיין מאָל ניט פֿאַרשריבן, כ'האָב דעם זינגער באַלד געזאָגט: אַנטשולדיקט, מיר דוכט זיך, אַז איר קענט ניט דאָס ליד" (בריוו פֿון 7טן אָקטאָבער 1936).

א) צוגעשטעלט נײַע ווערטער: עטלעכע בײַשפּילן:

1) אַנשטאָט „אין האָט איר מיט אַ ביקס דערשאָסן" (נײַע זאַמלונג נומ' 61, 5):
אין האָט איר ווי מיט אַ ביקס דערשאָסן.

2) אַנשטאָט „וועסטו מיר נישט געבן פֿייגעלען פֿאַר אַ ווײַב" (כּהן 1, ז' 240, 1):
וועסטו מיר ניט געבן די גילדערנע פֿייגעלען.

[3] אַנשטאָט „כ'האָב דיר מורא צו געבן עסן" (דאָס זעלבע ליד, סטר' 10, 2):
כ'האָב דיר מורא צו געבן עפּעס עסן.

ב) אַרויסגעוואָרפֿענע ווערטער: 1) „וואָס ער האָט דעך גאָר אָף דער וועלט געבראַכט" (נ"ז נומ' 65, 3, 2), אַרויסגעוואָרפֿן דאָס וואָרט „גאָר" (א"נ 1, ז' 45). 2) אַנשטאָט „האָט מיר אַ מיידל אַ שיינע" (כּהן 1, ז' 224, 3, 1): „האָט אַ מיידעלע אַ שיינע" (א"נ 1, ז' 7). 3) „איר גוטע ברידערלעך", אין כּ"י פֿעלט דאָס וואָרט „איר".

ג) געביטענע ווערטער: 1) „אין די מיזט פֿאַר אַן אַם זאַן" (נײַע זאַמלונג, נומ' 61, 7, 4): „און דו מוזט פֿאַר אַן אַם גיין". מעגלעך, אַז דאָ איז שולדיק דער בחור דער זעצער, אַנ־שטאָט „גיין" האָט ער פֿריִער ע"פּ טעות אויסגעזעצט „זאַן". 2) „דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן בעטן ער זאָל זי פֿון דאָרטן צונעמען" (כּ. 1, 192, 5), דאָס וואָרט „בעטן" איז געביטן אין כּ"י אויף ווײנען (א"נ 1, ז' 9). 3) אַנשטאָט: „אַז דורך איר בין איך יעצט משוגע" (כּהן 1, ז' 224, 3, 4), אין כּ"י: „אַז דורך גאַלדעניון בין איך יעצט משוגע".

ד) געביטן דעם ווערטער־סדר: „דרײַ, פֿיר יאָר האָבן מיר אַ ליבע געפֿירט" (כּהן 1, ז' 240, 18), אין כּ"י: דרײַ, פֿיר יאָר האָבן מיר געפֿירט אַ ליבע (א"נ 1, ליד נומ' 7). „איך וועל נישט קיין שידוך טאָן" (כּהן 1, 240, 6), אין כּ"י: „אַ שידוך וועל איך נישט טין".

אָדער עס זײַנען פֿאַראַן שורות מיט אַזעלכע סימנים:

1 3 4 2 5
„ס'איז שוין דאַכט זיך צײַט עפּעס צו עסן" (ליד נומ' 8, כּ"י 1, ז' 19). די גאַנצע סטראָפֿע איז אויסגעשטראָכן פֿון כּהנען און איבערגעשטעלט לויטן סדר פֿון די ציפֿערן.

אָדער: „אַזוי ווי מען האָט אים אויף דער טהרה־ברעט אַרויפֿגעלייגט" (כּהן 1, 226—228) געביטן: „אַזוי ווי מ'האָט אים אויפֿן טהרה־ברעט אַרויפֿגעלייגט" (ליד נומ' 40).

ה) געביטן דעם סטראָפֿנבוי: אין גאַנצן האָב איך אין דעם באַנד פֿאַרצייכנט 2 פֿאַקטן: פֿון אַ פֿירפֿערזיקער סטראָפֿע (כּהן 1, ז' 58) געביטן אויף אַן אַכטפֿערזיקער (כּ"י א"נ 1, ליד נומ' 11) און אַ פֿינפֿפֿערזיקע סטראָפֿע (נײַע זאַמלונג, נומ' 62 א) געביטן אויף אַ פֿירפֿערזיקער (כּ"י א"נ 1, ליד נומ' 12, ז' 26).

ו) דיאַלעקט: בײַ אַ גרויסן טייל לידער וואָס זײַנען ניט געווען פֿאַרשריבן אין דיאַ־לעקט אין כּהנס ערשטע צוויי בענד האָט כּהן איצט אַ היפּשן טייל ווערטער צוריק פֿאַר־שריבן אין דיאַלעקט (צוריק פֿאַרשריבן פֿון ס־ אין ש־דיאַלעקט).

1) אַזעלכע ווערטער ווי „שנור", „קובעל", „צוריקגעקערט", „קושן", „זונעניו" — איצט געשריבן שניר, קיבעל, ציריקגעקערט, קישן, זינעניו (ליד נומ' 36). אָדער אַנדערע בײַ־שפּילן: אַנשטאָט „די ליד פֿון גאָלד פֿלעגט ער שטענדיק זינגען" (כּהן 1, 224, 6, 4), אין כּ"י געשריבן: „דאָס ליד פֿון" אאַז"וו[1] (דאָס ליד שטאַמט פֿון טולטשין, קיִעווער גוב').

2) אָנהייב פֿון פֿערז „אַ נײַע ליד האָב איך אויסגעקלערט" (כּהן 1, ז' 202, 2, 1, וואַרשע), אין כּ"י געביטן אויף „אַ נײַ ליד" אאַז"וו (א"נ 1, 73).

3) „ניט" — געביטן אויף נישט (כּהן 1, 230. דאָס ליד שטאַמט פֿון וואַרשע).

4) „ער האָט זי פֿאַרן טויער אָפּגעוואַרט" (כּהן 1, ז' 222, 3, 3), געביטן אויף „ער האָט איר" אאַז"וו (א"נ 1, ז' 1).

ז) העברעיִזמען: אין דעם כּתבֿ־יד זײַנען די העברעיִזמען ניט איינהייטלעך געשריבן. טייל זײַנען געשריבן מיטן טראַדיציאָנעלן אויסלייג, אַנדערע זײַנען „נאַטוראַליזירט". ווי זשע וועל איך מיך דאָ דאַרפֿן נוהג זײַן?

ח) אָרטאָגראַפֿיע: כאָטש עס איז אַ גרויסער חילוק צווישן דער אָרטאָגראַפֿיע פֿון כּהנס אַלטער זאַמלונג ביז דער נײַער געדרוקטער זאַמלונג, זײַנען פֿון דעסט וועגן אין כּ"י פֿאַראַן שינויים לגבי ביידע זאַמלונגען. נאָך אַ ייִשובֿ־הדעת מיט ח' ווײַנרײַכן איז געבליבן צו קאָפּירן פּינקטלעך דעם מאַטעריאַל אַזוי ווי ער איז אין כּתבֿ־יד און פֿאַרגינען זיך בלויז אויף גראַפֿישע שינויים, ווי למשל, אַ פּאַסיקל איבערן „פּ", צושטעלן אַ קמץ, אַ פּתח אד"גל.

ט) אָפּשטעל־צייכנס: אַפֿילו אין דעם פּרט איז אַ גרויסער חילוק צווישן כּהנס ביידע געדרוקטע זאַמלונגען (די אַלטע פֿון 1912 און די נײַע, 1930).

אין דער „נײַער זאַמלונג" זײַנען פֿאַראַן די איבערחזרונג־סימנים „:I" אַנשטאָט דעם אַלטמאָדישן „ביס" (פֿון כּהנען האָבן טאַקע די אַנדערע ייִדישע זאַמלערס איבערגענומען דעם סימן).

בײַם איבערשרײַבן זײַנען געווען אַ סך פֿאַלן, ווען למשל בײַם אָנהייב פֿון אַ פֿערז אָדער אַ סטראָפֿע זײַנען געגעבן געוואָרן גענדזן־פֿיסלעך און צום סוף סטראָפֿע האָט כּהן פּשוט פֿאַרגעסן זיי צוצוגעבן, דאָס זעלבע טרעפֿט אַ סך מאָל מיט דעם איבערחזרונג־סימן. אין די פֿאַלן האָט מיר ח' ווײַנרײַך געעצהט זיך צו פֿאַרגינען דאָס ממלא צו זײַן.

פֿאַלן ווען כּהן האָט געביטן די אָפּשטעל־צייכנס זײַנען פֿאַראַן גענוג. איך האָב זיי אַלע ניט פֿאַרצייכנט. למשל אַ טירע (—) געביטן אויף אַ קאָמע אָדער אויף גענדזן־פֿיסלעך. פֿריִער אין דער געדרוקטער זאַמלונג ענדיקט זיך דער פֿערז „סע כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל בײַם לײַבו!" מיט אַן אויסרוף־צייכן (כּהן 1, ז' 217), אין כּ"י איז פֿאַראַן אויפֿן אָרט פֿון אויסרוף־צייכן אַ טאָפּלפּונקט.

---

[1] וועגן טעותים וואָס קענען זיך טרעפֿן בײַם פֿאַרשרײַבן פֿאָלקלאָר אין פּרט פֿון דיאַלעקט האָט זייער ריכטיק אָנגעוויזן יודל מאַרק אין זײַן אַרטיקל „אַ פּאָר גאָר וויכטיקע ספֿקות פֿון אונדזער איצטיקער כּלל־שפּראַך", ייִדיש פֿאַר אַלע נומ' 9, באַזונדער זז' 242—243.

וואָס שייך די אָפּשטעל־צייכנס וואָלט איך געהאַלטן, אַז מען וואָלט זיי געדאַרפֿט לאָזן אַזוי ווי זיי זײַנען בײַ כּהנען.

י) נעמען פֿון שטעט, פֿון וואַנען דער מאַטעריאַל איז פֿאַרצייכנט געוואָרן, וואָלט איך וועלן פֿאַרייִדישן: די שטעט וואָס האָבן ייִדישע נעמען אָנרופֿן אויף ייִדיש. חוץ דעם, מיין איך, וואָלט מען געדאַרפֿט אָפּשאַפֿן די נעמען פֿון די גובערניעס, ווײַל דאָס איז אַן אַנאַכראָניזם. פֿאַראַן, למשל, אין די געדרוקטע זאַמלונגען: „ביאַליסטאָק, גראָדנער גובערניע". איצט האָט אַפֿילו כּהן געביטן די פֿאַרקירצונג „גוב" אויף „קר" וואָס באַטײַט „קרײַז". דאָס איז דאָך אויך ניט ריכטיק.

יא) נעמען פֿון אויפֿגעבערס: אין כּהנס אַלטער זאַמלונג זײַנען פֿאַראַן עטלעכע יוצא־מן־הכּלל, ווּ עס זײַנען אָנגעגעבן די נעמען פֿון די אויפֿגעבערס. זיי גייען אין האַלבע לבֿנות פֿאַר די לידער. בײַם איבערשרײַבן די איצטיקע זאַמלונג האָט כּהן אַפֿילו צוגעגעבן עטלעכע נעמען פֿון די אויפֿגעבערס. אָבער פֿון דעסט וועגן פֿעלן נאָך היפּש נעמען. דאָס זעלביקע אויך מיט די דאַטעס פֿון פֿאַרשרײַבן די לידער. איך מיין, אַז עס האָט קיין שום זין ניט בײַ טייל לידער יאָ אָנצוגעבן די אויפֿגעבערס און די דאַטע פֿון פֿאַרשרײַבן און בײַ אַנדערע ניט. איך וואָלט דעריבער פֿאָרגעלייגט די נעמען אַראָפּצוטראָגן אין די הערות צוזאַמען מיט דער דאַטע ווען דאָס ליד איז אויפֿגענומען געוואָרן. אַזוי האָט זיך אויך טאַקע נוהג געווען כּהן גופֿא בײַ אַ גרויסן טייל לידער אין דער זאַמלונג וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געווען אין אַמעריקאַנער פּנקס (זז׳ 101—108) און בײַ דער בורגנ־לענדער זאַמלונג.

יב) הערות: מען דאַרף משער זײַן, אַז כּהן האָט דאָס פֿאַרצייכנט, כּדי צו פֿאַרגע־דענקען די מקורים. אַנדערש וואָלט ער דאָך צו יעטווידער ליד אָנגעשריבן עפּעס אַ הערה. אויב אַפֿילו כּהן פֿלעגט ניט געפֿינען קיין וואַריאַנט, פֿלעגט ער אין דער הערה שטעלן דאָס וואָרט „וואַריאַנט?" אָדער: „דערצו קיין וואַריאַנט ניט געפֿונען" (זע די הערות אין דער „נײַער זאַמלונג" צו די נני׳ 29, 32, 33, 35, 43, 54, 100 אאַז״וו).

וואַריאַנטן צו די לידער פֿון דעם באַנד געפֿינען זיך אויף קאַרטלעך, צעטלעך און נאָטיצביכלעך און אויף די גליונות פֿון כּהנס האַנט־עקזעמפּלאַרן (אַגבֿ האָבן מיר ניט דעם האַנט־עקזעמפּלאַר פֿון זײַן „נײַער זאַמלונג" וואָס איז געווען געדרוקט אין פּנקס). כ׳מיין, אַז מען וועט אַפֿילו דאַרפֿן סיסטעמאַטיש דורכקאָנטראָלירן די גליונות פֿון דער פֿרעמדשפּראַכיקער פֿאָלקסלידער־ליטעראַטור.

בנוגע דעם ווי אַזוי מען זאָל שטעלן די הערות, וואָלט מײַן דעה געווען זיי אַראָפּ־צוטראָגן צום סוף נאָך אַלע טעקסטן.

דאָס זײַנען בערך די פּראָבלעמען וואָס איך האָב געוואָלט אָנרירן. דאָס ערשטע רעכן איך צו פֿאַרענדיקן איבערשרײַבן די באַלאַדעס און דערנאָך דעם זיך באַלד נעמען צו די הערות צו די לידער פֿון דאָזיקן באַנד.

ש. ז. פּיפּע

די געפּלאַנטע זעקסבענדיקע אויסגאַבע פֿון כּהנס כּתבֿים

נאָכן באַקענען זיך מיט דעם גאַנצן עזבֿון האָט דאָס אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִוואָ אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון דער אויסגאַבע פֿון י. ל. כּהנס געזאַמלטע שריפֿטן אין זעקס בענד און געמאָלדן וועגן דעם אין די ידיעות פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט 83־84 (מאַרץ־אַפּריל 1939).* מער פּרטימדיק איז

* דאָרטן גופֿא איז אויך איבערגעגעבן, אַז א. ראָטענבערג אין סטאַשעוו האָט צוגעשיקט אַן אינטערעסאַנטן בריוו, ווּ ער דערציילט וועגן זײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט כּהנען אין די יונגע יאָרן, און כּהנס צוויי לידערהעפֿטן. צום באַדויערן זײַנען דער בריוו און די לידער־העפֿטן אומגעקומען. מיר חזרן אָבער דאָ איבער די בקשה וואָס איז געווען געדרוקט אין יענעם נומער ידיעות: אַז טאָמער פֿאַרמאָגט ווער עס איז וועלכע עס איז אינפֿאָרמאַציע אָדער

דער פּלאַן אויסגעלייגט און אַרומגערעדט אין דעם ווײַטערדיקן בריוו פֿון ייִוואָ אין ווילנע צו פֿרוי מרים כּהן:

פֿעברואַר 17, 1939

פֿרוי מרים כּהן
ניו־יאָרק.

טײַערער פֿרײַנד,

נאָך דעם ווי מיר האָבן דורכגעאַרבעט דעם גאַנצן עזבֿון פֿון יהודה־לייב כּהנען, אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן חבֿר, האָבן מיר באַריכות באַטראַכט, ווי אַזוי צום בעסטן אַרויסצוגעבן זײַנע שריפֿטן און האָבן אויסגעאַרבעט דעם ווײַטערדיקן פּלאַן, וואָס מיר בעטן אײַך זיך מיט אים צו באַקענען:

1. די אויסגאַבע דאַרף הייסן „יהודה־לייב כּהנס געקליבענע שריפֿטן אין זעקס בענד", צו 12—15 דרוקבויגן [פֿון זעכצן זײַטן] אַ באַנד, ד״ה אין איינעם אַ וואָסערע טויזנט זײַטן.

2. די 6 בענד טיילן זיך אײַן אויף אַזאַ אופֿן: 1—3. לידער, 4. פֿאָלקס־מעשׂיות, 5. אַרטיקלען און קלענערע זאַמלונגען, 6. פֿאַרגלײַכיקע באַמערקונגען און הערות פֿון דער רעדאַקציע.

3. וועגן די דרײַ בענד לידער קענען מיר לעת־עתּה זאָגן, אַז דער ערשטער באַנד וועט אַרײַננעמען די באַלאַדעס אין דעם סדר און דעם אָפּקלײַב ווי כּהן ז״ל אַליין האָט דאָס צוגעגרייט (מערניט אין עטלעכע פּרטים קומט זײַן מיין אַרויס ניט אין גאַנצן קלאָר). נאָך דעם דאַרפֿן גיין די ליבעלידער און די אַנדערע אָפּטיילונגען לידער. די נאָטן, אויף וויפֿל זיי זײַנען פֿאַראַן, קומען בײַ יעדער ליד, אַזוי ווי אין דער זאַמלונג פֿון 1912.

4. דער באַנד 1 (באַלאַדעס) איז בײַ אונדז אין גאַנצן פֿאַרטיק צום דרוק. די נאָטן האָבן מיר שוין באַשטעלט צום קלישירן, אַזוי אַז ווי נאָר עס וועט זײַן אײַער תּשובֿה, וועלן מיר קענען דאָס געבן אין זאַץ.

5. אין דער צײַט וואָס דער באַנד וועט זיך זעצן קענען מיר גרינג צוגרייטן ב׳ 2 און 3, וואָרעם דער גרעסטער טייל פֿאָראַרבעטן איז שוין אויך צוגעגרייט.

6. דער באַנד מעשׂיות איז אויך שוין אויסגעסדרט אין גאַנצן, אויסגעשטימט מיט די זאַכן וואָס געפֿינען זיך אין די איבערגעבליבענע כּתבֿ־ידן.

7. מיר קענען נאָך אָבער ניט זאָגן, אַז דער מאַטעריאַל און דער סדר זײַנען לעצט־גילטיק, כּל־זמן מיר האָבן ניט קיין תּשובֿה פֿון אײַך, צי בײַם אָפּשיקן די מאַטעריאַלן קיין ווילנע איז ניט געבליבן בײַ אײַך אַ געוויסע צאָל דרוקפֿאַרטיקע פֿאָלקס־מעשׂיות.* אונדז דוכט זיך אַפֿילו, אַז בשעתו האָט מען אונדז וועגן דעם פֿון אַמאָפּטייל געשריבן; אָבער עס קען זײַן, אַז מיר זײַנען זיך טועה. על כּל פּנים בעטן מיר אײַך אין אײַער תּשובֿה אונדז אויפֿקלערן, צי אַזוינע מעשׂיות זײַנען נאָך בײַ אײַך פֿאַראַן. אויב יאָ, בעטן מיר אונדז דאָס אַרויסשיקן, כּדי מיר זאָלן דאָס קענען מצרף זײַן צום באַנד אויף די געהעריקע ערטער. אויב מיר וועלן דעם מאַטעריאַל באַקומען, וועט מען נאָך דאַרפֿן האָבן אַ ביסל צײַט אויף אויסצוסדרן אים; טאָמער ניט, איז ב׳ 4 שוין אויך בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאַרטיק צום זעצן.

8. פֿאַר ב׳ 5 האָבן מיר דאָ אַ פּראָיעקט וואָס איז געשריבן מיט ז. רייזענס האַנט און ז. רייזען איז איצטער ניטאָ, אַזוי אַז מיר קענען ניט איבערפֿרעגן לויט וואָס ער האָט דאָס צונויפֿגעשטעלט. אונדזער אײַנדרוק איז, אַז דאָס איז פֿון ד״ר י. שאַצקיס אַ

דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שײַכות צו י. ל. כּהנען, איבער הויפּט וועגן זײַנע ייִנגערע יאָרן, זאָל ער זײַן אַזוי פֿרײַנדלעך און דאָס צושיקן צום ייִוואָ.
זאָל דאָ אויך בלײַבן פֿאַרצייכנט פֿון קרית ספר, תּרצ״ז, העפֿט א, אַז ד״ר ת. זלוצ׳יסטי (חיפֿה) האָט איבערגעגעבן דער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק אין ירושלים אַ העפֿט פֿון כּהנס לידער.

* זען זז׳ 352־353 און 366.

פּלאַן. דאָס זעט אויס אַזוי: א. הקדמה צו דער זאַמלונג פֿון 1912. ב. רעצענזיע אויף פּרילוצקיס פֿאָלקסלידער. ג. פֿאָלקסגעזאַנג און פֿאָלקסליד. ד. הקדמה צו דער זאַמלונג 1930. ה. וועגן טאַנצליד. ו. פֿאָלקלאָר פֿון בורגנלאַנד. ז. כּללים פֿאַר זאַמלען (קאָפּיע פֿון אַן אַרבעט צו שטיפֿן). [ח־ט ?] י. ניט־פֿאַרענדיקטע רעצענזיעס אויף סקודיצקין און ראָזענצווײַגן. יא. פֿראַגמענט פֿון צווייטן טייל אַרבעט וועגן טאַנצליד. יב. לעקציעס פֿאַר די זאַמלערס אין ווילנע. יג. קאָנספּעקטן פֿון לעקציעס אין לערער־סעמינאַר, ניו־יאָרק. יד. בריוו פֿון פֿאָלקלאָריסטישן אינהאַלט. טו. ביבליאָגראַפֿיע וועגן י. ל. כּהן. — מסתּמא איז דאָס ניט קיין פֿולע רשימה.

9. ווערליג דעם פֿאַראַיאָריקן שמועס זײַנען מיר משער, אַז דעם באַנד 5 וועט צונויפֿשטעלן ד״ר י. שאַצקי. פֿאַרשטייט זיך, אַז זעצן און דרוקן מוז ער זיך אויך אין ווילנע, כּדי אָפּצוהיטן די פֿולע איינהייטלעכקייט פֿון דער גאַנצער סעריע.

10. פֿ׳ נ. עפּשטיין האָט געהאַט געשריבן אין איר באַריכט,* אַז לויט איר מיינונג דאַרף דער בורגנלענדישער מאַטעריאַל צעטיילט ווערן צווישן די אָפּטיילונגען. מיר זײַנען איצטער, ווי איר זעט, געקומען צו אַן אַנדער באַשלוס, בהסכּם מיט אײַער תּחילתדיקער מיינונג.

11. דער נאָמען פֿונעם באַנד 6 ווײַזט אײַך אונדזער כּוונה אַריבערצוטראָגן אַלע פֿאַרגלײַכיקע באַמערקונגען אין אַ ספּעציעלן באַנד. דאָס וועט מאַכן די פֿריִערדיקע בענד אַ סך אינטערעסאַנטער פֿאַרן דורכשניטלעכן באַנוצער, ווײַל ס׳וועט אים ניט באַשווערן מיט ספּעציאַליסטישע פּרטים. פֿאַרקערט ווידער פֿאַרן פֿאַכמאַן וועט אויך זײַן האַנטיקער צו האָבן די הערות צונויפֿגענומען אין איינעם, ווײַל אַנשטאָט צו בלעטערן כּסדר פֿון מיטן באַנד צום סוף וועט ער קענען עפֿענען פֿאַר זיך ביידע בענד און אָן שוועריקייטן נאָכקוקן די הערות וואָס אינטערעסירן אים. עס וועט אויך זײַן אַ סך גרינגער צו געבן איין איינהייטלעכע רשימה מקורים, איין איינהייטלעכע רשימה קיצורים אאַז״וו.

12. אין דעם זעלבן באַנד 6 טראַכטן מיר אויך אַרײַנצוגעבן אַלע הערות פֿון דער רעדאַקציע וועגן דעם, לויט וואָס פֿאַר אַ פּרינציפּן זי האָט אויפֿגעשטעלט די גאַנצע אויסגאַבע, ווי אַזוי זי האָט רעדאַקטירט בשעת עס זײַנען געווען ספֿקות אינעם עזבֿון אאַז״וו. עס וואָלט זיך אויך געפּאַסט, אַז דאָ זאָל קומען אַ באַריכט וועגן כּהנס ביבליאָטעק וואָס איז אַריבער צום ייִוואָ, און אפֿשר וואָלטן מיר אויך געקענט באַקומען אַ קורצן איבערבליק איבער יענעם טייל ביבליאָטעק וואָס איז פֿאַרבליבן אין אַמעריקע.

13. וועגן אַרײַננעמען כּהנס אייגענע לידער און אויך זײַנע אַרטיקלען פֿון אַ ניט־פֿאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער וואָלטן מיר באַשלאָסן אויף יאָ, אָבער אַרײַנגיין זאָל דאָס טאַקע אינעם 6טן באַנד, ווי מאַטעריאַל, כּדי ניט צו פֿאַרטונקלען דעם פֿאַקט, אַז לויט זײַן גאַנצן מהות איז כּהן געווען אַ פֿאָלקלאָריסט.

14. עס בלײַבט די פֿראַגע וועגן אַרײַנגעבן בריוו צו כּהנען (פֿון אַלע מינים) און כּהנס אייגענע בריוו פֿון אַ ניט־פֿאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער. מיר זײַנען נוטה צו דער מיינונג, אַז דאָס איז אויך שייך צו דעם מאַטעריאַל פֿון ב׳ 6. אויב אָבער איר ווייסט וועגן זייער פֿיל מאַטעריאַל פֿון דעם מין, וואָלט געקענט שטיין אַ פֿראַגע וועגן מאַכן דערפֿון אַ באַזונדער באַנד. דאָס דאַרפֿן מיר וויסן בײַ צײַטנס, ווײַל יעמאָלט וואָלט מען אויפֿן שער פֿון די פֿריִערדיקע בענד געדאַרפֿט שרײַבן „אין זיבן בענד“.

15. ד״ר שאַצקיס ביאָגראַפֿיע, ווי זי איז געווען אין יאָרבוך, וואָלט געדאַרפֿט אַרײַנגיין אין ערשטן באַנד, צום סאַמע אָנהייב, מיט אַ רוימישער פּאַגינאַציע. אויב ד״ר שאַצקי האָט בדעה עפּעס צו בײַטן, בעטן מיר אים דאָס צו טאָן אומגעזאַמט.

16. די אויסגאַבע שטעלן מיר זיך פֿאָר אין פֿאָרמאַט און בערך אויף דעם פּאַפּיר ווי די זאַמלונג פֿון 1912. וועגן דער צאָל עקזעמפּלאַרן בעטן מיר אײַער מיינונג. מיר

* דער באַריכט האָט זיך ניט אויפֿגעהיט.

וואָלטן וועלן נעמען די שריפֿט פֿון די שוואַרצע פּינטעלעך (אַחוץ באַנד 6 וואָס מען דאַרף געבן טעקסט ריל). לאָמיר דאָס מאַכן שיין און אַרויסלאָזן נאָר געבונדענע עקזעמפּלאַרן.

17. ווי נאָר מיר וועלן האָבן אײַער הסכּם אויף דעם פּלאַן, קענען מיר געבן זעצן ב׳ 1 און 4; אויב מיר זאָלן באַקומען דעם מאַנוסקריפּט פֿון ב׳ 5 — אָדער אויב איר זאָלט איבער וועלכן עס איז טעם א ו נ ד ז אויפֿגעבן דאָס צונויפֿצושטעלן, קען מען באַנד 5 אויך געבן זעצן גאָר בקרובֿ. פֿאַר דער צײַט וועלן שוין זײַן פֿאַרטיק ב׳ 2 און 3, און בינו לבינו וועט מען אויך צונויפֿשטעלן דעם ב׳ 6, וואָס דער גאַנצער מאַטעריאַל פֿאַר אים איז דאָך שוין גרייט. די פֿראַגע וועגן דער צײַט פֿון פֿאַרטיק מאַכן דאָס גאַנצע איז אַ פֿראַגע פֿון געלט, וואָרעם אויב מיר זאָלן זײַן בכּוח צו צאָלן מזומן, קען דער דרוקער שטעלן עטלעכע זעצער ספּעציעל אויף דער אַרבעט. אַרויסלאָזן אָבער קענען מיר די בענד איינציקווײַז, ווי זיי וועלן פֿאַרטיק ווערן, און ווי באַלד דער גאַנצער פּלאַן איז פֿאַרטיק לכתּחילה האָט עס ניט קיין שום באַטרעף, וואָס די בענד וועלן אַרויסגיין ניט כּסדר. אַגבֿ זײַנען דאָך דאָס די בענד 1, 4, 5, בענד מיט דרײַ פֿאַרשיידענע ענינים: לידער, מעשׂיות, טעאָרעטישע אַרבעטן.

18. אונדזער געדאַנק איז, אַז תּיכּף ווי מיר וועלן באַקומען אײַער הסכּם זאָלן מיר אַרויסלאָזן אַ פּראָספּעקט פֿון אַ וואָסערע 8 זײַטן, וואָס זאָל איבערגעבן דעם גאַנצן פּלאַן פֿון דער אויסגאַבע. דער פּראָספּעקט, מיט כּהנס אַ בילד, זאָל אַרויסגיין צום יאָרצײַט. דעם זעלבן טאָג זאָלן מיר דורך דער ייִטאַ אָנזאָגן באַריכות אין די בלעטער וועגן דעם, אַז די אויסגאַבע איז שוין אין דרוק און אַז ביז סוף יאָר וועט זי זײַן פֿאַרטיק אין גאַנצן.

מיר וואָלטן אײַך געזאָגט גאָר אַ גרויסן דאַנק, אויב איר וואָלט זיך גענומען די מי צו לאָזן אונדז וויסן אײַער מיינונג און אונדז אָנווײַזן, אויב איר האַלט פֿאַר נייטיק עפּעס צו בײַטן.

מיט גרויס דרך־ארץ

אין נאָמען פֿון אויספֿיר־ביוראָ

מ״ח/רב מ. ווײַנרײַך ז. קלמנאָוויטש

ס׳איז נישט באַשערט געווען, אַז דער דאָזיקער גרויסער פּלאַן זאָל מקוים ווערן. זומער 1939 האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. פּיפּע איז ניט געווען אין ווילנע און האָט זיך שוין מער אַהין ניט געקענט אומקערן. אין דער צווייטער העלפֿט סעפּטעמבער, נאָך דעם ווי די רוסישע אַרמיי איז אַרײַן אין ווילנע, איז אַרעסטירט געוואָרן זלמן רייזען און איז פֿון דער סאָוועטישער תּפֿיסה מער ניט אַרויס. סוף אָקטאָבער 1939, ווען די ליטווינער האָבן פֿאַרנומען ווילנע, האָט זיך די אַרבעט פֿון ייִוואָ באַנײַט, אָבער שוין ניט אויף לאַנג. פֿון דעסט וועגן האָט מען באַוויזן אין אַפּריל 1940 אַרויסצולאָזן פֿון דרוק דעם באַנד V פֿון י. ל. כּהנס געזאַמלטע כּתבֿים.*

זומער 1940, ווען די אַרבעט פֿון ייִוואָ איז איבערגעהאַקט געוואָרן, איז געווען אויסגעזעצט אויך דער ערשטער באַנד פֿון דער סעריע, די באַלאַדעס; אָבער די ליכטיקע שײַן האָט ער שוין ניט דערזען, און אָט דער באַנד און די כּתבֿ־ידן פֿון אַלע אַנדערע בענד זײַנען אומגעקומען.

אויפֿגעהיט האָט זיך בלויז דער מאַטעריאַל וואָס איז געהאַט געבליבן אין ניו־יאָרק פֿאַר דער זאַמלונג טעאָרעטישע אַרבעטן. לויטן ערשטן פּלאַן האָט ד״ר יעקבֿ שאַצקי דאָס געדאַרפֿט צוגרייטן צום דרוק. נאָך היות ד״ר שאַצ־

* י. ל. כּהן, געזאַמלטע כּתבֿים, באַנד V: ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂיות, ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, פֿילאָלאָגישע סעקציע, ווילנע, 1940, 238 זז׳.

פֿאַר וואָס דער באַנד האָט סוף־כּל־סוף באַקומען דעם נומער V (און ניט IV, ווי ס׳איז געווען געפּלאַנט), איז ניט באַוווּסט.

קי האָט ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט דער אַרבעט, האָב איך זיך, אויף פֿרוי מרים כּהנס בקשה, אונטערגענומען אויסצופֿאַרטיקן דעם באַנד.

פּרינציפּן פֿון רעדאַקטירן

די עובֿדא פֿונעם רעדאַקטאָר איז געווען אַ גרינגע בײַ יענע אַרבעטן וואָס זײַנען ווען עס איז געווען געדרוקט און וואָס זיי קומען די ערשטע אין באַנד, אין כראָנאָלאָגישן סדר ווי זיי זײַנען אַרויס. דאָ איז שוין אַלץ געווען אין דער לעצטגילטיקער פֿאָרעם. ווו ניט ווו האָט מען געקענט מאַכן עפּעס אַ תּיקון אויפֿן סמך פֿון כּהנס האַנט־עקזעמפּלאַר אָדער אויספֿאַרריכטן אַ צופֿעליקן דרוקגרײַז; חוץ דעם זײַנען נאָך אַרײַנגעטראָגן מינימאַלע שינויים אויף צו דערגרייכן גרעסערע אויסגעהאַלטנקייט* אָדער צו דערנענטערן דעם טעקסט צו דעם דרך, וואָס כּהן אַליין האָט זיך געהאַט אויף אים פֿאַרקערעוועט אין זײַן שפּעטערדיקן שרײַבן.**

אין די בריוו צו נחמה עפּשטיין און שמואל־זײַנוול פּיפּע — כּהנס צוויי תּלמידים וואָס האָבן פֿון זײַן הדרכה אַזוי פֿיל גענאָסן און אים גע־צאָלט מיט אַזאַ רירנדיקער געטרײַשאַפֿט — איז די רעדאַקציאָנעלע אַרבעט שוין געווען כּמעט אין גאַנצן אָפּגעטאָן פֿון די אַדרעסאַטן גופֿא.*** פּרטים וועגן אָט דער קאָרעספּאָנדענץ זײַנען פֿאַראַן אין די אַרײַנפֿיר־באַמערקונגען אויף זז׳ 254—303 און 316—351.

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די זאַך מיט דעם רעשט אַרבעטן וואָס געפֿינען זיך אין דעם איצטיקן באַנד.

בײַם באַקענען זיך פּרטימדיק מיט כּהנס איבערגעבליבענע כּתבֿ־ידן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכגיין פּוס־טריט די ראָשי־פּרקים פֿונעם לכתּחי־להדיקן פּלאַן (זען אויבן, בריוו פֿון אויספֿיר־ביוראָ צו פֿר׳ מרים כּהן, פּונקט 8) וועט זײַן ניט פּראַקטיש. ס׳האָבן זיך ניט אָפּגעפֿונען אַ שטייגער די קאָנספּעקטן פֿון כּהנס לעקציעס אין ניו־יאָרקער ייִדישן לערער־סעמינאַר, וואָס ווערן דאָרטן דערמאָנט (יג); פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער האָבן זיך אָפּגעהיט מאַטעריאַלן וואָס האָבן אין די ראָשי־פּרקים ניט פֿיגורירט.

ס׳זײַנען איבערגעבליבן פֿון כּהנען היפּש כּתבֿ־ידן, אָבער קיין איינער פֿון זיי איז ניט פֿאַרענדיקט. כּמעט פֿון יעדער אָנגעהויבענעם אַרטיקל זײַנען

---

* אַ שטייגער אין אויסלייג — דער גאַנצער באַנד איז געוויינטלעך געזעצט לויט די איצטיקע תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג, אַחוץ אין די געציילטע ערטער, ווו ס׳איז אָנגעוויזן אַן אַנדער גאַנג — אין די אָפּשטעל־צייכנס אָדער אין גראַמאַטישע וואַקלונגען ווי „די ליד״ — דאָס ליד.

** אַ שטייגער „ייִדיש־דײַטש״ איז פֿאַרביטן דורך ייִדיש, „קליינרוסיש״ דורך אוק־ראַיִניש, „קאָמיטע״ דורך קאָמיסיע, „מערכען״ דורך מעשׂהלעך, „ליבעסלידער״ דורך ליבע־לידער, „לעזן״ דורך לייענען, „ערקלערן״ דורך דערקלערן, „די פֿאָרלאַגע״ דורך דער אָפּיר, „אַבערגלויבעניש׳ן״ דורך אײַנגלייבעניש׳ן, „די מעטאָדע״ דורך דער מעטאָד, „דאָס מאַטעריאַל״ דורך דער מאַטעריאַל, „אורשפּרינגלעך״ דורך תּחילתדיק, „באַטרעפֿנדיקע״, „אַנטשפּרעכנדיקע״, „פֿאָלגנדיקע״, „אייניקע״ דורך געהעריקע, שייכדיקע, ווײַטערדיקע, עטלעכע אָדער טייל, „צום בײַשפּיל״ דורך למשל, „געברויכן״ דורך ניצן, „אויפֿן גאַס״ דורך אויף דער גאַס, „געשפּרעך״ דורך שמועס.

אין סטיל פֿון די בריוו און די אַרטיקלען וואָס ווערן געדרוקט פֿון כּתבֿ־יד איז איבערגעלאָזט געוואָרן מער פֿרײַקייט.

*** וועגן אָט די צוויי אַספּיראַנטן פֿון ייִוואָ וואָס זײַנען אומגעקומען אין דײַטשלאַנדס מלחמה קעגן ייִדן זען ייִוואָ־בלעטער XXVI (1945), זז׳ 14—15. אויך חיים כאַיעס, נפֿתּלי ווײַניג (דאָרטן, זז׳ 9—10), אַהרן באַסטאָמסקי, שלמה באַסטאָמסקי (זען ייִוואָ־בלעטער XVII (1941), זז׳ 184—186) און דאָס רובֿ אַנדערע ייִוואָ־מיטאַרבעטערס וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך האָבן ניט איבערגעלעבט די מלחמה.

פֿאַראַן עטלעכע וואַריאַנטן, און פֿון די כּתבֿ־ידן גופֿא איז ניט אַרויסצוזען, וואָסער וואַריאַנט איז בײַ כּהנען גופֿא געווען בילכער. פֿאַראַן אַ סך פֿראַג־מענטן אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף; פֿאַראַן איינציקע אַרויסזאָגונגען וואָס וואָלטן אפֿשר ווען עס איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין גרעסערע אַרטיקלען ווען דער מחבר זאָל געווען זוכה זײַן צו אַרבעטן לענגער. כּמעט אין ערגעץ איז אויף די פּאַפּירן און פּאַפּירלעך ניטאָ קיין דאַטע; טייל בלעטלעך פֿעלן.

צוריק גערעדט האָט מען אָבער אַפֿילו מיט איין אויג געקענט דערזען, וואָס פֿאַר אַ וויכטיקער מאַטעריאַל עס איז באַהאַלטן אין די דאָזיקע צע־שאָטענע בלעטלעך. בײַ אַ פֿאָרשער וואָס וואָלט איבערגעלאָזט צען מאָל מער פֿאַרענדיקטע שטודיעס וואָלט אויך כּדאַי געווען אַרויסצונעמען פֿונעם אי־בערבלײַב דאָס וואָס עס האָט אַ האַפֿט — ווער רעדט נאָך בײַ כּהנען, וואָס ער איז געווען אַזוי שווער אויף דער פּען און אַזוי אָפּגעהיט בײַ דרוקן אַ וואָרט. אַפֿילו די אַגבֿ־אורחאדיק פֿאַרנאָטירטע פֿאַרגלײַכיקע באַמערקונגען זײַנע האָבן אַ היפּשע ווערדע פֿאַרן פֿאָרשער, כאָטש אָסור אויב זיי זײַנען לייענשטאָף.*

די גרויסע אַרבעט פֿון דורכאָקערן דעם גאַנצן אָפּגעראַטעוועטן כּהן־אַרכיוו, פֿון אידענטיפֿיצירן און קאָנפֿראָנטירן פֿיל הונדערטער צעטעלעך, פֿון אויסגרופּירן זיי לויט טעמעס און קאָפּירן זיי האָט גענומען אויף זיך די וויסנשאַפֿטלעכע מיטאַרבעטערין פֿון ייִוואָ דינה אַבראַמאָוויטש. איך בין גע־ווען אַ שותּף אין אָנצייכענען דעם פּלאַן פֿאַר איר אַרבעט, אָבער ווען זי זאָל ניט געווען האָרעווען אויף דעם האַרטן מאַטעריאַל טאָג אויס טאָג אײַן העכער אַ יאָר צײַט מיט אַזוי פֿיל אינטערעס, פֿאַרשטאַנד און געוואָרנטקייט, וואָלט דאָס צוגרייטן דעם באַנד זיך פֿאַרצויגן אויף נאָך מי יודע ווי לאַנג און דער באַנד וואָלט ניט דערגאַנגען צו זײַן איצטיקער שלימות.

ווען אָט די גרויסע אַרבעט איז געווען אָפּגעטאָן האָב איך איבערגענומען דאָס לעצטגילטיקע אויסרעדאַקטירן און גרופּירן, דאָס צושטעלן קעפּלעך און אָפּשיקן און אַזו״ו.** דאָס אַחריות פֿאַר דעם ווי אַזוי דער באַנד זעט אויס פֿאַלט דעריבער אויף מיר. דער געדאַנק איז געווען אָפּצוראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך פֿון כּהנס אידעעס און צו דערלאַנגען דאָס אויף אַן איבערבליקלעכן אופֿן.

כּהנס השפּעה ביז איצט און אויף להבא

כּהן האָט זיך כּסדר אַרומגעטראָגן מיט ספֿקות, צי עמעצער דאַרף זײַן אַרבעט; אָט די ספֿקות זײַנען געוויס געווען איינע פֿון די סיבות, וואָס ער האָט אַזוי ווינציק פּובליקירט. צווישן די פּאַפּירן זײַנע האָט זיך אָפּגעפֿונען אַ צעטעלע וואָס ער האָט קענטיק אָנגעשריבן אַ מאָל אין אַ מינוט פֿון חשבון־הנפֿש:

---

* אין דעם איצטיקן באַנד זײַנען ניט אַרײַנגענומען די הערות וואָס כּהן האָט צוגעגעבן צו זײַן „נײַער זאַמלונג״, צו די לידער און מעשׂיות וואָס ער האָט געבראַכט פֿון בורגנלאַנד אאַז״וו. וואָרעם די דאָזיקע הערות באַקומען זייער חשיבֿות נאָר ווען מען שטודירט זיי אין איינעם מיט די טעקסטן, מיט וועלכע זיי גייען; און די טעקסטן האָט מען דאָך דאָ ניט געקענט איבערדרוקן. ווער עס וועט דורכן איצטיקן באַנד צוקומען צו די טעקסטן וועט שוין דאָרטן געפֿינען דעם אַ״ג „אַפּאַראַט״.

זען אויך דאָס לעצטע קאַפּיטעלע אין דעם איצטיקן נאָכוואָרט.

** אָפּשיקן און אַנדערע אויסטײַטשנדיקע הוספֿות אין טעקסט זײַנען תּמיד אַרײַנגענומען אין קאַנטיקע קלאַמערן [ ], קען מען תּיכּף זען, אַז דאָס איז ניט דעם מחברס. דעם רעדאַקטאָרס הערות אונטערן טעקסט זײַנען תּמיד געצייכנט מיט שטערנדלעך, להיפּוך צו דעם מחברס הערות וואָס גייען מיט נומערלעך.

דירעקטע השפּעות פֿון מײַן לידער־זאַמלונג

1) פּרץ, נאָמבערג. די השפּעה פֿון מײַן פֿאָלקסלידער־זאַמלונג אויף זייערע שאַפֿונגען.*

2) מוזיקער גיביאַנסקי און מײַן ערשט ליד אין *Ost und West*.**

3) קיפּניס׳ לידער געבאָרגט פֿון מײַן זאַמלונג.

4) אַנאָנימער איבערדרוק פֿון מײַנע געזאַמלטע פֿאָלקסלידער אויף קאַרטלעך וואָס זײַנען אַרויס אין וואַרשע.

5) די אָפּערעטקע דעם רבינס ניגון געבאָרגט טעקסטן און ניגונים פֿון מײַן זאַמלונג.

6) די השפּעה פֿון מײַן זאַמלונג אויף [פֿריץ מרדכי] קויפֿמאַנס אָפּהאַנדלונגען,*** זײַנע ציטאַטן. [אַלעקסאַנדער] עליאַסבערג.****

7) לעפּקאָוויצעס ערשטע לידער־זאַמלונג פֿאַר די פֿאָלקסשולן געשעפּט פֿון מײַנע זאַמלונגען און פּערזענלעכע עצות.*****

8) מײַנע אַכט לעקציעס אין [לערער־] סעמינאַר [אין ניו־יאָרק] און דער אָפּרוף פֿון די סטודענטן.

מיט אַ ביסל מער חשק צו שטאַרקן דעם גלויבן אין זיך וואָלט כּהן פֿאַרשטייט זיך געקענט געפֿינען אַן אַ שיעור מער שפּורן פֿון זײַן השפּעה. ניט נאָר וואָס עס איז ניטאָ ממש קיין איין זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואָס זאָל ניט ברענגען קיין וואַריאַנטן פֿון כּהנען, נאָר אויך גאַנצע טעקסטן זײַנע זײַנען אויסגענוצט געוואָרן לרובֿ. אַ רשימה וואָס ש. ז. פּיפּע האָט צונויפֿגעשטעלט אין 1938 ווײַזט, אַז לידער, מעשׂהלעך אאַז״וו פֿון כּהנס זאַמלונגען געפֿינען זיך צוו״אַנד אין די ווײַטערדיקע אויסגאַבעס (אין האַלבע לבֿנות איז געגעבן די צאָל געניצטע איינסן):******

אַרנאָ נאַדעלס סעריע אין *Der Jude*, בערלין, 1917 (5);

מ. באַסין, אַנטאָלאָגיע פֿינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע, נ״י, 1917 (17);

ייִדישע פֿאָלקסלידער, פֿאַרלאַג „לירא״, וואַרשע 1917 (20);

י. גלאַטשטיין, די פֿרײַע מחזע, וואַרשע 1918 (4);

Jewish Song Book for Soldiers and Sailors, New York, Jewish Welfare Board, 1918 (2);

F. M. Kaufmann, *Die schönsten Lieder der Ostjuden*, Berlin, 1920 (17);

---

* ה. ד. נאָמבערג [וועגן כּהנס ווירקונג אויף פּרצעס קרײַז], מענטשן און ווערק [=שריפֿטן], אַכטער באַנד, וואַרשע, 1930, ז׳ 44.

** דער מוזיקער מ. גיביאַנסקי האָט אָפּגעדרוקט אין בערלינער *Ost und West*, רעדאַקטירט פֿון לעאָ ווינץ, פֿינפֿטער יאָרגאַנג (1905), צוויי לידער מיט נאָטן:
Pp. 279-280: "Her nor du schön Mejdale" (Jüdisches Volkslied). Aus der Sammlung Leo Winz. Bearbeitet von M. Gibianski.
Pp. 589-590: "Du Meidele, du scheins" (Jüdisches Volkslied). Mitgeteilt von M. Gibianski. Bearbeitet von Arno Nadel.
כּהנס נאָמען איז דאָ ניט דערמאָנט.

*** Fritz Mordechai Kaufmann [רעצענזיע אויף ש. ניגערס דער פּנקס], *Der Jude*, 1917, p. 765.
איבערגעדרוקט אין קויפֿמאַנס *Gesammelte Schriften*, בערלין, 1923, זז׳ 213—214.

**** Alexander Eliasberg, *Ostjüdische Volkslieder*, München, 1918, 231 pp.
דאָ זײַנען אַרײַן 13 לידער פֿון כּהנס זאַמלונגען.

***** העברי לעפּקאָוויטש, אידישע און העברעאישע לידער, ערשטער טייל, ניו־יאָרק, 1917, 47 זז׳.
כּהנס נאָמען איז דאָ ניט דערמאָנט.

****** ס׳האָט זיך אויך אויפֿגעהיט אין ייִוואָ אַ רשימה, צונויפֿגעשטעלט פֿון פּיפּען, פֿון אַ הונדערט פֿופֿציק ערטער אין ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס, ווו כּהן ווערט דערמאָנט אָדער ווו זײַנע אַרבעטן ווערן אַרומגערעדט. די דאָזיקע רשימה איז געוויינטלעך אָפֿן פֿאַר איטלעכן פֿאָרשער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר.

אַ. בולקין און ל. עפּראָן, זאַמלבוך פֿון קינדערלידער און שפּילן מיט געזאַנג, ווילנע 1920 (1);

פֿאַר קליינע קינדער. צענט ביכעלע. לידעלעך־מעשׂהלעך, וואַרשע 1921 (1);

מ. קיפּניס, 60 פֿאָלקסלידער, וואַרשע, אָ״י (12);

מ. קיפּניס, 80 פֿאָלקסלידער, וואַרשע אָ״י (2);

ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען, דאָס לעבעדיקע וואָרט, פֿערטע אויפֿלאַגע, ווילנע 1922 (1);

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן, דאָס נײַע וואָרט, צווייטער באַנד: ליריק, ווילנע 1923 (3);

יעקבֿ לעווין, די נײַע ייִדישע שול, צווייטער טייל, פֿינפֿטע אויפֿלאַגע, ניו־יאָרק 1924 (2);

בײַ מײַן מאַמעס הײַזעלע, אַראַנזש׳ פֿון אַ. סליעפּ, ווילנע [1924] (1);

קינדער־זשורנאַל 1925 און 1926 (2 מעשׂהלעך);

ע. אַלעקסאַנדראָוואַ און ט. בענסמאַן, פֿרייד, הילפֿבוך פֿאַרן ערשטן לערן־יאָר, מינסק 1927 (1);

100 נײַע פֿאָלקסלידער, וואַרשע 1927 (13);

פֿ. הײַלפּערין, ערשטע טריט, כרעסטאָמאַטיע, ווילנע 1928 (1);

אַרבעטער־ און פֿאָלקס־לידער, דריטע אויפֿלאַגע, ברוקלין [1928] (6);

י. שיפּער, געשיכטע פֿון ייִדישער טעאַטער־קונסט און דראַמע, באַנד 3, וואַרשע 1928 (1);

A. Z. Idelsohn, *The Folk Song of the East European Jews* (=*Thesaurus*, IX), Leipzig, 1932 (169);

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן, לעבעדיקע קלאַנגען, ערשטער טייל, נײַנטע אויפֿלאַגע (2);

זינגענדיק, ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט־כאָר, לאַזאַר ווײַנער דיריגענט [ניו־יאָרק], 1934 (1);

קאָנצערט פֿון אַרבעטער־רינג־כאָר, לאַזאַר ווײַנער דיריגענט [ניו־יאָרק], 1934 (1);

Ludwig Strauss, *Jüdische Volkslieder, aus dem Jiddischen übersetzt*, Berlin, 1935 (16);

Almanach des Schockenverlages auf das Jahr 5696, Berlin, 1935 (1);

אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס, 1937, יולי 3 (גלײַכווערטלעך);

Žiga Hirschler, *Židovske narodne pjesme*, Zagreb [1936?] (14);

דער חבֿר, ווילנע 1937 (1 מעשׂהלע);

גרינינקע ביימעלעך, ווילנע 1937 (1 מעשׂהלע);

L. E. Ehrmann, *Purim. Ein Quellenheft*, Berlin, 1937 (1).*

מיט דעם איצטיקן באַנד, ווו ס׳זײַנען צום ערשטן מאָל צונויפֿגענומען אין איין אָרט כּהנס אַלע טעאָרעטישע אַרבעטן, ווערט געשאַפֿן אַ מיגלעכקייט אויסצושפּרייטן זײַן השפּעה גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. ווער עס וועט ליינען מיט קאָפּ וועט קענען נאָכגיין נאָך כּהנס אידעעס אין זייער אַנטוויקלונג. בדרך־כּלל האָט זיך כּהנס קוק אויף דעם מהות פֿון פֿאָלקלאָר געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט נאָך בײַם פּובליקירן די ערשטע אַרבעט וועגן

---

* נאָך כּהנס טויט האָט מען ניט אויפֿגעהערט אויסניצן די פֿאָלקלאָר־אוצרות וואָס ער האָט צונויפֿגעטראָגן. לדוגמא וועלן מיר אָנווײַזן אויף צוויי אויסגאַבעס:
א. דרויאַנאָוו, ספר הבדיחה והחדוד [תל־אָבֿיבֿ], תרצה—תרצח (1 מעשׂהלע);
N. Ausubel, *A Treasury of Jewish Folklore*, New York [1948].

3) מעשׂהלעך און 5 לידער, אַחוץ די וואָס זײַנען געקומען דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַנדערע זאַמלונגען).

פֿאָלקסלידער, וואָס מיט איר הייבט זיך אָן דער איצטיקער באַנד, אָבער וועגן אַ סך וויכטיקע פּונקטן האָט ער זײַנע מיינונגען געביטן אָדער געהאַלטן אין בײַטן. טאָמער ווײַזן זיך אַרויס וועלכע עס איז ניט־אויסגעשטימטקייטן אין פֿאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען, איז ניט געמאַכט געוואָרן דער מינדסטער פּרוּוו זיי צו פֿאַרדעקן: אַפֿילו פֿון די וואַקלענישן פֿון אַזאַ פֿאָרשער ווי כּהן דאַרף מען לערנען. פֿונעם גרעסטן טייל באַנד וועט נהנה זײַן אויך דער לייענער וואָס פֿאַרמעסט זיך ניט צו ווערן קיין פֿאַכמאַן, און ער וועט אויסגעפֿינען אין דער פֿולער מאָס די זעלביקע מעלות וואָס עס האָט מיט פּשטות אָנגעצייכנט נאָך זײַן ערשטער רעצענזענט;* אָבער גאָר שטאַרק וועט אונדזער באַנד אויך צו ניץ קומען די וואָס ווילן זיך ספּעציאַליזירן אין ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק. אויף זיי איז די גרויסע האָפֿענונג פֿון אונדזער וויסנשאַפֿט. זיי וועלן קומען.

ווּ איז דער גואל פֿאַר כּהנס אַלע ווערק?

און דאָס ברענגט אונדז צו דער גרויסער פֿראַגע, וואָס אויף איר איז דערווײַל קיין תּשובֿה ניטאָ: וואָס וועט זײַן מיט דער פֿולער אויסגאַבע פֿון כּהנס כּתבֿים — צי וועט זי נאָר בלײַבן איינער פֿון יענע חלומות וואָס זײַנען פֿאַרגאַנגען און מער ניטאָ? די ערשטע צווייבענדיקע זאַמלונג פֿון די יודישע פֿאָלקסליעדער איז נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן געווען אַ יקר־המציאות, הגם 1920 האָט מען זי איבערגעדרוקט. די „נײַע זאַמלונג" איז אין גרונט געווען געדרוקט נאָר אין פּנקס, דער סעפּאַראַטער אָפּדרוק איז אַרויס אין געציילטע עקזעמפּלאַרן. פֿון די פֿאָלקס־מעשׂיות פֿון 1940 (כּתבֿים, באַנד V) איז די גאַנצע אויפֿלאַגע אומגעקומען אין ווילנע, קיין אַמעריקע האָבן זיך על־פּי נס דורכגעריסן עטלעכע פּעקלעך מיט אַ האַלבער מאה עקזעמפּלאַרן, און חוץ דעם געפֿינען זיך אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ 39 מעשׂיות נאָך אין ערגעץ ניט פּובליקירטע;** אַ גרעסערע העלפֿט פֿון זיי האָט כּהן שוין אַליין געהאַט צוגעגרייט צום דרוק. וועגן די לידער האָבן מיר אויך לפּי־ערך אַ השגה, אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס עס ברענגט דער איצטיקער באַנד, ווי אַזוי כּהן האָט זיי געוואָלט זען בײַ אַ נײַער אויסגאַבע.

אַ פֿולע ביאָגראַפֿיע איז איצט נאָך נייטיקער ווי פֿריִער, וואָרעם עס וואַקסן דאָך אונטער מענטשן וואָס מען דאַרף ערשט כּהנען פֿאַר זיי פֿאָרשטעלן אי ווי אַ פֿאָרשער אי ווי אַ פּערזענלעכקייט.

הגם אין טייל זאַכן וואָלט מסתּמא אויסגעקומען צו בײַטן, איז דער ווילנער פּלאַן פֿון יהודה־לייב כּהנס געזאַמלטע כּתבֿים נאָך אַלץ אַ גאָלדענער פּלאַן. הלוואַי זאָל ער מקוים ווערן וואָס גיכער. הלוואַי זאָל זיך וואָס גיכער געפֿינען דער גואל פֿאַר כּהנס געזאַמלטע כּתבֿים.

זומער 1952. מ. ווײַנרײַך

---

* „...ער פּטרט ניט אָפּ דעם לעזער מיט פֿראַזן פֿון יוצא וועגן, נאָר גיט אים צו וויסן וועגן זאַכן וואָס זײַנען אים ביז אַהער געווען אומבאַוווּסט". ב. ריווקין אין דער רעצענזיע אויף כּהנס אַרטיקל וועגן ייִדישן פֿאָלקסליד אין ליטעראַטור, צווייטער זאַמלבוך, ניו־יאָרק, 1910, אין דער אַרבייטער פֿרײַנד (לאָנדאָן), נומ' 40, דעצעמבער 16, 1910, זז' 9—10.

** זען ז' 359. — אין אַרכיוו זײַנען אויך פֿאַראַן אַ וואָסערע פֿינף הונדערט קאַרטלעך מיט שפּריכווערטער, פֿון איינס ביז פֿערצן אויף אַ קאַרטל (זען זז' 136—138), און צוויי העפֿטן מיט וויצן, וואָס בײַ טייל פֿון זיי איז אָנגעוויזן, פֿון וואַנען זיי זײַנען קאָפּירט.

זוכצעטל פֿון פּערזאָנען

פּערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך בלויז ווי מחברים פֿון מקורים זײַנען אין דעם זוכצעטל ניט אַרײַנגענומען געוואָרן.

אַבראַמאָוויטש, דינה — 363, 372
אַדלקינד, קאָרנעליאָ — 22
אויסלענדער, נ. — 236
אולאַנד, לודוויג — 142, 222
אונגער, מ. — 318
אָזובעל, נ. — 365
אידעלסאָן, אַ. ז. — 365
אייגעס, ק. — 141
אליהו בחור — 22
אַלעקסאַנדראָוואַ, ע. — 365
אַלפּערס, פּאַול — 85
אָלשוואַנגער, ע. — 299־300
אַמענט, גיטשע — 188
אַנדערסאָן, וואַלטער — 250־251, 292־293
אַנ—סקי, ש. — 48, 121—128, 133־134, 198, 246
אָסטראָפּאָליער, הערשעלע — זען הערשעלע אָסטראָפּאָליער
אַפֿאַנאַסיעוו, אַ. נ. — 148, 253
אפֿרים גריידינגער — 299
אַרנים און ברענטאַנאָ — 82, 198־199, 222
אַש, שלום — 201

באָכינער, ה. — 141
באָלטע, י. און פּאָליווקאַ, ג. — 245
באַסטאָמסקי, אַהרן — 141, 306, 308־309, 362
באַסטאָמסקי, שלמה — 141, 308, 362, 365
באַסין, מ. — 364
בולקין, אַ. — 365
ביהאַן, ה. אַרטור — 170
ביכער, קאַרל — 159־160
בינדער, איטע — 325
ביסטראָן, י. סט. — 78
בלום, פּ. — 141
בעהמע — זען ערק־בעהמע
בעל־מחשבֿות — 246
בענסמאַן, ט. — 365
בעקעל, אָטאָ — 199
בעראַנזשע, פּ. זש. — 223
בערגער, י. — 253
בערווינסקי, רישאַרד — 223
בערל בראָדער — 9, 145־146, 156־157
בערלינער, אַ. — 22
בערנשטיין, איגנאַץ — 134, 137
בערנשטיין, שלום — 9, 194, 202
בראָדער, בערל — זען בערל בראָדער
ברונאָף, פּלאַטאָן — 43, 47
ברין, בערל — 166
ברענטאַנאָ — 142 (זען אויך אַרנים און ברענטאַנאָ)

גאַבאַי, ש. — 141
גאָגאָל, נ. — 47
גאָטלאָבער, אַ. ב. — 229
גאָטליב, לעאָן — 106, 109־110
גאָלדענפֿאָדים, אַבֿרהם — זען גאָלדפֿאַדען, אַבֿרהם
גאָלדפֿאַדען, אַבֿרהם — 9, 50, 57, 139, 145, 157, 194, 196, 200, 202, 210, 222, 279, 338
גאָלדפֿישער, אַלטע — 182
גאַלעס, העשע — 190
גאַסטער, מ. — 250
גאָרדאָן, מיכל — 9, 52, 60, 194, 202, 279, 354
גאָרעח — 214
גיביאַנסקי, מ. — 364
גידעמאַן, מאָריץ — 220

גינזבורג, ס. מ. און מאַרעק, פּ. ס. — 21, 41, 48, 70־71, 73, 83, 90, 106, 108 141־142, 150—157, 195־196, 220, 236—238, 343־344, 349
גלאַטשטיין, י. — 364
גלעזער, י. — 141
גראַבאָװיטש, חיה — 167
גראַובאַרד, פּ. — 149
גרונוואַלד, מ. — 87, 99
גריידינגער, אפֿרים — זען אפֿרים גריידינגער
גרים, ברידער — 142, 148, 244־245, 247־248, 253
גרים, װילהעלם — זען גרים, ברידער

דאָברושקעס, ח. — 141
דיק, אײַזיק־מאיר — 333
דרויאַנאָװ, א. — 365

ה. מ. פֿ. — 179—181
האָטמאַן, סאַלקע — 182
האָליװעל, י. אָ. — 17
האָניגמאַן, י. ח. — 141
האָפֿמאַן־קרײַער — 314
הײַלפּערין, פֿ. — 365
הײַנע, היינריך — 223
הירשלער, זשיגאַ — 365
הערדער, י. ג. — 32, 142, 194
הערשעלע אָסטראָפּאָליער — 148, 266־267, 299

װאָלאַך, הערש — 310
װאַליך, אײַזיק — 23, 83־84
װאַנװילד, מ. — 54
װאַרשאַװסקי, מ. מ. — 139, 195—197, 200, 202, 231
װײַניג, נפֿתּלי — 141, 298, 316, 319, 362
װײַנער, חיים — 210, 222
װײַנער, לאַזאַר — 365
װײַנרײַך, מ. — 78, 133, 279—283, 290־291, 293, 298, 316, 321, 324, 328, 332־333, 345, 352—366, 372—374
װילנער גאָון — 148
װינטשעװסקי, מאָריס — 10, 62, 337
װינער, לעאָ — 21, 70, 105, 249, 322
װינער, מ. — 229, 334
װינץ, לעאָ — 364
װעלװל זבאַרזשער — 9, 52, 145־146, 157, 166־167, 195, 201־202, 279, 338, 354
װערבלונסקי, בערל — 141, 167
װערהאַן, ק. — 322, 324

זאַװאָדניק — 201
זאַנדערס, דאַניעל — 17
זבאַרזשער, װעלװל — זען װעלװל זבאַרזשער
זינגערמאַן, יצחק — 210־211
זלוצ׳יסטי, ת. — 359
זעגעל, ב. װ. — 169, 201, 249
זשיסלין, מ. — 141

ח. — זען קאַפּלאַן, פּסח
חב״ד, מאָטקע — זען מאָטקע חב״ד
חיימסאָן, מ. — 365
חנן — זען קאַפּלאַן, פּסח

טאָבלער, ל. — 79
טאָמז, װ. דזש. — 135, 217
טען, היפּאָליט — 353
טשערנאָבילער, מאָטעלע — זען מאָטעלע טשערנאָבילער

יאָפֿע, יודאַ אַ. — 41
יאַקאָבאָװסקי, לודװיג — 47
יהושע־העשל [אַפּטער] — 267־268
יוסטמאַן, י. — 141

כּהן, מרים — 6, 352, 359—362, 373

כאַיעס, חיים — 141, 298, 304—315, 321, 362
כײַקין, ד. — 141

לאַנדוי, אַלפֿרעד — 73—75, 79, 87, 237, 322
ליובאָשיצקי, ד. — 141
לינעצקי, יצחק־יואל — 195, 343־344
ליעװ, מ. — 344
ליעסין, אַ. — 297
לעהמאַן, שמואל — 54—68, 146, 153, 201, 220, 222, 229—232, 249, 303, 322, 334, 354
לעװאַנדאַ, ל. — 60
לעװי, פּראָפֿ׳ — זען װינער, לעאָ
לעװיטאַ — זען אליהו בחור
לעװין, יעקבֿ — 365

לעװענשטיין — 346
לעפּקאָװיטש, העניר׳ — 364
לעקערט, הירשקע — 58־59, 234

מ. פֿ. — 181
מאָטעלע טשערנאָבילער — 306
מאָטקע חב״ד — 148, 266, 299, 333
מאַרעק, פּ. ס. — זען גינזבורג, ס. מ. און מאַרעק, פּ. ס.
מאַרק, יודל — 357
מזח — 331
מיאַדאָװניק, ר. — 141
מײַזל, יעקבֿ — 284
מײַזל, נ. — 284
מייזל, נח — 350
מײַער, גוסטאַװ — 242
מייער, יאָן — 201, 222, 224
מילער, י. ז. — 278
מיצקעװיטש, אַדאַם — 223
מלמד, ז. — 295
מענדעלע מוכר־ספֿרים — 72־73, 236, 354
מערימע, פּראָספּער — 223

נאַדעל, אַרנאָ — 364
נאַומאַן, האַנס — 223—225, 228־229, 234
נאָמבערג, ה. ד. — 108־109, 364
ניגער, ש. — 296, 364

סטאַלעק, ר. — 99־100
סליעפּ, אַ. — 365
סמאָלענסקין, פּרץ — 60
ספּעקטאָר, מרדכי — 201
סקודיצקי, ז. — 167, 222, 229—233, 317, 330, 334, 336־337, 342, 360

עדעלשטאַט, דוד — 10, 62, 337
עהרמאַן, ל. ע. — 365
עהרענקראַנץ, בנימין־װאָלף — זען װעלװל זבאַרזשער
עליאַסבערג, אַלעקסאַנדער — 364
ענגעל, יולי — 10, 195—197
ענגעלצין, אַ. — 141, 166, 168, 281־282
ענגעלצין, ח. — 141, 166, 168, 281־282
עפּשטיין, נחמה — 141־142, 180, 182, 284—303, 316, 319, 330־331, 333־334, 340־341, 345, 350, 353, 360, 362, 373
עפֿראָן, ל, — 365
עריק, מ. — 234
ערק־בעהמע — 86, 166, 324

פּאָליװקאַ, ג. — זען באָלטע, י. און פּאָליװ־קאַ, ג.
פּאַץ, ב. — 141
פּאָקראָװסקי, ע. אַ. — 323
פּאַרנעס, אַ. — 169, 322
פּושקין, אַלעקסאַנדער — 223
פּינעס, מ. — 69־70
פּיפּע, אַלטער־הערש — 172, 320, 330
פּיפּע, עוזר — 320, 330
פּיפּע, שמואל־זײַנװל — 104, 106, 110—113, 141, 171—175, 177—183, 185, 222, 298, 301, 303, 309־310, 316—351, 353—358, 361־362, 364, 373
פּסגלי, מרדכי — 50
פּסח־אלי׳ בדחן — 195
פּערלמאַן, ג. — 353
פּראָפּוס, י. י. — 105, 107
פּרילוצקי, נח — 43—53, 123, 197־198, 220, 354
פּרעלע — 224
פּרץ, י. ל. — 11, 104—120, 350־351, 354, 364

פֿאָן־װאַל — 234
פֿאָן־פֿאַלערסלעבען, האָפֿמאַן — 222, 224
פֿאָס, יאָהאַן היינריך — 199
פֿאָרנבערג, ק. — 158—161
פֿורמאַן, נ. — 318
פֿײַן, ח. — 141
פֿײַערשטיין, יאַקוב — 346
פֿײַפֿער, שײַקע — זען שײַקע פֿײַפֿער
פֿישמאַן, יעקבֿ — 51
פֿלעקער, מ. — 141
פֿרייזער — 305

צונזער, אליקום — 9, 50, 60, 139, 145־146, 194־195, 200—202, 222, 231, 279, 338
צונץ, לעאָפּאָלד — 16
צוקערמאַן, מ. — 141

קאַגאַן, ד. — 141
קאָהלער, ק. — 17
קאַזאַקאָװ — 211־212

קאַזדאַן, ח. ש. — 252, 297, 313
קאָלבער, רוזשע — 176
קאָנסטאַנטינאָוו — 59
קאַפּלאַן, פּסח — 160־161
קאָפּעליאָוויטש, ג. — 141
קאַרלאָוויטש, יאַן — 290, 293, 302
קויפֿמאַן, פֿריץ מרדכי — 364
קומאָק, ה. — 54
קופּערשמיד — 166
קיפּניס, מ. — 364־365
קליין, לעאָפּאָלד — 91
קלמנאָוויטש, ז. — 290, 361
קלעצקין, ב. — 284, 288, 292
קראַמף, רחל — 327
קרײַער — זען האָפֿמאַן־קרײַער

ר. ש. — 184
ראַבֿיניצקי, י. ח. — 266־267, 299
ראָזענבערג, פֿ. — 23־24, 83־84
ראָזענצווײַג, אַ. — 234—237, 334, 360
ראָכהאָלץ, ע. ל. — 91, 322
רבי ר׳ בער — 306
רוסאָטאַ, ח. — 42
ריווקין, ב. — 366
רייזען, אַבֿרהם — 11, 107, 145, 201
רייזען, זלמן — 141, 296, 316, 331, 359, 361, 365
ריפּ, י. ש. — 327

שאַבאַד, צמח — 316
שאַצקי, י. — 222־223, 352—354, 359—362
שוטאַן, מ. — 141
שולמאַן, ברוך — 59
שוסטער, וו. — 141
שטיינהאָף, לעווי — 101
שטיינשנײַדער, מ. — 22
שטיף, נחום — 129, 134, 220, 360
שטרויס, לודוויג — 365
שײַקע פֿײַפֿער — 266, 299
שיפּער, יצחק — 215—225, 334, 336, 365
שלאָסבערג, ב. — 141
שלום־עליכם — 10, 194—197, 231, 354
שמר — 154
שעפּטעלאָוויץ, איזידאָר — 290, 293

An Analysis of the Collection of Yiddish Folksongs by Ginzburg and Marek 150
Notes on the Yiddish Dance Song 158
Notes on Some Folksongs 164
Comment on Twenty-Four Songs 171
Folksong Versus "Folksy" Song 194
On Folksongs of Literary Origin 202
A Popular Song, and Yet No Folksong 210
Folk Study, Folkloristics, Ethnography 215
"Production" Versus "Reproduction" in Folklore 222
The "Reproduction" Theory as Applied by Soviet Jewish Folklorists 228
On Yiddish Folk Tales 240
Parallels to Yiddish Folk Tales 254
Parallels to the *Maase-bukh* and to Folk Tales Recorded in Hebrew. . 262
On Jewish Jokes 266
Parallels to Jewish Customs and Magic Cures 275
Letter to Max Weinreich 279
Letters to Nekhome Epshteyn 284
Letters to Chaim Khayes 304
Letters to S. Z. Pipe 316
Epilogue by Max Weinreich 352
Index 367

tion in 1925 and was chosen to head its Committee on Folklore. In 1930 Cahan visited Vilna, where the headquarters of the Institute were at that time, in order to instruct a group of folklore collectors. While in Europe, he also made a study trip to the Burgenland region of Austria.

At the time of his death, Cahan was preparing an enlarged edition of his folksong collections. Yivo undertook to complete the project on a broader scale, namely to include all of Cahan's works. The final plan called for six volumes, three to comprise folksongs, one folk tales, one the parallels, notes, etc., and one, Cahan's theoretical writings. By 1939, the editorial work was in full swing. Then the German war came, actually and professedly a war of extermination against the Jewish people and its civilization. Among the war's countless victims were most staff members and correspondents of Yivo. The European center of the Institute was destroyed, most of its collections were lost and many of its activities came to an end.

Of the contemplated Cahan works, only the volume of folk tales appeared; the first volume of songs, containing the ballads, had been set up in type, but was never printed. The material intended for the volume of theoretical writings, however, was in New York and thus did not perish with the rest of the prepared manuscript. At Mrs. Miriam Cahan's request I undertook to edit the present volume of studies by a man whom I had respected as a scholar and cherished as a friend.

The translation of the table of contents appended to this preface will give an idea of the reward in store for scholarship when general research methods are applied to Jewish folklore material and, on the other hand, authentic Jewish material is introduced on a full scale into general folkloristics. Suffice it, then, to add a word or two about the task that confronted the editor of the present volume.

Only the first six items appearing in the table of contents—roughly one hundred out of the over three hundred and fifty pages of the volume—were published during the author's lifetime. These are offered substantially in the form he had chosen. A second portion of the manuscript, close to one hundred pages, had been essentially prepared before the war by two devoted pupils of Cahan's, Nekhome Epshteyn and Shmuel Zanvl Pipe, both of whom perished at the hands of the Germans. But then there remained, in various stages of completion, hundreds of drafts and notes written by Cahan at different

times. Miss Dina Abramowicz, of the Yivo staff in New York, devoted over a year of painstaking work to sifting and classifying this material. The final selection of the portions that went into the volume and their grouping was my responsibility; furthermore, I am responsible for the arrangement of the volume as a whole. It goes without saying that no attempt was made to change or amend Cahan's presentation. Additions, if any, are merely of a technical nature and are clearly marked in every case.

The original six-volume plan could be realized easily, if it were not for financial obstacles. There is a real need to undertake this project, since all of Cahan's previous publications have been out of print for many years and even research libraries are unable to obtain them. Cahan's plans for the volumes, in so far as he had outlined them, are sufficiently clear; moreover, there has survived some highly valuable material from his collections (folk tales in particular), which had never been published before and would greatly enhance the value of a forthcoming edition.

For the time being, this volume is issued. There is no doubt that it will strike a responsive chord. Testifying as it does to Cahan's extensive knowledge, to the wide scope of his interests and to the incisiveness of his thinking, it is a tribute to the memory of a competent scholar and a source of very important information on matters of both substance and methodology. Moreover, it will also serve as a stimulus to further studies in Jewish folklore, a field in which research is so sorely needed and where it promises so much.

July, 1952

M. W.

TABLE OF CONTENTS

Preface 5
The Yiddish Folksong 9
Two Collections of Yiddish Folksongs 43
Popular Song Versus Folksong 54
How Old Are Our Love Songs? 69
On the Origin of the Yiddish Dance Song 88
On the Yiddish Folklore of Burgenland, Austria 99
Y. L. Peretz as a Collector of Yiddish Folk Songs 104
Plans for the An-sky Ethnographic Society 121
On a Program for Folklore Collectors 129
Instructions for the Folklore Collector 141

ABOUT THE AUTHOR AND THE VOLUME

Yehude-Leyb (Lewis) Cahan was born in Vilna on February 15, 1881. When he was eight years old, his family moved to Warsaw. In 1901 he left for London and in 1904 he settled in New York, where he lived until his death on April 3, 1937.

Cahan began collecting Yiddish folksongs as early as 1896; gradually, folklore became his chief interest in life. Among the emigrants streaming into London and, even more so, into New York from all Yiddish-speaking territories, there were ample opportunities for the collector of folklore. Simultaneously, Cahan began to probe into the fundamental problems that are the concern of every student of this discipline: the interdependence of the folklore of different peoples; the age of contemporary folklore; the nature of the folksongs as distinguished from popular or "folksy" songs, and so on.

While untiringly checking and rechecking his Yiddish material, while incessantly studying folkloristic literature in Yiddish, Hebrew, English, German, and several Slavic languages, Cahan was reluctant to appear in print. It took him fourteen years to prepare the first two volumes of Yiddish folksongs which came out in 1912 and were reprinted in 1920. Subsequent publications also were scarce: a second collection of songs in 1927, a book of folk tales in 1931, some smaller collections of material in periodicals. He was even less inclined to publish research papers, though his theoretical interests became progressively more pronounced.

Cahan's reputation, however, was firmly established with his first two volumes. His scrupulous attention to detail, his thorough knowledge of variants and of parallels in other languages were duly appreciated; there has been hardly an anthology of Yiddish folksongs published after 1912 that has not drawn on his collections. Likewise, the sixty-page introduction to these volumes was acclaimed as sound folkloristic research. Small wonder, then, that Cahan became very closely associated with the Yiddish Scientific Institute—Yivo at its very incep-

אוניברסיטת בן-גוריון בנגב • הספריה • באר-שבע

YIDISHER VISNSHAFTLEKHER INSTITUT—YIVO

Y. L. Cahan, Shtudies vegn yidisher folksshafung

STUDIES IN YIDDISH FOLKLORE

BY

Y. L. CAHAN

Edited by

MAX WEINREICH

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

NEW YORK, 1952